STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07721

DI MEFORSHIM FUN DER TOYRE

David Druck

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די מְפָרְשִׁים פון דער תורה

דייער לעבען, דייער שאפען און דייער ווירקען.

פון

דוד דרוק

ערשטער טייל

בָּבֶל, שפאניען, פראָוואנס.

צווייטע אויפלאגע

פערלאג ● מ. ערליכמאן ● ווארשע

תרצ״ו 1936

DAVID DRUCK

DIE MEFORSCHIM FUN DER TORAH

1936

Wydawnictwo M. ERLICHMAN, Warszawa, Długa 59

Printed in Poland

all rights reserved by M. Erlichman, Publishing House, Warsaw

Druk. „Futura", Warszawa, Orla 13.

* * *

אַרויסגעבענדיג דעמדאָזיגען ספר, האַלט איך פאַר נויטיג אויסצודריקען אַ הערצליכען דאַנק מיין פריינד יעקב פישמאַן, רעדאַק־טאָר פון „מאָרגען־זשורנאַל", ניו־יאָרק, וועלכער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אָנערקענט די נויטווענדיגקייט פון אַזאַ ספר און האָט מיך ערמוטיגט אין מיין אַרבייט.

דערביי דאַנק איך דעם ד"ר פינחס חור־גין פאַר זיינע ווערטפולע בעמערקונגען און דעם געהילף־ביבליאָטעקער יצחק ריווקינד פאַר זיין איבערגעבענהייט און פאַכמענישער צושטעלונג פון די נויטיגע ספרים פון דער ביבליאָטעק ביים יודישען טעאָלאָגישען סע־מינאַר אין ניו־יאָרק.

דוד דרוק.

אינהאַלט:

		זייט
.I	ר׳ סעדיה גאון	9
.II	יצחק איזראעלי	70
.III	ר׳ האי גאון	79
.IV	מנחם בן סרוק	105
.V	ר׳ יונה אבן-גנאַח	133
.VI	ר׳ יהודה אבן-בלעם	152
.VII	ר׳ יצחק אבן-ברון	156
.VIII	ר׳ אַברהם אבן-עזרא	160
.IX	רמב״ן	188
.X	רבנו בחיי	220
.XI	בעל הטורים	229
.XII	ר׳ יצחק אַבוהב	238
.XIII	דאָן יצחק אַברבנאל	243
.XIV	ר׳ יוסף קמחי	279
.XV	ר׳ דוד קמחי	292
.XVI	ר׳ יוסף אבן-כספי	307
.XVII	ר׳ יעקב אַנאַטאָלי	323
.XVIII	רלב״ג	332
	ביבליאָגראַפיע	343

בָּ בֶ ל

ר׳ סעדיה גאון.

א.

די פאָרגענגער פון ר׳ סעדיה׳ן.

ביים סאַמע סוף פון נײַנטען יאָהרהונדערט האָט אין דער פערכמאָרעטער יודישער וועלט אויפגעשטראַהלט אַ גרויסער זשעני, וועלכער האָט געשאַפען אַ נייע תקופה אינ׳ם יודענטום און וועלכער האָט מיט אויסערגעוועהנליכער קראַפט פערטיידיגט און געשיצט די יודישע תורה פון די געפאַהרען, וועלכע האָבען אויף איהר געלויערט. דאָס איז געוועזען ר׳ סעדיה גאון.

בעוואָפענט מיט געניאַלע גייסטיגע כחות, מיט וועלכע עס ווערען בעשאָנקען נאָר די יחידי־סגולה, איז ר׳ סעדיה אַרויס צו צושטערען די פּאָזיציע פון אַנאַרכיע אין דער יודישער וועלט. מיט זיין גייסטיג ליכט האָט ער פעריאָגט די פינסטערניש און מיט זיין גייסטיגער קראַפט האָט ער צובראָכען די שונאים פון דער יודישער אמונה. מיט זיין גרויסען אַלזייטיגען וויסען, מיט זיין טיעפער אמונה, מיט שעפערישען טאַלאַנט און מיט זיין ברויזענדען טעמפעראַמענט האָט ער אויפגעטרייסעלט די יודישע וועלט.

און געקומען איז ער מיט גאַנץ נייע אידעען און גאַנץ נייע מעטאָדען. דען ער איז געוועזען נישט בלויז תלמוד׳ישער גאון אַליין, נאָר אויך געלעהרטער, פילאָזאָף, אָריגינעלער פילאָזאָף — אַנ׳ערשיינונג, וואָס איז געוועזען פולקאָם ניי און אונבעקאַנט אין דער יודישער וועלט. און אָט דעם גרויסען באַגאַזש פון גייסטיגע וואָפען האָט ער זיין גאַנץ לעבען אָנגעווענדעט אין זיין ענערגישען קאַמף צו שיצען די תורה, צו שיצען דאָס יודענטום, דאָס תלמוד׳ישע יודענטום.

אַז ר׳ סעדיה גאון איז מיט זיין שטראַהלענדען זשעני און מיט זיין מעכטיגער גייסטיגער פערזענליכקייט געשטאַנען העכער פאַר די גדולים פון זיין דור איז זעלבסטפערשטענדליך. עס וועט אָבער גלייכצייטיג לחלוטין נישט זיין קיין גוזמא צו בעהויפטען, אַז אַזאַ פענאָמענאַלע פיגור איז נישט ערשינען ביי יודען פאַר גאַנצע פיער הונדערט יאָהר, זינט עס איז פערענדיגט געוואָרען די שאַפונג פון דעם אונפערגלייכליכען מאָנומענטאַלען ווערק, וואָס איז בעקאַנט אונטער׳ן נאָמען „תלמוד“.

די ענטשטעהונג פון תלמוד אַלס אָבגעשלאָסען פערענדיגט ווערק איז געווען איינע פון די גרעסטע געשיכטליכע עראיגניסען פונ'ם יודישען פאָלק־לעבען. מען קאָן אפשר מיט רעכט אָנווענדען דעם „היום הזה נהיית לעם" אויף דעם מאָמענט פון חתימת התלמוד, פונקט אַזוי ווי ער ווערט אָנגעווענדעט אויף דעם מאָמענט פון קבלת התורה. דער תלמוד האָט פערטיעפט דעם יודישען געדאַנק, האָט אויסגעפורעמט די יודישע אמונה און האָט געגעבען דעם פאָלק יענעם יודישען אינהאַלט, יענע גייסטיגע און מאָראַלישע פיזיאָגנאָמיע, אָהן וועלכער די יודישע אומה וואָלט געוואָרען בלוט־אָרים און עס וואָלט איהר שווער געווען ווייטער צו שפינען דעם גאָלדענעם פאָדים פון דער אייביגקייט. דער תלמוד האָט פערפעסטיגט דאָס יודענטום. דער תלמוד איז געוואָרען ממש אונטיילבאַר פון יודישען פאָלק. דער תלמוד איז געוואָרען דער הויפּט־רעגולאַטאָר פון דעם יודענס לעבען. דער תלמוד האָט נישט אויפגעהערט צו זיין די איינציגע אויטאָריטעט ביי יודען. מיט דער צייט איז דער תלמוד ביים יודישען פאָלק אַזוי פערהייליגט געוואָרען, אַז ס'איז פאַר יעדען יוד געווען אַ פליכט נישט בלויז צו לעבען לויט די פּרינציפּען פון תלמוד, נאָר ס'איז זאָגאַר געוואָרען אַ הייליגע מצוה דאָס לערנען פון תלמוד. עס זענען אין דעמדאָזיגען אונערשעפּבאַרען אוצר בעהאַלטען פערשידענע פּערל אויסער הלכה. דער יודישער זשעני האָט זיך געשליפען אויך איבער אַסטראָנאָמיע, מעדיצין, מאַטעמאַטיק, אַנאַטאָמיע און באָטאַניק, און דערמיט איז דער תלמוד געוואָרען אַ קוואַל פאַר געשיכטע פון ציוויליזאַציע און וויסענשאַפט. אָבער דאָס זענען געווען בלויז פּרפּראות. דאָס איז נישט געווען דער עיקר, דאָס איז נישט געווען דער תלמוד. דער תלמוד איז געווען און געבליבען דאָס גרויסע עטישע און רעליגיעזע ווערק פון יודישען פאָלק.

ביז אַט דעמדאָזיגען מאָמענט האָט דער יודישער זשעני נישט אויפגעהערט צו שאַפען פאַר דורות און דורות כמעט אָהן אונטערברעכונגען. „משה קבל תורה מסיני ומסרה ליהושע, ויהושע לזקנים". עס איז אָנגעגאַנגען אַן'אונאויפהערליכער פּראָצעס צו פערטיעפען דעם יודישען געדאַנק, צו פערברייטערן די יודישע וועלט־אָנשויאונג און צו דערהויבען די יודישע עטיק. דער יודישער זשעני האָט שטענדיג געשאַפען גרויסע ווערטען, וואָס זענען געוואָרען אַ קנין נישט בלויז פון יודישען פאָלק אַליין, נאָר זאָגאַר פון דער גאַנצער מענשהייט. דער יודישער זשעני איז שטענדיג געווען יונג און שעפעריש: תורה, נביאים, משנה, פילאָזאָפיע, עטיק, קונסט און הלכה. דער תלמוד איז געווען בלויז איין רינגעלע פון דער גאַנצער קייט יצירות פון יודישען פאָלק. די תורה שבעל־פה איז נישט געבוירען געוואָרען אין איין טאָג, אין איין בעשטימטער צייט, נאָר זי איז געווען אַ יצירה, וואָס האָט איהר אורשפּרונג אין די סאַמע אַלטע צייטען. די הייסע דיסקוסיעס אויף אויסצושלייפען די הלכות אין די אַקאַדעמיעס פון סורא, פומבדיתא, נהרדעא און מחוזא זענען געווען אָבקלאַנגען פון דער העכסטער חכמה פון

די פריהערדיגע דורות. די יצירה איז געווען אַ גראַנדיעזע. די צייט איז געווען אַ וואונדערבאַרע. די שעפערישע תקופה פון די חכמי התלמוד איז געווען איינע פון די גלענצענדסטע אין דער יודישער געשיכטע. זי האָט גע־שטראַהלט מיט פיגורען, זי האָט געשטראַהלט מיט פערזענליכקייטען, זי האָט געגעבען גרויסע שעפערישע גייסטער.

אַ נייער פעריאָד הויבט זיך אָבער אָן מיט דער חתימת התלמוד, מיט דעם מאָמענט, ווען עס ווערען אָבגעשטעלט די ווייטערדיגע דיסקוסיעס און אינטערפּרעטאַציעס פון די הלכות, און די שאַפונג פון דעם גרויסען ווערק ווערט פערדעכענט פאַר געענדיגט. מען האָט געוועהנליך געקאָנט אָדער גע־וואָלט ערוואַרטען, אַז די נייע דורות וועלען פון איצט־אָן אָנהויבען שאַפען נייע זעלבשטענדיגע ווערק, וואָס זאָלען אויסאיבען זייער ווירקונג אויפ׳ן יודענטום. מען האָט געקאָנט ערוואַרטען, אַז דער יודישער זשעני, וואָס האָט אַזוי גלענצענד דעמאָנסטרירט זיין שאַפונגס־קראַפט אין אַ משך פון יאָהרהונ־דערטער, וועט אויך איצט בעווייזען וואונדער און שאַפען עפּעס אַזוינס, וואָס איז נאָך ביז דאַמאָלס נישט געווען. דאָס איז אָבער נישט געשעהן.

דידאָזיגע נייע תקופה, וועלכע הויבט זיך אָן מיט׳ן יאָהר 500 פון דער אָנגענומענער צייט־רעכענונג, ווערט געוועהנליך פערדעכענט פאַר נישט קיין הויך־שעפערישע אין דער געשיכטע פון טראַדיציאָנעלען יודענטום. דער־דאָזיגער פעריאָד גלאַנצט מאָמענטענווייז מיט אַ פּאָר שטערען, אָבער עס פעהלט דער המשך פון דור צו דור. עס זענען נישט בעשאַפען געוואָרען קיין בעדייטענדע ווערק, וואָס זאָלען אויסאיבען אַן אײנפלוס אויף דער יו־דישער וועלט. עס איז נישטאָ קיין ווערק, וואָס זאָל סימבאָליזירען די עפּאָכע. עס זענען נישט בעשאַפען געוואָרען קיין נייע געדאַנקען, נייע אויפטהואונגען, וואָס זאָלען אויפרודערן די מוחות, וואָס זאָלען לעגען אַ שטעמפּעל אויף דער צייט, וואָס זאָלען סטימולירען צו נייע גרויסע שאַפונגען און מעשים. דערדאָזיגער ניי־אָנקומענדער פעריאָד איז געווען, פערהעלטניסמעסיג, אַזוי ווענינ פרוכטבאַר, אַז מאַנכע בעהויפּטען, דאָס ווען ר׳ שרירא גאון זאָל נישט איבערלאָזען זיין בעריהמטען היסטאָרישען בריעף, וואָלט מען אפילו די נעמען פון דאָס רוב חכמים נישט געוואוסט.

עס איז טאַקע אמת, אַז סיי די רבנן סבוראי, וואָס זענען געקומען באַלד נאָך די אמוראים, און סיי די גאונים, וואָס זענען געקומען נאָך די סבוראים, האָבען יאָ געשאַפען און דוקא וויכטיגעס. די רבנן סבוראי זענען אויפגעקומען אין אַ צייט, ווען מחדש־זיין הלכות האָט מען שוין נישט געקאָנט. דער תלמוד איז שוין אָפיציעל געווען אָבגעשלאָסען, פער׳חתמ׳עט, און ווייטער אויפטהון איז שוין נישט געווען מעגליך. עס איז דעריבער געווען אַ שטיקעל סכנה, אַז אַזאַ צושטאַנד, ווען דער תלמוד איז נאָך געווען ווענינ אַריינגעדרונגען אין פאָלק און נישט־צוגענגליך, זאָל ברענגען צו אַ פער־דונקלונג אין דעם יודישען רעליגיעזען לעבען, — האָבען זיי בעשלאָסען, אַז

איידער זיך צו פּלפּול'ען איבער טעאָרעטישע פראַגען, וועלען זיי בעסער פיקסירען געזעצען פאַר פּראַקטישע צוועקען.

עס איז נאָך ביז איצט נישט קלאָר גענוי, צי דער תּלמוד האָט אָנ־געהויבען ביסלעכווייז פערשריבען צו ווערען נאָך אין דער צייט פון די לעצטע אמוראים, צי דאָס איז געטהאָן געוואָרען דורך די רבנן סבוראי. איינס איז אָבער זיכער, אַז די גאַנצע אַרבייט פון פיקסירען דעם גאַנצען תּלמוד אין דער פאָרם, ווי מיר האָבען איהם היינט, איז געטהאָן געוואָרען דורך זיי. די רבנן סבוראי האָבען צונויפגעזאַמעלט אַלע סיסטעמאַטיזירטע מאַטעריאַלען פון ר' אַשי און צווייטען רבינא און צונויפגעשטעלט, אויסגע־בויט דעם תּלמוד. זיי האָבען מסדר געווען דעם תּלמוד ענדגילטיג און זיי האָבען זיך בעשעפטיגט מיט פּראַקטישע אינטערפּרעטאַציעס פון הלכה. אין דער צייט, וואָס די רבנן סבוראי האָבען געווירקט, זענען דורך זיי, אמת, קיין אייגענע, זעלבשטענדיגע ווערק טאַקע נישט געשאַפען געוואָרען, אָבער דערפאַר האָבען זיי זייער גאַנצען גייסט און זייער גאַנצע ענערגיע אַריינ־געלעגט אין תּלמוד. דאָס איז געווען אַ גראַנדיעזע אַרבייט.

די גאונים, וועלכע זענען געקומען נאָך די רבנן סבוראי, האָבען פיעל געשאַפען אויפ'ן געביעט פון הלכה־אינטערפּרעטאַציעס. זיי האָבען פּאָפּולאַ־ריזירט דעם תּלמוד, זיי האָבען די הלכות אינטערפּרעטירט. אַדאַנק די תּשובות פון די גאונים איז דער תּלמוד געוואָרען צוגענגליך פאַר אַלע יודען אין גלות. די תּשובות פון די גאונים זענען געווען זעהר בעדייטענד פאַר דער ענטוויקלונג פון תּלמוד'ישען געדאַנק און פאַר דער תּלמוד'ישער הלכה. אויסערדעם איז עס געווען אין דער צייט פון די גאונים, ווען עס איז בעַ־שאַפען געוואָרען דער „סידור", דער סדר־התּפילות, וואָס האָט געהאַט אַזאַ געוואַלדיגען איינפלוס אויפ'ן יודישען רעליגיעזען לעבען.

חוץ אַלעם דעם האָבען די גאונים געשאַפען זעלבשטענדיגע ווערק אויך. דאָס ערשטע ווערק, וואָס איז געשאַפען געוואָרען נאָך חתימת התּלמוד, איז געווען דער ספר „שאלתּות" פון ר' אַחאי פון שבחא, אויף וועלכען דער בעוואוסטער גאון פון אונזער צייט, ר' הירש־לייב וואָלאָזשינער ז"ל, האָט גע־שאַפען זיין וואונדערבאַרען פּירוש „העמק שאלה". „שאלתּות" ווערט פערע־רעכענט פאַר איינעם פון די גרעסטע הלכה־ספרים, וואָס זענען ביי יודען געשאַפען געוואָרען.

עס זענען שפּעטער געשאַפען געוואָרען בעדייטענדע ווערק, ווי די „הלכות פסוקות", אָדער „הלכות קטועות" פון ר' יהודאי גאון און די „הלכות גדולות" פון ר' שמעון קאַייאַרא. מאַנכע פאָרשער האַלטען פערקעהרט, דאָס הייסט, אַז די „הלכות פסוקות" זענען געשאַפען געוואָרען פון ר' שמעון קאַייאַרא און די „הלכות גדולות" — פון ר' יהודאי גאון. איבריגענס, דאָסדאָזיגע, ווערק, וואָס גיט־איבער די פּסקי הלכות פון תּלמוד לויט די מסכתות און ענינים, כּדי עס זאָל לייכטער זיין צו געפינען דעם דין, איז שפּעטער גע־וואָרען אַ מוסטער פאַר'ן אַלפס, פאַר'ן רמב"ם און פאַר'ן „בעל הטורים"

מסדר צו זיין די הלכות לויט אַ געניועם סיסטעם. צו דערדאָזיגער תקופה געהערען אויך די שאַפונגען פון נחשון בר צדוק, די שאַפונג פון צמח בן פלטאי, וועלכער איז געווען דער ערשטער מיט זיין לעקסיקאָן צו לעגען דעם גרונד־שטיין פאַר לעקסיקאָגראַפיע, וואָס איז זיך שפּעטער צוואַקסען אין אַ גרויסער וויסענשאַפט.

עס זענען, אַלזאָ, סיי צווישען די רבנן סבוראי און סיי צווישען די ערשטע דורות פון די גאונים געווען גרויסע פּערזענליכקייטען, וואָס האָבען געשאַפען הויפּטזעכליך אויפ׳ן געביעט פון הלכה. אָבער עס איז דאָך קלאָר, אַז פאַר אַ פּעריאָד פון פיער הונדערט יאָהר, פאַר אַ משך פון אַזוי פיעל דורות איז אַזאַ שאַפונג צו־ווענינ. די תקופה פון די אמוראים איז געווען אַ קלענערע, און דאָך האָט די גאַנצע צייט נישט אויפגעהערט צו לייכטען מיט אויסערגעוועהנליכע פיגורען. יעדער דור האָט אויפגעבליצט מיט נייע זשעניען, מיט נייע פּערזענליכקייטען.

די גרויסע תקופה פון נאָך חתימת התלמוד איז, אַלזאָ, נישט געווען אַזוי שעפּעריש, ווי די פריהערדיגע דורות, — און וויל זי איז נישט געווען אַזוי אַקטיוו, איז זי ממילא געוואָרען שוואַכער. דער גאַנצער כח־היצירה האָט עפּעס אויפגעהערט נאָרמאַל צו פונקציאָנירען. די אַקאַדעמיעס האָבען פערלוירען דעם גלאַנץ פון יענע גוטע צייטען, ווען רב און שמואל, אַביי און רבא, רב אַשי און רבינא האָבען דאָרט געפיהרט זייערע גייסטרייכע דיסקוסיעס. עס איז אַוועק זייער גייסט, וואָס האָט געשוועבט פאַר יאָהר־הונדערטער איבער דידאָזיגע אַקאַדעמיעס. בלויז אַ פלעמעל האָט נאָך געצאַנקט פון יענע גרויסע ליכטער.

דערדאָזיגער אָבשוואַכענדער פּראָצעס איז געגאַנגען לאַנגזאַם, אָבער אונאויפהערליך און מיט זיכערע טריט, אַזוי אַז אין ניינטען יאָהרהונדערט איז שוין נישט געווען קיין רייד וועגען נייע גייסטיגע שאַפונגען, נאָר וועגען אויפהאַלטען דאָס געשאַפענע. און אויך דאָס איז געווען כמעט אונמעגליך, וויל יענע צייט האָט געשמעקט מיט פולווער און גייסטיגע רעוואָלטען. דער וואָרעם פון מחלוקת האָט זיך אַריינגעפרעסען אינ׳ם גאַנצען אָרגאַניזם פון יודענטום. פון איין זייט איז דאָס יודענטום צופליקט געוואָרען אויף צוויי פיינדליכע מחנות דורך דער ענטשטעהונג פון די קאַראַאימער, און פון דער אַנדערער זייט האָבען געברענט אָפטע מחלוקת׳ן צווישען די גאונים און די ריש־גלותא׳ס. עס האָט זיך, אַלזאָ, איצט געפאָדערט אַ מאַן פון גרויסער אויטאָריטעט, פון גרויסער גייסטיגער קראַפט און מיט אַנ׳אייזערנעם ווילען, וואָס זאָל צוריקשטעלען די אַחדות־האומה, וואָס זאָל צוריקשטעלען די אַמאָליגע אויטאָריטעט און שאַפען אַ נייע, שעפּערישע, געזונטע עפּאָכע. און דער איז עס געווען ר׳ סעדיה גאון.

ב.

זיין יוגענד און ערציהונג.

עס זענען געווען אויף דער וועלט אויסערגעוועהנליך מזל'דיגע מענ־שען, וואָס זייער לעבענס־גאַנג איז קלאָר געווען אין אַלע קלענסטע דעטאַלען. עס איז בעקאַנט געווען זייער ווייטער יחוס, זייערע עלטערן, זייער יוגענד, זייער ערציהונג, וואָס האָט, זעלבסטפערשטענדליך, געגעבען די מעגליכקייט נאָכצופאָלגען דעם פּראָצעס פון זייער ענטוויקלונג, ווי־אַזוי זיי זענען געוואַקסען אַלץ העכער און העכער, ביז זיי האָבען דערגרייכט די העכסטע שטופע פון זייער שעפערישער טעטיגקייט, זייער גרויסקייט און בעריהמטקייט.

ר' סעדיה גאון, וועלכער איז געווען איינער פון די גרעסטע יודישע גייסטער, וואָס האָבען געשאַפען עפּאָכעס, האָט צו יענעם גליקליכען קלאַס מענשען נישט געהערט. ער האָט גראַד געהערט צו דעם קלאַס מענשען, וואָס זייער יוגענד איז געווען עטוואָס אונקלאָר. ער האָט געהערט צו יענע מענשען, וועלכע זענען קיינמאָל נישט געווען יונג, האָבען קיינמאָל נישט געלערנט און קיינמאָל זיך נישט אויסגעצייכענט מיט זייער זשעני און מיט זייער טאַלאַנט, וועלכע האָבען זיך קיינמאָל נישט ענטוויקעלט און קיינמאָל נישט געעשטיגען, נאָר מיטאַמאָל, פּלוצלונג דערזעהט איהר זיי אַלס פאַרטיגע ריעזען אין זייער אַקטיוויטעט, אין זייער קאַמף און אין זייער שאַפען. איהר דערזעהט זיי אַלס פאַרטיגע זשעניען, אָנגעלאָדען מיט תורה און חכמה, וואָס האַלטען אין אויפשטורמען וועלטען — און איהר ווייסט נישט, פונוואַנען דאָס איז געקומען.

ר' סעדיה'ס יוגענד, ביז ער איז געקומען צו בעריהמטקייט, איז פער־דעקט און אָבגעשלאָסען פון דער וועלט. עס איז נישט געווי בעקאַנט די שטאָדט, וואו ר' סעדיה איז געבוירען. אייניגע זאָגען: פ אַ י ו ם (עגיפּטען), און אייניגע — ד י ל אַ ס. מאַנכע פאָרשער האָבען נאָך פּרובירט בעווייזען קונצשטיק צו בעהויפּטען, אַז פאַיום איז גאָר פּיתום, וואָס יודען האָבען גע־בויט פאַר פּרעה'ן, ווען זיי זענען געווען פערשקלאַפט אין מצרים. עס הערשט אַ מיינונגס־פערשידענהייט בנוגע דער צייט, ווען ער איז געבוירען גע־וואָרען, און ווי לאַנג ער האָט געלעבט. אייניגע זאָגען, אַז ער איז גע־בוירען געוואָרען אין יאָהר 892, אַנדערע זאָגען, אַז ער איז געבוירען אין יאָהר 882. מאַנכע האַלטען, אַז ער האָט געלעבט פופציג יאָהר, און אַנדערע— אַז ער האָט געלעבט זעכציג יאָהר.

פונקט אַזאַ דונקעלהייט הערשט אויך בנוגע זיין יחוס און זיין פאַ־מיליע. עס איז פאַרהאַן אַ מיינונג, אַז זיינע עלטערן זענען גאָר קיין יודען נישט געווען; זיי זאָלען האָבען געוואוינט אין דילאַס, נעבען פאַיום, וואו זיי האָבען זיך שפּעטער מגייר געווען. מאַנכע האַלטען, אַז זיינע על־

טערן זענען געווען זעהר פראָסט און אָרים. זיין פאָטער יוסף זאָל האָבען געווען אַן אָרימער סוחר, אָדער אַ פריזירער. עס איז אָבער יעדענפאַלס קיין שום ספק נישט, אַז דידאָזיגע אַלע חקירות זענען אויסגעזויגען פון פינגער און די אַלע מעשיות, וואָס האָבען דעם צוועק צו פערמינערן זיין כבוד, זענען אויסגעטראַכט געוואָרען פון זיינע שונאים. ער אַליין האָט אַמאָל ערקלערט, אַז זיין פאַמיליע שטאַמט פון שֵׁלה בן יהודה (יעקב אָבינו׳ס אַן׳אייניקעל) און פון ר׳ חנינא בן־דוסא, דעם בע־וואוסטען תנא פון ערשטען יאָהרהונדערט. אויסערדעם איז זיכער ריכטיג די בעהויפטונג, אַז ר׳ סעדיה׳ס פאָטער איז געווען אַ גרויסער תלמיד־חכם און אַ גדול אין הלכה, ווייל ער האָט געטראָגען דעם טיטול „אַלוף״, וואָס מיינט, אַז ער איז געווען דער ראש פון אַ העכערער אַקאַדעמיע. דאָס, וואָס ער אַליין האָט געזאָגט, און דאָס, וואָס מען זעהט אַרויס פון זיין פאָ־טערס שטעלונג, איז, זעלבסטפערשטענדליך, מעהר זיכער און מעהר אמת, ווי די אַלע פוסטע חקירות און אויסגעטראַכטע מעשיות.

זיין אויסבילדונג האָט ר׳ סעדיה בעקומען אין עגיפּטען. דער הויפּט־צענטער פון תורה איז אייגענטליך דאַן געווען בבל. אַ געוויסע ראָלע אין תלמוד־שטודיום האָט נאָך דאַמאָלס געשפּיעלט אויך ארץ־ישראל. אָבער עגיפּ־טען האָט אויך געהאַט אַ תלמוד׳ישע אַטמאָספערע. עס איז בעקאַנט, אַז נאָך מיט אַ פּאָר הונדערט יאָהר פאַר ר׳ סעדיה׳ן איז שוין אין עגיפּטען אָנגעגאַנגען אַ יודישע ליטעראַרישע טעטיגקייט. זאָגאַר אין פאַיום, אין ר׳ סעדיה׳ס גע־בורטסשטאָדט, זענען געווען אייניגע פּייטנים, אַזוי אַז ר׳ סעדיה׳ן זענען שוין גאָר נישט פרעמד געווען די דאַמאָלסדיגע פּאָעטישע פאָרמען. אויך תלמוד׳ישע שטודיען זענען דאַן נישט פרעמד געווען אין עגיפּטען. נאָך אין יאָהר 750 איז אין קאַאיראָ געווען אַ גרויסע יודישע קהלה. מען האָט אויך אין עגיפּטען גאַנץ געשמאַק געהאַט געלערנט תלמוד און די גאונ׳ישע ליטעראַטור, און עס זענען דאָרט, זעלבסטפערשטענדליך, געווען לומדים. איבריגענס, דער פאַקט, וואָס מען האָט אין קאַאיראָ געפונען אַ סך תשובות פון די גאונים, בעווייזט, אַז אין עגיפּטען איז דער תלמוד שטאַרק שטודירט געוואָרען.

ס׳פערשטעהט זיך, אַז צוערשט האָט מיט סעדיה׳ן געלערנט דער פאָ־טער אַליין; אָבער שפּעטער, זאָגט מען, האָבען מיט איהם געלערנט אַבו קאַטיר און ר׳ סַלמון בן ירוחם, וועלכע זענען ביידע געווען קאַראַאימער. עס איז אָבער נישט גענוג קלאָר, צי זיי זענען באמת געווען זיינע רביים. ר׳ סעדיה האָט זיך געהאַט פערטיעפט און שטאַרק פעראינטערעסירט מיט׳ן תלמוד און מיט גרויסער פלייסיגקייט געלערנט די תשובות הגאונים. עס איז, אַגב, זיכער, אַז אויב די רביים, ביי וועלכע ער האָט געלערנט, זע־נען געווען נישט גענוג גרויס פאַר איהם, האָט איהם זיין זשעני צוגעהאָלפען און געטראָגען העכער.

אין יענער צייט האָט מען זיך אָבער אין עגיפּטען נישט בענוגענט

מיט'ן תלמוד-שטודיום אַליין. אין בבל האָט מען זיך מיט װעלטליכער בילדונג װעניג אינטערעסירט; דאָרט האָט מען זיך בעשעפטיגט מיט תלמוד'ישע פּאָרשונגען און פּסקי הלכות. אין עגיפּטען האָט שוין אָבער געהערשט אַן אַנדער גייסט; דאָרט איז מען שוין געװען מעהר װעלטליך, אַדאַנק דער װירקונג פון דער אַראַבישער קולטור. װיסענשאַפט און פילאָזאָפיע זענען שוין ביי די אַראַבער דאַן געװען שטאַרק ענטװיקעלט, און די געבילדעטע יודען האָבען שוין דערפון נישט געקאָנט אַװעק; זיי האָבען געמוזט מיטגעהן מיט'ן שטראָם. די אַראַבישע קולטור איז דאַן געװען צו-יונג, צו-פריש, צו-אַגרעסיװ און צו-רייצענד — און ס'איז גאָר קיין װאונדער נישט, װאָס יונגע טאַלאַנטפולע מוחות זענען דערפון פערכאַפּט געװאָרען.

ר' סעדיה האָט זיך דאַן גענומען אויך צום װעלטליכען שטודיום. אַבו קאַטיר זאָל עס האָבען געװען דער, װעלכער האָט בעקענט ר' סעדיה'ן מיט װיסענשאַפט און הויפּטזעכליך מיט דער אַראַבישער פילאָזאָפיע, װעלכע האָט זיך דאַן גענומען ענטװיקלען זעלבשטענדיג אויפ'ן גרונד פון די לעהרעס פון די גרויסע גריכישע פילאָזאָפען, בעזונדערס פון אַריסטאָטעל'ן. דידאָזיגע װיסענשאַפטליכע און פילאָזאָפישע שטודיען האָבען געהאַט אַ גרויסע װירקונג אויף איהם, זיי האָבען ענטװיקעלט אין איהם זיין דענקונגס-קראַפט, אַ טיעפערען און אַ מעהר אומפאַסענדען בליק אויף דער װעלט, מיט װאָס ער שטעלט זיך העכער, שטייגט אַריבער אַלע זיינע פאָרגענגער און אויך שפּעטערדיגע בעדייטענדע תלמוד'ישע פערזענליכקייטען.

אויסערדעם האָט זיך ר' סעדיה אָבגעגעבען ספּעציעל מיט דער פאָרשונג פון דער העברעאישער שפּראַך, מיט דער פילאָלאָגיע, מיט דער גראַמאַטיק, כדי בעסער צו פערשטעהן די תורה. די פאָרשונג פון לשון-קודש, די פילאָלאָגיע פון דער העברעאישער שפּראַך, איז דאַמאָלס נישט געװען קיין װיסענשאַפט פאַר זיך. לערנען לשון-קודש, כדי צו קענען רעדען אָדער שרייבען ספרים, איז דאַן נישט בעטראַכט געװאָרען אַלס אַ נויטװענדיגקייט אָדער מאָדע. אויב אימיצער האָט געהאַט װאָס צו זאָגען, האָט ער עס געטהאָן אין אַראַביש אָדער אַראַמעאיש, די שפּראַכען, װאָס דאָס פאָלק האָט דאַן גערעדט. לערנען לשון-קודש האָט דאַן געהאַט בלויז איין ציעל, אַ העכערען ציעל: צו פערשטעהן די כתבי-הקודש, צו דערגעהן דעם ריכטיגען פשט פון דער תורה, — װאָס איז, זעלבסטפערשטענדליך, בעטראַכט געװאָרען אַלס װיכטיגער און בעדייטענדער פון אַלץ, — און צו שאַפען די ליטורגיע, די פיוטים.

ר' סעדיה האָט זיך אין זיין יוגענד פערנומען מיט פאָרשונגען אויף אַלע געביעטען פון גייסטיגען שאַפען. עס איז מעגליך, אַז ער איז געװען בעקאַנט מיט דער פילאָזאָפיע פון דוד אַל מְקַמֶץ, װעלכער איז געװען פון די ערשטע מעטאַפיזיקער אויפ'ן אָריענט, און ער האָט איבערגענומען פון איהם געװיסע געדאַנקען, װעלכע זענען איהם נאָהענט געװען.

ס'איז אויך מעגליך, אַז ער האָט געװאוסט די װיסענשאַפט און פילאָזאָפיע

פונ׳ם גרויסען יודישען מעדיצינער און דענקער יצחק איזראַעלי, וועלכער איז דאַן בעטראַכט געוואָרען אַלס אַ בעדייטענדע פיגור. און יעדע זאַך, צו וואָס ער האָט זיך גענומען, איז געווען מיט התמדה, מיט איבערגעגעבענהייט, מיט׳ן גרויסען ערנסט. דען זיין הויפט־שטרעבונג איז געווען צו דערגעהן, וואו עס געפינט זיך דער אמת און וואו נישט. עס פערשטעהט זיך, אַז דער מאַסשטאַב פון זיין אמת איז געווען די תורה, דער תלמוד, די יודישע אמונה, די יודישע עטיק, דער יודישער גייסט און אַלצדינג, וואָס שטעהט אין איינקלאַנג מיט די אַלע יודישע געטליכע עיקרים.

דער יונגער סעדיה האָט זיך אַזוי־אַרום מיט איינמאָל ענטפּלעקט אַלס גרויסער זשעני, און ער איז עס געוואָרען דער ערשטער יודישער גאון, וואָס אויסער זיין טיעפען און ברייטען תלמוד׳ישען וויסען איז ער גלייכצייטיג געווען אויך געלעהרטער און דענקער. אַזא ערשיינונג איז פריהער נאָך נישט געווען פאָרגעקומען. אבן־עזרא, וועלכער איז אַליין אויך געווען געלעהר־טער און דענקער און האָט מיט ר׳ סעדיה׳ן אין אַ סך זאַכען נישט מסכים געווען, האָט איהם שפּעטער דאָך טיטולירט אַלס „ראש המדברים בכל מקום", אַלס אַ מאַן, וואָס קען זיך אַרויסזאָגען אין אַלע ענינים פון תורה און חכמה. דידאָזיגע תלמוד׳ישע פראַזע איז צוערשט אָנגעווענדעט געוואָרען אויף נישט קיין קלענערער פערזענליכקייט ווי ר׳ יהודה בר אלעאי, דער גרויסער תנא, וועלכער האָט געלעבט אין צווייטען יאָהרהונדערט.

ג.

די סכנה פון דער קאַראַאימישער בעוועגונג.

הגם דער יונגער סעדיה האָט געשיינט צו זיין אָבגעזונדערט פון דער רוישיגער וועלט און האָט געלעבט אַיינגעשלאָסען אין די פיער איילען פון תורה, וויסענשאַפט און פילאָזאָפיע, האָט ער אָבער דאָך געהאַט גענומען אַ לעבהאַפטען אינטערעס אין אַלץ, וואָס ס׳איז פאָרגעקומען אין יודישען לע־בען. ער איז, קענטיג, געווען שטאַרק עמפּפינדליך צו אַלע ערשיינונגען און פּראָבלעמען, און איבערהויפּט צו יענע, וועלכע האָבען געהאַט אַ שייכות צו דעם רעליגיעזען לעבען. ער איז טאַקע געווען פערטיעפט אין זיך, ער האָט אָבער געזעהן אַלץ, וואָס ס׳קומט־פאָר אַרום — און דעריבער האָט ער זיין ערשטע אויפמערקזאַמקייט געשענקט דער קאַראַאימישער בעוועגונג, וועלכע האָט זיך שוין דאַן געהאַט צעוואַקסען אַזוי ברייט און אַזוי טיעף, אַז זי איז געוואָרען אַן׳אמת׳ע דראָהענדע געפאַהר פאַר׳ן טראַדיציאָנעלען יודענטום, פאַר׳ן גאַנצען יודענטום.

די קאַראַאימישע אידעע צו באַזירען די יודישע אמונה בלויז אויף מקרא, אויף דער וועלטליכער אויסטייטשונג פון תורה שבכתב, אָהן דער מינדעסטער מינדליכער טראַדיציע, אָהן שום אינטערפּרעטאַציע פון תלמוד,

געהערט נאָך אייגענטליך צו די עלטערע צייטען, צו די צדוקים, וועלכע האָבען זיך אַרומגעקריגט מיט די פּרושים. דידאָזיגע צדוקים זענען געווען געגען פערשידענע סיָגים און בעשרענקונגען און האָבען געהאַלטען, אַז בלויז די געבאָטען, וואָס זענען קלאָר אויסגעדריקט אין דער תורה, דאַרפען אָבגעהיט ווערען; די אַלע מינדליכע טראַדיציעס און מנהגים, וואָס זענען ענטשטאַנען אין פערשידענע צייטען, איז מען נישט מחויב אָבצוהיטען. זיי האָבען זיך געהאַלטען שטרענג אָן דער ווערטליכער אויסטייטשונג פון דער תורה. „עין תחת עין, שן תחת שן” האָט ביי זיי פשוט געמיינט, אַז מען דאַרף אַרויסנעהמען אַן'אויג פאַר אַן'אויג און אַ צאָהן פאַר אַ צאָהן. עס טאָר נישט זיין קיין שום יושר, קיין שום רחמנות. וועהרענד די מינדליכע טראַדיציע איז דאָ געווען פיעל האַרציגער און מענשליכער.

נישט-קוקענדיג דערויף, וואָס די צדוקים זענען מיט דער צייט פערשוואונדען געוואָרען, ווייל דאָס פאָלק האָט נישט געוואָלט אָננעהמען די בוכשטעבליכע אינטערפּרעטאַציע פון דער תורה, איז אָבער זייער אידעע דאָך געבליבען, אַזוי צו זאָגען, אין דער לופטען. מיט יאָהרען שפּעטער זענען אונטערגעקומען נייע מענשען, נייע גרופּען, וואָס האָבען געשטרעבט צו בעזייטיגען דעם תלמוד פון יודישען לעבען און זיך שטיצען בלויז אויף דער תורה. עס איז געווען אַ צייט, ווען אַן'עהנליכע בעוועגונג איז אויך פאָרגעקומען אין דער מוסולמאַנישער וועלט. אויך די מאַחמעדאַנער האָבען געהאַלטען, אַז חוץ דעם קאָראַן זענען געבליבען קבלות פון מחמד'ן, וועלכע זענען איבערגעגעבען געוואָרען מינדליך צו דער משפחה און תלמידים. די פרייערע מאַחמעדאַנער האָבען זיך אויך פּרובירט גריבלען אין קאָראַן און האָבען געטענה'ט, אַז די אַלע טראַדיציעס האָבען קיין שום ממשות נישט, אַז דער עיקר בלייבט די בוכשטעבליכע אויסטייטשונג פון קאָראַן אַליין. דידאָזיגע בעוועגונג האָט, מעגליך, געהאַט אַ ווירקונג אויף די יודען און זיי האָבען אויך פּרובירט איבער'טענה'ן די אַלטע פערגעסענע טענות פון די צדוקים.

עס זענען, אַלזאָ, שטענדיג געווען שטאַרקערע און שוואַכערע בעוועגונגען אין פערשידענע צייטען, וואָס האָבען זיך געריסען צו געגנערשאַפט בנוגע די תלמוד'ישע אויסטייטשונגען און די תלמוד'ישע דינים און געפּרעדיגט צו לעבען בלויז לויט די געבאָטען פון דער תורה, וועלכע האָבען געזאָלט זיין לייכטער און בעקוועמער ווי די פאָרשריפטען פון תלמוד, פון דער מינדליכער טראַדיציע. זיי האָבען אָבער נישט געשלאָגען קיין טיעפע וואָרצלען אין פאָלק. די אַלע אַזוי-גערופענע מקרא-לייט, קאַראַאימער, זענען געווען, אַזוי צו זאָגען, אונדיסציפּלינירטע משכילים, יחידים, אָדער אַפילו גרופּקעלעך, וואָס זענען געפיהרט געוואָרען פון פאַלשע משיחים און אַוואַנטוריסטען, וועלכע האָבען אַליין נישט געוואוסט, וואָס זיי ווילען. די אמת'ע קאַראַאימישע בעוועגונג, דורך וועלכער עס איז ענטשטאַנען אַן'אָרגאַניזירטע, דיסציפּלינירטע סעקטע און וועלכע האָט פערכאַפּט שטאַרקע פּאָזיציעס אין אַלע

לענדער, וואו עס האָבן געוואוינט יודען, איז אָהן שום ספק געשאַפען געוואָרען דורך ענָן בן דוד. ער איז טאַקע נישט געווען דער שעפער פון דערדאָזיגער אידעע, אָבער ער איז דאָך געווען דער גרינדער פון דער גרויסער בעוועגונג, וועלכע האָט געבראַכט צו אַ שמערצליכען ריס אין יודענטום.

דערדאָזיגער ענָן איז געווען אַ פעהיגער מענש און אַ למדן, און צו אַלעם דעם אַ גרויסער יחסן. ער איז געווען אַן׳אייניקעל פון ר׳ חסדאי גאון און אַ פלימעניק פונ׳ם ריש-גלותא שלמה. האָט זיך געמאַכט, אַז אין יאָהר 760 איז דער ריש-גלותא שלמה געשטאָרבען. עס האָט זיך דאַן גע-צויגען אַ טראַדיציע פון בוסתנאי גאון, אַז דער אַמט פון אַ ריש-גלותא זאָל איבערגעהן בירושה; אַזוי ווי שלמה האָט קיין קינדער נישט איבערגע-לאָזט, האָט דער אַמט פון ריש-גלותא געדאַרפט איבערגעהן צו זיין ברודער דוד׳ס עלטערען זוהן ענן, דער פעהיגסטער און געלערנטסטער פון דער גאַנצער פאַמיליע פונ׳ם ריש-גלותא. די דאַמאָלסדיגע צוויי ברידער גאונים, ר׳ יהודה פון סורא און ר׳ דודאי פון פומבדיתא, האָבען צוזאַמען מיט זייערע אַקאַדעמיעס זיך פעראייניגט נישט צו דערלאָזען, אַז ענן זאָל ווערען דער ריש-גלותא, ווייל זיי האָבען איהם חושד געווען, אַז ער איז נישט אַ פולקאָם-„תלמוד׳ישער״ יוד, און האָבען אָנשטאָט איהם בעשטימט זיין יונגערען ברודער חנניה.

ס׳פערשטעהט זיך, אַז ענן האָט אַזאַ זאַך נישט געקאָנט פערשווייגען און עס האָט אויסגעבראָכען אַ שאַרפע מחלוקת. ענן, וועלכער איז געווען אַ שטאַרקע אַמביציעזע פערזענליכקייט און אויך פּאָפולער, האָט בעקומען פיעל פריינד, וועלכע האָבען איהם געשטיצט אין קאַמף געגען די גאונים. אויסער די דירעקטע פריינד און פערעהרער זענען צו איהם צוגעשטאַנען פיעל אַנדערע אונצופרידענע, וועלכע זענען נישט געווען קיין פריינד פון איהם, אָבער פערביסענע שונאים פון די תלמוד׳יסטען. ענן׳ס פּאַרטיי האָט שטאַרק געאַרבייט ביים קאַליף אַבו דזשאַפאַר אַלמאַנזאַר, אַז ער זאָל בעשטי-מען ענן׳ען אַלס ריש-גלותא, ווייל דאָס קומט איהם לויט׳ן געזעץ — און ס׳איז אַ סברא, אַז דער קאַליף האָט עס אויך געוואָלט טהון. אָבער ענן׳ס געגנער-פּאַרטיי האָט אויך נישט געשוויגען. דער קאַמף איז אָנגעגאַנגען זעהר שאַרף און איז געוואָרען אַלץ מעהר פערביטערט, ביז ענן איז סוף-כל-סוף בעשולדיגט געוואָרען אין פאָרבערייטען אַן׳אויפשטאַנד געגען קאַליף און מען האָט איהם אַריינגעזעצט אין תפיסה. זיין פּאַרטיי האָט אָפּנים נישט גערוהט, און ענדליך איז ענן בעפרייט געוואָרען, אָבער ער האָט געמוזט פערלאָזען דאָס לאַנד.

דאַן איז ענן אַוועק קיין ארץ-ישראל, וואו ער האָט אויסגעבויט אַן׳-אייגענע שוהל, אַרומגעזאַמעלט אַרום זיך אַ סך אָנהענגער און אָנגעהויבען צו ציעלען זיינע פיילען נישט בלויז געגען די גאונים אַליין, וועלכע האָבען, לויט זיין מיינונג, אַוועקגערויבט זיין רעכט אויף אַן׳אונעהרליכען אופן, נאָר

אויך געגען תלמוד. ער האָט צום תלמוד און צו די תלמוד׳יסטען אַרויסגע־וויזען אַ געוואַלדיגע שנאה. עס ווערט דערצעהלט, אַז ער האָט זיך גע־וואונשען צו האָבען אין זיין קערפּער אַלע אָנהענגער פון תלמוד, אַזוי אַז מיט זיין זעלבסטמאָרד זאָל מען גלייכצייטיג פּטור ווערען פון אַלע תלמוד׳יסטען!

ער האָט גע׳טענה׳ט, אַז די תלמוד׳יסטען האָבען פערדרעהט דעם ריכ־טיגען זין פון דער תורה, אַז זיי האָבען אויף אַנ׳אונפעראַנטוואָרטליכען אופן אויסגעטייטשט די טעמי המצוות. ער האָט גע׳טענה׳ט, אַז אויפ׳ן באַרג סיני האָט גאָט געגעבען בלויז די תורה, די תורה שבכתב, אָבער נישט די מינדליכע טראַדיציעס, פון וועלכע עס איז ענטשטאַנען דער תלמוד. די געבאָטען פון דער תורה זענען געטליך און מען דאַרף זיי אָבהיטען, אָבער דער תלמוד איז געשאַפען געוואָרען פון מענשען און מען איז לחלוטין נישט מחויב איהם אָבצוהיטען. דער תלמוד מאַכט שווער דאָס יודישע לעבען. די תלמוד׳יסטען זענען, לויט זיין מיינונג, נישט די אמת׳ע יודען. ער האָט דע־ריבער גערופען די יודישע וועלט זיך צוריקצוקעהרען צו מקרא, צו דער תורה, צו אַ נייער אויסטייטשונג, צו דער בוכשטעבליכער אינטערפּרעטאַציע, וועלכע איז די אמת׳ע כוונה, די איינציגע כוונה.

עס שיינט, אַז זיין פּערזענליכע שנאה און האָס צו די גאונים האָט אינגאַנצען פערבלענדעט זיין געדאַנק, וואָרום נאָך אַלעמען האָט ער אַלס למדן געדאַרפט בעסער פערשטעהן דעם זין פון דער טראַדיציע, פון תלמוד, וואָס איז נישט געקומען מוסיף זיין, נאָר איבערצוגעבען יענע אינטערפּרע־טאַציעס פון דער תורה, וואָס דאָס פאָלק האָט זיי געהאַט בקבלה פון דורות פריהער. ענן איז געווען בעהערשט מיט אַ נקמה-געפיהל דערפאַר, וואָס מען האָט איהם בערויבט פון זיינע געזעצליכע פירשטליכע רעכטען, און האָט דעריבער נישט געוואָלט איינזעהן, אַז מיט זיינע פרייע, ווילקירליכע אויס־טייטשונגען פון דער תורה גיט ער איבער נישט בלויז אַ פאַלשען פּשט, אַ זינלאָזען פּשט, נאָר ער מאַכט נאָך דערצו דאָס יודישע רעליגיעזע לעבען פיעל שווערער און אונאָנגענעהמער.

ענן האָט, לויט זיינע אויסטייטשונגען, געמאַכט דעם שבת פּשוט אומ־ערטרעגליך. וויבאַלד עס שטעהט אין דער תורה „לא תבערו אש״, דאַרף מען עס אָננעהמען בוכשטעבליך, אַז מען טאָר אום שבת נישט עסען קיין שום וואַרעמע שפּייז, אַז מען דאַרף ערב-שבת זיצען אין דער פינסטער: עס הייסט, אַז מען טאָר לחלוטין נישט געניסען פון פייער און ליכט — אַפילו ווען דאָס איז געמאַכט געוואָרען דורך אַנ׳אַנדערען, נישט דורך קיין יוד. אַז אימיצער איז קראַנק, דאַרף מען קיין שום דאָקטאָר נישט רופען, ווייל עס שטעהט אין דער תורה „אני ה׳ רופאך״: עס הייסט, אַז דער אויבערשטער אַליין וועט שוין דיך אויסקורירען. לויט דער תלמוד׳ישער אויסטייטשונג איז „פּקוח-נפש דוחה שבת״, אָבער לויט ענן׳ס „תורה״ האָט מען קיין שום זאַך נישט געטאָרט טהון פאַר אַ חולה אום שבת, אַפילו ווען ער איז געשטאַנען

אין דער גרעסטער סכנה. מיט זיין פירוש אויף „והיו לבשר אחד" איז ענן אַוועק אַזוי ווייט, צו פערבאָטען חתונות מיט די סאַמע ווייטסטע קרובים, מיט וועלכע עס איז לויט'ן תלמוד יאָ ערלויבט געווען חתונה צו האָבען. זיינע געגנער האָבען דער'בער דאַן געזאָגט, אַז אָנשטאָט דעם תלמוד, וואָס האָט לייכטער און מענשליכער געמאַכט דאָס לעבען, האָט ער געמאַכט אַ נייעם תלמוד, וועלכען עס איז שווער אויסצופאָלגען.

ענן האָט אָנגעזאָגט זיינע תלמידים און אָנהענגער, אַז זיי זאָלען אַלצידינג פלייסיג נאָכזוכען אין דער תורה און מען זאָל זיך נישט פערלאָזען אויף זיינע מיינונגען און זיינע פירושים. צוליב דעם איז די תורה ביי די קאַראַאימער גופא אויסגעטייטשט געוואָרען פערשידענאַרטיג, אַזוי, אַז די קאַראַאימער האָבען זאָגאַר שטאָלצירט דערמיט, וואָס עס געפינען זיך נישט ביי זיי קיין צוויי מענשען, וועלכע זאָלען אַיינשטימען אויף איין זאַך. דאָך איז ענן בעטראַכט געוואָרען פאַר זייער גרויסען „רבי" און זיי האָבען זיין צוואָה אויסגעפיהרט. זיי האָבען זיך פערטיעפט אין דער תורה, זיי האָבען זיך געגריבעלט אויף יעדען פסוק, אויף יעדער אויסטייטשונג און האָבען דערביי שטענדיג לכתחילה געזוכט צו מאַכען אַזאַ פירוש, וואָס זאָל זיין אַנדערש ווי דער תלמוד. צוליב דעם האָבען זיי אָנגעהויבען פלייסיג צו שטודירען די העברעאישע שפראַך, די העברעאישע גראַמאַטיק, און זיי זענען אויף דעם געביעט פון שפראַך-פאָרשונג געוואָרען זעהר מעכטיג.

עס פערשטעהט זיך, אַז פונקט אַזוי ווי ביי אַלע אַנדערע בעוועגונגען, אַזוי זענען אויך די קאַראַאימער, אָדער ווי זיי האָבען זיך אָנגערופען די ערשטע צייט „אַנאַניטען", אַוועק פיעל ווייטער פון זייער רבי'ן און דער תהום צווישען זיי און די תלמוד'ישע, טראַדיציאָנעלע יודען איז געוואָרען גרעסער. די חכמים האָבען זיי געֿ'רודפ'ט און מחרים געווען, און דאָסזעלבע האָבען אויך די קאַראַאימער געטהאָן געגען זיי. די קאַראַאימער האָבען זיך אָבגעזאָגט פון יעטווידער בעציהונג מיט די תלמוד'ישע יודען, מיט די יודען, וואָס האָבען נישט אָנגענומען זייער תורה. די קאַראַאימער האָבען זיך אויפגעהערט מתחתן צו זיין מיט יודען נישט-קאַראַאימער. זיי האָבען זיך אָבגעזאָגט צו עסען ביי די נישט-קאַראַאימער. זיי האָבען אפילו אויפגעהערט צו בעזוכען די נישט-קאַראַאימישע הייזער אום שבת. די מיינונגס-פערשידענהייטען צווישען די קאַראַאימער און די טראַדיציאָנעלע יודען האָבען זיך מיט דער צייט אַזוי שטאַרק פערשאַרפט, אַז די קאַראַאימער האָבען פולשטענדיג געקאָנט בעטראַכט ווערען אַלס אַן'אָבגעריסענער טייל פון יודענטום.

נישט-קוקענדיג דערויף, וואָס די קאַראַאימער האָבען מיט זייערע פירושים שווערער און אונמענשליכער געמאַכט די תורה און געשאַפען אַזעלכע ווילדע געבאָטען, האָט זיך דאָך זייער נייע שיטה אָנגעהויבען שטאַרק צו פערשפרייטען צווישען יודען און האָט געוואונען פיעל אָנהענגער צווישען די העכערע געבילדעטע עלעמענטען, וועלכע זענען געווען ענערגיש און

איינפלוסרייך און האָבען מיט דער צייט געליפערט פיעל בעדייטענדע פיהרער פון דער קאַראַאימישער בעוועגונג. די קאַראַאימער איז שוין איצט מעהר געלונגען ווי זייערע אַמאָליגע חברים, די צדוקים, בעת׳ן בית שני, און זייער וואוקס און פּאָפּולאַריטעט איז געוואָרען אַ סכנה פאַר׳ן גאַנצען יודענטום.

ד.

ר׳ סעדיה׳ס ארויסטריט געגען די קאַראַאימער.

די חכמים פון יענער צייט האָבען לכתחילה די גאַנצע קאַראַאימישע בעוועגונג כמעט ווי מבטל געמאַכט. זיי האָבען געהאַלטען, אַז אַזעלכע אפּיקורסישע גרופּעס זענען שוין ביי יודען געוועזען און לסוף זענען זיי אונטערגעגאַנגען, און מחמת דעם וועט אויך די קאַראַאימישע בעוועגונג פערשווינדען, ווי אַ רויך, און ס׳וועט פון איהר קיין זֵכֶר נישט בלייבען. זיי האָבען זייער ביטול אילוסטרירט דערמיט, וואָס זיי האָבען אַנגעווענדעט געגען די קאַראַאימער און איבערהויפּט געגען ענן׳ען און זיין זוהן, שאול, דעם בעוואוסטען פסוק: „כלה ענן וילך, כן יורד שאול לא יעלה".

נישט־קוקענדיג אויף זייער ביטול, אָדער אַדאַנק זייער ביטול, איז די קאַראַאימישע בעוועגונג גרעסער און שטאַרקער געוואָרען, דען מען דאַרף נישט פערגעסען, אַז דעמאָלט איז דער תלמוד נישט געוועזען טיעף אַריינגעדרונגען אין פאָלק און די שוואַכערע יודען איז געוועזען לייכט איבערצורעדען. די קאַראַאימער האָבען זיך געהאַלטען פאַר יודען. זאָגאַר פאַר די בעסטע יודען, די אמת׳ע יודען: זיי האָבען גע׳טענה׳ט, אַז ביי זיי איז תורת־משה נישט בלויז טייער און הייליג, נאָר אַז זייער אויפגאַבע איז צו ראַטעווען די תורה פון די תלמוד׳יסטען, וועלכע פערדרעהען כלומר׳שט מיט זייערע אינטערפּרעטאַציעס דעם אמת׳ן פשט און די אמת׳ע כוונה פון דער תורה. עס איז אויסגעקומען, אַז די קאַראַאימער זענען געקומען ראַטעווען דאָס יודענטום און בעפרייען עס פון די כלומר׳שט איבריגע שווערע לאַסטען, וואָס די תלמוד׳יסטען האָבען אויף איהם אַרויפגעלעגט. דאָס איז געוועזען זעהר אָנלאָקענד און פערפיהרעריש — און ס׳איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס די מחנות פון די קאַראַאימער זענען כסדר גרעסער געוואָרען.

דאַן האָבען זיך די חכמים אַרומגעזעהן, אַז מען קאָן די בעוועגונג נישט אָוועקמאַכען מיט׳ן האַנד, אַז מיט ביטול וועט מען לחלוטין נישט קאָנען בעזייטיגען די גרויסע סכנה, וואָס האָט זיך פלוצלונג פאַר זיי ענטפּלעקט. זיי האָבען געגען די קאַראַאימער אָנגעהויבען אַרויסצוטרעטען אין די שוהלען, זיי האָבען געפּרובט איבערצייגען די קאַראַאימער, אַז זיי געהען אויף אַ פאַלשען וועג, און אָנגעוויזען די יודען, אַז זיי זאָלען זיך האַלטען אָן דעם טראַדיציאָנעלען יודענטום, וואָס איז דאָס אמת׳ע, איינציגע יודענ-

טום, און זיך נישט לאָזען פערפיהרען פון די קאַראַאימער. אַזוי ווי די קאַראַאימער האָבען זיך אפילו נישט געוואָלט צוהערען צו די תלמוד׳יסטישע דרשות און זענען נאָך שאַרפער אָנגעפאַלען אויף די תלמידי-חכמים, איז אויף זיי אויסגערופען געוואָרען אַ חרם און זיי זענען אויסגעשלאָסען געוואָרען פון כלל ישראל.

די חכמים האָבען, אַלזאָ, קיין ערפאָלג נישט געהאַט. זיי האָבען אין ביידע ריכטונגען נישט דערגרייכט דעם ציעל. נאָך מעהר, אַנשטאָט די קאַראַאימער אָבצושוואַכען, האָט מען זיי גאָר פערשטאַרקט. די פשוט׳ע יודען האָבען זיך וועניג-וואָס געקאָנט פונאַנדערקלויבען אין די טעאָרעטישע דיסקוסיעס, צו וויסען, ווער עס איז גערעכט און ווער נישט. זיי האָבען אָבער געזעהן פאַר זיך יודען, וואָס ווערען גע׳רודפ׳ט פאַר אַ אידעע — און זיי זענען געגאַנגען מיט די נרדפים, ווי עס איז שטענדיג דער שטייגער אין אַזאַ פאַל. די מאַסע איז שטענדיג געניייגט צו געהן מיט די פערפאָלגטע. אויף אַזאַ אופן זענען די קאַראַאימער דורך די חרמות און רדיפות פערוואַנדעלט געוואָרען אין העלדען, אין מאַרטירער. זיי זענען געוואָרען מעהר אָנגעזעהן, מעהר חשוב, און פיעל יודען זענען צוגעשטאַנען צו זיי.

די הויפּט-סיבה פון דער אונערפאָלגרייכער אָפּענסיווע געגען די קאַראַאימער מצד די חכמים איז געלעגען דערין, וואָס זיי זענען מיט זייערע קאַמפּס-מיטלען נישט געווען צוגעפּאַסט צו די קאַראַאימער. די חכמים מיט די קאַראַאימער האָבען זיך נישט געקאָנט צונויפרעדען אויף איין אַלגעמיינער שפּראַך. די חכמים און די קאַראַאימער האָבען געהאַט פערשידענע מינים כלי-זין. דער גאַנצער כח פון די קאַראַאימער איז געלעגען אין תורה שבכתב. זיי האָבען געקענט די שפּראַך, לשון-קודש, זיי האָבען געקענט, אָדער ריכטיגער געזאָגט, געשאַפען מאַנכע גראַמאַטיקאַלישע כללים, און דערמיט האָבען זיי געקאָנט קונציג מאַניפּולירען אויף צו מאַכען פשוט׳ע אויסטייטשונגען פון דער תורה. דעם תלמוד ווידער האָבען זיי לחלוטין נישט אָנערקענט. די תלמידי-חכמים, דאַגעגען, האָבען זיך מיט מקרא נישט געהאַט אָבגעגעבען און האָבען באַזירט דאָס יודישע לעבען בלויז אויף די טראַדיציאָנעלע אויסטייטשונגען פון דער תורה, אויף דעם תלמוד אַליין. ווי-אַזוי האָבען די תלמידי-חכמים זיי געקאָנט מנצח זיין?

פון אַ גאַנץ אַנדער שניט איז אָבער געווען ר׳ סעדיה. ער האָט פעראייניגט אין זיך אי תורה, אי אַלגעמיינע חכמה. ער איז געווען דער גרויסער טראַדיציאָנעלער יוד און איז גלייכצייטיג געווען מעכטיג אין יענע וויסענשאַפטען, אויף וועלכע די קאַראַאימער האָבען געהאַלטען דעם מאָנאָפּאָל איבער די תלמידי-חכמים. ר׳ סעדיה איז געווען דער גרויסער בעל-מקרא און ער איז געווען פאַקטיש דער ערשטער, וואָס האָט געלעגט דעם גרונדשטיין פאַר דער העברעאישער פילאָלאָגיע; ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געשאַפען די גראַמאַטיק פון דער העברעאישער שפּראַך. דאָס הייסט פשוט, אַז די אמת׳ע שטאַרקע כלי-זין, מיט וועלכע די קאַראַאימער האָבען

זיך בעריהמט, אַז בלויז זיי אַליין פערמאָגען עס, איז גאָר געלעגען נישט אין זייערע הענד, נאָר אין די הענד פון ר׳ סעדיה׳ן.

בטבע איז ר׳ סעדיה, אייגענטליך, געווען אַ שטילער מענש, אַ קאַבי־נעט־מענש. ער האָט ליעב געהאַט צו זיצען אין שטוב און לערנען. ער איז געווען זעהר אַ בעשיידענער און אַ ליעבענסווירדיגער, פול מיט מיטלייד און רחמנות צו מענשען. אָבער אַז ס׳איז געקומען צו דער תורה, אַז מען האָט אָנגעריהרט די תורה, איז אָט דער שטילער, רוהיגער מענש פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ לייב. דאָ האָט ער אַרויסגעוויזען דרייסטקייט און מוט, איינגעשפּאַרטקייט און אייזערנעם ווילען. ביי אַזאַ פאַל האָט ער קיינעם נישט געשוינט, דאָ האָט ער נישט געוואוסט פון קיין נשיאת־פנים. דער אמת און גערעכטיגקייט איז ביי איהם געשטאַנען העכער פון אַלץ. און דעריבער, ווען ער האָט דערזעהן די סכנה, וואָס עס לויערט אויפ׳ן יודענטום, ווען ער האָט דערזעהן די פאַלסיפיקאַציעס, וואָס די קאַראַאימער מאַכען אין זייערע פירושים אויף דער תורה, איז ער אַרויס אין שלאַכט. ער איז נאָך דאַן גאַנץ יונג געווען, בסך־הכל דריי און צוואַנציג יאָהר אַלט. אָבער זיי־ענדיג בעוואָפענט מיט שאַרפע כלי־ז׳ן, איז זיין אָפּענטיווע געווען פון אויסערגעוועהנליכער קראַפט.

צום אָנהויב איז ער אַרויס מיט אַ ספר געגען ענן׳ען דירעקט. דער־דאָזיגער ספר, פון וועלכען מען האָט נאָך געהאַט געוואוסט ביז׳ן סוף פון צוועלפטען יאָהרהונדערט, איז ליידער פערלוירענגעגאַנגען. עס ווערט בע־הויפּטעט, אַז דערדאָזיגער ספר, ווי אַ סך אַנדערע ספרים, וועלכע זענען געווען געווענדעט געגען די קאַראַאימישע אידעען, איז דורך די קאַראַאימער אַליין פערניכטעט געוואָרען, פּונקט אַזוי ווי פיעל קאַראַאימישע ספרים פון יענער צייט זענען פערניכטעט געוואָרען דורך די פרומע יודען. און דאָס איז גאַנץ מעגליך. געבליבען פון ר׳ סעדיה׳ס ערשטען ספר זענען בלויז שטיקלעך אין דער פאָרם פון ציטאַטען, וועלכע די קאַראַאימער אָדער יודישע חכמים האָבען געבראַכט אין זייערע ספרים. און פון אָט די ציטאַטען איז צו זעהן, אַז דער ספר איז געווען פול מיט פייער געגען דעם „רבי׳ן" אַליין. ער האָט הויפּטזעכליך געציעלט צו ווייזען דאָס אמתע פנים פון דעם נייעם מחוקק, צו ווייזען, וואָס פאַר אַ פאַלשע פערזאָן ער איז געווען. ער גרייפט־אָן אויך די ווילקירליכע, הפקר׳דיגע אינטערפּרעטאַציע פון דער תורה און זייערע נייע מצוות, וועלכע זענען געבויט אויף זייערע משונה׳דיגע אויס־טייטשונגען; אָבער דער עיקר איז, קענטיג, געווען ביי איהם ענן גופא. ער ווייזט־אָן אין יענעם ספר, אַז ענן האָט געשאַפען זיין נייע תורה און איז אָנגעפאַלען אויף די תלמידי־חכמים און אויפ׳ן תלמוד נישט ווייל ער איז געווען כלומר׳שט אַזוי טריי איבערגעגעבען צו דער תורה און צו די מצוות, נישט ווייל ער האָט נישט געקאָנט פערטראָגען די כלומר׳שט נישט־ריכטיגע אינטערפּרעטאַציעס פון די תלמודי׳סטען, נאָר פשוט ווייל ער איז געווען אַ נידריגער עגאָאיסט און האָט פערזענליך געוואָלט זיך נוקם זיין, זיך

אָבצורעכענען מיט די גאונים דערפאַר, וואָס זיי האָבען איהם נישט געוואָלט דערלאָזען צו פערנעהמען דעם אַמט פון ריש-גלותא.

דערמיט אַליין האָט אָבער ר׳ סעדיה נישט געזאָגט גענוג. ער האָט געפיהלט, אַז דאָ מוז ווייטער געפיהרט ווערען אַן׳אונאויפהערליכער קאַמף, אויב נישט איינגאַנצען די קראים צו פערניכטען, איז אָבצושוואַכען, לכל־הפחות, זייער איינפלוס, וואָס זיי האָבען אויסגעאיבט אויף געוויסע טיילען פון יודענטום. ער איז דעריבער אַרויס מיט נאָך ספרים געגען זיי. דאַסמאָל האָט ער שוין אויסגעמיטען פערזענליכע אַנגריפען, נאָר ער האָט אָנגעווענדעט זיין גאַנצע קראַפט געגען דער שיטה, געגען דער גאַנצער תורה פון די קאַראַאימער בכלל.

דידאָזיגע פּאָלעמישע ספרים, וועלכע זענען אַגב געשריבען געוואָרען אין אַ שענעם אַראַביש, כדי עס זאָלען פערשטעהן סיי די פשוט׳ע יודען און סיי די געבילדעטע מאַהמעדאַנער, זענען אויך ליידער פערלוירענגעגאַנגען און צווישען זיי אויך דער „ספר המבחן״, אָדער „ספר ההכרה״, וועלכער האָט געזאָלט זיין דאָס שטאַרקסטע ווערק, וואָס ער האָט געהאַט אָנגעשריבען געגען די קאַראַאימער. פון דעמדאָזיגען ספר זענען געבליבען בלויז גרעסערע אויסצוגען, וועלכע ווערען געבראַכט דורך איינעם אַ קאַראַאימער פון צעהנטען יאָהרהונדערט, וואָס האָט געשריבען אַ פירוש אויף דער תורה. אויך דער אבן-עזרא דערמאָהנט דעמדאָזיגען ספר און גיט-איבער עטוואָס פון זיין אינהאַלט.

פון דעם יתר־הפליטה, וואָס ס׳איז דערגאַנגען צו אונז דירעקט און אינדירעקט, איז צו זעהן, אַז דאָ האָט ר׳ סעדיה געפּרובט אונטערמינעווען דעם גאַנצען קאַראַאימישען בנין. ער האָט זיי אָנגעוויזען, אַז אַלע זייערע ביי־געשאַפענע דינים און אומגעענדערטע יודישע מצוות שטאַמען פשוט דערפון, וואָס זיי טייטשען שלעכט אויס די תורה, וואָס זיי פערשטעהען נישט די תורה. דאָס איז געווען דער גרעסטער קלאַפּ, וואָס מען האָט די קאַראַאימער געקאָנט געבען. דען די גאַנצע צייט האָבען די קאַראַאימער געהאַלטען אין איין טענה׳ן, אַז די תלמוד׳יסטען מאַכען פאַלשע פשטים אויף דער תורה, ווייל זיי קענען נישט קיין לשון-קודש; ווען זיי וואָלטען גוט פערשטאַנען די שפּראַך, וואָלטען זיי בעסער פערשטאַנען דעם פשט פון פסוק. קומט צו געהן ר׳ סעדיה און ווייזט זיי אָן, אַז הגם זיי קענען יאָ לשון־קודש, פונדעסטוועגען ווייסען זיי דאָך נישט קיין פשט פון פסוק און שאַפען אויף דעמדאָזיגען סמך משונה׳דיגע דינים און מצוות. אַזוי איז מיט זייער אויסטייטשונג בנוגע שבת, יום-טוב און חתונות מיט קרובים. דאָס קומט אַלץ פון זייערע שלעכטע פירושים. ר׳ סעדיה האַלט, אַז מיט דער שפּראַך אַליין קאָן מען ווייט נישט אַוועק, אויב מען פערשטעהט נישט דעם אמת׳ן גייסט פון דער תורה, אויב מען נייגט-אָב פון טראַדיציע. דער פשט פון דער תורה לויט דער ווערטליכער אויסטייטשונג קאָן נישט האָבען קיין בעדייטונג. מען דאַרף פערשטעהן דעם טעם, מען דאַרף פערשטעהן דעם

זין, די אמת'ע כונה פון מחוקק; אָבער דאָס קאָן מען דערגרייכען נאָר ווען מען געהט צום אורשפּרונג, צו דער ענטשטעהונג, צו דער טראַדיציע.

דידאָזיגע אַטאַקעס האָבען ממש צומישט די מוחות פון די קאַראַאי־מישע פיהרער. זיי האָבען זיך פערלוירען. דען ביז־איצט איז די איניציאַ־טיווע געלעגען אין זייערע הענד. זיי האָבען געפיהרט די אָפענסיווע, און די תּלמידי־חכמים זענען געווען אין אַ צושטאַנד פון פערטיידיגונג, אָדער אינגאַנצען פּאַסיוו, אויב מען זאָל נישט רעכענען דעם חרם. אַצינדערט איז אָבער די איניציאַטיווע אַריבער אין ר' סעדיה'ס הענד. אַצינדערט איז ר' סעדיה, אָט דער פאָרשטעהער פון דער תּלמוד'ישער וועלט, וועלכע די קאַ־ראַאימער האָבען געהאַסט, געוואָרען דער אַנגרייפער און דערצו נאָך מיט אַזאַ שפּראַך און מיט אַזעלכע אַרגומענטען, צו וועלכע זיי זענען גאָר נישט געוועהנט געווען. די קאַראַאימער האָבען דעריבער מורא בעקומען פאַר זייער פּרעסטיזש און האָבען פערפיהרט געגען ר' סעדיה'ן אַ מלחמה.

דער הויפּט־געגנער זיינער איז געווען דער קאַראַאימישער פיהרער סלמון בן ירוחם. סלמון איז געווען ר' סעדיה'ס אַ לאַנדסמאַן, אַן עגיפּטער, פון פאָסטאַט נעבען קאַהיראַ. אין דער יוגענד איז ער אַוועק קיין ארץ־ישראל, וואו ער איז געוואָרען אַן אָנהענגער פון די קאַראַאימער. דערדאָזיגער סלמון איז געווען אַ מענש פון מיטעלמעסיגער געלעהרזאַמקייט און מיטעלמעסיגע פעהיגקייטען, אָבער זעהר אַן ענערגישער, אַ גרויסער פאַנאַטיקער, אַ גרויסער היץ־קאָפּ און אַ גרויסער חצוף — און דעריבער, וואו נאָר ער איז אַביסעל צו־קורץ געקומען מיט וויסען, האָט ער ערגענצט מיט חוצפה, מיינענדיג אַזוי־אַרום מיט זלזולים צו לעזען וויכטיגע פּראָבלעמען.

ווען ער איז צוריקגעקומען פון ארץ־ישראל אַהיים קיין עגיפּטען און האָט דערזעהן, וואָס פאַר אַ געוואַלדיגען איינדרוק ר' סעדיה האָט געמאַכט אויף דער קאַראַאימישער וועלט, איז ער אָנגעפאַלען אויף איהם מיט שרעק־ליכע בעליידיגונגען, פאַרוואָס ער פערטיידיגט די טראַדיציע. ער האָט, אַגב, גע'טענה'ט, אַז אויב די טראַדיציע וואָלט געווען אַזוי וויכטיג, וואָלט די תּורה שבכתב זי נישט פערשוויגען; פערקעהרט, זי וואָלט אויסדריקליך ער־קלערט, אַז חוץ די פערשריבענע דינים זענען פאַראַן אויך מינדליכע, וועלכע מען מוז פאָלגען. וויבאַלד די תּורה דערמאָהנט נישט וועגען זיי, איז אַ סימן, אַז מען דאַרף זיי נישט אָבהיטען. אויסערדעם, זאָגט ער, זענען פאַראַן אין תּלמוד סתירות און מיינונגס־פערשידענהייטען. איינער, למשל, זאָגט, אַז ס'איז כשר, און אַ צווייטער זאָגט, אַז ס'איז טריף. אויב, זאָגט ער, עס וואָלט געווען אַ מסורה, וואָלטען דאָך נישט געווען קיין חילוקי־דעות. דערביי האָט ער געפּרובט בערעכטיגען די קאַראַאימישע פּירושים וועגען קאַלענדער, וועגען צוויי טעג יום־טוב, וועגען חתונה־האָבען מיט קרובים און וועגען האָבען ליכט אום שבת.

חוץ סלמון'ען זענען געווען נאָך אַנדערע קאַראַאימער, וועלכע האָבען זיך געפּרובט פערטיידיגען געגען די אַנגריפען פון ר' סעדיה'ן און האָבען

זיך דערביי אויך בענוצט מיט סלמונ'ס מעטאָדען — מיט זלזולים און בלבולים. זיי האָבען זאָגאַר פערשפּרייט קלאַנגען, אַז ר' סעדיה שטאַמט פון גרים, כדי אויף אַזאַ מין אופן אָבצושוואַכען זיין פּרעסטיזש. דאָס אַלץ האָט זיי אָבער גאָרנישט געהאָלפען.

דאָס האָט ר' סעדיה'ן נישט אָבגעשראָקען; פערקעהרט, ער איז אין משך פון קאַמף געוואָרען שטאַרקער, העפטיגער, שאַרפער און טיעפער. ס'איז אמת, אַז אין רעכטען ברען פון דער מלחמה האָט ר' סעדיה אָנגעווענדעט געגען די קאַראַאימער מאַנכע שוואַכע אַרגומענטען און אַמאָל אויך נישט קיין ריכטיגע תּלמוד'ישע אינטערפּרעטאַציעס. אָבער אַזעלכע זאַכען קומען אָפט פאָר אין יעדען קאַמף — און זיי זענען אויך נישט וויכטיג, ווען זיי ווערען אַרונטערגעשטעלט אונטער'ן שיין פון זיינע גרויסע ליכטיגע טהאַטען און ערפאָלגען.

דער קאַמף איז אָנגעגאַנגען פאַר לאַנגע יאָהרען, אָבער אַלס זיעגער איז אַרויס ר' סעדיה. ער האָט בעזייטיגט די סכנה, וואָס האָט געדראָהט דעם יודענטום מצד די קאַראַאימער, און האָט אונטערגעגראָבען דעם גאַנצען יסוד פון דער קאַראַאימישער תורה. דער גאַנצער קאַראַאימישער בנין האָט זיך אָנגעהויבען טרייסלען. זיי האָבען זיך געפיהלט צוקלאַפּט. שוין פון דעם גיפט אַליין, וואָס זיי שפּריצען אין זייערע ספרים אויף ר' סעדיה'ן, איז צו זעהן, וואָס פאַר אַ שטאַרקע קלעפּ זיי האָבען געכאַפּט פון איהם און וואָס פאַר אַ גרויסע ווירקונג זיינע אַטאַקעס האָבען געהאַט אויף די מעהר ניכטערע עלעמענטען פון די קאַראַאימער, וועלכע האָבען זיך אָנגעהויבען אָבצורוקען פון דער חברה. ר' סעדיה האָט זיי געגעבען ענטשידענע שלאַכ- טען — און הגם זיי האָבען נאָך אַ לענגערע צייט עקזיסטירט, איז זייער גורל שוין געווען בעשלאָסען. זייערע לאַנגע רייהען זענען געוואָרען אַלץ מעהר איינגעשרומפּען און אַלץ מעהר מאָגער, ביז זיי זענען געקומען צו דער מדרגה פון אַ קליינער יודישער גרופּע, וועלכע האָט זיך מיט דער צייט אינגאַנצען אָבגעריסען פונ'ם יודישען פאָלק.

ה.

ז'י שאַפּונג פון העברעאישער גראַמאַטיק.

אויב ר' סעדיה האָט זיך פערהעלטניסמעסיג גאַנץ פריה אַרויסגעוויזען אַלס שאַרפער פּאָלעמיקער, אַלס גרויסע קאַמפּס-קראַפט, האָט אָבער זיין שעפערישער זשעני, זיין שעפערישע קראַפט אַרויסגעשטראַהלט ווען ער איז נאָך יונגער געווען. באמת איז ר' סעדיה געווען אויך שעפער און בויער זאָגאַר אין זיין דעסטרוקטיווער, צושטערענדער טעטיגקייט. וואָרום מיט זיין קאַמף געגען די אַנטי-טראַדיציאָנעלע שטרעמונגען אין יודענטום האָט ער שטענדיג אַרויסגעבראַכט דאָס פּאָזיטיווע. ער האָט נישט בלויז קריטיקירט,

נאָר אויך געשאַפען. צושטערענדיג די פאַלשע טעאָריעס, האָט ער גלייכצייטיג אָנגעוויזען, וואָס עס איז אמת. אָבער דאָך, אַלס אָריגינעלער שעפער פון גאַנץ נייע ווערטען, וואָס זענען אין דער יודישער וועלט נאָך נישט בעקאַנט געווען, אַלס אַ שעפער פון אַ נייער עפּאָכע, הויבט ער אָן ארויסצושווימען פון די וויסענשאַפטליכע טיפענישען בעת ער איז ערשט צוואַנציג יאָהר געוואָרען. דאַמאָלס האָט ער געהאַט געשאַפען זיין ערשט ווערק, וואָס איז גלייכצייטיג געווען דאָס ערשטע ווערק פון דעמדאָזיגען מין ביי יודען בכלל — דאָס איז געווען דער ערשטער העברעאישער דקדוק, די ערשטע העברעאישע גראַמאַטיק.

עס פערשטעהט זיך, אַז פונקט אַזוי ווי יעדע וויסענשאַפט, אַזוי האָט אויך דקדוק, אַלס אַ וויסענשאַפט פון שפּראַך-פאָרשונג, דורכגעמאַכט אַ לאַנגען פּראָצעס פון ענטוויקלונגען, ביז ער איז געקומען צו דער פולקאָמענער פאָרם. אָנהויבענדיג פון דער סאַמע פרימיטיווסטער פאָרם, האָט יעדע נייע צייט מענדע עפּאָכע בעמערקט, אַז עס מוזען זיין אין דער שפּראַך אַזעלכע געזעצען, לויט וועלכע מען מוז רעדען און שרייבען אַזוי און נישט אַנדערש, און זיי האָבען עפּעס פּרובירט מחדש צו זיין. עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אַז ווען געוויסע חכמים פון דער אָדער יענער עפּאָכע וואָלטען זיך ספּעציעל אָבגעגעבען מיט דערדאָזיגער פאָרשונג, מיט דער אונטערזוכונג אין די געזעצען פון דער שפּראַך, וואָלט דער ענטוויקלונגס-פּראָצעס געווען אַ פיעל שנעלערער ווי ער איז געוועהנליך געווען. דער פאַל איז אָבער נישט געווען. עס שיינט, אַז אין די עלטערע צייטען האָט מען זיך צו-פיעל דערמיט נישט אינטערעסירט. אויב מען האָט צופעליג בעמערקט געוויסע אייגענטימליכקייטען, געוויסע פאָרמען פון דער שפּראַך, וועלכע זענען אויסגעקומען עפּעס אונגעוועהנליך, אַביסעל זאָנדערבאַר, האָט מען וועגען דעם אַ טראַכט געטהאָן און אַמאָל אויך אַרויסגעפונען פאַרוואָס דאָס דאַרף אַזוי זיין; אָבער נאָכדעם איז אַלץ געבליבען ביים אַלטען, ווייטער ווי צופעליגקייטען זענען נישט געשעהן.

די ערשטע, וועלכע דערמאָהנען דאָס וואָרט דקדוק און פּרובירען געבען געוויסע אָנדייטונגען וועגען דקדוק, זענען געווען די חכמי התלמוד. דער תלמוד בענוצט זיך אָפט מיט די ווערטער „דקדוקי תורה“, „דקדוקי סופרים“; דאָס וואָרט „דקדוק“ האָט אָבער ביי זיי נישט געהאַט יענע בעדייטונג, ווי מיר טייטשען עם אויס היינט, דאָס הייסט, אַלס אַ דירעקטע אויספאָרשונג פון דער ענטשטעהונג און אויסבילדונג פון וואָרט און זאַץ אין אַלע זייערע פערשידענע פאָרמען צו מאַכען דעם געדאַנק קלאָר און קאָרעקט. דער תלמוד האָט מיט׳ן וואָרט „דקדוק“ פּשוט געמיינט פּינקטליכקייט, פּאָרזיכטיגקייט אין אַלע דעטאַלען, ער האָט דערמיט געמיינט מקפיד זיין אויף אַלע פּרטים פון דינים און ענינים פון הלכה ביז צום קלענסטען פּינטעלע. דאָס הייסט אָבער נישט צו זאָגען, אַז זיי האָבען נישט געקענט קיין גראַמאַטיק; פערקעהרט, די חכמי התלמוד האָבען אַרויסגעבראַכט אין

אַ דירעקטער פאָרם פיעל כללים און אייגענטימליכקייטען פון דער העברע־אישער גראַמאַטיק, ווי אויך אין אַנ'אינדירעקטער פאָרם, וועלכע קומען אַרויס פון געוויסע אינטערפּרעטאַציעס פון פסוקים בנוגע הלכות. זיי האָבען זיך אָבער מיט דער פאָרשונג פון דער שפּראַך אַלס געגענשטאַנד וואָהר־שיינליך נישט געהאַט אָבגעגעבען.

עטוואָס וייטער זענען שוין געגאַנגען די בעלי המסורה. ביי זיי הויבען זיך שוין אָן אַרויסצוווייזען די ערשטע שפּראַצונגען פון דעם, וואָס מיר רופען־אָן דקדוק. די הויפּט־כוונה און די הויפּט־אַרבייט פון די בעלי המסורה איז געווען קודם־כל אָבצוהיטען דעם ריכטיגען טעקסט פון דער תורה. זיי האָבען דעריבער צונויפגעשטעלט אַלע פערשידענהייטען פון די אָרטאָגראַפישע פאָרמען פון פיעל ווערטער, וועלכע געפינען זיך אין תנ"ך, און האָבען זיי גרופּירט און סיסטעמאַטיזירט. די בעלי המסורה האָבען צו־נויפגעקליבען אַלע „קרי'ס" און „כתיב'ס", אַלע „חסר'ס" און „יתיר'ס" און אויך אָנגעוויזען אויף געוויסע ווערטער און זאַצען, וועלכע עס חזר'ן־זיך־איבער אין תנ"ך אין זייער אייגענטימליכער פאָרם און וואו זיי געפינען זיך. דאָס איז געווען אַ שענע, וואונדערבאַרע אַרבייט. זיי האָבען אָבער מיט זייער אַרבייט געשאַפען בלויז שטאָף און אָנרעגונגען צו פערטראַכטען זיך טיעפער אין דעם מהות פון דער שפּראַך. דער ערשטער, וואָס האָט באמת געלעגט דעם פונדאַמענט און אויסגעבויט דעם גרויסען בנין פון דער העברעאישער גראַמאַטיק, איז געווען נישט קיין אַנדערער, ווי ר' סעדיה גאון.

עס זענען אַפילו פאַרהאַן פאָרשער, וואָס ווילען אַרויסברענגען, אַז נאָך פאַר ר' סעדיה'ן זענען געווען געשריבענע ספרים איבער דער העב־רעאישער גראַמאַטיק. זיי זאָלען האָבען געשאַפען ר' אהרן בן משה בן אָשר, איינער פון די לעצטע חכמי המסורה פון טבריה, און ר' יהודה אבן קורייש פון טאַהוסאַט (צפון־אַפריקא), ווי אויך אַנדערע. דאָס איז אָבער נישט אינגאַנצען פינקטליך. ר' אהרן בן משה בן אָשר האָט געהאַט געוויסע ידיעות אין שפּראַך־פאָרשונג, ער איז אָבער גאַנץ וויט געווען דערפון, אַז ער זאָל האָבען געבראַכט דעם דקדוק צו אַ סיסטעם. מכח ר' יהודה אבן קורייש איז שוין ביי היינטיגען טאָג קלאָר, אַז ווען ער האָט געהאַט גע־שריבען זיינע גראַמאַטיקאַלישע פאָרשונגען, האָט שוין ר' סעדיה זיינע פאָר־שונגען געהאַט פערעפענטליכט פריהער און זיי האָבען געדיענט ר' יהודה'ן אַלס מוסטער. עס איז דעריבער קלאָר און אָנגענומען, אַז דער ערשטער און איינציגער, וואָס האָט געבראַכט די גראַמאַטיק צו אַ סיסטעם און געשאַפען די גאַנצע העברעאישע גראַמאַטיקאַלישע וויסענשאַפט, איז געווען נישט קיין אַנדערער, ווי ר' סעדיה אַליין. און אבן־עזרא, וועלכער גיט־איבער די גע־שיכטע פון דקדוק, הויבט טאַקע אָן נאָר פון ר' סעדיה'ן און נישט פון קיין אַנדערען.

דאָס ערשטע ווערק, וואָס ר' סעדיה האָט געשאַפען אויף דעמדאָזי־

בען געביעט, זייענדיג צוואַנציג יאָהר אַלט, איז געווען דער ספר „האגרון". דאָס איז געווען בלויז דער אָנהויב. שפּעטער אָבער האָט ער דידאָזיגע וויסענשאַפט אויסגעברייטערט, פערטיפערט און פערפעסטיגט מיט זיינע ספרים „שער הנקוד", „ספר חכמת הלשון", „ספר לשון עברית" און „שער הקריאָה", אין וועלכע עס ווערט שוין בעהאַנדעלט די עטימאָלאָגיע, סינ־טאַקסיס און אויך די פילאָזאָפיע פון דער שפּראַך. צום בעדויערן, זענען אָט די אַלע ספרים פערלוירענגעגאַנגען און בלויז אויסצוגען פון זיי, ברעקלעך און שטיקלעך, זענען פערבליבען אין די ווערק פון אַנדערע גראַמאַטיקער, וועלכע האָבען ר' סעדיה׳ן ציטירט. געבליבען זענען בלויז די צוויי הקדמות — אין העברעאיש און אַראַביש — צו דעם ספר „האגרון", און פראַגמענ־טען פונ׳ם ספר גופא.

דערדאָזיגער ספר איז געווען אַ פּראַקטיש לעהר־בוך צו שטודירען די גראַמאַטיק פון דער העברעאישער שפּראַך און אויך אַ מין כרעסטאָמאַטיע מיט לעזע־מאַטעריאַלען און מוסטערן פון שירים פון די דאַמאָלסדיגע פּאָעטען אָדער פייטנים: יוסי בן־יוסי, ינאי, ר׳ אליעזר הקליר, יהושע און פנחס. און כדי דאָס זאָל קאָנען פערשטעהן דער ברייטער עולם, האָט ר׳ סעדיה געשריבען איין הקדמה אויף אַראַביש, אויף דער שפּראַך, וואָס דאָס פאָלק האָט גערעדט. וואָרום ר׳ סעדיה האָט געהאַלטען פון דער מיינונג, אַז ווי־סענשאַפט האָט אַ בעדייטונג נאָר דאַן, ווען זי ווערט דאָס אייגענטום פון די ברייטע קרייזען, ווען זי ענטוויקעלט און שענערט־אויס די מאַסען. ער האָט געשטרעבט דערצו, אַז דאָס פאָלק זאָל קענען לשון־קודש, די שפּראַך, וועלכע גאָט אַליין האָט אויסגעקליבען זיך צו ענטפּלעקען צו זיינע אויסדער־וועהלטע און אויף וועלכער די מלאָכים זינגען שירה פאַר׳ן אויבערשטען. עס איז שווער צו געפינען נאָך אַ צווייטען צו ר׳ סעדיה׳ן, וועלכער זאָל מיט אַ אַזאַ בעגייסטערונג און מיט אַזאַ התלהבות רעדען וועגען דער העב־רעאישער שפּראַך. עס ווערט צוריסען זיין האַרץ און זיין נשמה, וואָס לשון־קודש איז פערשוואונדען פון די יודישע ליפּען און יודען האָבען אָנ־געהויבען רעדען אויף פערשידענע שפּראַכען. ער פאָדערט דעריבער, אַז אַלע קינדער פון יודישען פאָלק זאָלען זיך אָנהויבען לערנען לשון־קודש, וואָס איז, ווי ער אַליין דריקט זיך אויס, „אונזער פעסטונג", כדי דורכדעם צו פערשטעהן „די הייליגע געבאָטען פון גאָט, וועלכע וועלען בלייבען אויף אייביג אונזער לעבען, אונזער ליכט, אונזער הייליגטום".

דער איינפלוס פון ר׳ סעדיה׳ס וויסענשאַפטליכע שפּראַך־ענטדעקונגען איז געווען אונגעהויער גרויס. דידאָזיגע נייע וויסענשאַפט האָט אָנגעהויבען אריינדרינגען נישט בלויז, אַזוי צו זאָגען, אין די מעהר וועלטליכע קרייזען, נאָר אויך אין די תלמוד׳ישע קרייזען, וועלכע האָבען זיך אָנגעהויבען צו איבערצייגען, אַז אָהן דער קענטניס פון דער העברעאישער שפּראַך, און ממילא אויך פון דער תורה, וועט שווער זיין בייצושטעהן די פרייע ווינטען, וואָס האָבען אָנגעהויבען בלאָזען אין יודענטום. עס זענען באַלד נאָך איהם

געקומען נייע גרויסע שפּעטער אינ'ם יודענטום, ווי: ר' האי גאון, ר' שמואל הנגיד, דונש בן-לברט, וועלכער איז, אגב, געווען ר' סעדיה'ס א תלמיד, ר' מנחם בן-סרוק, ר' יונה אבן גנאח און אנדערע פּערזענליכקייטען, וועלכע האָבען געבראַכט ר' סעדיה'ס אָנגעהויבענע ווערק צו פולקאָמענהייט.

ר' סעדיה'ס שפּראַך-וויסענשאַפטליכע ספרים זענען אויף אזא אופן געווען פון אַן'אמת קולטור-רעוואָלוציאָנערען כאַראַקטער. ער האָט געשאַפען א נייע עפּאָכע אין דער געשיכטע פון יודענטום. ער האָט געעפענט א נייעם וועג פאַר'ן שטודיום פון דער העברעאישער שפּראַך און ממילא אויך פאַר נייע אינטערפּרעטאַציעס, נייע פּירושים אויף דער תורה און, ענדליך, אויך פאַר דער אויפבליהונג פון א גאַנץ נייער יודישער קולטור, וועלכע האָט שפּעטער אַזוי הערליך געגלאַנצט אין מערב-אייראָפּא.

ו.

דער ערשטער פירוש אויף דער תורה.

עס איז געווען נישט מעהר ווי נאַטירליך, אַז נאָך דעם ערשטען שריט האָט ר' סעדיה געמוזט מאַכען אויך דעם צווייטען. באַלד נאָך דעם, ווי ער האָט ענטדעקט די געזעצען פון דער העברעאישער שפּראַך, האָט ער לאָגישערווייזע געמוזט קומען צו שאַפען זיין פירוש אויף דער תורה. דען הגם דאָס שטודיום פון דער העברעאישער שפּראַך איז געוואָרען א געגענשטאַנד פאַר זיך — איז עס, יעדענפאַלס, נאָך אַלץ נישט בעטראַכט געוואָרען אַלס אַן'עיקר, אַלס א טייל פון יהדות, נאָר בלויז אַלס א מיטעל, ווי-אַזוי צו פערשטעהן און צו לערנען די תורה.

באמת זענען שוין פירושים אויף דער תורה געווען פון אייביג-אָן. דער פירוש אויף דער תורה איז אַזוי אַלט ווי די תורה גופא. אונזערע חכמים האָבען עס בילדליך אַרויסגעבראַכט, זאָגענדיג, אַז אויפ'ן באַרג סיני האָט מען די תורה געגעבען מיט אַלע דקדוקים און מיט אַלע פירושים. אָנדייטונגען אויף אַזעלכע טראַדיציאָנעלע פירושים געפינט מען שוין אפילו אין די כתבי-הקודש גופא און הויפּטזעכליך אין עזרא און אין דברי-הימים, וואו עס ווערען זאָגאַר אַרויסגעבראַכט מאַנכע דירעקטע אינטערפּרעטאַציעס.

חוץ-דעם זענען מאַנכע נייע פירושים אַרויסגעבראַכט געוואָרען דורך די תרגומים, דורך די איבערזעצער פון דער תורה אויף גריכיש און אַראַמעאיש, אויף די שפּראַכען, וואָס יודען האָבען דעמאָלט גערעדט. דער איבערזעצער האָט געמוזט אויך ערקלערען, אויסטייטשען, כדי דער פרעמדער לעזער זאָל קלאָר זעהן, וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך. און דעריבער זענען די תרגומים אין א געוויסען זין געווען גלייכצייטיג אויך פירושים. דאָסגלייכען האָבען אויך די חכמי התלמוד געמאַכט אינטערפּרעטאַציעס אויף דער תורה, און די אמוראים פון בבל האָבען שוין זאָגאַר געברויכט דאָס וואָרט „פשט" אַלס געגענזאַץ צו „מדרש", וועלכע האָבען שפּעטער געביל-

דעם צווי בעדייטענדע ריכטונגען אין די אויסטייטשונגען פון דער תורה.

די אַלע פערשידענאַרטיגע פאָרמען פון אינטערפּרעטאַציע אויף דער תורה זענען אָנגעגאַנגען ביי יודען פאַר לאַנגע דורות; אין די גאַר אַלטע צייטען זענען זיי איבערגעגעבען געוואָרען בקבלה בעל-פה, און שפּעטער אין שריפטליכער פאָרם. אָבער נאָך אַלעם דעם איז נאָך אַלץ נישט געווען קיין פאָלקאָמענער פּירוש אויף דער תורה, וואָס זאָל זיין באַזירט אויף ריינעם פּשט. דאָס האָט איצט געמוזט געשאַפען ווערען דורך ר׳ סעדיה׳ן.

ר׳ סעדיה האָט געשאַפען צווי פאָרמען פון אינטערפּרעטאַציעס אויף דער תורה. איין פּירוש איז געמאַכט געוואָרען דורך דער איבערזעצונג פון תנ״ך אויף אַראַביש, און דער צווייטער — דורך דער געוועהנליכער אויס-טייטשונג פון יעדען פּסוק, אָדער פון די שווערע פּסוקים. עס זענען פאַרהאַן סברות, אַז די תורה איז איבערגעזעצט געוואָרען אויף אַראַביש נאָך מיט אַ צייט פריהער פאַר ר׳ סעדיה׳ן. אָבער דאָס האַלטען אַלע נישט פאַר וויכטיג, וואָרום אויב אפילו עס זענען געווען אַזעלכע מינים איבערזעצונגען, איז שוין פון זיי נאָך פאַר ר׳ סעדיה׳ן קיין זכר נישט געווען. מחמת דעם איז פאַר אַלעמען אַן׳אונבעשטריטענער פאַקט, אַז די ערשטע בעדייטענדע איבערזע-צונג פון תנ״ך אויף אַראַביש איז געמאַכט געוואָרען דורך איהם, און אַזוי-אַרום איז ר׳ סעדיה געווען פאָלקאָם אָריגינעל און ניי אין ביידע פאָרמען פון זיינע אינטערפּרעטאַציעס.

פּונקט אַזוי ווי יעדער איבערזעצער, אַזוי האָט אויך ר׳ סעדיה זיך נישט געקאָנט האַלטען שטרענג אָן דער ריינער ווערטערליכער אויסטייטשונג. ער האָט געמוזט האָבען פרייע הענד, כדי אַרויסצובריינגען דעם אינהאַלט קלערער און פערשטענדליכער — וואָס עס וואָלט געווען, זעלבסטפערשטענדליך, אונמעגליך, ווען מען זאָל געהן טריט ביי טריט נאָך דעם אָריגינאַל. ר׳ סעדיה, וועלכער האָט געהאַט אַן׳אַנדער בעציהונג צו דער תורה און אַן׳אַנדער קאָנצעפּציע וועגען איהר אויסטייטשונג, האָט זיך געפיהלט גענוי-טיגט צו זיין פריי ביי דער איבערזעצונג, ווי אַנדערע תרגומים. און טאַקע דערפאַר איז זיין איבערזעצונג אין אַ געוויסען זין געווען מעהר פּירוש, ווי ביי אַנדערע. זיין ציעל איז געווען פאָרצושטעלען די תורה אין אַ וואָס מעהר איינפאַכער, וואָס מעהר קלאָרער פאָרם. דען מיט זיין אַראַבישער אי-בערזעצונג האָט ער געהאַט אין זינען די אַראַביש-רעדענדע יודען, זיי זאָ-לען פערשטעהן די תורה און לערנען די תורה. ער האָט דעריבער געמוזט אָנווענדען אַלע זיינע גייסטיגע קרעפטען, אַלע זיינע געניאַלע פעהיגקייטען לייכט צו מאַכען, אויסצוגלייכען אַלע שווערסטע פּסוקים, כדי דעם פרעמ-דען ווי דעם אייגענעם לעזער זאָל נישט איבערבלייבען עפּעס אַ פערדאַכט, אַז אין דער תורה זענען פאַרהאַן געוויסע אונפערשטענדליכע זאַכען.

ר׳ סעדיה האָט געהאַלטען די מיינונג, אַז אין דער תורה איז נישטאָ אַזאַ זאַך, וואָס זאָל זיין געגען דער לאָגיק, געגען דעם מענשליכען שכל—

און חכמת-דעם מוז אַלצדינג, וואָס ס׳געפינט זיך אין דער תורה, זיין פער-
שטענדליך און נישט ווילקירליך. כדי דורכצופיהרען אָט דעם געדאַנק, האָט
ער געפּרובט טהון אַלץ, וואָס ס׳איז נאָר מעגליך געווען, אַרויסצובעקומען
פון פּסוק אַזאַ מין פּשט. ער איז אָבער געווען גענוג גרויס אַלס טראַדיציאָ-
נעלער יוד און דעריבער אויך גענוג פאָרזיכטיג אָוועקגעהן צו-ווייט אין
חקירה און זיך געהאַלטען אין די ראַמען פון דער אַלטער יודישער טראַ-
דיציע, פון די אַלטע טראַדיציאָנעלע אינטערפּרעטאַציעס.

הגם ר׳ סעדיה איז געווען אָריגינעל אין זיינע אויסטייטשונגען, האָט
ער זיך אין אַ געוויסער בעציהונג געהאַלטען אָן מאַנכע אויסטייטשונגען פון
די תרגומים און הויפּטזעכליך אָן דעם תרגום אונקלוס. די תרגומים האָבען
זיך, קענטיג, אויסערגעוועהנליך אויסגעהיט פון דעם אַנטראָפּאָמאָרפיזם, פאַר׳ן
צושרייבען צו גאָט געוויסע מענשליכע אייגענשאַפטען: גאָט איז געגאַנגען,
גאָט האָט געזאָגט, גאָט האָט געפיהלט דעם ריח-ניחוח. דער געבילדעטער
עלעמענט האָט געקאָנט פאַרשטעהן, אַז דאָס איז „כדי לשבר את האוזן",
צו מאַכען די זאַך איינפאַכער; אָבער פאַר די פשוט׳ע מענשען איז געווען,
לויט זייער מיינונג, אַ סכנה, אַז זיי זאָלען זיך פאָרשטעלען גאָט מיט מענש-
ליכע געפיהלען און טהאַטען, וועהרענד די יודישע רעליגיע איז געבויט
בלויז אויף אַזאַ גאָט, וואָס האָט קיין גוף נישט, וועלכען מען קאָן גאָר
נישט משיג זיין. די תרגומים האָבען דאָס געפּרובט אָבשוואַכען, אַנדערש
מאַכען. זיי האָבען בעסער מקריב געווען די שענקייט פון אָריגינאַל, אַבי
נישט צו שאַפען אַזעלכע מינים פאָרשטעלונגען. זיי האָבען די אַלע שטע-
לען אויסגעטייטשט אַזוי, אַז עס זאָל דערוויטערט ווערען די מענשליכע
אייגענשאַפט פון גאָט, און האָבען אַנשטאָט דעם גענוצט מעהר אַבסטראַקטע
בעגריפען. דאָסזעלבע איז אויך געווען בעת עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען
דעם כבוד פון אונזערע אָבות און אמהות. די תרגומים האָבען דאַן נישט
איבערגעגעבען געטריי די שילדערונג פון דער תורה. יעקב אָבינו האָט נישט
גע׳גנב׳עט לבן׳ס האַרץ, ווי די תורה דריקט זיך אויס, נאָר ער זאָגט איהם
נישט אויס, אַז ער פאָהרט אַוועק. ער אַנטלויפט נישט, נאָר ער געהט
אַוועק. רחל גנב׳עט נישט אַרויס די בילדער פון איהר פאָטער, נאָר זי
נעהמט זיי בלויז אַוועק. לאה׳ס אויגען זענען נישט קיין שוואַכע, נאָר צאַרטע.
די תרגומים האָבען נישט געוואָלט שאַפען אַזעלכע בעגריפען אין פאָלק,
נישט וועגען גאָט אַליין און נישט וועגען זיינע אויסדערוועהלטע. זיי האָ-
בען דאָ באמת קיין גרויסע ענדערונג נישט געמאַכט. דער אינהאַלט איז
געבליבען דערזעלביגער, נאָר אין אַ דעליקאַטער פאָרם, אין אַנ׳אַנגענעהמער
פאָרם. אַזוי האָט אויך געטהאָן ר׳ סעדיה, ווען ער איז געקומען צו אַזעלכע
שטעלען. געוועהנליך האָט ר׳ סעדיה ביי אַזאַ ריעזען-ווערק נישט געקאָנט
אויסמיידען געוויסע אונפּינקטליכקייטען; אָבער בכלל גענומען איז זיין אי-
בערזעצונג אַנערקענט געוואָרען פאַר אַ מייסטערווערק און זי האָט, אַגב,
אויסגעאיבט אַ געוואַלדיגען איינפלוס אויף די יודען, וואָס האָבען געוואוינט

אין די אַראַבישע לענדער. די תימנ'ער יודען געברויכען נאָך היינט ר' סעדיה'ס אַראַבישע איבערזעצונג פון דער תורה.

אַ גרויסע בעדייטונג האָבען, זעלבסטפערשטענדליך, געהאַט זיינע דירעקטע פירושים אויף דער תורה, וועלכע זענען זיכער געווען די אָריגינעלסטע אין פאָרם און אינהאַלט, און ער איז מיט זיי געווען דער וועג-ווייזער פאַר די שפּעטערדיגע דורות. ר' סעדיה איז געווען דער פּיאָנער אויף דעמדאָזיגען געביעט, פּונקט אַזוי ווי ער איז געווען דער פּיאָנער אויפ'ן געביעט פון דער העברעאישער גראַמאַטיק. ער האָט געשאַפען נייע געדאַנקען און בעעפענט נייע וועגען, נייע פאַרשונגס-פעלדער. ר' סעדיה האָט געשאַפען אַ נייע עפּאָכע אויך אויפ'ן געביעט פון דער תורה-אינטערפּרעטאַציע — און וויל ער איז געווען אַזאַ גרויסער אויטאָריטעט אין תלמוד און אַ גרויסער טראַדיציאָנעלער יוד, איז מעגליך געווען, אַז זיינע נייע השקפות און פירושים זאָלען אָנגענומען ווערען און פערשפּרייט ווערען איבער דער יודישער וועלט.

ז.

דער קאַמף געגען חיוי אל בלכי.

עס שיינט, אַז דעם שטילען געלעהרטען און דענקער ר' סעדיה איז נישט בעשערט געווען צו זיצען רוהיג און זיך איבערגעבען בלויז פּאָזיטיווע שאַפונגען. די סכנות, וואָס האָבען אָנגעהויבען דראָהען דעם יודענטום מצד פערשידענע מינים אַנטי-טראַדיציאָנעלע, האָבען איהם געהויבען פון אָרט און איהם פּשוט נישט געלאָזט איינזיצען רוהיג; איבערהויפּט, ווען ער האָט איינגעזעהן, אַז פונ'ם יודיש-טראַדיציאָנעלען צד ווערען נישט אָנגענומען קיין שום מיטלען דידאָזיגע נייע ריכטונגען צו בעקעמפען. אין אַזעלכע שווערע מאָמענטען האָט ער אַלס טיעף-רעליגיעזער מענש און גייסטיגער פיהרער געפיהלט, אַז ס'איז זיין פליכט צו טהון אַלץ, וואָס ס'איז נויטיג, צו שיצען דאָס יודענטום און נישט דערלאָזען די יודישע אמונה צוריסען ווערען.

די צייט איז דאַן געווען זעהר אַ שטורמישע. די וועלט האָט זיך אָנגעהויבען פיהלען צו-ענג און צו-געפּענטעט פון דער טראַדיציע, פון דעם אַלטען דענקונגס-אַרט, פון די אַלטע אָנשויאונגען. די וועלט איז בעהערשט געוואָרען פון אַ געוואַלדיגער אונרוהיגקייט, פון אַ געוואַלדיגער אונצופריעדענהייט. מען האָט אָנגעהויבען איבערשאַצען אַלע פריהערדיגע גייסטיגע און עטישע ווערטען. מען האָט אָנגעהויבען רעווידירען דעם גאַנצען גייסטיגען אוצר פון אַלטערטום. עס איז פאָרגעקומען אַ גרויסער אויפשוואונג פון גייסטיגער בעפרייאונג, פון אַ גייסטיגען ליבעראַליזם. עס איז אָנגעקומען אויפ'ן אָריענט די ערשטע רענעסאַנס-עפּאָכע.

די שעפער פון דעם נייעם אינטעלעקטועלען ליבעראַליזם זענען געווען

די אַראַבער. די אַראַבער זענען דאַמאָלס געשטאַנען אויף אַ הויכער שטופע
פון קולטור. זיי האָבען געהאַט אַרויסגעגעבען בעדייטענדע געלעהרטע אויפ׳ן
געביעט פון מעדיצין, מאַטעמאַטיק און אַסטראָנאָמיע און האָבען זיך אויך
פערמאָסטען צו מאַכען אַ רעוויזיע אין די הימלען מיט דער הילף פון
חקירה, פון ריינעם פערנונפט, פון פילאָזאָפיע. עס זענען ענטשטאַנען גע-
וויסע דענקער, אויפגעקלערטע, וועלכע האָבען זיך אָבגעטרייסעלט פון דער
אַלטער רעליגיעזער טראַדיציע און האָבען פרובירט געבען דעם קאָראַן
אַזעלכע ראַדיקאַלע אויסטייטשונגען, וועלכע זענען געשטאַנען אין פולקאָ-
מענער סתירה צו די טראַדיציאָנעלע פירושים — און זיי זענען דעריבער
דורך די אַראַבישע מאמינים ערקלערט געוואָרען אַלס אַפיקורסים. עס פער-
שטעהט זיך, אַז פון אַזעלכע שאַרפע ראַציאָנאַליסטישע אינטערפרעטאַציעס
איז שוין נישט ווייט געווען צו פולען סקעפטיציזם, צו פולקאָמענער
אונגלויביגקייט.

דידאָזיגע נייע אידעען, די קריטיק, האָבען, זעלבסטפערשטענדליך,
געהאַט אַ ווירקונג אויך אויפ׳ן יודענטום. אידעען בלייבען נישט אין די
ראַמען פון אַ פאָלק, אָדער אַ מדינה. אידעען שווימען-אַרום איבער דער
וועלט און ווערען פון עמפפינדליכע גייסטער אויפגענומען אומעטום. די
יודען, וואָס האָבען געלעבט אין די אַראַבישע לענדער, האָבען נישט געקאָנט
ביישטעהן דעם דראַנג פון צייט-גייסט, וואָס האָט פרובירט דורכברעכען די
אַלטע איינגעפונדעווטע פעסטונגען פון טראַדיציע, און זיי זענען אַרונטער-
געפאַלען אונטער זיין איינפלוס. די יודען האָבען זיך אינטערעסירט מיט
דער אַראַבישער קולטור און האָבען זאָגאַר מיטגעהאָלפען דידאָזיגע קולטור
צו שאַפען און זיי האָבען, אַזוי-אַרום, איבערגענומען די אידעען פון די שעפער
כּוּנ׳ם רענעסאַנס און פרובירט זיי איבערפלאַנצען אויפ׳ן יודישען באָדען.
דורך אָט די אידעען זענען ענטשטאַנען ביי יודען נישט בלויז די קאַראַ-
אימער, וואָס האָבען שאַרף קריטיקירט די טראַדיציע ווי זייערע אַראַבישע
חברים, נאָר עס איז אויך ענטשטאַנען אַנ׳אַנדער ריכטונג, וועלכע איז גע-
גאַנגען נאָך ווייטער און האָט זיך געהאַלטען סקעפטיש צו אַלץ, וואָס ס׳איז
אין דער וועלט בעטראַכט געוואָרען אַלס געטליך. עס זענען ענטשטאַנען
אינטעליגענטען, משכילים, וואָס האָבען קריטיקירט נישט בלויז דעם תלמוד
און די אינטערפרעטאַציעס פון די גאונים, נאָר האָבען זיך פעסט אַ נעהם
געטהאָן צו דער תורה גופא, צו די עיקרים פון דער יודישער אמונה.

דער פאָרשטעהער פון די נייע ראַדיקאַלע אידעען, פון דעם נייעם
שאַרפען משכיל׳ישען סקעפטיציזם איז דאַמאָלס געווען דער פערסישער יוד
חיווי פון באַלך, בעקאַנט אַלס ח י ו י אַ ל ב ל כ י, אָדער ווי די יודען
האָבען איהם אָנגערופען „חיוי אַל כלבי“ (דער הונד).

דערדאָזיגער חיוי אַל בלכי האָט אַפנים פריהער געהאַט געהערט צו
דער ע כ ט ע ר ריכטונג אין יודענטום. עס שיינט אָבער, אַז אונטער דער
השפעה פון געוויסע פערסישע אידעען און פון דעם נייעם ראַדיקאַליזם,

פונ׳ם רענעסאַנס, האָט ער זיך אָוועקגעלאָזען מיט׳ן שטראָם. ער איז נישט קיין קאַראַאימער, ווי אונזערע חוקרים האָבען פאַר לאַנגע יאָהרען בעהויפּטעט, ווארום די קאַראַאימער האָבען נישט געגלויבט בלויז אין תלמוד, אין די טראַדיציאָנעלע אינטערפּרעטאַציעס פון דער תורה; זיי זענען אָבער געווען טיעף רעליגיעז און גרויסע מאמינים אין דער תורה שבכתב. זיי זענען געווען איבערגעגעבען צו תורת-משה און געגלויבט אין יעדען אות פון דער תורה — שוין נישט רעדענדיג דערפון, וואָס זיי האָבען געגלויבט אין תורה מן השמים. זיי האָבען די תורה פערטיידיגט, זיי האָבען די תורה פערהייליגט, פערגעטערט און געמאַכט פירושים צו דער תורה. זיי האָבען זיך געפיהלט שטאַרק בעליידיגט, ווען מען האָט זיי פּרובירט פאָרוואַרפען, אַז זיי זענען גייסטיגע יורשים פון די צדוקים.

חיוי איז אָבער געווען אַ סקעפּטיקער, אַ קריטיקער, אפשר דער ערשטער תורה-קריטיקער. ער איז געווען אַ געגנער נישט בלויז פון תלמוד, נאָר אויך פון דער תורה גופא. ער האָט נישט געגלויבט אין דער הייליגקייט פון דער תורה, אין דער געטליכקייט פון דער תורה. ער האָט פשוט נישט געהאַלטען פון די עיקרים פון דער יודישער אמונה. חיוי איז געווען ווי דער אַלטמאָדישער משכיל-אפיקורוס, וואָס האָט נישט קיין שום געפיהל פאַר רעליגיעזער דערהויבונג. ער איז געווען אַ פשוט׳ער טרוקענער ראַציאָנאַליסט, אַ מענש פון קאַלטער אויסרעכענונג, אַ מענש, וואָס האָט נישט געהאַט קיין שום הייליגען, געטליכען פונק פון זעעלישער, פון פּאָעטישער שענקייט. ער האָט פשוט גענומען דעם קריטישען מעסער און צושניטען די תורה אויף שטיקלעך און פּרובירט מאַכען אַ תל פון דער גאַנצער יודישער אמונה.

ער האָט אָנגעשריבען אַ ספר, אין וועלכען ער האָט אַרויסגעבראַכט, אַזוי צו זאָגען, צוויי הונדערט „טענות" אָדער „שאלות", — פון וועלכע עס זענען צו אונז דערגאַנגען בלויז עטליכע צעהנדליג, — און פּרובירט דורך זיי בעווייזען, אַז גאָט ווייסט נישט אַלץ, אַז גאָט איז נישט מקיים זיין שבועה, אַז די תורה איז נישט מן השמים, אַז די ניסים זענען קיין ניסים נישט און אַז די תורה איז פול מיט סתירות.

ער האָט געפרעגט:

פאַרוואָס האָט גאָט געפרעגט ביי אָדם׳ן, וואו ער איז: האָט דען גאָט נישט געוואוסט?

פאַרוואָס האָט גאָט געפרעגט ביי קין׳ען, וואו הבל איז: האָט ער דען נישט געוואוסט?

פאַרוואָס האָט גאָט פּרובירט אַברהמ׳ן צו זעהן, צי ער וועט ביישטעהן דעם נסיון: האָט דען גאָט נישט בעדאַרפט וויסען פריהער?

פאַרוואָס האָט גאָט געדאַרפט די קרבנות און דעם לחם-הפנים: עסט ער דען?

פאַרוואָס האָט גאָט בעשאַפען דעם יצר-הרע אינ׳ם מענשען?

פאַרוואָס האָט גאָט פריהער געבענשט די מענשען און זיי געהייסען פערנעהמען די וועלט, ווען ער האָט געוואוסט, אַז ער וועט מאַכען פון אַלץ אַ תל?

פאַרוואָס האָט גאָט געזאָגט צו אַברהם׳ן, אַז זיינע קינדער וועלען זיך פייניגען פיער הונדערט יאָהר? זיי האָבען דאָך גאָר נישט געהאַט געזינדיגט!

פאַרוואָס האָט גאָט פערלאָזען די ריינע מלאָכים און בעסער אויסגעוועהלט צו לעבען צווישען אונריינע מענשען?

„גאָט׳ס יצירה איז נישט פערפעקט, וואָרום ער אַליין האָט דערויף שפעטער חרטה געהאַט".

מאַנכע ערשיינונגען האָט חיוי פרובירט אויסטייטשען על־פי טבע. בנוגע קריעת־ים־סוף האָט ער געזאָגט, אַז משה רבנו האָט געוואוסט פון „עבע און פלוט",— אַז דאָס וואַסער פאַלט און דאָס וואַסער שטייגט,— און ער האָט דורכגעפיהרט די יודען דורכ׳ן ים, ווען דאָס וואַסער איז געפאַלען; פרעה האָט דערפון נישט געוואוסט און ער איז אומגעקומען. די מעשה מיט׳ן „מן" איז נישט געווען קיין נס: אויך איצט פאַלט „מן" אין מדבר.

מיט אַזעלכע קשיות און טענות האָט חיוי אל בלכי אויסגעאיבט אַן־איינפלוס אויף בעדייטענדע יודישע קרייזען נישט בלויז אין פערסיען, נאָר אויך אין די אַראַביש־רעדענדע לענדער. ביי דער שרעקליכער אונוויסענהייט און אַבערגלויבעריי פון איין זייט און הפקרות פון דער צווייטער זייט האָט מען גאַנץ לייכט געקאָנט ציהען אַן׳עולם מיט אַזעלכע קשיות. די אונגלויביגקייט איז דאַן נישט געווען קיין שרעקליכע זאַך. די אונגלויביגקייט איז דאַמאָלס געווען אין מאָדע — און אַז אימיצער איז געקומען און האָט בעוויזען מיט „ראיות", אַז מען דאַרף נישט גלויבען, איז דאָך אַודאי געווען גוט.

דערמיט אַליין האָט זיך אָבער חיוי נישט בענוגענט. קענטיג, אַז ער איז געווען אַ טעטיגער מענש און האָט אָנגעווענדעט אַלע כחות צו פערשפרייטען זיינע נייע אידעען וואָס מעהרער אין פאָלק. ער האָט דעריבער געמאַכט אַזאַ מין קיצור פון דער תורה, פון וועלכער ער האָט אַרויסגעוואָרפען אַלע ניסים און בכלל אַלע זאַכען, וואָס זענען איהם נישט געפעלען געווען לויט זיין ראַדיקאַל־קריטישען גייסט, געמאַכט אויף זיין תורה געוויסע פירושים, קריטישע בעמערקונגען און איינגעפיהרט דעם לימוד פון זיין תורה אין אַלע יודישע חדרים. דערדאַזיגער פאַקט בעווייזט קלאָר, וואָס פאַר אַן׳איינפלוס חיוי האָט געהאַט. וואָרום אויב זיינע תלמידים האָבען געלערנט מיט די קינדער חיוי׳ס תורה, איז דאָך אַ סימן, אַז די עלטערן גופא האָבען סימפּאַטיזירט מיט די נייע רעפאָרם־אידעען. עס איז געוויס מעגליך, אַז די־דאָזיגע חדרים האָבען גאָר געמוזט שטעהן אונטער דער השגחה פון די בעלי־בתים, וועלכע האָבען געשיקט זייערע קינדער אַהין. מחמת־דעם איז

גאָר אויך קיין וואונדער נישט, וואָס אַ סך יודען זענען בכלל אַוועק פון יודישען לאַגער צוליב חיוי׳ס נייער לייכטער „תורה״.

די סכנה פאַר׳ן יודענטום פון אַזאַ נייער תורה איז, זעלבסטפערשטענדליך, געווען אונגעהויער גרויס. די קאַראַאימער מיט זייער געגנערשאַפט צו דער טראַדיציע, די מיסטיקער, דער פרייער גייסט, וואָס האָט געשוועבט איבער דער יודישער וועלט, און חיוי אַל בלכי׳ס אפיקורסות, וועלכע איז שוין דערגאַנגען צום יונגען דור, צו די קינדער אין די חדרים, — דאָס אַלץ האָט געשאַפען אַזאַ צושטאַנד, וואָס האָט געדראָהט דער עקזיסטענץ פון יודענטום. און דערויף האָט שוין אַזאַ מאַן ווי ר׳ סעדיה נישט געקאָנט שטעהן און קוקען גלייכגילטיג.

ר׳ סעדיה האָט אָנגעשריבען אַ ספר מיט תשובות אויף אַלע טענות פון חיוי אַל בלכי, פון וועלכע עס איז צו אונז דערגאַנגען אַ קליינע צאָהל: דאָרט האָט ר׳ סעדיה צוקלאַפּט אַלע זיינע טענות און אָנגעוויזען, אַז חיוי שטעהט אויפ׳ן באָדען פון קריסטענטום, אַז ער גלויבט אין די פרינציפּען פון דער קריסטליכער רעליגיע. עס איז קענטיג, אַז ר׳ סעדיה׳ס אַרויסטריט האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג. חיוי׳ס „תורה״ איז באַלד אַרויסגעוואָרפען געוואָרען פון די יודישע חדרים און זיין איינפלוס האָט אָנגעהויבען צערונען ווערען, ביז זיין „תורה״ איז אינגאַנצען פערשוואונדען געוואָרען. די שפּעטערע חכמים זענען געווען בעגייסטערט פון ר׳ סעדיה׳ס אַרויסטריט און האָבען איהם שטאַרק געלויבט. זיי האָבען איבערגעגעבען, אַז „חיוי בדה מלבו תורה... והיו מלמדים אותה תינוקות בספרים ובלוחות, עד שבא ר׳ סעדיה ונצחם״.

עס איז געווען אַ וואונדערבאַרע ערשיינונג צו זעהן, ווי־אַזוי איין מענש זאָל קאָנען אָנפיהרען אַזאַ שווערען קאַמף געגען דידאָזיגע אַנטי־יודישע עלעמענטען, וועלכע זענען בעפאַלען דאָס יודענטום פון אַלע זייטען. פון אַלע חכמים אין זיין צייט האָט ער אַליין געמוזט טראָגען אויף זיינע פּלייצעס די לאַסט פון אַזאַ ריזיגען היסטאָרישען קאַמף. עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס זיין נאָמען האָט אָנגעהויבען קלינגען אין דער גאַנצער יודישער וועלט אויפ׳ן אָריענט און אין אַפריקא. זיינע ספרים זענען אומעטום בעליענט געוואָרען מיט גרויסער שפּאַנונג, און אין די תלמוד׳ישע אַקאַדעמיעס פון בבל האָט ר׳ סעדיה׳ס נאָמען אַרויסגערופען פערוואונדערונג און פערעהרונג.

דער שטרייט מיט בן־מאיר׳ן.

בעת עס איז אָנגעגאַנגען דער פערביטערטער קאַמף צווישען דער טראַדיציאָנעלער יודישער וועלט און די קאַראַאימער, צווישען די, וואָס זע־

נען געשטאַנען אויפ׳ן באָדען פון דער תורה, און די אַלע סקעפּטיקער, האָט פלוצלונג זיך צופלאַקערט אַ העליש פייער אין די רייהען פון די מאמינים, אינערהאַלב דער יודישער טראַדיציאָנעלער וועלט גופא. צום גליק, האָט דערדאָזיגער קאַמף נישט געבראַכט צו טרויעריגע קאָנסעקווענצען פאַר דער גאַנצקייט פונ׳ם יודענטום; ער האָט אָבער אַריינגעבראַכט פערביטערט-קייט, האַס און בייז בלוט און געשאַפען במשך פון אַ קורצער צייט אַ שרעק-ליכען כאַאָס אינ׳ם יודישען לעבען.

הגם דער קאַמף האָט אויסגעבראָכען צוליב אַ פרינציפיעלער פראַגע, מכח דער פראַגע פון יודישען קאַלענדער, פון „עיבור", האָט ער אָבער בעצם, אין אורשפרונג, געוויסערמאַסען געטראַגען אין זיך דעם קערן פון אַ טיפערען קאָנפליקט, פון אַנ׳אַנדער מין אויפרייס-שטאָף. עס האָט זיך פשוט געהאַנדעלט וועגען אויבערהערשאַפט. עס האָט זיך געהאַנדעלט אין דעם, ווער עס זאָל דאָמינירען, ווער עס זאָל זיין דער בעל-דעה איבער דער יודישער וועלט: ארץ-ישראל, צי בבל; דאָס אַלטע לאַנד, וואָס איז פערהייליגט געוואָרען דורך דער תורה, דורך דעם בית-המקדש, דורך די נביאים — צי דאָס לאַנד, וואָס ווי בעדייטענד און אָנגעזעהן די טרעגער פון דער תורה זאָלען דאָרט נישט זיין, איז עס דאָך אַלץ נישט מעהר ווי אַ פרעמד לאַנד, ווי אַ גלות-לאַנד, וואָס האָט נישט אין זיך קיין קדושה.

עס איז בכלל אַ פראַגע, צי גרויסע פערזענליכקייטען זענען אימ-שטאַנד צו זאָגען דעות אויף דעם גאַנג פון דער געשיכטע. יעדענפאַלס זע-נען דאָ נישט געוועזען קיין גרויסע זשעניען, וואָס האָבען דאָסדאָזיגע פּראָב-לעם געלעזט. דער מענשליכער שכל און מענשליכע סענטימענטען האָבען דאָ להלוטין נישט געהאַט דעם כח צו ענטשיידען, אויף וועמענס זייט עס ליגט דאָ די גערעכטיגקייט. דאָס לעבען אַליין האָט שוין דאָס פּראָבלעם געלעזט, נישט-אָנפרעגענדיג ביי קיינעם. עס האָבען זיך געענדערט די פערהעלטניסען, און דערמיט איז שוין ממילא דער שיקזאַל פוןביידע לענדער ענטשידען געוואָרען.

ארץ-ישראל איז געוועזען גרויס און הייליג. אָבער דאָס לאַנד האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבען צו פערלירען דעם אויטאָריטעט. ארץ-ישראל איז דורך די רדיפות מצד די נישט-יודען לעדיג געוואָרען. די ישיבות, וואָס זע-נען דאָרט געוועזען, זענען שוואַכער געוואָרען. די תלמידי-חכמים האָבען אויס-געוואַנדערט. און ממילא איז שוין „פנה זיוה, פנה הדרה". דען נאָך אַלעמען איז דאָך נישט דאָס לאַנד אַליין מיט די נאַטירליכע רייכטימער, וואָס מאַכט עס גרויס און אָנגעזעהן, נאָר דער זשעניע, דער שעפערישער גייסט, וואָס קולטיווירט דידאָזיגע רייכטימער, וואָס בעשטראַהלט דאָס לאַנד מיט זיינע שאַפונגען. ארץ-ישראל האָט שוין אָט דעם שעפערישען גייסט געהאַט פערלוירען.

דאַגעגען אָבער האָט בבל אויפגעבליהט. דאָס איז נישט געוועזען אין

דער מענשליכער מאַכט צו פערהינדערן. אזוי איז געווען, אזוי איז געשעהן, דוקא דער גלות, דוקא דאָס נייע לאַנד, האָט אָנגעהויבען שפּיעלען אַ גרויסע ראָלע אין יודישען לעבען. דאָרט האָט זיך צובליהט די תורה, דאָרט זענען געקומען און אויסגעוואַקסען גרויסע תּלמידי־חכמים און גרויסע יודישע גייסטיגע פיהרער, דאָרט זענען אויסגעוואַקסען גרויסע אַקאַדעמיעס. בבל איז געוואָרען דער צענטר פון דער יודישער וועלט, צו בבל האָט זיך די גאַנצע יודישע וועלט געווענדעט מיט שאלות, בבל האָט איבערגענומען די אויבערהערשאַפט און איז געוואָרען די דאָמינירענדע קראַפט. עס פערשטעהט זיך, אַז די ארץ־ישראל׳דיגע תּלמידי־חכמים האָט עס געקאָנט פערדריסען און עס האָט זיי אויך טאַקע פערדראָסען, נאָר זיי האָבען עס פּרובירט אויפנעהמען אויסערליך רוהיג. עס איז אָבער דאָך אָנגעקומען אַ מאָמענט, ווען דידאָזיגע רוהיגקייט האָט זיך געענדיגט. ארץ־ישראל האָט איינמאָל פאַר אַלעמאָל געוואָלט בעווייזען, אַז הגם זי האָט פערלוירען איהר גרויסקייט, האָט זי דאָך נישט פערלוירען איהר הייליגקייט און איהר אויטאָריטעט.

עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען אַ פראַגע מכח דעם יודישען קאַלענדער. אונזערע חכמים האָבען געהאַלטען, אַז דער משפּט־העיבור און קביעת־החודש געהערט צו ארץ־ישראל. דער עיבור, וואָס ווערט געמאַכט אין חוץ־לאָרץ, האָט קיין שום ממשות נישט. געוועהנליך האָט בבל, נאָך איהר גרויסווערען, געזוכט צו ערווערבען דידאָזיגע מאַכט פון ארץ־ישראל. אָבער ארץ־ישראל האָט נישט געוואָלט אָבגעבען איהר לעצטע פעסטונג, די לעצטע אויטאָריטעט. די דאָרטיגע חכמים האָבען געזאָגט, אַז מכח עיבור דאַרף מען בעסער פאָלגען די „פּאַסטוכער" אין ארץ־ישראל, איידער די חכמים אין בבל. ארץ־ישראל בלייבט ארץ־ישראל. איינער פון די חכמים האָט זיך געהאָט אויסגעדריקט: „חביבה עלי כת קטנה שבארץ־ישראל, מסנהדריה גדולה שבחוצה לאָרץ".

מיט דער צייט אָבער, אַז די בבלים האָבען זיך פערשטאַרקט, זענען גרעסער געוואָרען אין צאָהל און רייכער געוואָרען אין גייסט, האָבען זיי שוין מעהר זיך נישט געוואָלט פערלאָזען אויף ארץ־ישראל. מחמת־דעם האָבען די תּלמידי־חכמים אין בבל אַליין אָנגעהויבען איינצושטעלען די חדשים און די ימים־טובים פאַר דער גאַנצער יודישער וועלט. ס׳פערשטעהט זיך, אַז די ארץ־ישראל׳דיגע חכמים האָבען דאָס נישט געוואָלט ליידען. עס זענען אַפּנים אָנגעגאַנגען וועגען דעם געוויסע סכסוכים, אָבער עס האָט אָנגעהאַלטען איין בעשטימטער קאַלענדער פאַר אַלע יודען גלייך.

צו יענער צייט איז דער גאון פון דער ישיבה אין טבריה געווען ר׳ אהרן בן־מאיר. בן־מאיר האָט זיך געהאַלטען פאַר אַ גרויסען יחסן, זאָגענדיג, אַז זיין יחוס ציהט זיך ביז רבן גמליאל און הלל הזקן. ער איז געווען זעהר אַן׳אַמביציעזער מענש און אַן׳ענערגישער און האָט בשום־אופן נישט געוואָלט דערלאָזען, אַז ארץ־ישראל זאָל אויפגעבען איהרע אַלטע פּריוויליגיעס צו מאַכען דעם עיבור. דערצו האָט ער נאָך, אַלס אַ פּערזאָן, וואָס

שטאַמט פון די אַלטע יודישע פּרינצען, זיך ערלויבט צו ערקלערען, אַז קיי־נער האָט נישט קיין רעכט זיך צו שטעלען געגען זיינע בעשלוסען.

עס האָט זיך גראָד געמאַכט, אַז בן־מאיר האָט געמוזט אַרויספאָהרען קיין באַגדאַד צו בעטען הילף ביי די אָרטיגע יודען פאַר זיין קאַמף געגען די קאַראַאימער אין ארץ־ישראל, וועלכע האָבען איהם אָנגעטהאָן צרות. קומענדיג אַהין, איז ער גראָד געוועזען אַריינגעפאַלען אין רעכטען ברען פון די מחלוקת'ן, וואָס זענען אָנגעגאַנגען אין פומבדיתא צווישען די חכמים און ראש־גלותא, דורך וועלכע עס האָט זיך געשאַפען אַזאַ צושטאַנד, אַז עס זענען געוועזען צוויי גאונים אין איין צייט, ר' מבשר בר־קיומי און כהן־צדק בר־יוסף, יעדער מיט זיינע אָנהענגער און מיט זיינע קעמפער.

בן־מאיר האָט, קענטיג, געוואוסט, אַז איהם לוינט בעסער זיך צו שטעלען אויף ר' מבשר'ס זייט, און ער האָט מיט גרויסער איבערגעבענהייט אָנגעהויבען אַרויסצוטרעטען געגען זיינע געגנער מיט'ן גאון כהן־צדק בראש. צוליב דעם איז ענטשטאַנען אַזאַ ידידות צווישען די חכמי ארץ־ישראל און אַ טייל פון די חכמים פון בבל, וואָס איז נאָך ביז דאַן קיינמאָל נישט בעוועזען געוואָרען. אַז ער איז געקומען אַהיים, האָט ער געלאָזט אויסרופען אין אַלע שוהלען, מען זאָל מיט ר' מבשר'ס געגנער קיין מגע־ומשא נישט האָבען.

האָפענדיג אויף דער שטיצע פון ר' מבשר'ן און זיינע אָנהענגער און לעגענדיג גרויס געוויכט אויף זיינע אייגענע כחות אַלס ארץ־ישראל'דיגער און אַלס אָבשטאַמער פון דער גרויסער פירסטליכער דינאַסטיע, האָט ער אין יענעם זומער (ד' תרפ"א) ערקלערט, אַז חשון און כסלו פון יאָהר תרפ"ב זענען „חסרים", דאָס הייסט, אַז זיי האָבען נישט מעהר ווי ניין־און־צוואַנציג טעג. לויט דעם חשבון איז אויסגעקומען, אַז פסח וועט אויספאַלען זונטאָג. די חכמים אין בבל האָבען אָבער גערעכענט, אַז ביידע חדשים זענען פולע, צו דרייסיג טעג, און מחמת־דעם וועט פסח אויסקומען דיענסטאָג. עס האָט זיך אַזוי־אַרום געשאַפען אַ מערקווירדיגער צושטאַנד, אַ נייע מין שפּאַלטונג אין יודענטום. איין טייל יודען וועלען האַלטען יום־טוב אום זונטאָג, און אַ צווייטער טייל יודען וועלען האַלטען יום־טוב אום דיענסטאָג.

די קאַראַאימער און די סקעפּטיקער האָבען געהאַט שטאַרק הנאה פון דעמדאָזיגען שטרייט. בעזונדערס האָבען זיך, נאַטירליך, געפרעהט די קאַראַאימער, וועלכע האָבען לויט זייערע אייגענע אויסטייטשונגען געהאַט אַ בעזונדערן מין קאַלענדער. זיי האָבען געהאַט אַ געלעגענהייט אָנצווייזען, אַז אפילו אין דער תלמוד'ישער וועלט גופא זענען אויך פאַראַן מיינונגס־פערשידענהייטען בנוגע דעם קאַלענדער און איינצושטעלען די ימים־טובים. אויף די חכמים אין בבל האָט בן־מאיר'ס שריט, פערשטעהט זיך, געמאַכט אַ פיינליכען איינדרוק.

צו יענער צייט איז ר' סעדיה געוועזען אין אַלעפּאָ (ארם צובא) אויף זיין רייזע. ווען ער האָט זיך דאָרט דערוואוסט וועגען בן־מאיר'ס בעשלוס,

האָט ער איהם תּיכּף געשריבען, אַז ער זאָל דאָס בשום־אופן נישט טהון, און האָט מיט געוויסע חקירות און חשבונות בעוויזען, אַז חשון און כּסלו זענען „מלאים", פולע, צו דרייסיג טעג, און פּסח מוז דעריבער געהאַלטען ווערען אום דיענסטאָג. ר' סעדיה איז געווען זיכער, אַז בן־מאיר וועט חרטה האָבען און וועט נישט ברענגען צו אַזאַ חילול־השם; אָבער קומענדיג קיין באַגדאַד, איז ער געוואויר געוואָרען, אַז בן־מאיר האָט נישט בלויז קיין חרטה נישט געהאַט אויף זיין בעשלוס, נאָר ער האָט אפילו געשיקט אין חודש תּמוז קיין ירושלים זיין זוהן, וועלכער האָט אין נאָמען פון זיין פאָטער און אין נאָמען פון אַלע תּלמידי־חכמים פון דער ישיבה מודיע געווען, אַז חשון און כּסלו זענען „חסרים" און פּסח וועט זיין זונטאָג.

בן־מאיר האָט נישט געשוויגען. ער האָט צו אַלע פערשידענע קהלות און צו זיינע פריינד אין בבל פונאַנדערגעשיקט בריעף, אין וועלכע ער האָט אָנגעוויזען, אַז ער איז גערעכט — און דערביי איז ער אָנגעפאַלען מיט בעליידיגונגען אויף ר' סעדיה'ן, אויף דעם ריש־גלותא און אויף די גאונים פון בבל, וועלכע האָבען זיך גענומען די דרייסטקייט איינצושטעלען דאָס יאָהר אין חוץ־לאָרץ, און האָט אָנגעוויזען מיט ראיות פון תּלמוד און פון מדרש, אַז דאָס רעכט איינצושטעלען יאָהרען און חדשים איז געגעבען געוואָרען צו ארץ־ישראל און נישט צו חוץ־לאָרץ.

אַז ר' סעדיה האָט איינגעזעהן, דאָס מען קאָן מיט בן־מאיר'ן גאָרנישט מאַכען, האָט ער אויפגעהערט זיך דורכצושרייבען מיט איהם און האָט פּרובירט אָנווענדען זיין כּוח אויף אַן אַנדער זייט — צו ווירקען אויפ'ן פאָלק גופא, אַז מען זאָל זיך צו בן־מאיר'ן נישט צוהערען. דאַן האָט ער, וועלכער האָט שוין געטראָגען דעם טיטול „אַלוף", צוזאַמען מיט דעם ריש־גלותא און אַלע חכמים פון די ישיבות, זיך געווענדעט מיט אַן אויפרוף צו אַלע יודישע קהלות פון ווייט און פון נאָהענט און זיי געוואָרנט, אַז זיי זאָלען נישט אָננעהמען בן־מאיר'ס חשבונות און האַלטען פּסח נאָר אום דיענסטאָג לויט דער קביעת־החודש פון בבל. אָבער כּדי צו בערוהיגען דעם עולם, וועלכער האָט געוואוסט וועגען די אינערליכע סכסוכים צווישען די חכמים און ריש־גלותא, האָט מען אין דער מודעה אויסדריקליך בעטאָנט, אַז אין דעם פּרט הערשט צווישען אַלעמען אַ פולשטענדיגער הסכּם.

בן־מאיר האָט אָבער זיין קאַמף נישט אויפגעגעבען. ער האָט ווייטער געשיקט בריעף בכל תּפוצות־ישראל, אָנוויזענדיג, אַז די קביעת־המועדים לויט זיין חשבון איז די ריכטיגע און אַז מען טאָר זיך צו בבל נישט צוהערען.

ביני לביני איז אונטערגעקומען פּסח און אין דער יודישער וועלט איז געשאַפען געוואָרען אַ כאַאָס. דאָס רוב יודען אין ארץ־ישראל האָבען געהאַלטען פּסח אום זונטאָג, ווי בן־מאיר האָט געהייסען, און אַ טייל האָבען

געהאַלטען ווי די בבלים. דאָס רוב יודען אין בבל האָבען געהאַלטען פסח אום דיענסטאָג, לויט דעם בעשלוס פון די חכמי בבל, און אַ טייל פון בן־מאיר׳ס אָנהענגער האָט געהאַלטען פסח אום זונטאָג. עס איז אויסגעקומען, אַז די יודען פון איין מדינה, פון איין שטאָדט, האָבען געהאַלטען פסח אין צווי פערשידענע טעג פון וואָך! דידאָזיגע טרויעריגע ערשיינונג האָט אָבער געבראַכט דערצו, אַז די סכסוכים אין בבל האָבען אויפגעהערט, די בעלי־מחלוקת האָבען געמאַכט שלום, און דאַן זענען אַלע ווידער אַרויס מיט אַ געמיינזאַמען אויפרוף לכל בני־הגולה, אָנווייזענדיג אויף דער טרויעריגער ערשיינונג און חילול־השם, און האָבען אויפגעפאָדערט די יודען צו האַלטען ראש־השנה און יום־כפור לויט דעם חשבון פון די תלמידי־חכמים פון בבל, וואָרום אויב בנוגע פסח זענען זיי געווען שוגגים, וועלען זיי איצט זיין מזידים.

בן־מאיר האָט זיך געפיהלט נידערגעשלאָגען, וואָס זיינע פריינד אין בבל האָבען איהם „פערראַטען”, און ער האָט זיי געענטפערט מיט גרויסער פערביטערונג, אָנווייזענדיג, אַז אין גרונד איז דער אמת מיט איהם און אַז דער סדר פון די ימים־טובים דאַרף זיין לויט ער און זיינע תלמידים האָבען איינגעשטעלט. דערביי האָט ער זיין גאַנצען כעס אויסגעגאָסען אויף ר׳ סעדיה׳ן, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז ער איז געווען דער הויפט־פיהרער פון דעם קאַמף געגען איהם. צום אָנהויב האָט ער געהאַט געזאָגט, אַז ר׳ סעדיה איז אַ „נאָכשלעפער” פון ריש־גלותא דוד בן־זכאי; אָבער שפּעטער האָט ער זיך שוין אויסגעדריקט „סעדיה און זיין באַנדע”. „איהר האָט פער־לאָזען דעם אמת, זאָגט ער, און איהר זענט אַראָב פון גלייכען וועג, זיך צוהערענדיג צו די רייד פון׳ם פּאַיומער, פון דעם מצרי, און דערפאַר זענען געקומען אויף אייך צרות. נאָר דאָס וויל דאָך טאָקע דער פּאַיומער”.

דער סוף איז געווען, אַז דעם אָנגעקומענעם ראש־השנה — תרפ״ג — האָבען די יודען אין בבל געהאַלטען לויט דעם חשבון פון זייערע חכמים, און די יודען אין ארץ־ישראל האָבען זיך נאָך געהאַלטען אָן בן־מאיר׳ן. עס שיינט אָבער, אַז אויך דאָרט האָט בן־מאיר אינגיכען פערלאָרען זיינע פּאָזיציעס.

כדי עס זאָל איינמאָל פאַר אַלעמאָל קלאָר ווערען דער גאַנצער ענין און עס זאָלען זיך שוין נישט איבער׳חזר׳ן אַזעלכע מחלוקת׳ן און שטרויכ־לונגען בנוגע פסח און ראש־השנה, האָט דאַן ר׳ סעדיה אָנגעשריבען זיין ווערק „ספר המועדים”, אין וועלכען ער האָט אויסגעאַרבייט דאָס סיסטעם פון יודישען קאַלענדער און מבטל געמאַכט אַלע טענות פון בן־מאיר׳ן. ר׳ סעדיה׳ס סיסטעם איז אָנגענומען געוואָרען בכל תפוצות־ישראל און שטעהט נאָך פעסט ביז היינטיגען טאָג.

ט.

ר׳ סעדיה ווערט גאון אין סורא.

צו יענער צייט, נאָכדעם ווי ער האָט שוין געהאַט געשאַפען אַזעלכע אָריגינעלע און בעדייטענדע ווערק און געהאַט אָנגעפיהרט ערפאָלגרייכע קאַמפען געגען די קאַראַאימער און סקעפטיקער, ווי אויך געגען דעם ארץ־ישראל׳דיגען גאון בן־מאיר מכח די קביעות המועדים, איז שוין ר׳ סעדיה׳ס נאָמען געווען בעוואוסט בכל תפוצות־ישראל. זיין נאָמען האָט אין אַלע יודישע קרייזען אַרויסגערופען בעגייסטערונג און פערעהרונג.

דאָך איז סיי פאַר דער וועלט, סיי פאַר איהם אַליין געווען אַ גרויסע איבערראַשונג, ווען ער האָט בעקומען די איינלאַדונג פון ריש־גלותא אין בבל צו קומען קיין סורא אויף צו פערנעהמען דעם הויכען פאָסטען פון גאון, פון רעקטאָר פון דער גרויסער תלמוד׳ישער אַקאַדעמיע. דידאָזיגע איבערראַשונג איז געקומען פאַר איהם נישט ווייל ער האָט זיך נישט געפיהלט דערוואַקסען צו אַזאַ הויכען עהרענפּולען אַמט, נאָר ווייל אַזאַ שטעלע איז קיינמאָל נישט געגעבען געוואָרען צו אַן „אויסלענדער”, צו אַזאַ, וואָס איז נישט געווען קיין געבירטיגער פון בבל. דאָס האָט, פערקעהרט, בעוויזען, ווי גרויס און אָנגעזעהן ער איז געווען אין דער יודישער וועלט, אַז הגם עס האָט זיך אין בבל קיינמאָל נישט פּראַקטיצירט צו געבען אַזאַ אַמט צו אַן „אויסלענדער”, האָט מען דאָך צוליב איהם, צוליב זיין גרויסקייט, געמוזט ברעכען די טראַדיציע און איהם בעשטימען אויף אַזאַ אַמט, וואָס איז, נאָכ׳ן ריש־גלותא, געווען די העכסטע שטעלע אין דער האַלבער יודישער מלוכה.

די תלמוד׳ישע אַקאַדעמיע אין סורא, וועלכע איז אין יאָהר 219 געגרינדעט געוואָרען דורך אַבא אריכא, אָדער רב, איז יאָהרענלאַנג געווען די לייטענדע פיגור צווישען די בבל׳שע אַקאַדעמיעס. עס איז געווען אַ צייט, ווען זי האָט זיך געשטעלט אין שאָטען לגבי פומבדיתא, און סורא האָט אָנגעהויבען פערלירען דעם גלאַנץ, אָבער שפּעטער איז זי אונטער ר׳ אַשי׳ן צוריקגעשטעלט געוואָרען צו איהר גרויסקייט און צו איהר אויבערהערשאַפט.

דאָסזעלבע איז אויך געווען אין דער צייט פון די גאונים. סורא האָט בענומען צוויי דריטעל פון געוויסע הכנסות פאַר דער אַקאַדעמיע; סורא האָט פערטראָטען דעם ריש־גלותא, ווען דערדאָזיגער אַמט איז נישט געווען בעזעצט. אַלס פּרעזידענט פון פומבדיתא׳ר אַקאַדעמיע האָט געקאָנט געוועהלט ווערען נאָר איינער, וואָס איז אַ מיטגליעד פון סורא׳ס אַקאַדעמיע. פומבדיתא האָט נישט געקאָנט וועהלען איהר אייגענעם פּרעזידענט. סורא איז געשטאַנען העכער סיי בנוגע דעם ריש־גלותא, סיי בנוגע דער אויסערליכער וועלט.

בכלל גענומען, איז שטענדיג געווען אַ מין „אַרויף־און־אַראָב” בנוגע

דידאָזיגע צוויי אַקאַדאַמיעס. אָבער מעהר שאַרפער האָבען זיך געהאַט גע־
נומען אָנצייכענען די דיפערענצען אין אָנהויב פון 9־טען יאָהרהונדערט. עס
האָבען אָנגעהויבען פאָרקומען שאַרפע מחלוקת׳ן און דער סוף איז געווען,
אַז סורא איז געשטעלט געוואָרען אויף אַ גלייכער מדרגה מיט פומבדיתא —
און דאָס האָט שוין געמיינט, אַז סורא האָט פערלאָרען איהר איבערהער־
שאַפט, סורא האָט פערלאָרען איהר פרעסטיזש. אמת, די אויסערליכע וועלט
האָט נאָך אַלץ ווייטער געשיקט שאלות צו סורא, אָבער פומבדיתא איז
שוין דאַן געוועזן שטאַרקער. איבערהויפּט האָט זיך פומבדיתא פערשטאַרקט
אונטער דער לייטונג פון ר׳ האַי בן דוד גאון אין סוף פון 9־טען יאָהר־
הונדערט.

מיט דער צייט האָט זיך פומבדיתא אַזוי פערשטאַרקט אויפ׳ן חשבון
פון סורא, אַז די דאָרטיגע פיהרער האָבען שוין זאָגאַר אָנגעהויבען טרוימען
צו שליסען איינגאַנצען די אַקאַדעמיע אין סורא און אויך פטור ווערען פונ׳ם
אַמט פון ריש־גלותא. עס האָט געהייסען, אַז די אַקאַדעמיע פון פומבדיתא
האָט זיך דאָ געקליבען צו פערכאַפּען אין איהרע הענד די גאַנצע מאַכט,
די פּאָליטישע און די קולטורעלע. און דעם טרוים צו פערווירקליכען האָט
זיך אונטערגענומען דער גאון כהן צדק בן־יוסף דער צווייטער.

דערדאָזיגער גאון איז געווען זעהר אַנ׳ענערגישער און אַמביציעזער
מענש — און ווי יעדער מענש פון דעמדאָזיגען מין, האָט ער אויך געזוכט
מאַכט. עס האָט געהייסען, אַז ער זוכט נ י ש ט קיין פערזענליכען נוצען פון
זיין מאַכט־ערלאַבערונג, אָבער ער האָט עס יעדענפאַלס יאָ געזוכט. און באמת,
ווי נאָר ער האָט פערנומען זיין אַמט, האָט ער תיכף אָנגעהויבען פאָדערן
אַ גרעסערן טייל פון הכנסה. ער האָט זיין טענה בעגרינדעט דערמיט, וואָס
פומבדיתא האָט מעהר תלמידים ווי סורא. פערשטעהט זיך, אַז סורא האָט
נישט געוואָלט נאָכגעבען — און עס האָט אויסגעבראָכען אַ מלחמה. דער סוף
איז געווען, אַז מען האָט געמאַכט שלום און סורא האָט געמוזט נאָכגעבען.

דאַן האָט כהן־צדק זיך אַ נעהם געטהאָן צום ריש־גלותא. דער דאַמאָלס־
דיגער ריש־גלותא איז געווען ע ו ק ב א, אַ מענש פון הויכער קולטור, פון
אַראַבישער קולטור, און אַ שענער פּאָעט אין אַראַביש. כהן־צדק האָט פער־
לאַנגט, אַז בעשטימען ריכטער אין זיין איינפלוס־ראַיאָן, — יעדע אַקאַדעמיע
האָט געהאַט איהר ראַיאָן צו קלייבען געלד, — זאָל דער גאון און נישט
דער ריש־גלותא. דערצו זאָלען די הכנסות פון יענעם ראַיאָן געהן דירעקט
צו דער אַקאַדאַמיע. דער ריש־גלותא עוקבא האָט נישט געוואָלט אַליין אָב־
געבען אַ טייל פון זיין מאַכט צו דער אַקאַדעמיע, און דער שטרייט איז
אַריבער צום קאַליף אין באַגדאַד. כהן־צדק האָט געפאָדערט, אַז מען זאָל
דעם ריש־גלותא בעזייטיגען פון זיין אַמט און איהם פערשיקען אין אַנ׳אַנדער
געגענד — און ער האָט עס טאַקע אויסגעפיהרט אויך.

כהן־צדק האָט זיך געפרעהט, וואָס איהם איז געלונגען פטור צו ווערען
פונ׳ם ריש־גלותא; דאָס איז געווען זיין אַמביציע. דער דאַמאָלסדיגער גאון

פון סורא ר׳ יעקב בן נטרונאי איז געווען אַ שטילער מענש און האָט זיך אינ׳ם גאַנצען סכסוך נישט געוואָלט מישען.

עס איז אַריבער אַ קורצע צייט און דער פערשיקטער ריש־גלותא האָט זיך צופעליג בעגעגענט מיט׳ן קאַליף. עוקבא האָט צוגעשיקט צום קאַליף אַזעלכע פראַכטפולע שירים אין אַראַביש, אַז דער קאַליף, אַליין אַ ליעב־האָבער פון קונסט, איז ענטציקט געוואָרען און איהם געלאָזט רופען צו זיך — און זייענדיג דאָרט האָט עוקבא אויסגע׳פועל׳ט, אַז דער קאַליף זאָל איהם צוריק אַוועקזעצען אויף זיין פּלאַץ אַלס ריש־גלותא. נאַטירליך, האָט עס דעם גאון כהן־צדק נישט געשמעקט די געשיכטע און ער האָט ווידער אָנגעהויבען אַרבייטען געגען עוקבא׳ן, און מיט פערשידענע מיטלען איז איהם געלונגען אויסצו׳פועל׳ן אין הויף פון קאַליף, אַז עוקבא זאָל פער־שיקט ווע־ען אין קאַירואַן (אַפריקא), כדי ער זאָל זיין ווייט פון דעם קאַמפּס־פּלאַץ און זאָל אַזוי גיך נישט קאָנען קומען צוריק. כהן־צדק האָט דאָסמאָל ענדגילטיג טריאומפירט און אין משך פון אַ פּאָר יאָהר האָט ער נישט געלאָזט וועהלען קיין נייעם ריש־גלותא. דאָס פאָלק אָבער האָט דאָך אָנגעהויבען בענקען נאָך אַ פּרינץ, נאָך אַ הערשער. דאַן האָט שוין דער גאון פון סורא, ר׳ יעקב בן נטרונאי, זיך אָנגענומען מיט מוט און דרייסט־קייט, נישט־וועלענדיג זיין אַ שפּיעל־צאַצקע אין די הענד פון כהן־צדק׳ן, און האָט בעשטימט עוקבא׳ס אַ קרוב אַלס ריש־גלותא. דאָס איז געווען דוד בן־זכאי.

דער גאון כהן־צדק האָט זיך ווייטער פּרובירט וועהרען. ער האָט זיך אַלץ אַרומגעטראָגען מיט זיין אַלטען חלום, נישט צו דערלאָזען קיין נייעם ריש־גלותא און צו שליסען די אַקאַדעמיע אין סורא. ער האָט דעריבער דוד בן־זכאי׳ן נישט געוואָלט אָנערקענען. דוד בן־זכאי איז אָבער אויך נישט געווען פון די שוואַכע, נאָכגעביגע מענשען, האָט ער אַראָפּגעוואָרפען דעם גאון כהן־צדק פון זיין אַמט און בעשטימט אויף זיין פּלאַץ ר׳ מבשר׳ן. עס איז איצט אויסגעקומען, אַז זאָגאַר פומבדיתא איז צעטיילט געוואָרען אויף צוויי טיילען: איין צד, וואָס האָט געהאַלטען מיט ר׳ מבשר׳ן, און אַ צווייטער צד, וואָס האָט געהאַלטען מיט כהן־צדק׳ן. די שרפה פון מחלוקת האָט זיך אַזוי־אַרום צעפלאַקערט אויף אַלע פראָנטען.

עס האָט, פערשטעהט זיך, געמוזט זיך געפינען איינער, וואָס זאָל נעהמען אין זיין האַנד די איניציאַטיווע צו ברענגען צו אַ שלום. און אַזאַ מענש איז געקומען: דאָס איז געווען דער אָנגעזעהענער בלינדער תלמיד־חכם פון פומבדיתא, ניסים נהרבוני, וועלכער איז פון אַלעמען רעספּעקטירט גע־וואָרען. איינמאָל האָט ער זיך שפּעט ביינאַכט דערשלעפּט צו דער דירה פון כהן־צדק גאון, וועלכער איז געוואָרען איבערראַשט צו זעהן ביי זיך דעם בלינדען חכם אַזוי שפּעט ביינאַכט. ניסים נהרבוני האָט מיט איהם זיך דורכגערעדט וועגען דעם גאַנצען ענין און האָט געבעטען כהן־צדק׳ן נאָכ־צוגעבען, כדי עס זאָל ווערען שלום. כהן־צדק האָט נאָכגעגעבען און האָט

זיך געטראָפען מיט׳ן ריש-גלותא דוד בן-זכאי, וועלכער האָט איהם ווידער אָנערקענט אַלס גאון פון פומבדיתא. כהן-צדק גאון האָט, אַלזאָ, דעם קאַמף פערשפּיעלט אויף דער גאַנצער ליניע. דען חוץ-דעם, וואָס ער האָט נישט דער-גרייכט זיין ציעל צו בעזייטיגען אינגאַנצען דעם אַמט פון ריש-גלותא און צו פערמאַכען די אַקאַדעמיע אין סורא, איז איהם נאָך אויסגעקומען צו זעהן מיט זיינע אייגענע אויגען, ווי סורא שטייגט ווידער אין דער הויך און פומבדיתא ווערט שוואַכער און שוואַכער.

סורא איז טאַקע געווען זעהר שוואַך דאַמאַלס. עס זענען נישט געווען פיעל תלמידים, עס זענען נישט געווען פיעל חכמים. אַלס גאון איז דאַן געווען יום-טוב פהנא בן-יעקב, וועלכער איז געקומען נאָך ר׳ יעקב בן נטרונאי גאון. דאַן האָט זיך כהן-צדק׳ן ווידער פערגלוסט צו שליסען די אַקאַדעמיע אין סורא. ער האָט דעריבער אָבגעהאַלטען אַ בעראַטונג מיט׳ן ריש-גלותא, וועלכען ער האָט געהאַט פאָרגעלעגט, אַז די אַלע חכמים און תלמידים פון סורא זאָלען אַריבערגעפיהרט ווערען קיין פומבדיתא; די אַקאַ-דעמיע אין סורא זאָל מען פערשליסען. נאָר כדי צופרידענצושטעלען די סענטימענטען פון סורא, זאָל מען בעשטימען אַ גאון אויך פאַר סורא, אָבער זיצען זאָל ער אין פומבדיתא.

עס שיינט, אַז דוד בן-זכאי, דער ריש-גלותא, האָט שוין מעהר קיין חשק נישט געהאַט צו פיהרען מלחמות מיט כהן-צדק׳ן און האָט אויף זיין פאָרשלאָג מסכים געווען. דער ריש-גלותא האָט בעשטימט אַ נייעם גאון פאַר סורא מיט׳ן זיץ אין פומבדיתא, דאָס איז געווען ר׳ נתן בן יהודה.

עס האָט אויסגעוויזען, אַז אַלץ געהט כשורה. אַלע צדדים זענען געווען צופרידען. האָט זיך אָבער געמאַכט, אַז נתן בן יהודה איז פּלוצים געשטאָרבען און דאָס פאַלק האָט עס אויסגעטייטשט, אַז דאָס איז געווען אַ שטראָף פונ׳ם אויבערשטען פאַר׳ן צומאַכען די אַקאַדאַמיע אין סורא. מחמת-דעם האָט דוד בן-זכאי בעשלאָסען צוריק צו עפענען די סוראַ׳ר אַקאַדעמיע, און נישט בלויז סתם עפענען, נאָר מאַכען, אַז זי זאָל בעקומען דעם פריהערדיגען פּלאַץ און די אַמאָליגע אויטאָריטעט.

דער ריש-גלותא האָט דאַן געהאַט צוויי קאַנדידאַטען אויף דעמדאָזיגען פּלאַץ: ר׳ סעדיה פון עגיפּטען און צמח בן-שהין, אַנ׳אַלטער בבל׳שער אַריסטאָקראַט, אָבער ווייניג בעקאַנט. דער ריש-גלותא האָט זיך געווענדעט צו ניסים נהרבוני, ער זאָל איהם געבען אַנ׳עצה, וועמען פון דיביידע צו בעשטימען אַלס אַ גאון. ניסים נהרבוני האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר צמח׳ן. דאָס איז נישט געווען דערפאַר, וואָס ער איז געווען אונפריינדליך צו ר׳ סעדיה׳ן; פערקעהרט, ער האָט פון ר׳ סעדיה׳ן צופיעל געהאַלטען און דער-פאַר האָט ער נישט געוואָלט, אַז ער זאָל ווערען גאון. ער האָט געוואוסט, אַז ר׳ סעדיה איז זעהר אַנ׳אַמביציעזער מענש און ער וועט מיט׳ן ריש-גלותא נישט קאָנען שטימען. עס איז גאַנץ מעגליך, אַז דער ריש-גלותא האָט אויך נישט געוואָלט האָבען אַזאַ אונאָבהענגיגע פערזאָן אַלס אַ גאון; ער וואָלט

בעסער וועלען זעהן אונטער זיך אַ שוואַכען גאון, איבער וועמען ער וואָלט
געקאָנט הערשען. די מעשה איז אָבער, וואָס דער ריש-גלותא האָט דאָ גע-
וואָלט אַוועקשטעלען אַ שטאַרקע קראַפט געגען כהן-צדק'ן, אַזאַ איינעם,
וועלכער זאָל גלייכצייטיג קאָנען אויפהויבען די אַקאַדעמיע פון סורא. און
ער האָט בעשלאָסען דוקא צו נעהמען ר' סעדיה'ן. ער האָט איהם איינגע-
לאַדען צו קומען קיין סורא, און אין יאָהר 928 איז ער אינסטאַלירט גע-
וואָרען אַלס גאון פון דער סורא'שער אַקאַדעמיע. דאָס איז בעטראַכט גע-
וואָרען אַלס אויסערגעוועהנליכע געשעהעניש, אַלס אויסערגעוועהנליכער כבוד.
דען חוץ-דעם, וואָס ער איז געוועזען אַ „אויסלענדער״, איז ער אויך געוועזען,
אַזוי צו זאָגען, דער ערשטער גאון פילאָזאָף און וויסענשאַפט-מאַן, וואָס האָט
ווען-עס-איז געלייטעט דידאָזיגע גרויסע אַקאַדעמיע.

י.

די אויפלעבונג פון סורא.

פאַר די אַלע ביטערע יאָהרען, וואָס ר' סעדיה האָט דורכגעלעבט
אינ'ם משך פון קאַמף אויפצוהאַלטען און צו פערשטאַרקען דאָס יודענטום,
און פאַר די אַלע בעליידיגונגען, וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטעהן פון
זיינע געגנער אין פערשידענע לאַגערן, איז ער ענדליך בעלוינט געוואָרען
דורך דעם הויכען אַמט, וואָס ער האָט איצט געקראָגען אַלס גאון פון דער
תלמודי'שער אַקאַדעמיע אין סורא. דאָס איז געוועזען אַ כבוד פון העכסטער
בעדייטונג, נישט-קוקענדיג דערויף, וואָס די גאונות און די אַקאַדעמיעס אין
בבל האָבען שוין נישט געגלאַנצט אַזוי ווי אַמאָל. דאָס איז געוועזען אַזאַ
כבוד, וואָס נישט אַ סך חכמים האָבען געקאָנט זוכה זיין דערצו, בפרט
נאָך אַ מאַן, וואָס ווי גרויס ער זאָל נישט האָבען געוועזען, האָט ער דאָך
נישט געקאָנט פערנעהמען אַזאַ אַמט, נישט זייענדיג קיין בבלי און נישט
געהערענדיג צו דעם קרייז פון די דאָרטיגע גייסטיגע אַריסטאָקראַטען. ר'
סעדיה האָט זיך זיכער געפיהלט העכסט גליקליך אין יענעם טאָג, ווען ער
איז מיט גרויס פייערליכקייט, אַרומגערינגעלט פון די סורא'ר חכמים, גע-
קרוינט געוואָרען אַלס גאון פון דער גרויסער אַקאַדעמיע, וואו עס האָבען
מרביץ-תורה געוועזען די גרעסטע גייסטער פון דער יודישער אומה, די שעפער
פון תלמוד, אָנהויבענדיג מיט רב'ן און ענדיגענדיג מיט ר' אַשי'ן.

אָבער „נאָבלעס אָבליזש״. דער גרויסער כבוד און די גרויסע אוי-
טאָריטעט, וואָס ער האָט בעקומען, האָבען איהם געבראַכט גרויסע פליכטען
און גרויסע אַחריות. ער האָט פלוצלונג דערפיהלט די לאַסט פון פעראַנט-
וואָרטליכקייט, וואָס איז אַרויפגעלעגט געוואָרען אויף זיינע פלייצעס, בעת
עס איז איהם אָנגעטהאָן געוואָרען די רעקטאָר-קרוין אויף זיין קאָפּ. ער האָט
דערפיהלט, אַז די אויגען פון די חכמים אין סורא, פונ'ם ריש-גלותא און

פון אַלע יודען אין דער וועלט זענען געווענדעט צו איהם. דען ער איז אײנגעלאַדען געוואָרען אין סורא נישט בלויז אַלס גאון, נאָר אַלס אַ רעטער. עס האָט געהייסען, אַז עס ווערט פון איהם ערוואַרט פיעל מעהר ווי פון אַנ'אַנדערען, אַז ער דאַרף נישט בלויז לייטען די אַקאַדעמיע, נאָר זי אויפבויען, זי העכער מאַכען, פערשטאַרקען איהר אַנזעהן און איהר אײנפלוס אין דער יודישער וועלט און צוריקברענגען צו איהר די גדולה און די פּראַכט, וועלכע זי האָט אַמאָל פערמאָגט.

דאָס האָט ר׳ סעדיה זיכער געמוזט געוואויר ווערען פונ׳ם ריש-גלותא, בעת ער האָט געהאַט מיט איהם דאָס ערשטע געשפּרעך, אָנקומענדיג אין סורא. דער ריש-גלותא האָט איהם געוויס איבערגעגעבען די אורזאַכען, וואָס האָבען איהם געבראַכט דערצו, אַז ער זאָל אײנלאַדען אַלס גאון נישט קיין געבוירענעם בבלי, און איהם אויפגעקלערט, וואָס פאַר אַ טהאַטען ער וואַרט פון איהם, כדי אַוועקצושטעלען די אַקאַדעמיע אין סורא אַזוי הויך, אַז זי זאָל איבערשטייגען די אַקאַדעמיע אין פומבדיתא. דערביי איז, אגב, פאַרהאַן אַ סברא, אַז מחמת דער ערפאַהרונג, וואָס ער האָט געהאַט מיט דעם גאון כהן-צדק, וועלכער האָט פריהער געקעמפט געגען דעם ריש-גלותא עוקבא און געגען דעם גאַנצען אַמט פון ריש-גלותא און דערנאָך געגען איהם פערזענליך, און אויך מחמת דער וואָרנונג פון ניסים נהרבוני וועגען ר׳ סעדיה׳ס פעסטען, אונבויגזאַמען כאַראַקטער, האָט דער ריש-גלותא אַצינדערט געוואָלט פון ר׳ סעדיה׳ן אַ געוויסען צוזאַג, אַז ער זאָל נישט פערפיהרען מיט איהם קיין שטרייט. עס איז אָבער נישט בעקאַנט, צי ר׳ סעדיה האָט די דאָזיגע הבטחה געגעבען.

יעדענפאַלס, כדי צו ערפילען די פליכטען, וואָס זענען אויף איהם אַרויפגעלעגט געוואָרען, האָט ער זיך ענערגיש און מיט איבערגעגעבענהייט גענומען צו דער אַרבייט. ער האָט אָנגעהויבען צו לייטען די אַקאַדעמיע מיט פעסטקייט, מיט ווירדע, מיט אויטאָריטעט און מיט שטאָלץ. ער האָט זיין גאַנצע פערזענליכקייט אַרויפגעשטעמפּעלט אויף דער אַקאַדעמיע, און אַזוי-אַרום האָט די גייסטיג און מאַטעריעל אויסגעבלייכטע אַקאַדעמיע אָנגעהויבען צו בעקומען קאָליר. ר׳ סעדיה׳ס נאָמען און זיין מאַגנעטישע פערזענליכקייט האָט אָנגעפילט די אַקאַדעמיע מיט נייע תלמידי-חכמים, וועלכע זענען געקומען קיין סורא צו זעהן דעם גרויסען מאַן און הערען פון איהם תורה און חכמה. אויך די הכנסות זענען גרעסער געוואָרען און ביסלעכווייז-ביסלעכווייז האָט סורא צוריקגעוואונען איהר גרויסען נאָמען און איהר אויטאָריטעט.

אַדאַנק דעם גרויסען ערפאָלג האָט ר׳ סעדיה געוואונען די סימפּאַטיע און פערעהרונג נישט בלויז פון די תלמידי-חכמים אין סורא און פונ׳ם ריש-גלותא, נאָר אויך פון דער גייסטיגער אַריסטאָקראַטיע, פון די גרויסע גבירים און מעצענאַטען אין באַגדאַד, וועלכע זענען געווען ליעבהאָבער, מבינים און שטיצער פון תורה און חכמה. אַלע זענען געווען צופרידען מיט דעם נייעם

גאון, וועלכער האָט בעוויזען זיין שעפערישען זשעני אין אַלץ, צו וואָס ער האָט זיך גענומען.

נאָהער פון אַלעמען איז, פערשטעהט זיך, געווען צופרידען דער ריש-גלותא אַליין, דוד בן-זכאי. ער האָט איינגעזעהן, אַז ער האָט געהאַנדעלט ריכטיג, וואָס ער האָט איינגעלאַדען ר׳ סעדיה׳ן צו שטעהן בראש פון דער אַקאַדעמיע אין סורא. דען נאָר אַזאַ פערזענליכקייט ווי ר׳ סעדיה איז אים-שטאַנד געווען צו מאַכען פון דער געפאַלענער, אָרימער, פערנאַכלעסיגטער און פאַקטיש שוין אונטערגעגאַנגענער אַקאַדעמיע אין סורא דאָס, וואָס זי איז יעצט געוואָרען. דוד בן-זכאי האָט די צוריקאויפלעבונג פון סורא צוגע-רעכענט אויפ׳ן חשבון פון זיינע אויפטהואונגען, פון זיין גוטער פיהרער-שאַפט — און דאָס איז געווען ריכטיג אויך. וואָרום ווען ער זאָל האָבען געפאָלגט די עצה פון אַלטען ניסים נהרבוני און וואָלט בעשטימט אַלס גאון דעם אַדעליגען ר׳ צמח בן-שהין, וועלכער איז נישט געווען בעקאַנט, וואָלט סורא נישט דערהויבען געוואָרען און נישט צוריקבעקומען איהר גרוי-סען נאָמען און גרויסען אָנזעהן.

דער איינציגער, וואָס האָט נישט געקאָנט אַראָבשלינגען סורא׳ס ווי-דעראויפלעבונג, איז געווען, נאַטירליך, דער גאון כהן-צדק פון פומבדיתא. עס איז פאַר לאַנגע יאָהרען געווען זיין אַמביציע איינצאַנצען צו שליסען די אַקאַדעמיע אין סורא, און דאָס איז איהם אויך אַ געוויסען מאָמענט געהאַט געלונגען; ער האָט געשטרעבט איינגאַנצען אָבצושאַפען דעם אַמט פון ריש-גלותא, כדי די גאַנצע מאַכט זאָל קאָנצענטרירט ווערען אין זיינע הענד — און אַצינדערט האָט ער גאָר געמוזט צוקוקען די פערשטאַרקונג פון ריש-גלותא, וועלכער זיצט פעסט אין זיין אַמט און וועמען ער וועט נישט קאָ-נען אַראָבזעצען אַזוי לייכט און מיט אַזעלכע מיטלען, ווי ער האָט עס געטהאָן מיט דעם פערטרוימטען און דיכטערישען ריש-גלותא עוקבא; ער האָט געדאַרפט צוזעהן, אַז נישט בלויז די אַקאַדעמיע אין סורא האָט זיך געעפענט, נאָר אַז זי וואַקסט און שטייגט אין פרעסטיזש, בעקומט דעם אַלטען אָנזעהן אין דער וועלט און פערשטעלט מיט איהר שיין די שוועס-טער-אַקאַדעמיע אין פומבדיתא, אַדאַנק דעם נייעם עגיפטישען תלמוד׳יסט און פילאָזאָף, ר׳ סעדיה. וואָלט די אַקאַדעמיע אויך אונטער ר׳ סעדיה׳ס לייטונג נישט געהאַט דעם געהעריגען ערפאָלג — וואָלט ער שוין ווידער אויסגענוצט די געלעגענהייט איבערצורעדען דעם ריש-גלותא, אַז די אַקאַ-דעמיע אין סורא איז אַן׳איבעריגע זאַך און אַז מען דאַרף זי צושליסען; איצט אָבער האָט ער געמוזט שווייגען, וויסענדיג פאָראויס, אַז אַזאַ פאָר-שלאַג וואָלט געווען דער גרעסטער אונזין. עס איז דעריבער קיין ספק נישט, אַז הגם עס האָט אָפיציעל געהערשט שלום און האַרמאָניע צווישען פומבדיתא און סורא, איז אָבער פאַקטיש כהן-צדק נישט געווען קיין גרוי-סער פריינד נישט פון ריש-גלותא און נישט פון ר׳ סעדיה׳ן, וועלכע האָבען איהם, לויט זיין מיינונג, געשטערט אויסצופיהרען זיינע אַמביציעס און זיינע

פלענער צו פערשטארקען די אקאדעמיע אין פומבדיתא און זיין אייגענע מאכט אויפ׳ן חשבון פון דער אקאדעמיע אין סורא. פאר איהם וואלט בעסער געלונגען, אז עס זאלען, ווייניגסטענס, האבען געווען א שוואכער ריש-גלותא און א שוואכער גאון אין סורא: דעמאלט וואלט ער עפּעס געקאנט אויפטהון; צום סוף גאר זענען ביידע געווען שטארקע, אונבויגזאמע פערזענליכקייטען, וועלכע האבען געלעבט גוט צווישען זיך און׳ געלייטעט די אקאדעמיע מיט איבערגעבענהייט און ווירדע און מיט גרויס ערפאלג! סורא האט צוריק אויפגעלעבט. זי איז ווידעראמאל געווארען דער שטארקסטער פאקטאר אין דער יודישער רעליגיעזער וועלט, און קיין שום זייטיגע פערזאן האט דא נישט געקאנט פערהינדערן דעם וואוקס פון דער גרויסער תלמוד׳ישער אקאדעמיע.

י״א.

דער שטרייט מיט׳ן ריש-גלותא.

די ערשטע עטליכע יאהר פון ר׳ סעדיה׳ס לייטונג זענען געווען רוהיגע, שאפענדע. די אקאדעמיע אין סורא האט שוין פאר דער קורצער צייט געהאט דערגרייכט צו א הויכער מדרגה און צוריקגעוואונען איהר פריהערדיגע אויטאריטעט און פראכט סיי אין בבל גופא, סיי אין אנדערע מדינות, וואו יודען האבען געלעבט. עס האט געהערשט שלום ושלוה צווישען די ביידע אקאדעמיעס און זייערע גאונים, און אויך צווישען די גאונים און ריש-גלותא. ס׳האט דעריבער אויסערליך געמאכט דעם איינדרוק, אז אלץ שטעהט אויף א פעסטען גרונד, אז די הארמאניע וועט אנהאלטען אויף שטענדיג אוז אז עס וועט זיך ממילא ווידער אנהויבען א נייע גלענצענדע עפּאכע.

דאס איז אבער נישט געווען אזוי אין דער ווירקליכקייט. דאס אויפשטראהלען פון סורא איז באמת געווען נישט מעהר ווי דאס לעצטע אויפפלאמען פון א ליכט, וואס האלט שוין ביים אויסגעלאשען ווערען. דער שלום און די הארמאניע איז נישט געווען פון ערנסטער פראבע — דאס איז אלץ געווען שיינבאר, דאס האט זיך בלויז אזוי אויסגעדוכט. אין די סאמע טיעפענישען זענען געלעגען גענוג אויפרייס-מאטעריאלען, וועלכע זענען נישט אנגעריהרט געווארען אין די ערשטע עטליכע האניג-יאהרען פון ר׳ סעדיה׳ס הערשאפט. עס איז אבער גענוג געווען בלויז די קלענסטע צוהיצונג פון אט די מאטעריאלען, אז ס׳זאל קומען צו אן׳אויפרייס. און ס׳איז ענדליך געקומען. דורך דערדאזיגער אויפרייסונג האט שוין געליטען נישט בלויז סורא אליין, נאר אויך איהר שוועסטער-אקאדעמיע אין פומבדיתא און דאס גאנצע בריליאנטענע אקאדעמישע לעבען אין בבל.

עס פערשטעהט זיך, אז ווען דער ריש-גלותא דוד בן-זכאי וואלט,

בעת ער האָט איינגעלאַדען ר׳ סעדיה׳ן צו ווערען גאון פון סורא, געהאַט אויפריכטיגע און ערנסטע כוונות בנוגע דער אויפלעבונג פון דער אַקאַדעמיע— וואָלט אפשר דער גאַנצער ענין געענומען אַנ׳אַנדער ווענדונג און ס׳וואָלט נישט געקומען צו קיין ברוך. דער ריש־גלותא האָט דאָ אָבער פּרובירט שפּיעלען אַ דאָפּעלט שפּיעל. פון איין זייט האָט ער געוואָלט אויפהויבען די אַקאַדעמיע פון סורא צו פערשטאַרקען זיין מאַכט און דערמיט אַרויס־ווייזען זיין פעסטקייט געגען כהן־צדק גאון פון פומבדיתא, וועלכער האָט פריהער געהאַט געקעמפט געגען איהם, און פון דער אַנדערער זייט האָט ער געהאַט בדעה, אַז אויך ר׳ סעדיה זאָל נישט זיין אַזוי אונאָבהענגיג. עס זענען, אַלזאָ, אין דעם גאַנצען אויפטהו געלעגען געגענזעצליכע שטרעבונגען, שאַרפע סתירות, וואָס האָבען זיך לחלוטין נישט געלאָזט סינטעזירען, צונויפ־בינדען — און מחמת־דעם האָט עס פריהער אָדער שפּעטער געמוזט קומען צו עפענטליכע קאָנפליקטען, וואָס זאָלען צושטערען די גאַנצע שאַפונג, וואָס זאָלען צופרעסען די גאַנצע וואונדערבאַרע געביידע, וועלכע איז מיט אַזוי פיעל מיה און מיט גרויסען זשעניע אויפגעבויט געוואָרען.

איבריגענס, שיינט עס, האָט דער איינפלוס פון די פערזאָנען אויך צו ענטשיידען דעם שיקזאַל פון די תלמוד׳ישע אינסטיטוציעס אויך געדאַרפט רעדוצירט ווערען ביז צו אַ מינימום. עס זענען געווען אַנדערע, אויסערליכע פאַקטאָרען, וואָס האָבען געבראַכט די אַקאַדעמיעס צום אָבלעבען. די אוי־סערליכע אומשטענדען, מעהר ווי די פערזאָנען, זענען עס געווען, וואָס האָבען פערזיגעלט דעם גורל פון די אַקאַדעמיעס. עס זענען שוין דאַמאָלס געווען אַנדערע צייטען, אַנדערע מענשען און דער גאַנצער לעבענס־שטייגער איז שוין דאַן געווען אַנ׳אַנדערער ווי צו דער צייט פון אַביי ורבא. פון אָריענט האָבען אָנגעהויבען וועהען נייע פרייהייטס־ווינטען, נייע אידעען זענען געבוירען געוואָרען און זיי האָבען, זעלבסטפערשטענדליך, אָנגעריהרט אויך דאָס יודענטום. די העכערע קלאַסען זענען שוין נישט געווען אַזוי שטאַרק איבערגעגעבען די אַקאַדעמיעס, ווי אַמאָל. דאָס פשוט׳ע פאָלק איז שוין געווען אָרימער און אויך אַביסעל אַפּאַטיש. עס איז שוין נישט גע־ווען יענע וואָרימע אַטמאָספערע ווי אין פריהערדיגע צייטען, אין וועלכע אַזעלכע הויכע לעהר־אינסטיטוציעס זענען געווען אימשטאַנד צו געדייהען. דער מצב פון די אַקאַדעמיעס איז געווען, אַזוי צו זאָגען, אַנ׳אָבשפּיגלונג פון דער בעציהונג פון פאָלק צו זיי, אַנ׳אָבשפּיגלונג פונ׳ם נייעם לעבענס־סטאַטוס, פונ׳ם נייעם יודישען אַרט דענקען און פיהלען. מען קאָן דעריבער זאָגען, אַז די סכסוכים און רייסעניש צווישען די גאונים און די מחלוקת צווישען די גאונים מיט דעם ריש־גלותא זענען נישט געווען די סיבות, וועלכע האָבען געבראַכט די אַקאַדעמיעס צום אָבלעבען, נאָר זענען געווען אַליין רעזולטאַטען פון די אונגינסטיגע בעדינגונגען, וואָס האָבען זיך גע־שאַפען אַרום זיי. די שפּאַלטונגען און רייסענישען האָבען בלויז פערשנע־לערט דעם פּראָצעס. מען האָט זיך, נאַטירליך, פּרובירט ראַנגלען מיט די

לעצטע כחות און מיט גרויסער עקשנות אָנצוהאַלטען די בעדייטענדע אינ־סטיטוציעס, אָבער עס שיינט, אַז ס׳איז שוין נישט געווען מעגליך. ס׳איז אמת, די אינסטיטוציעס זענען ביי אָט דער צייט נאָך נישט געווען אינגאַנ־צען אונטערגעגאַנגען. זיי האָבען נאָך עקזיסטירט אַ לענגערע צייט. זיי זע־נען שוין אָבער געוואָרען אַזוי בלוט־אָרים, אַזוי אָבגעשוואַכט, אַז זיך צוריק ערהאָלען, און ווער רעדט צוריק אויפבליהען און זיך פערפעסטיגען, איז שוין געווען אויסגעשלאָסען. די אויטערליכע פערהעלטניסען זענען שוין געווען שטאַרקער פון די פערזאָנען, אפילו פון די גרעסטע פערזאָנען. וואָרום אָהן דער געהעריגער שטאַרקער אַרמעע קאָן אפילו דער געניאַלסטער קריעגס־פיהרער נישט געווינען אויפ׳ן שלאַכט־פעלד.

פיעל בייגעטראָגען צו דער אָבשוואַכונג און ערנידעריגונג פון דעם גאַנצען אַקאַדעמישען לעבען האָט דער ריש־גלותא צאַליין מיט זיין נישט־שענער אויפפיהרונג. ער, דער פרינץ, דער הויפט־פיהרער פון דער יודישער קהלה אין בבל, וועלכער האָט געדאַרפט דיענען פאַר׳ן פאָלק אַלס אַ מוס־טער פון טוגענד, פון אמת וצדק, איז געווען פונקט דער היפוך. זייענדיג אין שטענדיגער מורא פאַר געגנער, וועלכע האָבען אויסגעקוקט אויף צו בעקומען זיין הויכען אַמט, האָט ער זיך געשטעלט אין גוטע בעציהונגען מיט׳ן הויף פונ׳ם קאַליף — און אָט די בעציהונגען האָט מען געמוזט קויפען פאַר געלד, וועלכעס מען האָט געריסען פון אָרימען פאָלק. עס האָט זאָגאַר איינמאָל פאַסירט, אַז דוד בן־זכאי, דער ריש־גלותא, האָט געשיקט זיינע זיהן אַרויפצולעגען אַנ׳עקסטרא שטייער אויף פערשידענע יודישע קהלות; און ווען איין קהלה האָט זיך אָבגעזאָגט דעמדאָזיגען שטייער צו געבען, האָט דער ריש־גלותא די גאַנצע קהלה אַריינגעלעגט אין חרם און איבערגעגעבען דעם ענין צום וויזיר — און דער סוף איז געווען, אַז ס׳איז אויף דערדאָזי־גער קהלה אַרויפגעלעגט געוואָרען אַ גרויסע שטראָף. אַזאַ מין האַנדלונג פון דעם יודישען פרינץ האָט, פערשטעהט זיך, געמוזט אויפרייצען געגען איהם דאָס פאָלק — און דאָס אַלץ האָט די אַקאַדעמיעס קיין געזונד נישט צוגע־געבען.

ר׳ סעדיה האָט אין משך פון די עטליכע יאָהר, וואָס ער האָט געליי־טעט די אַקאַדעמיע, געהאַט די מעגליכקייט זיך צו בעקענען מיט דער לאַגע און מיט דער שטימונג פון פאָלק, מיט דער טעטיגקייט פון ריש־גלותא, מיט זיינע שטרעבונגען און כוונות. מיט זיין שאַרף אויג איז ער אַריינגעדרונגען אין די טיעפענישען פון דעם גאַנצען פערפלאָנטערטען קאָמפּלעקס פּראָבלעמען און מיט זיין קלאָרען מוח האָט ער ריכטיג אָבגעשאַצט צאַלע ערשיינונגען, וואָס עס זענען פאָרגעקומען אין דער יודישער וועלט. ר׳ סעדיה האָט גע־וואוסט, וואָס עס קומט־פאָר אין הויף פון ריש־גלותא און מיט וואָסערע מיט־לען ער פּרובירט זיך האַלטען ביי דער מאַכט. ער האָט זיכער שטאַרק גע־ליטען דערפון. דער מאַן, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבען געקעמפט פאַר׳ן אמת און יושר, האָט נישט געקאָנט גלייכגילטיג צוקוקען, וואָס עס טהוט זיך אָב

אין יודישען לעבען. אָבער ער האָט געשוויגען, ווייל ער האָט זיך נאָך נישט געפיהלט גענוג שטאַרק אַריינצומישען זיך אין ריש-גלותא׳ס הערשאַפט, צו זאָגען דעות און בפרט נאָך אויף אָנצוהויבען אַ קאַמף געגען איהם. אויסערדעם איז ר׳ סעדיה געווען בלויז רעקטאָר פון דער אַקאַדעמיע, דער פאָרשטעהער פון דער רעליגיעזער מאַכט, צו פערשפרייטען תורה און אויפצוהאַלטען די תורה. דעריבער, כל-זמן דער ריש-גלותא האָט איהם מעהר אָדער וועניגער געלאָזט צו רוה און זיך פערהעלטניסמעסיג ווייניג געמישט אין ר׳ סעדיה׳ס רעליגיעזער מלוכה, האָט זיך ר׳ סעדיה נישט געמישט אין ריש-גלותא׳ס פאָליטישער מלוכה, הגם באמת איז ער שטענדיג גרייט געווען צו זאָגען אַ הארב וואָרט, אַ שאַרף וואָרט, ווי ער האָט געקענט. עס איז אָבער ענדליך געקומען דער טאָג, ווען ר׳ סעדיה האָט שוין נישט געקאָנט אויסהאַלטען, און ס׳האָט זיך אָנגעהויבען אַ קאַמף אויפ׳ן גאַנצען פראָנט.

דער קאַמף האָט אויסגעבראָכען צוליב אַ נישט-גערעכטען פסק-דין פון ריש-גלותא. צוויי יורשים, וועלכע האָבען בעקומען אַ גרויסע ירושה און האָבען נישט געקאָנט קומען צווישען זיך צו אַ הסכם מכח דער פערטיילונג, האָבען בעשלאָסען דעם ענין איבערצוגעבען דעם ריש-גלותא, אַז ער זאָל די זאַך ענטשיידען. דער ריש-גלותא האָט אַרויסגעטראָגען דעם פסק-דין — און כדי דער פסק-דין זאָל האָבען מעהר געוויכט אין געזעצליכקייט, האָט ער געשיקט צו די גאונים, אַז זיי זאָלען דעם פסק-דין בעשטעטיגען.

דאָ איז עפּעס פּאַרהאַן אַ שטיקעל מחלוקת צווישען די פאָרשער. מאַנכע האַלטען, אַז ביידע יורשים האָבען איהם צוגעזאָגט צעהן פּראָצענט פון דער ירושה, וואָס האָט אויסגעמאַכט זיבען הונדערט גאָלדשטיק, אַפנים אַ גרויסע סומע פאַר יענער צייט; אַנדערע זאָגען, אַז די צעהן פּראָצענט איז איהם צוגעזאָגט געוואָרען פון איין יורש, אויב ער וועט ענטשיידען דעם משפט צו זיין גונסטען. יעדענפאַלס שיינט עס, אַז דער פסק-דין איז נישט געווען קיין יושר׳דיגער און נישט קיין עהרליכער, און מחמת דעם האָט ר׳ סעדיה זיך אָבגעזאָגט איהם צו בעשטעטיגען. אַז מען איז צו איהם צוגעשטאַנען שטאַרקער, האָט ער געזאָגט, אַז פריהער זאָל אונטערשרייבען כהן-צדק. ר׳ סעדיה׳ס כוונה איז געווען, אַז אויך כהן-צדק וועט נישט אונטערשרייבען צוליב דיזעלבע טעמים, וואָס ער, ווייל דער פסק-דין איז נישט קיין עהרליכער; אָבער אַרויסגעוויזען האָט זיך, אַז כהן-צדק האָט יאָ אונטערגעשריבען, וועלענדיג דערמיט אויסדריקען זיין געגנערשאַפט צו ר׳ סעדיה׳ן און זיין וואוילגעניגטקייט צום ריש-גלותא, הגם ער האָט איהם נישט ליעב געהאַט.

אַז מען איז צוריקגעקומען צו ר׳ סעדיה׳ן און מ׳האָט איהם געוויזען כהן-צדק׳ס חתימה, האָט ער אַ זאָג געטהאָן:

— נו, צו-וואָס דאַרפט איהר איצט מיין אונטערשריפט? איהר האָט דאָך שוין איין חתימה פון כהן-צדק.

אַז די מקורבים האָבען איהם געפרעגט די אמת׳ע סיבה, פאַרוואָס ער

שרייבט נישט אונטער, האָט ער אַפּנים זיי אויסגעזאָגט זיין סוד, וואָס איז, זעלבסטפערשטענדליך, נישט געווען גינסטיג פאַר'ן ריש־גלותא.

בעת די זאַך איז דערגאַנגען צום ריש־גלותא, איז ער געוואָרען אַנ'אָנגעצונדענער און האָט תיכף געשיקט צו ר' סעדיה'ן זיין זוהן יהודה:

— געה אַוועק צו סעדיה'ן און זאָג איהם אין מיין נאָמען, אַז ער זאָל דעם פסק־דין בעשטעטיגען.

יהודה איז אַוועק צו ר' סעדיה'ן און האָט איהם איבערגעגעבען אַלץ, וואָס דער פאָטער האָט איהם געהייסען.

ר' סעדיה האָט אויסגעהערט זיין ערקלערונג און אַ זאָג געטהאָן צו איהם:

— געה צוריק צו דיין פאָטער און זאָג איהם, אַז ס'שטעהט אין דער תורה: „לא תטה משפט, לא תכיר פנים וכו'."

דער ריש־גלותא האָט דאַן ווידער געשיקט זיין זוהן:

— זאָג סעדיה'ן, אַז ער זאָל דעם פסק־דין אונטערשרייבען און זיך נישט מאַכען נאַריש.

יהודה איז אַוועק צו ר' סעדיה'ן און האָט גערעדט מיט איהם זעהר העפליך און נישט איבערגעגעבען גענוי דעם פאָטער'ס ווערטער, כדי איהם נישט אויפצורעגען. ער האָט איהם געבעטען אונטערשרייבען, כדי עס זאָל נישט אַרויסקומען קיין סכסוך צווישען איהם און זיין פאָטער. ר' סעדיה האָט זיך אָבער אָבגעזאָגט.

יהודה איז אַזוי געגאַנגען הין־און־צוריק עטליכע מאָל און האָט פרובירט מיט גוטען ווירקען, אַז ר' סעדיה זאָל אונטערשרייבען. זעהענדיג, אַז ר' סעדיה איז איינגעשפּאַרט, האָט ער איהם אַ זאָג געטהאָן:

— אויב דו שרייבסט נישט אונטער דעם פסק־דין, ווי מיין פאָטער האָט דיר געהייסען, וועל איך דיך שלאָגען.

יהודה האָט אויפגעהויבען די האַנד און געוואָלט ר' סעדיה'ן געבען אַ פּאַטש, אָבער דאָ זענען אונטערגעלאָפען די תלמידים, האָבען געכאַפּט יהודה'ן און איהם אַרויסגעוואָרפען פון שטוב.

ווען יהודה איז געקומען צוריק אַהיים אַ פערוויינטער און האָט דערציהלט די מעשה, וואָס ס'איז מיט איהם געשעהן, האָט דער ריש־גלותא אַריינגעלעגט ר' סעדיה'ן אין חרם און בעשטימט אַלס גאון ר' יוסף ב"ר יעקב סאַטיא. אַז ר' סעדיה האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט ער אויסגערופען אַ חרם אויפ'ן ריש־גלותא און בעשטימט אַלס ריש־גלותא דוד בן־זכאי'ס ברודער, יאשיהו חאַסאַן. סורא האָט, אַלזאָ, איצט געהאַט צוויי גאונים, און דאָס יודענטום פון בבל—צוויי ריש־גלותא'ס.ביידע צדדים האָבען גע'טענה'ט, אַז זיי זענען גערעכט, ביידע צדדים האָבען נישט געוואָלט נאָכגעבען, און דער קאַמף האָט זיך צופלאַקערט אויף דער גאַנצער ליניע.

י״ב.

ר׳ סעדיה ווערט ארויסגעשיקט.

קיין פול הארמאניש און פרידליך צוזאמענלעבען איז אין דער יודיש-באבילאנישער אקאדעמישער און פאליטישער וועלט אונטער דער צייט פון די גאונים פערהעלטניסמעסיג קיינמאל נישט געוועז. עס זענען מעהרערע מאל פארגעקומען שארפע מחלוקת׳ן סיי צווישען די גאונים גופא און סיי צווישען די גאונים און ריש-גלותא. ווארום נאך אלעמען, ווי גרויס זיי זענען געוועז, זענען זיי דאך געוועזן נישט מעהר ווי מענשען, מיט ליידענשאפטען און אמביציעס און מיט אלע אנדערע מענשליכע חסרונות. אבער אזא פערביטערטער, העפטיגער קאמף, ווי עס האט איצט געהאט אויסגעבראכען צווישען ר׳ סעדיה גאון און דעם ריש-גלותא דוד בן-זכאי, האט נאך דאס יודישע בבל נישט געהאט. אפילו דער לעצטער שארפער קאמף, וועלכען כהן-צדק גאון פון פומבדיתא האט געהאט אנגעפיהרט געגען ריש-גלותא עוקבא און שפעטער אויך געגען ריש-גלותא דוד בן-זכאי, איז געוועז, אזוי צו זאגען, אונבעדייטענד אין פערגלייך מיט דעם איצטיגען קאמף. דען נאך וועניג, וואס דער קאמף האט געברענט ווי א העליש פייער, האט ער נאך דערצו געדויערט עטליכע יאהר נאכאנאנד און איז געווארען אלץ מעהר גיפטיג, אלץ מעהר העפטיג און האט אריינגעטראגען א כאאס אין דעם גאנצען אקאדעמישען און פאליטישען לעבען פון די יודען אין בבל. עס קאן זיין, אז ווען עס וואלטען נישט פארגעקומען די געגענזייטיגע חרמות, וואלט אפשר מעגליך געוועז דעם סכסוך אויסצוגלייכען. אבער אזוי ווי איינער האט דעם צווייטען שוין געהאט מחרים געוועז און ס׳זענען בעשטימט געווארען נייע פערזאנען אלס ריש-גלותא פון איין זייט און אלס גאון פון דער אנדערער זייט — האט מען שוין דאן וועגען אנ׳אויסגלייך לחלוטין נישט געקאנט רעדען.

עס איז אייגענטליך פארהאן א סברא צווישען די פארשער, אז דער ריש-גלותא דוד בן-זכאי איז געוועז נישט אינגאנצען שולדיג. עס הייסט, אז ר׳ סעדיה איז גאר געוועז דער אנגרייפער — און דער ריש-גלותא האט זיך געוואלט פערטיידיגען. דען נאכדעם ווי ר׳ סעדיה האט זיך קאטעגאריש אבגעזאגט צו בעשטעטיגען דעם פסק-דין פון ריש-גלותא און ארויסגעווארפען פון זיין שטוב דעם ריש-גלותא׳ס זוהן, יהודה, וועלכער איז געקומען ווירקען אויף ר׳ סעדיה׳ן אויסצומיידען אנ׳אפענעם קאנפליקט, האט דער ריש-גלותא נאך אלץ נישט געמאכט געגען ר׳ סעדיה׳ן קיין שום אגרעסיווען שריט. ער האט זיך בלויז געפיהלט בעליידיגט פון ר׳ סעדיה׳ס האנדלונג און ענטטוישט אין די האפנונגען, וואס ער האט געהאט אויף איהם געלעגט, בעת ער האט איהם איינגעלאדען אין סורא אלס גאון, אבער נישט מעהר. ערשט ווען ר׳ סעדיה זאל איהם האבען פריהער אריינגעלעגט אין חרם

און בעשטימט אַ נייעם ריש־גלותא אויף זיין פּלאַץ — ערשט דאַן איז דוד בן־זכאי אַרויס אין קאַמף. ער האָט דאַן מחרים געווען ר׳ סעדיה׳ן און בע־שטימט אויף זיין אָרט אַ נייעם גאון, ר׳ יוסף ב״ר יעקב סאַטיאַ. הגם דידאָזיגע פּאַרשער זענען נישט שטאַרק ענטציקט פון ריש־גלותא אַלס מענש בכלל, האַלטען זיי דאָך, אַז אין דעמדאָזיגען פאַל האָט ר׳ סעדיה געהאַנ־דעלט אונאיבערלעגט און צו־האַסטיג.

דאָס וואָלט אפשר געווען אַ גערעכטע טענה, אויב מען זאָל אָננעה־מען די סברא, אַז ר׳ סעדיה האָט דעם ריש־גלותא פריהער אַריינגעלעגט אין חרם. דאָס איז אָבער נישט אינגאַנצען קלאָר און פעסט. בכלל איז אָנ־גענומען, אַז דער ריש־גלותא האָט ר׳ סעדיה׳ן מחרים געווען פריהער, און ר׳ סעדיה האָט געמוזט פערטיידיגען דעם כבוד פון דער תורה, שיצען דעם פּרעסטיזש פון דער אַקאַדעמיע און זיך נישט לאָזען בעהערשען פון דער מאַכט פון ריש־גלותא. אַגב איז בעוואוסט, אַז דער הויף פון ריש־גלותא איז נישט געשטאַנען אויף דער הויכקייט, אויף וועלכער ער האָט געדאַרפט שטעהן. די דאָרטיגע לייט זענען נישט געווען קיין שונאי־בצע — און עס שיינט, אַז ביי דער דין־תורה מכח דער ירושה פון די צוויי קרובים האָט דער ריש־גלותא נישט געהאַנדעלט קאָרעקט. עס פערשטעהט זיך דעריבער, אַז אַזאַ מאַן פון גערעכטיגקייט, ווי ר׳ סעדיה, האָט אַזאַ שרעקליכען אַקט נישט געקאָנט אַראָבשלינגען גלייכגילטיג און ער האָט געמוזט האַנדלען מיט אַ שטאַרקער האַנד.

יעדענפאַלס — אונאָבהענגיג פון דעם, ווער עס האָט צום ערשטען ער־קלערט קריעג און ווער עס איז געווען גערעכט — איז שוין איצט די מלחמה געווען אין רעכטען ברען, און אַזעלכע בעגריפען ווי האַרמאָניע און שלום זענען פון ביידע צדדים בעטראַכט געוואָרען אַלס לעכערליכע. איצט האָט זיך געהאַנדעלט בלויז וועגען דעם, ווער עס וועט זיעגען, ווער עס זאָל זיעגען און הערשען. איצט האָט שוין געהאַלטען דערביי, אַז איינער מוז אַוועק, איינער מוז זיך אונטערגעבען. דאָס איז איצט געווען דער גאַנ־צער תוך פונ׳ם קאַמף.

עס פערשטעהט זיך, אַז ביידע קעמפענדע פערזאָנען זענען נישט גע־בליבען אַליין אויפ׳ן שלאַכט־פעלד. עס האָבען זיך באַלד געבילדעט צדדים, וועלכע האָבען זיך געשטעלט צו שיצען זייערע פיהרער. דאָס רוב האָט געהאַלטען מיט ר׳ סעדיה׳ן. די תלמידי־חכמים פון סורא, די רייכע און געבילדעטע לייט פון באַגדאַד, וועלכע האָבען הויך געשעצט ר׳ סעדיה׳ס געלעהרזאַמקייט און זיין לויטערע פערזענליכקייט, זענען געווען איבערצייגט, אַז ר׳ סעדיה האָט געהאַנדעלט ווי אַנ׳עכטער פיהרער, ווי אַנ׳עכטער שיצער פון דער תורה. זיי זענען געווען בעגייסטערט פון זיין אונאָבהענגיגער, שטאָלצער, ווירדיגער און שטרענגער שטעלונג. זיי האָבען געהאַלטען, אַז מען האָט ר׳ סעדיה׳ן נישט געטאָרט צווינגען אונטערצושרייבען אַ דאָקומענט, וואָס איז געווען געגען זיין גייסט, געגען דעם גייסט פון דער תורה.

אָבער דער ריש־גלותא האָט אויך געהאַט אַ שטאַרקע פּאַרטיי, וואָס האָט איהם געשטיצט און אונטערגעגעבען קוראַזש אין זיין קאַמף געגען ר׳ סעדיה׳ן. דאָס זענען געווען די תּלמידי־חכמים פון דער פּומבדיתא׳ר אַקאַדעמיע, די בעוואוסטע פּערזענליכקייט אין באַגדאַד ר׳ אַהרן אבן־סאַרגאַדאָ און כּהן־צדק גאון פון פּומבדיתא. בעזונדערס האָט זיך מיט דעם קאַמף אָבגעגעבען דערדאָזיגער אבן־סאַרגאַדאָ, וועלכער איז אַליין געווען אַ גרויסער געלעהרטער און שפּראַכען־קענער און האָט נישט געקאָנט פּערטראָגען ר׳ סעדיה׳ס גרויסקייט. ער האָט זיך געשטעלט אויף דוד בן־זכאי׳ס זייט נישט ווייל ער האָט געהאַלטען, אַז ער איז געווען גערעכט, נאָר ווייל ער האָט פּשוט געשטרעבט צו בעזייטיגען ר׳ סעדיה׳ן, כּדי אַליין צו פערכאַפּען זיין אָמט.

אַ טשעקאַווע ראָלע האָט אין דעם קאַמף געשפּיעלט אויך כּהן־צדק גאון. פריהער איז ער אַליין געווען דער שאַרפסטער געגנער פון דעם גאַנצען אָמט פון ריש־גלותא גופא און פון דוד בן־זכאי בפרט. ער האָט שטענדיג געשטרעבט צו ווערען דער איינציגער וויכטיגער און פּאָליטישער פיהרער פון׳ם גאַנצען בבל׳שען יודענטום. אָבער איצט איז ער געוואָרען מעהר שונא פון ר׳ סעדיה׳ן, ווי פון ריש־גלותא. ער האָט נישט געקאָנט פערטראָגען זיין גרויסקייט און בעריהמטקייט. ער האָט אין איהם שטענדיג געזעהן דעם מאַן, וועלכער האָט אויפגעהויבען דעם נאָמען פון סורא אַזוי הויך, אַז מען האָט אָן פּומבדיתא כּמעט ווי פערגעסען. ער האָט געוואוסט, אַז ר׳ סעדיה איז נישט געווען שולדיג דערין, וואָס דער ריש־גלותא האָט איהם בעשטימט אַלס גאון פון סורא, נאָך דעם ווי סורא איז שוין פּאַקטיש געווען געשלאָסען. ער האָט געוואוסט, אַז ר׳ סעדיה איז נישט געקראָכען אויף זיין קאַפּ און איז זיך נישט געקומען בעטען אַ שטעלע ביים ריש־גלותא, כּדי צו קעמפען געגען איהם. אָבער דאָך האָט ער אין איהם געזעהן אַ גרעסערען שונא, ווייל ער האָט געדענקט, אַז נאָר אַדאַנק איהם, און נישט צוליב דעם ריש־גלותא, האָט ער נישט געקאָנט פערווירקליכען זיינע טרוימען און זיינע אַמביציעס צו בלייבען דער איינציגער הערשער אין בבל.

עס איז פאַרהאַן אַ סברא, אַז זיין געגנערשאַפט צו ר׳ סעדיה׳ן האָט געשטאַמט פון נאָך אַן־אַנדער סיבה. כּהן־צדק גאון איז געווען אַ בבל׳ער פון דורות און איז געווען דורך־און־דורך אָנגעזאַפּט מיט דעם גייסט פון די שעפער פון תּלמוד־בבלי, און די גאַנצע אויפקלערונג און השכלה איז איהם געווען דערווידער. ער האָט געהאַלטען ר׳ סעדיה׳ן אַלס גרויסען גאון אין תּלמוד, אָבער זיין געלעהרזאַמקייט און זיין פילאָזאָפיע איז איהם נישט געפעלען געווען. ער האָט געהערט צו יענעם אַלטען חדר, וואָס האָט געהאַלטען, אַז תּלמידי־חכמים דאַרפען זיך מיט חכמות חיצוניות נישט בעשעפטיגען. עס שיינט אָבער, אַז דידאָזיגע סברא האָט נישט קיין פעסטען גרונד. דען ווען מיר זאָלען אפילו אָננעהמען, אַז כּהן־צדק גאון האָט באמת געהערט צו דער אַלטער קלאַסישער שול, צו דער אַלטער אָרטאָדאָקסישער

מיינונג וועגען דער פאַסיגקייט אָדער נישט־פאַסיגקייט פון דער פעראייניגונג פון תורה מיט חכמה, האָט עס נאָך אַלץ נישט בערעכטיגט זיין שריט אַרויסצושטעלען זיך אַלס פריינד פון ריש־גלותא, פון וועמען ער האָט לחלוטין נישט געהאַלטען און צו וועמען ער האָט נישט געהאַט און נישט געקאָנט האָבען קיין שום סימפאַטיע, און זיין קאַמף געגען ר׳ סעדיה׳ן, וועמען ער האָט יאָ געהאַלטען אַלס גאון אין תורה און אַלס ליידענשאַפט־ליכען קעמפער פאַר׳ן יודענטום. עס איז דעריבער מעהר וואַהרשיינליך, אַז די פערזענליכע מאָטיוען האָבען דאָ געשפּיעלט אַ פיעל גרעסערע ראָלע, ווי די אַזוי־גערופענע פּרינציפּיעלע.

איבריגענס זענען ביידע צדדים געווען זעהר איינפלוסרייך און אַמ־ביציעז און מען האָט אַפּעלירט צום קאַליף אַל מוקטאַדיר, אַז ער זאָל זעהן דעם ענין צו ענטשיידען. דערביי האָט מען נישט געקאַרגט קיין געלד צו געווינען די הערצער פון די איינפלוסרייכע הויף־לייט. עס איז אַ סברא, אַז דערדאָזיגער אַהרן אבן־סאַרגאַדאָ זאָל זיך האָבען געלאָזט קאָסטען צעהן טויזענד דוקאַטען, אַז דער בעשלוס זאָל זיין צום גונסטען פון ריש־גלותא.

דער קאַליף, וועלכער איז געווען געדריקט פון צוויי איינפלוסרייכע צדדים אין הויף גופא, האָט אַרויסגעזאָגט זיין וואונש אויסצוהערען ביידע צדדים אויף אַ פאָרמעלען פערהער אין באַגדאַד אונטער׳ן פאָרזיץ פון זיינעם אַ וויזיר. צוליב דער שטענדיגער אונרוהיגער לאַגע אין לאַנד און צוליב דער שטענדיגער בייטעניש פון די ווזירען האָט דער סכסוך נישט געקאָנט אויסגעגלייכט ווערען — און ר׳ סעדיה איז געבליבען זיצען ווייטער אַלס גאון אין סורא, הגם עס איז געווען אַ צווייטער גאון, ר׳ יוסף ב״ר יעקב; דאָסגלייכען, איז דוד בן־זכאי געבליבען ווייטער ריש־גלותא, הגם עס איז געווען אַ צווייטער, טאַקע זיין אייגענער ברודער יאשיהו חאַסאַן, וועלכער איז בעשטימט געוואָרען פון ר׳ סעדיה׳ן.

ר׳ סעדיה׳ס געגנער האָבען אָבער דערוייל נישט גערוהט. זיי האָבען אָנגענומען כל׳ערליי מיטלען איהם צו דיסקרעדיטירען, איהם מבזה צו זיין און איהם צו דערנידעריגען אין די אויגען פון די מאַסען און צו פער־שטאַרקען די שנאה געגען איהם. זיי האָבען אפילו איבערגע׳חזר׳ט די אַלטע שקרים פון די קאַראַאימער, אַז ר׳ סעדיה שטאַמט גאָר נישט פון יודען, נאָר פון גרים פון דער שטאָדט דילאַס אין עגיפּטען. דער ריש־גלותא מיט׳ן גאון כהן־צדק האָבען איהם גערופען „דער אפיקורס פון די דילאַסער גוים״. ר׳ סעדיה האָט דעריבער דעמאָלט אָנגעשריבען זיין „ספר הגלוי״, אין וועל־כען ער האָט אָנגעוויזען, אַז זיין יחוס ציהט זיך אַזש ביז ר׳ חנינא בן־דוסא און צו יעקב אָבינו׳ס אייניקעל שלה בן יהודה. אָבער דאָס האָט נישט געהאָלפען. דער ריש־גלותא האָט גע׳טענה׳ט, אַז ר׳ סעדיה איז אַ ליגנער און האָט איהם אינגאַנצען אָבגענאַרט

דערדאָזיגער אומנאָרמאַלער צושטאַנד האָט אָנגעהאַלטען ביז׳ן סוף יאָהר 932, ווען דער קאַליף אַל מוקטאַדיר איז בעת אַנ׳אויפשטאַנד ערמאָרדעט

געוואָרען. אויף זיין אָרט אַלס קאַליף איז אַרויף איינער קאַהיר, וועלכער איז געווען אַזאַ קבצן, אַז ער האָט געמוזט באָרגען מלבושים זיך אויסצוּפוּצען פאַר דער צערעמאָניע פון זיין אינסטאַלירונג. די פּאַרטיי פון ריש־גלותא האָט אויסגענוצט אָט די געלעגענהייט און געוואונען מיט גרויסע סומעס געלד דעם קאַליף אויף איהר זייט. דאַן איז געקומען אַ סוף צו די אַלע רייסעניִשען. דער קאַליף האָט פּעראָרדענט, אַז ר׳ סעדיה מוז פערלאָזען זיין אַמט אַלס גאון און אויך די שטאָדט סורא. דעם ריש־גלותא יאשיהו חאַסאַן האָט מען פערשיקט קיין חאַראַסאַן (אַפריקאַ), וואו ער איז שפּעטער געשטאָרבען. ר׳ סעדיה האָט זיך בעזעצט אַרום באַגדאַד — און אַזוי ווי עס זענען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז מען וויל איהם ערמאָרדען, האָט ער זיך אינגאַנצען אָבגעזונדערט פון דער אַרומיגער וועלט און זיך אויסבעהאַלטען פון אַלעמען. דידאָזיגע איינזאַמקייט און דער גרויסער עגמת־נפש האָבען אונטערגעבראָכען זיין געזונד־צושטאַנד און ער איז געוואָרען שטאַרק מעלאַנכאָליש. דאָס אַלץ אָבער האָט דאָך נישט געהאַט קיין ווירקונג אויף זיין שאַפונגס־קראַפט. דער שעפערישער זשעני האָט ר׳ סעדיה׳ן נישט פערלאָזען אפילו אין דעם אומעטיגען, פערוואָרפענעם גלות־ווינקעלע.

י״ג.

ער שאַפט די רעליגיאָנס־פילאָזאָפיע.

דער גייסטיגער קעניג איז איצט געווען אין גלות. עס איז איהם זיכער קיינמאָל נישט איינגעפאַלען אין מוח, אַז ס׳וועט מיט איהם פּאַסירען אַזאַ זאַך, אַז ער וועט קומען צו אַזאַ מדרגה, אַז ער, דאָס ליכט פון דער יודישער וועלט, ער, דער גרויסער קעמפער פאַר דער תורה און פאַר דער יודישער אמונה, ער זאָל ליעגען אונטער אַ חרם, בעשמוצט און בעליידיגט, איינזאַם, אָבגעזונדערט פון דער רוישיגער וועלט. דאָס האָט, זעלבסטפערשטענדליך, שטאַרק געווירקט אויף זיין פיזישען און גייסטיגען צושטאַנד. ער איז אַריינגעפאַלען אין אַ מעלאַנכאָליע, ער איז געוואָרען מרה־שחורה׳דיג און האָט זיך געפיהלט נידערגעשלאָגען און צובראָכען.

נאַטירליך האָבען איהם זיינע גוטע פריינד און פערעהרער נישט פערלאָזען אין זיין אונגליק און האָבען איהם שטענדיג געטרייסט און געגעבען גוטע האָפנונגען, אַז ער וועט נאָך צוריק בעפרייט ווערען פון זיין גלות, ווערען ווידער טעטיג אין דער אַקאַדעמיע פון סורא און ווייטער אָנפיהרען מיט דעם גייסטיגען לעבען פון דער יודישער וועלט. דידאָזיגע טרייסט־רייד האָבען, פערשטעהט זיך, געווירקט אויף איהם צום גוטען, אָבער זיי אַליין זענען נאָך נישט געווען פון גענוגענדער שטאַרקייט, וואָס האָבען געקאָנט אויפהויבען ר׳ סעדיה׳ס שטימונג. עס איז געווען אַן׳אַנדער כח, אַ שטאַרקערע קראַפט, וואָס האָט בערוהיגט זיין געמיט. דאָס איז געווען דער כח־

היצירה, דער כח פון שאַפֿן. דער שעפּערישער זשעני האָט בעגלייט ר׳ סעדיה׳ן אויך אין זיין גלות, און גראָד דאָרט האָט ער אַרויסגעבראַכט די בעדייטענדסטע, עפּאָכע-מאַכענדע שאַפֿונג, דעם „ספר האמונות והדעות״, מיט וועלכען ער האָט געלעגט דעם פונדאַמענט פון אַ נייער פילאָזאָפישער שיטה— די פילאָזאָפיע פון רעליגיע.

אין פלוג קאָן זיך אויסדוכטען, אַז דערדאָזיגער צוזאַמענפּאָר איז עפּעס נישט נאַטירליך, וויילביידע בעגריפען זענען זיך אין עצם סותר איינער דעם אַנדערן און קאָנען לחלוטין נישט געבראַכט ווערען צו אַ האַר-מאָנישער פעראייניגונג. די פילאָזאָפיע איז עפּעס אַ מין רעוואָלט געגען דער רעליגיע, איז אונצופרידען מיט דער מסורה. פילאָזאָפיע איז די אויסשטראַה-לונג פון שכל, פון לאָגיק, פון ריינעם פערנונפט. רעליגיע דאַגעגען קאָן נישט פערטראָגען קיין שום פאָרשונג, קיין שום חקירה. פילאָזאָפיע קומט פון צווייפלען, רעליגיע קומט פון גלויבען. אויבערפלעכליך שיינט אַזוי צו זיין, באמת אָבער האָבען זיי ביידע געלעבט צווישען זיך אין האַרמאָניע.

ס׳פערשטעהט זיך, אַז אין די גאַנץ אַלטע צייטען פון׳ם יודישען פאָלק, אַזוי ווי ביי אַלע איבריגע פעלקער, זענען קיין חקירות אין דער רע-ליגיע נישט געווען. מען האָט עס נישט געדאַרפט. די יודען האָבען געגלויבט אין גאָט און אין זיין תורה, און קיינער האָט קיין קשיות נישט געפרעגט. עס זענען נישט געווען קיין ספקות, און קיינער האָט זיך נישט בעאונרוהיגט. אויף אַלץ האָט געשוועבט דער רצון הבורא. מיט דער ענטוויקלונג פון מענשליכען גייסט הויבען-אָן די מענשען טיעפער זיך אַריינצוטראַכטען אין די וואונדערבאַרע ערשיינונגען פון דער וועלט, ערוועקט זיך אין זיי די ניי-געריגקייט צו דערגעהן די סודות פון דער יצירה און פון דער הנהגה און צו פערשטעהן די טעמים פון די אַלע געבאָטען. דאַן הויבט זיך אָן, אַזוי צו זאָגען, די חקירה, די פערטיעפונג, די פאָרשונג.

די ערשטע שפּראָצונג פון יודישער רעליגיעזער חקירה הויבט זיך אָן אַרויסצוווייזען ערשט נאָכ׳ן חורבן, ווען עס שווימט-אַרויף דאָס פּראָבלעם וועגען אַחדות-הבורא (יוצר אור ובורא חושך... אני ה׳ עושה כל אלה), ווע-גען דעם מהות פון דער השגחה (כי לא מחשבותי מחשבותיכם ולא דרכיכם דרכי). איוב וואַרפט אַרויס דאָס פּראָבלעם פון „צדיק ורע לו, רשע וטוב לו״, און ענדליך אויך קהלת מיט פערשידענאַרטיגע פּראָבלעמען פון דער פי-לאָזאָפיע פון רעליגיע.

צוויי בעדייטענדע יודישע פילאָזאָפען זענען אויפגעשטאַנען אין אַלעקסאַנדריען. דאָס זענען געווען אַריסטובול און פילאָן. ביידע האָבען פּרו-בירט אויפדרינגען די גריכישע פילאָזאָפיע אויף דער תורה, ביידע האָבען פּרובירט אויסגלייכען די גריכישע פילאָזאָפיע מיט דער תורה. זיי זענען אָבער נישט געווען קיין פילאָזאָפען פון דער יודישער רעליגיע. פילאָן איז געווען דער ערשטער יוד אַלס גריכישער פילאָזאָף, וואָס האָט געהאַט אַנ-איינפלוס אויף דער פילאָזאָפיע בכלל. ער האָט געהאַט געבראַכט די פלאַ-

טאָנישע שיטה צו פּאָלקאָמענהייט. אָבער קיין ווירקונג אויפ'ן יודענטום האָט ער נישט געהאַט; יעדענפאַלס — נישט אין קיין גרויסער פאָרם.

פון יענער צייט אָן אָבער האָט שוין די פילאָזאָפיע פון רעליגיע אָנגעהויבען זיך ביסלעכווייז אײַנבירגערן. די חכמי התלמוד דערמאָהנען דעם „הכל צפוי והרשות נתונה״, דעם ענין פון „מעשה מרכבה״ און „מעשה בראשית״ — פון וואָס עס איז צו זעהן, אַז דאָס פּראָבלעם פון „ידיעה און בחירה״ ווי אויך אַנדערע רעליגיעזע פּראָבלעמען האָבען דאַן שוין אָנגעהויבען בעאונרוהיגען די שאַרפערע מוחות.

אין אַ מעהר ענטוויקעלטער פאָרם ווי פריהער האָט זיך די פילאָזאָפיע פון רעליגיע אָנגעהויבען פאָרמירען אין מיטעלאַלטער דורך דעם „ספר יצירה״, דורך בנימין נאהאווענדי און אַנדערע וויכטיגע פערטרעטער פון פילאָזאָפישען געדאַנק. די מיסטישע פילאָזאָפיע פון „ספר יצירה״ איז נישט אַזוי טיעף, אָבער זי איז דאָך געווען מעהר אומפאַסענד און האָט פיעל מיטגעהאָלפען דער ענטוויקלונג פון פילאָזאָפישען געדאַנק.

אַ פולקאָם נייע תקופה אויף דעם געביעט פון דער יודישער רעליגיאָנס-פילאָזאָפיע הויבט-זיך-אָן מיט ר׳ סעדיה׳ס געדאַנק. ער האָט געהאַט אַ גאַנץ אַנדערע שטרעבונג און אַ גאַנץ אַנדער סיסטעם ווי די פריהעריגע יודישע דענקער, וועלכע האָבען פּרובירט די גריכישע אָדער אַראַבישע פילאָזאָפישע שיטות מיט-געוואָלט אויסגלייכען מיט דער יודישער רעליגיע. זיין שטרעבונג איז געווען צו דעפינירען די יודישע רעליגיע אין ליכט פון פילאָזאָפישען געדאַנק בכלל, זיך נישט בינדענדיג מיט קיין איינער פון די עקזיסטירענדע שיטות. ער האָט געשאַפען אַ ספּעציעלע פילאָזאָפיע, אַן׳אָריגינעלע פילאָזאָפיע אויף אויפצוקלערען, פערטיעפערן און צו פערשטאַרקערן דאָס יודענטום, דעם יודישען געדאַנק. און אָט דערין איז געלעגען זיין חידוש, דערין איז געווען זיין אויפטהו.

מען קאָן, נאַטירליך, נישט זאָגען, אַז ר׳ סעדיה האָט דערגרייכט די העכסטע שפּיצען פון פילאָזאָפישען געדאַנק. די שפּעטעריגע יודישע דענקער און הויפּטזעכליך דער רמב״ם האָבען דיזעלבע רעליגיאָנס-פילאָזאָפיע, פון וועלכער ר׳ סעדיה איז געווען דער שעפער, דערפיהרט צו אַ העכערער מדרגה. דאָס איז אָבער נישט גאַנץ וויכטיג, ווארום באמת זענען אַלע גרויסע פילאָזאָפישע שיטות מיט דער צייט פערטיפערט און פערפולקאָמט געוואָרען. וויכטיג איז געווען די ווירקונג פון דעם נייעם פילאָזאָפישען געדאַנק סיי פאַר דער אייגענער צייט און סיי פאַר די שפּעטעריגע צייטען.

אין פאַר זיין צייט איז זיין נייע פילאָזאָפיע געווען פון אונגעהויערער וויכטיגקייט. די צייט איז געווען זעהר אַ הפקר׳דיגע. דער גרינדער פון דער קאַראַאימישער אמונה, ענן אליין, וואָלט זיכער נישט געווען אימשטאַנד צו שאַפען אַזאַ גרויסע בעוועגונג, ווען דער באָדען דערצו וואָלט נישט רייף געווען, ווען עס וואָלט נישט געווען אין פאָלק גופא אַ שטאַרקע אָפּאָזיציע געגען די תלמוד׳יסטען און געגען די תלמוד׳ישע אַקאַדעמיעס. אַזוי איז גע-

וועז מיט אַלע בעוועגונגען אין דער וועלט. דער באַדען מוז זיין פּאַרבע־רייטעט פון פריהער. דער מענש, דער פיהרער, דריקט עס אויס עפענטליך און ער פאָרמולירט די אידעע. עס זענען שוין דאַן געווען אַזעלכע פּערזאָנען, וועלכע זענען געווען נישט בלויז געגען תלמוד און געגען די אינטער־פּרעטאַציעס פון די גאונים, נאָר אויך געגען דער תורה.

אָבצושוואַכען אָט די אַנטי־יודישע און אַנטי־רעליגיעזע בעוועגונגען האָט מען נישט געקאָנט בלויז מיט טראַדיציאָנעלע ערקלערונגען, מיט טראַ־דיציאָנעלע אינטערפּרעטאַציעס. צו זיי האָט מען געמוזט צוגעהן מיט אַ נייעם וואָפען, מיט דער פילאָזאָפיע, וועלכע האָט דאַמאָלס אַרומגעכאַפּט די העכערע קלאַסען פונ׳ם יודענטום. דאָס איז, אייגענטליך, געווען די הויפּט־כוונה פון ר׳ סעדיה׳ן צו שאַפען אָט ד׳ נייע רעליגיאָנס־פילאָזאָפיע, וועלכע איז אַמדייטליכסטען פאָרמולירט געוואָרען אין זיין „ספר האמונות והדעות״.

כדי אָבער גלייכצייטיג זיך צו רעכטפערטיגען פאַר דער תלמוד׳ישער וועלט, וועלכע האָט געהאַלטען, אַז פילאָזאָפיע פיהרט צו אפיקורסות און אַז תלמידי־חכמים דאַרפען זיך מיט חקירה נישט בעשעפטיגען, האָט ר׳ סעדיה פאַרביגעהענדיג אָנגעוויזען, אַז פילאָזאָפיע מיט רעליגיע זענען נישט קיין סתירה איינער צו דער צווייטער, נאָר פערקעהרט, זיי העלפען איינער דער אַנדערער. וואָרום סיי די רעליגיע, סיי די חקירה שטאַמען ביידע פון איין געטליכער קוועלע. עס קאָן נישט זיין קיין סתירה צווישען חקירה און אמונה, אויב מען זאָל זיי נאָר ריכטיג אָנווענדען. די אמונה איז די רעליגיע, וועלכע איז געגעבען געוואָרען צו משה רבנו אויפ׳ן באַרג סיני. די פילאָזאָפיע דאַרף אַרבייטען לטובת אָט דערדאָזיגער רעליגיע, אויסצוגלייכען און פאַרשטענדליך צו מאַכען געוויסע ערשיינונגען.

מיט זיינע נייע און שענע פילאָזאָפישע חקירות אויף צו פערשטאַרקען די יודישע רעליגיע האָט ר׳ סעדיה געווירקט אויף ביידע צדדים, סיי אויף די משכילים און סיי אויף די לומדים. די משכילים, וועלכע האָבען גע־שעפּט זייערע חקירות פון אַראַבישע און גריכישע קוועלען און האָבען דער־מיט געוואָלט צוברעכען דעם רעליגיעזען געדאַנק, האָבען איצט דערזעהן די יודישע רעליגיע דורך די פילאָזאָפישע בעלויכטונגען פון ר׳ סעדיה׳ן אין אַ גאַנץ אַנדער ליכט. עס האָט זיך פאַר זיי ענטפלעקט די טיעפקייט און שענקייט פון דער תורה און פון דעם גאַנצען יודישען רעליגיעזען געדאַנק. דען ר׳ סעדיה האָט נישט דורכגעלאָזט קיין איין פּראָבלעם, וואָס האָט גע־מאַטערט די דאַמאָלסדיגע געבילדעטע וועלט. ער האָט בעריהרט די פּראָ־בלעמען פון „חידוש העולם״, פון „אחדות הבורא״, פון „טוב ורע״, פון „ידיעה ובחירה״ און פון „שכר ועונש״. עס איז, נאַטירליך, קיין ספק נישט, אַז ר׳ סעדיה איז געווען גוט בעקאַנט מיט אַראַבישע און גריכישע פילאָ־זאָפישע אידעען, וועלכע האָבען זיך אויך בעשעפטיגט מיט די אַלע מינים פּראָבלעמען, אָבער ר׳ סעדיה האָט זיי פּרובירט לעזען מיט אייגענע אָרי־גינעלע און טיעפזיניגע סברות. זיין שאַרפע לאָגיק און אָריגינאַליטעט איז

הויפטזעכליך צו בעמערקען דאַמאַלס, ווען ער פּרובירט בעגרינדען זיינע פילאָזאָפישע אַנשויאונגען אויפ׳ן באַזיס פון דער יודישער רעליגיעזער וועלט־אַנשויאונג. עס פערשטעהט זיך, אַז סוף־כל־סוף איז אויך די תלמוד׳ישע וועלט בעגייסטערט געוואָרען פון זיין נייער שיטה צו בעגרינדען די גרויס־קייט און שענקייט פון דער תורה און פון דער יודישער רעליגיע מיט אַלע איהרע פערצווייגטע פּראָבלעמען מיט דער הילף פון לאָגיק, פון ריינעם פערנונפט, מיט דער הילף פון פילאָזאָפישע חקירות.

די נייע שיטה, וואָס ר׳ סעדיה האָט איצט בעשאַפען, זייענדיג אין גלות, האָט אַזוי־אַרום אויפגערודערט די גאַנצע יודישע וועלט. זי האָט אַריינגעטראָגען אַ דערפרישונג אין אַלע טיילען פון יודענטום. זי איז גע־וואָרען אַ קוואַל פון תורה און חכמה, פון פילאָזאָפיע בכלל און יודישע רעליגיאָנס־פילאָזאָפיע בפרט, נישט בלויז פאַר זיין אייגענער צייט, נאָר אויך פאַר די דורות, וואָס זענען געקומען נאָך איהם.

י״ד.

דער פרידליכער סוף.

די שונאים פון ר׳ סעדיה׳ן זענען נאָך זייער נצחון געווען ביי זיך גאַנץ פעסט און צופרידען. דער ריש־גלותא דוד בן־זכאי, וועלכער איז גע־זעסען אין זיין אַמט מיט׳ן כח פונ׳ם קאַליף פון באַגדאַד, איז געווען פולי־קאָם אונאָבהענגיג און האָט געקאָנט טהון אַלץ, וואָס זיין האַרץ האָט גע־לוסט, זייענדיג פערזיכערט פון יעדען מין אָפּאָזיציע. דען דער גאון פון סורא, ר׳ יוסף ב״ר יעקב, וועלכען ער האָט אַרויפגעזעצט אויפ׳ן טראָהן אויף ר׳ סעדיה׳ס פּלאַץ, איז געווען זיינער אַ מענש און אַ שוואַכער מענש, וועלכער האָט געהאַנדעלט אַזוי, אַז דער ריש־גלותא זאָל זיין צופרידען. כהן־צדק, דער גאון פון פומבדיתא, איז אויך געווען זיינער אַן־איבערגעגע־בענער מענש, נישט אַזוי אויס ליעבשאַפט צו איהם, ווי אויס שנאה צו ר׳ סעדיה׳ן, וועלכער איז געווען זיין מעכטיגער געגנער. אמת, ר׳ סעדיה איז שוין איצט געווען אין גלות און פולקאָם ענטוואָפענט, אָבער זיין שנאה צו איהם האָט ער נאָך אַלץ נישט געקאָנט פערגעסען. אויך דער המון איז גע־ווען מיט׳ן ריש־גלותא, נאָכדעם ווי ר׳ סעדיה איז געשטעמפּעלט געוואָרען אַלס אַפּיקורוס און אַלס אַ פּערזאָן פון כלומר׳שט נישט־יודישער אָבשטאַמונג. דער ריש־גלותא מיט זיין פּאַרטיי האָבען דעריבער מיט רעכט געקאָנט דענ־קען, אַז ר׳ סעדיה איז מאָראַליש אינגאַנצען פערניכטעט און אַז זיין נאָמען איז אויסגעמעקט געוואָרען פון אַלע יודישע הערצער.

צום אָנהויב האָט געשיינט אַזוי צו זיין. אָבער די צייט, וועלכע האָט אין איין מחדש זיין, אין איין ענדערן, איז דאַסמאָל אויך נישט אַרונטער פון איהר אָנגעצייכענטער ליניע. עס זענען איינגעטראָטען נייע וויכטיגע

ענדערונגען און עס האָט אויפגעשפּראָצט אַ פאָלקאָמענע אומגעשטאַלטונג פון די געזעלשאַפטליכע און פּאָליטישע כחות.

פון גרויסער ווירקונג אויף דער ענדערונג פון דער געזעלשאַפטליכער מיינונג זענען געווען ר׳ סעדיה׳ס גלות-שאַפונגען. די גרויסע יצירות אויפ׳ן פילאָזאָפישען געביעט, וואָס זענען געווען אַזוי ניי, אַזוי אָריגינעל און ער-פרישענד פאַר יענער צייט, האָבען ממש אויפגערודערט די וועלט. סיי די תלמידי-חכמים, סיי די געבילדעטע עלעמענטען זענען איבעראַשט געוואָרען פון זיינע שטאַרקע און לאָגישע חקירות, וואָס זענען געווען ווי אַ באַלזאַם פאַר׳ן יודענטום. זיי האָבען איינגעזעהן, אַז זיין פילאָזאָפיע איז נישט קיין סתירה צום יודענטום, צו דער יודישער רעליגיע, ווי מען האָט שטענ-דיג געהאַט געמיינט; אַז חקירה איז נישט בלויז קיין געפאַהר נישט פאַר דער אמונה, נאָר אַז זי ענטהאַלט גאָר אַ געוואַלטיגע קראַפט צו פערשטאַר-קען און צו פערטיעפען די יודישע רעליגיע. זיי האָבען איינגעזעהן, אַז חוץ איהר שטענדיגען ווערט, איז די פילאָזאָפיע פון דער רעליגיע דעמאָלט ממש געווען אַ נויטווענדיגקייט, ווייל מיט איהר האָט מען געקאָנט צעקלאַפּען די טענות און די שאלות פון די האַלבע און גאַנצע סקעפּטיקער, פון די אַלע משכילים, וועלכע האָבען געפּרובט אונטערהאַקען די וואָרצלען פון דער יודישער רעליגיע, — וואָס מען האָט בשום-אופן נישט געקאָנט טהון מיט דער הילף פון טראַדיציע, מיט דער הילף פון תלמוד׳ישע כחות, אין וועלכע די משכילים האָבען לחלוטין נישט געגלויבט.

אָט די גרויסע נייע אידעען, וועלכע ר׳ סעדיה האָט איצט בעשאַפען, האָבען אַרויסגערופען אַ גרויסען רעספּעקט צו איהם אין אַלע קלאַסען פונ׳ם יודענטום און ער האָט געוואונען נייע אָנהענגער, נייע סימפּאַטיקער. דאָס איז זיכער נישט געווען אַזוי אָנגענעהם פאַר זיין הייפעל מעכטיגע שונאים. זיי האָבען אויך אַרויסגעזעהן, אַז אַזאַ זשעני קאָן מען נישט פערניכטען, אַז מען קאָן אַזאַ גייסטרייכע פערזענליכקייט נישט אָבמעקען פון דער וועלט מיט דער הילף פון פּוסטע חרמות און בלבולים. אָבער דאָס האָט זיי נישט ווייכער געמאַכט, נאָר דוקא נאָך מעהר פערשטאַרקט זייערע הערצער אויף צו קעמפען געגען איהם.

דאָס איז אָבער נאָך נישט געווען אַלץ. אונטער דער צייט איז געשטאָרבען כהן-צדק גאון פון פומבדיתא, וועלכער איז געווען דער הויפּט-געגנער פון ר׳ סעדיה׳ן און הויפּט-שטיצער פונ׳ם ריש-גלותא. דער נייער גאון, וועלכער איז בעשטימט געוואָרען אויף כהן-צדק׳ס פּלאַץ, ר׳ צמח בר חפני, האָט טאַקע געטהאָן אַלצדינג, וואָס דער ריש-גלותא האָט געוואָלט, און דער ריש-גלותא האָט מיט איהם געקאָנט זיין גאַנץ גוט צופרידען. אָבער נישט דאָס איז נאָך געווען אַלץ, וואָס דער ריש-גלותא האָט איצט געדאַרפט. איהם איז ווייניג געווען אַ געהאָרזאַמער, איבערגעגעבענער גאון. ער האָט איצט געדאַרפט אַ שטאַרקען גאון, וואָס זאָל איהם העלפען קעמפען. און דאָס האָט ער אין כהן-צדק׳ן פערלוירען.

אין משך פון אָט דער צייט איז אויך פאָרגעקומען אַנ׳ענדערונג צווישען די מאַסען. נאָך דער גרויסער היץ איז געקומען די גרויסע אָבקיהלונג. איצט, ווען די בראַנד איז אַריבער, האָט זיך די מאַסע אַרומגעזעהן, אַז ס׳איז אָבגעטהאָן געוואָרען אַ נבלה, וואָס מען האָט פערשיקט אַזאַ ליכטיגע און ריינע פערזענליכקייט אין גלות, וואָס מען האָט בעשמוצט דעם נאָמען פון אַ מאַן, וועלכער האָט זיין גאַנץ לעבען געקעמפט פאַר יודישקייט. אַזוי־אַרום האָבען אויך די סימפּאַטיעס פונ׳ם ברייטען עולם זיך אָנגעהויבען בייגען אויף דער זייט פונ׳ם גע׳רודפ׳טען און פערפאָלגטען ר׳ סעדיה. בלויז איין־איינציגער איז געבליבען טריי און איבערגעגעבען דעם ריש־גלותא און האָט איהם געהאָלפען צו פערשטאַרקען זיין פּאָזיציע. דאָס איז געווען דער אַמביציעזער אבן־סאַרגאַדאָ, וועלכער האָט מיט דעם כח פון גאָלד געהאַט געוואונען אויף זיין צד דעם אָרימען קאַליף פון באַגדאַד, קאַהיר.

דידאָזיגע שטיצע פון אַהרן אבן־סאַרגאַדאָ און פון קאַליף איז געווען פאַר׳ן ריש־גלותא גאַנץ גענוג אויף אָנצוהאַלטען די ממשלה, נישט־קוקענדיג אויף דער שטילער אָפּאָזיציע פונ׳ם העכערען קלאַס און פונ׳ם ברייטערען עולם. די צרה איז דאָ אָבער געווען, וואָס די הויפּט־שטיצע, אויף וועלכער עס האָט זיך געהאַלטען די גאַנצע געביידע, האָט אָנגעהויבען אַוועקשווימען פון אונטער די פיס. דער קאַליף קאַהיר, סאַרגאַדאָ׳ס גוטער פריינד, וועלכער האָט געהאַט פערטריבען ר׳ סעדיה׳ן אין גלות, האָט נישט געקאָנט לעבען לענגער, ווי ער אַליין האָט עס געוואָלט און ווי דאָס האָבען געוואָלט דער ריש־גלותא און אבן־סאַרגאַדאָ. ער איז אַוועק — און זיין פּלאַץ האָט שוין איצט געהאַט פערנומען אַנ׳אַנדער הערשער, דער קאַליף אַבראַדהו, וועלכער איז געווען אַ מאַן פון גערעכטיגקייט און האָט זיך נישט געלאָזט בעאיינ־פלוסען פון מתנות. פון דעמזעלבען שניט איז אויך געווען זיין וויזיר, אַלי אבן־איזאַ. ווען זיי זענען אינפאָרמירט געוואָרען מכח דער אונגערעכטער האַנדלונג פונ׳ם ריש־גלותא, דוד בן־זכאי, בנוגע ר׳ סעדיה׳ן, איז די שטימונג אין הויף געוואָרען אַ גינסטיגע און פריינדליכע פאַר ר׳ סעדיה׳ן — און דאָס האָט, זעלבסטפערשטענדליך, אַרויסגערופען גרויס זאָרג אין דעם הויף פון ריש־גלותא.

עס איז מחמת־דעם נישט אויסגעשלאָסען, אַז די לאַגע וואָלט זיך אַצינדערט לגמרי געענדערט. דער נייער קאַליף וואָלט מבטל געמאַכט די פעראָרדנונג פון פאַריגען קאַליף און וואָלט ר׳ סעדיה׳ן צוריק בעשטימט אלס גאון פון סורא, בעזייטיגענדיג גלייכצייטיג דעם ריש־גלותא, דוד בן־זכאי. דאָ וואָלטען סאַרגאַדאָ׳ס אוצרות וועניג־וואָס געהאָלפען.

עס איז אָבער געשעהן אַזוינס, וואָס האָט דעם קאַליפ׳ס אַקט אונ־נויטיג געמאַכט. די ישועה איז געקומען, נישט־ווילענדיג, דוקא פון ריש־גלותא אַליין. זיין אייגענע דיקטאַטאָרישע האַנדלונג, זיין אונטאַקטישע און בעלי־יגעדיגע בענעהמונג צו מענשען האָט געפיהרט דערצו, אַז עס זאָל

בעהמען אַנ׳ענדע צו אַזאַ צושטאַנד, אַז ס׳זאָל קומען אַ סוף צו דער לאַנג-יעהריגער מחלוקת צווישען ר׳ סעדיה׳ן און ריש-גלותא.

ס׳האָט זיך גראָד געמאַכט, אַז איינער אַ יוד פון אַ פרעמדען לאַנד איז געקומען קיין באַגדאַד צו ערלעדיגען אַ סכסוך מיט זיינעם אַ קליענט פון בבל. אַזוי ווי זיי האָבען צווישען זיך נישט געקאָנט דורכקומען, איז ביי זיי בעשלאָסען געוואָרען איבערצוגעבען דעם ענין צו צוויי דיינים, וועלכע זאָלען פערטרעטען ביידע צדדים. דער בבלי האָט אַרויסגעשטעלט פון זיין צד דעם ריש-גלותא, און דער פרעמדער, וועלכער האָט נישט גע-וואוסט גענוי וועגען די אַלע רייסענישען און מחלוקת׳ן, האָט אַרויסגעשטעלט ר׳ סעדיה׳ן. דער פרעמדער איז דאַן אַוועק צום ריש-גלותא און האָט איהם איינ-געלאַדען צו דעם משפט. ווען דער ריש-גלותא האָט זיך פון איהם דער-וואוסט, אַז ער האָט אַרויסגעשטעלט אַלס זיין פאָרשטעהער ר׳ סעדיה׳ן, איז ער און זיינע הויף-לייט אַזוי צוקאָכט געוואָרען, אַז מען האָט דעמדאָזיגען יוד געשלאָגען מכות-רצח און צעפליקט זיינע קליידער.

דער יוד איז אַוועק אַ וויינענדיגער איבער׳ן שטאָדט און האָט יעדען איינ-ציגען דערצעהלט די געשיכטע, וואָס ס׳איז מיט איהם פאָרגעקומען אין הויז פון ריש-גלותא. דאָס האָט געמאַכט אַ שווערען איינדרוק. אַזאַ נבלה איז נאָך נישט געהערט געוואָרען. ס׳איז געווען אַ מנהג, אַז אַ באַבילאָנישער איינוואוינער האָט געקאָנט אויסוועהלען נאָר אַזאַ דין, וועלכען דער פאַרט-נער האָט געוואָלט, אויף וועלכען ער האָט מסכים געווען. אַ פרעמדער איז אָבער נישט געווען אונטערגעוואָרפען דער יוריסדיקציע פון ריש־גלותא. ער האָט אויף איהם לחלוטין קיין דעה נישט געהאַט. דערצו איז פאַר אַ פרעמ-דען סתם נישט מעגליך געווען צו וויסען, צי דער ריש־גלותא וועט מסכים זיין אויף ר׳ סעדיה׳ן, צי נישט. ער האָט געוואוסט, אַז ר׳ סעדיה איז אַ גרויסער מענש און קאָן פאַר איהם זיין אַ גוטער דין. די בעלי-בתים פון באַגדאַד האָבען זיך פשוט דערשראָקען, זעהענדיג, אַז דער ריש-גלותא נעהמט זיך אַזעלכע רעכט, וועלכע ער האָט לגמרי נישט, וואָס קאָן ברענגען דערצו, אַז די גאַנצע יודישע אויטאָנאָמיע און יודישע פרייהייט וועט פערניכטעט ווערען.

די שטאָדט האָט נישט אויפגעהערט צו שטורמען געגען ריש-גלותא. די חשוב׳ע בעלי-בתים פון שטאָדט האָבען זיך איצט איבערצייגט, אַז עס מוז נעהמען אַ סוף צו די אַלע סכסוכים מיט גוטען; און אויב עס וועט נישט געהן מיט גוטען, וועט מען זיך נעהמען מיט בייזען. זיי זענען דעריבער אַוועק צום אָנגעזעהענסטען בעל-הבית פון באַגדאַד, ביזר בן-אַהרן, וועלכער איז געווען דער שווער פון ר׳ סעדיה׳ס געגנער, אַהרן אבן-סאַרגאַדאַ, און האָבען איהם געזאָגט, אַז איצט האַנדעלט זיך שוין נישט וועגען דעם אונטערהערטען סקאַנדאַל מכח דעם געשלאָגענעם יוד, נאָר אַז דאָ מוז נעהמען אַ סוף צו דער גאַנצער סקאַנדאַליעזער מחלוקת. זיי האָבען איהם געזאָגט: — אונער-הערטע נבלות ווערען אָבגעטהאָן ביי אונז. עס איז אַ שאַנדע פאַר זיך און

פאַר דער וועלט. עס ליגעט אין דיין האַנד צו מאַכען אַ סוף צו דער חרפה. זאָג דיין איידעם, אַז ער זאָל אויפהערען פיהרען מלחמות און אינטריגעס— און אויב ער וועט עס נישט טהון, זאָגען מיר דיר, אַז דער סוף וועט זיין זעהר אַ ביטערער!

ביזר האָט צום אָנהויב זיך געקווייקעלט. אָבער דער דראַנג מצד די בעלי־בתים און די דראָהונג, אַז עס וועט זיך ענדיגען שלעכט, האָט אויף איהם געמאַכט אַ שטאַרקען רושם. ער האָט געוואוסט, אַז פון אַזא פערבי־טערונג, וואָס האָט געהערשט אין שטאָדט, וועט דער ריש־גלותא זיכער זיין דער ערשטער, וואָס וועט ליידען — און דאַן וועט עס אויך קומען צו זיין איידעם אבן־סאַרגאַדאָ; ער האָט דעריבער די בעלי־בתים מבטיח געווען צו נעהמען אַ האַנד אין דעם ענין און זעהן צו ברענגען אַ שלום.

ביזר האָט צונויפגערופען אַן׳אַסיפה פון די חשוב׳סטע בעלי־בתים פון באַגדאַד און עס איז אויך אַיינגעלאַדען געוואָרען דער ריש־גלותא. ביזר האָט איהם אויפגעקלערט די גאַנצע לאַגע און געענדיגט מיט די ווערטער: — ווי לאַנג, אַלזאָ, ווילסטו נאָך אָנהאַלטען דעם קאַמף? האָב מורא פאַר גאָט און גיב־נאָך!

עס שיינט, אַז דער ריש־גלותא אַליין האָט שוין געהאַט ביי זיך בע־שלאָסען נאָכצוגעבען. ער האָט געזעהן, אַז ער קאָן נישט געהן געגען וואונש פון פאָלק, און ער האָט מסכים געווען זיך איבערצובעטען.

אַן׳עהנליכע אַסיפה איז פאָרגעקומען מיט דער בעטייליגונג פון ר׳ סעדיה׳ן, און אויך ער האָט ערקלערט, אַז ער איז גרייט גוט צו ווערען מיט׳ן ריש־גלותא. דאַן האָט ביזר זיי ביידען, אין דער געגענוואַרט פון די חשוב׳ע בעלי־בתים, צונויפגעבראַכט ביי זיך אין הויז און דער שלום איז געשלאָסען געוואָרען. ביידע שונאים האָבען זיך אַרומגענומען און צוקושט.

דאָס איז געווען גראָד אויסגעקומען אום תענית־אסתר און ס׳איז גע־וואָרפען געוואָרען אַ גורל, ווער ביי וועמען עס זאָל זיין צו דער סעודה. געוואונען האָט דער ריש־גלותא, און ר׳ סעדיה איז פערבליבען אַ פאָר טעג ביי איהם אין הויז, וואו מען האָט איהם צוגעטיילט גרויס כבוד.

מכח זיין ווייטערדיגער אַקטיוויטעט איז פאַרהאַן אַ שטיקעל פלוגתא. אָבער לויט ר׳ שרירא גאון, דערצעהלט אין זיין בעוואוסטען היסטאָרישען בריעף, איז ר׳ סעדיה צוריק געוואָרען גאון פון סורא, און ר׳ יוסף ב״ר יעקב, וועלכער איז פריהער בעשטימט געוואָרען דורכ׳ן ריש־גלותא אויף ר׳ סעדיה׳ס פלאַץ, האָט געמוזט זיין אַמט פערלאָזען, בעקומענדיג זיינע שכירות אויך אויף ווייטער

די איבערגעבענהייט פון די ביידע פיהרער איינער צום אַנדערען איז פון איצט־אָן געווען אויסערגעוועהנליך. אין אַ קורצער צייט נאָכדעם איז דער ריש־גלותא געשטאָרבען און אויך זיין זוהן איז מיט זיבען חדשים שפעטער געשטאָרבען, איבערלאָזענדיג אַ יונגעל פון צוועלף יאָהר אַלט.

ר׳ סעדיה האָט דאָס יונגעל גענומען צו זיך און איהם ערצויגען ווי זיין אייגענעם זוהן.

ר׳ סעדיה האָט נאָך געווירקט אין סורא איינִיגע יאָהר. אָבער די בלבולים און רדיפות פון פריהער האָבען געהאַט אונטערגעבראָכען זיין געזונד; ער איז געוואָרען אַלץ מעהר מעלאַנכאָליש—און אין יאָהר 942, אויף דעם פופציגסטען יאָהר פון זיין לעבען, האָט ער זיך געשיידט מיט דער וועלט, איבערלאָזענדיג אַ פיעלפאַרביגען גייסטיגען אוצר, וועלכער איז געוואָרען אַ קוואַל פון אינספּיראַציע פאַר דורות שעפערישע גייסטער, און אַ שטראַהלענדען נאָמען, וואָס פון זיין הערליכקייט און גלאַנץ איז נאָך ביז היינט, נאָך טויזענד פערגאַנגענע יאָהר, אפילו אויף אַ האָר נישט געמינערט געוואָרען.

יצחק איזראעלי

(הישראלי).

א.

איזראעלי אלס הויף־דאקטאר.

די פארשונג פון דער תורה, וועלכע איז געווען א גאנץ נייע און ערפרישענדע ערשיינונג אין דער יודישער וועלט און איז, אגב, געווען אין הארמאניע מיט'ן אלגעמיינעם גייסט פון דער צייט אויפ'ן אריענט, וואס האט געבוריזט מיט וויסענשאפטליכע פארשונגען און פילאזאפישע חקירות, האט אזוי שטארק בעצויבערט די מוחות פון די יודישע חכמים, אז אפילו יודישע גרויסע וויסענשאפטס־לייט, פילאזאפען און דיכטער האבען עפעס געפיהלט, אז זיי האבען נישט דערגרייכט זייער שלימות אין חכמה, אויב זיי האבען נישט ארויסגעזאגט כאטש א ביסעל מכח דעם מהות פון דער תורה. עס איז ממש זעלטען געווען צו זעהן אזא שפע פון גייסטרייכע פערזענליכקייטען, פון גרויסע טאלאנטען, וואס האבען זיך אזוי אויסגעצייכענט מיט זייערע גלענצענדע שאפונגען אויף דער תורה. עס זענען אויסגעוואקסען מפרשים נאך מפרשים, פילאזאפען נאך פילאזאפען, וועלכע האבען, ווי עס האט געשיינט, כסדר געוואלט איינער דעם אנדערען אריבעריאגען, אריבערשטייגען. עס איז אנגעגאנגען א מין גייסטיגע קאנקורענץ אויף ארויסצוברענגען נייע געדאנקען, נייע חידושים. יעדער איינער האט געוואלט עפעס מחדש זיין. יעדער איינער האט געפרובט אויסטייטשען די תורה אויף אנ'אנדער אופן. מען האט זי געפרובט אינטערפרעטירען מיט מדרש, מיט פילאזאפיע, מיט קבלה און מיט'ן פשוט'ן פשט. עס איז נישט געווען קיין איין געביעט פון גייסטיגער שאפונג, וואס מען זאל איהם נישט פרובען אנווענדען אויף דער תורה. געוועהנליך האבען נישט אלע מפרשים געשאפען פירושים אויף דער גאנצער תורה; מאנכע האבען געשאפען א פירוש בלויז אויף חומש, מאנכע אויף נביאים, איינינע בלויז אויף איין סדרה און אפילו אויף איין פרשה. וויכטיג איז אבער, וואס דער פראצעס פון דער תורה־אינטערפרעטירונג איז אנגעגאנגען כסדר.

צום בעדויערן, איז דער גרעסטער טייל פירושים פון יענע קלענערע און גרעסערע מפרשים אויף דער תורה מיט דער צייט פערלוירען געוואָרען. עס זענען זאָגאַר פערגעסען געוואָרען מאַנכע נעמען פון די מפרשים גופא— און ווען דער אבן-עזרא וואָלט זיי נישט דערמאָהנט, וואָלט מען אפשר אַפילו נישט געוואוסט, צי עס זענען אַזעלכע מפרשים בכלל געווען אויף דער וועלט. מהאי טעמא איז אייגענטליך שווער צו וויסען, ווי גרויס עס איז געווען זייער איינפלוס אויף דער ענטוויקלונג פון דער תורה-אינטערפרע-טירונג און ווי ווייט איינער איז בעאיינפלוסט געוואָרען פון אַנדערען. דעם גרעסטען איינפלוס האָט, פערשטעהט זיך, דעמאָלט אויסגעאיבט ר׳ סעדיה גאון. דען פונקט אַזוי ווי מען האָט אין די שפּעטערדיגע דורות געלערנט חומש מיט רש״י, אַזוי האָט מען דאַן אין אַלע לענדער, וואו יודען האָבען גערעדט אַראַביש, — אין בבל, צפון-אַפריקאַ און שפּאַניען, — געלערנט חומש מיט׳ן „מְפָרֵש״, ווי מען האָט גערופען ר׳ סעדיה׳ס ביאור. עס שיינט אָבער, אַז אַ געוויסען איינפלוס האָבען זאָגאַר די אומבעקאַנטע מפרשים געהאַט אויסגעאיבט און האָבען זיכער געהאַט נאָכפאָלגער פון זייערע שיטות, אויב זיי זענען געווען אָריגינעל, הגם זייערע שאַפונגען האָבען אין כמות געמעגט זיין נישט בעדייטענד.

איינער פון אַזעלכע פערגעסענע מפרשים, וועלכער ווערט, אגב, דער-מאָהנט פון אבן-עזרא, איז געווען דער גרויסער יודישער געלעהרטער און פילאָזאָף פון עגיפּטען יצחק איזראַעלי.

איז נישט גענוי פעסטגעשטעלט די צייט, ווען יצחק איזראַעלי איז גע-בוירען געוואָרען און וואו ער האָט ערוואָרבען זיין רייכע וויסענשאַפט. מכח די אַלע זאַכען איז פאַראַן צווישען די פאָרשער אַ חלוקי-דעות. עס וועט אָבער זיין פונקט אַזאַ ריכטיגע בעהויפּטונג, ווי אַנדערע, אַז ער איז געבוי-רען געוואָרען אין יאָהר 854 און אַז נאָך אין זיין גאָר פריהער יוגענד איז ער אַוועק קיין באַגדאַד, וועלכע איז געווען בעריהמט מיט איהר אַקאַדעמיע פאַר פערשידענע וויסענשאַפטען און הויפּטזעכליך מעדיצין, געשטיצט פון די אַראַבישע קאַליפען און מעצענאַטען, וועלכע זענען געווען גרויסע ליעבהאָבער פון וויסענשאַפט, פילאָזאָפיע און פּאָעזיע.

איזראַעלי האָט שטודירט אין דערדאָזיגער אַקאַדעמיע אַלע וויסענ-שאַפטען, וועלכע מען האָט דאָרט דעמאָלט געהאַט געלערנט. דען נישט האָ-בענדיג קיין שום אינטערעס אין כבוד און געלד, איז זיין איינציגע אַמביציע געווען דאָס שטודיום. ער האָט שטודירט די גריכישע פילאָזאָפיע, פיזיק, כעמיע, אָדער אַלכעמיע, נאַטור-געשיכטע, מאַטעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע, ווי עס האָט געפּאַסט פאַר אַ געבילדעטען מענשען פון מיטעל-אַלטער. מיט אַ בע-זונדערער התמדה האָט ער זיך אָבער אָבגעגעבען מיט מעדיצין ביי זיין רבי׳ן יצחק בן-עמרם, וועלכער איז אפשר געווען דער איינציגער יודישער פּראָפעסאָר אין דער באַגדאַדער אַקאַדעמיע. איזראַעלי האָט פערבראַכט אין באַגדאַד אַ היבש ביסעל יאָהרען — און ווען ער האָט די אַלע שטודיום

פערענדיגט, איז ער אַוועקגעפאָהרען צוריק אַהיים אין עגיפּטען, וואו ער האָט אָנגעהויבען פּראַקטיצירען מעדיצין אויף אויגען־קראַנקהייט אַלס ספּעציאַליסט.

איזראַעלי'ס נאָמען אַלס פּראַקטיצירענדער דאָקטאָר האָט אָנגעהויבען בעריהמט ווערען נישט בלויז אין זיין אייגען לאַנד, נאָר אויך אין אַנדערע מדינות; און אין יאָהר 904, ווען ער איז שוין אַלט געווען אַ יאָהר פופ־ציג, איז ער אייגעלאַדען געוואָרען צו קומען קיין קאַירואַן, פופציג מייל פון טוניס (אַפריקאַ), אַלס לייב־דאָקטאָר ביים לעצטען אַלגאַבישען פּרינץ זיאַבעט אַלאַה. הגם צו זיין אַ לייב־דאָקטאָר ביי אַ גרויסען מושל האָט גע־קאָנט בעטראַכט ווערען אַלס אויסערגעוועהנליכער כבוד, איז אָבער איזראַעלי נישט געווען שטאַרק צופרידען, ווייל דאָס גאַנצע הויפישע לעבען פון פּרינץ איז נישט געשטאַנען אויף אַ הויכען קולטורעלען ניוואָ. עס האָט איהם גע־פעהלט זיין קרייז, עס האָט איהם געפעהלט די וויסענשאַפטליכע אַטמאָספערע.

איזראַעלי אַליין דערצעהלט, אַז בשעת דער פּרינץ האָט זיך דער־וואוסט, אַז ער איז אָנגעקומען אין קאַירואַן, האָט ער איהם געשיקט דריי הונדערט גאָלדשטיקער און איהם אייגעלאַדען צו זיך אין פּאַלאַץ. איזראַעלי האָט זיך אין דער נייער אומגעבונג נישט געפיהלט גאַנץ היימיש, ער האָט נישט געקאָנט פערטראָגען די נאַרישע חכמות און וויצען, מיט וועלכע מען האָט זיך דאָרט אַמוזירט. געוועהנליך האָט איזראַעלי זיך געמאַכט נישט־וויסענדיג פון קיין זאַך און האָט זיך אָבגעגעבען מיט זיין אַרבייט און מיט זיינע פאָרשונגען. עס האָט זיך אָבער איינמאָל געטראָפען, אַז זייענדיג ביים פּרינץ, האָט איינער פון די הויף־לייט, אבן־האָרייש, זיך געווענדעט צו איהם און געפרעגט אין אַ וויץ:

— איז זאַלץ זיס?

איזראַעלי איז בטבע געווען אַן'אמת'ער געלעהרטער, רוהיג און צוריק־געצויגען, ער איז אָבער אויך געווען וויציג און שלאָג־פאַרטיג. ער האָט איהם געענטפערט:

— יאָ.

מאַכט דערפון אבן־האָרייש, אַלזאָ, אַ בעשלוס, אַז אויב אַזוי, איז דאָס זיסע זאַלציג און דאָס זאַלציגע זיס.

איזראַעלי דערשרעקט זיך נישט און ענטפערט איהם:

— דאָס זיסע איז זיס מיט אָנגענעהמליכקייט און ליעבליכקייט, און דאָס זאַלציגע איז זיס מיט שטרענגקייט.

אבן־האָרייש'ן פּאַסט אָבער נישט נאָכצוגעבען אין די אויגען פון פּרינץ און ער פּרובירט איזראַעלי'ן פערפיהרען מיט קונצשטיק. אַז איזראַעלי האָט דאָס בעמערקט, האָט ער צו איהם אַ זאָג געטהאָן:

— דו זאָגסט דאָך, אַז דו ביסט אַ לעבעדיג וועזען?

ענטפערט האָרייש:

— יאָ.

— און דער הונד, זאַגסטו, איז אויך אַ לעבעדיג וועזען?
ענטפערט האַרייש:

— יאָ.

— אויב אַזוי, — האָט איזראַעלי אַ זאָג געטהאָן, — ביזטו דער הונד, און דער הונד ביזטו.

אַנשטאָט צו ווערען בייז, ווי מען האָט געקאָנט ערוואַרטען, האָט זיך דער פּרינץ אַזוי שטאַרק צעלאַכט אויפ'ן קול, אַז ער האָט זיך קוים געקאָנט איינהאַלטען. דער וויץ איז איהם שטאַרק געפעלען געוואָרען. ער האָט ליעב בעהאַט וויצען און האָט זיך ווענעג אָבגעגעבען מיט ערנסטע זאַכען.

איזראַעלי האָט זיך בשום־אופן נישט געלאָזט בעאיינפלוסען פון דעם גייסט, אָדער פון דער גייסטלאָזיגקייט, וואָס האָט געהערשט אין פּרינצליכען הויף. ווי געוועהנליך, האָט ער דערפאַר בעקומען אַ סך שונאים, וואָס האָבען איינטריגירט געגען איהם. ער איז אָבער געווען גענוג קלוג און דיפּלאָמאַטיש און ער האָט פערשטאַנען, ווי־אַזוי זיינע שונאים צו בעקעמפען, און אַזוי־אַרום געוואונען די ליעבע פונ'ם פּרינץ. איזראַעלי האָט אַזוי פערבראַכט אין פּרינצליכען הויף גאַנצע פינף יאָהר.

אונטער דער צייט איז אָבער פאָרגעקומען אַנ'ענדערונג אין דער גאַנצער פּאָליטישער מאַכט. דער לוסטיגער פּרינץ איז בעזיעגט געוואָרען, זיין הערשאַפט איז געפאַלען און אַ נייע דינאַסטיע האָט זיך געזעצט אויפ'ן טראָהן. דאָס איז געווען די בעוואוסטע פאַטימישע דינאַסטיע, וועלכע האָט בעגריינדעט די גרויסע מלוכה אין צפון־אַפריקאַ מיט קאַירואַן אַלס הויפּט־שטאָדט. דער נייער קאַליף, עוובייד אַלאַה, איז נישט געווען גלייך צו דעם פריהערדיגען הערשער. ער איז געווען אַ גרויסער ליעבהאָבער פון וויסענשאַפט און פילאָזאָפיע און ער האָט דעריבער איזראַעלי'ן גענומען צו זיך אין הויף אַלס לייב־דאָקטאָר. דער קאַליף האָט הויך געשעצט איזראַעלי'ס וויסענ־שאַפטליכע פאָרשונגען און ער האָט איהם פאָרגעלעגט, אַז ער זאָל אָנשרייבען מעדיצינישע ווערק. אַט דעם קאַליף האָט עס איזראַעלי געהאַט צו פערדאַנקען, וואָס ער איז אַזוי בעריהמט געוואָרען אויף דער וועלט. צום בעדויערן, איז אָבער דערדאָזיגער קאַליף אינגיכען געשטאָרבען, ווייל ער האָט נישט געוואָלט אָבהיטען די גענויע פאָרשריפטען פון איזראַעלי'ן און האָט זיך צוגעהערט צו דער מיינונג פון אַנ'אַנדער דאָקטאָר, וועלכער איז געווען אין הויף. איזראַעלי האָט דעריבער דאַמאָלס געזאָגט, אַז די גרעסטע סכנה פאַר אַ חולה איז, ווען צוויי דאָקטוירים שטימען נישט איין אין די מיינונגען מכח דעם חולה.

אָבער אויך זיין נאָכפאָלגער, דער קאַליף אַל־קאַיום, איז געווען זעהר אַ סימפּאַטישער מענש. ער איז אויך געווען אַ ליעבהאָבער פון וויסענשאַפט און האָט דעריבער איזראַעלי'ן שטאַרק געשעצט און איהם געגעבען פיעל אויסצייכנונגען. נאָך אַל־קאַיום'ס טויט איז אַרויף אויפ'ן טראָהן, אין יאָהר 945, דער דריטער פאַטימישער קאַליף ישמעאל על מאנסור, און אויך ער

האָט איבערגעלאָזט ביי זיך איזראַעלי׳ן אַלס לייב-דאָקטאָר. אָבער פונקט אַזוי ווי דער ערשטער קאַליף, אַזוי איז אויך דער דריטער קאַליף געווען צופיעל איבערגעשפּיצט אין אָבהיטען די פאַרשריפטען פון דאָקטאָר. איזראַעלי האָט איהם איינמאָל אויסדריקליך פערבאָטען נישט צו נעהמען קיין וואַנע, ווייל דאָס וועט זיין פאַר איהם אַ סכנה. דער קאַליף האָט אָבער זיין פעראָרדנונג נישט געפאָלגט און ער איז דעריבער פלוצלינג געשטאָרבען.

דאָס פשוט׳ע פאָלק האָט פון די צוויי פאַקטען בעטראַכט איזראַעלי׳ן אַלס אַ וואונדער-מענש; איבערהויפּט, ווען מען נעהמט אין אַכט, אַז ביים צווייטען פאַל איז ער שוין געווען קרוב צו הונדערט יאָהר אַלט, ווען מענשען זענען שוין געוועהנליך עובר-בטל און אויסגעוועפּט. נישט ווענינער בעגייסטערט פון איזראַעלי׳ן איז אויך געווען די געבילדעטע וועלט. אָבער דאָס איז שוין, פערשטעהט זיך, געווען אויף׳ן גרונד פון זיינע בעדייטענדע מעדיצינישע און פילאָזאָפישע שאַפונגען, וואָס זענען באמת געווען פון גרויסער וויכטיגקייט

ב.

מעדיצינער, פילאָזאָף און מְפָרֵש.

די הויפּט-שאַפונגען, מיט וועלכע איזראַעלי האָט זיך קונה-שם געווען אין דער גאַנצער געבילדעטער וועלט, זענען געווען אויף׳ן געביעט פון מע-דיצין, ווייל דאָס איז שליסליך געווען די הויפּט-וויסענשאַפט, אויף וועלכער ער האָט געהאַט קאָנצענטרירט זיין גרויסען שעפערישען זשעני. דרייצעהן ספרים האָט ער געהאַט אָנגעשריבען איבער פערשידענע קראַנקהייטען, וועלכע ער האָט אין זיין לאַנגיעהריגער פּראַקטיק געהאַט אונטערזוכט און וויסענ-שאַפטליך אויסגעפאָרשט אויף אויסצוגעפינען די סיבות, פונוואַנען די מחלות ענטשטעהען, און ווי-אַזוי, מיט וועלכע מיטלען זיי דאַרפען קורירט ווערען. ער האָט געשריבען איבער דיעטע, איבער אורין, איבער פאַרמאַציע און אי-בער פיבער. אָט די אַלע קאַרדינאַלע מעדיצינישע פּראָבלעמען זענען שוין מיט העכער טויזענד יאָהר צוריק געפאָרשט געוואָרען, ווי ווייט עס איז מעגליך געווען אין יענער צייט, דורך דעמדאָזיגען יודישען מעדיצינער. פון בעזונדערער בעדייטונג פאַר דער מעדיצינישער וויסענשאַפט איז געווען זיין ווערק איבער פיבער. זיינע מעדיצינישע פאָרשונגען און ענטדעקונגען זענען איבערגעזעצט געוואָרען אויף העברעאיש, שפּאַניש און אויך לאַטייניש, וואָס איז דאַמאָלס געווען די הויפּט-וויסענשאַפט-שפּראַך אין אייראָפּאַ. זיינע ווערק זענען איבערגעזעצט געוואָרען אויף לאַטייניש דורך דעם מאָנאַך קאָנ-סטאַנטינוס אַפריקאַנוס אין יאָהר 1087 און זיי זענען אָנגענומען געוואָרען אַלס סטאַנדאַרד-ביכער אין אַלע גרעסטע אוניווערזיטעטען אין אייראָפּאַ במשך פון גאַנצע זעקס הונדערט יאָהר. דערדאָזיגער קאָנסטאַנטינוס האָט אָבער דאָ

דערביי געמאַכט אַ שווינדעל. ער האָט דידאָזיגע ווערק איבערגעזעצט און עטוואָס אומגעענדערט און זיי אַרויסגעגעבן אַלס זיינע, אָריגינעלע שאַפונגען. העכער פיער הונדערט יאָהר זענען אַוועק און מען האָט פון דעם שווינדעל נישט געוואוסט. ערשט אין יאָהר 1515 האָט מען דידאָזיגע וויסענשאַפטליך-ליטעראַרישע גנבה ענטדעקט און מען האָט דידאָזיגע ווערק אַרויסגעגעבן פונדאָסניי אונטער דעם נאָמען פון אמת׳ן מחבר. דערביי האָט אָבער פאַסירט, אַז פון צופיעל אייפעריגקייט און פערעהרונג צום יודישען מעדיצינער האָט מען אויך ספרים פון אַנדערע אויטאָרען אַרויסגעגעבן אונטער זיין נאָמען. — זיין בייטראַג פאַר דער מעדיצינישער וויסענשאַפט איז אָנערקענט געוואָרען פון אַלע אויטאָריטעטען און דעריבער האָט נישט אומזיסט געזאָגט אויף איהם דער בעריהמטער אַראַבישער געלעהרטער פון קאָרדאָווע, סאַאיד איבן אַחמעד איבן סאַאיד, אַז „איזראַעלי׳ס ווערק האָט מען נישט געקאָנט וועגען מיט גאָלד און מיט זילבער״.

חוץ מעדיצין, האָט זיך יצחק איזראַעלי אָבגעגעבן אויך מיט פילאָזאָפישע אונטערזוכונגען און האָט אויך אויף דעם געביעט אָנגעשריבען איבער אַ צעהנדליג ספרים. צוויי פון זיינע ספרים זענען שפעטער איבערגעזעצט געוואָרען אויף העברעאיש: דער ספר „הגבולים והרשומים״ איז איבערגעזעצט געוואָרען פון ניסים בן שלמה, און דער „ספר היסודות״ — פון אַברהם אבן-חסדאי, לויט׳ן פאָרשלאַג פונ׳ם בעריהמטען יודישען מפרש דוד קמחי, וועלכער איז בעקאַנט אין דער יודישער וועלט אַלס רד״ק.

פון זיינע פילאָזאָפישע ווערק איז צו זעהן, אַז איזראַעלי איז געווען אַ טיעפער דענקער און גרויסער קענער פון דער גריכישער פילאָזאָפיע. ער האָט נישט געשטרעבט צו האַרמאָניזירען די פילאָזאָפיע מיט׳ן יודענטום, צו פערשטאַרקען דאָס יודענטום מיט דער הילף פון וויסענשאַפט און פילאָזאָפיע-חקירות. ער האָט זיך געהאַט אָבגעגעבן בלויז מיט אַלגעמיין-פילאָזאָפישע פראָבלעמען. ער האָט זיך געגריבעלט אין די פיזיקאַלישע געזעצען פון די עלעמענטען און אויך אין די פראָבלעמען פון פיזיאָלאָגיע און פסיכאָלאָגיע. ער האָט זיך נישט אַריינגעלאָזען אין טיעפע חקירות איבער׳ן מהות פון גאָטהייט. ער האָט אָבער אַרומגערעדט ברייט דעם גאַנצען ענין פון דער יצירה, פון בריאַת העולם מיט אַלע דוממים, צמחים און חיות, ביז צו דער העכסטער שאַפונג פון מענשען.

דער רמב״ם האָט פון איזראַעלי׳ס פילאָזאָפיע נישט געהאַלטען. ער האָט איהם פשוט מבטל געמאַכט. אין אַ בריעף, וואָס ער האָט געהאַט געשיקט צו דעם איבערזעצער פון זיין „מורה נבוכים״, שמואל אבן-תיבון, מכח איזראַעלי׳ן און אַנ׳אַנדער אַראַבישען פילאָזאָף, זאָגט דער רמב״ם: „וכמו כן ספר הגבולים וספר היסודות שחבר יצחק הישראלי גם הם כולם הזיות ורוחות והבלים. כי יצחק הישראלי גם הוא היה רופא בלבד״. דאָס איז אָבער געווען אַ צו-שאַרפע קריטיק. די וועלט האָט נישט אָנערקענט דעם רמב״ם׳ס מיינונג, הגם פון זיין שטאַנדפונקט האָט ער געמעגט האָבען

רעכט. יצחק איזראַעלי איז געווען אַן׳אַלגעמיינער פילאָזאָף, און מיט יודי־שער פילאָזאָפיע האָט ער זיך נישט אָבגעגעבען. עס פערשטעהט זיך דערי־בער, אַז אין רמב״ם׳ס צייט האָט מען געקענט בעסער לעזען ריין-פילאָזאָ־פישע און וויסענשאַפטליכע פראָבלעמען ווי איזראַעלי. דער רמב״ם האָט דערפאַר פון איהם נישט געהאַלטען. אָבער דערפון איז נאָך נישט געדרונ־גען, אַז מען האָט געקאָנט אינגאַנצען מבטל מאַכען זיינע גרויסע פער־דיענסטען.

עס איז קיין שום ספק נישט, אַז זיין צייט-גענאָסע און לאַנדסמאַן ר׳ סעדיה גאון איז געשטאַנען העכער פאַר איהם אויפ׳ן געביעט פון פילאָ־זאָפיע — סיי אין טיעפקייט, סיי אין קלאָרקייט, סיי אין דער סיסטעמאַטי־שער קאָנסטרוקציע און אויך מיט זיין אָריגינאַליטעט. וואָרום נאָך אַלעם — איז דאָך טאַקע ר׳ סעדיה גאון דער ערשטער, וועלכער האָט אויפגעבויט די וואונדערבאַרע געביידע פון דער רעליגיעזער פילאָזאָפיע, וואָס איז פריהער ביי יודען נישט בעוואוסט געווען. לויט ווי עס גיט-איבער איזראַעלי׳ס אַ תלמיד, דונש בן-תמים, איז ר׳ סעדיה אַליין בעאיינפלוסט געוואָרען פון יצחק איזראַעלי. ר׳ סעדיה האָט פון איזראַעלי׳ן אַ סך געלערנט. דען ווען ער איז נאָך געווען אינדערהיים, אין פאַיום, איידער ער איז בעשטימט גע־וואָרען אַלס גאון פון סורא, האָט ער מיט גרויס אינטערעס שטודירט די פילאָזאָפיע און וויסענשאַפט פון דעם גרויסען אַלטען געלעהרטען און האָט זיך נאָך דערצו דורכגעשריבען מיט איהם מכח פערשידענע פילאָזאָפישע און וויסענשאַפטליכע פראָבלעמען. און ס׳פערשטעהט זיך, אַז בעאיינפלוסענ־דיג ר׳ סעדיה׳ן און דעם יונגען דור, האָט ער ממילא אויסגעאיבט אַן׳איינ־פלוס אויפ׳ן גאַנצען דאַמאַלסדיגען יודענטום. דאָס האָט שוין, נאַטירליך, אַ גרויסע בעדייטונג — און וועגען מבטל מאַכען אַזאַ קראַפט קאָן שוין, זעלבסטפערשטענדליך, נישט זיין קיין רייד.

עס קאָן אָבער גאַנץ מעגליך זיין, אַז אויב יצחק איזראַעלי האָט געהאַט אַן׳איינפלוס אויף ר׳ סעדיה׳ן צו פערטיעפען זיך אין פילאָזאָפיע, האָט אָבער ר׳ סעדיה געהאַט אַן׳איינפלוס אויף איזראַעלי׳ן, ער זאָל זיך פעראינטערעסירען און פערטיעפען אין דער תורה און זאָל זאָגאַר שרייבען אַ פירוש. איזראַעלי׳ס פירוש איז נישט געווען אויף דער גאַנצער תורה, אפילו נישט אויף איין סדרה. זיין פירוש איז בעשטאַנען בלויז אויף דער ערשטער פרשה פון ספר בראשית — אויף דעם טייל, וואָס האָט אַ שייכות מיט בריאת-העולם, מיט דער גאַנצער יצירה. אָבער ער האָט בלויז אויף דער איין-איינציגער פרשה אָנגעשריבען גאַנצע צוויי ספרים.

איזראַעלי האָט זיך נישט פערנומען אויסצוטייטשען די תורה מיט פשט, צי אַפילו מיט דרש. ער איז געגאַנגען אין אַ גאַנץ אַנדער שיטה. ער איז געווען דער ערשטער אין מיטעלאַלטער, וואָס האָט פרובירט אויס־טייטשען די תורה אויף אַ ריין אַלעגאָרישען, פילאָזאָפישען אופן. ער האָט געהאַלטען, אַז אין דער תורה זענען בעצם בעהאַלטען געוואַלדיגע סודות

און מען דאַרף די ווערטער און די ספּורים נישט בעטראַכטען אַלס פּשוט׳ע זאַכען, אַלס פּשוט׳ע מעשיות. די תורה איז גאָר נישט אַזוי פּשוט, ווי עס קאָן זיך אויסדוכטען אויפ׳ן ערשטען בליק. אין יעדען אויסדרוק און אין ספּור ליגען טיעפע כוונות. ער אָפּערירט דעריבער אין זיינע אינטערפּרעטאַציעס אויף בראשית מיט ריין פילאָזאָפישע חקירות. דער אבן-עזרא, וועלכער האָט נאָך די פירושים געזעהן, האָט איזראַעלי׳ן שאַרף קריטיקירט מיט זיין בייסענדען סאַרקאַזם. עס זענען זאַגאַר געווען חוקרים, וואָס האָבען געהאַלטען, אַז דעם מפרש „יצחק" אָדער „היצחקי", וועלכען דער אבן-עזרא דערמאָהנט אָפט אין זיין פירוש לגנאַי, האָט ער געמיינט איזראַעלי׳ן. די איצטיגע פאָרשער זענען נישט מסכים מיט דערדאָזיגער סברא. מאַנכע האַלטען, אַז ער האָט עס גאָר געמיינט דעם מפרש ר׳ יצחק בן ישוש; אַנדערע ווידער בעהויפּטען, אַז ער האָט עס גאָר געמיינט ר׳ יצחק בן שאול, דעם רבי פון ר׳ יונה אבן-גנאַח. ס׳איז אמת, דער אבן-עזרא איז געווען אַ ביטערער קריטיקער און האָט קיינעם נישט געשוינט; אָבער אויך דערפון איז נישט געדרונגען, אַז מען האָט איזראַעלי׳ן געקאָנט מבטל מאַכען. פערקעהרט, מען זעהט זאָגאַר, אַז אַזאַ גרויסער מדקדק און מפרש ווי דוד קמחי איז גאָר דוקא געווען נתפעל פון איזראַעלי׳ס פירוש.

אויסער די אַלע אַרבייטען האָט זיך איזראַעלי בעשעפטיגט מיט האַלטען פאָרטראַגען איבער מעדיצין. ער האָט צונויפגעזאַמעלט אַרום זיך די פעהיגסטע יונגע לייט, וואָס האָבען ליעב געהאַט וויסענשאַפט, און ער האָט מיט זיי געלערנט. זיינע לעקציעס זענען געווען שטאַרק בעזוכט און ער האָט אַרויסגעבראַכט אַ רייהע גוטע מעדיצינער, וועלכע האָבען שפּעטער פאָרטגעזעצט זיין אַרבייט. די בעסטע פון זיי זענען געווען איינער אַ מאַהמעדאַנער, אַבו דזשאַפאַר אבן אַל-דזשאַזאַר, און אַ צווייטער אַ יוד, דונש בן-תמים. דונש בן-תמים איז געווען אַ גרויסער געלעהרטער. ער האָט זעהר פיעל געשריבען איבער מעדיצין, אַסטראָנאָמיע און מאַטעמאַטיק. אבן-עזרא רעכענט איהם זאָגאַר אַריין צווישען די העברעאישע מדקדקים און מפרשים. די אַראַבער זענען געווען אַזוי שטאַרק ענטציקט פון דונש׳ן, אַז זיי האָבען געהאַלטען, אַז ער איז געוואָרען אַ מאַהמעדאַנער, כדי זיי זאָלען איהם קאָנען אַריינרעכענען צווישען זייערע גדולים. דאָס איז אָבער געווען נישט אמת. דונש איז געבליבען אַ יוד ביז דער לעצטער מינוט. ער האָט אויך זיך דורכגעשריבען מיט׳ן בעוואוסטען יודישען מלוכה-מאַן פון קאָרדאָוואַ, חסדאי אבן-שפּרוט, פאַר וועלכען ער האָט פערפאַסט אַנ׳אַסטראָנאָמיש ווערק איבער דעם יודישען קאַלענדער.

יצחק איזראַעלי האָט געלעבט איבער הונדערט יאָהר און האָט קיינמאָל נישט חתונה געהאַט. ער איז געבליבען אַ בחור כל-ימיו. אַז מען האָט איהם געפרעגט, צי ער דענקט איבערצולאָזען קינדער, האָט ער געענטפערט:

— ניין; איך לאָז-איבער פאַר דער וועלט מיין ווערק וועגען פיבער.

אַנדערע דערצעהלען עס אין אַנ׳אַנדער נוסח. אויף דערזעלבער פראַגע זאָל ער האָבען געענטפערט:

— איך לאָז־איבער פיער קינדער, וועלכע וועלען אויפהאַלטען מיין נאָמען בעסער ווי לייבליכע קינדער: דאָס זענען די ביכער איבער פיבער, איבער דיעטע, איבער אורין און איבער די עלעמענטען. זיי האָבען מיר בעדיענט אַלס פאַמיליען־פרייד אויך.

ר׳ האַי גאון.

א.

זיין אָבשטאַמונג.

צווישען די אַלע גרויסע גאונים, וואָס האָבען געלויכטען אין בבל, און צווישען פיעל בעדייטענדע גייסטיגע שעפער פון מיטעלאַלטער אין אַנדערע מדינות איז ר׳ האַי גאון, דער לעצטער און גרעסטער גאון פון די תלמוד׳ישע אַקאַדעמיעס אין בבל, געוועזען דער איינציגער געבענשטער מענש, וואָס זיין אָבשטאַמונג איז נישט איינגעהילט געוואָרען אין אַ טיעפער דונ-קעלהייט און איז נישט פערבליבען אונבעוואוסט פאַר די קומענדיגע דורות. די היסטאָרישע פאָרשער, וועלכע מאַטערן זיך אַזוי שטאַרק, און גאַנץ אָפט אומזיסט, פעסטצושטעלען די אָבשטאַמונג פון זייערע העלדען, האָבען ביי ר׳ האַי גאון פערלוירען אַ גוטע געלעגענהייט צו פאָרשען זיין פערגאַנ-גענהייט.

געוועהנליך זענען אָט די אַלע מינים פאָרשונגען און מערקווירדיגע השערות ענטשטאַנען דערפון, וואָס די עלטערן פון די גרויסע גייסטיגע ריזען זענען על-פי-רוב געווען זעהר פשוט׳ע מענשען, אונבעקאַנטע מענשען, אָהן אַ נאָמען און אָהן אַ יחוס. גרויסע טאַטעס האָבען בלויז אין איינצעלנע צופאַלען איבערגעגעבען בירושה זייער שעפערישען גייסט צו זייערע קינ-דער. די קינדער פון גרויסע טאַטעס זענען בכלל אויסגעוואַקסען גאַנץ גע-וועהנליכע מיטעלמעסיגקייטען, און אָפטמאָל זאָגאַר קיין מיטעלמעסיגקייטען אויך נישט. די גרויסע זשעניען, די גרויסע חכמים האָבען אַרויסגעשטראַהלט דוקא פון די אָרימע היימען, פון די אונבעקאַנטע, פון די פערגעסענע. מחמת-דעם האָט מען אין זייער צייט אַפילו נישט געפונען פאַר נויטיג גע-וואויר צו ווערען און צו פערצייכענען, ווער זייערע עלטערן זענען געווען. צו-וואָס האָט מען עס געדאַרפט ? — דערפון איז אַרויסגעקומען, אַז די שפּע-טערדיגע דורות, וועלכע האָבען שוין יאָ געוואָלט וויסען וועגען דער אָב-שטאַמונג און ערציהונג פון די גרויסע פערזענליכקייטען, האָבען שוין דאָ

גאָרנישט געקאָנט העלפען. עס זענען בלויז ענטשטאַנען אַהן אַ שיעור השערות און סברות, פון וועלכע מען קאָן זיך נישט אַרויספּלאָנטערן ביז היינטיגען טאָג. ר׳ האַי גאון איז אין דער הינזיכט געווען אַן׳אויסנאַהם. דער גרויסער זוהן האָט געהאַט אַ גרויסען טאַטען, וואָס זיין נאָמען האָט געקלונגען איבער דער יודישער וועלט און וועלכער האָט זיך אַליין מיט זיינע אייגענע גרויסע שאַפונגען פעראייביגט אין דער קולטור-געשיכטע פון יודישען פאָלק. דאָס איז געווען ר׳ שרירא גאון.

ר׳ שרירא גאון האָט געשטאַמט פון אַן׳אַלטער יודישער פרינצליכער פאַמיליע, וועלכע האָט געצויגען איהר ליניע אַזש ביז צום פרינץ זרובבל בן שאלתיאל, וועלכער איז אין כורש׳עס צייטען אַוועק קיין ירושלים מיט נאָך אַנדערע פרינצען אויפצובויען פונדאָסניי די יודישע מלוכה. דער ראב״ד דערצעהלט, אַז איהם איז אויסגעקומען צו זעהן אויף ר׳ שרירא׳ס תשובות דעם שטעמפעל פון אַ לייב, וואָס איז געווען דאָס עמבלעם פון שבט יהודה. ר׳ שרירא אַליין דערצעהלט, אַז די פרינצליכע הערשאַפט פון זיין פאַמיליע האָט אָנגעהאַלטען לאַנגע דורות; אָבער ווען די ריש-גלותא׳ס האָבען זיך אָנגעהויבען אויפצופיהרען אַזוי אונאָנשטענדיג, וואָס האָט לחלוטין נישט גע-פּאַסט פאַר דער פרינצליכער טראַדיציע פון מלכות בית-דוד, האָבען זיך זיינע אורעלטערן אָבגעזאָגט פון זייער נשיאות, פון זייערע פרינצליכע פּרי-ווילעגיעס, און האָבען זיך אָנגעהויבען בעשעפטיגען מיט שטודירען די תורה. אַזוי-אַרום האָבען זיך פיעל מיטגליעדער פון זיין פאַמיליע, סיי פון׳ם פאָ-טערס צד, סיי פון דער מוטערס צד, אויסגעצייכענט במשך פון לאַנגע יאָהרען אַלס בעוואוסטע גאונים פון די תלמוד׳ישע אַקאַדעמיעס אין בבל.

אויסגעוואַקסען און ערצויגען אין דער אַטמאָספערע פון דער באַבי-לאָנישער יודישער קולטור און אָנגעאָטעמט מיט דער לופט פון דער תלמוד׳ישער אַקאַדעמיע אין פומבדיתא, האָט זיך ר׳ שרירא געהאַלטען שטרענג אָן תלמוד. איהם האָבען ר׳ סעדיה׳ס נייע אידעען ווענינ-וואָס אָנגעריהרט. ער האָט זיך אפילו געלערענט אַראַביש און האָט די שפּראַך מעהר אָדער ווענינער בעהערשט. אָבער דאָס איז נישט געווען כדי זיך אָבצוגעבען מיט דעם שטודיום פון דער אַראַבישער ליטעראַטור; דאָס איז איהם גאַנץ ווע-ניג אָנגעגאַנגען. ער האָט זיך זאָגאַר נישט אינטערעסירט מיט ביבעל-פאָר-שונגען און ביבעל-אינטערפּרעטאַציעס, וואָס איז דאַן געווען העכסט מאָ-דערן. ער האָט זיך אינטערעסירט מיט אַראַביש אויף אַזויפיעל, אויף ווי-פיעל ער האָט עס נויטיג געהאַט פאַר די תשובות אויף די שאלות, וואָס זענען צו איהם אָנגעקומען פון פערשידענע יודישע קהלות אין די אַראַביש-שפּרעכענדע לענדער. אַגב האָט ער זיך מיט אַראַביש גאַנץ ווענינ בענוצט. הויפּטזעכליך האָט ער זיך בענוצט אין זיינע תשובות מיט העברעאיש און אַראַמעאיש. ביי איהם איז געווען דער עיקר דער תלמוד, די הלכה, די אויסטייטשונג פון דער הלכה — און אויף דעמדאָזיגען געביעט האָט ער, דורך

זייגע תשובות, אַרויסגעוויזען זיין טיעפען קאָפּ און זיין שאַרפען אַנאַליטי-שען מוח.

אין זיינע יונגע יאָהרען האָט ר׳ שרירא געהאַט בייגעוואוינט דעם קאַמף, וואָס דער ריש-גלותא דוד בן-זכאי האָט געהאַט געפיהרט געגען ר׳ סעדיה׳ן. ווען ר׳ סעדיה איז געשטאָרבען, איז ר׳ שרירא געווען בסך-הכל צוויי-און-צוואַנציג יאָהר אַלט, אָבער ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, וואָס עס איז צווישען דיביידע גרויסע פאַרגעקומען. ער האָט דעריבער נאָך אין דער יוגענד געהאַט צוגעזעהן, ווי-אַזוי דער גאַנצער יודישער בנין אין בבל האַלט ביים צעפאַלען ווערען. דער טרוים פון כהן-צדק גאון אָבצושאַפען דעם אַמט פון ריש-גלותא, פאַרוואָס ער האָט אַזוי פיעל יאָהרען געקעמפט, איז נאָך דוד-בן-זכאי׳ס טויט פערווירקליכט געוואָרען. כהן-צדק אַליין האָט דאָס נישט בייגעוואוינט ביי זיין לעבען, אָבער נאָך זיין טויט איז עס שוין געווען געשעהן. דערמיט איז אַזוי-אַרום אונטערגעראָבען געוואָרען דאָס יודישע אויטאָ-נאָמישע לעבען אין בבל.

אַלס איינציגען סימבאָל פון יודישער איינינקייט און זעלבשטענדיגקייט האָט מען דאַן געקאָנט רעכענען בלויז די צוויי תלמוד׳ישע אַקאַדעמיעס אין סורא און פומבדיתא. אָבער ביסלעכווייז האָבען זיי אויך אָנגעהויבען פער-לירען זייערע כחות. צום ערשטען האָט די עלטער-שוואַכקייט דערפיהלט סורא. נאָך ר׳ סעדיה׳ס טויט האָט זיין זוהן ר׳ דוסא, וועלכער איז געווען אַ גרויסער גאון און פילאָזאָף, די גאונות נישט געקאָנט ירש׳ענען, ווייל ער איז געווען צו-יונג, בסך-הכל אַ יאָהר צוועלף. מחמת-דעם איז אויף זיין אָרט בעשטימט געוואָרען ר׳ יוסף ב״ר יעקב סאַטיאַ, וועלכען דוד בן-זכאי האָט געהאַט בעשטימט אויף ר׳ סעדיה׳ס פלאַץ, בעת עס איז אָנגעגאַנגען דער היציגער קאַמף צווישען איהם און ר׳ סעדיה׳ן. ר׳ יוסף האָט אָבער נישט פערמאָגט די געהעריגע קראַפט און אויטאָריטעט אויפצושטעלען די אַקאַדעמיע פון סורא אויף דער נויטיגער הויכקייט — און דאָס האָט גע-בראַכט דערצו, אַז די אויבערהערשאַפט און די גאַנצע אויטאָריטעט זאָל אַריבער צו דער אַקאַדעמיע פון פומבדיתא, וועלכע איז דאַמאָלס געלייטעט געוואָרען פון שטאַרקערע פערזענליכקייטען. דען נאָך דעם טויט פון כהן-צדק גאון איז אַלס גאון בעשטימט געוואָרען מר צמח בן חפני, וועלכער האָט געהערשט דריי יאָהר און איז דערנאָך נאָכגעפאָלגט געוואָרען פון ר׳ חנניה ב״ר יהודה, ר׳ שרירא-גאון׳ס פאָטער. ר׳ חנניה האָט געהערט צו דעם קלאַס גאונים פון ר׳ סעדיה׳ס שניט. שטרענג טראַדיציאָנעל און אַביסעל וועלטליך. דערצו איז ער געווען אַ שטאַרקע, אונאָבהענגיגע פערזענליכקייט. נאָך זיין טויט איז אַרויף אויפ׳ן גאונות-טראָהן נאָך אַ שטאַרקערע קראַפט. דאָס איז געווען דער בעקאַנטער ר׳ אַהרן אבן-סאַרגאַדאָ פון באַגדאַד, וועלכער האָט צוזאַמען מיט׳ן ריש-גלותא דוד בן-זכאי געהאַט אָנגעפיהרט דעם קאַמף געגען ר׳ סעדיה גאון.

ר׳ אַהרן אבן-סאַרגאַדאָ איז נישט בעשטימט געוואָרען אַלס גאון צו-

ליב זיין גרויסען כח אין תורה. דערצו האָט איהם א סך געהאָלפען זיין רייכקייט. ער איז אָבער געווען אַ קענער פון שפּראַכען און פון פילאָזאָפיע און איז אויך געווען אַ גוטער קענער פון תנ"ך, אויף וואָס ער האָט זאָגאַר געמאַכט אַ פירוש. אויסערדעם איז ר׳ אַהרן געווען זעהר אַן׳אַמביציעזער און ענערגישער מענש. ער האָט דעריבער, פּונקט ווי זיין פריינד מר כהן-צדק גאון, געשטרעבט צו דערהויבען פומבדיתא אויפ׳ן חשבון פון סורא, וואָס איז איהם אויך געווען געלונגען. די שאלות פון פערשידענע יודישע קהלות האָט מען אָנגעהויבען שיקען צו איהם, און די הכנסות פון דער אַקאַדעמיע האָבען זיך אויך אָנגעהויבען פערגרעסערן. סורא, דאַגעגען, האָט צוליב-דעם אָנגעהויבען פערלירען איהר פּרעסטיזש. די הכנסות האָבען זיך פערקלענערט און די תלמידים האָבען זיך אָנגעהויבען פונאַנדערצופאָהרען, וויל די אַקאַדעמיע האָט זיי נישט געקאָנט אויסהאַלטען. ר׳ יוסף ב"ר יעקב סאַטיאַ, דער גאון פון סורא, האָט דאַן קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט ווי אַוועקצופאָהרען פון שטאָדט. און אַזוי-אַרום איז די אַקאַדעמיע פון-דאַן-אָן אויף אַ משך פון העכער פערציג יאָהר געבליבען אין האַלבער פערגעסענהייט.

ר׳ שרירא האָט זיין גאַנץ לעבען, פון דער פריהעסטער יוגענד אָן, פערבראַכט אין דער אַקאַדעמיע פון פומבדיתא. פריהער האָט ער געלערנט ביי זיין פאָטער ר׳ חנניה, און נאָך זיין פאָטער׳ס טויט האָט ער פאָרטגעזעצט זיין תלמוד-שטודיום אונטער דער הערשאַפט פון אַהרן אבן-סאַרגאַדאָ און אויך ר׳ נחמיה ב"ר כהן-צדק. עס איז דערביי אינטערעסאַנט, אַז דערזעלבער ר׳ אַהרן, וועלכער האָט אַזוי ביטער געקעמפט געגען ר׳ סעדיה׳ן, ער זאָל אָראָפּגעזעצט ווערען פון זיין אַמט אַלס גאון, האָט אַליין אויך, זייענדיג גאון, געמוזט פיהלען דעם טעם פון אַ שאַרפער אָפּאָזיציע. די חכמים פון דער אַקאַדעמיע האָבען ר׳ אַהרן׳ען נישט ליעב געהאַט און ס׳איז אָנגעגאַנגען אַ שאַרפער קאַמף צו בעזייטיגען איהם. נאַטירליך, ר׳ אַהרן איז געווען געגנוג שטאַרק און גענוג ענערגיש אָבצושוואַכען די אָפּאָזיציע, אָבער דעם טעם פון געגנערשאַפט האָט ער גאַנץ גוט געפיהלט.

נאָך ר׳ אַהרן׳ס טויט האָט אין דער אַקאַדעמיע אויסגעבראָכען אַ מחלוקת צווישען דעם זוהן פון בעוואוסטען קעמפער כהן-צדק גאון, נחמיה, און די חכמים פון דער אַקאַדעמיע. נחמיה איז געווען אַן׳אַמביציעזער מענש, אַזוי ווי דער פאָטער, און ער האָט נאָך געהאַט אָנגעפיהרט די אָפּאָזיציע געגען ר׳ אַהרן אבן-סאַרגאַדאָ, כדי אַליין צו ווערען גאון. די חכמים, ווידער, צוזאַמען מיט דעם אַב-בית-דין ר׳ שרירא בן חנניה זענען געווען געגען איהם. דורך געוויסע קונצשטיק און מיט דער הילף פון עטליכע גבירים איז נחמיה׳ן געלונגען צו ווערען גאון און ער איז אָבגעזעסען אויף זיין פּאָסטען גאַנצע אַכט יאָהר, פון 960 ביז 968, הגם די חכמים זענען נישט געווען צופרידען מיט איהם.

ר׳ שרירא איז געווען דער בעדייטענדסטער קאָפּ אין דער אַקאַדעמיע

פון פומבדיתא און מחמת-דעם איז ער נאָך נחמיה׳ס טויט בעשטימט גע-וואָרען אַלס גאון. ער איז שוין דאַן געווען אַן׳אַלטער מאַן (אַ סברא: אַ יאָהר זעכציג), אָבער ער איז נאָך געווען גענוג שטאַרק און ענערגיש אָנ-צופיהרען מיט דער אַקאַדעמיע, וועלכע איז שוין דאַמאָלס אויך געווען גע-בוגען שוואַך. ר׳ שרירא האָט אָבער אָנגעשטרענגט אַלע זיינע פיזישע און מאָראַלישע כחות אויפצוהויבען דעם פרעסטיזש פון דער אַקאַדעמיע. ער האָט צונויפגעזאַמעלט אַרום זיך די גרעסטע חכמים און האָט געשריבען בריעף צו די יודישע קהלות פון אַלע מדינות. ער האָט די יודישע פיהרער געשטראָפט און דערביי אויך געבעטען, אַז זיי זאָלען שטיצען די אַקאַדעמיע. און צייטווייליג איז עס איהם אויך געלונגען. ר׳ שרירא׳ס נאָמען איז אַזוי-אַרום געוואָרען בעריהמט אין דער יודישער וועלט. עס זענען צו איהם אָנגעקומען שאלות פון אַלע מדינות, זאָגאַר פון ווייטען פראַנקרייך, און פומבדיתא האָט אָנגעהויבען קומען צו-זיך.

ר׳ שרירא גאון איז, נאָך ר׳ סעדיה׳ן,ווירקליך געווען דער בעדיי-טענדסטער יודישער קאָפּ, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכענט נישט בלויז מיט דער לייטונג פון דער תלמוד׳ישער אַקאַדעמיע, נאָר אויך מיט זיינע טיעפע און קלאָרע תשובות, לויט וועלכע עס האָבען זיך געריכטעט אַלע שפּעטער-דיגע פוסקים. ער האָט זיך אויך אָבער אויך אויסגעצייכענט מיט אַזאַ זאַך, מיט וועלכער מען האָט זיך גאַנץ ווייניג ביז דאַן אינטערעסירט — מיט יו-דישער געשיכטע. אַלס תלמוד׳ישער געלעהרטער, האָט ער זיך, פערשטעהט זיך, נישט אָבגעגעבען דירעקט מיט היסטאָרישע פאָרשונגען. עס איז איהם אָבער דאָס אויסגעקומען צו טהון אינדירעקט. אַזוי ווי ער האָט געהאַט גע-שריבען תשובות אויף פערשידענע תלמוד׳ישע שאלות, אויף שאלות פון הלכה, אַזוי איז איהם איינמאָל אויסגעקומען צו שרייבען אַ תשובה אויף אַ היסטאָרישער שאלה און אַזוי-אַרום איז דורך איהם געשאַפען געוואָרען דאָס בעדייטענדע היסטאָרישע ווערק, וואָס איז געוואָרען אַ וועג-ווייזער פאַר די שפּעטערדיגע לומדים און גרויסע היסטאָרישע פאָרשער.

עס האָט זיך גראָד געמאַכט, אַז ר׳ יעקב בן ניסים אבן-שאַהין, וועל-כער איז געווען דער ראש-ישיבה אין קאַירואַן, האָט געשיקט אַ שאלה צו ר׳ שרירא׳ן און איהם געבעטען ערקלערען די געשיכטע פון משנה, די כראָנאָלאָגישע אָרדנונג פון די סבוראים און גאונים און ווי לאַנג יעדער האָט אָנגעהאַלטען זיין אַמט. ר׳ שרירא האָט איהם געענטפערט, האַלב אין העברעאיש, האַלב אין אַראַמעאיש, מיט אַן׳אויספיהרליכען בריעף, אין וועל-כען ער האָט קלאָר-געמאַכט אַ גרויסען טייל פון דער יודישער געשיכטע, הויפּטזעכליך די עפּאָכע פון די רבנן סבוראי און פון די גאונים. עס זענען פאַראַן אפילו מאַנכע, וואָס האַלטען, אַז שרירא איז געווען בלויז אַ כראָ-ניק-שרייבער; ער האָט, הייסט עס, נישט געהאַט גענוג קראַפט זיך צו פער-טיעפען אין דער געשיכטע און איבערגעבען אַ גענויען אַנאַליז פון דער צייט, אַ כאַראַקטעריסטיק איבער די פערזאָנען און זייערע שאַפונגען, — הגם זיי

זענען אַליין אויך מודה, אַז זיין ווערק איז פון גרעסטער בעדייטונג פאַר דער יודישער געשיכטע. איצט אָבער האַלט מען, אַז ר׳ שרירא איז געווען נישט בלויז אַ כראָניק-שרייבער, וואָס האָט זיך געהאַט געגריבעלט אין די אַרכיוועז פון די באַבילאָנישע אַקאַדעמיעס. פון זיינע אויפקלערונגען בנוגע דער ענטשטעהונג פון משנה, פון די ברייתות און אָנהויב ענטוויקלונג פון תלמוד, ווי אויך בנוגע אַנדערע וויכטיגע מאָמענטען, וואָס ווערען אַרויסגעבראַכט אין זיין „אגרת״, איז צו זעהן, אַז ער איז געווען אַ בעדייטענדער ליטעראַטור-היסטאָריקער צווישען יודען אין די אַלטע צייטען און מיטעלאַלטער. ר׳ שרירא איז געווען דער ערשטער יודישער היסטאָריקער אין גלות — און ווען נישט זיין ווערק, וואָלט אַ גרויסער טייל פון יודישער געשיכטע איינגאַנצען געבליבען אין דונקעלהייט און מען וואָלט פון פיעל פערזענליכקייטען, געשעהענישען און שאַפונגען נישט געוואוסט.

ביי אַזאַ גרויסען פאָטער און אין אַזאַ אַטמאָספערע האָט זיך ערצויגען דער שפּעטערדיגער בעריהמטער גאון ר׳ האי.

ב.

זיין יוגענד, שטודיום און בעריהמטקייט.

באמת איז כמעט זעהר שווער צו רעדען מכח דער יוגענד-צייט פון אַ קינד, וועלכער איז ערצויגען און אויסגעוואַקסען אין אַזאַ אויסעראָרדענטליכער סביבה, ווי ר׳ האי. אַזאַ קינד איז קיינמאָל נישט יונג געווען, האָט קיינמאָל קיין יוגענד נישט געהאַט. אַזאַ קינד האָט זיך קיינמאָל נישט פערנומען מיט קליינינקייטען, מיט שפּיעלערייען, מיט קינדישע זאַכען. אַזאַ קינד איז פון דער פריהעסטער יוגענד שוין געווען בעלאָדען מיט דער לאַסט פון ערנסטקייט, וועלכע האָט געהערשט אין זיין סביבה. אַזאַ קינד איז שטענדיג געווען אַרומגערינגעלט פון ערוואַקסענע, פערטראַכטע מענשען, און זיין יונגער עמפּינדליכער מוח האָט שטענדיג אויפגענומען טיעפע און געשליפענע רעיונות, הויכע חכמה און גרויסע אידעען. ווען האָט אַזאַ קינד צייט געהאַט יונג צו זיין?

דער יונגער ר׳ האי, וועלכער האָט דערזעהן די וועלט אין יאָהר 939, האָט זיין גאַנץ לעבען פערבראַכט אין אַן אַטמאָספערע פון תורה, נישט בלויז ביי זיין גרויסען טאַטען אינדערהיים, נאָר אויך אין בית-המדרש, אין דער גרויסער אַקאַדעמיע. עס איז זיך היינט כמעט שווער פאָרצושטעלען די ערהאַבענקייט און די גייסטיגע שענקייט פון יענע גרויסע תלמוד׳ישע אַקאַדעמיעס, אפילו ווען זיי האָבען שוין געהאַט פערלוירען זייער אַמאָליגען גלאַנץ. ווייל נאָך אַלעם זענען יענע הויכע אַקאַדעמיעס געווען נישט בלויז אַנשטאַלטען, וואו עס זענען ערצויגען און אויסגעוואַקסען גרויסע תלמידי-חכמים, נאָר זיי האָבען אויך אויסגעאיבט די פונקציעס פון אַ סנהדרין, פון העכסטע געריכטען, וועלכע האָבען אויסגעשליפען און פערפעסטיגט די

גרונד-פּרינציפּען פון דער יודישער קאָנסטיטוציע, פון דער יודישער תורה, פון יודישען געזעץ. די אַקאַדעמיעס זענען געווען די איינציגע הויפּט-צענטרען פון יודישען דענקען און שאַפען. די אויגען פון דער גאַנצער יודישער וועלט אין אַלע ווייטעסטע לענדער זענען געווען געריכטעט צו די תּלמוד׳ישע אַקאַדעמיעס אין בבל. די אַקאַדעמיעס זענען געווען אַ מין יודישע מלוכה, וואָס האָט רעגולירט דאָס יודישע לעבען אין אַלע מדינות. די אַקאַדעמיעס זענען געווען די העכסטע אינסטאַנץ, די העכסטע אויטאָרי-טעט. דעריבער האָט די דאָרטיגע אַטמאָספּערע אַליין געהאַט געגוג קראַפט צו דערהויבען און אויסצולייטערן יעדע מענשליכע נשמה. בלויז צו פער-ברענגען אין אַזאַ אַקאַדעמיע און צו אָטעמען מיט איהר לופט האָט געהייסען עלית-נשמה, און אַפילו קליינע קינדער האָבען דאָרט געמוזט גרויס ווערען, גרויס זיין.

עס פערשטעהט זיך, אַז ס׳איז נישט געווען בלויז די אַטמאָספּערע אַליין, וואָס האָט געקאָנט מאַכען און האָט אויך געמאַכט דעם יונגען ר׳ האַי אַזוי גרויס; ס׳איז געווען הויפּטזעכליך זיין זשעני, זיין שאַרפער, טיעפער מוח, וועלכער האָט איהם געמאַכט דאָס, וואָס ער איז געוואָרען. ס׳איז גע-ווען זיין התמדה, זיין חשק און איבערגעבענהייט צו תּורה און צום שטו-דיום, וואָס האָט איהם דערהויבען העכער פון אַלעמען נישט בלויז אין זיין אייגענעם דור, נאָך אין אַ סך דורות פריהער און אויך שפּעטער. און די געניאַליטעט און דעם גרויסען דורשט נאָך תּורה האָט ר׳ האַי אַרויסגעוויזען ווען ער איז געווען נאָך גאַנץ יונג און האָט געלערנט ביים טאַטען.

אָבער נישט אין פערגלייך מיט זיין פאָטער, וועלכער האָט זיך אָב-געגעבען הויפּטזעכליך מיט תּלמוד, האָט זיך ר׳ האַי אָבגעגעבען אויך מיט וועלטליכער בילדונג, מיט וועלטליכע חכמות, וועלכע זענען אַריינגעבראַכט געוואָרען אין דער לומד׳ישער וועלט דורך ר׳ סעדיה גאון און דורך זיינע גאונים-נאָכפאָלגער ר׳ דוסא ב״ר סעדיה און ר׳ שמואל בן-חפני. עס שיינט, אַז דער נייער גייסט האָט שוין געהאַט אָנגעריהרט אַפילו די קאָנסערוואַ-טיווע פּומבדיתא.

ר׳ האַי האָט שטודירט אַראַביש און גריכיש. ער האָט שטודירט די אַראַבישע ליטעראַטור, די אַראַבישע פילאָזאָפיע. ער איז געווען בעקאַנט מיט דער פילאָזאָפיע פון אַריסטאָטעלעס און פלאַטאָ, ער האָט געקענט די גרי-כישע געשיכטע און שטודירט די גריכישע איבערזעצונג פון דער תּורה. ער האָט אַפילו געלערנט דעם קאָראַן און די טעאָלאָגישע ווערק פון די מאַח-מעדאַנער און איז געווען גוט בעהאַוונט אין די טעאָלאָגישע בעוועגונגען פון זיין צייט. ער האָט אַפילו ליעב געהאַט צו פיהרען וויכוחים מיט מאַח-מעדאַנישע טעאָלאָגען און געלעהרטע, וועלכע ער האָט געהאַט איבערראַשט מיט זיינע גרויסע קענטניסען און שאַרפער לאָגיק, מיט זיינע גרויסע ידיעות אין זייער טעאָלאָגיע, און ס׳האָט גאַנץ אָפט פּאַסירט, אַז זיי האָבען אַפילו נישט געוואוסט צו ענטפערן אויף זיינע שאלות. אַממעהרסטען אָבער האָט

ער זיך אָבגעגעבען מיט'ן שטודיום פון העברעאיש און אַראַמעאיש, וואָס איז איהם געווען נעהנטער צום האַרצען און פון וואָס ער האָט געקאָנט מאַכען אַ גרעסערן געברויך אַלס מיטגליעד פון דער אַקאַדעמיע.

זיין גרויסקייט און זיין חשיבות האָט זיך באַלד געלאָזט אָנזעהן סיי אין דער אַקאַדעמיע גופא און סיי אויסער דער אַקאַדעמיע. זיין נאָמען איז בעוואוסט געוואָרען אין דער לומד'ישער וועלט און מחמת-דעם האָט שוין זיין פאָטער ר' שרירא זיך געקאָנט ערלויבען צו בעשטימען איהם אַלס ראש-בית-דין, אָדער, ווי דאָס האָט דאָרט געהייסען, אַלס „דיינא דבבא" — דַיָן פונ'ם ישיבה-טויער — וואָס איז אין דער אַקאַדעמיע בעטראַכט געוואָרען אַלס העכסטער אַמט נאָך דעם גאון. ר' האַי האָט שוין דאַן געהאַלטען פאָרטראַגען פאַר די חכמים פון דער אַקאַדעמיע איבער תלמוד און הלכה און דערביי מיטגעהאָלפען זיין פאָטער אָבצופאַסען די תשובות אויף די פערשידענאַרטיגע שאלות, וואָס זענען אָנגעקומען אין דער אַקאַדעמיע פון אַלע יודישע קהלות אין דער וועלט. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די שאלות פלעגען שוין אָנקומען דירעקט אויף ביידענס נעמען — „לר' שרירא ור' האַי גאון" — און מחמת-דעם פלעגען שוין אויך די תשובות אָבגעשיקט ווערען מיט די חתימות פון ביידען, פון טאַטען און פון זוהן.

אונטער דער פיהרערשאַפט פון אָט די צוויי גרויסע ריעזען אין תורה און חכמה האָט איצט פומבדיתא צוריק געוואונען איהר מאַכט, איהר אויטאָריטעט און איהר גלאַנץ. בלייבענדיג דער איינציגער יודישער תורה-צענטר, נאָכדעם ווי די אַקאַדעמיע אין סורא איז געווען געשלאָסען אינ-גאַנצען, ווען ר' יוסף ב"ר יעקב סאַטיאַ איז אַוועק פון שטאָדט, האָט די גאַנצע יודישע וועלט געשיקט די שאלות קיין פומבדיתא און גלייכצייטיג זענען שוין אַלע בעשטייערונגען אָנגעקומען צו איהר אַליין.

די סורא'ער בעלי-בתים און איינצעלנע חכמים האָבען אָבער נישט געקאָנט רוהיג צוקוקען, ווי-אַזוי זייער בעריהמטע אַקאַדעמיע איז געשלאָסען, און זיי האָבען דעריבער מיט צוואַנציג יאָהר שפּעטער פּרובירט אַרויסשיקען די בעוואוסטע פיער חכמים איבער דער וועלט צו בעקומען שטיצע. זיי זענען אָבער, ליידער, געפאַנגען געוואָרען פון דעם אַראַבישען אַדמיראַל רומאַהיס; און ווען זיי זענען דורך פערשידענע יודישע קהלות אויסגעלייזט געוואָרען פון געפאַנגענשאַפט, האָבען זיי, יעדער בעזונדער, אויסגעבויט גרויסע צענטרען פון תורה אין אפריקאַ און אין אייראָפּאַ. מיט דעמדאָזיגען שריט האָבען די פיער שלוחים נישט-בלויז נישט געהאָלפען אויפבויען צוריק די אַקאַדעמיע אין סורא, נאָר פערקעהרט: זיי האָבען, געגען זייער ווילען, נאַטירליך, מיטגעווירקט, אַז די אַקאַדעמיע זאָל אויף ווייטער בלייבען פער-שלאָסען. דערדאָזיגער טרויעריגער צופאַל האָט אָבער די סורא'ער בעלי-בתים און חכמים נישט ענטמוטיגט. לאַנגזאַם, מיט גרויסען אויסדויער און אייזערנער עקשנות האָבען זיי ווייטער אָנגעווענדעט אַלע זייערע קרעפ-טען צו בעקומען די נויטיגע פאָנדען — און ענדליך איז זיי, נאָך פיער-און-

צוואַנציג שווערע יאָהרען, געלונגען ווידער-אַמאָל צו עפענען די טהירען פון דער אַמאָליגער רוהמפולער אַקאַדעמיע.

די ערעפנונג פון דער אַקאַדעמיע, וועלכע האָט אין סורא אַרויסגערופען גרויס פרייד און הויכע בעגייסטערונג, איז אין פומבדיתא אויפגענומען געוואָרען קאַלט. הגם ר׳ שרירא איז נישט געווען קיין אַגרעסיווער מענש און קעמפפער פאַר מאַכט אַזוי ווי דאָס איז געווען דער גאון כהן-צדק, וועלכער האָט געוואָלט אויפבויען פומבדיתא׳ס גלאַנץ אויף די חורבות פון סורא, פונדעסטוועגען איז אויך איהם פומבדיתא געווען נעהנטער צום האַרצען און ער האָט אין סורא געזעהן אַ מין קאָנקורענט. יעדענפאַלס, אַזוי לאַנג ווי עס איז געזעסען על כסא-הגאונות דער שטילער און רוהיגער ר׳ צמח ב״ר יצחק, איז אַלץ געגאַנגען גוט. גאַנץ אַנדערש איז געוואָרען די לאַגע ווען אויף דעם גאונות-שטוהל האָט זיך אַוועקגעזעצט דער גאון ר׳ שמואל בן-חפני.

באמת איז אויך ר׳ שמואל בן-חפני נישט געווען קיין אַגרעסיווער מענש, וואָס זאָל זיך יאָגען נאָך מאַכט און נאָך כבוד. ער האָט אַפילו געשטאַמט פון אַ פאַמיליע קעמפפער: זיין זיידע איז געווען מר כהן-צדק גאון, וואָס האָט כל-ימיו געקעמפט געגען די ריש-גלותא׳ס; זיין פעטער איז געווען ר׳ נחמיה גאון, וועלכער האָט געפיהרט די אָפּאָזיציע געגען גאון ר׳ אַהרן אבן-סאַרגאַדאָ און אויך געגען ר׳ שרירא׳ן; אָבער ר׳ שמואל איז געווען גאַנץ ווייט פון אַזעלכע מינים מחלוקת.

ר׳ שמואל בן-חפני איז געווען אַ זעלטענע ערשיינונג אין זיין צייט. ער איז געווען אַ גאון אַ משכיל און פיעל מעהר אונאָבהענגיג און דרייסט אין זיינע אַנשויאונגען ווי אַלע איבריגע גאונים משכילים — ר׳ סעדיה, ר׳ דוסא, ר׳ אַהרן אבן-סאַרגאַדאָ און ר׳ האַי. ער איז געווען אַ געלעהרטער און אַ חקרן. ער האָט געקענט גוט אַראַביש און איז געווען אַ גרויסער גראַמאַטיקער. ער האָט איבערגעזעצט די תורה אויף אַראַביש און אָנגעשריבען דערצו אַן׳אויספיהרליכען פירוש, פאַר וועלכען ער איז שפּעטער געלויבט געוואָרען פון אַזעלכע גראַמאַטיקער און מפרשים, ווי ר׳ יונה אבן-גנאַח און ר׳ אַברהם אבן-עזרא. ער האָט געהאַט אָנגעשריבען אויך פיעל אַנדערע ספרים, וועלכע זענען ליידער פערלוירענגעגאַנגען, הויפּטזעכליך דערפאַר, וואָס ער האָט געשריבען אויף אַראַביש. פאַר יענער צייט איז עס געווען נויטיג, ווייל דאָס פאָלק האָט גערעדט אויף אַראַביש; ער האָט אָבער נישט פאָרויסגעזעהן, אַז העברעאיש וועט אייביג בלייבען די יודישע שפּראַך און וועט קיינמאָל נישט אונטערגעהן, וועהרענד די לאַנדס-שפּראַכען וועלען זיך מיט דער צייט בייטען און פערגעסען ווערען. אין זיינע פירושים אויף דער תורה איז ער געגאַנגען ווייטער ווי ר׳ סעדיה. בעת ר׳ סעדיה האָלט, אַז אָנשטאָט דעם נחש און בלעם׳ס אייזעל האָבען גערעדט מלאָכים, זאָגט ר׳ שמואל, אַז זיי האָבען ביידע בכלל נישט גערעדט, אַז דאָס איז נאָר אַ משל. ער האָט זיך זאָגאַר אויסגעדריקט, אַז אויב די מיינונגען פון די

קדמונים שטימען נישט מיט׳ן שכל, איז מען זיי נישט מחויב אָנצונעהמען. דאָך, נישט-קוקענדיג דערויף, האָט מען איהם דערפאַר נישט געֿ׳רודפ׳ט, ווי דאָס איז געשעהן דער פאַל מיט אַנדערע, הגם די לומד׳ישע וועלט איז נישט געווען צופרידען מיט זיינע פירושים. דאָס ערקלערט זיך פשוט דער-מיט, וואָס ער איז—נאָך אַלע פרייע אויסטייטשונגען—דאָך געווען דער גרויסער צדיק, דער גרויסער ירא-שמים און איז געזעסען טאָג און נאַכט און געלערנט.

ר׳ שמואל איז, אַלזאָ, געווען אַ יושב-אוהל און האָט זיך ווייניג אינ-טערעסירט מיט היימישער פּאָליטיק. דאָך אַלס גאון האָט ער, זעלבסטפער-שטענדליך, געמוזט שטרעבען צו פערשטאַרקען די אַקאַדעמיע און געווינען פאַר איהר דעם געהעריגען פּרעסטיזש, וואָס איז געווען נישט מעהר ווי רעכט; אָבער אָט דאָס האָט איהם געבראַכט צו אַ קאָנפליקט מיט ר׳ שרירא גאון, וועלכער איז געווען דער לייטער פון דער אַקאַדעמיע אין פומבדיתא.

דערדאָזיגער סכסוך האָט אָנגעהאַלטען נישט קיין לאַנגע צייט. ס׳איז סוף-כל-סוף געקומען צו אַ שלום; און כדי דעם שלום צו פערפעסטיגען, איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז ר׳ שמואל׳ס טאָכטער זאָל חתונה האָבען מיט ר׳ האַי׳ן, און דערביי זאָלען אַלע נדבות, וואָס וועלען אַריינקומען אין די אַקאַ-דעמיעס, צעטיילט ווערען אויף גלייכע חלקים — אויסער יענע נדבות, וואָס וועלען דירעקט אָנגעוויזען ווערען פון נדבן, צו וועמען זיי זאָלען געהערען. ר׳ שמואל אַליין דערצעהלט, אַז דער שידוך איז אויפגעצוואונגען געוואָרען אויף איהם פון ר׳ שרירא. יעדענפאַלס איז דער שלום געשלאָסען געוואָרען און פון-איצט-אָן האָבען ביידע גאונים געקאָנט אַרבייטען רוהיג אויפצוהויבען די אויטאָריטעט פון די הויכע תלמוד׳ישע אינסטיטוציעס.

ג.

ער ווערט גאון. — בלבולים און אַרעסט.

עטליכע צעהנדליג יאָהר איז ר׳ האַי געזעסען אין דער אַקאַדעמיע פון פומבדיתא אין זיין אַמט אַלס „דיינא דבבא“, אַלס לייטער פון העכסטען געריכט. ער האָט אָבער דאָרט אויך פיעל געלערנט, פיעל שטודירט. דען חוץ זיינע אייגענע אָריגינעלע סברות און אינטערפּרעטאַציעס פון הלכות, וועלכע ער האָט אָנגעווענדעט ביים אָבפאַסען די תשובות אויף פערשידענ-אַרטיגע פּראַקטישע שאלות, האָט ער זיך אויך בענוצט אין זיינע פסקים מיט די אינטערפּרעטאַציעס פון אַנדערע גאונים. ער האָט זיך צוליב דעם געגרי-בעלט און געפאָרשט אין די אַלטע תשובות, וואָס זענען געלעגען אין די אַרכיוועו און אין דער ביבליאָטעק פון דער גרויסער אַקאַדעמיע. דורך אָט די גרינדליכע פאָרשונגען און דורך זיין שאַרפען אַנאַליטישען מוח, דורך זיין גרויסער בקיאות און טיעפקייט, וואָס ער האָט געהאַט אַרויסגעוויזען אין זיינע אינטערפּרעטאַציעס, האָט ער געוואונען דעם רעספּעקט און ליעבשאַפט

פון דער גאַנצער יודישער וועלט, וועלכע האָט איהם פּאַקטיש אָנערקענט אַלס דעם גרעסטען אויטאָריטעט. זיין פאָטער ר׳ שרירא, וועלכער איז געווען דער גאון פון דער אַקאַדעמיע, איז נאָך געווען גענוג טעטיג און אויף די אַלע דעצידירטע הלכות איז נאָך געלעגען דער שטעמפּעל פון זיין גרויסען זשעני און שפּעפערישען קאָפּ. אָבער ער איז שוין געווען אַלט, צו-אַלט. ער איז שוין דאַן געווען אין די נייינציגער און ער האָט זיך אונבעדינגט געבויטיגט אין אַ געהילף, אין אַ ממלא-מקומו; איבערהויפּט, ווען מען נעהמט אין אַכט די פיעל-פערצווייגטע, שווערע און פעראַנטוואָרטליכע אַרבייט אין אַזאַ אַקאַדעמיע, וועלכע איז געשטאַנען אין פערבינדונג מיט דער גאַנצער דאַמאָלסדיגער יודישער וועלט. מחמת-דעם האָט ר׳ שרירא בעשלאָסען אויפצוגעבען זיין פערוואַלטונגס-אַרבייט אין דער אַקאַדעמיע און בעשטימען זיין זוהן ר׳ האַי אַלס גאון, וועלכער זאָל איבערנעהמען די לייטונג, בלייבענדיג בלייכצייטיג אין דער אַקאַדעמיע אַליין אויך ביים אַלטען אַמט.

דאָס האָט אַרויסגערופען אַ שרעקליכען שטורם און אַ שטאַרקע אָפּאָזיציע. עס קאָן אָפּילו אויסקומען אַביסעל זאָנדערבאַר, וואָס זאָגאַר אין אַזעלכע הויכע אַקאַדעמיעס, אין וועלכע עס איז געשאַפען געוואָרען דער תלמוד, אין וועלכע עס זענען געשליפען געוואָרען די אַלע העכסטע געזעצען פון יודישען לעבען און אין וועלכע עס איז אויסגעפורעמט געוואָרען די אייגענאַרטיגקייט און די דערהויבענקייט פון דעם עם-סגולה; אין אַזעלכע הויכע אינסטיטוציעס, וואו די מענשליכע גייסטער האָבען זיך בעוועגט און אַרומגעשוועבט אין די העכסטע ריינסטע וועלטען פון הויכע רוחניות און תורה און פון וועלכע עס זענען אַרויס דעצידירונגען איבער די העכסטע יודישע רעליגיעזע פראַגען, זאָלען הערשען אַזעלכע אונאָנגענעהמע ערשיינונגען, ווי מאַכט-קאַמפּפען און מחלוקת, וועלכע האָבען, פערשטעהט זיך, לחלוטין נישט געפּאַסט פאַר׳ן כבוד פון יודישען פאָלק און פון דער תורה.

אָבער ס׳איז דאָך אַ פאַקט, אַז אַזעלכע טרויעריגע ערשיינונגען זענען יאָ פאָרגעקומען. בלויז גאָר אין דער לעצטער צייט אַליין האָט דער גאון כהן-צדק געקעמפט אונגעהויער פערביטערט געגען די ריש-גלותא׳ס עוקבא און דוד בן-זכאי. אין דעם קאַמף האָט זיך אויך געהאַט בעטייליגט דער גרויסער גביר און געלעהרטער פון באַגדאַד ר׳ אַהרן אבן-סאַרגאַדאַ, וועלכער האָט שפּעטער, ווערענדיג גאון אין פּומבדיתא, געקעמפט געגען דעם חכם פון דער אַקאַדעמיע נחמיה, דעם זוהן פון כהן-צדק גאון. אַ גרויסער קאַמף פאַר די גאונות איז אָנגעגאַנגען צווישען ר׳ נחמיה׳ן און ר׳ שרירא. אַז ר׳ שרירא איז געוואָרען גאון, און סורא האָט אין דערדאָזיגער צייט צוריק אויפגעלעבט, האָט זיך פונאַנדערגעוויקעלט אַ מחלוקת צווישען איהם און ר׳ שמואל בן-חפני. דערביי איז דידאָזיגע מחלוקת שטענדיג בעגלייט געוואָרען מיט בעליידיגונגען פון די צדדים, פון די פאַרטייען, וואָס האָבען זיך געבילדעט פון געוויסע פיהרער צוזאַמען מיט געוויסע איינפ.-וסרייכע בעל-בתים, וועלכע זענען געשטאַנען אויף דעם אָדער יענעם צד.

מזומת־דעם איז זיכער נישט אויסגעשלאָסען, אַז אָט די אַלע אונאָנגענעהמע ערשיינונגען האָבען סוף־כל־סוף מיטגעהאָלפען דער ירידה פון די אַקאַדעמיעס. זיי האָבען געמוזט העלפען דער אָבשוואַכונג פון פרעסטיזש פון אויטאָריטעט. דער ברייטער עולם האָט אין דידאָזיגע אַקאַדעמיעס געוואָלט זעהן, און מיט רעכט, זיין גרויסקייט, זיין שטאָלץ, זיין שטיקעל אונאָבהענגיגקייט, זיין שטיקעל אויטאָנאָמיע — און ער האָט דעריבער געקאָנט פערלאַנגען, אַז וועניגסטענס זאָלען כאָטש די פיהרער דיענען אַלס מוסטער פאַר די פשוט׳ע מענשען.

באמת האָט ר׳ שרירא געהאַט שונאים נאָך פון פריהער. דאָס האָט יעדער גאון געהאַט. איבערהויפט האָבען זיך געמעהרט זיינע שונאים בעת ער האָט געהאַט בעשטימט זיין זוהן ר׳ האַי אַלס אַב־בית־דין אין דער אַקאַדעמיע. זיינע געגנער האָבען געהאַלטען, אַז דאָס איז נישט געווען אין פולען איינקלאַנג מיט דער טראַדיציע, אַז דער פאָטער מיט׳ן זוהן זאָלען פערנעהמען די ביידע העכסטע אַמטען אין דער אַקאַדעמיע אין דערזעלבער צייט. אָבער זיי האָבען איהם אָפען דערפאַר נישט אָנגעגריפען. זיי האָבען בלויז אויסגעדריקט זייער אונצופרידענהייט מיט אַזאַ שריט. איצט אָבער, אַז ר׳ שרירא האָט בעשטימט ר׳ האַי׳ן אַלס גאון, האָבען שוין זיינע שונאים נישט געוואָלט בלייבען פאַסיוו. זיי האָבען געמאַכט אַ געוואַלד, אַז ר׳ שרירא האָט געבראָכען די טראַדיציע און שאַפט דערמיט אַ שלעכטען פרעצעדענט. עס האָט געהייסען, אַז אַ גאון פון דער אַקאַדעמיע טאָר נישט בעשטימען זיין זוהן אַלס גאון אויף זיין פלאַץ כל־זמן ער אַליין לעבט נאָך און איז טעטיג אין דער אַקאַדעמיע.

עס פערשטעהט זיך, אַז ביי גוטע בעציהונגען, ביי אַ פרידליכען, האַרמאָנישען צוזאַמענלעבען, וואָלט מען דעמדאָזיגען אַקט און מיספערשטענדניס געקאָנט אויסגלייכען גאַנץ רוהיג. אויב אַזאַ פאַל איז נאָך קיינמאָל נישט געווען פאָרגעקומען אין דער אַקאַדעמיע, הייסט עס נאָך נישט, אַז מען דאַרף ר׳ שרירא׳ן ערקלערען אַ מלחמה. אָבער קיין האַרמאָניע האָט שוין פון לאַנג נישט געהערשט, די בעציהונגען זענען געווען פון פריהער שטאַרק אָנגעשטרענגט, און דעריבער איז דערדאָזיגער פאַל געווען בלויז אַ גוטער תירוץ אויף אָנצוהויבען דעם קאַמף געגען ר׳ שרירא.

צום בעדויערן, האָט דער קאַמף אָנגענומען גאָר נישט קיין שענעם כאַראַקטער. צי דאָס האָט געטהאָן דער געגנערישער בעל־תבע׳ישער צד צוזאַמען מיט אַ טייל פיהרער, צי די בעלי־בתים אַליין — אָבער דער פאַקט בלייבט, אַז מען האָט ר׳ שרירא׳ן פער׳מסר׳ט ביים קאַליף, אַז ר׳ שרירא איז כלומר׳שט נישט לאָיאַל צו איהם און אַז אין זיין אַקאַדעמיע שטודירען פיעל תלמידים פון פרעמדע מדינות, וועלכע זענען שונאים פון אַראַבישען פאָלק און פון דער אַראַבישער מלוכה. דער קאַליף האָט מן־הסתם זיכער געוואוסט, אַז דאָס איז אַ ליגען, ווייל ער האָט ר׳ שרירא׳ן גוט געקענט. אָבער דער קאַליף האָט געדאַרפט געלד; מחמת־דעם האָט מען ר׳ שרירא׳ס

פערמעגען — און ר׳ שרירא איז געווען א רייכער מאַן — אינגאַנצען קאָנ-פיסקירט. און מען האָט נאָך ר׳ שרירא׳ן צוזאַמען מיט זיין זוהן ר׳ האַי אַריינגעזעצט אין תפיסה. ר׳ האַי איז אַרויס פריי, ווייל די מסירה איז נישט געווען געריכטעט געגען איהם. אָבער ר׳ שרירא איז בעשטראָפט געוואָרען. דאָך האָט דער קאַליף ר׳ שרירא׳ן אַלס גאון נישט אַראָבגעזעצט: דער קאַליף האָט נאָר געדאַרפט צונעהמען ר׳ שרירא׳ס האָב-און-גוטס — און אַזוי ווי ער האָט שוין דאָס געהאָט אָבגעטהאָן, האָט איהם גאַנץ ווייניג געקימערט, צי ר׳ שרירא וועט בלייבען גאון אויף ווייטער, צי נישט. שפּעטער אָבער האָט ר׳ שרירא אינגאַנצען אָבדיקירט פון זיין אַמט און בעשטימט זיין זוהן אַלס גאון. ער האָט נאָך זוכה געווען צו זעהן זיין זוהן אין זיין גרויסקייט אוּן אין זיין גלאַנץ אַלס לייטער פון דער אַקאַדעמיע אין פומבדיתא. אָבער לאַנג האָט זיין פערגעניגען נישט אָנגעהאַלטען. אויף דעם הונדערטסטען יאָהר פון זיין לעבען האָט ער זיך געשיידט מיט דער וועלט.

דאַן איז ר׳ האַי אָפיציעל אינסטאַלירט געוואָרען אַלס גאון. די שמחה אין שטאָדט איז געווען גרויס. זיין נאָמען איז געווען פּאָפּולער און מען האָט איהם שטאַרק רעספּעקטירט און געליעבט. ווען מען האָט דעם ערשטען שבת פון זיין אינסטאַלירונג אַלס גאון געלייענט די הפטורה און עס איז געקומען צום פסוק „ושלמה ישב״, האָט מען אָנשטאָט איהם גע-לייענט: „והאַי ישב על כסא שרירא אָביו ותכון מלכותו מאוד״

ד.

זיינע תשובות און תלמידים.

ר׳ האַי גאון איז שוין געווען געניגט גרויס און בעריהמט אין דער יודישער וועלט, נאָך איידער ער האָט געהאָט איבערגענומען דעם אָפיציע-לען גאון-אַמט פון זיין פאָטער ר׳ שרירא, הויפּטזעכליך דורך די תשובות, וועלכע ער האָט געהאָט אָבגעפאַסט און גע׳חתמ׳עט צוזאַמען מיט׳ן פאָטער. אָבער כל-זמן דער פאָטער האָט געלעבט און האָט געלייטעט די אַקאַדעמיע און אָנגעפיהרט מיט אַלע רעליגיעזע אַנגעלעגענהייטען פונ׳ם דעמאָלטיגען וועלט-יודענטום, איז ר׳ האַי אַלץ געבליבען נישט מעהר ווי דער געניאַלער זוהן פון דעם געניאַלען טאַטען. עס האָט אויך, אַגב, אַנדערש נישט גע-קאָנט זיין, ווייל דער גאון, דער איינציגער פיהרער, צו וועמענס וואָרט מען האָט זיך אין דער יודישער וועלט צוגעהערט, איז אַלץ געבליבען ר׳ שרירא אַליין. דען נאָך אַלעם, איז דאָך ר׳ שרירא געווען דער איינציגער אָנערקענטער אויטאָריטעט און דער איינציגער, וואָס האָט געהאָט דאָס רעכט אַרויסצוגעבען ענדגילטיגע ענטשיידונגען. מיט דעם מאָמענט אָבער, ווען ר׳ האַי האָט זיך געזעצט אויפ׳ן גאונות-טראָהן און האָט איבערגענומען די מאַכט אין זיינע הענד, איז נישט בלויז אָנערקענט געוואָרען אָפיציעל זיין

אויטאָריטעט, וואָס יעטוועדער גאון האָט בעקומען איבערנעהמענדיג דעם גאון-אַמט, נאָר אויך זיין סופּעריאָריטעט איבער פיעל פריהערדיגע חכמים מיט זיין פּערזענליכקייט, שאַפונגס-קראַפט, זשעני, פּערוואַלטונגס-פעהיגקייט און איינפלוס.

ר׳ האַי גאון איז געוועזן איינער פון די יחידי-סגולה, איינער פון די בּעצעהלטע הערליכע גייסטער, וואָס האָבען געלויכטען אין דער יודישער וועלט. ער האָט מיט מאַנכע אייגענשאַפטען דערמאָהנט אָן ר׳ סעדיה גאון. ער איז געוועזן דער רוהיגער, בעשיידענער חכם, דער צדיק, דער קדוש, ביי וועמען די תורה איז געוועזן פריהער פון אַלץ און העכער פון אַלץ; ער איז אָבער דערביי געוועזן אויך פאַר וועלטליכע חכמה. ער האָט אַליין געהאַט שטודירט זייטיגע חכמות און האָט זיך געהאַט אָבגעגעבען מיט וויסענשאַפט, זייענדיג איבערצייגט, אַז וויסענשאַפט איז נישט-בלויז קיין סתירה נישט צו דער תורה, נאָר איז זאָגאָר אַן׳ערגענצונג. ער איז נישט געוועזן אַזוי פערטיפט אין פילאָזאָפיע, ווי ר׳ סעדיה, און אויך נישט געוועזן אַזוי שטאַרק בעגייסטערט פאַר פילאָזאָפישע גריבלענישען. ער איז אָבער געוועזן אַנדערש ווי זיין פאָטער ר׳ שרירא, וועלכער האָט פון די אַלע חכמות חיצוניות לגמרי נישט געהאַלטען און האָט געדענקט, אַז זיי זענען איבריג און מען קאָן זיך אָהן זיי גאַנץ גוט בעגעהן.

אַלס גאון פון דער אַקאַדעמיע אין פומבדיתא, איז ר׳ האַי געשטאַנען אין שריפטליכען פערקעהר סיי מיט די שכנות׳דיגע לענדער און סיי מיט די ווייטסטע לענדער אין גלות. וואָרום נישט-קוקענדיג דערויף, וואָס די אַקאַדעמיע אין סורא האָט שוין געהאַט פונקציאָנירט, האָט זי דאָך קיין פיעל שאַלות נישט בעקומען. אין די עטליכע-און-פערציג יאָהר, וואָס די אַקאַדעמיע איז געוועזן כמעט געשלאָסען, האָט זיך די יודישע וועלט אָבגעוועהנט צו שיקען אַהין שאַלות, אַזוי אַז אפילו אַזאַ פּערזענליכקייט ווי ר׳ שמואל בן-חפני האָט שוין נישט געקאָנט צוגעוועהנען דעם עולם צו שיקען צו איהם אַ סך שאַלות. מחמת-דעם איז די גאַנצע לאַסט פון די תשובות געלעגען אויף ר׳ האַי. דערפון איז אַרויסגעקומען, אַז ר׳ שמואל בן-חפני, וועלכער האָט געהאַט אַ סך פרייע צייט, איז געוועזן אימשטאַנד אָנצושרייבען מעהר ספרים ווי אַלע פריהערדיגע גאונים, און ר׳ האַי האָט אָנגעשריבען מעהר תשובות ווי אַלע גאונים.

ר׳ האַי האָט אין משך פון זיין טעטיגקייט אין דער אַקאַדעמיע אָנגעשריבען העכער טויזענד תשובות אויף לשון-קודש, אַראַמעאיש און אויך אויף אַראַביש. צווישען זיי זענען אויך געוועזן פיעל תשובות, וועלכע ער האָט פריהער געהאַט געשריבען צוזאַמען מיט זיין פאָטער, אָבער דער גרעסטער טייל פון זיינע תשובות איז אויסגעאַרבייט געוואָרען דורך איהם אַליין. די אַלע תשובות זענען, זעלבסטפערשטענדליך, געווען ריעזיגע שאַפונגען אויף אַלע געביעטען פון יודישען רעליגיעזען און אַלגעמיינעם לעבען. די תשובות האָבען בעריהרט ענינים פון תורה, משנה, תלמוד, הלכה, אגדה,

פילאָזאָפיע, תפילות און פערשידענע קהלה-אָנגעלעגענהייטען. יעדע תשובה פון ר׳ האַי איז געווען אַ ווערק פאַר זיך, אַ טיעפע שאַפונג, אין וועלכער ער האָט אַרויסגעוויזען זיין גרויסע ערודיציע און אויסערגעוועהנליכע לומדות. דידאָזיגע טיעפע פערשידענאַרטיגע אָבהאַנדלונגען האָבען איהם געשאַפען אַזאַ אויטאָריטעט, אַז מאַנכע גרויסע יודישע חכמים האָבען זיך געווענדעט צו איהם מיט אַזעלכע שאלות, אויף וועלכע עס זענען שוין געווען גאַנץ קלאָרע תשובות פון די פריהערדיגע גאונים און מען האָט שוין אייגענטליך נישט געדאַרפט מעהר איבערפרעגען. דאָס איז נישט געווען דערפאַר, וואָס מען האָט יענע פוסקים חס-וחלילה נישט געטרויט, נאָר ווייל מען איז געווען אויסערגעוועהנליך נייגעריג צו וויסען, וואָס ר׳ האַי גאון האָט צו זאָגען דערויף; מען האָט געוואָלט וויסען, ווי-אַזוי וועט דערדאָזיגער שאַרפער מוח מבאר-זיין דעם דין, וואָס פאַר אַ לאָגיק, וואָס פאַר אָנ׳אָרי-גינאַליטעט, וואָס פאַר אַ בקיאות און חריפות ער וועט אַרויסברענגען אין זיינע געטאָקטע און געשליפענע סברות. די יודישע לומד׳ישע וועלט איז געווען בעצויבערט פון איהם און איז מיטגעריסען געוואָרען פון זיין שטראַהלענדער פערזענליכקייט.

צווישען די שאלות, וואָס זענען צו איהם אָנגעקומען פון דער גאַנ-צער יודישער וועלט, זענען געווען אויך שאלות פון אַזעלכע תלמוד׳ישע ריעזען, ווי ר׳ ניסים, ר׳ שמואל הנגיד, ר׳ חננאל בן-חושיאל, ר׳ אלחנן בן-שמריה פון פאָסטאַט און ר׳ משולם בן-קלונימוס פון לוקא, וועלכע האָ-בען גאַנץ גוט געקאָנט, אָבער האָבען דאָך נישט געוואָלט נעהמען אויף זיך די אחריות צו ענטשיידען אַ הארבע שאלה. זיי האָבען, אַגב, נישט גע-וואָלט זיך בעקליידען מיט דער קאָמפעטענץ צו לעזען אַ פערפלאָנטערטען ענין, בעת אין פומבדיתא האָט געהערשט דער גייסטיגער קעניג, וואָס איז געווען פעלזען-שטאַרק, וואָס איז געווען מעכטיג אין תורה און אין חכמה, וואָס האָט געוואוסט אַלץ און איז געווען אַזוי קלאָר אין אַלע חדרי התורה. מחמת-דעם איז ער מיט זיינע דעצידירונגען אין הלכה געוואָרען דער איינציג-אָנערקענטער אויטאָריטעט נישט בלויז פאַר די חכמים פון זיין אייגענער צייט, נאָר אויך פאַר די שפעטעריגע צייטען. אַלע שפעטעריגע תלמידי-חכמים האָבען גע׳פסק׳ענט ווי ר׳ האַי. זיינע ענטשיידונגען זענען געווען אַזוי הייליג, פונקט ווי זיי וואָלטען געקומען פון באַרג סיני; און זיין פאָפולאַריטעט איבער דער יודישער וועלט איז געווען אַזוי גרויס, אַז ווען מען האָט נאָר געזאָגט בלויז „ד ע ר ג א ו ן״, — „דער גאון זאָגט״, „דער גאון פסק׳ענט״, — האָט מען שוין געוואוסט, אַז דאָס איז ר׳ האַי גאון.

צווישען אַלע גרויסע שבחים, וואָס זענען וועגען ר׳ האַי׳ן אַרויסגעזאָגט געוואָרען, האָט מען בעזונדערס אָנגעוויזען דערויף, וואָס ער איז געווען דער גרעסטער מרביץ-תורה. נאַטירליך האָבען אַ ל ע גאונים מרביץ-תורה גע-ווען; דאָס האָט דאָך גאָר אַנדערש נישט געקאָנט זיין. ר׳ האַי האָט זיי-

אָבער דאָך איבערגעשטיגען, פונקט אַזוי ווי ער האָט זיי איבערגעשטיגען מיט זיינע תשובות. דען ווי נאָר עס איז בעוואוסט געוואָרען אין דער וועלט, אַז ר׳ האַי האָט זיך געזעצט אויף דעם כסא-הגאונות פון זיין פאָטער, האָבען זיך פיעל לומדים אויפגעהויבען פון זייערע ערטער און זענען אַוועק קיין פומבדיתא צו הערען תורה פון איהם אַליין. עס האָט זאָגאַר זעהר אָפט פּאַסירט, אַז צוזאַמען מיט די שלוחים פון דייטשלאַנד, פראַנקרייך, שפּאַניען און אַפילו אינדיען, וועלכע זענען געקומען קיין פומבדיתא מיט שאלות פון זייערע רבנים און חכמים, כדי צו ברענגען צוריק אַהיים ר׳ האַי׳ס תשובות, זענען אויך מיטגעפאָהרען פיעל לומדים, וועלכע האָבען געגאַרט צו זיצען און לערנען תורה אין פומבדיתא אונטער ר׳ האַי׳ס לייטונג. אַזוי-אַרום האָט ר׳ האַי אין זיין אַקאַדעמיע שוין געהאַט תלמידים אויך פון אייראָפּאַ, וועלכע זענען שפּעטער אַליין געוואָרען גרויסע גאונים און גייסטיגע פיהרער פון׳ם יודענטום. אַלע זיינע תלמידים און די תלמידים פון זיינע תלמידים האָבען ווייטער פאָרטגעזעצט און אָנגעהאַלטען אייינצופלאַנצען און צו פערשפּרייטען תורה צווישען יודען אין פערשידענע ווייטע און נאָהענטע מדינות.

מהאַי טעמא איז באמת קיין וואונדער נישט, וואָס ער האָט, דורך זיינע קלאַסישע תשובות און פערשפּרייטונג פון תורה, זוכה געווען צו דעם גרעסטען כבוד און צו דער העכסטער אָנערקענונג, וואָס וועלכער-עס-איז גאון האָט ווען בעקומען. ער איז אָנערקענט געוואָרען אַלס „אחרון הגאונים בזמן וראשון להם במעלה" — אַלס דער לעצטער גאון אין צייט, אָבער אַלס ערשטער גאון אין ראַנג. מען האָט איהם געקרוינט מיט די העכסטע טיטלען; מען האָט איהם גערופען „אביהן של ישראל", „רבן של כל ישראל". און נישט קיין קלענערע פּערזענליכקייט ווי דער רמב״ן האָט זיך אַפילו אויסגעדריקט וועגען איהם אַז ער איז „שקול כנגד רובא דסנהדרין".

ה.

זיינע פירושים אויף ש״ס און תנ״ך.

די תשובות, וועלכע ר׳ האַי גאון האָט געשאַפען אין דער צייט פון זיינע צוויי הויכע אַפּיציעלע אַמטען אַלס „דיינא דבבא" און אַלס „גאון", זענען געווען פון אַזאַ בריליאַנטענער קוואַליטעט, אַז זיי אַליין זענען גענוג געווען אַוועקצושטעלען ר׳ האַי׳ן אין דער פאָדערשטער רייה פון די גרעסטע גייסטער, וואָס דאָס יודענטום האָט אַרויסגעגעבען. עס איז געלעגען אין זיי אַזוי פיעל גייסטרייכקייט, אַזוי פיעל בקיאות און חריפות און אָריגינעלע און קלאָרע סברות, אַז זיי האָבען דורכדעם אַליין איהם דערהויבען העכער פון זיינע חברים בתורה וחכמה. עס זענען אָבער דאָך געווען נישט בלויז די תשובות אַליין, — וועלכע ער איז, אַגב, געווען, אַזוי צו זאָגען, געצוואונגען צו שאַפען אַלס „גאון", אַלס גייסטיגער פיהרער פון׳ם גאַנצען

יודענטום, — מיט וועלכע ר׳ האַי׳ס שפּרודלענדער גייסט האָט זיך געקאַנט בענוגענען, און ס׳זענען אויך געווען נישט בלויז די תשובות אליין, אין וועלכע עס האָט זיך אנטפּלעקט ר׳ האַי׳ס טיפער און שאַרפער מוח, זיין פילפאַרביגקייט און ברייטער וויסען אין תורה און חכמה. ר׳ האַי האָט אַרויסגעשטראַהלט אויך אין פיל אַנדערע שאַפונגען, נישט בלויז אויף תורה שבעל-פה, אויף וועלכע ער איז אָנערקענט געווען אַלס גרויסער מייסטער און וואָס איז באמת געווען דער הויפּט-באַזיס פון זיין דענקען און שאַפען, גאַר אויך אויף תורה-שבכתב דורך ספּעציעלע ספרים און פירושים, אין וועלכע ער האָט זיך אַרויסגעוויזען אַלס מאַן פון הויכער טאָלעראַנץ, פון אומאָבהענגיגען דענקען און פון קריטישע אַנשויאונגען.

ר׳ האַי׳ס גרויסקייט איז געלעגען אין הלכה. ער האָט אָבער אין זיינע ספּעציעלע ספרים נישט פּרובירט קאָדיפיצירען די הלכות לויט׳ן סיס-טעם פון די „הלכות גדולות״. ער האָט בלויז גענומען אַ געוויסען ענין, אַ טעמאַ און עס דורכגענומען פון אַלע זייטען מיט זיין גרויסען כח פון בקיאות און חריפות און מיט דער שטאַרקייט פון זיין געזונטער לאָגיק און טיפע סברות. דער בעדייטענדסטער ספר זיינער איז געווען דאָס ווערק „מקח וממכר״, אין וועלכען ער אַנאַליזירט און צעגלידערט כל׳ערליי ענינים, וואָס האָבען אַ שייכות צו האַנדעלס-רעכט. דאָסדאָזיגע ווערק איז דורך ר׳ האַי׳ן געשריבען געוואָרען אויף אַראַביש, און מיט פערציג יאָהר שפּעטער איז עס איבערגעזעצט געוואָרען אויף לשון-קודש, דורך וואָס עס איז צו-גענגליך געוואָרען אויך צו די לומדים פון אַנדערע מדינות.

אָבער אויסער אָט די ספּעציעלע ספרים, האָט ר׳ האַי געשאַפען אַ פירוש אויף ש״ס. ליידער, זענען אַ טייל ספרים ווי כמעט אַלע פירושים זיינע אויפ׳ן תלמוד פערלוירענגעגאַנגען. אָבער אָט די שפּעטערדיגע מפרשים האָבען זיינע שאַפונגען אויפ׳ן תלמוד געזעהן און זיי ציטירען איהם אין זייערע אייגענע פירושים. עס איז קיין שום ספק נישט, אַז זיי האָבען זיינע פירושים אַזוי שטאַרק אויסגענוצט און אויסגעשעפּט, אַז ס׳וואָלט כמעט נישט געווען קיין שום גוזמא צו בעהויפּטען, אַז זייערע פירושים זענען גאַר באמת זיינע פירושים אונטער אַנדערע נעמען. און טאַקע מהאַי טעמא, ווייל זיי זענען שוין געווען אַרויסגעבראַכט כמעט אינגאַנצען דורך אַנדערע מפרשים, האָט מען שוין דאַמאָלס נישט געפונען פאַר נויטיג צו איבערזעצען ר׳ האַי׳ס אָריגינעלע פירושים. יעדענפאַלס איז אָבער פון דידאָזיגע ציטאַטען צו זעהן, אַז ר׳ האַי האָט געהאַט פירושים כמעט אויף גאַנץ ש״ס מיט׳ן גאַנצען אויס-פיהרליכען משא-ומתן פון תלמוד. געבליבען איז בלויז איין פירוש זיינער און דאָס איז אויף סדר „טהרות״.

פון בעזונדערס גרויסען ווערט איז געווען זיין פירוש אויף דער תורה. געוועהנליך האָט מען געקאָנט ערוואַרטען, אַז אַזאַ גאון, וואָס איז געווען אויסגעוועבט פון תלמוד און האָט געאָטעמט מיט דער לופט פון תלמוד, זאָל זיינע אינטערפּרעטאַציעס אויף דער תורה באַזירען אויף מדרש. באמת אָבער האָט ער זיך געהאַלטען אָן שטרענגען פשוט׳ען פשט. עס שיינט,

אַז אין דער בעציהונג איז שוין אַפילו ר' האַי גאון געווען אונטער'ן איינפלוס פון דער צייט, וועלכע איז בנוגע די תורה-אינטערפּרעטירונגען געווען אָנגעזאָפּט מיט'ן גייסט פון ר' סעדיה גאון און ר' שמואל בן-חפני. ר' האַי גאון איז נישט געגאַנגען אַזוי ווייט אין פּשטות ווי זיין שווער, ער האָט אָבער געהאַלטען, אַז „אין מקרא יוצא מידי פשוטו". װי ווייט ר' האַי איז געווען דער גרויסער אָנהענגער און ליעבהאָבער פון פּשוט'ען פּשט איז צו זעהן דערפון, וואָס איינמאָל, ווען עס איז געקומען צום פּסוק אין תהלים „שמן ראש אל יני ראשי", האָבען די חכמים אין דער אַקאַדעמיע געגעבען פערשידענע פירושים. ר' האַי גאון האָט דאַן אַ וואונק געטהון צו דעם תלמיד-חכם ר' מצליח פון סיציליען, ער זאָל זיך מטריח זיין און געהן צום „קאַטאָליקאָס", צום ראש פון די קריסטליכע גלחים, און איהם פרעגען, ווי-אַזוי דערדאָזיגער פּסוק ווערט פערטייטשט אין דער סירישער איבערזעצונג פון דער תורה. ר' מצליח'ן איז דאָס נישט געפעלען געוואָרען און ער האָט, קענטיג, נישט געוואָלט געהן. ווען ר' האַי האָט דערזעהן, אַז ר' מצליח איז נישט ווילִיג מקיים צו זיין די שליחות, האָט ער זיך אויף איהם שטאַרק אָנגעבייזערט און געזאָגט, אַז אַמאָליגע חכמים, וועלכע זענען געווען גרויסע צדיקים, האָבען זיך אויך נישט אָבגעזאָגט געוואויר צו ווערען דעם פּשט פון אַ פּסוק ביי די פאַרשטעהער פון אַנדערע אמונות. דאַן איז ר' מצליח געגאַנגען און האָט געפרעגט.

דערדאָזיגער שריט — צו שיקען פרעגען דעם פּשט פון אַ פּסוק אין תנ"ך ביי אַ קריסטליכען גלח — איז, נאַטירליך, געווען פאַר די חכמים אַ שטיקעל איבערראַשונג; אָבער דער צדיק אין איהם איז געווען אַזוי גרויס און זיין יראת-שמים אַזוי אונבעפלעקט, אַז עס איז בערעכטיגט געוואָרען יעדער שריט, וואָס ער האָט געמאַכט, אַפילו ווען דאָס איז אויסגעקומען אַביסעל זאָנדערבאַר.

דעריבער האָט מען אַפילו נישט שטאַרק מקפּיד געווען אויף מאַנכע פון זיינע אינטערפּרעטאַציעס, וועלכע זענען אין פלוג אויסגעקומען עטוואָס זאָנדערבאַר פאַר אַזאַ תלמוד'ישען גאון ווי ר' האַי. דען חוץ-דעם, וואָס ר' האַי איז געווען זעהר טאָלעראַנט צו אַנדערע אמונות און ליבעראַל צו געוויסע דעות, האָט ער זיך צו מאַנכע זאַכען געהאַלטען, אַזוי צו זאָגען, קריטיש. נאַטירליך, איז זיין קריטיק נישט געווען די קריטיק פון אַ פריידענקער; פערקעהרט, זיין קריטישער מוח האָט זיך בעוועגט אין דער ריכטונג פון דער קאָנסערוואַטיווער אָנשויאונג און זיין צוועק איז געווען צו פערשטאַרקען דעם קאָנסערוואַטיווען בליק. ער האָט אָבער דאָך פּרובירט אויסטייטשען געוויסע פּסוקים אין דער תורה און געוויסע מאמרי חז"ל, אַז זיי זאָלען נישט שטעהן אין אַ סתירה צו דער לאָגיק און צום שכל הישר. ר' האַי האָט נישט געקאָנט אָננעהמען דעם פּשוט'ען אַנטראָפּאָמאָרפיזם

די „הגשמת אלקות", דעם צושרייבען צו גאָט די מענשליכע אייגענשאַפ־טען. ער האָט געהאַלטען, אַז די אויסדרוקען „יד ה'", „אצבע אלקים", „עלה עשן באפו" קאָן מען נישט אָננעהמען בוכשטעבליך. זיי מוזען אָנגענו־מען ווערען בדרך־משל. מען קאָן אויך נישט אָננעהמען בוכשטעבליך דעם אויסדרוק פון די חז"ל, אַז „גאָט וויינט בשעת ער דערמאָהנט זיך אָן זיינע קינדער". עס איז נישט מעגליך צו זאָגען אויף גאָט, אַז ער וויינט, אָדער אַז ער פרעהט זיך. דאָס זענען אַלץ ב י ל ד ל י כ ע אויסדרוקען. אין דעמ־זעלבען זין, אין דערזעלבער בילדליכער פאָרם דאַרף מען אויסטייטשען די שאלה פון די חז"ל „מנין שהקב"ה מניח תפילין". ער האָט געהאַלטען, אַז די אַלע וואונדערליכע ספורים, וואָס געפינען זיך אין תלמוד, אין מדרש און אין דער תורה, דאַרף מען נישט אָננעהמען בוכשטעבליך, נאָר אין דער בילדליכער, סימבאָלישער פאָרם, בדרך־ציור. עס שטעהט אין דער תורה „ערים גדולות ובצורות בשמים" — קאָן מען דען דאָס אָננעהמען ווערטליך? דאָס איז בלויז אַ בילדליכע פאָרם פון ריעזיגקייט, פון גרויסקייט. דער תלמוד אַליין טייטשט עס אויס אין דער בילדליכער פאָרם. און אין דעם זין, האָט ר' האַי געהאַלטען, דאַרף מען אויסטייטשען אויך די אַנדערע וואונדערליכע ספורים און גוזמאות'דיגע אויסדרוקען.

פון ר' האַי'ס פירושים אויף דער תורה, פונקט אַזוי ווי אויפ'ן תלמוד, זענען, ליידער, געבליבען בלויז שטיקלעך און אַביסעל אויך אין דער פאָרם פון ציטאַטען, וועלכע ווערען געבראַכט פון די שפּעטערדיגע מפרשים, ווי ר' שמואל הנגיד, ר' יצחק אבן־בּרון, אבן־עזרא און דער רד"ק. אָבער פון דאָס, וואָס ס'איז געבליבען, איז צו זעהן, אַז ר' האַי איז געווען אַ וואונדערבאַ־רער מפרש, אַ גרויסער קענער פון לשון־קודש און פון גראַמאַטיק, דען זאָ־גאַר אַזאַ בעריהמטער גראַמאַטיקער און מפרש ווי ר' יונה אבן־גנאַח האַלט שטאַרק פון ר' האַי'ס אינטערפּרעטאַציעס און געברויכט אַפילו אַליין זיינע פירושים. ר' האַי'ס זשעני האָט זיך, קענטיג, ענטפאַלעקט אומעטום.

ו.

געגנער פון חקירה און קבלה. — דער סוף פון גאונות.

אַלס וועלטליך געבילדעטער מענש און אַלס דענקער, האָט ר' האַי גאון אַרויסגעבראַכט אין זיינע פירושים געוויסע אָנשויאונגען, וועלכע זענען לגמרי נישט געשטאַנען אין איינקלאַנג מיט די פון־לאַנג־אָנגענומענע טראַ־דיציאָנעלע אָנשויאונגען און אינטערפּרעטאַציעס. מחמת־דעם האָבען מאַנכע געקאָנט בעהויפּטען, אַז ער איז געווען אינערליך צוריסען און איז געווען פערכאַפּט פון אַ געוויסער רעליגיעזער אונרוהיגקייט.

דאָס איז אָבער לחלוטין אויסגעשלאָסען. ר' האַי גאון איז געווען פולקאָם גאַנץ און שטאַרק, ווי אַ פעלז, אין בעצוג צו טראַדיציע. ר' האַי איז געווען אויסגעקנאָטען פון תורה, יעדער נערוו זיינער איז געווען אויס־

געוועבט פון טראַדיציע. די תורה איז ביי איהם געווען די העכסטע חכמה, מיט וועלכער קיין שום חכמה שבעולם האָט זיך נישט געקאָנט פערמעסטען. די אמונה איז ביי איהם געווען אָהן אַ שום פגימה. ער איז געווען דער גרויסער ירא-שמים און דער גרויסער צדיק — ווי קאָן גאָר געמאָלט זיין ביי איהם אַ רעליגיעזע אונרוהיגקייט? ער האָט געהאַט געוויסע קריטישע אָנשויאונגען און אינטערפּרעטאַציעס, אָבער זיי האָבען לחלוטין נישט גע-האַט צו טהון מיט'ן עצם מהות פון זיין גאַנצען, פעסטען און גראַדלי-ניגען, טראַדיציאָנעלען אַרט דענקען.

אַזאַ מין קלאַס תלמידי-חכמים איז געווען פריהער און אויך שפּעטער פון ר' האַי גאון. גרויסע חכמים האָבען זיך שטענדיג ערלויבט צו זאָגען געוויסע אויסערגעוועהנליכע זאַכען. גרויסע תלמידי-חכמים האָבען זיך שטענ-דיג ערלויבט צו זיין מקילים אין הלכה און געבען מאָדערנע אינטערפּרעטאַ-ציעס אויף דער תורה, וואָס קלענערע פון זיי וואָלטען זיך בשום-אופן נישט ערלויבט. ר' סעדיה גאון האָט אויך געמאַכט געוויסע מאָדערנע פּירושים אויף דער תורה — איז ער דען ווייניג פעלזען-שטאַרק געווען אין טראַדיציע? און אַז ר' שמואל בן-חפני גאון האָט אויסגעטייטשט די מעשיות מיט דער בעלת-אוב און בלעם'ס אייזעל אַלס חלומות — האָט ער אויפגע-הערט צו זיין גאון און צדיק? און אַז דער אבן-עזרא האָט געמאַכט נאָך פיעל פרייערע פּירושים אויף דער תורה — האָט עס איהם געשטערט צו בלייבען אַ קדוש ביי יודען? און אַז דער רשב"ם האָט זיך ערלויבט אויס-צוטייטשען דעם „ויהי ערב ויהי בוקר יום אחד" אַזוי, אַז ס'האָט געקאָנט אויסקומען, אַז שבת הויבט-זיך-אָן פון אינדערפריה און ענדיגט זיך זונטאָג אינדערפריה — האָט ער אויפגעהערט צו זיין דער גרויסער רשב"ם?

מיט אַלע זייערע מאָדערנע פּירושים זענען זיי געבליבען דיזעלבע יראים ושלמים. דורך זייערע קריטישע אינטערפּרעטאַציעס איז זייער טראַ-דיציאָנעלע גאַנצקייט אויף אַ האָר נישט געמינערט געוואָרען. ווייל בלויז דאָרט, וואו דער כח פון השכלה און פילאָזאָפיע איז געווען העכער און שטאַרקער פון דעם כח התורה און מסורה, האָט געקאָנט געמאָלט זיין אינער-ליכע צוריסענקייט און ספקות; אָבער דאָרט, וואו דער כח התורה און מסורה האָט אַריבערגעוואויגען דעם כח פון השכלה, איז קיין רעליגיעזע דיסהאַרמאָניע לגמרי נישט מעגליך געווען. גרויסע גאונים און צדיקים האָבען זיך אַלץ ערלויבט, ווייל זיי האָבען זיך געקאָנט ערלויבען, זיי האָבען זיך געמעגט ערלויבען. דאָס טראַדיציאָנעלע יודענטום האָט זייערע לייכטקייטען נישט גענומען אַזוי ערנסט, ווייל עס האָט געוואוסט, אַז דערדאָזיגער „מאָ-דערניזם" איז ביי די גרויסע תלמידי-חכמים נישט דער עיקר, אַז זייער הויפּט-יסוד איז ביי זיי די תורה, די טראַדיציע.

ר' האַי גאון איז אין דער בעציהונג געווען דער בעסטער מוסטער פון אַט דעם קלאַס גאונים. דען הגם ער האָט געמאַכט געוויסע פרייערע אינטערפּרעטאַציעס און האָט אַרויסגעזאָגט מאָדערנע מיינונגען, איז ער אין

בעצוג צו טראַדיציע, צו מנהגים — אַפילו צו אַזעלכע מנהגים, וועלכע זע-נען נישט געווען אַזוי בעדייטענד — אפשר געווען פיעל שטאַרקער און מעהר מחמיר ווי מאַנכע אַנדערע. דערזעלבער ר' האַי גאון, וועלכער איז געווען אַזאַ גרויסער אַנהענגער פון לאָגיק און האָט פיעל ערשיינונגען פרו-בירט צו ערקלערען על-פי שכל, איז אַליין געווען אַ גרויסער פערטיידיגער פון מנהגים.

ר' האַי גאון האָט געהאַלטען שטאָהל-און-אייזען פון אַ מנהג. אַ מנהג-ישראל איז ביי איהם געווען הייליג. ער האָט עס געהאַלטען פאַר אַ מין התגלות. ער האָט געהאַלטען, אַז „כל מנהג שיש בו איסור, טוב לעשותו". אין פיעל תשובות חזר'ט-איבער ר' האַי גאון די וואַרנונג, מען זאָל למען-השם זעהן, אַז קיין שום מנהג זאָל נישט געענדערט ווערען. ער האָט אפילו פערטיידיגט דעם משונה'דיגען מנהג נישט צו טרינקען קיין וואַסער אין דער צייט פון דער תקופה. ער האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף אויך אַזאַ מנהג אָב-היטען, הגם מען ווייסט נישט דעם טעם דערפון, דען מן-הסתם איז דערדאָ-זיגער מנהג נישט פערשפרייט געוואָרען צווישען יודען גלאַט אין דער וועלט אַריין.

אַזאַ עהנליכע בעציהונג האָט ר' האַי גאון אַרויסגעוויזען צו דעם מנהג פון פערשידענע מינים תקיעות אום ראש-השנה, וואָס מען בלאָזט, כדי צו פערטומלען דעם שטן, וועלכער איז מקטרג אויף די יודען פאַר'ן רבונו-של-עולם. אויף אַ שאלה, וואָס מען האָט ביי ר' האַי'ן אָנגעפרעגט מכח דעם, האָט ער געענטפערט, אַז לויט דער קבלה, וואָס ער האָט, זענען ביי יודען געווען פערשידענע מנהגים בנוגע די פאָרמען פון תקיעות — תקיעה, שברים, תרועה. אין איינציגע ערטער האָט מען זיך נוהג געווען אויף איין אופן, און אין אַנדערע ערטער — אויף אַנ'אַנדער אופן. ביז עס איז געקומען ר' אַבוה אין קסרי און האָט איינגעפיהרט איין מנהג פאַר אַלעמען גלייך, כדי עס זאָל נישט אַרויסקומען קיין מחלוקת. בכלל האַלט ר' האַי גאון, אַז אויב מען טהוט עס נישט, איז „אין בכך כלום", אָבער פונדעסטוועגען איז דאָך אַ מצוה דאָס צו טהון, ווייל מען דאַרף טאַקע דעם שטן פערטומלען...

עס זענען אַפילו געווען מאַנכע מנהגים, פון וועלכע ר' האַי גאון האָט נישט געהאַלטען. דאָס זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבען געקאָנט פער-פיהרען דאָס פאָלק צו טפשות, צו ווילדקייט, צו אַ מין געצענדיענערי', צו אָבערגלויבעריי, וועלכע זענען לחלוטין געגען דעם רוח-התורה. און מהאַי טעמא איז ער עס טאַקע אַמשאַרפסטען אַרויסגעטראָטען געגען די מיסטיקער, געגען די אַלע אַזוי-גערופענע „בעלי-הסוד", וועלכע האָבען זיך דאַן געהאַט פערשפרייט אין בבל, אין אַפריקאַ, און האָט זיך אויסגעלאַכט פון די אַלע מעשיות וועגען „שמות" און „רוחות". ער זאָגט, אַז די אַלע מעשיות, וואָס מען דערצעהלט וועגען מענשען, אַז זיי קענען מיט „שמות" בעווייזען ניסים, זענען דברים בטלים, אַפילו ווען זיי שטאַמען פון צדיקים גמורים. מען האָט איהם דערצעהלט, אַז אין שפּאַניען איז פאַרהאַן אַ קבלה, אַז ר'

נטרנאי גאון איז אַהין געקומען פון בבל מיט קפיצת-הדרך. ר׳ האַי גאון האָט געלאַכט. מן-הסתם, זאָגט ער, איז עס געווען עפּעס אַ שאַרלאַטאַן, וואָס האָט זיך אָנגעגעבען פאַר ר׳ נטרנאי גאון. מכּח די אַלע וואונדער, וואָס מען ווייזט כּלומר׳שט דורך קמיעות און לחישות, האָט ר׳ האַי גאון ערקלערט, אַז מען האָט דאָס אַלץ אויסגעפּאַרשט און ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דאָס איז אַ ליגען; קיין פאַרשטענדיגער מענש טאָר דערין נישט גלויבען, נאָר בלויז „פּתי יאמין לכל-דבר״...

דיזעלבע נעגאַטיווע בעציהונגען האָט ר׳ האַי געהאַט צו פילאָזאָפיע, הגם ער אַליין האָט שטודירט פילאָזאָפיע, האָט זיך פאַרטיעפט אין דער אַראַבישער און גריכישער פילאָזאָפיע און האָט אַפילו אַליין אויך געשריבען אַ קורצע אָבהאַנדלונג איבער ידיעה ובחירה, איבער די געטליכע כּחות, אונטער׳ן איינפלוס פון ר׳ סעדיה גאון. ער האָט געהאַלטען, אַז דער, ווער עס זוכט יראת-אלקים און אמונה דורך חקירה און פילאָזאָפיע, וועט עס נישט געפינען. די מעטאַפיזיק פיהרט צו גאָרנישט. פאַרקעהרט, זי קאָן ברענגען דערצו, אַז מען זאָל נכשל ווערען, ווייל נישט אַלע זענען גענוג שטאַרק ביי׳צושטעהן די אַלע פילאָזאָפישע ספּעקולאַציעס. ער האָט דעריבער געוואָרנט אַלע חכמים זיך נישט אַריינצולאָזען אין דער אַריסטאָטעלישער ווי אויך אין אַנדערע פילאָזאָפיעס, וואָרום „ווי ווייט עס איז מזרח פון מערב, אַזוי ווייט איז די געטליכקייט און די הייליגע תּורה פון מענשליכען פאַרשטאַנד״. ער איז אַפילו געווען אונצופרידען פון זיין שווער ר׳ שמואל בן-חפני, וואָס ער איז אַוועק צו-ווייט אין זיינע אינטערפּרעטאַציעס פון געוויסע ניסים. ער האָט געזאָגט, אַז דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס ער האָט זיך צופיעל אָנגעלייענט מיט נישט-יודישע ספרים. ר׳ האַי איז געווען בלויז אַנ׳אָנהענגער פון נאַטור-וויסענשאַפט, פון מעדיצין, פון מאַטעמאַטיק און אַנדערע וויסענשאַפטען, אָבער אויסדריקליך געגען „חקירה״.

ר׳ האַי גאון האָט געהאַט געשאַפען נאָהענט צו צוואַנציג ספרים, הויפּטזעכליך לומד׳ישע, ווי „משפּט שבועות״ אָדער „שערי שבועות״, „מקח וממכּר״, „ספר המשכּון״, „משפּטי התּנאים״, „ספר הפּקדון״, „ספר איסור והיתּר״ און פיעל אַנדערע. דאָס הויפּט-ווערק זיינס אויף דעם גראַמאַטיקאַלישען, שפּראַכליכען געביעט איז געווען זיין העברעאיש-אַראַבישער לעקסיקאָן „ספר המאסף״, אָדער „ספר הכּולל״. דאָסדאָזיגע ווערק איז פאַרפאַלען געוואָרען לויט׳ן מוסטער פון פיעל אַראַבישע לעקסיקאָגראַפען, וועלכע האָבען די שרשים סיסטעמאַטיזירט לויט׳ן דריטען אות פונ׳ם שורש, שטעלענדיג, למשל, דאָס וואָרט „חפץ״ אין דער רייהע פון „צ״ און נישט פון „ח״. דער אבן-עזרא זאָגט אויף דעמדאָזיגען ספר, אַז ער איז „מלא חכמה כּליל יופי״. — דערצו איז ער אויך געווען דיכטער און פּייטן. ער האָט אָנגעשריבען דאָס ווערק „מוסר השכל״ אין הונדערט מיט ניין-און-אכציג חרוזים, פול מיט וואונדערבאַרע פּערלען איבער מאָראַל, חכמה און יראת-אלקים.

ר׳ האַי גאון האָט געלעבט ניין־און־ניינציג יאָהר. ער איז געשטאָרבען אין יאָהר 1048. זיין טויט האָט אַרויסגערופען אַ טיעפען טרויער אין דער גאַנצער יודישער וועלט. דער בעריהמטער יודישער דיכטער ר׳ שלמה בן־גבירול האָט געשריבען אויף זיין טויט פאָלגענדע קינה:

בְּכוּ עַמִּי וְחִגְרוּ שַׂק וְחֶבֶל
וְשִׁבְרוּ כָל כְּלֵי נֶבֶל וְנֶבֶל
לְרַב הַאי אֲדוֹנֵנוּ אֲשֶׁר מֵת,
פְּלֵיטָה נִשְׁאֲרָה לָנוּ בְּתֵבֵל
לְמִי נִבְכֶּה וְנָנוּד בַּתְּחִלָּה •
וְעַל מִי נַעֲשֶׂה מִסְפֵּד וְאֵבֶל —
אֱלֵי אָרוֹן אֲשֶׁר נִגְנַז בְּצִיּוֹן,
וְאִם לָזֶה אֲשֶׁר נִגְנַז בְּבָבֶל?

מיט ר׳ האַי־גאון׳ס טויט האָט זיך פערענדיגט די גלענצענדע תקופה פון די גאונים. די גרויסע אַקאַדעמיעס אין סורא און פומבדיתא, וועלכע האָבען אויסגעאיבט זייער איינפלוס אויפ׳ן יודענטום נאָהענט צו אַכט הונדערט יאָהר, האָבען זיך דאָסמאָל שוין געשלאָסען אויף אייביג. די אַקאַדעמיע אין סורא האָט זיך נאָך געהאַט צוגעמאַכט מיט אַ פאָר יאָהר פריהער, און ס׳איז דאַן אויך געווען געשטאָרבען דער לעצטער און גרויסער גאון ר׳ שמואל בן־חפני. און איצט איז מיט ר׳ האַי׳ס טויט אונטערגעגאַנגען די גרויסע אַקאַדעמיע אין פומבדיתא. עס האָט אַפילו געהערשט נאָך איהם צוויי יאָהר דער מאַרטירער חזקיהו, דוד בן־זכאי׳ס אַנ׳אייניקעל, אָבער באמת איז שוין די אַקאַדעמיע געווען געשטאָרבען צוגלייך מיט ר׳ האַי גאון.

דער שווער מיט׳ן איידעם זענען געווען די לעצטע צוויי גייסטער, וועלכע האָבען געשיינט אויפ׳ן אַקאַדעמישען הימעל אין בבל — און מיט זייער אַוועקגעהן איז אויסגעלאָשען געוואָרען דער לעצטער ליכט־שטראַהל וואָס האָט דאָרט אונאויפהערליך געלויכטען זייט דורות און דורות.

שפאניען.

מנחם בן סרוק.

א.

די גרינדער פון דער יודיש-שפאנישער קולטור.

מיט א צייט פריהער, איידער עס זענען אונטערגעגאנגען די יודישע אקאדעמיעס אין בבל, וועלכע האבען אנגעהאלטען יאהרהונדערטער, האט די יודישע קולטור, פארויסזעהענדיג דעם אונפערמיידליכען סוף, בעצייטענס אנגעהויבען אויסצובויען איהר היים אויף די ברעגען פון גוואדאלקוויויר. די דאזיגע ערשיינונג האט זיך שטענדיג איבערגע׳חזר׳ט אין דער יודישער געשיכטע. דען יעדעס מאל, ווען דער יודישער קולטור האט אויסגעפעהלט לופט אין איין לאנד, האט זי זיך, כדי אינגאנצען נישט פערניכטעט ווערען פון דער וועלט, באלד אויף שנעל אנגעהויבען צוגרייטען עפעס א ווינקעלע אין אנ׳אנדער לאנד. אזוי איז שוין דאס, קענטיג, בעשטימט געווארען פון דער השגחה.

אבער די נייע קולטור, וואס האט זיך אנגעהויבען אין דעם נייעם לאנד, אין שפאניען, איז שוין געוועזן פון א גאנץ אנדער קאלאריט און פון א גאנץ אנדער כאראקטער ווי די פאריגע. די יודישע קולטור אין בבל איז געווען הויפטזעכליך א תלמוד׳ישע מיט א בעשטימטער פארם און א בעשטימטען אינהאלט. די נייע קולטור, וואס האט זיך איצט אנגעהויבען שאפען, האט אבער געעפענט איהרע טויערן ברייט פאר דער אויסערליכער וועלט. זי האט נישט איבערגעריסען דעם המשך פון די פריהערדיגע דורות, זי האט נאר בלויז איהר ווירקונגס-קרייז און שאפונגס-קרייז פערברייטערט און פערגרעסערט. די יודישע קולטור איז געווארען מעהר וועלטליך, אלמענשליך, זי איז געווארען מעהר יפת׳דיג, הגם דער טראדיציאנעלער באדען איז געבליבען אזוי פעלזען-שטארק, ווי פריהער. זי האט אין איהר שאפונגס-קרייז אריינגענומען, אויסער דעם תלמוד, אויך אלערליי וויסענשאפטען, פילאזאפיע און פאעזיע. דען חוץ דעם, וואס דער דראנג פון דעם צייטגייסט איז איצט געווען זעהר שטארק, האט מען זיך, אגב, איצט ארומ-

געזעהן, אַז דאָס גריבלען-זיך אין „מה לפנים ומה לאָחור" קאָן דעם יודענטום גאָר נישט שאַדען. וואָרום „כי לא ככל הגוים בית ישראל": עפּעס איז די יודישע רעליגיע אויסגעשמידט געוואָרען פון אַ גאַנץ אַנדער מאַטעריאַל. זי האָט אין זיך מעהר לעבענס-קראַפט, מעהר ווידערשטאַנדס-קראַפט, מעהר פרישקייט און עלאַסטיציטעט און קאָן פערטראָגען אַלערליי חקירות און כל-ערליי וויסענשאַפטען און דאָך בלייבען שטאַרק געזונד און אפשר נאָך שטאַרקער. און די שפּאַניש-יודישע קולטור האָט עס טאַקע אויך בעוויזען אין דער ווירקליכקייט. תורה מיט חכמה, תלמוד מיט פילאָזאָפיע זענען געגאַנגען האַנד אין האַנד, און די יודישע טראַדיציע, די יודישע רעליגיע איז נישט אָבגעשוואַכט געוואָרען אַפילו אויף אַ האָר. די יודיש-שפּאַנישע קולטור האָט פערמאָגט אַ געוואַלדיגע רייכקייט און פיעלפאַרביגקייט אין תורה, אין חקירה און שענקייט — און ס'איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס זי איז אַזוי בעזונגען געוואָרען אין הערליכע לידער.

דידאָזיגע נייע שפּאַניש-יודישע קולטור איז געגרינדעט געוואָרען דורך דריי בעריהמטע פערזענליכקייטען: משה בן-חנוך, מנחם בן-סרוק און דונש בן-לברט. משה בן-חנוך איז געווען אַ באַבילאָנער און איינער פון די גרויסע תלמידי-חכמים אין סורא. אַזוי ווי די מאַטעריעלע לאַגע פון דער אַקאַדעמיע אין סורא איז זעהר אָבגעשוואַכט געוואָרען מחמת די מחלוקת'ן, איז בעשלאָסען געוואָרען אַרויסצושיקען פיער תלמידי-חכמים איבער פערשידענע מדינות אַלס משולחים צו קלייבען נדבות. צווישען זיי איז אויך געווען משה בן-חנוך. דער אַדמיראַל אבן-רומאַהיס, וועלכער איז אַרומגעפאָהרען אויפ'ן מיטעללענדישען ים און האָט זיך געיאָגט נאָך קריסטליכע שיפען און אויך צו בערויבען די שטעדט ביים ברעג ים, האָט געכאַפּט אַ שיף אויפ'ן עגעאישען ים, אויף וועלכען עס זענען גראַד געפאָהרען אָט די פיער גאונים-משולחים. דער אַדמיראַל האָט זיך וועניג געקימערט וועגען זייער לומדות. ער האָט געוואָלט געלד און מחמת-דעם האָט ער זיי פערקויפט פאַר שקלאַפען אין פיער פערשידענע מקומות, וואו יעדערער פון זיי האָט שפּעטער, ווען זיי זענען בעפרייט געוואָרען, אויסגעבויט אַ געצעלט פאַר לערנען תורה.

משה'ן איז אויסגעקומען איבערצולעבען פיעל גרעסערע יסורים. ער איז געווען דער איינציגער פון דער חברותא, וואָס איז געווען פערהייראַט, און זיין פרוי מיט זיין יונגען זוהן חנוך זענען מיט איהם מיטגעפאָהרען אויף דער נסיעה. דער אַדמיראַל אבן-רומאַהיס האָט, פאָהרענדיג אויפ'ן שיף, געוואָרפען אַן אויג אויף דער שענער פרוי און האָט פּרובירט ערקלערען זיך איהר אין ליעבע. די פרוי האָט דאָ דערזעהן די סכנה און זי האָט אַ פרעג געטהאָן איהר מאַן אויף לשון-קודש, צי דערטרונקענע וועלען אויך אויפשטעהן תחית-המתים. אַז משה האָט געענטפערט „יאָ", האָט זי זיך באַלד אַרייַנגעוואָרפען אין ים און איז דערטרונקען געוואָרען. משה איז דערנאָך

געבראַכט געוואָרען קיין קאָרדאָווע, וואו ער איז אויסגעלייזט געוואָרען פון אַדמיראַל פאַר אַ געוויסער סומע געלד דורך דער יודישער קהלה.

קיינער האָט נישט געוואוסט, ווער ער איז, און ס׳איז קיינעם נישט אָנגעגאַנגען צו פרעגען. דען אַזעלכע צופאַלען פלעגען דאַן טרעפען גאַנץ אָפט. ער אַליין איז געווען אַ גרויסער עניו און האָט נישט אויסגעזאָגט ווער ער איז. אָנגעטהאָן אין די שקלאַפען-קליידער איז ער אַוועק אין דער דאָרטיגער ישיבה, וועלכע איז אָנגעפיהרט געוואָרען דורך ר׳ נתן הבבלי. ער איז נישט געווען קיין גרויסער למדן, אָבער אין שפּאַניען האָט מען פון איהם שטאַרק געהאַלטען. אַריינקומענדיג אין דער ישיבה, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקעלע ביי דער טהיר און זיך געמאַכט פאַר אַ פשוט׳ען צוהערער, פאַר אַן׳עם-הארץ.

ר׳ נתן האָט דאַמאַלס געהאַט געלערנט מיט זיינע תלמידים די מסכת יומא. באותו רגע איז ער גראָד צוגעקומען צו אַ האַרבער שטעלע, פון וועלכער ער האָט זיך נישט געקאָנט אַרויספּלאָנטערן; דאַן האָט זיך משה אויפגעהויבען און געבעטען ערלויבניש מבאר צו זיין די סוגיא. די תלמידים מיט ר׳ נתן׳ען זענען געווען נייגעריג צו הערען, וואָס דערדאָזיגער „שקלאַף" וועט דאָ האָבען צו זאָגען. אָבער ער האָט דעם ענין אַזוי טיעף און אַזוי שנעל אויפגעקלערט, אַז זיי זענען שטאַרק נתפעל געוואָרען. די תלמידים האָבען איהם דאַן פערוואָרפען מיט שאלות, און ער האָט אויף זיי געענטפערט מיט עמקות און מיט קלאָרקייט. נאָכ׳ן שיעור האָט ר׳ נתן ערקלערט פאַר די פאָרשטעהער פון דער קהלה, אַז ער זאָגט זיך אָב פון זיין שטעלע.

- איך קאָן שוין ביי אייך נישט זיין קיין דַיָן און קיין ראש-ישיבה,— האָט ר׳ נתן ערקלערט, — אָט דער אין די שקלאַפען-קליידער וועט פערנעהמען מיין פּלאַץ. איך וועל זיין בלויז זיין תלמיד, און ער וועט זיין מיין רבי.

און אַזוי איז אויך געשעהן. משה איז בעשטימט געוואָרען אַלס דַיָן פון קאָרדאָווע און אַלס ראש פון דער ישיבה. ווען דער אַדמיראַל אבן-רומאַהיס איז געוואויר געוואָרען, וואָס פאַר אַ גרויסער מענש זיין שקלאַף איז געווען, האָט ער געוואָלט בטל מאַכען די קניה, כדי צו בעקומען מעהר געלד. דאַן האָבען זיך די יודען געווענדעט צום קאַליף עבד אַל-רחמן דעם דריטען, דורכ׳ן יודישען מלוכה-מאַן חסדאי אבן-שפּרוט, און איהם אָנגעוויזען, אַז פאַר דער מלוכה איז בעסער, קאָרדאָווע זאָל האָבען אַן׳אייגענע ישיבה, איידער צו זיין אָבהענגיג פון בבל, וואוהין מען שיקט אַרויס גרויסע סומען געלד פון לאַנד אויף אויסצוהאַלטען די דאָרטיגע תלמוד׳ישע אַקאַדעמיעס. דעם קאַליף איז די אידעע געפעלען געוואָרען, און ער האָט דעריבער געבעטען דעם אַדמיראַל, אַז ער זאָל זיך אָבזאָגען פון זיינע תביעות. אויף אַזאַ אופן איז משה בן-חנוך פערבליבען אין קאָרדאָווע, וואו ער האָט אָנ-

געהויבען איבערפלאַנצען די באַבילאָנישע קולטור, און קאָרדאָווא האָט אָנ-געהויבען צו פערנעהמען דעם פּלאַץ פון סורא.

דונש בן-לברט איז שוין געוועזען פון אַ גאַנץ אַנדער שניט. ער האָט שוין פאַרגעשטעלט, אַזוי צו זאָגען, די וועלטליכע קולטור. ער איז געוועזען אַ דענקער, אַ דיכטער, אַ גראַמאַטיקער און קריטיקער. ער איז שוין געוועזען פון די אונרוהיגע גייסטער, וואָס זוכען עפּעס נייעס, וואָס זענען שוין אונ-צופרידען מיט די אַלטע פאָרמען, וואָס שאַפען נייע פאָרמען. ער אַליין איז געוועזען אַ געבוירענער פון באַגדאַד און איז געוועזען אַ פערמעגליכער מענש. ס'איז אַ סברא, אַז ער האָט זיך געקענט פערזענליך מיט ר' סעדיה גאון און איז זאָגאַר געוועזען זיינער אַ תלמיד. פון באַגדאַד איז דונש שפּעטער אַוועקגעפאָהרען קיין פעץ, וואו ער האָט זיך בעריהמט געמאַכט מיט זיין שפּראַך-פאָרשונג און מיט זיינע נייע מאָדערנע שירים. און ווען חסדאי איז פון איהם געוואויר געוואָרען, האָט ער איהם תיכף איינגעלאַדען צו קומען צו איהם קיין קאָרדאָווא.

פון דעמזעלבען שניט, אָבער פון אַ העכערער קאַטעגאָריע, איז געוועזען דער עכט-שפּאַנישער שפּראַך-פאָרשער, משורר און מפרש מנחם ב"ר יעקב פון דער פאַמיליע סרוק, וועלכער איז אויך אָנגעקומען אין קאָרדאָווא אויף דער איינלאַדונג פון חסדאי אבן-שפּרוט. אויף אַזאַ אופן זענען עס אָט די דריי גרויסע שעפערישע גייסטער געוועזען די ערשטע, וועלכע האָבען געלעגט דעם פונדאַמענט פאַר דער נייער יודיש-שפּאַנישער קולטור. עס פערשטעהט זיך, אַז דערצו האָט מיטגעהאָלפען אויך חסדאי אבן-שפּרוט גופא. ער איז געוועזען רייך, ער איז געוועזען אַ מעצענאַט, ער איז געוועזען אַ „פערזאָנאַ גראַטאַ" אין הויף פון קאַליף און אַ מענש פון הויכער קולטור. ער האָט געהאָלפען גרינדען די תלמוד'ישע אַקאַדעמיע, ער האָט פעראָרדענט צו קויפען די איבריגע ש"ס'ן פון דער סורא'ער אַקאַדעמיע, ער האָט גע-שטיצט די תלמידי-חכמים און האָט גלייכצייטיג געשטיצט די מאָדערנע דענ-קער, וויסענשאַפטס-לייט און קינסטלער — און אַזוי-אַרום איז קאָרדאָווא גע-וואָרען, דורך זיין מיטווירקונג, נישט בלויז די אַנדאַלוזישע סורא, נאָר אויך דער צענטר פון דעם פיעלפאַרביגען יודישען קולטורעלען שאַפען סיי אין תורה און סיי אין חכמה

ב.

מנחם און חסדאי.

מנחם בן סרוק, וועלכער איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 910 אין טאָרטאָזאַ, דערמאָהנט אין מאַנכע פרטים אָן זיין שפּעטער בעריהמטען לאַנדס-מאַן ר' אַברהם אבן-עזרא. עס איז נישט בעקאַנט זיין אָבשטאַמונג, זיין פאַמיליען-לעבען, וואו ער האָט זיך געלערנט, ביי וועמען ער האָט געלערנט און ווי-אַזוי ער האָט בכלל פערבראַכט זיין פריהערע יוגענד. מען ווייסט

נאָר, אַז ער איז געווען עלענד, אָרים און האָט געליטען דחקות, און זיין גאַנצע עקזיסטענץ איז געווען אָבהענגיג פון מעצענאַטען, פון נדיבים, פונקט אַזוי ווי זיין לאַנדסמאַן. עס איז איהם נישט בעשערט געוואָרען זיך אויס־צולעבען זיינע יאָהרען אין כבוד אַזוי ווי ער האָט געהאַט פערדיענט דורך זיינע וואונדערליכע און ווערטפולע שאַפונגען. דורך אַ צופאַל איז איהם געלונגען אַמאָל אַרויסצוקריכען פון זיין דלות און בעקומען די מעגליכקייט צו שאַפען ביי רוהיגע בעדינגונגען. אָבער דאָס גליק האָט נישט אָנגעהאַל־טען לאַנג. אויף די עלטערע יאָהרען האָט ער ווידער געמוזט פערזוכען דעם טעם פון אָרימקייט און דערצו נאָך דעם טעם פון רדיפות, מאָראַלישע ליידען און בזיונות, וואָס זענען איהם פעו שאַפט געוואָרען פון אַ פריינד, פון אַ אַ חבר — פון אַזאַ מענשען, פון וועלכען ער האָט עס זיכער נישט געקאָנט ערוואַרטען. אָבער אַזוי איז שוין געווען זיין שיקזאַל.

איינמאָל, ווי פריהער דערמאָהנט, האָט איהם דער מזל יאָ געמאַכט אַ שטיקעל וויזיט. בעת ער איז נאָך געווען אַ יונגערמאַן, האָט זיך פון איהם דערוואוסט דער דאַמאָלסדיגער גרויסער גביר און מעצענאַט יצחק אבן־שפרוט. יצחק איז געווען אַ מאַן פון תורה און חכמה, אַ גרויסער מוקיר־רבנן, מיט אַ ברייטער האַנד פאַר צדקה, דורך וואָס זיין נאָמען האָט בעזונדערס געקלונגען אין דער וועלט. יצחק האָט איינגעלאַדען מנחם׳ן צו זיך, און ווען ער האָט דערזעהן, אַז עס קאָן פון איהם אויסוואַקסען אַ גרויסער העברעאישער דיכטער, האָט ער איהם פערזאָרגט מיט די נויטיגע מאַטעריעלע מיטלען, כדי ער זאָל האָבען אַ רוהיגען קאָפּ צו לערנען און צו שרייבען. עס פערשטעהט זיך, אַז מנחם האָט אויסגענוצט דידאָזיגע געלעגענהייט, וואָס ס׳איז איהם געגעבען געוואָרען, און ער האָט זיך מיט גרויס התמדה ווייטער גענומען שטודירען די העברעאישע שפּראַך, וועלכע ער האָט זעהר ליעב געהאַט.

אונטער דער צייט האָט זיך געמאַכט, אַז יצחק׳ס זוהן חסדאי אבן־שפרוט איז דערהויבען געוואָרען צו אַ הויכען אַמט אין דעם הויף פון קאַ־ליף עבד אַל־רחמן דעם דריטען. חסדאי אבן־שפרוט איז געווען איינער פון די בעדייטענדסטע יודישע פּערזענליכקייטען אין זיין צייט. ער האָט פער־מאָגט די מדות און די מעלות פון זיין פאָטער. ער האָט ליעב געהאַט תורה און חכמה און איז אויך געווען אַ גרויסער מעצענאַט. דערצו איז ער געווען הויך געבילדעט. ער האָט געהאַט שטודירט מעדיצין און איז געווען אַ גרוי־סער קענער פון ליטעראַטור. ער האָט געקענט גוט העברעאיש און אַראַביש, זאָגאַר לאַטייניש, וואָס אויסער די גלחים פון קריסטליכען טייל שפּאַניען האָט קיין פּריוואַטע פּערזאָן דידאָזיגע שפּראַך נישט געקענט.

דער קאַליף עבד אַל־רחמן, וועלכער איז געשטאַנען אין דיפּלאָמאַטישע בעציהונגען מיט די קעניגען פון צפון־שפּאַניען, האָט איינגעזעהן, אַז חסדאי קאָן איהם מיט זיין פּערזענליכקייט, אַלגעמיינער בילדונג און שפּראַך־קענט־ניסען אַ סך צוניץ קומען, און האָט איהם אין יאָהר 940 בעשטימט אַלס

דאָלמעטשער און דיפּלאָמאַט. צום אָנהויב איז זיין ראָלע געווען זעהר אַ בעשרענקטע: ער האָט געדאַרפט בלויז בעגלייטען די אַמבאַסאַדאָרען צו די שפּאַנישע קריסטליכע מלכים. אָבער שפּעטער, ווען מען האָט דערזעהן, ווי בעדייטענד ער איז אין זיינע דיפּלאָמאַטישע פעהיגקייטען, האָט איהם דער קאַליף דערהויבען אַלץ העכער.

עס האָט זיך איינמאָל געמאַכט, אַז ער האָט דורכגעפיהרט זעהר אַ וויכטיגע דיפּלאָמאַטישע מיסיע. די קריסטליכע מלכים פון צפון-שפּאַניען האָבען נישט געלעבט שטאַרק בשלום מיט דעם מאַחמעדאַנישען קאַליף. עס זענען גאַנץ אָפט פאָרגעקומען געוויסע רייבונגען צווישען זיי און עס האָט נישט איינמאָל פּאַסירט, אַז דער גאַנצער שלום זאָל צושטערט ווערען. חסדאי איז דעריבער אַוועקגעפאָהרען מיט אַ מיסיע צו דעם קעניג פון לעאַן, סאַנכאָ ראַמירעז, און דעם קעניג פון נאַוואַר, טאָדאַ, און ער האָט זיי איבערציינגט אין דער פרידליכער פּאָליטיק פון קאַליף און אַז זיין איינציגער וואונש איז צו לעבען אין פרידען און האַרמאָניע מיט אַלעמען. ער האָט זיי זאָגאַר איבערגערעדט צו מאַכען אַ בעזוך אין קאָרדאָוואַ, זיך פערזענליך צו בעקענען מיט'ן קאַליף און צו שליסען אַ שטענדיגען שלום-אָבמאַך. פאַר דערדאָזיגער ערפאָלגרייכער מיסיע האָט איהם דער קאַליף בעשטימט אויף העכערע אַמטען. חסדאי איז אין אַ געוויסען זין געווען, אַזוי צו זאָגען, דער מיניסטער פון אויסערן. ער האָט געדאַרפט אויפנעהמען אויסלענדישע אַמבאַסאַדאָרען און זייערע מתנות, וואָס זיי האָבען געבראַכט צום קאַליף, און זיי צוריקגעבען מתנות פון קאַליף. אויסערדעם איז חסדאי אויך געווען דער מיניסטער פון האַנדעל און פינאַנץ; און אַלע הכנסות, וואָס זענען איינגעפלאָסען אין דער מלוכה-קאַסע פון פערשידענע מינים שטייערן, זענען דורכגעגאַנגען זיינע הענד.

אַ בעדייטענדע ראָלע האָט חסדאי געשפּיעלט אין צוויי דיפּלאָמאַטישע מיסיעס פון די מעכטיגסטע קייזערליכע הויפען אין אייראָפּאַ. דער ביזאַנטישער קייזער קאָנסטאַנטין דער אַכטער, וועלכער איז געווען אין אַ שווערער פּאָליטישער לאַגע, האָט זיך געוואָלט דיפּלאָמאַטיש פערבינדען מיט'ן מעכטיגען קאַליף פון שפּאַניען, כדי צו פערשטאַרקען זיין פּאָזיציע געגען דעם קאַליפאַט פון אָריענט. מחמת-דעם האָט ער אַרויסגעשיקט קיין קאָרדאָוואַ אַ ספּעציעלע מיסיע מיט רייכע מתנות, צווישען וועלכע עס איז אויך געווען אַ פּראַכטפולער עקזעמפּלאַר פון אַ גריכיש מעדיצייניש ווערק, וואָס דער קאַליף און די מעצידינישע אַקאַדעמיע האָבען עס זעהר שטאַרק געוואָלט בעקומען. די אַמבאַסאַדאָרען פון'ם יודען-פיינדליכסטען הויף זענען אויפגענומען געוואָרען דורך דעם יודישען מיניסטער און ער האָט זיי פאָרגעשטעלט פאַר'ן קאַליף. אָבער דאָס בוך, וואָס די אַראַבישע מעדיצינער און נאַטורפאָרשער האָבען אַזוי שטאַרק געוואָלט בעקומען, איז פאַר זיי געווען אַ „ספר החתום", ווייל קיינער פון זיי האָט נישט פערשטאַנען קיין גריכיש. דער קאַליף עבד אַל-רחמן האָט דעריבער געבעטען דעם קייזער קאָנסטאַנ-

טין, ער זאָל איהם שיקען אַ געלעהרטען, וואָס פערשטעהט גריכיש און לאַטייניש. דער קייזער האָט זיין וואונש ערפילט; ער האָט איהם געשיקט דעם מאָנאַך ניקאָלאַי, וועלכער האָט געקענט ביידע שפּראַכען. אָבער צווישען אַלע דאָקטוירים אין קאָרדאָווא איז חסדאי געוועזען דער איינציגער, וואָס האָט געקענט לאַטייניש, און מחמת-דעם האָט דער קאַליף זיך געווענדעט צו איהם, ער זאָל זיך בעטייליגען אין דער איבערזעצונג. ניקאָלאַי האָט דאָס ווערק איבערגעזעצט אין לאַטייניש, און חסדאי האָט עס פון לאַטייניש אי-בערגעזעצט אין אַראַביש. אַזוי-אַרום איז דאָס גרויסע מעדיצינישע ווערק, פון וועלכען די אַראַבישע געלעהרטע זענען דערגאַנגען פיעל נייע זאַכען אויפ'ן געביעט פון מעדיצין, געבראַכט געוואָרען צו דער אַראַבישער וועלט דורך דעם יוד חסדאי. דער קאַליף איז געוועזען זעהר ענטציקט פון דערדאָ-זיגער אַרבייט און ער האָט געהאַלטען, אַז דאָס האָט בייגעטראָגען פיעל כבוד און גדולה צו זיין הערשאַפט.

חסדאי האָט, דורך די אַלע פערדיענסטען, געשפּיעלט אַ בעדייטענדע ראָלע אין דער מלוכה, — הגם ער האָט קיין אָפיציעלען אַמט-טיטעל נישט געטראָגען צוליב דער איינגעוואָרצעלטער שנאה צו יודען, — און מחמת-דעם האָט ער שטענדיג געהאַט די מעגליכקייט צו שיצען זיינע ברידער יעדעס מאָל, ווען די אַראַבער האָבען בעהאַנדעלט יודען שלעכט. ער איז געוועזען, אַזוי צו זאָגען, דער יורידישער און פּאָליטישער פאָרשטעהער פון דער יודישער גע-מיינדע אין קאָרדאָווא און האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט'ן רעליגיעזען, פּאָליטישען און קולטורעלען לעבען פון די יודען אין אַנדאַלוזיען. ער האָט זיך געהאַט דורכגעשריבען מיט יצחק איזראַעלי'ס תלמיד דונש בן-תמים, וועמען ער האָט געבעטען אויסאַרבייטען אַן'אַסטראָנאָמישען חשבון פון אַ יודישען לוח. ער האָט זיך געווענדעט צו ר' סעדיה'ס זוהן, ר' דוסא, און איהם געבעטען, אַז ער זאָל איהם צושיקען די לעבענס-בעשרייבונג פון זיין פאָטער. ווען די אַמבאַ-סאַדאָרען פון די פרעמדע לענדער פלעגען קומען קיין קאָרדאָווא און בעטען ביי איהם הילף אויף אויסצופועל'ן געוויסע זאַכען פון קאַליף, האָט ער ביי זיי פערלאַנגט פּרטים וועגען דעם צושטאַנד פון די יודען אין זייערע לענ-דער און ער האָט שטענדיג אויסגעפועל'ט פיעל טובות פאַר זיינע ברידער. פאַר זיינע גרויסע טהאַטען לטובת די יודען און פאַר זיין איבערגעבענהייט צו די אַקאַדעמיעס איז בבל, וועלכע ער האָט געהאַט געשטיצט מיט זיין אָפענער האַנד, האָבען איהם די אַקאַדעמיעס געגעבען דעם עהרען-טיטעל „ריש-כלה" — הויפּט פון דער אַקאַדעמיע.

אַז חסדאי האָט געהאַט דערגרייכט צו דערדאָזיגער הויכער מדרגה אַלס אָפיציעלער דיפּלאָמאַט אין הויף פון קאַליף און אַלס פיהרער פון יודענטום, האָט ער איינגעלאַדען דעם ליעבלינג פון זיין פאָטער, מנחם בן סרוק, צו קומען קיין קאָרדאָווא און איהם צוגעזאָגט צו האַלטען אין גרויסען כבוד. מנחם איז געקומען קיין קאָרדאָווא און איז געוואָרען, אַזוי צו זאָגען, דער דיכטער פון חסדאי'ס הויף. מנחם איז געוואָרען שטאַרק צוגעבונדען

צו חסדאי׳ן און האָט איהם בעזונגען אין לידער. ער האָט איהם נישט גע׳חנפ׳עט. אַלץ, וואָס ער האָט געזאָגט וועגען איהם, איז געווען אמת. חסדאי האָט פערדיענט, מען זאָל איהם לויבען פאַר זיינע טהאַטען. אָבער ער האָט איהם אַזוי פיעל געלויבט און אַזוי פיעל בעזונגען, אַז „עס האָט זיך אויסגעשעפּט די פּאָעזיע בעזינגענדיג חסדאי׳ס שבחים״, ווי מנחם אַליין האָט געזאָגט. מנחם האָט זיך אַזוי-אַרום פעסט איינגעלעבט אין דעם אַריס-טאָקראַטישען הויז פון דער דינאַסטיע שפרוט, פריהער ביים פאָטער און דערנאָך ביים זוהן — און זייענדיג פריי און זאָרגלאָז, האָט ער באמת גע-שאַפען דאָס ווערק, וואָס האָט איהם געמאַכט אומשטערבליך.

ג.

שפּראַך-פאָרשער און מפרש.

מנחם בן סרוק איז הויפּטזעכליך געווען חסדאי׳ס סעקרעטער אויף צו שרייבען העבראַאישע בריעף צו פערשידענע קהלות אין שפּאַניען און אַנ-דערע מדינות, מיט וועלכע ער איז געשטאַנען אין פערבינדונג, אָבער גלייכצייטיג האָט ער אויך געהאַלטען פאָרטראַגען איבער העבּרעאישע גראַ-מאַטיק און פילאָזאָפיע אין דער יודישער הויך-שול אין קאָרדאָוואַ.

מנחם איז שוין דאַמאָלס בעקאַנט געווען אין דער וועלט אַלס דיכטער און מליצה-שרייבער — און, ווי פריהער דערמאָהנט, האָט ער אויך בעזונגען דעם גרויסען יודישען מלוכה-מאַן און געלעהרטען, דורך וועמענס חסד ער האָט געקאָנט לעבען רוהיג. ער האָט געלויבט זיין גרויסקייט און זיינע שענע טהאַטען. דאָס זענען, ווי שוין געזאָגט, נישט געווען קיין חניפה-שירים און גוזמאות׳דיגע הללויה׳ס, וואָרום באמת האָט חסדאי די שבחים פערדיענט. זיין גרויסקייט און זיין אונשטערבליכקייט האָט אָבער מנחם ערוואָרבען נישט דורך זיינע שירים, נאָר דורך וויסענשאַפט, דורך זיין מייסטערהאַפטען העבראַאישען לעקסיקאָן, וועלכער איז בעקאַנט ביי אונז אַלס „מחברת מנחם״.

דערדאָזיגער לעקסיקאָן איז ביי יענער צייט אפשר געווען איינע פון די בעסטע, אָדער די איינציגע בעסטע שאַפונג אויף׳ן געביעט פון העברע-אישער שפּראַך-פאָרשונג. דאָס איז אַ פאַרבען-רייך ווערק, וואָס האָט ענט-האַלטען אין זיך פערשידענאַרטיגע וואונדערבאַרע פאָרשונגען און איז געווען אַן׳אונערשעפּליכער קוואַל פאַר שפּראַך- און תורה-שטודיום. דערצו האָט ער נאָך געהאַט די מעלה, וואָס ער איז געשריבען געוואָרען אויף העברעאיש. מנחם האָט עס נישט געטהאָן דערפאַר, וואָס ער זאָל נישט האָבען געקענט גוט אַראַביש, נאָר פשוט דערפאַר, וואָס ער האָט געפיהלט, אַז ס׳איז אַ חילול-הקודש זיך צו בענוצען מיט אַ שפּראַך פון אַן׳אַנדער אמונה אויף תורה-שטודיום, אָדער אויף צו פאָרשען די ווערטער פון לשון-קודש נישט אויף לשון-קודש גופא. און דאָס איז טאַקע געווען די הויפּט-אורזאַך, פאַר-וואָס מנחם האָט אַ געוויסע צייט געהאַט אויסגעאיבט אַ גרויסען איינפלוס

אויף די מדקדקים און מפרשים פון אַנדערע לענדער, הגם עס זענען שפּע־טער געקומען פיעל גרעסערע פאַרשער אויפ׳ן געביעט פון גראַמאַטיק און ביאור, דען די אַלע איבעריגע גרויסע שפּראַך־פאַרשער האָבען געשריבען זייערע ווערק אויף אַראַביש, וועלכע מען האָט אין אַנדערע טיילען פון אייראָפּאַ נישט פערשטאַנען, ווערענד מנחם׳ס לעקסיקאָן פון שפּראַך־פאַרשונג און תורה־אינטערפּרעטירונג האָט זיך פערשפּרייט אומעטום, ווייל ער איז געשריבען געוואָרען אויף לשון־קודש, וואָס אַלע האָבען פערשטאַנען. רש״י, דער רשב״ם, רבנו תם און ר׳ יוסף קמחי האָבען גוט שטודירט מנחם׳ס ווערק. רש״י האָט זיך שפּעטער אין זיין פּירוש אויף דער תורה זעהר אָפט בענוצט מיט מנחם׳ס פּירושים און שפּראַכליכע פאָרשונגען, ווערענד פון די מדקדקים און מפרשים, וועלכע האָבען זייערע ספרים געשריבען אויף אַראַביש, ווי ר׳ סעדיה און ר׳ יונה אבן־גנאח, האָט רש״י נישט געוואוסט.

מנחם איז געווען אַ בעדייטענדער, טיעפער קענער פון דער העברע־אישער שפּראַך. זיין „מחברת״ איז זיכער געווען אַ מייסטערווערק. ער האָט אין זיין ספר צום ערשטען מאָל צונויפגעזאַמעלט אַלע העברעאישע ווערטער פון תנ״ך, ווי אויך אַלע אַראַמעאישע ווערטער פון דניאל און עזרא, און זיי פּרובירט קלאַסיפיצירען לויט זיינע אייגענע אויסגעאַרבייטע גראַמאַטי־קאַלישע און פילאָלאָגישע געזעצען.

מנחם האָט געשאַפען נייע גראַמאַטיקאַלישע געזעצען. ער האָט אויס־געאַרבייט געוויסע גראַמאַטיקאַלישע פאָרמען און האָט אויך געשאַפען די גאַנצע טערמינאָלאָגיע פון דקדוק, וועלכע איז שפּעטער אָנגענומען געוואָ־רען ביי אַלע העברעאישע גראַמאַטיקער. זאָגאַר דאָס וואָרט „דקדוק״, אין דעם זין ווי מיר בענוצען עס היינט אין בעצוג צו „גראַמאַטיק״, איז גע־שאַפען געוואָרען דורך איהם. ער איז אָבער דאָך אַלס גראַמאַטיקער נישט דערגאַנגען ביז׳ן סוף. זיין גאַנצער גראַמאַטיקאַלישער מאַטעריאַל איז ביי איהם אַרויסגעקומען אָהן אַ סיסטעם. ער האָט, קענטיג, יאָ געוואוסט די גראַמאַטיקאַלישע געזעצען אין אַ העכערער פאָרם, דאָך האָט ער אָבער נישט פערמאָגט גענוג קראַפט זיי אַרויסצוברענגען אין פולער קלאָרקייט. מנחם האָט בעאַרבייט און באַזירט זיין „מחברת״ אויף דערדאָזיגער טעאָריע, אַז די שרשים פון די העברעאישע ווערטער קאָנען דערפיהרט ווערען ביז צו צוויי אותיות און זאָגאַר ביז צו איין־איינציגען אות. מחמת־דעם איז פאַר איהם שוין געווען גאַנץ נאַטירליך, אַז ער זאָל נעהמען פערשידענע ווערטער מיט פערשידענע אויסטייטשונגען, נאָר עהנליך אין זייער שטאַם־קאָנ־סטרוקציע, און זיי דערפיהרען צו איין שורש, הגם זיי קאָנען געהערען צו פער־שידענע שרשים. ער האָט גענומען דאָס וואָרט „יטפו״ (יטפו ההרים עסיס — יואל ד׳, י״ח), דאָס וואָרט „והטף״ (והטף אל־דרום — יחזקאל כ״א, ב), דאָס וואָרט „טוטפות״ (ולטוטפות בין עיניך — שמות י״ג, ט״ז) און דאָס וואָרט

„טפוף" (הלוך וטפוף — ישעיה ג׳, ט״ז) און זיי אַלע צוגעפיהרט צום שורש „טף" (טף ונשים — אסתר ג׳, י״ג).

מנחם איז אויך געווען אַ וואונדערבאַרער פילאָלאָג מיט אַ טיעפער פערשטענדניש פאַר שפּראַכליכע שענהייטען, פאַר די איידעלסטע שפּראַכליכע בעגריפען. ער האָט נישט געקאָנט קומען צו שלימות אין גראַמאַטיק, ווייל ער איז באמת געווען מעהר פילאָלאָג ווי גראַמאַטיקער, ווייל ער איז מעהר בעגייסטערט און הינגעריסען געוואָרען פון דער אָבשטאַמונג פון ווערטער ווי פון דער אָבשטאַמונג פון די גראַמאַטיקאַלישע געזעצען. עס איז, לויט זיין סיסטעם, נישט געווען קיין גלאַטער צופאַל, וואָס מעהרערע ווערטער זענען אורשפּרינגליך געשאַפען געוואָרען עהנליך איינס צום אַנדערען. הגם די ווערטער האָבען געמעגט האָבען פערשידענע אויסטייטשונגען; זיי האָבען געמעגט אָנגעווענדעט ווערען פערשידען ביי פערשידענע טהאַטען, ביי פער-שידענע געלעגענהייטען — איז נאָך אַלץ נישט געדרונגען דערפון, אַז זיי האָבען נישט אין זייער אורשפּרונג דעמזעלבען זין און דיזעלבע בע-דייטונג. מחמת-דעם האָט מנחם זיי שוין אויך צוגעפיהרט צו איין און דעמ-זעלבען שורש. אָבער אַפילו זיי זאָלען האָבען פערשידענע שרשים, בלייבען זיי באמת אַלץ אורשפּרינגליך מיט׳ן זעלבען אינהאַלט. דורך דעם אויסדרוק פון בילדליכע שפּראַך-פאָרמען זענען מיט דער צייט ענטשטאַנען עהנליכע ווערטער מיט אַנדערע אויסטייטשונגען. עס איז דעריבער ווייט נישט געווען קיין קאַפּריז אָדער אונוויסענהייט פון מנחם׳ען צו בעהויפּטען, אַז „טף", „יטפו", „והטף", „טוטפות" און „טפוף" האָבען איין אורשפּרינגליכע בעדיי-טונג. אין שענערע, בילדליכע, פּאָעטישע שפּראַך-פאָרמען קאָנען זיי געוויס גלייך זיין. „געהן" אין אַ געוויסער פאָרם קאָן האָבען דעמזעלבען זין ווי „רעדען", און „רעדען" קאָן האָבען דעמזעלבען בעגריף ווי „טריפען", „פליסען". „טפוף" איז אַ געוויסע פאָרם פון געהן, אָבער דאָס איז אַזאַ גאַנג, וואָס רעדט, וואָס זאָגט עפּעס, וואָס האָט אַ כוונה, וואָס פערשפּאָרט צו רעדען מיט׳ן מויל. „והטף" איז אַ כאַראַקטעריסטישע פאָרם פון רעדען, אָבער דאָס איז אַזאַ מין רעדען, וואָס טריפט, אָדער פליסט האָניג פון מויל. אַז איינער געהט גיך, זאָגען מיר אין יודיש: „ער פליהט". ער פליהט דאָך אָבער באמת נישט; ער געהט דאָך נאָר בלויז. אַז איינער רעדט שנעל, זאָגט מען: „ער מאָלט". ער מאָלט דאָך אָבער באמת נישט; ער רעדט דאָך נאָר בלויז. געהן און פליהען, רעדען און מאָלען זענען באמת לחלוטין פערשידענע בעגריפען, דאָך קאָנען זיי אַמאָל אָנגעווענדעט ווערען אין איין און דעמזעלבען זין אין בילדליכע אויסדריקס-פאָרמען.

מנחם׳ס פילאָלאָגישע פאָרשונגען זענען אונבעדינגט פון גרויסער בע-דייטונג. ער האָט גוט געקענט די שענקייט פון דער שפּראַך און איהרע בילדליכע פאָרמען און ער איז דעריבער אינטערעסאַנט און גערעכט אין זיינע פילאָלאָגישע אויספיהרונגען, אַפילו ווען ער שטעהט אין אַ סתירה צו מאַנכע געזעצען פון דקדוק.

פון דערזעלבער קוואַליטעט, פון דערזעלבער פרישקייט און שענקייט, וואָס שטראַהלט-אַרויס פון זיינע פילאָלאָגישע פאָרשונגען, זענען אויך געווען זיינע אינטערפּרעטאַציעס אויף דער תורה. מנחם האָט נישט געשריבען קיין ספּעציעלען, באַזונדערען פּירוש אויף דער תורה. דורך די פילאָלאָגישע פאָרשונגען און פערגלייכונגען איז ער ממילא געקומען צו די אינטערפּרעטאַציעס. וואָרום דאָס איינציגע ווערק פון קלאַסישען העברעאיש איז געווען די תורה. אויב אימיצער האָט, אַלזאָ, שטודירט און געפאָרשט די העברעאישע שפּראַך, האָט ער, פערשטעהט זיך, ממילא געמוזט מבאר זיין די תורה. מהאי טעמא איז יעדער גראַמאַטיקער און יעדער פילאָלאָג פון דער העברעאישער שפּראַך געווען אַ מפרש. מנחם האָט אין זיין „מחברת" דירעקט אַרויסגעבראַכט אינטערעסאַנטע, פשוט'ע פירושים.

דאָס וואָרט „טוטפות" (ולטוטפות בין עיניך") געהערט צו דער גרופּע האַרבע ווערטער אין דער תורה, וואָס מען ווייסט נישט גענוי זייער באַדייטונג. מנחם פערבינדט אָט דאָס וואָרט מיט יענע עהנליכע ווערטער, וועלכע האָבען אין זייער בילדליכער פאָרם די באַדייטונג פון ר ע ד ע ן. און עס הייסט, אַז די געשיכטע פון יציאת-מצרים מיט דער מעשה בכורות זאָלען שטענדיג זיין ר ע ד ע ו ו ד י ג פ אַ ר ד י א ו י ג ע ן פון יעדען יוד, זיי זאָלען איהם דערצעהלען, ער זאָל זיי שטענדיג געדענקען און זיך דערמאָהנען אָן די געבאָטען, וואָס גאָט האָט איהם אָנגעזאָגט אָבצוהיטען. אַזאַ מין פשט איז שוין אין פלוג אַ שטיקעל סתירה צו דער טראַדיציע, דען אויב מיר נעהמען-אָן, אַז „טוטפות" איז נישט מעהר ווי אַ בילדליכער אויסדריק, דאַן פאַלט דאָך אָב דער ענין פון תפילין. אָבער עס איז קיין קשיה נישט, ווייל פשט איז פשט, און הלכה בלייבט הלכה. דער פשט האָט די הלכה נישט בעשטערט. דעמזעלבען פירוש ציטירט אויך רש"י און דער רשב"ם, וועלכער איז געווען אַ גרויסער אָנהענגער פון פשטות.

עס זענען פאַרהאַן פירושים אין מנחם'ס „מחברת", מיט וועלכע מאַנכע קאָנען זיך נישט צופרידענשטעלען: אַמאָל צוליב די געזעצען פון דקדוק, אויף וועלכע מנחם האָט עובר געווען, און אַמאָל צוליב טראַדיציאָנעלע טעמים. דאָך איז אָנערקענט געוואָרען, אַז די פירושים אויף דער תורה, וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט מיט דער הילף פון זיינע פילאָלאָגישע פערגלייכונגען, זענען העכסט אָריגינעל, אינטערעסאַנט, קלאָר און שען. ס'איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס זיינע פירושים און פאָרשונגען זענען באמת געוואָרען אַ קוואַל פון וויסען און שטודיום פאַר די שפּעטערדיגע מפרשים, פאַר די גרעסטע מפרשים.

ד.

מנחם׳ס בריעף צום כאַזאַרישען קעניג.

צו יענער צייט האָבען די יודען פון דער גאַנצער וועלט געבענקט נאָך אַן׳אייגענער היים אפשר פיעל שטאַרקער ווי היינט. דען אויב די יודען געניסען היינט פרייהייט, גלייכהייט און שוץ פון פעלקער, פון פאָלקס־הערשאַפטען — האָבען די יודען דאַמאָלס, צוזייהט און צושפּרייט אין קליינע הייפעלעך צווישען כל־ערליי באַרבאַרישע און האַלב־ציוויליזירטע פעלקער, געלעבט בלויז פונ׳ם חסד פון דעם שררה, פונ׳ם מושל. עס זענען געווען מאַנכע טיילען פונ׳ם צוריסענעם יודענטום, וואָס האָבען אין געוויסע לענדער געלעבט פערהעלטניסמעסיג נישט שלעכט; דאָס איז אָבער געווען נישט אַזוי צוליב דער טאָלעראַנץ פון די הערשער, ווי צוליב׳ן גאָלד, וואָס יודען האָבען אַריינגעבראַכט אין מלוכה־אוצר, אַדאַנק דעם מסחר, וואָס זיי האָבען ענטוויקעלט. און געלד האָבען די אַמאָליגע הערשער פונקט אַזוי נישט פיינט געהאַט, ווי די היינטיגע מושלים. עס פערשטעהט זיך, אַז די אַלע חסדים זענען נישט געווען דויערהאַפט. אַמאָל האָט דערזעלבער הערשער אַליין חרטה געהאַט אויף זיין „גוטסקייט” אונטער׳ן איינפלוס פון יודישע שונאים, און אַמאָל איז סתם געקומען אַ נייער מושל, אַ צורר־היהודים, און יודען איז געוואָרען ביטער.

דעמזעלבען גורל האָבען נישט אויסגעמיטען אַפילו די שפּאַנישע יודען וועלכע האָבען שוין געלעבט ביי גינסטיגערע בעדינגונגען ווי אַנדערע. אונטער דער הערשאַפט פון די מאַחמעדאַנישע קאַליפען האָבען די יודען בעקומען די מעגליכקייט צו שאַפען אַ גרויסע קולטור. אָבער די שנאה געגען יודען, וואָס איז פערפלאַנצט געוואָרען דורך מחמד׳ן און זיין תורה, האָט נישט געקאָנט פערשווינדען אַזוי גיך. דער המון איז געווען נישט פריינדליך געשטימט געגען יודען. און מחמת־דעם האָבען אַפילו די טאָלעראַנטע קאַליפען, כדי נישט צו געהן אַנטקעגען די סענטימענטען פון פאָלק, אויך געמוזט אַרויסווייזען שפּאָרזאַמקייט צו יודישער פרייהייט און צו יודישע רעכט. דאָס זעהט מען אַפילו פון דער בעציהונג צו אַזאַ בעריהמטער פערזענליכקייט ווי חסדאי, וואָס הגם ער איז געווען פּאָפּולער, מיט אַ גרויסען נאָמען און האָט פערנומען די בעדייטענדסטע פּאָסטענס אין דער מלוכה, האָט מען איהם דאָך קיין אָפיציעלען טיטעל נישט געגעבען. די מאַכטהאָבער האָבען נאָך אַלץ נישט געוואָלט האָבען אַ יוד אָפיציעל אַלס זייערען אַ חבר. די יודען האָבען זיך דעריבער נישט געפיהלט שטאַרק היימיש און האָבען תמיד געבענקט נאָך זעלבשטענדיגקייט, נאָך אַ יודישער היים. ביי דער אַזוי־גערופענער טאָלעראַנץ האָט מען נאָך די יודען אַלץ געמוזט „פערטיידיגען”, מען האָט געמוזט האָבען אַ מליץ־יושר, וואָס זאָל זיך אָננעהמען פאַר זיי, וואָס זאָל זאָגען אַ גוט וואָרט פאַר זיי. דאָסדאָזיגע פערביטערונגס־

געפיהל האָט איבערגעלעבט נישט בלויז דער ברייטער יודישער עולם, נאָר אפילו דער מלוכה־מאַן חסדאי.

עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס די יודען האָבען דאַמאָלס געלעבט אין אַ וועלט פון פאַנטאַזיעס און טרוימען. יודען האָבען געוואָלט לעבען אין אַנ׳אייגענער מלוכה — און זיי האָבען זי געשאַפען אין דער פאַנטאַזיע. עס זענען אויסגעוואַקסען מעשיות וועגען אַ מלוכה פון די עשרת־השבטים, פון די „רויטע יודעלעך״, וואָס לעבען ערגעץ ווייט אויף יענער זייט פון טייך סמבטיון. די יודען זענען אָבער געווען גענוג ניכטער צו פערשטעהן, אַז דאָס איז נישט מעהר ווי אַ חלום, און זיי האָבען דעריבער צו דעם זיסען טרוים פון דער יודישער מלוכה צוגעשפּינט נאָך אַ פאַנטאַזיע, אַז דער סמבטיון וואַרפט אַ גאַנצע וואָך פון זיך מיט שטיינער, אַזוי אַז מ׳קאָן גאָר צו דער יודישער מלוכה נישט צוקומען. אמת, איין טאָג אין וואָך רוהט דער סמבטיון, דאָס איז שבת; וועלכער יוד וועט זיך אָבער ערלויבען מחלל־שבת צו זיין? און אויב עס וועט זיך איינגעפינען אַזאַ יוד, וואָס וועט מחלל־שבת זיין און פּרובירען אַריבער דעם טייך סמבטיון, וועלען איהם דאָך די דאָרטיגע יודען פער׳משפט׳ען צו סקילה. עס הייסט, אַז הגם עס איז פאַרהאַן ערגעץ־וואו אַ יודישע מלוכה, קאָן מען אָבער בשום־אופן אהין נישט דערגרייכען — און עס בלייבט דעריבער בלויז צו וואַרטען אויף משיח׳ן אַליין, אַז ער זאָל קומען אויסלייזען די יודען פון גלות.

דידאָזיגע טרוימער האָט אָבער לחלוטין נישט געקאָנט איינפאַלען אין זינען, אַז ערגעץ־וואו אין אַ ווינקעלע אויף דער גרויסער ערד עקזיסטירט יאָ אַ יודישע מלוכה — נישט אין דער פאַנטאַזיע, נאָר אין דערווירקליכקייט — און איז נאָך דערצו אַ גרויסע, אַ מעכטיגע, פאַר וועלכער עס ציטערן אַנדערע גרויסע מלוכות: דאָס איז די כאַזאַרישע מלוכה, וועלכע האָט געהאַט אויסגעשפרייט איהר מאַכט אויף אַ גרויסען טייל פון דרום־רוסלאַנד, אויף קאַווקאַז. באמת איז אַ שטיקעל חידוש, וואָס דידאָזיגע מערקווירדיגע יודיש־כאַזארישע מלוכה איז לחלוטין געבליבען אַזוי אונבעקאַנט צווישען פאָלק, פאַרוואָס עס זענען אַרום איהר אין אַ משך פון אַ פאָר הונדערט יאָהר נישט אויסגעשפּונען געוואָרען קיין שום פאָלקס־מעשיות, קיין שום צויבער־געשיכטעס. דאָך בלייבט עס אַ פאַקט, אַז אַזאַ יודישע מלוכה האָט יאָ עקזיסטירט.

עס איז נישט בעקאַנט, ווי־אַזוי די יודען פון אַנדערע מדינות האָבען זיך בעצויגען צו דער עקזיסטענץ פון אַ יודישער מלוכה ביים קאַספּישען ים. אָבער אויף די יודען אין קאָרדאָווא האָט די בשורה געמאַכט אַ געוואַלדיגען איינדרוק. קיינער האָט נישט געגלויבט, הגם יעדערער האָט געוואָלט גלויבען. מען האָט געדענקט, אַז דאָס איז אַ פאַנטאַסטישע מעשה. אפילו חסדאי אבן־שפרוט האָט אויך צום אָנהויב נישט געגלויבט. ער האָט אָבער שוין נישט געקאָנט איינרוהען. ער האָט זיך מכח דעם ערקונדיגט ביי די אַמבאַסאַדאָרען פון די פערשידענע מלוכות, וועלכע זענען געווען אין

קאָרדאָוואַ; און ווען דער פּערסישער אַמבּאַסאַדאָר האָט איהם געזאָגט, אַז דאָס איז אַנ׳אמת, האָט ער זיך אַלץ בּעצװײגען סקעפּטיש צו דער מערקווירדיגער בּשורה. ערשט ווען ער האָט זיך פוּלקאָם איבּערצייגט, אַז אַזאַ יודישע מלוכה עקזיסטירט טאַקע און אַז דער קעניג הייסט יוסף, האָט חסדאי געבּעטען זיין סעקרעטער מנחם בּן סרוק, דעם דיכטער און וואָרטקינטלער, אָנצושרייבּען אַ לשון-קודש׳דיגען בּריעף צום קעניג פון די כאַזאַרען.

דערדאָזיגער בּריעף הויבּט זיך אָן, ווי געוועהנליך, מיט אַ פייערליכען טאָן, מיט אַ לויבּ-געזאַנג פון הויכער מליצה לכבוד דעם מעכטיגען קעניג יוסף פונ׳ם כאַזאַרען-לאַנד און עס ווערט אין איהם קודם-כל געשילדערט די רייכקייט און שענקייט פון אַנדאַלוזיען מיט איהר נאָבּעלען הערשער, וועלכער איז שטאַרק בּעליעבּט און געשעצט בּיי אַלע מלכים, וואָס שטעהען מיט איהם אין פערבּינדונג. חסדאי דערצעהלט אין איהם ווייטער, אַז ער האָט זיך שטענדיג נאָכגעפרעגט בּיי די אויסלענדישע אַמבּאַסאַדאָרען, וואָס קומען קיין קאָרדאָוואַ, מכּח דער יודישער לאַגע אין דער וועלט, בּיז ער איז ענדליך געוואויר געוואָרען, אַז עס עקזיסטירט אַ יודישע מלוכה, וואָס הייסט „כאַזאַריאַ". צום אָנהויבּ, זאָגט ער, האָט ער דערין נישט געגלויבּט. ער האָט געמיינט, אַז די אַמבּאַסאַדאָרען ווילען איהם דערמיט פּשוט חנפ׳ענען. נאָר ווען ער איז דערפון געוואויר געוואָרען פונ׳ם בּיזאַנטינישען אַמבּאַסאַדאָר, וועלכער האָט איהם נאָך דערצו דערצעהלט, אַז דער קעניג פון דעם לאַנד הייסט יוסף, און אַז ס׳געהט-אָן אַ האַנדעלס-פערקעהר צווישען כאַזאַריאַ און בּיזאַנץ, האָט ער שוין דערין מעהר נישט געצווייפעלט און בּעשלאָסען צו שיקען אַ בּריעף דורך אַ ספּעציעלען שליח צום קעניג, כּדי געוואויר צו ווערען אַלע אינטערעסאַנטע פּרטים. פּונקט צו דער צייט איז אָנגעקומען אין קאָרדאָוואַ איינער אַ יוד יצחק בּן נתן, וועמען ער האָט געגעבּען געלד אויף דער נויטיגער נסיעה צו בּרענגען דעם בּריעף צום קעניג און האָט איהם דערצו מיטגעגעבּען אַ מתּנה צום בּיזאַנטישען קיסר אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, ער זאָל איהם בּייהילפיג זיין צו בּרענגען דעם בּריעף אויפ׳ן ריכטיגען פּלאַץ.

דער שליח איז ענדליך אָבּגעפאָהרען פון קאָרדאָוואַ קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואו ער איז אָבּגעזעסען זעקס חדשים צייט, בּיז מען האָט איהם געהייסען פאָהרען צוריק מיט׳ן אויסרייד, אַז ס׳איז אַ גרויסע סכּנה צו לאָזען זיך איצט אין אַזאַ ווייטען וועג, ווייל דער ים שטורמט איצט זעהר שטאַרק און אויף די וועגען געהען-אָן מלחמות. בּאמת איז דאָס געווען בּלויז אַ תּירוץ, ווייל דער בּיזאַנטינישער הערשער האָט מורא געהאַט, אַז דער קאַליף וויל דאָ שליסען אַ בּונד מיט דעם כאַזאַרען-קעניג צו קעמפען געגען בּיזאַנץ.

דאָס האָט חסדאי׳ן שרעקליך פערדראָסען, אָבּער ער האָט זיך פון זיין פּלאַן נישט אָבּגעזאָגט. ער האָט בּעשלאָסען צו שיקען דעם בּריעף דורך

אַנ׳אַנדער וועג. פּלוצים זענען אין קאָרדאָווא אָנגעקומען אַמבּאַסאַדאָרען פון סלאַוואָניען, צווישען וועלכע עס זענען געווען צוויי יודען, שאול און יוסף, און חסדאי האָט זיי איבּערגעגעבּען, וואָס ס׳האָט פּאַסירט מיט זיין שליח. די יודען האָבּען איהם געטרייסט און האָבּען איהם געזאָגט, אַז ער זאָל זיי געבּען דעם בּריעף אויף איבּערצוגעבּען דעם סלאַוואָנישען קעניג, און ער וועט שוין טהון אַלץ, וואָס ער וועט קאָנען, אָבּצושיקען דעם בּריעף ווייטער צו די יודען אין אונגאַרן און פון דאָרט וועט מען שוין זעהן צו בּעזאָרגען צו שיקען איהם ווייטער קיין רוסלאַנד, בּיז ער וועט אָנקומען צום כאַזאַרען-קעניג.

חסדאי ערקלערט דעם קעניג, אַז ער טהוט עס נישט חס-וחלילה צוליב כבוד, נאָר בּלויז כדי צו דערגעהן דעם אמת, צי עס עקזיסטירט ווירקליך אַ יודישע מלוכה, וואו מען געוועלטיגט נישט איבּער זיי, וואו זיי ווערען גוט בּעהאַנדעלט. ווען ער וואָלט געוואוסט, אַז דאָס איז אמת, וואָלט ער זיך אַליין אָבּגעזאָגט פון אַלע זיינע הויכע אַמטען און פון אַלע זיינע כבודים און וואָלט מיט זיין פאַמיליע געפאָהרען איבּער בּערג און ימים צו קומען קיין כאַזאַריאַ און אָנצוקוקען די גרויסקייט פונ׳ם קעניג און די רוהיגקייט פון די יודען.

די צוויי יודען פון סלאַוואָניען, — דערצעהלט ווייטער חסדאי אין דעם בּריעף, — שאול און יוסף, וועלכע האָבּען איהם גאַראַנטירט אָבּצושיקען דעם בּריעף צו איהם, צום קעניג, האָבּען איהם אַגב דערצעהלט, אַז מיט זעקס יאָהר צוריק איז צו זיי געקומען אַ יוד, אַ חכם, איינער עמרם, וועלכער האָט געזאָגט, אַז ער שטאַמט פון כאַזאַריאַ און איז אַ בּן-בּית בּיים קעניג אין הויף. מען האָט דעריבּער אַרויסגעשיקט שלוחים צו זוכען אָט דעם יוד, אָבּער מען האָט איהם שוין מעהר נישט געפונען.

חסדאי בּעט בּיים קעניג, ער זאָל איהם שרייבּען, פון וועלכען שבט ער שטאַמט, פון וועלכער קעניגליכער פאַמיליע, ווי גרויס איז זיין לאַנד, ווי גרויס איז זיין מיליטער, וויפיעל מדינות ער בּעהערשט, וועלכע געזעצען הערשען אין זיין מלוכה, און ווי עס הייסען די פעלקער און מדינות, וועלכע גרעניצען זיך מיט זיין לאַנד. חוץ-דעם האָט חסדאי געבּעטען בּיים קעניג, ער זאָל איהם אויסשרייבּען, וויפיעל מלכים עס האָבּען געקיניגט פאַר איהם, ווי-אַזוי זיי האָבּען געהייסען, וואָס פאַר אַ שפּראַך עס ווערט גערעדט אין זיין לאַנד און צי מען ווייסט דאָרט דעם חשבון, ווען משיח דאַרף קומען.

צום סוף בּעט ער בּיים קעניג, ער זאָל איהם ענטשולדיגען פאַר די בּעלעסטיגונגען, וואָס ער פערשאַפט איהם מיט זיין שרייבּען. ער האָט דערביי נישט קיין שום פּערזענליכע פּניות. זיין איינציגע כוונה איז נישט קיין אַנדערע, ווי בּלויז די טובה פון יודישען פאָלק.

עס האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט, בּיז די שלוחים האָבּען ערלעדיגט די פּאָסט, אָבּער סוף-כל-סוף האָט דער קעניג פון כאַזאַריאַ חסדאי׳ן אָבּגע-

געגענטפערט מיט א בריעף, וועלכער הויבט־זיך־אן מיט די ווערטער: „אל רב חסדאי ראש הגולה בן יצחק, בן עזרא הספרדי הנחמד אלינו והנכבד עלינו". דער קעניג דערצעהלט איהם, אז זיין בריעף איז צו איהם דער־גאנגען דורך איינעם ר' יעקב בן אליעזר פון דעם לאנד נעמעץ — דייטש־לאנד — און ער האט זיך זעהר געפרעהט פון זיין חכמה. דער קעניג יוסף שטעלט־זיך־אב אויף אלע חסדאי'ס שאלות און דערצעהלט איהם, אז די כאזארען שטאמען פון די בני יפת און תוגרמה. אין זייער יחוס־בריעף גע־פינט זיך, אז תוגרמה האט געהאט צעהן זיהן: אגיור, תירוש, אוור, אוגין, ביזל, ארנא, כזר, זנור, בלנוד און סאויר. זיין פאלק שטאמט פון דעם זיבעטען זוהן כזר, וועלכער האט בעזיעגט א סך פעלקער, גע'ירש'ענט זייערע לענדער און זיי פטריאגט ביז איבער'ן טייך דונאי. אזוי זענען אוועק א סך דורות, ביז עס איז אויפגעשטאנען צווישען זיי א גרויסער מלך מיט'ן נאמען בולאן, וועלכער האט אבגעשאפט די געצענדיענעריי.

בולאנ'ען, דערצעהלט דער קעניג, האט זיך איינמאל גע'חלומ'ט, אז ס'איז צו איהם געקומען א מלאך און האט איהם געזאגט, אז גאט האט איהם געשיקט זאגען, אז ער האט זיך צוגעהערט צו זיינע תפילות און ער וועט שטארקען זיין מלוכה. דעמדאזיגען חלום האט ער געהאט א פאר מאל, און יעדעס מאל האט איהם דער מלאך אלץ געזאגט, אז זיינע כיונות זענען גוטע, נאר זיינע מעשים זענען נישט די ריכטיגע. בולאן האט נישט געוואוסט, וואס צו טהון. דערווייל איז ער זעהר גרויס געוואר־רען, זיין מלוכה איז געווארען זעהר שטארק און זיין מורא איז געפאלען אויף אלע פעלקער ארום. ווען זיי האבען דערהערט, ווי מעכטיג ער איז, האבען זיי ארויסגעשיקט זייערע שלוחים צו ברענגען איהם צו זייער אמונה.

איין טאג האט דער קעניג בולאן געלאזט רופען צו זיך דעם פאר־שטעהער פון דער פערסישער אמונה. ער האט צו איהם געזאגט:

— איך ווייס, אז דער פערסישער קעניג איז דער גרעסטער פון אלע. איך בעט דיך אבער, זאג מיר, וועלכע תורה איז א בעסערע — די יודישע, אדער די מאחמעדאנישע?

דערויף האט דער פערסישער פארשטעהער געענטפערט, אז ס'איז נישטא אויף דער וועלט קיין בעסערע תורה ווי פון דער יודישער אומה, וועלכע גאט ב"ה האט אויסגעקליבען פון אלע אומות: ער האט מיט די יודען געטהאן ניסים, זיי ארויסגעצויגען פון מצרים, זיי אריבערגעפיהרט דעם ים, זיי געגעבען מן, די תורה, אריינגעפיהרט אין ארץ־ישראל און אויסגעבויט דעם בית־המקדש; נאר אזוי ווי זיי האבען געזינדיגט, האט ער זיי צושפרייט איבער דער וועלט.

אויפ'ן צווייטען טאג האט דער קעניג געשיקט נאך דעם מאחמעדא־נישען פארשטעהער און האט איהם געפרעגט:

— וועלכע תורה איז די בעסטע — די פערסישע, אדער די יודישע?

דער מאַחמעדאַנישער פאָרשטעהער האָט געענטפערט, אַז די יודישע תורה איז די בעסטע, די חוקים ומשפטים פון די יודען זענען די בעסטע; נאָר ווייל זיי האָבען געזינדיגט, האָט זיי גאָט צושפרייט איבער דער וועלט.

אויפ'ן דריטען טאָג האָט ער איינגעלאַדען אין פּאַלאַץ ביידע פאָרשטעהער און אַלע הויכע בעאַמטע און זיי געפרעגט:

— וועלכע אמונה איז די בעסטע און גערעכטיגסטע? וועלכע אמונה ווילט איהר אויסוועהלען?

אַלע האָבען געשוויגען.

דאַן האָט דער קעניג בולאַן צו זיי געזאָגט:

— איך האָב געפרעגט ביי דעם פאָרשטעהער פון דער מאַחמעדאַנישער אמונה, וועלכע תורה איז די בעסטע — די יודישע, אָדער די פּערסישע, און ער האָט געענטפערט: די יודישע. איך האָב דאַן געפרעגט ביים פאָרשטעהער פון דער פּערסישער אמונה, וועלכע תורה עס איז די בעסטע — די יודישע, אָדער די מאַחמעדאַנישע, און ער האָט מיר געענטפערט: די יודישע. אויב אַזוי, זעהט איר דאָך אַלע, אַז די יודישע אמונה איז די בעסטע, און מיר דאַרפען אָננעהמען די יודישע אמונה. איך האָב שוין פון לאַנג אָבגעהיט די יודישע דינים.

נאָך דערדאָזיגער פּאַסירונג האָבען זיך אַלע גע'מל'ט, ער און זיינע קנעכט; מען האָט אַראָבגעבראַכט אַ יודישען תלמיד־חכם, וועלכער האָט זיי מבאר געווען די תורה און מסדר געווען אַלע מצוות. און זייט מיר זענען אונטער די כנפי השכינה, זענען מיר שטאַרק און הערשען איבער פעלקער.

דער קעניג, וואָס איז געקומען נאָך בולאַנ'ען, איז געווען עובדיה, וועלכער האָט אויסגעבויט בתי־מדרשים, אַראָפּגעבראַכט אַ תלמיד־חכם, וועלכער האָט איינגעפיהרט דעם לימוד פון תנ"ך, משנה און תלמוד און אויסגעלערענט די תפילות. ער איז געווען אַ גרויסער צדיק. נאָך איהם איז געקומען דער קעניג חזקיהו, שפּעטער מנשה, חנוכה, יצחק, זבולון, משה, נסי, מנחם, בנימין, אהרן, און איצט קיניגט ער, יוסף, וועלכער איז אַהרן'ס אַ זוהן. יעדער קעניג איז אַ מלך בן־מלך, און קיין שום פרעמדער קאָן נישט זיצען אויפ'ן טראָהן פון דעם כאַזאַרען-לאַנד.

דערביי האָט דער קעניג געגעבען אַ גענויע בעשרייבונג וועגען דער גרויסקייט פון זיין מלוכה, וועגען די פעלקער, וואָס געפינען זיך אין שכנות, און וועגען די אומות, וועלכע ער בעהערשט אין זיין קעניגרייך. וואָס אָנבעלאַנגט דעם קץ־הפלאות, ערקלערט ער, אַז די אויגען פון זיין פאָלק זענען געווענדעט צו גאָט, צו די חכמי־ישראל אין ירושלים און צו דער ישיבה אין בבל. מעהר ווי די נבואה פון דניאל'ן האָבען זיי נישט. נאָר ער האָפט צו גאָט, אַז די גאולה וועט קומען אינגיכען און אַלע יודען פון דער וועלט וועלען דערהויבען ווערען. צום סוף ערקלערט דער

קעניג, אַז ער וואָלט זעהר געוואָלט זעהן זיך מיט איהם, חסדאי׳ן, און ער וואָלט געווען פאַר איהם ווי אַ זוהן צו אַ פאָטער.

געוועהנליך האָט מען אין די אַלטע צייטען לחלוטין נישט געצווייפעלט אין דער אויטענטישקייט פון דעם קעניגליכען בריעף צו חסדאי׳ן. עס איז ביי אַלעמען געווען זיכער, אַז חסדאי׳ס בריעף איז פינקטליך איבערגעגעבען געוואָרען אין די הענד פון קעניג און ער האָט געענטפערט אויף די אַלע שאלות, וואָס האָבען חסדאי׳ן אינטערעסירט. אויף דעם סמך האָט אפילו דער גרויסער יודישער דיכטער און פילאָזאָף ר׳ יהודה הלוי געשריבען זיין פילאָזאָפיש ווערק אונטער׳ן נאָמען „ספר הכוזרי״ אין דער פאָרם פון אַ וויכוח צווישען קעניג פון די כאַזאַרען און ר׳ יצחק סנגרי, וועלכער איז געקומען איהם מגייר זיין און איהם אָנווייזען, אַז די יודישע רעליגיע איז די אמת׳ע און שטעהט העכער ווי די קריסטליכע און מאַהמעדאַנישע.

עס זעהט דעריבער אויס, אַז די מעשה מיט די כאַזאַרען, וועלכע האָבען אָנגענומען די יודישע אמונה, איז דאַמאָלס געווען שטאַרק פאָפולער. די נייע פאָרשער פון דער יודישער געשיכטע זענען אָבער שטאַרק מסופק, צי דער בריעף צו חסדאי׳ן איז באמת געשריבען געוואָרען פון כאַזאַרישען קעניג. זיי האַלטען, אַז די צוויי סלאַוואַנישע יודען, וועלכע זענען געווען אויף אַ דיפּלאָמאַטישער מיסיע אין קאָרדאָווא, האָבען טאַקע, פאָהרענדיג אַהיים, חסדאי׳ס בריעף מיטגענומען אויף אָבצושיקען ווייטער, ער איז אָבער דאָך צום כאַזאַרישען קעניג קיינמאָל נישט אָנגעקומען. מעגליך, ווייל עס איז שווער געווען צו דערלאַנגען אַהין — און אפשר אויך, ווייל זיי אַליין האָבען עפּעס נישט געגלויבט אין דער מעשה. עס האָבען געקאָנט זיין אויך אַנדערע סיבות. נאָר כדי צו פערשאַפען חסדאי׳ן אַ נחת־רוח, זאָל אימיצער האָבען דעם בריעף אָנגעשריבען כלומר׳שט אין נאָמען פון כאַזאַרישען קעניג און איהם אָבגעשיקט צו חסדאי׳ן קיין קאָרדאָווא.

נאַטירליך קאָן מען אַזאַ מין בעהויפּטונג נישט אָננעהמען פאַר זיכער. דען נאָך אַלעם — האָט דאָך אַזאַ מלוכה עקזיסטירט און ס׳זענען פאַרהאַן בעווייזען, אַז זי איז אויך אַ געוויסע צייט געווען יודיש. מען ווייסט נישט גענוי, צי די כאַזאַרען שטאַמען פון טערקען, צי פון אַרמענער אָדער גרוזינער, צי פון אַלע שבטים, וועלכע ווערען אויסגערעכענט אין קעניגליכען בריעף צו חסדאי׳ן. איינס איז אָבער זיכער, אַז די כאַזאַרען האָבען אין צווייטען יאָהרהונדערט, אַראָבלאָזענדיג זיך פון די אוראַלער בערג, בעזיעגט אַ סך פעלקער, צוגענומען זייערע לענדער און עטאַבלירט אַ גרויסע אימפעריע אויפ׳ן נידריגען טייל פון דער וואָלגאַ מיט דער הויפּשטאָדט, וואָס האָט זיך געפונען אַכט מייל פון אַסטראַכאַן אויפ׳ן קאַספּישען ים. די פערסער און די אַראַבער האָבען דעמדאָזיגען ים גערופען כאַזאַרען־ים, און די קאַלמיקען, וואָס וואוינען דאָרט, רופען איהם נאָך היינט כאַדזשאַר. אונטער דער מאַכט פון די כאַזאַרען איז געלעגען קאַווקאַז, אַרמעניען און אויך

קרים, וועלכע איז נאָך ביז׳ן דרייצעהנטען יאָהרהונדערט געווען בעקאַנט צווישען די סוחרים און רייזענדער אַלס כאַזאַריאַ. אין זייערע ווייטערדיגע מלחמות פאַר עקספּאַנסיע, האָבען די כאַזאַרען אויסגעשפּרייט זייער מאַכט אויך אויף די טעריטאָריעס צווישען דאָן און דניעפּר, און זאָגאַר די קיעווער סלאַוויאַנער זענען געלעגען אונטער זייער איבערהערשאַפט און האָבען זיי געצאָהלט צינזען.

די כאַזאַרען זענען געווען אַ מעכטיג, ווילד און קריעגעריש פאָלק. נאָך אין די אַלטע צייטען האָבען זיי געקעמפט געגען דעם קעניג פון די הונען, אַטילאַ, און אויך געגען די פּערסער, וועלכע זיי האָבען בעזיעגט און אונטערגעיאָכט. קיין פאָלק האָט נישט געקאָנט ביישטעהן זייער קראַפט, זיי האָבען צעהנדליגער פעלקער בעזיעגט, און די איבריגע האָבען פאַר זיי געציטערט. אַפילו אַזאַ מעכטיגע אימפּעריע ווי ביזאַנץ האָט מורא געהאַט פאַר די כאַזאַרען — און כדי נושא־חן צו זיין אין זיינע אויגען, האָט זי דעם כאַזאַרישען קעניג געשיקט ווערטפולע מתנות. אַרום זיבעטען יאָהרהונדערט זענען די כאַזאַרען געשטאַנען אויף דער העכסטער שטופע פון זייער מאַכט. זיי זענען געווען אַזוי שטאַרק, אַז זיי האָבען אַפילו געקאָנט אַרויסשטעלען פערציג טויזענד סאָלדאַטען צו העלפען ביזאַנץ אין איהר קאַמף געגען פּערסיען.

די כאַזאַרען זענען, ווי אַ סך פעלקער אין די אַלטע צייטען, געווען געצענדיענער. זיי זענען געווען אונענטוויקעלט און האָבען געלעבט אין פּאַלאַטקעס. בלויז דער קעניג אַליין האָט געהאַט אַ פּאַלאַץ. אָבער מיט דער צייט האָבען זיי זיך אָנגעהויבען ענטוויקלען. עס האָט זיך ביי זיי אָנגעהויבען ענטוויקלען האַנדעל און אַגריקולטור און זיי זענען געקומען אין בעציהונגען מיט קריסטען, מאַחמעדאַנער און יודען. די יודען זענען געקומען אַהין הויפּטזעכליך פון גריכענלאַנד, וואו מען האָט זיי שרעקליך פערפאָלגט. ביי די כאַזאַרען אָבער האָבען זיי געשפּיעלט אַ בעדייטענדע ראָלע אַלס סוחרים, אַלס דאָקטוירים און אַלס דאָלמעטשער אין קעניגליכען הויף. עס שיינט, אַז אָט דורך דער בעציהונג מיט די געבילדעטע קריסטען, מאַחמעדאַנער און יודען האָט זיך דער קעניג אָנגעהויבען אינטערעסירען מיט רעליגיעזע פּראָבלעמען און פיהרען וויכוחים מיט די פאָרשטעהער פון די דריי רעליגיעס, ביז ער האָט סוף־כל־סוף אויסגעוועהלט די יודישע אמונה.

מען איז זיך משער, אַז די דאָזיגע היסטאָרישע געשעהעניש איז פאָרגעקומען צווישען זיבעטען און אַכטען יאָהרהונדערט. אַלס די פריהסטע צייט ווערט אָנגעגעבען דאָס יאָהר 620, און אַלס די שפּעטסטע צייט — דאָס יאָהר 740. וועגען דעם, צי די יודישע אמונה איז אָנגענומען געוואָרען פון גאַנצען כאַזאַרישען פאָלק, הערשט אַ פּלוגתא. מאַנכע האַלטען, אַז די יודישע אמונה איז אָנגענומען געוואָרען פון קעניג און פון זיינע הויף־לייט. אַנדערע זאָגען, אַז די יודישע אמונה איז אָנגענומען געוואָרען פון גרעסטען טייל פונ׳ם כאַזאַרישען פאָלק. עס געפינט זיך אָבער אין אַן אַראַמעאישען ספר,

וועלכער איז געשריבען געוואָרען מיט אַ קורצער צייט שפּעטער ווי דידאָזיגע היסטאָרישע געשעהעניש האָט פּאַסירט, אַז די יודישע אמונה איז אָנגענומען געוואָרען פונ׳ם גאַנצען כאַזאַרישען פאָלק.

בעזונדערס פערשטאַרקט זאָל האָבען געוואָרען די יודישע אמונה אין כאַזאַרען-לאַנד אין דער צייט פון קעניג עובדיה, וועלכער איז געווען דער נאָכפאָלגער פון קעניג בולאַן. דער קעניג עובדיה האָט געבויט שוהלען, אַראָבגעבראַכט תלמידי-חכמים פון די באַבילאָנישע אַקאַדעמיעס און אַיינגעפיהרט דאָס לערנען תורה. דער קעניג אַליין זאָל האָבען געזעסען און געלערנט תנ״ך, משנה און תלמוד. יצחק בן אַברהם איז געווען אָבגעפאָהרען פון סורא קיין כאַזאַריאַ — און ס׳איז גאַנץ מעגליך, אַז ער איז געווען איינער פון די, וואָס האָבען דאָרט אַיינגעפלאַנצט יודישקייט.

עס פערשטעהט זיך׳ אַז די כאַזאַרען האָבען אַלס יודען שטאַרק פערטיידיגט זייערע גלויבענס-גענאָסען אין אַנדערע לענדער. ווען עס איז געווען אָנגעקומען אַ ידיעה אין יאָהר 921 צום קעניג פון די כאַזאַרען, אַז מאַחמעדאַנער האָבען ערגעץ אין אַ שטאָדט פערניכטעט אַ שוהל, איז פעראָרדענט געוואָרען צו צוברעכען אַ מאַחמעדאַנישע מאָשעע אין כאַזאַריאַ. דער קעניג זאָל האָבען ערקלערט, אַז ער וואָלט געהייסען מאַכען אַ תל פון אַלע מאָשעען אין זיין מלוכה, ווען ער זאָל נישט מורא האָבען, אַז די מאַחמעדאַנער אין אַנדערע לענדער וועלען זיך נוקם זיין אין די יודען און זיי וועלען פערניכטען אַלע שוהלען.

הגם די אָפיציעלע רעליגיע פון דער כאַזאַרישער מלוכה איז געווען די יודישע, האָט אָבער געהערשט אין לאַנד אַ גרויסע טאָלעראַנץ צו אַלע איבריגע פעלקער. די רעגירונג האָט אַלעמען בעהאַנדעלט ליבעראַל. עס האָט נישט געהערשט קיין שום פאָראורטייל געגען פרעמדע. און וואו נאָר אימיצער איז גע׳רודפ׳ט געוואָרען אין אַנ׳אַנדער לאַנד פאַר זיינע רעליגיעזע איבערצייגונגען, איז ער געקומען קיין כאַזאַריאַ, וואו ער האָט געקאָנט אָפען אַרויסזאָגען זיינע געדאַנקען. אַלס בעווייז פון פאָלקאָמענער גלייכבערעכטיגונג קאָן דיענען דער פאַקט, וואָס אויך קריסטען און מאַחמעדאַנער און געצענדיענער זענען געווען פערטראָטען אין העכסטען געריכט פון לאַנד און האָבען אויפגענומען די פּראָצעסען, וואָס האָבען געהאַט אַ שייכות צו זייערע גלויבענסגענאָסען. זיי האָבען אַלזאָ געהאַט אַ געוויסע אויטאָנאָמיע.

צו דער צייט, ווען מנחם בן־סרוק האָט געהאַט געשריבען דעם בריעף פאַר חסדאי״ן, אין יאָהר 960, האָט שוין די כאַזאַרישע מלוכה געהאַלטען ביים אונטערגעהן. מיט פינף יאָהר שפּעטער, דאָס הייסט אין יאָהר 965, איז אויף די כאַזאַרען אָנגעפאַלען דער רוסישער פירשט סוויאַטאָסלאַוו און האָט צוגענומען פון זיי אַ שטיק לאַנד, איבערלאָזענדיג זיי קרים און קאַווקאַז; אָבער שפּעטער זענען די רוסען ווידער אָנגעפאַלען אויף זיי און האָבען זיי אינגאַנצען בעזיעגט. אַ סך כאַזאַרען זענען אַוועק קיין קיעוו,

וואו עס זענען נאָך פון פריהער געווען אַ סך פון זייערע גלויבענסגענאָסען, און פיעל פון דער קעניגליכער פאַמיליע זענען אַוועק קיין שפּאַניען.

מיט'ן אונטערגאַנג פון דערדאָזיגער האַלב-פאַבעלהאַפטער יודישער מלוכה איז צורונען געוואָרען איינער פון די שענסטע און וואונדערבאַרסטע טרוימען פונ'ם יודישען פאָלק. און ווען נישט חסדאי'ס בריעף, וועלכער איז געשריבען געוואָרען פון מנחם בן־סרוק, וואָלט מען אפשר אינגאַנצען נישט געוואוסט, אַז אַזאַ וואונדער איז אַמאָל ווען-עס-איז געשעהן.

ה.

דונש בן לברט געגען מנחם'ן.

די גאַנצע צייט, וואָס מנחם איז געזעסען אַליין אין חסדאי'ס הויף, איז אַלץ געגאַנגען גוט. מנחם האָט גענאָסען גרויס צוטרויען און כבוד פון זיין נאָבעלען מעצענאַט, און חסדאי איז בעשאָטען געוואָרען מיט לויבגע־זאַנגען פון זיין הויף-דיכטער און וואונדערבאַרען וואָרט-קינסטלער. חסדאי איז געווען ענטציקט פון דעם וואונדערבאַרען ספר „מחברת", מיט וועלכען מנחם האָט אָנגעהויבען בעקומען אַ נאָמען אין דער יודישער וועלט. חסדאי האָט זיך געפיהלט העכסט גליקליך צו זעהן, אַז די האָפנונגען, וואָס זיין פאָטער און ער אַליין האָבען געלעגט אויף מנחם'ן, זענען באמת פערווירק־ליכט געוואָרען.ביידע צדדים זענען אַזוי-אַרום געווען צופרידען איינער פונ'ם צווייטען. מיט דעם מאָמענט אָבער ווי דונש בן לברט איז אָנגעקו־מען אין קאָרדאָוואַ אויף דער איינלאַדונג פון חסדאי'ן און איז אויך גע־וואָרען, אַזוי צו זאָגען, דער הויף-פּאָעט און הויף-געלעהרטער, איז דער שלום אין הויף צושטערט געוואָרען. צווישען מנחם'ן און דונש'ן האָט אויס־געבראָכען אַ קאַמף, וואָס האָט געבראַכט צו זעהר טרויעריגע רעזולטאַטען פאַר דעם נאָבעלען און בעשיידענעם מנחם.

מנחם און דונש זענען געווען צוויי פערשידענע פערזאָנען לויט זייער סאָציאַלען צושטאַנד, לויט זייער ערציהונג, כאַראַקטער און שאַפען. מנחם'ס יוגענד איז געווען אַ שווערע, אַ ביטערע. ער איז געבוירען אין אָרימקייט און זיך ערצויגען אין אָרימקייט. ער איז געווען עלענד ווי אַ שטיין. ער האָט געליטען הונגער און נויט און האָט געמוזט אָנקומען צו פרעמדע. דאָס האָט איהם געבראַכט צו אונטערטעניגקייט, צו שטילקייט און צו פּאַ־סיוויטעט. ער איז געווען צוריקגעצויגען און בעשיידען. ער איז געווען אַ טיפּישער קאַבינעט-מענש, געלעהרטער, גריבלער, פאָרשער און רוהיגער, שטילער שעפער פון פּאָזיטיווע ווערטען.

דונש איז געווען פונקט דער היפוך פון איהם. דונש האָט געשטאַמט פון אַ רייכער פאַמיליע. ער האָט זיך ערצויגען ביי גוטע בעדינגונגען און האָט אין זיין יוגענד נישט געהאַט פערזוכט דעם ביטערן טעם פון נויט.

ער האָט געהאַט בעקומען זיין סיסטעמאַטישען שטודיום אָהן שום אָנשטרענ-
גונגען. אַלץ איז איהם אָנגעקומען לייכט און ער האָט זיך געפיהלט אונאָב-
הענגיג. דערצו איז ער געווען זעהר אַמביציעז, אַגרעסיוו און קעמפעריש.
ער איז געווען אונבעדינגט אַ מאַן פון גרויסע פעהיגקייטען, ער איז גע-
ווען אַ מייסטער פון דער העברעאישער שפראַך, אַ פיינער סטיליסט און
גוטער מדקדק; ער איז אין יענער צייט געווען דער ערשטער העברעאי-
שער פּאָעט, וואָס האָט אריינגעבראַכט אין דעם העברעאישען שיר דעם
אַראַבישען ריטם, די שענע בויגזאַמע פּאָעטישע קאָנסטרוקציע; ער איז אונ-
בעדינגט געווען אַ בעדייטענדער מחדש. זיינע גראַמאַטיקאַלישע און פילאָ-
לאָגישע פאָרשונגען זענען דערגאַנגען ביז פראַנקרייך, און רש"י בענוצט
זיך מיט זיי אין פיעל ערטער; אָבער ער איז געווען נישט גענוג פּאָזיטיוו
שעפעריש און פרוכטבאַר. דער קאַבינעט איז פאַר איהם געווען צו-ענג, צו-
שטיל; ער האָט ליעב געהאַט קאַמף, אָנגריף, קריטיק און זאַגאַר אינטריגע.

אַזעלכע צוויי עקסטרעמע כאַראַקטערען האָבען, זעלבסטפערשטענדליך,
נישט געקאָנט האַרמאָנירען. דאָס איז נישט געווען מנחם'ס שולד נאַטירליך.
אַלס שטילער, רוהיגער און גוטמוטיגער מענש, האָט ער געקאָנט לעבען
בשלום מיט אַלעמען. די שולד איז געווען דונש'עס. געוועהנליך האָט דונש
שטאַרק פערעהרט מנחם'ן פאַר זיין טאַלאַנט, גרויסען וויסען און אָריגינע-
לען שעפערישען גייסט. ער האָט זיך מיט איהם געפריינדעט און זיך אָנגע-
געבען פאַר זייגעם אַ גוטען חבר. אָבער אין האַרצען האָט ער געפיהלט
גאַנץ אַנדערש צו איהם. ער האָט שטאַלצירט דערמיט, וואָס ער איז געווען
אַ שענערער סטיליסט און אינספּירירענדער דיכטער ווי מנחם; אָבער
מנחם'ס גרויסקייט איז געלעגען אויף אַנ'אַנדער ליניע, אויף דעם געביעט פון
פילאָלאָגיע.

דונש איז געווען זעהר אונרוהיג. ער האָט געשטרעבט צו גרויסקייט.
זיין אַמביציעזע נאַטור האָט זיך נישט געקאָנט צופרידענשטעלען דערמיט,
וואָס ער זאָל זיין ג ל י י ך מיט מנחם בן־סרוק אָנגעזעהן אין חסדאי'ס
הויף. ער האָט געוואָלט שטעהן ה ע כ ע ר. ער האָט געוואָלט זיין
דער איינציגער פאַוואָריט און ער האָט דעריבער אָנגעווענדעט אַלע זיינע
כחות צו געווינען די אויבערהאַנד אין הויף. ער האָט געשריבען צו חסדאי'ן
נייע שירים מיט לויבגעזאַנגען פאַר חסדאי'ס גרויסקייט און הערליכקייט.
און אַזוי ווי ער איז ווירקליך געווען אַ מאָדערניסט אין דער דאַמאָלדי-
גער העברעאישער פּאָעזיע און האָט איבערגעשטיגען דעם קאָנסערוואַטי-
ווען דיכטער מנחם, האָט ער באמת בעקומען מעהר חן אין חסדאי'ס אוי-
גען, וועלכער איז געווען אַ גרויסער ליעבהאָבער און פערעהרער פון קונסט —
און מנחם'ס שטערן האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבען פאַלען.

מנחם האָט עס גוט געפיהלט. ער האָט פערשטאַנען, פונוואַנען דאָס
שטאַמט. אָבער ער האָט געשוויגען, ווייל ער איז בטבע געווען אַ שטילער,
רוהיגער און בעשיידענער מענש, וואָס האָט פיינט געהאַט אַט די מינים

אינטריגעס. פאַר דונש'ן איז אָבער אָט דערדאָזיגער נצחון איבער מנחם'ן נאָך געווען ווייניג. ער האָט געזוכט נייע מיטלען, ווי-אַזוי אָבצושוואַכען זיין איינפלוס. ער האָט נאָר געוואַרט אויף אַ געלעגענהייט, און די געלעגענהייט איז געקומען, ווען מנחם האָט פערעפענטליכט זיין „מחברת" און האָט אָנגעהויבען געווינען אַ סך אָנהענגער און פערעהרער, צווישען זיי אויך חסדאי אַליין, וועלכער האָט – נאָך אַלעם – שטאַרק געהאַלטען פון מנחם'ס טאַלאַנט אַלס שפּראַך-פאָרשער. דאָס האָט שוין דונש נישט געקאָנט פערטראָגען און איז אַרויס מיט אַ שאַרפער קריטיק אויף מנחם'ס ווערק, כדי איהם אינגאַנצען אַראָבצורייסען און איהם מבטל צו מאַכען אַזוי, אַז מען זאָל זיך מיט איהם לחלוטין נישט רעכענען. זיין קריטישער ספר האָט געהייסען „תשובות", און עס איז אפשר געווען דער איינציגער ספר, וואָס ער האָט געשאַפען.

כדי צו בעווייזען, אַז מיט זיין קריטיק איז ער אויסען בלויז דעם אמת אַליין און אַז ער האָט געגען מנחם'ן נישט קיין שום שלעכטע כוונות חלילה, דריקט ער אויס צום אָנהויב די האָפנונג, אַז מנחם וועט אויף איהם קיין פאַראיבעל נישט האָבען, ווייל „הוכח לחכם ויאהבך", אַז מענשען דאַרפען קריטיקירען איינער דעם צווייטען און אַז ער איז באמת זיינער אַ גוטער פריינד. דאָס האָט אָבער לחלוטין נישט געשטימט מיט דער ווירקליכקייט.

דונש מאַכט, למשל, אויפמערקזאַם אויף מנחם'ס אינטערפּרעטירונג פון דעם וואָרט „לא". מנחם זאָגט, אַז „לא" ווערט אומעטום געטייטשט „נ י ט", און ברענגט אַלס ראַיה די פסוקים „אַשר לא יעדה" (שמות כ"א, ח'), „אַשר לא כרעים" (ויקרא י"א, כ"א), „אַשר לא חומה" (ויקרא כ"ה, ל'). דונש האָט דאָ פשוט נישט געכאַפּט מנחם'ס פילאָלאָגישע שיטה און דעם ריכטיגען זין, וואָס ער האָט דערביי געמיינט. עס קומט ביי איהם דעריבער אויס, אַז מנחם האָט נישט געוואוסט קיין פשט און איז נאָך דערצו געגאַנגען געגען דער מסורה, געגען דער הלכה. עס הייסט, ווי דונש אַליין זאָגט, אַז מנחם איז מתיר זאַכען, וואָס זענען אָסור, און אַסר'ט זאַכען, וואָס זענען מותר; וואָרום גראָד די „לא'ס", וואָס מנחם ברענגט, דאַרפען גאָר באמת געטייטשט ווערען „יאָ", לויט'ן „קרי" („לו") און נישט לויט'ן „כתיב".

דונש כאַפּט-זיך-אָן אויך אָן דעם שורש „ערג", וואָס מנחם האָט פילאָלאָגיש בעאַרבייט. אַלס ביישפּיעל ברענגט מנחם די פסוקים: „לחיו כערוגת הבשם" (שיר השירים ה', י"ג) און „כאַיל תערג על אַפיקי מים" (תהלים מ"ב, ב'). ביי מנחם'ן בעקומען די ווערטער „ערוגה" און „תערג" איין אינטערפּרעטירונג, איין טייטש. איז דונש שרעקליך אויפגעבראַכט און שרייט, אַז דאָס זענען לחלוטין צוויי בעזונדערע ווערטער און מען קאָן זיי נישט קלאַסיפיצירען אונטער איין בעגריף, אונטער איין טייטש; וואָרום „ערוגה" איז דער טייטש אַ ג אָ ר ט ע ן, און „תערג" איז דער טייטש ש ר יי ע ן.

הונדערט מיט זעכציג אַזעלכע וויסענשאַפטליך-בעאַרבייטע ווערטער

נעהמט אַרויס דונש פון „מחברת" און פּרובירט מנחם׳ן פּערניכטען מיט זיין שאַרפער קריטיק. ער ווייזט-אָן אויף מנחם׳ס שוואַכקייט אין דקדוק און אויף דער נישט-ריכטיגער קלאַסיפיקאַציע פון די ווערטער. מנחם שטעלט, הייסט עס, צוזאַמען ווערטער, וואָס האָבען פערשידענע בעדייטונגען, ברענגט זיי צו איין קאַטעגאָריע און גיט-צו אויף זיי איין-איינציגע אינטערפּרעטאַציע, איין-איינציגען פירוש. דונש האָט געמאַכט איבער מנחם׳ן אַ שווערע אָפּעראַציע. ער האָט איהם, נאַטירליך, קריטיקירט אויפ׳ן גרונד פון זיינע איינענע אָנשויאונגען אויף גראַמאַטיק און שפּראַך-פאָרשונג. עס איז אָבער אַלעמאָל דער טאָן, וואָס מאַכט דאָס ליעד. און דער־דאָזיגער טאָן איז דאָ גראָד נישט געווען קיין שטאַרק אָנגענעהמער...

דער שטילער און רוהיגער מנחם האָט אויף דעמדאָזיגען אָנגריף געמוזט ענטפערן. ער האָט געמוזט פערטיידיגען זיין כבוד. ער האָט נישט געקאָנט דערלאָזען, אַז די וועלט זאָל בלייבען אונטער׳ן איינדרוק, אַז דונש האָט איהם, אַזוי צו זאָגען, לגמרי פערניכטעט. דערצו האָט זיך מנחם אויך געשראָקען פאַר חסדאי׳ן, וועלכער האָט שוין אַזוי אויך זיך מעהר געפריינדעלט מיט דונש׳ן, — און ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, וואָס עס קאָן ווערען, ווען ער זאָל פערלירען די גנאָד פון זיין שטיצער. מנחם׳ס ענטפער איז פערלאָרענגעגאַנגען, אָבער די שפּעטערדיגע מדקדקים און מפרשים האָבען געהאַלטען מיט מנחם׳ן. אַזאַ בעריהמטער גראַמאַטיקער, אפשר דער גרעסטער פון די אַלע העברעאישע גראַמאַטיקער, ווי יהודה אבן־חיוג און אַזאַ העברעאישער שפּראַך-קענער און דיכטער ווי יצחק אבן־גיקאַטילאַ האָבען זיך שטאַרק איינגעשטעלט פאַר איהם און האָבען שאַרף קריטיקירט דונש׳ן. זיי האָבען זאָגאַר געשיקט צו חסדאי׳ן שאַרפע סאַטירעס געגען דונש׳ן. מנחם׳ס חסידים האָבען זיך דאַן געווענדעט צו חסדאי׳ן, ער זאָל, אַזוי צו זאָגען, בעזייטיגען דעמדאָזיגען דונש, וועלכער בעריהמט זיך, אַז ער איז דער ראש פון אַלע מפרשים, אָבער וואָס ווייסט באמת גאַנץ ווייניג און מאַכט נאָך דערצו אַ תּל פון דער הייליגער שפּראַך דורך זיינע מאָדערניסטישע ליעדער. איינער פון אָט די שפּעטערדיגע וואַרימסטע פערטיידיגער פון מנחם׳ן איז געווען נישט קיין קלענערע פּערזענליכקייט ווי רבנו תּם.

ו.

פריינד און שונאים. — דער טרויעריגער סוף.

רבנו תּם איז געוועהנליך בעקאַנט אין דער יודישער וועלט אַלס גרויסער זשעני אין תּלמוד און אַלס דער ערשטער און גרעסטער פון די בעלי־התּוספות. ער איז אָבער אויך געווען אַ וואונדערבאַרער קענער פון העברעאיש און האָט גוט פערשטאַנען מנחם׳ס פילאָלאָגישע שיטה, מנחם׳ס אידעען. רבנו תּם איז, קענטיג, געווען ממש ענטציקט פון מנחם׳ס שפּראַך-פאָרשונגען

און האָט אויף איהם נישט געלאָזט פאַלען אַ שטויב. ער האָט איהם פער־טיידיגט מיט אויסערגעוועהנליכער קראַפט און האָט דונש'ן אָנגעגריפען זעהר שאַרף. אָט דער גרויסער ענוו און צדיק, רבנו תם, זאָגט אָפט אויף דונש'ן, אַז ער האָט מנחם'ן פשוט נישט פערשטאַנען.

פון די גאַנצע הונדערט מיט זעכציג פילאָלאָגיש און גראַמאַטיקאַליש אויסגעאַרבייטע ווערטער, וועלכע דונש האָט אַרויסגענומען פון „מחברת" און זיי קריטיקירט, איז רבנו תם מסכים מיט איהם בלויז אויף זעכ־צעהן. אויף דריי ווערטער האָט ער אינגאַנצען נישט געענטפערט. און אויף די איבעריגע הונדערט מיט איין־און־פערציג איז ער פולשטענדיג מסכים מיט מנחם'ן און צוקלאַפּט אַלע טענות פון דונש'ן.

בנוגע דונש'עס טענות וועגען די „לא'ס" איז רבנו תם שרעק־ליך אויפגעבראַכט אויף דונש'ן, וואָס ער האָט זיך ערלויבט אַזוי שאַרף אויסצודריקען וועגען אַזאַ צדיק און ירא־שמים ווי מנחם. מנחם, האַלט רבנו תם, האָט געהאַט די מעגליכקייט צו ברענגען אַנדערע „לא'ס", אַפילו פון די עשרת הדברות אַליין, אַז זיי בעדייטען „ניט". ער האָט אָבער גע־בראַכט דוקא די עטליכע „לא'ס", וואָס בעדייטען „יאָ", נישט חס וחלילה ווייל ער האָט עס נישט געוואוסט, אָדער ער האָט געוואָלט אָסור־מאַכען וואָס ס'איז מותר און פערקעהרט, — נאָר פשוט, ווייל ער האָט געוואָלט בע־ווייזען, אַז אַפילו דידאָזיגע דריי שטעלען פון „לא", הגם זייער אמת'ע בעדייטונג איז דאָרט „יאָ", קאָנען זיי אָבער לויט דער תלמוד'ישער מסורה פון דינים אויך אָנגעווענדעט ווערען אַלס „ניט". צום בייספּיעל — „בעיר אשר לא חומה". די תורה זאָגט, אַז ווען איינער פערקויפט אַ הויז אין אַ שטאָדט, וועלכע איז אַרומגערינגעלט מיט אַ „חומה", קאָן דער מוכר ביז'ן סוף פון ערשטען יאָהר דאָס הויז צוריק אָבקויפען. נאָכ'ן יאָהר אָבער בלייבט דאָס הויז אין דער שטאָדט, „אשר לא חומה", ביים קונה אויף אייביג. די בעדינגונג פון חומה איז נישט דוקא ווען די חומה עקזיסטירט איצט, נאָר אַפילו ווען עס איז אַמאָל געווען אַ חומה און ס'איז איצט נישטאָ. דאָס איז געווען די סיבה, לויט'ן רבנו תם, פאַרוואָס מנחם האָט צוגערעכענט דידאָזיגע „לא'ס" צו דעם „לא" מיט אַן'אַלף.

מיט פיעל סאַרקאַזם גרייפט־אָן רבנו תם דונש'ן בנוגע די ווער־טער „כאיל תערג" און „ערוגת הבשם". רבנו תם זאָגט, אַז דונש האָט אַ גרויסען טעות, אויב ער מיינט, אַז מנחם האָט נישט געוואוסט דעם טייטש און האָט פון אונוויסענהייט זיי צונויפגעפּאָרט אונטער איין דאַך. ניין. מנחם האָט גאַנץ גוט געוואוסט, וואָס ער האָט געטהאָן, און ער איז טאַקע גערעכט אויך. פערקעהרט, עס שיינט, אַז דונש פערשטעהט נישט די שענקייטען, די פיינעסען פון דער שפּראַך. קודם־כל איז „ערוגה" נישט דער טייטש גאָרטען, נאָר שורה, ביַיט. אין אַ קאַפּיטעל ווייטער (שיר השירים ו', ב') שטעהט: „דודי ירד לגנו לערוגת הבשם". וועט מען דען זאָגען: „דודי ירד לגנו לגנת הבשם"? צווייטענס, איז נישט אמת די בעהויפּטונג,

אַז „ערג" איז דער טייטש „שרייען". „ערג" מיינט שטרעבען, גלוסטען. דער פשט פונ׳ם פסוק אין תהלים איז: אַזוי ווי אַנ׳איל דורשט, לעכצט, גלוסט ביים וואַסער נאָך אַ טרונק, אַזוי לעכצט, גלוסט — ווי עס שטעהט ווייטער אין פסוק — מיין נשמה צו גאָט. דאָסזעלבע אויך „לחיו כערוגת הבשם" הייסט, אַז די באַקען פון איהר געליעבטען, וועלכען שולמית מאָלט אין אַזעלכע וואונדערבאַרע פאַרבען, זענען פול מיט גלוסטיגונג, מיט ליידענשאַפט — מיט דער צאַרטער און בעטויבענדער ליידענשאַפט, וואָס עס דערוועקט אין אונז דער זאַנפטיגער אַראָמאַט פון די בלומען... מנחם׳ס אויסטייטשונגען זענען, אַלזאָ, פון בילדליכער און פּאָעטישער פאָרם.

עס זענען פאַרהאַן גענוג אַנדערע בעווייזען, אַז דונש האָט נישט בעהאַנדעלט שען בנוגע זיין חבר; אָבער פון רבנו תּם׳ס קריטיק געגען דונש׳ן איז אַמדייטליכסטען צו זעהן, אַז דונש האָט פערפאָלגט מנחם׳ן אומזיסט, אַז ער האָט געהאַט נישט קיין גאַנץ ריינע כוונות אַפילו מיט זיין זאַכליכער קריטיק. ער האָט איהם פשוט מקנא געווען. וואָרום נאָך אַלעם — איז מנחם דאָך געווען אין יענער צייט דער ערשטער, וועלכער האָט אָנגעוויזען דעם ריכטיגען צוגאַנג צו לשון-קודש און האָט אויסגעבויט מיט זיין „מחברת" אַ וואונדערבאַרען בנין. עס איז אַגב כאַראַקטעריסטיש פאַר דונש׳ן, אַז פריהער האָט ער געהאַט געקעמפט געגען ר׳ סעדיה גאון, וועלכער איז געווען זיין רבי (נישט זיין זיידע, ווי מאַנכע ווילען עס אַרויסדרינגען דערפון, וואָס דונש האָט גערופען ר׳ סעדיה׳ן „זקני". דען „זקן" קאָן בענוצט ווערען פשוט אַלס אויסדרוק פון פערעהרונג), און האָט פון זיינע גראַמאַטיקאַלישע שפּראַכליכע פאָרשונגען גאָרנישט געהאַלטען; אָבער ווען ער האָט אָנגעגריפען מנחם׳ן, איז ער פּלוצלונג געוואָרען ר׳ סעדיה׳ס אַ חסיד. דאָס בעווייזט, ווי נישט-אויסגעהאַלטען און ווי נישט-אויפריכטיג ער איז געווען אין בעצוג צו זיינע פריינד.

דונש האָט זיך אָבער נישט בעגנוגענט בלויז מיט זיין קריטיק געגען מנחם׳ן. ער האָט נאָך געטהון אַנ׳ערגערע זאַך: ער האָט זיינע „תשובות" צוגעשיקט צו חסדאי׳ן מיט אַ שיר דערצו, אין וועלכען ער שטעלט מנחם׳ן בכלל אין אַ דונקעלען ליכט. ער שרייבט אויף מנחם׳ן, אַז ער איז אַ „מפר לכל אמרי שפר", אַז ער צושטערט די העבּרעאישע שפּראַך און פערניכטעט די הייליגקייט פון דער תורה. אַזעלכע ווערטער האָבען געמוזט ווירקען אויף חסדאי׳ן און ער איז געוואָרען קאַלט צו מנחם׳ן.

דונש׳עס אינטריגעס געגען מנחם׳ן האָבען געווירקט אויף נאָך אַנדערע קרייזען. עס האָט זיך, קענטיג, געבילדעט אַזאַ מין געהיימע גרופּע, וואָס האָט געשטרעבט מנחם׳ן איינגאַנצען צו פערניכטען, נישט מיט געוועהנליכער קריטיק, נאָר מיט פשוט׳ע בלבולים. און מען האָט דעם שוידערליכען פּלאַן דורכגעפיהרט.

איין שבת בייטאָג זענען אייניגע פערזאָנען פון דערדאָזיגער גרופּע אַוועק צו חסדאי׳ן און האָבען איהם דערצעהלט אַ מעשה, אַז לויט זיי זענען

געוואויר געוואָרען, געהערט מנחם צו דער קאַראַאימישער סעקטע פון קאָר־דאָווא און ער גלויבט נישט, נאַטירליך, אין תלמוד. געוועהנליך האָט חסדאי געדאַרפט די זאַך אויספאָרשען. וואָרום באמת איז מנחם געווען אַן׳אמת׳ער טראַדיציאָנעלער יוד. מנחם איז זיך אָפט סומך אויף ר׳ סעדיה גאון — און ווען ער וואָלט געווען אַ קאַראַאימער, וואָלט ער אפילו זיין נאָמען נישט דערמאָהנט, ווייל ר׳ סעדיה איז דאָך געווען ביי די קאַראַאימער אויסער־געוועהנליך פערהאַסט. אָבער חסדאי האָט עס נישט געטהאָן און ער האָט זיך באַלד אָבגעשאָקעלט פון איהם. דערזעהענדיג, אַז זיי האָבען געוואונען הסדאי׳ן אויף זייער זייט, זענען די אויבען-דערמאָהנטע פערזאָנען תיכף אַוועק צו מנחם׳ן און האָבען געמאַכט אַן׳עכטען פאָגראָם. מען האָט איהם געשלאָגען אונערבאַרמליך. מען האָט געריסען די האָר פון זיין קאָפּ, מען האָט צופליקט זיינע קליידער, מען האָט געמאַכט אַ תל פון זיין וואוינונג, און די גאַנץ-געבליבענע זאַכען האָט מען פון איהם צוגענומען.

מנחם האָט אין זיין גרויסער פערצווייפלונג אָנגעשריבען אַ בריעף צו חסדאי׳ן און איהם דערצעהלט, אַז דאָס איז געווען אַן׳אַקט פון נקמה, אַז מען האָט אויף איהם אויסגעטראַכט אַ שענדליכען בלבול. אָבער חסדאי האָט זיך אויך איצט נישט גענומען די מיה דעם ענין צו אונטערזוכען. עס איז קענטיג, אַז דונש האָט דאָ אויך געמוזט האָבען אַ האַנד דערין; אויב נישט, וואָלט ער דאָך אַליין אויסגעווירקט, אַז מען זאָל דעם ענין אויספאָרשען... הסדאי האָט דאַן מנחם׳ן בלויז געענטפערט קורץ:

— אויב דו ביזט נישט שולדיג, וועט דיר גאָט בעלוינען אויף יענער וועלט; און אויב דו ביזט יאָ שולדיג, ביזטו שוין בעשטראָפט געוואָרען.

עס איז פאַרהאַן אַ סברא, אַז מען האָט מנחם׳ן אַריינגעזעצט אין תפיסה. יעדענפאַלס איז ער געווען אין אַ שוידערליכער לאַגע. ער האָט פשוט געליטען הונגער, וואָרום נישט בלויז חסדאי, נאָר אַלע האָבען זיך אָבגעזאָגט צו שטיצען אַן„אפיקורס״, אַ „קאַראַאימער״. קיין תורה לערנען האָט קיינער נישט געוואָלט ביי איהם, און פון מסחר איז ער שוין געווען אָבגעוועהנט זינט ער האָט פערלאָזען זיין געבורטסשטאָדט. זעהענדיג, אַז ער געהט-אונטער, האָט ער ווידער געשריבען אַ בריעף צו חסדאי׳ן. ער האָט מורא געהאַט, אַז חסדאי וועט דעם בריעף נישט ענדיגען לייענען, און מחמת-דעם האָט ער באַלד פון אָנהויב בעשוואָרען חסדאי׳ן אין נאָמען פון גאָט און פון אַלע נביאים, ער זאָל דעם בריעף אינגאַנצען דורכלייענען. דערדאָזיגער בריעף איז אַ געמיש פון קלאָג און שטראָף-רייד. ער ווייזט-אָן חסדאי׳ן, אַז ער איז ריין פון זינד, אַז ס׳איז אָבגעטהאָן געוואָרען אַ נבלה, אַז דער גאַנצער משפט געגען איהם איז געווען אַ פאַלשער. מנחם דער־מאָהנט איהם, ווי-אַזוי ער איז איינגעלאַדען געוואָרען דורך איהם צו קומען קיין קאָרדאָווא, ווי-אַזוי ער האָט איהם אַראָבגעבראַכט און איהם צוגעזאָגט צו שטיצען, ווי-אַזוי ער האָט געאַרבייט פאַר איהם און ווי-אַזוי געטריי ער איז איהם געווען — און איצט האָט ער זיך פלוצלינג צוגעהערט צו די רייד

פון פאַלשע מענשען און מוסרים און האָט אַרויסגעגעבען אַ פסק־דין אָהן שום חקירה ודרישה. מנחם לאָזט איהם וויסען, אַז ער איז אָהן אַ היים, אַז ער געפינט זיך אין אַ צושטאַנד צו שטאַרבען פון הונגער. ער וואָרנט דערי־בער חסדאי׳ן, אַז גאָט וועט זיך אָפּרעכענען מיט איהם, אויב ער וועט איהם נישט ריינוואַשען און קומען צוהילף.

ס׳איז נישט בעקאַנט, ווי־אַזוי חסדאי האָט רעאַגירט נאָכדעם ווי ער האָט בעקומען זיין צווייטען בריעף. מען איז משער, אַז ס׳האָט זיך סוף־כּל־סוף אַרויסגעוויזען מנחם׳ס אונשולד און חסדאי האָט זיך געמוזט מיט מנחם׳ן איבערבעטען. יעדענפאַלס האָט חסדאי חרטה געהאַט. וואָרום ווען מנחם וואָלט געבליבען נישט ריינגעוואַשען פון דער בעשולדיגונג, וואָלט לחלוטין נישט מעגליך געווען, אַז די בעדייטענדע יודישע פּערזענליכקייטען פון יענער צייט זאָלען זיך אַזוי שטאַרק איינשטעלען פאַר איהם — אַ „קאַראַאי־מער", אַנ׳„אפּיקורס", אַ „כּופר אין תורה שבעל־פּה"... דאָסגלייכען וואָלט אַזאַ הערליכע פּערזענליכקייט ווי רש״י נישט געלערענט פון איהם, וואָלט איהם נישט ציטירט אין זיין פּירוש, רבנו תם וואָלט איהם אַזוי הייס און שטאַרק נישט פערטיידיגט, און זיין ווערק וואָלט זיכער נישט אַזוי פער־שפּרייט געוואָרען צווישען די יודען אין דער וועלט.

מנחם האָט געלעבט זעכציג יאָהר. ער האָט געהאַט אייניגע פרעהלי־כע מינוטען אין זיין לעבען. אָבער דעם גרעסטען טייל פון זיין ווייזען אויף דער וועלט האָט ער געליטען אַ סך נויט און האָט נאָך אויף די עלטערע יאָהרען געמוזט איבערלעבען אַזאַ שרעקליכע טראַגעדיע. גרויסע מענשען מוזען, קענטיג, תּמיד איבערלעבען גרויסע ליידען — און מנחם איז געווען דער גרויסער מענש.

ר' יונה אבן־גנאח.

א.

זיינע פאָרגענגער און זיין שטודיען־צייט.

די אויפבויאונג פון דער העברעאישער גראַמאַטיק, וועלכע האָט זיך אויף אַ וויסענשאַפטליכען און סיסטעמאַטישען אופן אָנגעהויבען מיט ר' סעדיה גאון און דערנאָך מיט מנחם בן־סרוק און דונש בן־לברט, איז פערהעלטניסמעסיג געגאַנגען גאַנץ שנעל, אָבער צו פולקאָמענהייט האָט זי נאָך אַלץ נישט געהאַט דערגרייכט. יעדער איינציגער האָט זיך אויף אַ גרינדליכען אופן פערטיעפט אין דער אורשפרינגליכקייט פון וואָרט, אין די געזעצמעסיגקייטען פון כל-ערליי פאָרמען און וואַריאַציעס, ווי אויך אין די סאַמע איידעלסטע פיינקייטען און ניואַנסען פון דער העברעאישער שפראַך אויף צו שאַפען פעסטע, אונבעשטרייטבאַרע כללים, אָבער פערענדיגט האָט פון זיי קיינער נישט. געוויס האָט יעדער געדענקט, אַז ער איז שוין דערגאַנגען ביז'ן גרונד און אַז ווייטערע פאָרשונגען און ווייטערע חידושים זענען שוין נישט מעגליך. באמת איז עס נישט אַזוי געוועזן. יעדער איינער האָט געשאַפען בלויז אַ טייל, אַמאָל אַ קלענערן, אַמאָל אַ גרעסערן, אָבער נישט מעהר ווי אַ טייל. אַ סך שפראַכליכע און גראַמאַטיקאַלישע אייגענטימליכקייטען און געזעצען זענען פאַר אָט די אַלע פאָרשער געבליבען אונבעמערקט. עס זענען נאָך אַלץ געבליבען פיעל נישט-אויפגעקלערטע שפראַכליכע פאָרמען און געזעצען. ווי גרויס און בעדייטענד עס זענען געוועזן מנחם און דונש אין זייערע חידושים און אין זייערע שאַפונגען, האָבען זיי דאָך נישט בעמערקט די קאַרדינאַלסטע געזעצען פון דער העברעאישער שפראַך, הויפטזעכליך די געזעצען פון די ש ר ש י ם, וועלכע זענען אייגענטליך דער יסוד פון דער שפראַך, פון יעדער שפראַך.

דאָס, וואָס די פריהערדיגע גראַמאַטיקער האָבען נישט געהאַט בעמערקט, איז שפעטער ערגענצט געוואָרען דורך דעם בעריהמטען גראַמאַטיקער ר' יהודה אבן־חיוג, אַ געבוירענער פון פ ע ץ, וועלכער האָט אָבער

זיין גאַנץ לעבען פערבראַכט אין קאָרדאָווא. חיוג, דער תּלמיד און גרויסער פערעהרער פון מנחם בן־סרוק, איז, באמת גערעדט, געווען דער ערשטער גראַמאַטיקער, וועלכער האָט געהאַט געפונען דעם ריכטיגסטען שליסעל צו דעם געהיימניספולען אוצר פון דער העברעאישער שפראַך. דען מיט אַלע זיינע פילאָלאָגישע פאָרשונגען און דערגרייכונגען און מיט אַלע זיינע גרויסע לייסטונגען פאַר דער העברעאישער שפראַך און לעקסיקאָגראַפיע, איז מנחם ווייט-ווייט נישט דערגאַנגען צו דער געניאַליטעט און צו דעם ריעזיגען ניי-אויפגעבויטען בנין, צו דעם סיסטעם פון חיוג. דער תּלמיד האָט איבערגעשטיגען דעם רבּי'ן. חיוג האָט דערזעהן זאַכען, וואָס קיינער פון די פריהערדיגע גראַמאַטיקער האָט עס נישט געהאַט בעמערקט. חיוג איז געווען דער ערשטער אַרויסצוגעפינען און וויסענשאַפטליך צו בעגרינדען, אַז יעדער שורש פון דער העברעאישער שפּראַך בעשטעהט פון דריי בוכשטאַבען. מיט אָט דער ענטדעקונג, מיט אָט דעם געזעץ, ווי אויך מיט אַנדערע וויכטיגע חידושים אין גראַמאַטיק, האָט חיוג געלעגט דעם הויפּט-יסוד פון דער העברעאישער גראַמאַטיק פאַר אַלע דורות — און דאָס איז געווען איינע פון די בעדייטענדסטע אויפטהואונגען אין דער געשיכטע פון דער ענטוויקלונג פון דער העברעאישער גראַמאַטיק.

עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס די שפּעטערדיגע גראַמאַטיקער און מפרשים האָבען גערעדט פון איהם מיט דער גרעסטער בעגייסטערונג. דער אבן־עזרא, וועלכער האָט נישט געשאָטען מיט קאָמפּלימענטען אַזוי שטאַרק פערשווענדעריש, האָט גערופען חיוג'ן „המדקדק הראשון" — וואָס האָט, נאַטירליך, נישט געמיינט צו זאָגען, אַז ער איז געווען דער ערשטער שעפער פון גראַמאַטיק, ווייל דער ערשטער איז דאָך געווען ר' סעדיה גאון; נאָר עס איז דערמיט געמיינט געוואָרען, אַז ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געפונען דעם ריכטיגען וועג אין די שפּראַך-געזעצען. דער רד"ק האָט איהם געקרוינט אַלס „ראש המורים ומַישרי הלשון", און ר' שלמה פרחון זאָגט אויף חיוג'ן אין דער איינלייטונג צו זיין ספר „מחברת הערוך", אַז דער אויבערשטער האָט איהם ענטפּלעקט אַזאַ זאַך, וואָס ער האָט עס נישט ענטפּלעקט צו ר' סעדיה'ן — „שגילה לו הבורא דבר שלא נתגלה לר' סעדיה".

ר' יהודה אבן־חיוג האָט געשאַפען, לויט דער אבן־עזרא בעהויפּטעט, פיער ספרים איבער די „נחים", „כפולים" און „נקוד", וועלכע האָבען אין יענער צייט געמאַכט אַ געוואַלדיגען רושם. ר' שלמה פרחון דערצעהלט, אַז ווען די חכמים אין בבל האָבען דערזעהן זיינע ספרים, האָבען זיי געזאָגט, אַז זיי האָבען פון די מערב-לענדער נאָך נישט געזעהן אַזאַ גוטע זאַך, ווי דיזאָזיגע ספרים.

חיוג'ס שאַפונגען אויף'ן געביעט פון גראַמאַטיק זענען אַ צייט נישט בעקאַנט געווען דער גרויסער יודישער וועלט, ווייל ער האָט זיינע ספרים געשריבען אויף אַראַביש; אָבער שפּעטער איז די וועלט געוואויר געוואָרען

פון זיינע גרויסע אויפטהוואונגען דורך ר׳ משה אבן־גיקאַטילאַ און ר׳ אברהם אבן־עזרא, וועלכע האָבען דידאָזיגע ספרים איבערגעזעצט אויף לשון-קודש.

אָבער נישט-קוקענדיג דערויף, וואָס חיוג איז געווען אַזאַ גרויסער מחדש און אַזאַ גרויסער בויער פון דער העברעאישער גראַמאַטיק, האָט ער דאָך זיין אַרבייט נישט געבראַכט צו שלימות. הגם איהם זענען נתגלה געוואָרען געוויסע זאַכען, וואָס די פריהערדיגע גראַמאַטיקער האָבען נישט געוואוסט, האָט ער דאָך פיעל שפּראַכליכע געזעצען און שפּראַכליכע פיינקייטען נישט בעמערקט; עס זענען פאַר איהם — נאָך אַלעם — געבליבען אַ סך זאַכען פערבאָרגען און ממילא נישט-אויסגעפאָרשט. דידאָזיגע שפּעטערישע ערגענצונגס-אַרבייט איז געבליבען פאַר זיין נאָכפאָלגער ר׳ יונה אבן-גנאַח.

ר׳ יונה אבן-גנאַח האָט געשטאַמט פון דער דאַמאָלסט בעריהמטער שטאָדט פון תורה און חכמה, קאָרדאָוואַ, וואו ער איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 995. ווי אַלע פּעהיגע יודישע קעפּ פון זיין צייט און פון זיין שטאָדט, האָט ער זיך אין זיין יוגענד אָבגעגעבען מיט פערשידענאַרטיגע שטודיען. ער האָט אין דער אוניווערזיטעט פון קאָרדאָוואַ שטודירט מעדיצין, לאָגיק, פילאָזאָפיע, אַסטראָנאָמיע, געאָגראַפיע, אַרכעאָלאָגיע און געשיכטע. אין די שפּעטערדיגע יאָהרען האָט ער אויך געלערנט תלמוד.

ר׳ יונה אבן־גנאַח איז געווען אַ בעקאַנטער מעדיצינער אין זיין צייט. דען ער האָט נישט בלויז שטודירט מעדיצין, נאָר ער האָט אויך פּראַקטיצירט אַלס דאָקטאָר און זיך אָבגעגעבען מיט מעדיצינישע פאָרשונגען. איינער אַ בעקאַנטער אַראַבישער היסטאָריקער לויבט זעהר שטאַרק ר׳ יונה׳ס גרויסע קענטניסען אין דער מעדיצין און דערמאָהנט זיין ווערק, וואָס ער האָט געהאַט געשאַפען איבער פערשידענע מעדיקאַמענטען. אויך פיעל אַנדערע מעדיצינישע שריפטשטעלער ציטירען אָפט זיינע אָנשויאונגען, וועלכע ער האָט געהאַט אַרויסגעבראַכט אין זיינע מעדיצינישע שאַפונגען. אין די יודישע קרייזען איז ער געווען בעקאַנט אַלס „רופא“. דער אבן־עזרא רופט איהם אויך אָן „ר׳ יונה הרופא“.

ר׳ יונה האָט זיך געהאַט אָבגעגעבען אויך מיט לאָגיק און מיט פילאָלאָגיע. און מכח דעם איז שוין כמעט נישט נויטיג אָנצוקומען צו דער הסכמה פון דעם אַראַבישען היסטאָריקער. זיין לאָגישער מוח ווייזט זיך אַרויס גענוג שטאַרק אין זיינע שריפטען. מען זעהט אַרויס זיין שאַרפקייט אין דעפינירען געוויסע בעגריפען, זיין קלאַרקייט אַרויסצוברענגען געוויסע סברות און זיין געשליפענקייט און גענאַקטקייט אין דיאַלעקט. און אַז ער איז געווען גוט בעקאַנט מיט די פילאָלאָגישע חקירות איז גענוג צו זעהן פון די ציטאַטען, וועלכע ער ברענגט אין זיינע ווערק פון די גריכישע פילאָזאָפען אַריסטאָטעלעס און פלאַטאָ.

אָבער ווי גרויס ער זאָל נישט האָבען געווען אין אַלע איבריגע וויסענשאַפטען, איז ער אַלץ געווען אַמשטאַרקסטען אין דער העברעאישער גראַמאַטיקאַלישער וויסענשאַפט און אין דער העברעאישער פילאָלאָגיע. זיינע

אויסערגעוועהנליכע פעהיגקייטען און זיינע אויסערגעוועהנליכע קענטניסען האָט ער ענטפּלעקט נאָר אין דער פאָרשונג פון דער העברעאישער שפּראַך.

ר׳ יונה אבן־גנאַח איז געוועזן דער גלענצענדסטער העברעאישער גראַמאַטיקער און שפּראַך־פאָרשער אין זיין צייט. ער האָט נישט בלויז פערפּאָלקאָמט די העברעאישע גראַמאַטיק, ער האָט נישט בלויז אַריינגעטראָגען ליכט אין די שפּראַך־געזעצען, וועלכע זענען געבליבען דונקעל נאָך די אַלע פריהערדיגע פאָרשער, נאָר ער האָט זיך אַרויסגעוויזען אויך אַלס אָריגינעלער וואונדערבאַרער מייסטער אין פילאָלאָגיע, אין די שפּראַך־שענקייטען, וועלכע זענען געוועזן פון אונגעהויערער בעדייטונג פאַר דער אינטערפּרעטאַציע פון דער תורה. ער איז געוועזן דער קינסטלער, דער גרויסער מייסטער פון דער אַראַבישער שפּראַך מיט אַלע איהרע פיינסטע, מיט אַלע איהרע איידעלסטע ניואַנסען. זיינע פערגלייכונגען פון די העברעאישע מיט די אַראַבישע שרשים בליצען מיט געניאַליטעט. צו זיין צייט האָט מען זיינע חידושים נאָך נישט געקאָנט תופס זיין. זיי זענען געוועזן אַזוי ניי, אַז מען האָט זיי אין זיין צייט פשוט נישט פערשטאַנען. און מחמת־דעם איז, נאַטירליך, נישט געוועזן קיין וואונדער, וואָס ער האָט זיך געהאַט פערשאַפט אַ סך שונאים. די אונפּאַרטייאישע צייט איז אָבער געשטאַנען מיט איהם און האָט געאַרבייט פאַר איהם. זיינע חידושים פון דער העברעאישער גראַמאַטיק און פילאָלאָגיע האָבען אָנגעהויבען פערשטאַנען און אָנגענומען צו ווערען און ער האָט סוף־כל־סוף פערנומען דעם פּלאַץ, וואָס עס האָט איהם געקומט, וואָס ער האָט פערדיענט.

ב.

ער חורבן קאָרדאָווא. — ר׳ יונה׳ס ערשטע שאַפונג.

די גרויסע מייסטערשאַפט פון דער העברעאישער שפּראַך האָט ר׳ יונה אבן־גנאַח דערגרייכט נאָך אין זיין גאַנץ פריהער יוגענד. ער איז אויך געווען אַ בעדייטענדער קענער אין אַראַביש און האָט זאָגאַר פּרובירט זיין פעדער אין פּאָעזיע, וואָס איז דאַמאָלס געוועזן שטאַרק אין דער מאָדע ביי אַלע משכילים. די מוזע האָט איהם אָבער, קענטיג, פערראַטען און ער האָט די דיכטונג געמוזט אויפגעבען.

פון אַלע גרויסע שפּראַך־פאָרשער און גראַמאַטיקער האָט דעם גרעסטען איינפלוס אויף איהם געהאַט ר׳ יהודה אבן־חיוג. פערזענליך איז גנאַח נישט בעקאַנט מיט חיוג׳ן, הגם ביידע האָבען געלעבט אין קאָרדאָווא. אַלס יונגעל האָט גנאַח זיכער נישט געהאַט די מעגליכקייט זיך צו בעקענען מיט׳ן גרויסען מייסטער, און ווען ער איז געוואָרען עטוואָס רייפער, איז ער אַוועקגעפאָהרען קיין לוצענאַ, וואו ער האָט אָנגעהויבען ערווערבען זיינע קענטניסען. קימענדיג צוריק אַהיים, איז שוין אַפנים ר׳ יהודה אבן־חיוג געוועזן

שויט. יעדענפאַלס האָט ער מיט גרויס התמדה שטודירט תּנ״ך׳ס ווערק, און זיין בעציהונג צו איהם איז געוועזן ווי אַ תלמיד צו אַ גרויסען רבי.

צו יענער צייט איז גבאָח שוין געוועזן אַזאַ גרויסער קינסטלער פון דער העבּרעאישער שפּראַך און האָט אַזוי גוט געוואוסט אַלע סודות פון לשון־קודש, אַז ער האָט זיך שוין געפיהלט גענוג מעכטיג אַרויסצוטרעטען געגען זיין גרויסען רבי׳ן און אַנצוּווייזען, וואָס ער האָט פערפעהלט, וואָס ער האָט פערזעהן און וואָס ער האָט נישט אויפגעקלערט איינגאַנצען. ער האָט אָבער זיינע חידושים און קריטישע בעמערקונגען אין קאָרדאָווא נישט פערעפענטליכט. טיילוויז דערפאַר, וואָס ער האָט געהאַט גרויסען רעספּעקט פאַר זיין נישט-לאַנג-פערשטאָרבענעם רבי׳ן; אָבער דער עיקר איז עס געווען מחמת דעם, וואָס ער האָט פשוט געמוזט אַנטלויפען פון שטאָדט.

פאַר יאָהרען און יאָהרען האָבען די יודען אין שפּאַניען אונטער דער אַראַבּישער הערשאַפט געלעבט פערהעלטניסמעסיג גאַנץ רוהיג. אויב די מאַסען זענען נישט געוועזן אַזוי שטאַרק פריינדליך, — איבער דער שנאה, וואָס זייער נביא און געזעץ-געבער האָט אין קאָראַן פערזייהט געגען יודען,— זענען אָבער די מושלים, די קאַליפען, געוועזן גוט צו זיי און יודען האָבען פערנומען הויכע שטעלעס ביי דער מלוכה. אָבער דאַמאָלס, אין יאָהר 1013, האָבען די יודען איבערגעלעבט זעהר ביטערע טעג, זעהר פינסטערע טעג.

עס איז דאַן געשטאָרבען דער קאַליף אַלמאַנסאָר, און אַ נייער קאַליף איז אַרויף אויפ׳ן טראָהן. צוליב דער אונצופרידענהייט פון מאַנכע עלעמענטען מיט דעם נייעם סולטאַן האָט אויסגעבראָכען אַ בירגער-קריעג. דער הויפּט-אַנפיהרער פון די בערבּערען אין אַפריקאַ, סוליימאַן, האָט זיך דאַן געהאַט פעראייניגט מיט דעם פרינץ סאַנטשאָ פון קאַסטיליען און ס׳איז געמאַכט געוואָרען אַ שאַרפער אַנגריף אויף אַנדאַלוזיען. דער קאַליף פון אַנדאַלוזיען האָט פערלוירען דעם קאַמף; און ווען סוליימאַן איז אַריין אין קאָרדאָווא, האָט ער זיין אַפריקאַנישע רציחה און ווילדקייט אויסגעגאָסען אויף יודען, ווייל עס איז צו איהם דערגאַנגען אַ ידיעה, אַז דער נייער קאַליף האָט געשיקט יודישע פערטרעטער צו געווינען אַן אַנדער מלוכה אויף זיין צד, כּדי מיט פעראייניגטע כּחות צו צוברעכען זיין מאַכט. ער האָט דאַן פערברענט אַלע יודישע הייזער, צוראַבּירט זייער האָב-און-גוטס, האָט ערלויבט צו שענדען אַלע יודישע פרויען און האָט אַלע יודען אַרויסגעטריבען פון שטאָדט. דאָס איז געווען, אַזוי צו זאָגען, דער ערשטער יודישער פּאָגראָם און דער ערשטער יודישער גירוש אין דעם שפּאַנישען לאַנד. עס איז דאַן פערטריבען געוואָרען פון קאָרדאָווא די גאַנצע יודישע גייסטיגע אַריסטאָקראַטיע, צווישען וועלכע עס זענען געווען ר׳ שמואל הנגיד און ר׳ יונה אבן־גנאַח. ר׳ שמואל הנגיד איז דאַן אַוועק קיין מאַלאַגאַ, און ר׳ יונה אבן־גנאַח האָט זיך בעזעצט אין סאַראַגאָסאַ.

סאַראַגאָסאַ האָט שוין פון פריהער געהאַט אַ געוויסען יודישען איני-

טעלעקטועלען קרייז, אַ קרייז פון געלעהרטע און משכּילים, וועלכע האָבען זיך געהאַט אָבגעגעבען מיט וועלטליכער בילדונג און אויך מיט'ן שטודיום פון דער העברעאישער שפּראַך, וועלכע האָט דאַמאָלס שטאַרק בעצויבערט די גייסטורייכע יוגענד. אַז ר' יונה אבן־גנאַח איז אָנגעקומען אין סאַראַגאָסאַ, האָט ער באַלד פערנומען דעם אויבען־אָן אין דעמדאָזיגען קרייז. מיט זיין בריליאַנטענער גייסטיגער פּערזענליכקייט האָט ער צוגעצויגען צו זיך אַלע פערשידענע עלעמענטען, סיי אַלט, סיי יונג, און אַלע האָבען געדורשט צו לערנען פון איהם. ער האָט געקענט אַלעמען, און אַלע האָבען איהם געקענט און רעספּעקטירט. זאָגאַר קריסטליכע געלעהרטע און מוסולמאַנישע דענקער האָבען געפיהרט דיסקוסיעס מיט ר' יונה'ן איבער פערשידענע רעליגיעזע פּראָבלעמען.

ביי די פערהעלטניסמעסיג בעסערע בעדינגונגען האָט שוין ר' יונה אבן־גנאַח, וועלכער איז, אַגב, דאַמאָלס אַלט געווען אַ יאָהר צוואַנציג, געקאָנט מיט אַ רוהיגען קאָפּ פאָרטזעצען זיינע וויסענשאַפטליכע פאָרשונגען פון דער העברעאישער שפּראַך, וועלכע ער האָט געהאַט אָנגעהויבען נאָך זייענדיג אין קאָרדאָוואַ. ער האָט געאַרבייט זעהר געוויסענהאַפט און מיט גרויסער גרינדליכקייט און פּינקטליכקייט. ער האָט אַכט מאָל איבערגעלערנט דעם תּנ"ך, כּדי אָנצוזאַמלען די אַלע מאַטעריאַלען, וועלכע ער האָט נויטיג פאַר זיין ווערק. און דאַמאָלס האָט ער עס פערענדיגט און פערעפענטליכט. דאָס איז געווען זיין „ספר ההשגה", וועלכער האָט דאַמאָלס אַרויסגערופען אַ שטורם אין די אינטעלעקטועלע קרייזען.

דער „ספר ההשגה" איז געווען אַ מין קריטיק אויף חיוג'ס ערשטע צוויי ספרים און ער האָט אין איהם פּרובירט געבען ניי־בעאַרבייטעטע און פּופציג שרשים פון דער העברעאישער שפּראַך, וועלכע חיוג האָט אינגאַנצען נישט געהאַט בעמערקט, און אין פערציג פערשידענע אַנדערע פאַלען, וועלכע חיוג האָט יאָ געהאַט אַרויסגעבראַכט, האָט ער איהם אין דעם ספר בעקעמפט. דערביי איז ביי איהם אַלצדינג אויסגעאַרבייט געוואָרען סיסטעמאַטיש און מיט גרויסער קלאָרקייט.

צוליב דעם גרויסען רעספּעקט, וואָס ר' יונה האָט געהאַט פאַר חיוג'ן, וועלכען ער האָט געהאַט גערופען „המורה הגדול", האָט ער איהם נישט בעהאַנדעלט ווי אַ שאַרפער קריטיקער. פערקעהרט, ער האָט געזאָגט, אַז חיוג האָט געשאַפען אַ גרויס ווערק איבער דער גראַמאַטיק פון דער העברעאישער שפּראַך און האָט מחדש געווען גרויסע זאַכען, און ווען ער וואָלט נישט געשטאָרבען אַזוי יונג, וואָלט ער אַליין אויך די אַלע דורכגעלאָזטע שרשים און פערבליבענע ספקות סוף־כּל־סוף געכאַפּט און בעאַרבייט. ער צעגלידערט חיוג'ס ספרים מיט גרויסער טיעפקייט און מיט גרויסער וויסענשאַפטליכער קראַפט. ער געהט אָבער צו צו איהם גוטמוטיג און אָהן ביייזקייט און פערביטערטקייט, ווי עס איז דער שטייגער פון אַ סך קריטיקער־

און פאַלעמיקער. ער ענטשולדיגט זאָגאַר חיוג׳ן פאַר דאָס, וואָס ער האָט געהאַט פערזעהן, ווייל אַ מענש איז דאָך נאָך אַלעם נישט מעהר ווי אַ מענש.

ר׳ יונה אבן־גנאַח האָט אין זיין קריטיק אויף חיוג׳ס שריפטען גע־מאַכט פערגלייכונגען מיט פערשידענע אָבשריפטען. ער דערצעהלט, אַז אבן־גומי, זיינער אַ צייט־גענאָסע, האָט אים עגיפטען געזעהן אַן אָבשריפט פון חיוג׳ס ספר, אין וועלכען חיוג אַליין האָט שפּעטער מאַנכע דורכגעלאָזטע זאַכען געבעסערט און זיי אַרויסגעבראַכט. דערמיט מיינט ר׳ יונה צו בעווייזען, אַז ר׳ יהודה אבן־חיוג וואָלט אַליין אויך געבראַכט די העברעאישע גראַמאַטיק צו פולקאָמענהייט, ווען ער וואָלט געלעבט לענגער.

דער „ספר ההשגה" איז געווען ר׳ יונה אבן־גנאַח׳ס ערשטע ווערק, דאָס ווערק פון זיין יוגענדליכער שאַפונג, אָבער ער איז געווען פון אויסער־געוועהנליכער בעדייטונג, — נישט אַזוי מיט זיין אָריגינאַליטעט און פריש־קייט, ווי מיט דעם, וואָס דורך איהם איז געבראַכט געוואָרען די העברע־אישע שפראַך־וויסענשאַפט כמעט צו פולקאָמענהייט.

ג.

דער רושם פון זיין ווערק.

ר׳ יונה אבן־גנאַח איז מיט זיין „ספר ההשגה" תיכף בעריהמט געוואָרען אין דער יודישער וועלט. די גרויסע משכילים פון יענער צייט, וועלכע האָבען זיך געהאַט פערטיפט אין דער העברעאישער גראַמאַטיק און שפראַך־פאָרשונג, האָבען גוט פערשטאַנען, ווי אָבצושאַצען די גרויסקייט פון דעם־דאָזיגען שפראַך־קינסטלער, וועלכער האָט מיט זיינע חידושים אין דער העב־רעאישער גראַמאַטיק אַריבערגעשטיגען אַלע זיינע פאָרגענגער. וואָרום זיינע אויפטהואונגען זענען נישט אַרגומענטירט געוואָרען דורך אַבסטראַקציעס, דורך גייסטיגע ספּעקולאַציעס, וועלכע קאָנען נישט עקספּערימענטאַל בעוויי־זען ווערען, נאָר זענען געווען פשוט באַזירט אויף רעאַליטעטען, אויף פּאַק־טישע בעווייזען פון דער שפראַך, אויף פערגלייכונגען פון דעם איינצי־גען און אייביגען קלאַסישען ווערק פון לשון־קודש — די תורה.

ס׳פערשטעהט זיך, אַז די אַלע דאַמאָלסדיגע משכילים האָבען גאַנץ גוט אָנערקענט די גרויסע פערדיענסטען פון די פריהערדיגע מדקדקים, אָנ־הויבענדיג פון ר׳ סעדיה גאון און ענדיגענדיג מיט ר׳ יהודה אבן־חיוג, וועלכער איז באמת געווען דער איינציגער, וועלכער האָט געהאַט אַוועקגע־שטעלט די העברעאישע גראַמאַטיק אויף דעם העכסטען פונקט פון דער ווי־סענשאַפטליכער פאָרשונג; וואָרום ווען נישט חיוג׳ס ענטדעקונגען, וואָלט מען לחלוטין נישט געקאָנט געהן ווייטער, וואָלט מען נאָך אַלץ געמוזט וואַנדערען אין דער פינסטער און מען וואָלט, זעלבסטפערשטענדליך, געמוזט

מאַכען טעותים אָהן אַ שיעור און אָהן אַ סוף. דאָך האָבען זיי גוט פער־שטאַנען, אַז ווי גרויס חיוג איז געווען, האָט ער נאָך אַלץ נישט געהאַט געזאָגט דאָס לעצטע וואָרט אין דער העברעאישער גראַמאַטיק, און נאָר דער בייער יונגער טאַלאַנט, וואָס איז איצט אַרויס אויף דער וועלט, ר׳ יונה אבן־גנאַח, איז עס געווען, וואָס האָט מיט זיין קינסטלעריש ווערק פערענ־דיגט די גרויסע שאַפונג.

עס זענען אָבער געווען געגוג משכילים אין יענער צייט אין, הויפט־זעכליך, ביי איהם אין סאַראַגאָסאַ גופא, וועלכע האָבען איהם שאַרף אָנגע־גריפען—אפשר נישט אַזוי צוליב דעם אַזוי־גערופענעם וויסענשאַפטליכען אמת, ווי צוליב געוויסע פערזענליכע סיבות און צוליב פשוט׳ער קנאה. אַזוי איז שוין שטענדיג געווען דער גורל פון אַלע גרויסע ענטדעקער. נייע אידעען, נייע ענטדעקונגען זענען שטענדיג זעהר שווער אויפגענומען געוואָרען אין דער צייט, ווען זיי זענען בעשאַפען געוואָרען; אַ סך, אַ סך יאָהרען האָ־בען אָפטמאָל געמוזט אַוועק אין דער אייביגקייט, ביז זיי זענען אַריין אין פלייש־און־בלוט פון אייגצעלנע פערזענליכקייטען און פון ברייטערע גרופען.

דידאָזיגע גרופע משכילים, וועלכע איז געווען, אַזוי צו זאָגען, פייגד־ליך צו ר׳ יונה אבן־גנאַח, איז נישט יוצא געווען מיט מינדליכער קריטיק אַליין און מיט שטילע פליאָטקעס, נאָר האָט אַרויסגעלאָזט אַ פאַמפלעט אונ־טער׳ן נאָמען „ספר ההשלמה״, אין וועלכען די מחברים פרובירען בעווייזען, אַז אויך ר׳ יונה האָט נאָך נישט געזאָגט דאָס לעצטע וואָרט אין גראַמאַ־טיק. אין זיין „ספר ההשגה״ האָט ר׳ יונה פרובירט בעווייזען, אַז ר׳ יהודה אבן־חיוג האָט דורכגעלאָזט זעהר וויכטיגע זאַכען. זאָגען זיינע קריטיקער אין דעם „ספר ההשלמה״, אַז ר׳ יונה האָט אויך דורכגעלאָזט פיעל זאַכען; דאָס הייסט, אַז פונקט ווי חיוג האָט מאַנכע זאַכען נישט געוואוסט צו ער־קלערען, אַזוי האָט אויך נישט געוואוסט ר׳ יונה — סיי ער האָט זיי גע־האַט דורכגעלאָזט בשוגג, סיי ער האָט זיי געהאַט דורכגעלאָזט במזיד. אַזוי צי אַזוי, הייסט עכ, האָט ר׳ יונה אויך דורכגעלאָזט וויכטיגע זאַכען.

דערדאָזיגער פאַמפלעט איז געווען געשריבען אין אַ זעהר שאַרפען און בעליידיגענדען טאָן אין מיט זעהר שלעכטע כוונות. ר׳ יונה האָט גע־זאָגט, אַז דער פאַמפלעט שטאַמט פון אונוויסענדע פערזאָנען, וועלכע זענען ווערט, מען זאָל זיי בעדויערן, אָבער בייז זיין אויף זיי קאָן מען נישט. עס הייסט, אַז זיי זענען נישט ווערט, מען זאָל זיי ענטפערן. דאָך איז איהם אָבער יאָ אויסגעקומען צו ענטפערן, אַזוי צו זאָגען, אינדירעקט.

ס׳האָט זיך גראַד געהאַט געמאַכט, אַז איינער פון זיינע פריינד אין קאָרדאָוואַ האָט בעזוכט ר׳ יונה׳ן אין סאַראַגאָסאַ און בעקומען פון איהם דעם „ספר ההשגה״. אויפ׳ן וועג קיין קאָרדאָוואַ זענען איהם בעפאַלען רוי־בער, וועלכע האָבען צוגענומען פון איהם זיינע רייזע־געפעק אין ממילא אויך דעמדאָזיגען ספר. דערדאָזיגער פריינד האָט זיך דעריבער געווענדעט צו ר׳ יונה אבן־גנאַח אין זיין אייגענעם נאָמען, ווי אויך אין נאָמען פון

זיין ליטעראַריש-געבילדעטען קרייז פריינד, וועלכע האָבען מיט גרויס אונגע-דולד געוואַרט צו זעהן דעם בעריהמטען ספר, מיט דער בקשה איהם צוצו-שיקען אַנ'אָבשריפט פון זיין ספר. ר' יונה אבן־גנאַח האָט דידאָזיגע בקשה ערפילט און ביי אָט דער געלעגענהייט האָט ער שיין אויך געשריבען אַנ'-אויספיהרליכען בריעף צו איהם, אין וועלכען ער דערצעהלט זיין פריינד מכה דעם פּאַמפּלעט, וואָס עס איז אַרויס געגען איהם. אָט דערדאָזיגער פריוואַטער בריעף, וועלכער איז, אַזוי צו זאָגען, אַ ספר'ל פאַר זיך, אונ-טער'ן נאָמען „אגרת ההערה", איז עס געווען דער ענטפער, וואָס ער האָט געהאַט געגעבען זיינע קריטיקער. דאָרט טרעט ער שאַרף אַרויס געגען די אַנאָנימע אַנגרייפער, וועלכע האָבען מורא געהאַט און זיך געשעמט אַרויס-צושטעלען זייער נאָמען אויפ'ן בוך, און ער מאַכט פון זיי חוזק, אַנווייזענ-דיג אויף זייער אונוויסענהייט אין גראַמאַטיק און אין דער העברעאישער שפראַך-פאָרשונג. פאַרבייגעהענדיג האָט ער שוין אויסגענוצט די געלעגענ-הייט און בעריהרט אין בריעף מאַנכע אַנדערע גראַמאַטיקאַלישע פּראָבלע-מען, וועלכע ער האָט פּרובירט אויפקלערען אויף זיין אָריגינעלען שטייגער.

דערדאָזיגער ענטפער האָט אָבער זיינע פיינד נישט בערוהיגט. שונאים בערוהיגען זיך נישט מיט לאָגישע אַרגומענטען, ווי קלאָר און פערשטענדליך זיי זאָלען נישט זיין. וואָרום זיי זענען דאָך נישט אויסען דעם וויסענשאַפט-ליכען אמת. ר' יונה'ס „אגרת ההערה" האָט דעריבער נישט-בלויז נישט בע-רוהיגט זיינע שונאים, נאָר זיי זענען, פערקעהרט, פעסטער געוואָרען, שאַר-פער געוואָרען.

צו יענער צייט האָט זיך געמאַכט, אַז קיין סאַראַגאָסאַ איז אָנגעקומען אַ יונגערמאַן פון גראַנאַדאַ, וועלכער האָט געהערט צו די דאָרטיגע משכיל'י-שע קרייזען. קומענדיג אין סאַראַגאָסאַ איז דער אורח אייגעלאַדען געוואָ-רען אויף אַנ'אָוועגד ביי אַבו-סוליימאַן טאַראַקאַ. זיין הויז איז געווען אַ זאַ-מעלפּונקט פון אַלע משכילים און וויסענשאַפטס-לייט, אַ מין ליטעראַרישער סאַלאָן, וואו מען פלעגט שמועסען וועגען ליטעראַטור און קונסט. צו יענעם אָוועגד איז אויך אייגעלאַדען געוואָרען ר' יונה אבן-גנאַח, וועלכער איז געווען אַ גוטער פריינד פונ'ם בעל-הבית און, פערשטעהט זיך, אויך איינער פון די הויפּט-שטראַהלענדע פיגורען אינ'ם סאַלאָן.

בעת'ן שמועס האָט דער אורח דערצעהלט, אַז די גראַנאַדער משכילים בעקעמפען געוויסע בעהויפּטונגען פון „ספר ההשגה", און ר' יונה אבן־גנאַח — האָט ער ווייטער געזאָגט — דאַרף נאָך דאַנקען גאָט, וואָס זייער קריטיק איז נישט ערשינען אין אַ בעזונדער שריפט. דערביי האָט ער אָנגעגעבען מאַנכע שטעלען פון „ספר ההשגה", געגען וועלכע די גראַנאַדער משכילים טרעטען אַרויס. ר' יונה אבן־גנאַח האָט אויף פיער פונקטען געענטפערט באַלד, און עס האָט זיך ענטוויקעלט אַ לעבהאַפטער וויכוח. אויף די איב-ריגע צעהן פונקטען, וועלכע דער אורח האָט בעריהרט, האָט ר' יונה נישט געענטפערט תיכף, נאָר שפּעטער האָט ער אָנגעשריבען אַ גענויעם בעריכט

וועגען דערדאָזיגער דיסקוסיע אין סוליימאַנ׳ס סאַלאָן, און דאָרט האָט ער פערענטפערט די אַלע שאלות, אויף וועלכע ער האָט נישט געהאַט געענטפערט באַלד אין יענעם אָוונד. דעמדאָזיגען בעריכט האָט ער אָבגעשיקט צום גראַנאַדער משכיל. דער גראַנאַדער משכיל האָט איהם אָבגעענטפערט גאַנץ קאַלט און איהם געזאָגט, אַז ס׳וואָלט געווען בעסער, ווען ער לאָזט־איבער זיין קריטיק אויף שפּעטער, דאָס הייסט, נאָך דעם ווי די גראַנאַדער משכילים וועלען פערעפענטליכען זייער קריטיק אויף זיין „ספר ההשגה"; ער זאָגט דערביי, אַגב, אַז אויף יענעם אָוונד אין סאַראַגאָסאַ האָט ער בעריהרט נאָר איינציגע, נישט-וויכטיגע פּונקטען פון די גראַנאַדער קריטיקער. זיי האָבען אָבער פיעל שאַרפערע און שווערערע.

ר׳ יונה אבן־גנאַח האָט אָבער נישט געוואָלט וואַרטען ביז די גראַנאַדער קריטיקער וועלען אַרויס מיט זייער ווערק. ער האָט זיי פּרובירט פערכאַפּען דעם וועג. ער האָט פערעפענטליכט דעם בעריכט פון דעם גראַנאַדער משכיל און צוגעגעבען זיינע בעמערקונגען דערצו. דאָס איז געווען גענוג. ר׳ יונה האָט נישט געדאַרפט קיין סך אויף צו פערניכטען זיינע שונאים. די זאַך איז איהם צו-קלאָר געווען. דערביי האָט ער אין דעמדאָזיגען שריפט זיינע קריטיקער שאַרף אָנגעגריפען און ערקלערט, אַז צום בעדויערן בעשעפטיגען זיך די גראַנאַדער משכילים מיט אַ זאַך, וואָס זיי פערשטעהען נישט. דאָס איז אָבער נישט געווען דער סוף פון קאַמף. דער קאַמף האָט זיך איצט ערשט אָנגעהויבען.

ד.

ר׳ שמואל הנגיד און אבן-גנאַח.

דער קאַמף, וואָס האָט אויסגעבראָכען געגען ר׳ יונה אבן־גנאַח, אָדער צווישען זיינע אָנהענגער און די אָנהענגער פון ר׳ יהודה אבן־חיוג, איז געווען פון אויסערגעוועהנליכער שאַרפקייט און פערביטערטקייט. די אַלע שריפטען פון יענעם קאַמף, — סיי פון די, וועלכע האָבען געהאַלטען מיט ר׳ יונה׳ן, סיי פון די, וועלכע האָבען געהאַלטען מיט ר׳ יהודה אבן־חיוג, — זענען פערלוירענגעגאַנגען; אָבער פון די שטעלען, וועלכע די פאָרשער און מפרשים, וועלכע האָבען געלעבט שפּעטער נאָכ׳ן קאַמף ביז צו דער צווייטער העלפט פון צוועלפטען יאָהרהונדערט, ברענגען אין זייערע ספרים, איז צו זעהן, וואָס פאַר אַ פייער עס האָט זיך דאַן צעפלאַקערט אינ׳ם יודישען שפּאַניען. איינער פון אָט די הויפּט-קעמפער געגען ר׳ יונה אבן־גנאַח איז געווען ר׳ שמואל הנגיד.

ר׳ שמואל הנגיד, אָדער ר׳ שמואל הלוי אבן־נאַגדאַלאַ, ווי ס׳איז געווען זיין אמת׳ער נאָמען, איז געווען איינער פון די וואונדערבאַרסטע פערזענליכקייטען ביי יודען אין מיטעלאַלטער. ער האָט פעראייניגט אין זיך

תורה, חכמה און גדולה. ער איז געווען אַ מייסטער אין תּלמוד, אַ בעדיי־טענדער בעל־מקרא, האָט בעהערשט גרינדליך זיבען שפּראַכען, ער איז גע־ווען אַ דיכטער, ער איז געווען רב און ראש־הישיבה, דערצו נאָך אַ פּרינץ, אַ דיפּלאָמאַט און מיניסטער, וואָס אין זיינע הענד איז פּאַקטיש געלעגען דער גורל פון דער מלוכה פון גראַנאַדאַ.

ר׳ שמואל הנגיד איז געווען ר׳ יונה אבן־גנאח׳ס אַ לאַנדסמאַן און במעט אין איין עלטער מיט איהם. ער איז געבוירען געוואָרען אין קאָר־דאָווא אין יאָהר 993. אין די יונגע יאָהרען האָט ער געלערנט תּלמוד אין דער ישיבה אונטער דער לייטונג פון חנוך׳ן, ר׳ משה בן־חנוך׳ס אַ זוהן. גלייכצייטיג האָט ער אויך געלערנט העברעאיש ביי דעם גרויסען גראַמאַ־טיקער ר׳ יהודה אבן־חיוג און אויך אַראַביש, וועלכע איז געווען די הער־שענדע שפּראַך אין דאַמאָלסדיגען שפּאַניען. מחמת דעם גרויסען בירגער־קריעג, וואָס האָט אויסגעבראָכען אין קאָרדאָווא אין יאָהר 1013, און די פּאָג־ראָמען, וואָס מען האָט דאַן געמאַכט אויף יודען, האָט ר׳ שמואל, זייענדיג צוואַנציג יאָהר אַלט, צוזאַמען מיט די איבריגע יודען אויסגעוואַנדערט קיין מאַלאַגאַ.

דאָרט האָט ר׳ שמואל געעפענט אַ שטיקעל געשעפט, פון וועלכען ער האָט קוים געהאַט חיונה, און אין דער לעדיגער צייט האָט ער נישט אויפגעהערט צו לערנען תורה און שפּראַכען. חוץ העברעאיש, אַראַביש און אַראַמעאיש האָט ער אויך אויסגעלערנט לאַטייניש, קאַסטיליש און בערבע־ריש. זיין אַראַביש האָט ער אָבער נישט געשריבען מיט העברעאישע בוכ־שטאַבען, ווי דאָס האָבען געטהאָן אַ סך יודישע שריפטשטעלער און געלעהר־טע, נאָר טאַקע מיט דער אמת׳ער אַראַבישער שריפט, פאַר וואָס ער איז זעהר געשעצט געוואָרען פון די אַראַבער, וועלכע האָבען זאָגאָר די אַראַ־בישע האַנדשריפט געהאַלטען פאַר אַ גרויסע קענטניס. און טאַקע דאָס איז געווען די הויפט־אורזאַך, וואָס האָט איהם געבראַכט צו אַזאַ גרויסקייט, צו וועלכער קיין יוד האָט נישט געקאָנט דערגרייכען זינט דעם חורבן בית־המקדש.

יענע צייט איז געווען זעהר אַ שטורמישע. קליינע מלוכה׳לעך האָבען גע־פיהרט גרויסע מלחמות. מען האָט צושניטען מלוכות און געשאַפען נייע. מלכים זע־נען אַראָב און מלכים זענען אַרויף. אַזוי איז דאַמאָלס, נאָך דעם גרויסען כאַאָס, אַנ־דאַלוזיען צעטיילט געוואָרען אויף צוויי „מדינות״. גראַנאַדאַ איז אַריבער צום בערבערישען קעניג, דאַסגלייכען אויך מאַלאַגאַ, וואו עס איז געווען דער זיץ־פּלאַץ פונ׳ם וויצע־קעניג — האַבוס.

דער וויזיר אַבול קאַסים פון אַט דעם וויצע־קעניג האַבוס האָט גע־האַט זיין פּלאַץ נישט וויט פון ר׳ שמואל׳ס געשעפט, וועלכעס האָט זיך דאַמאָלס אָנגעהויבען פּערבעסערן. קיין דירעקטע בעציהונג מיט׳ן קעניגליכען הויף האָט ר׳ שמואל, נאַטירליך, נישט געהאַט. עס האָט זיך אָבער געמאַכט, אַז איינע אַ פרוי, וועלכע האָט צוגעשטעלט אינפאָרמאַציעס צום וויזיר, פלעגט קומען צו ר׳ שמואל׳ן, ער זאָל פאַר איהר אָנשרייבען די אַלע גע־

זאַמעלטע אינפאָרמאַציעס. דידאָזיגע דאָקומענטען זענען געווען געשריבען מיט אַזאַ שענער אַראַבישער שפּראַך און מיט אַזאַ קינסטלערישער האַנד-שריפט, אַז דער וויזיר איז נתפעל געוואָרען און האָט זיך ערקונדיגט ביי דער פרוי, ווער עס איז דער שרייבער. ווען ער איז פון איהר געוואויר געוואָרען, ווער ער איז, האָט ער איהם געלאָזט רופען צו זיך אין פּאַלאַץ און איהם תיכף אָנגעשטעלט ביי זיך אַלס זיין פּריוואַט-סעקרעטער. דאָס איז געווען אין יאָהר 1025. אונטער דער צייט האָט דער וויזיר אַרויס-געזעהן, אַז ר׳ שמואל האָט אַ גרויסע פערשטענדניש פאַר פּאָליטיק און דיפּלאָמאַטיע, און האָט זיך מיט איהם אָנגעהויבען מישב זיין וועגען מלוכה־ענינים. זיינע עצות האָבען זיך שטענדיג אַרויסגעוויזען אַלס ערפאָלג-רייכע און מחמת-דעם האָט דער וויזיר כמעט נישט געטהאָן קיין שום זאַך, איידער ער האָט זיך בעראַטען מיט ר׳ שמואל׳ן.

אַז דער וויזיר איז געוואָרען שטערבליך קראַנק, איז דער קעניג, צו-ליב דער קאָמפּליצירטער פּאָליטישער לאַגע פון די שכנות׳דיגע לענדער, געוואָרען זעהר בעאונרוהיגט; אָבער דער וויזיר האָט איהם ערקלערט, אַז ער דאַרף זיין גאַנץ רוהיג, ווייל זיין סעקרעטער ר׳ שמואל וועט זיין אַ בעסערער פיהרער ווי ער, דען אַלע זיינע ערפאָלגרייכע אויפטהואונגען פאַר דער מלוכה האָט ער צו פערדאַנקען נאָר איהם, ר׳ שמואל׳ן, צוליב זיינע קלוגע עצות. ער האָט דעריבער גע׳עצה׳ט דעם קעניג צו נעהמען ר׳ שמואל׳ן אַלס ראַטגעבער.

נאָך דעם וויזיר׳ס טויט האָט דער בערבערישער קעניג פון גראַנאַדאַ, וועלכער האָט געהאַט וועניגער פאָראורטיילען געגען יודען ווי די אַראַבישע מוסולמאַנער, בעשטימט ר׳ שמואל׳ן אַלס מיניסטער און אַלס ראש איבער די דיפּלאָמאַטישע און מיליטערישע ענינים פון דער מלוכה. אויף אַזאַ אופן איז דער אָרימער קרעמער פון מאַלאַגאַ אַריבער אין קעניגליכען פּאַלאַץ און געוואָרען דער פיהרער פון דער מלוכה. די מלוכה האָט זיך צעבליהט און צעוואַקסען, און דער קעניג איז געווען העכסט צופרידען פון איהם. ער האָט אויך געוואוסט, ווי-אַזוי אַרומצוגעהן אַרום קעניג. ער האָט געשרי-בען פאַר׳ן קעניג אַ לויבגעזאַנג אין זיבען שפּראַכען, פון וואָס דער קעניג איז געוואָרען ענטציקט. ער האָט אויך געוואוסט, ווי-אַזוי אַרומצוגעהן מיט זיינע געגנער, וועלכע האָבען נישט געקאָנט צוזעהן, ווי אַ יוד פיהרט די מלוכה. ער האָט מיט זיין בעשיידענהייט און קלוגשאַפט בעזיעגט און ענט-וואָפענט אַלע זיינע שונאים. עס זענען אַפילו געמאַכט געוואָרען פערשווע-רונגען געגען איהם, אָבער די פערשווערער האָבען געהאַט אַ ביטערן סוף.

אַז דער קעניג האַבּוס איז אין יאָהר 1037 געשטאָרבען און ס׳איז געוואָרען אַ פראַגע וועגען דעם נאָכפאָלגער, זענען אויסגעוואַקסען צוויי צדדים. איין צד, די בערבערישע נאָבעל-לייט און איינגע אַיינפלוסרייכע יודען האָבען געהאַלטען פאַר׳ן יונגען פּרינץ באָלאָגין, און אַ צווייטער צד, צווישען וועלכע עס איז אויך געווען ר׳ שמואל, האָבען געהאַלטען פאַר׳ן

עלטערען פרינץ באַדיס. דער סוף איז געווען, אַז דער יונגערער ברודער האָט אויפגעגעבן זיין פּלאַן, און דער עלטערער ברודער באַדיס איז פּראָק־לאַמירט געוואָרען אַלס קעניג. ר׳ שמואל איז דאַמאָלס נישט בלויז געבלי־בען אויף זיין אַמט, נאָר ער איז געוואָרען דער פּאַקטישער קעניג פון גראַנאַדאַ, ווייל באַדיס האָט זיך ווייניג-וואָס אָבגעגעבען מיט מלוכה־ענינים. ביי איהם איז דער עיקר געווען — האָבען פערגעניגען און לעבען אַ גוטען טאָג. דאַסגלייכען איז ר׳ שמואל געבליבען דער פּאַקטישער הערשער אַפּילו ווען דער קעניג באַדיס איז געשטאָרבען און ס׳איז אַרויף אויפ׳ן טראָהן דער יונגערער ברודער באַלאָגין, הגם ער האָט געוואוסט, אַז ר׳ שמואל האָט פריהער געהאַט געקעמפּט געגען איהם. דאָס איז געווען אַ וואונדער־באַרער עפּיזאָד אין דער יודישער געשיכטע, ווען אַ יוד האָט פּאַקטיש רע־גירט און אַרויסגעגעבען דעקרעטען מיט זיין אונטערשריפט איבער אַ מו־סולמאַנישער וועלט.

אָבער הגם ר׳ שמואל האָט געשפּיעלט אַזאַ גרויסע ראָלע אין דער מלוכה, איז ער דאָך געבליבען דערזעלבער יוד, ווי געווען. ער איז גלייכ־צייטיג, זייענדיג מיניסטער און מלוכה-פיהרער, געווען אויך דער פיהרער פון דער יודישער קהלה אין גראַנאַדאַ, פונקט אַזוי ווי ר׳ חסדאי אבן־שפרוט איז געווען דער ראש פון דער קהלה אין קאָרדאָוואַ. ר׳ שמואל האָט דאַן געהאַט בעקומען דעם טיטעל „נגיד״, דער פרינץ פון די יודען. ר׳ שמואל איז אָבער געווען נישט סתם אַ פיהרער פון דער קהלה; ער איז געווען דער פּאַקטישער רב פון שטאָדט און דער פּרעזידענט פון דער ישיבה. בייטאָג פלעגט ער שרייבען קעניגליכע דעקרעטען, און אין אָוועגד פלעגט ער פסק׳ענען שאלות. חוץ-דעם האָט ער אויך געהאַלטען פּאָרטראַ־גען איבער תלמוד אין דער ישיבה און נאָך געהאַט גענוג צייט אָנצושריי־בען זיין וואונדערבאַר ווערק „מבוא התלמוד״ און אויך אַ פירוש אויפ׳ן תלמוד. עס איז געווען אַ זעלטענע ערשיינונג צו זעהן, ווי-אַזוי אַ יו־דישער מיניסטער, ריכטיגער אַ פּרעמיער-מיניסטער, פון אַ מוסולמאַנישער מלוכה געהט פון קעניגליכען פּאַלאַץ צו דער ישיבה אויף צו האַלטען אַ שיעור אין גמרא. און נישט בלויז צו איהם אַליין האָט זיך די מלוכה בע־צויגען אַזוי גוט, נאָר אויך צו אַלע יודען. נאָך קיין לאַנד אויף דער וועלט האָט נישט געגעבען די יודען אַזוי פיעל פרייהייט, ווי יודען האָבען דאַ־מאָלס גענאָסען אין גראַנאַדאַ. די בערבערען האָבען די יודען בעהאַנדעלט בעסער ווי זייערע אייגענע גלויבענס-גענאָסען, די אַראַבער.

אַזוי ווי אין יענער צייט איז געווען אַ מאָדע צו שרייבען שירים, האָט אויך ר׳ שמואל פּרובירט זיין טאַלאַנט אויף דעמדאָזיגען געביעט. אָבער זיינע לידער זענען נישט געווען פון הויכער קוואַליטעט, פונ׳ם ריין־קינסטלערישען שטאַנדפּונקט; זיי האָבען ענטהאַלטען אין זיך שענע געדאַנ־קען, אָבער אַלס קינסטלערישע שאַפונגען האָט מען זיי נישט געקאָנט בע־טראַכטען. זיינע צייט-גענאָסען פלעגען דעריבער דאַמאָלס זאָגען, אַז

„ס'איז קאַלט, ווי דער שניי אויפ'ן באַרג חרמון אָדער ווי די שירים פון שמואל'ן".

ר' שמואל הנגיד האָט, חוץ זיין מלוכה-אַרבייט, זיין שטודיום פון תלמוד און וועלטליכע ענינים, זיך אָבגעגעבען מיט פאָרשונגען פון דער העברעאישער שפראַך און גראַמאַטיק, אין וועלכע ער איז געווען גאַנץ שטאַרק. ער איז געווען אַ גרויסער אָנהענגער פון זיין רבי'ן ר' יהודה אבן-חיוג און מתמת-דעם איז ער אַזוי שאַרף אַרויסגעטראָטען געגען ר' יונה אבן-גנאַח, וועלכער האָט פרובירט אָנווייזען אויף חיוג'ס אונפאָלקאָמענהייט אין דער העברעאישער גראַמאַטיק.

דידאָזיגע מיינונג ווערט געשטיצט דורך ר' שלמה פרחון. ער האַלט, אַז ר' שמואל'ן האָט פערדראָסען, וואָס ר' יונה האָט אָנגעגריפען זיין רבי'ן. אַנדערע אָבער האַלטען, אַז דאָס איז געווען פשוט קנאַת-סופרים. דער אי-בערזעצער פון ר' יונה'ס גראַמאַטיק אין העברעאיש, ר' יהודה אבן-תיבון, זאָגט אין זיין הקדמה, אַז ר' שמואל און ר' יונה זענען ביידע געווען תלמידים און נאָכפאָלגער פון ר' יהודה אבן־חיוג, נאָר זיי האָבען געקעמפט פשוט כדי אַרויסצוברענגען דעם אמת.

ר' יונה אבן־גנאַח אַליין ערקלערט, אַז דער קאַמף פון ר' שמואל'ן געגען איהם האָט געשטאַמט פון קנאָה. ער דערמאָהנט נישט אין זיינע ווערק בישט דעם נאָמען פון זיין קריטיקער און נישט דעם נאָמען פון ספר, דערצו רעדט ער נישט וועגען זיין געגנער מיט בייזקייט. ר' שמואל האָט, לויט דער אבן־עזרא ערקלערט, געהאַט אָנגעשריבען צוויי-און-צוואַנציג ביכער איבער דער העברעאישער שפראַך און גראַמאַטיק, צווישען זיי אויך דעם „ספר העושר"; אָבער ר' יונה האָט אויף אַלץ איהם אָבגעענטפערט אין אַ רוהיגען טאָן און אויף אַנ'אַקאַדעמישען אופן, אָנווייזענדיג, אַז זיינע חידושים זענען ריכטיג, איסגעהאַלטען, און אַז חיוג, ווי גרויס ער איז גע-ווען, האָט דאָך אַ סך זאַכען פערזעהן און דורכגעלאָזט.

ה.

ער שאַפט זיין מייסטער-ווערק.

די סכסוכים, וואָס האָבען אויסגעבראָכען צווישען ר' יונה אבן־גנאַח און ר' שמואל הנגיד, ווי אויך צווישען ר' יונה'ס אָנהענגער און די אָנ-הענגער פון ר' שמואל'ן, אויפ'ן געביעט פון דער העברעאישער שפראַך-פאָרשונג, זענען געווען עהנליך צו די סכסוכים, וואָס זענען געווען פאָרגע-קומען אויף דעמזעלבען געביעט צווישען מנחם בן־סרוק און דונש בן־לברט. ביידע, סיי מנחם און סיי ר' יונה, זענען געווען קרבנות פון אַ געוויסער מאָס קנאָה, ביידע זענען געווען די גרויסע שעפער, ביידע זענען געווען געבענטש מיט זייערע אָריגינעלע חידושים, און ביידע זענען גראָד געווען

אויך שטילע, בעשיידענע מענשען, וועלכע האָבען זיך שטענדיג געמוזט האַלטען אין פערטיידיגען.

נאַטירליך האָט ר׳ יונה אבן-גנאַח זיינע אַנגרייפער נישט פערשוויגען, ווייל ער האָט געמוזט פערטיידיגען זיינע אויפטהואונגען. ער האָט דעריבער אָנגעשריבען זיין „ספר ההשוָאה״, אין וועלכען ער האָט אַנגעוויזען דער יודישער געבילדעטער וועלט, אַז זיינע געגנער טשעפען זיך צו איהם פאַר גאָרנישט, אַז זיי הויבען נישט אָן צו פערשטעהן דעם מהות פון דער העברעאישער שפראַך.

ר׳ שמואל הנגיד האָט דאַן אַרויסגעגעבען אַ סעריע פעריאָדישע פאַמפלעטען אונטער׳ן נאָמען „אגרת החברים״, אין וועלכע ער האָט ר׳ יונה׳ן נישט אויפגעהערט צו פערמאַטערן מיט שאלות. באַלד ווי דידאָזיגע פאַמפלעטען זענען ערשינען, האָט ר׳ יונה אָנגעשריבען פיער מאַמרים, וועלכע ער האָט שפּעטער פערעפענטליכט אין זיין ספר אונטער׳ן נאָמען „ספר ההכלמה״. דאָרט גיט שוין ר׳ יונה אָנצוהערעניש וועגען זיין געגנער, הגם ער דערמאָהנט איהם נישט מיט׳ן נאָמען. מען האָט געוואוסט, אַז דאָס האָט ער געמיינט ר׳ שמואל׳ן. דערדאָזיגער ספר איז אָבער שפּעטער פערלוירען געגאַנגען.

אויסערדעם האָט ר׳ יונה, לויט אַ בקשה פון זיינעם אַ פריינד, געשאַפען דעם ספר „הקרוב והישר״, וואָס איז געווען אַ מין גראַמאַטיק פאַר אָנפאַנגער. דאָסדאָזיגע ווערק האָט די פאָרם פון אַ פירוש אויף די ספרים פון ר׳ יהודה אבן-חיוג, וועלכע זענען שווער געווען צו פערשטעהן אָהן געוויסע אויפקלערונגען. פאַרבייגעהענדיג האָט שוין ר׳ יונה דאָרט בעהאַנדעלט געוויסע גראַמאַטיקאַלישע פראַגען און אַרויסגעבראַכט זיינע אייגענע מיינונגען.

אַז די לופט פון מחלוקת איז אַביסעלע ריינער געוואָרען און ר׳ יונה איז שוין געוואָרען אַלט, אַרום זעכציג יאָהר, האָט ער זיך גענומען שאַפען דאָס גרויסע ווערק, אויף וועלכען ער האָט זיין גאַנץ לעבען געטרוימט. דאָרט האָט ער צונויפגעזאַמעלט אַלע זיינע חקירות און געדאַנקען בנוגע דער העברעאישער שפּראַך-פאָרשונג, וועלכע זענען געווען אויפגעשוואומען אין זיין מוח אין משך פון לאַנגע יאָהרען, און דאָסדאָזיגע ווערק איז געשאַפען געוואָרען. דאָס איז געווען דער „ספר הדקדוק״, וועלכער איז איינגעטיילט געוואָרען אין צוויי טיילען, ווי זיי הייסען אין דער העברעאישער איבערזעצונג: „ספר הרקמה״ און „ספר השרשים״.

דאָסדאָזיגע ווערק איז איינס פון די ברילליאַנטענע, אויב נישט די איינציג-ברילליאַנטענע, וואָס איז געשאַפען געוואָרען אויף דעמדאָזיגען געביעט, — אויפ׳ן געביעט פון דער העברעאישער שפּראַך-פאָרשונג. דאָס איז אַ וואונדערבאַרער פערל אין דער יודישער ליטעראַטור. דאָס איז אַ מייסטער-ווערק פון ערשטען ראַנג. איהר זעהט אין איהם דעם גרויסען פערנעהם, דעם גרויסען שוואונג, דעם פליה פון אַנ׳אָדלער. איהר זעהט אין

איהם די געוואַלדיגע גייסטיגע קראַפט, די גרויסע גייסטיגע שאַפונג. דאָרט ענטפּלעקט זיך אינגאַנצען ר׳ יונה׳ס זשעני. איהר זעהט דאָרט זיין שאַרפען מוח, זיין אויסערגעוועהנליכע בקיאות און חריפות אין תנ״ך און אויך אין תלמוד׳ישער ליטעראַטור, זיין טיעפקייט אין דער שפּראַך-פאָרשונג, זיינע וואונדערבאַרע סברות און געניאַלע איינפאַלען, זיין גרינדליכקייט און פּינקטליכקייט און זיין אַלאומפאַסענדען וויסען אין די געזעצען פון דער שפּראַך, וועלכע ער ברענגט אַרויס צו אַ געטאָקטער פולקאָמענהייט.

דער „ספר הרקמה״ איז אַ קלאַסיש מייסטערווערק אין בעצוג צו גראַמאַטיק, צו די אַלע פערשידענע פאָרמען פון די שפּראַך-געזעצען. מיט איהם איז געשאַפען געוואָרען דער ריעזיגער און שענער בנין פון דער העב-רעאישער גראַמאַטיק. אין דעמדאָזיגען ווערק ווערט אויסגעשעפּט אַלץ, וואָס עס קאָן נאָר אויף דעמדאָזיגען געביעט געזאָגט ווערען, אַלץ, וואָס עס קאָן נאָר אַרויסגעבראַכט ווערען פון אַ שפּראַך — און דאָס אַלץ איז געטהאָן געוואָרען אין אַ גרינדליכער, גענויער פּרעציזער פאָרם. דאָסדאָזיגע ווערק הויבט-זיך-אָן פון פּשוט׳ן „אַלף״ און ענדיגט זיך מיט די העכסטע פאָרמען פון דער שפּראַכליכער וויסענשאַפט מיט אַלע איהרע קאָמפּליצירטע אָנווענדונגען און וואַריאַציעס. מיט איהם איז געלעגט געוואָרען דער אמת׳ער יסוד, אַזוי צו זאָגען, פאַר דער פילאָזאָפיע פון דער שפּראַך, פאַר דער וויסענשאַפט פון לשון-קודש. דער „ספר הרקמה״ איז נישט קיין לעהר-בוך פאַר גראַמאַטיק, נאָר אַ מין וויסענשאַפטליך-פילאָזאָפישער טראַקטאַט פון גראַמאַטיק.

פון דעמזעלבען ראַנג איז דער צווייטער טייל פונ׳ם „ספר הדקדוק״ — דאָס איז דער „ספר השרשים״, וועלכער איז באמת אַנ׳אמת׳ער קוואַל פון חכמה, פון שפּראַכליכער פילאָזאָפיע. אין דעמדאָזיגען ווערק בעהאַנדעלט ער בלויז די שרשים פון די פּעלים פון דער העברעאישער שפּראַך; ער נעהמט צונויף אַלע פּעלים, וואָס געפינען זיך אין תנ״ך, סאָרטירט זיי פונאַנדער, אַנאַליזירט זיי, צעגלידערט זיי, פערגלייכט איינעגע פּעלים מיט אַנדערע פּעלים, וואָס זענען עהנליך צו זיי, וואָס שטאַמען אַלע פון דערזעלבער פאַמיליע, און ברענגט דערביי אַרויס וואונדערבאַרע געזעצען, וואונדערבאַרע אינטערפּרעטאַציעס. ער ברענגט דערביי אַלע פסוקים פון דער תורה, וואו אָט די אַלע פּעלים אין זייערע פערשידענאַרטיגע בויגונגען און קאָנסטרוק-ציעס געפינען זיך. דער „ספר השרשים״ און דער „ספר הרקמה״ זענען, אויסער זייער אינערליכער גרויסקייט, טיעפקייט און גלאַנץ, אויך אויסגעבויט געוואָרען אין אַ שענער פאָרם מיט אַ וואונדערבאַרער אַרכיטעקטור, קינסטלע-ריש, און אַזוי-אַרום שאַפען ביידע צוזאַמען אַ מין ענציקלאָפּעדיע פון גראַ-מאַטיק, פון פילאָלאָגיע און אויך אינטערפּרעטאַציע.

געוועהנליך האָבען זיך געפונען פערזאָנען, וואָס האָבען אויסגעזוכט אַ חסרון אויך אויף דער זון; עס הייסט, אַז ר׳ יונה האָט זיך אין זיינע ווערק וועניג אָבגעגעבען מיט׳ן ניקוד, וואָס איז דאַן געווען זעהר בעדיי-טענד. יעדענפאַלס האָבען אַלע אָנערקענט, אַז די זון איז זון, הגם זי האָט דאָרט געוויסע פלעקען. די גרויסקייט פון ר׳ יונה׳ס יצירה איז דערמיט

נישט שוואַכער געוואָרען. זיין נאָמען איז נאָך בעריהמט געוואָרען ביי זיין לע-
בען. דאָס איז געווען דער שכר פאַר די שאַרפע אָנגריפען, וואָס מען האָט
אויף איהם נישט אויפגעהערט צו מאַכען. זיינע ווערק זענען צעכאַפט
געוואָרען און עס איז אַרויס אַ צווייטע אויפלאַגע. ער איז אומעטום גע-
לויבט געוואָרען. זיין גרויסער לאַנדסמאַן פון סאַראַגאָסאַ, ר' בחיי אבן-
פקודא, דער מחבר פון „חובת הלבבות", דערמאָהנט איהם. דער גרויסער
מפרש פון שפּאַניען אין דער צווייטער העלפט פון עלפטען יאָהרהונדערט
ר' יהודה אבן-בלעם האָט ערקלערט, אַז ר' יונה אבן-גנאח איז דער גרעס-
טער גראַמאַטיקער. דער פילאָזאָף און היסטאָריקער ר' אברהם אבן-דאַאוד
האָט געזאָגט, אַז ר' יונה איז אַ צירונג פאַר'ן שפּאַנישען יודענטום. דעם
רמב"ם'ס תלמיד ר' יוסף אבן-עקנין האָט רעקאָמענדירט צו לערנען ר'
יונה'ס ספרים, וואָס האָבען אַ גרויסע בעדייטונג פאַר גראַמאַטיקאַלישע
שטודיען און תורה-אינטערפּרעטאַציעס. ר' אברהם אבן-עזרא האָט רייזענדיג
איבער דער וועלט בעקענט אַלע שפּראַך-פאָרשער מיט ר' יונה'ס ווערק,
און מיט הונדערט-און-צוואַנציג יאָהר שפּעטער האָט איהם ר' יהודה אבן-
תיבון אַרויסגעבראַכט פון דער אַראַביש-שפּרעכענדער וועלט, איבערזעצענדיג
זיינע ספרים אויף לשון-קודש. דער גרויסער שפּראַך-קינסטלער האָט דאַן
אָנגעהויבען צו לויכטען איבער דער גאַנצער וועלט.

ו.

פירושים אויף דער תורה.

קיין דירעקטען פירוש אויף דער תורה האָט ר' יונה אבן-גנאח איי-
גענטליך נישט געשאַפען, ער האָט אָבער מיט זיינע גראַמאַטיקאַלישע און
פילאָלאָגישע וויסענשאַפטליכע פאָרשונגען, פונקט ווי מאַנכע אַנדערע ספּעציאַ-
ליסטען גראַמאַטיקער, געגעבען דעם שליסעל צום פערשטעהן דעם פשט פון
העברעאישע ווערטער און פסוקים פון דער תורה. אַלע זיינע ווערק און
הויפּטזעכליך דער „ספר הרקמה" און דער „ספר השרשים", וואו עס ווערען
אייגענטליך בעהאַנדעלט, אַזוי צו זאָגען, ריין-גראַמאַטיקאַלישע און שפּראַכ-
ליכע געזעצען, זענען אין גרונד גענומען אַן'אמת'ער קוואַל פון אָריגינעלע
און וואונדערבאַרע אינטערפּרעטאַציעס אויף דער תורה. דער גרויסער און
פּינקטליכער שפּראַך-קינסטלער ר' יונה מאַכט פשוט נישט קיין שום שריט
אין זיינע בעהויפּטונגען, אַז ער זאָל זיך נישט שטיצען אויף אַ פסוק פון
תנ"ך. געוועהנליך איז די וויסענשאַפטליכע פאָרשונג פון אַ שפּראַך אַ שאַ-
פונג פאַר זיך. העברעאיש האָט אָבער געהאַט דעם מזל, אַז זי זאָל
שטענדיג זיין פערבונדען מיט דער תורה. העברעאישע שפּראַך-פאָרשונג אָהן
דער תורה איז לחלוטין געווען אויסגעשלאָסען. אַלע העברעאישע גראַמאַטי-
קער און פילאָלאָגען, ווי גרויס עס איז געווען זייער ליעבע און איבערגע-
בענהייט פאַר דער עצם שפּראַך-פאָרשונג גופא, האָבען אָבער שטענדיג גע-

האָט פאַר זייערע אויגען נאָך אַ ציעל, דעם הויפּט-ציעל, און דאָס איז געווען די תורה. דאָס הייסט, אַז מיט דער אויספאָרשונג און אויפקלערונג פון דער העברעאישער שפּראַך זאָל מען בעסער און טיפער קאָנען פערשטעהן די תורה. ר׳ יונה אבן-גנאַח, וועלכער איז באמת געווען פערליעבט אין די שענקייטען פון דער שפּראַך אַלס אַ שפּראַך, האָט עס זאָגאַר געזאָגט גאַנץ אָפען. ער ערקלערט, אַז ער האָט דידאָזיגע גרויסע אַרבייט אונטערגענומען נאָר בלויז מיט דעם צוועק צו פערשטעהן די תורה און אָבצוהיטען די געבאָטען פון דער תורה.

אַלס מפרש איז ר׳ יונה אבן־גנאַח געשטאַנען אויפ׳ן ריין-טראַדיציאָנעלען באַזיס. ער האָט שטענדיג אויסגענוצט דעם רייכען וואָרט-שאַץ פון משנה און פון תלמוד און איהם געבראַכט צוהילף דאָרט, וואו עס איז נאָר נויטיג געווען. ער האָט זיך אויך בענוצט מיט דער נאָך-תלמודיש׳ער ליטעראַטור, הויפּטזעכליך מיט די פאָרשונגען פון די גאונים, ווי אויך מיט די ספרים פון אַראַבישע פאָרשער און וויסענשאַפטס-לייט.

ר׳ יונה אבן־גנאַח האָט זיך אָבער אין זיינע פירושים נישט אַריינגעלאָזט אין דרש. ביי איהם איז געווען דער עיקר דער פשוט׳ער פשט. ער האָט געהאַלטען, אַז „דברה תורה כלשון בני־אָדם", אַז די תורה איז אַרויסגעבראַכט געוואָרען אין אַ מענשליכער שפּראַך, און מחמת-דעם מוז זי אונבעדינגט אינטערפּרעטירט ווערען לויט די כּללים פון דער מענשליכער שפּראַך. ר׳ יונה האָט געפּרובט אויסטייטשען די תורה אויף אַ פשוט׳ען, שפּראַכליך-וויסענשאַפטליכען אופן. און דעריבער האָט זיין שאַרף אויג נישט דורכגעלאָזט אין דער תורה קיין איין זאַך, וואָס זאָל נישט אויפגעקלערט ווערען גרינדליך. ער האָט דערצו אָנגעווענדעט אַלע מיטלען, אָבער ער האָט זיינס דערגרייכט.

דערביי האָבען ר׳ יונה׳ן קיין געגנער נישט געפעהלט. עס זענען געווען מאַנכע עלעמענטען, וועלכע זענען געווען אויף איהם ברוגז, פאַרוואָס ער האָט געפּרובט אויסטייטשען די תורה, מאַכענדיג פערגלייכונגען צווישען העברעאיש און אַראַביש. זיי האָבען נישט געוואָלט פערטראַגען, אַז די דברי־קודש זאָלען אויסגעטייטשט ווערען דורך דברי־חול. ר׳ יונה האָט אָבער אָנגעוויזען, אַז אויך די חכמי התלמוד האָבען אָפט פערטייטשט פסוקים לויט פרעמדע שפּראַכען און אַזוי האָבען אויך געטהאָן די גאונים פון בבל און פון אַפריקאַ.

אויסערדעם זענען אין סאַראַגאָסאַ גופא געווען פערזאָנען, וואָס האָבען שאַרף קריטיקירט און בעליידיגט ר׳ יונה׳ן, ווי אויך אַלע איבריגע גראַמאַטיקער און שפּראַך-פאָרשער, זאָגענדיג, אַז די גאַנצע שפּראַך-פאָרשונג האָט קיין טעם נישט, אַז זי האָט קיין נוץ נישט און קיין צוועק נישט און האָט נישט קיין שום עקזיסטענץ-בערעכטיגונג. זיי האָבען אויך גע׳טענה׳ט, אַז מיט פשט אַליין קאָן מען נישט דורכקומען. ר׳ יונה האָט זיך ווידער געמוזט פערטיידיגען דערמיט, וואָס אַפילו אַזעלכע גאונים ווי ר׳ סעדיה און ר׳

שמואל בן־חפני האָבען זיך אָבגעגעבען מיט גראַמאַטיק און שפּראַך־פאָרשונג און אַז זיי זענען געווען גרויסע פּשטנים אין אויסטייטשען די תורה. איבעריגענס, האָט דאָך די גמרא אַליין געזאָגט, אַז „אין מקרא יוצא מידי פשוטו".

מען דאַרף אָבער נישט מיינען, אַז ר' יונה האָט געהאַט בלויז געגנער. ר' יונה האָט געהאַט גרויסע פריינד און פערעהרער, ער האָט געהאַט אַ סך חברים און תלמידים, וואָס האָבען איהם געשטאַרקט און צוגעגעבען מוט פאָרטצוזעצען ווייטער זיינע גרויסע שאַפונגען.

אין זיין צייט האָט אין סאַראַגאָסאַ געשטראַהלט נאָך אַ גרויסע פיגור. דאָס איז געווען דער בעריהמטער דענקער און דיכטער ר' שלמה בן־גבירול. עס שיינט אָבער, אַז דיביידע שפּראַך־פאָרשער האָבען זיך נישט געקאָנט פערטראָגען. ר' שלמה איז געווען אַ געבוירענער דיכטער און דענקער. ער האָט געהאַט אַ פּאָעטישע נשמה און געשוועבט אין דער וועלט פון מעטאַפיזיק. דאַגעגען ר' יונה איז געווען אַ מאַן פון וויסענשאַפט, אַ גריבלער, אַ פאָרשער. ר' יונה האָט נישט ליעב געהאַט קיין פּאָעזיע און האָט זיך קיינמאָל נישט געוואָלט אָבגעבען מיט מעטאַפיזיק. עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס די ביידע גרויסע לאַנדסלייט זענען געווען ווייט איינער פון אַנדערען.

ר' יונה אבן־גנאַח האָט געפיהרט וויכוחים מיט מאַהמעדאַנער און קריסטען איבער רעליגיעזע ענינים. און עס ווערט דערצעהלט, אַז ר' יונה פלעגט זיינע קריסטליכע און מאַהמעדאַנישע געגנער שטענדיג בעזיגען.

פון זיין פאַמיליע־לעבען איז לחלוטין גאָרנישט בעקאַנט. מען ווייסט נישט, צי ער איז געווען פערהייראַט, צי ער האָט געהאַט קינדער. ער האָט געלעבט פערהעלטניסמעסיג רוהיג, נישט־קוקענדיג אויף די אַלע פערשידענע מינים אַנגריפען. ער איז געווען פערטיעפט אין זיינע גרויסע שאַפונגען, מיט וועלכע ער האָט זיך באמת פעראייביגט אין דער יודישער געשיכטע. ער איז געווען דער גרעסטער יודישער גראַמאַטיקער און שפּראַך־פאָרשער. צו עטליכע און זעכציג יאָהר פון זיין לעבען, אַרום יאָהר 1050, איז ער נסתלק געוואָרען.

ר׳ יהודה אבן־בַּלְעַם.

די פאָרשונגען פון דער העברעאישער שפראַך און די אינטערפּרעטאַציעס פון דער תורה, וואָס האָבען זיך אין שפּאַניען אָנגעהויבען מיט אַזאַ קראַפט און גלאַנץ, האָבען זיך נישט אָבגעשטעלט ביי די ברילּיאַנטענע דערגרייכונגען פון ר׳ יונה אבן־גנאַח. פערקעהרט, זיי האָבען נאָך מעהר פערשטאַרקט צווישען די אינטעלעקטועלע קרייזען דעם דורשט פון זוכען, די ליידענשאַפט צו פאָרשען, כדי זיך צו דערגרונטעוועט ביז די סאַמע טיעפענישען פון דער העברעאישער שפראַך און פון דער תורה. דידאָזיגע פאָרשונגען זענען אָנגעגאַנגען אונאויפהערליך ווייטער. יעדער דור האָט זיך בעמיהט צו שאַפען עפּעס נייעס — און ווי וועניג אימיצער זאָל האָבען מחדש געווען, האָט עס אַלץ געשטויסען דידאָזיגע וויסענשאַפט און חקירה פאָרווערטס, וואָס האָט שטאַרק בערייכערט דעם יודישען קולטורעלען אוצר מיט נייע געדאַנקען און מיט נייע אָריגינעלע אינטערפּרעטאַציעס.

נאָך צו דער צייט פון ר׳ יונה אבן־גנאַח האָט אין טאָלעדאָ געלעבט אַ בעדייטענדע יודישע פערזענליכקייט, ר׳ יצחק בן ישוש. ער זאָל האָבען געווען אַ גרויסער געלעהרטער, דענקער און איז אויך געווען אַ גרויסער מעדיצינער, מיט וואָס ער איז זעהר געווען בעריהמט צווישען די אַראַבער. ער איז געווען דער לייב-דאָקטאָר פון עמיר מודזשאַהיב און אויך פון זיין זוהן עלי איקאַבל עבדולאַה.

ר׳ יצחק האָט זיך אָבער אויסגעצייכענט נישט בלויז מיט אַלגעמיינע וויסענשאַפטען און פילאָזאָפיע, נאָר אויך מיט דער העברעאישער שפראַך-פאָרשונג און מיט תורה-אינטערפּרעטאַציע. ווי ווייט זיין גרויסקייט איז דערגאַנגען אויף דעמדאָזיגען געביעט איז אונז שווער צו אורטיילען, ווייל זיינע ספרים זענען פערפאַלען געוואָרען. עס איז אָבער בעקאַנט, אַז די שפּעטערדיגע דורות האָבען שטאַרק געלויבט זיין געלעהרזאַמקייט און זיינע

פאַרשונגען. ר׳ יצחק בן ישוש האָט געהאַט אָנגעשריבען אַ העברעאישע גראַמאַטיק אונטער׳ן נאָמען „ספר הצירופים“. עס שיינט, אַז ער האָט געהאַט זעהר אַ קריטישען מוח און איז געווען שטאַרק פריי אין זיינע אינטערפּרעטאַציעס. לויט מאַנכע פאַרשער, איז ר׳ יצחק בן ישוש געווען דער־יעניגער, וועלכער האָט זיך ערלויבט צו בעהויפּטען, אַז דער טייל „ואלה המלכים“ אין פרשה וישלח, ביז׳ן סוף, איז געשריבען געוואָרען מיט עטליכע הונדערט יאָהר שפּעטער — און ר׳ אַברהם אבן־עזרא האָט עס שטאַרק קריטיקירט און געזאָגט, אַז מען דאַרף זיין ספר פערברענען. ר׳ יצחק בן ישוש האָט געלעבט פינף־און־זיבעציג יאָהר און איז געשטאָרבען אין יאָהר 1057.

אַ צווייטער גרויסער מדקדק און מפרש איז שפּעטער אויפגעשטאַנען אין שפּאַניען אין דער פּערזאָן פון ר׳ משה אבן־גיקאַטילאַ. ר׳ משה איז געבוירען געוואָרען אין קאָרדאָוואַ אַרום יאָהר 1070 און האָט זיך שפּעטער בעזעצט אין סאַראַגאָסאַ, וואו ער איז אויסגעהאַלטען געוואָרען פון אַ יודי־שען מעצענאַט ר׳ שלמה. עס איז פאַרהאַן אַ סברה, אַז ער זאָל צום סוף האָבען געוואוינט אויך אין פּראָוואַנס, אָבער די היסטאָרישע פאַרשער זענען דערין מחולק. עס איז מעגליך, אַז ער זאָל האָבען געוואוינט אין קאַטאַלאָ־ניע, וועלכע איז דאַן געווען אונטער דער פראַנצויזישער הערשאַפט. דער־פון איז געקומען דער טעות, אַז ער זאָל האָבען געוואוינט אין פראַנקרייך, וועהרענד באמת איז קאַטאַלאָניע געווען שפּאַניש.

ר׳ משה אבן־גיקאַטילאַ איז געווען אַ תלמיד פון ר׳ יונה אבן־גנאַח — עס הייסט, אַז ער האָט שטאַרק געהאַלטען פון זיין שיטה אין גראַמאַטיק, ווי אויך אין די אינטערפּרעטאַציעס אויף דער תורה. ער האָט זיך אין זיינע פירושים געהאַלטען פריי און ער האָט זאָגאַר פּרובירט, אַזוי צו זאָ־גען, אַרויסצוגעפינען דעם היסטאָרישען הינטערגרונד פון ישעיה און תהלים. ער האָט זיך פערמאָסטען צו בעהויפּטען, אַז מאַנכע קאַפּיטלען תהלים זע־נען געשאַפען געוואָרען אין פערשידענע צייטען. אבן־עזרא ברענגט אין תהלים מ״ב ר׳ משה׳ס מיינונג, אַז דערדאָזיגער קאַפּיטעל איז געשאַפען געוואָרען אין בבל. דאָס איז געווען זעהר אַ דרייסטע בעהויפּטונג, אָבער אבן־עזרא קריטיקירט איהם נישט דערפאַר. ער האָט פון איהם שטאַרק גע־האַלטען. אין זיין „מאזנים“ שרייבט ער אויף איהם: „ר׳ משה הכהן הספרדי הנקרא בן גיקאַטילאַ ממדינת קורדובה באר ספרי הדקדוק גם הוסיף ענינים לא ידעום הקדמונים“. ער בענוצט זיך איבערהויפּט זעהר פיעל מאָל מיט זיינע פירושים. זיינע פירושים זענען, ליידער, פערלוירען־געגאַנגען, און נאָר בלויז שטיקלעך פון זיינע פירושים, ציטירט פון מאַנכע מפרשים, ווי אויך אַ כתב־יד פון זיין פירוש אויף תהלים, זענען געבליבען. די לעצטע צייט איז אָבגעדרוקט געוואָרען זיינער אַ פירוש אויף איוב.

מעהר שאַפונגען זענען ביי אונז פערבליבען פון דעם גרויסען שפּראַך־פאָרשער און מפרש אין יענער צייט ר׳ יהודה אבן־בלעם. ער האָט נישט געהערט צו דער אַזוי־גערופענער מאָדערניסטישער אָדער אולטראַ־מאָדערניס־

טישער שול פון תורה-אינטערפרעטאַציע, ער איז אָבער געווען אַ גרויסער אָנהענגער פון פשוט'ען פשט. ער האָט אַלע זיינע אויסטייטשונגען אויף דער תורה געמאַכט אויפ'ן גרונד פון דער גראַמאַטיק פון דער העברעאישער שפּראַך און פילאָלאָגישער פאָרשונג.

ר' יהודה אבן־בלעם איז געבוירען געוואָרען אונגעפעהר אין יאָהר 1070, אָדער שפּעטער, אין קאָרדאָווא, אָבער דערנאָך האָט ער זיך בעזעצט אין סעוויל. עס הייסט, אַז ר' יהודה איז געווען, אַזוי צו זאָגען, אַ לאַנדסמאַן און אויך אין איין עלטער מיט ר' משה אבן־גיקאַטילאַ. דידאָזיגע צוויי גרויסע מפרשים אין זייער צייט זענען אָבער געגאַנגען אין פערשידענע וועגען. זיי האָבען געהאַט צוויי בעזונדערע צוגאַנגען צו דער אינטערפּרעטאַציע פון דער תורה. און מהאי טעמא זענען צווישען זיי פאָרגעקומען געוויסע קריגערייען.

ר' יהודה אבן־בלעם האָט אין זיינע פירושים אַרויסגעוויזען דעם כח־הצמצום. ער האָט זיך נישט אַריינגעלאָזט אין אַ סך רייד און אין אַ סך חקירות. ער האָט בלויז געוואָלט אויסטייטשען דאָס וואָרט אָדער דעם פּסוק אויפ'ן קירצליכסטען אופן. און דער עיקר איז ביי איהם געווען די מסורה. ער האָט נישט געמאַכט קיין פולקאָמענעם ביאור אויף אַלע פּסוקים פון דער תורה לויט'ן סדר, נאָר ער האָט געמאַכט זיינע אויסטייטשונגען און בעמערקונגען בלויז אויף יענע פּסוקים, וועלכע האָבען, לויט זיין מיינונג, געמוזט אינטערפרעטירט ווערען. ער האָט זיך אין זיינע פירושים אויך סומך געווען אויפ'ן תלמוד, ער האָט זיך בענוצט מיט'ן תרגום און געמאַכט געוויסע אַראַבישע פערגלייכונגען. ער בענוצט זיך אויך זאָגאַר מיט'ן קאָראַן — און כדי צו רעכטפערטיגען זיין טהאַט, פעררופט ער זיך אויף ר' האי גאון, וועלכער האָט זאָגאַר צו אַ געוויסען משנה-וואָרט געבראַכט אַ בעווייז פון די שירי־עגבים פון די אַראַבער. ער האָט זיך אָפט בענוצט מיט ר' האי־גאון'ס לעקסיקאָן און ער דערמאָהנט איהם אין זיינע פירושים. ער האָט זיך אויך בענוצט מיט די ספרים פון ר' שמואל הנגיד און הויפּטזעכליך מיט די פאָרשונגען פון ר' יונה אבן־גנאח. דערביי האָט ער זיך אַרויסגעוויזען אַלס שאַרפער פּאָלעמיקער און קריטיקער, נישט שוינענדיג אַפילו די גרעסטע פערזענליכקייטען. ער האָט שאַרף אַנגעגריפען ר' משה אבן־גיקאַטילאַ, ר' יצחק אבן־גיאת און ר' שמואל הנגיד. ער האָט נישט געשוינט אַפילו אַזאַ פערזענליכקייט, ווי ר' סעדיה גאון, וועלכען ער האָט אַגב שטאַרק געשעצט, און ער ערלויבט זיך אויסצודריקען אין ערשטען קאַפּיטעל ישעיה בנוגע זיינעם אַ פירוש, אַז אַזוי האָט געקאָנט אויסטייטשען נאָר אַזעלכער, וועלכער האָט קיין שום ידיעה נישט אין דער העברעאישער שפּראַך-פאָרשונג!

ר' יהודה אבן־בלעם האָט געשריבען זיין פירוש אויף דער גאַנצער תורה, אָבער זיינע ספרים זענען פערלוירענגעגאַנגען. דאָך האָבען די יודישע פאָרשער נישט אויפגעגעבען די האָפנונג זיינע פירושים צו געפינען און מען האָט זיי אויך געפונען. דער גאַנצער פירוש אויף במדבר און דברים, שטי

קער צו תהלים און קהלת און כמעט צו אַלע ספרים פון נביאים געפינען זיך פּאַרלויפיג אין מאַנוסקריפּט. עס זענען שוין איבערגעדרוקט געוואָרען געוויסע טיילען פון זיינע פּירושים אויף במדבר און דברים און דער גאַנ־צער פּירוש אויף יהושע, שופטים, ישעיה, ירמיה און תרי־עשר. פון אַנדערע ספרים זיינע זענען געדרוקט געוואָרען דער ספר „אותיות הענינים", דער „ספר הפעלים הנגזרים מן השמות" און ספר „התַּגִּנים" — וועגען די עהנ־ליכע ווערטער פון דער העברעאישער שפּראַך, וועלכע האָבען אָבער אַנ־דער בעדייטונג. שפּעטער האָט ר' משה אבן־עזרא דידאָזיגע אידעע פונ'ם ספר „התגגים" פיעל פערגרעסערט און פערברייטערט אין זיין „ספר התרשיש".

אויסער די אַלע אינטערפּרעטאַציעס אויף דער תורה און וויכטיגע גראַמאַטיקאַלישע ווערק, האָט ר' יהודה אבן־בלעם געשאַפען אַ פּראַכטפול ווערק איבער די טראָפּ פון איוב, משלי און תהלים, אונטער'ן נאָמען „שער טעמי ג' ספרי אמת". דאָס איז אַ העכסט אינטערעסאַנטע און טיפע אָב־האַנדלונג איבער די מערקווירדיגע יודישע פּאָעטישע אַקצענטירונגען, וואָס האָבען אַ גרויסע בעדייטונג נישט בלויז פאַר גראַמאַטיק און אינטערפּרע־טאַציעס, נאָר אויך פאַר דער נאָטען-געשיכטע. די יודישע טראָפּ זענען גלייכצייטיג אויך געוויסע מוזיקאַלישע נאָטען, דורך וועלכע עס קאָנען אַרויס־געבראַכט ווערען און עס ווערען אַרויסגעבראַכט געוויסע מעלאָדיעס. ער גיט אַ גרינדליכע אָבהאַנדלונג איבער דעם מהות און די געזעצען פון אָט די אוראַלטע נאָטען.

ר' יהודה אבן־בלעם האָט געהאַט דעמזעלבען מזל ווי אַ סך אַנדערע שעפער: די שפּעטערדיגע מפרשים האָבען אַרויסגענומען פון איהם שענע ביאורים און האָבען אַפּילו נישט אָנגעוויזען, פונוואַנען זיי האָבען עס גע־נומען! — דערביי איז אינטערעסאַנט, אַז רד"ק אין זיין „ספר השרשים", ביים שורש „לָאַךְ", ציטירט אַ פּירוש אין נאָמען פון ר' יהודה אבן־בלעם אויפ'ן פסוק י"ד פון קאַפּיטעל ב' אין נחום, וואָס אינ'ם געדרוקטען פּירוש פון ר' יהודה אבן־בלעם איז עס גראָד נישטאָ! איבריגענס בעווייזט עס אָבער, אַז זיינע פּירושים זענען געווען פּאָפּולער און אַז זיי האָבען אויס־געאיבט אַ בעדייטענדע ווירקונג אויף די שפּעטערדיגע מפרשים.

ר׳ יצחק אבן־בַרון.

אין דער צווייטער העלפט פון עלפטען יאָהרהונדערט האָט אויפ׳ן געביעט פון דער העברעאישער שפּראַך־פאָרשונג און תורה־אינטערפרעטירונג אויפגעשטראַהלט איינער פון די בעדייטענדסטע גייסטער, וועלכע דאָס שפּאַנישע יודענטום האָט געהאַט אַרויסגעגעבען. דאָס איז געווען ר׳ יצחק אבן־ברון.

ר׳ יצחק אבן־ברון איז געווען אַ זשעני. ער איז געווען אַ שעפּערישער גייסט פון גאַר אַ הויכער מדרגה. ער האָט געהאַט אַ שאַרפען אַנאַליטישען מוח און האָט זיך געקאָנט אַראָבלאָזען אין די סאַמע טיעפענישען פון דער שפּראַך.

ער איז געווען אַ וואונדערבאַרער קינסטלער פון דער אַראַבישער שפּראַך, דורך וועלכער ער האָט בעקומען די מעגליכקייט אַרויסצובריינגען העכסט אָריגינעלע און פּראַכטפולע אויסטייטשונגען פונ׳ם העברעאישען וואָרט און האָט אַריינגעבלאָזען אַ נייעם גייסט, אַ נייע נשמה אין דער גראַמאַטיק און פילאָלאָגיע פון דער העברעאישער שפּראַך. ער איז געווען טיעפער און גרינדליכער פאַר אַ סך פון זיינע פאָרגעגנגער, וועלכע האָבען זיך געהאַט אָבגעגעבען מיט דער שפּראַך־פאָרשונג — און ס׳איז אויך פאַרהאַן אַ מיינונג, אַז מיט זיין געניאַלען אַריינדרינגען אינ׳ם מהות פון דער שפּראַך זאָל ער נאָך האָבען אַריבערגעשטיגען אַפילו דעם גרויסען העברעאישען און אַראַבישען פאָרשער ר׳ יונה אבן־גנאַח.

עס קלינגט משונה׳דיג, אָבער ס׳איז דאָך אַ פאַקט, אַז דערדאָזיגער גרויסער זשעני איז שנעל פאַרגעסען געוואָרען, בעת פיעל קלענערע פון איהם זענען פאַרבליבען און זענען שטענדיג דערמאָהנט געוואָרען. דערביי איז אינטערעסאַנט, אַז ער איז פונדערהיים נישט געווען עפּעס אַבי־ווער און האָט נישט געלעבט ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפען ווינקעלע און אָבגעזונ־

זונדערט פון דער וועלט. ר׳ יצחק אבן־ברון האָט געשטאַמט פון אַנ׳אַדעליגער פאַמיליע אין שפּאַניען, און ר׳ יהודה הלוי און ר׳ משה אבן־עזרא רופען איהם אָן מיט׳ן טיטעל „נשיא״, פירשט. ער איז געבוירען אין סאַראַגאָסאַ אין דער צייט, ווען די יודיש־שפּאַנישע ליטעראַטור האָט געהאַלטען אין ריכטיגען שוואונג, אין רעכטען בליהען. ער האָט געהאַט געלערנט ביי דעם גרויסען דיכטער און גראַמאַטיקער ר׳ לוי אַלתּבּאַן, וועלכען ר׳ אַברהם אבן־עזרא דערמאָהנט אין זיין „מאזנים״ אַלס שעפּער פון „ספר המפתח״. ער איז שפּעטער געוועזען אינטים בעפריינדעט מיט די גרויסע דיכטער ר׳ יהודה הלוי און ר׳ משה אבן־עזרא — און אַז ער איז געשטאָרבען, האָבען זיי איהם בעוויינט אין עטליכע עלעגיעס. דאָס אַלץ בעווייזט, ווי גרויס און ווי געשעצט ער איז געוועזען ביי די שענסטע פאָרשטעהער פון שפּאַני־שען יודענטום אין יענער צייט. און דאָך איז ער גיך פערגעסען געוואָרען און אַפילו זיינע ספרים זענען עפּעס ווי פערפאַלען געוואָרען. פון אַלע שפּראַך־פאָרשער און מפרשים, וועלכע זענען געקומען נאָך איהם, דערמאָהנען איהם בלויז ר׳ משה אבן־עזרא און שפּעטער ר׳ יוסף קמחי און אַברהם בן־שלמה פון תּימן. ר׳ משה אבן־עזרא דערמאָהנט זאָגאַר זיין ספר און זאָגט אויסדריקליך, אַז ר׳ יצחק אבן־ברון האָט געשאַפען דעם ספר „כּתאב אַלמו־אַזנה״, אין וועלכען ער פּרובט פערגלייכען די קרובה׳שאַפט פון אַראַביש מיט העברעאיש סיי אין פילאָלאָגישער און סיי אין גראַמאַטיקאַלישער הינזיכט.

עטליכע הונדערט יאָהר האָט זיין ספר אַרומגעוואַנדערט איבער דער גרויסער וועלט, ביז ער האָט ענדליך בעקומען זיין תּיקון. מיט עטליכע צעהנדליג יאָהר צוריק איז דאָס ווערק ענטדעקט געוואָרען און איז אויך אָבגעדרוקט געוואָרען. עס איז געוועזען דערזעלבער ספר, וועגען וועלכען עס האָט געהאַט גערעדט ר׳ משה אבן־עזרא. דער ספר איז צו אונז שוין נישט דערגאַנגען אין זיין פולקאָמענער פאָרם. בלויז שטיקלעך, אפשר אַ העלפט פונ׳ם ספר איז געפונען געוואָרען; אָבער פון דעם, וואָס ס׳איז געבליבען, שאַפען זיך די פאָרשער אַ געוויסע פאָרשטעלונג וועגען דער גרויסער בעדייטונג פונ׳ם גאַנצען ספר.

דערדאָזיגער ספר איז איינגעטיילט אין צוויי טיילען. איין טייל בע־האַנדעלט די גראַמאַטיק פון לשון־קודש אין פערגלייכונג מיט דער אַראַבי־שער שפּראַך, און דער צווייטער טייל איז אַ לעקסיקאָן, איינגעאָרדענט לויט׳ן אַלף־בית. דאַ, אָט אין דעם ווערק, האָט עס אבן־ברון אַרויסגע־שטראַהלט מיט זיין זשעני. עס איז נישט געוועזען סתם אַ צופאַל, וואָס זעהר פיעל ווערטער פון דער העברעאישער שפּראַך זענען עהנליך צו אַראַבישע. ר׳ יצחק אבן־ברון בעגרינדעט די עהנליכקייט אויף אַ וויסענשאַפטליכען אופן. ער דערגעהט ביז די סאַמע טיעפעניש פוןביידע שפּראַכען; ער צעגלידערט, ער אַנאַליזירט די שרשים פון העברעאיש און אַראַביש, און דאַן ווייזט ער אָן אויף דעם אורשפּרינגליכען שורש פון ביידען. און אין

אַראַביש איז טאַקע ר׳ יצחק אבן־ברון געווען דער גרעסטער מייסטער. ער האָט גוט געקענט די אַראַבישע ליטעראַטור. ער האָט געקענט דעם קאָראַן, די אַראַבישע דיכטונגען און זאָגאַר פאָלקסווערטלעך, און ער בענוצט זיך מיט זיי גאַנץ אָפט אין זיינע גראַמאַטיקאַלישע און פילאָלאָגישע פאָרשונגען.

עס איז אייגענטליך געווען אָנגענומען, אַז ר׳ יצחק אבן־ברון האָט געהאַט געשאַפען אַ דירעקטען פירוש אויף די כתבי־הקודש. ר׳ יוסף אבן־עקנין, דער תלמיד מובהק פון רמב״ם, זאָגט אין אַן אָרט, אַז ר׳ יצחק אבן־ברון איז געווען אַ גרויסער פשטן, אַז ער האָט זיך געהאַלטען אָן דעם פשוט׳ען פשט אין זיינע פירושים אויף די כתבי־הקודש און בעזונדערס אויף שיר־השירים. די היינטיגע פאָרשער האַלטען, אַז ר׳ יוסף עקנין האָט דערמיט נישט געמיינט צו זאָגען, אַז ר׳ יצחק אבן־ברון האָט געהאַט אָנגעשריבען אַ דירעקטען פירוש אויף די כתבי־הקודש און איבערהויפט אויף שיר־השירים, נאָר ער האָט געמיינט די תורה־אינטערפּרעטאַציעס, וואָס מען קאָן אַרויסקריגען פון זיין ספר ביי דער פאָרשונג פון דער גראַמאַטיק און פילאָלאָגיע פון דער העברעאישער שפּראַך, וואו ער ברענגט ציטאַטען אַלס ביישפּיעלען פון דער תורה. דידאָזיגע סברה שיינט אָבער צו זיין אונבעגרינדעט. קודם־כל רעדט ר׳ יוסף אבן־עקנין גאַנץ קלאָר און דייטליך וועגען אבן־ברון׳ס פירושים און דערצו נישט סתם עפּעס פון איינצעלנע ווערטער, נאָר פון די כתבי־הקודש. אויסערדעם, בעטאָנט ער ספּעציעל וועגען די פשט־פירושים אויף שיר־השירים. אויב מען זאָל אָננעהמען, אַז ר׳ יוסף האָט געמיינט בלויז די תורה־אינטערפּרעטאַציעס, וועלכע מען קאָן אַרויסבעקומען פונ׳ם לעקסיקאָן־אַרטיגען ספר „כתאב אלמואזנה״, פאַרוואָס האָט עס ר׳ יוסף אַליין נישט געקאָנט דייטליך זאָגען? וויפיעל ווערטער אין שיר־השירים האָט עס אבן־ברון געקאָנט ספּעציעל אויסטייטשען אַפילו אין זיין גאַנצען ספר, אַפילו אין יענעם טייל, וועלכער איז פאַר אונז אינגאַנצען פערלוירענגעגאַנגען? און פאַרוואָס עפּעס בעקומט מען פון זיין „כתאב״ מעהר אויסטייטשונגען אויף שיר־השירים, ווי אויף אַנדערע ספרים פון די כתבי־הקודש? עס איז דעריבער מעהר וואַהרשיינליך, אַז ער האָט יאָ געהאַט געשאַפען דירעקטע פירושים אויף דער תורה לויט׳ן פשוט׳ען פשט, און ר׳ יוסף אבן־עקנין האָט זיי טאַקע געהאַט געזעהן. זיי זענען בלויז מיט דער צייט פערלוירענגעגאַנגען, פונקט אַזוי ווי עס איז פערלוירענגעגאַנגען זיין ספר „כתאב אלמואזנה״ און ווי עס זענען פערפאַלען געוואָרען אַ סך ספרים פון פיעל אַנדערע שעפערישע פערזענליכקייטען פון מיטעלאַלטער.

אייגענטליך איז ר׳ יצחק אבן־ברון נישט געווען דער ערשטער זיך צו בעשעפטיגען מיט דער פאָרשונג פון די העברעאיש־אַראַבישע פערגלייכונגען, אויף דערדאָזיגער ערשיינונג, אויף דער גלייכקייט צווישען אַראַביש און העברעאיש, האָבען שוין געהאַט אויפמערקזאַם געמאַכט ר׳ סעדיה גאון,

ר׳ האַי גאון, ר׳ יהודה אבן־קורייש און דונש בן־תמים. שפּעטער האָט זיך דערמיט בעשעפטיגט ר׳ יונה אבן־גנאַח אין זיין „ספר השרשים״ און אויך ר׳ יהודה אבן־בלעם. ר׳ יצחק אבן־ברון איז אָבער געווען פולקאָם אָריגי־נעל אין זיין גאַנצער וויסענשאַפטליכער פאָרשונג — און דעריבער איז ער אָנערקענט געוואָרען אויף דעמדאָזיגען געביעט אַלס ערשטער און איינציגער פאָרשער אין דער געשיכטע פון דער העברעאישער ליטעראַטור.

ר׳ אברהם אבן־עזרא.

א.

זיין בעדייטונג און זיין שאפען.

צו דער צייט פון אבן־עזרא איז שפאניען שוין געווען דער גרעס־טער יודישער קולטור־צענטער אויף דער וועלט. דער תלמוד׳ישער צענטער אין בבל איז שוין לאנג געווען פערשוואונדען, און די איבריגע יודישע צענט־רען אין איטאליען, דייטשלאנד און פראנקרייך זענען נאך קולטורעל נישט געשטאנען אויף דער געהעריגער הויכקייט. צפון־פראנקרייך איז שוין אפילו געווען מעהר ענטוויקעלט, אבער דארט האט זיך דער יודישער גייסט קאנ־צענטרירט הויפטזעכליך אויפ׳ן תלמוד אליין, און גרויסע שאפונגען האבען געהאלטען ערשט אין אויפבליהען. די שפאנישע יודען האבען אבער שוין געהאט פערנומען א ברייטען שאפונגס־פעלד און האבען שוין געהאט הינ־טער זיך א גלענצענדע געשיכטע פון שטראהלענדע זשעניען און וואונדער־בארע גייסטער. די שפאנישע יודען האבען געלעבט און געווירקט אין א הויכער און גרויסער גייסטיגער און עסטעטישער וועלט — און הגם די ריעזען פון זיי זענען מיט זייער דענקען און פילאזאפירען מאנכעסמאל אוועק אין זייערע אנשויאונגען אביסעלע צו־ווייט, זענען זיי דאך נישט אריבער די גרענעץ און האבען זיך געהאלטען שטרענג אן דער טראדיציע, אן דער מסורה. די שפאנישע יודען זענען אין דערדאזיגער בעציהונג גע־ווען א גלענצענדער מוסטער, אז ס׳קאן זיין א פולשטענדיגע הארמאניע צווישען תורה און וויסענשאפט, צווישען פילאזאפיע און רעליגיע, אז איינע שטעהט נישט אין וועג דער אנדערער.

ר׳ אברהם אבן־עזרא איז געווען א טיפישער פארשטעהער פונ׳ם שפאנישען יודענטום מיט זיין ברילליאנטענעם זשעני, מיט זיין אלזייטיגען און טיעפען וויסען און מיט בעדייטענדע פיעלפארביגע שאפונגען. ער איז געווען דיכטער, פילאזאף, מעדיצינער, אסטראנאם, מאטעמאטיקער, גראמאטי־קער, תלמוד׳יסט און מפרש. ער האט אריינגעזאפט אין זיך אל־דאס שענסטע

און אַל־דאָס בעסטע פון זיין צייט אויפ'ן געביעט פון וויסען און דענקען. עס איז כמעט נישט געווען קיין איין בעדייטענדע זאַך, וואָס זאָל פער־שווינדען פון זיין שאַרפען אויג. אַלץ האָט איהם אינטערעסירט. אין אַלץ האָט ער זיך פערטיעפט און געגריבעלט און אין אַלץ האָט ער געפאָרשט און געשאַפען. דידאָזיגע פאַרבען־רייכקייט זיינע און טיעפקייט האָט נישט געקאָנט פערשווייגען אַפילו אַ בעדייטענדע פערזענליכקייט פון זיין צייט גופא, ווען מען איז געווען אַליך קאַרג אויף שבחים... דערדאָזיגער מאַן האָט געזאָגט, אַז פון די צעהן מאָס חכמה, וואָס זענען אַראָב אויף דער וועלט, האָט ביין מאָס צוגענומען דער אבן־עזרא! — עס איז נישט צו בעגרייפען, וואו און ווען ער האָט בעוויזען אָנצוזאַמלען אַזאַ גרויסען באַגאַזש פון וויסען און וואו ער האָט גענומען אַזוי פיעל צייט און געדולד פאַר זיינע גרויסע שאַפונגען, בעת ער האָט זיין גאַנץ לעבען אַרומגעוואַנדערט איבער דער וועלט און האָט נישט געהאַט קיין ביסעל מנוחה. אָבער פאַר אַזאַ זשעני, ווי ער איז געווען, איז אַפנים קיין אונמעגליך נישטאָ.

ר' אַברהם אבן־עזרא איז געווען אַ גרויסער דיכטער. דער גרויסער לירי־קער היינריך היינע פערגלייכט איהם מיט ר' יהודה הלוי און מיט ר' שלמה בן־גבירול. אבן־עזרא האָט פערמאָגט אַ סך הומאָר און סאַרקאַזם, ער איז געווען שטעכעדיג און בייסענד און האָט מיט דער שאַרפקייט פון זיין חכמה און טאַלאַנט געשניטען אָהן רחמנות, אויב מען האָט געדאַרפט. מאַנ־כע דענקען, אַז ער האָט צו דער מדרגה פון ר' יהודה הלוי נישט דער־גרייכט, וויל אין זיינע לידער איז פאַרהאַן מעהר אינהאַלט, מעהר שפּראַכ־ליכע שענקייט, מעהר רייכע געדאַנקען, מעהר קלוגשאַפט, אָבער דערפאַר ווייניג דיכטערישע שענקייט, קינסטלערישע פאַנטאַזיע און שוואונג, אויך ווייניגער וואַרעמקייט און ליידענשאַפט אין זיינע לירישע שירים. דאָך נעהמט דאָס אַלץ נישט אַוועק פון איהם די קרוין פון אַ גרויסען דיכטער. דער אבן־עזרא בלייבט דאָך איינער פון די גרעסטע יודישע דיכטער אין שפּאַניען.

בעזונדערס מעכטיג איז ר' אַברהם אבן־עזרא געווען אַלס פאָרשער און מדקדק פון דער העבּרעאישער שפראַך, וואָס האָט, זעלבסטפערשטענדליך, געהאַט אַ גרויסע בעדייטונג אויף צו פערשטעהן דעם פשט פון דער תורה. ער האָט אַליין אָנגעשריבען עטליכע ספרים איבער דער העבּרעאישער גראַ־מאַטיק און נאָך דערצו איבערזעצט פון אַראַביש די גראַמאַטיק פון בעדיי־טענדסטען העבּרעאישען פילאָלאָג יהודה אבן־חיוג, וועלכער איז געווען דער ערשטער אָוועקצושטעלען די העבּרעאישע גראַמאַטיק אויף אַ געזונטען, ווי־סענשאַפטליכען באַזיס. מיט זיינע פילאָלאָגישע שאַפונגען איז ר' אַברהם אבן־עזרא געווען דער ערשטער, וואָס האָט בעקענט און אָנגעוויזען די רוימישע יודען אויף דער בעדייטונג פון העבּרעאישער גראַמאַטיק, פון וואָס זיי האָ־בען לחלוטין נישט געוואוסט. דער אבן־עזרא האָט ליעב געהאַט די העב־רעאישע שפראַך און האָט אַלע זיינע ספרים געשריבען אויף העבּרעאיש,

נישט אזוי ווי די איבעריגע פון זיין גלייכען, וועלכע האָבען זייערע ווערק געשריבען אויף אַראַביש. ער האָט שטאַרק געקעמפפט פאַר דער ריינקייט און שענקייט פון לשון־קודש און האָט זיך אויף זיין שטייגער שאַרף אָבגערע־כענט מיט פיעל פייטנים, און בעזונדערס מיט ר׳ אליעזר הקליר, אַנוויזענ־דיג, אַז זיי קענען נישט די שפּראַך, ווייסען פּשוט נישט פון דקדוק און ס׳איז ביי זיי רעכט צוליב אַ שלעכטען גראַם צו מאַכען אַ תל פון לשון־קודש.

ער אבן־עזרא האָט אויך בעוויזען זיין גרויסען כח אין אַסטראָנאָמיע און אַסטראָלאָגיע — וועגען דער ווירקונג פון די שטערען אויפ׳ן שיקזאַל פון מענשען, אין וואָס ער האָט, אַגב, שטאַרק געגלויבט, — און ספּעציעל אין מאַטעמאַטיק. זיינע גרויסע מאַטעמאַטישע פעהיגקייטען האָט ער בעווי־זען אין די פערשידענע אַסטראָנאָמישע אויסרעכענונגען, אין די אַסטראָנאָ־מישע טאַבעלען, וואָס ער האָט געשאַפען, און אין אַנדערע ערטער פון זיי־נע גרויסע שאַפונגען. ער האָט אָבער פיעל מעהר אויפגעטהאָן מיט זיין פּשוט׳ען אַריטמעטישען ווערק, ווי מיט אַלע אַסטראָנאָמישע און אַסטראָלאָגישע חשבונות. דאָס איז געווען נישט בלויז אַ מאַטעמאַטיש ווערק, נאָר אַ גרויס קולטור-ווערק, דען דאָס איז געווען דאָס ערשטע און דאָס איינציגע אַריט־מעטישע ווערק, וואָס איז דאַן געשריבען געוואָרען אין אייראָפּאַ. די דאַ־מאָלסדיגע געבילדעטע אייראָפּאַ האָט נאָך אַזאַ מין ווערק נישט געהאַט — און ס׳איז גראָד אויסגעפאַלען דער גורל אויף אָט דעם שפּאַנישען יוד, אַז ער זאָל מזכה זיין די אייראָפּעאישע וועלט, די קריסטליכע וועלט, מיט אַ ווערק איבען רעכען-קונסט.

עס איז אָבער נישט געווען בלויז דאָס אַליין, מיט וואָס ער האָט געווירקט אויף דער וועלט. דאָס איז געווען דער געדאַנק, דער נייער גע־דאַנק, דער קריטישער געדאַנק, וואָס האָט אויסגעאיבט אַ גרויסען איינ־פלוס אויף דער אינטעלעקטועלער ענטוויקלונג פון דער מיטעלאַלטערליכער און מאָדערנער אייראָפּאַ. ער איז געווען נישט בלויז דער פערמיטלער צווי־שען דער אַראַבישער ציוויליזאַציע און דער קריסטליכער אייראָפּאַ, נאָר ער איז אויך געווען דער שעפער פון נייע געדאַנקען; ער איז אפשר געווען דער ערשטער, אַזוי צו זאָגען, ביבעל-קריטיקער, פרייער פאָרשער און דענ־קער, הגם ער איז געשטאַנען פעסט אויף דער יודישער טראַדיציע, אויף דער מסורה.

דער אבן־עזרא איז געווען אַ פילאָזאָף, אַ טיפער דענקער. ער האָט נישט געהאַט קיין פולשטענדיג אויסגעאַרבייטע פילאָזאָפישע דיסציפּלין, ער האָט נישט געהאַט קיין גענויע, אָבגערונדעטע שיטה. אָבער זיינע אָריגינעלע צוואָרפענע געדאַנקען האָבען געשפּיעלט אַ גרויסע ראָלע אויף דעם פילאָ־זאָפישען געדאַנק פון דער וועלט. מיט זיין פילאָזאָפיע האָט דער אבן־עזרא אויסגעאיבט אַ גרויסען איינפלוס אויף דעם יודישען רעליגיעז-פילאָזאָפישען

געדאַנק, וועלכער איז שפּעטער ענטוויקעלט געוואָרען דורך דעם רמב״ם און דערנאָך אויך דורך שפּינאָזאַ׳ן.

שפּינאָזאַ האָט זיך אין דער יוגענד שטאַרק אינטערעסירט מיט׳ן אבן־עזרא. ער האָט זיך אין איהם פערטיעפט און שטודירט און איז געוועזן פערוואונדערט פון זיין דרייסטען און קריטישען אַרט דענקען. דער אבן־עזרא האָט אויף איהם געמאַכט אַ גרויסען איינדרוק. זאָגאַר ווען ער איז שוין געוועזן גרויס און בעריהמט אין דער וועלט, האָט ער נאָך אַלץ פּרובירט זיך גריבלען אין געוויסע דונקעלע שטעלען פון אבן־עזרא. דערזעלבער שפּינאָזאַ, וועלכער איז געוועזן פריי און האָט נישט געהאַלטען פון יודישע אויטאָריטעטען און טראַדיציעס, און אַלע זענען ביי איהם אויסגעקומען צו־קליין, האָט נישט געקאָנט דורכלאָזען דעם אבן־עזרא׳ס פּירוש אויף דער תורה: שפּינאָזאַ זאָגט אויף איהם, אַז ער איז געוועזן אַ מענש פון גרויסען גייסט און נישט פון מיטעלמעסיגער געלעהרזאַמקייט.

נאָר ווי גרויס און בעדייטענד ר׳ אַברהם אבן־עזרא איז געוועזן אויף אַלע געביעטען פון וויסענשאַפט און געדאַנק, איז ער אָבער פיעל ווירקזאַמער געוועזן מיט זיין פּירוש אויף דער תורה. מיט אַלע זיינע גרויסע פעהיגקייטען און שאַפונגען וואָלט ער דאָך נישט פערבליבען אַזוי פּאָפּולער ביים יודישען פאָלק, ווען ער זאָל נישט בעהעפטען זיין נאָמען מיט דער תורה, וועלכע איז הייליג און אייביג. דער אבן־עזרא, וועמען די יודען קענען, איז נישט אבן־עזרא דער מאַטעמאַטיקער, דער אַסטראָנאָם, דיכטער און פילאָזאָף, נאָר אבן־עזרא דער מְפָרֵשׁ, ווייל נאָר אין זיין פּירוש איז נתגלה געוואָרען זיין גרויסקייט.

ב.

מענש און וואַנדערער.

ווי פערשידענפאַרביג דער אבן־עזרא איז געוועזן אין זיין גייסטרייכקייט, אין זיין קונסט, אין זיין טיעפען און ברייטען וויסען, דורך וואָס ער האָט אַרויסגערופען ענטציקונג און פערוואונדערונג פון די אַלע, וועלכע האָבען איהם געקענט, און אויך פון די, וועלכע זענען געקומען נאָך איהם, אַזוי מערקווירדיג קאָמפּליצירט און זאָנדערבאַר איז ער געוועזן אַלס מענש, וואָס האָט אויך אַרויסגערופען פערוואונדערונג פון זיינע צייט־גענאָסען. ער האָט פערמאָגט אַלע מעלות צו זיין גרויס און בעריהמט אַלס דענקער, אַלס קינסטלער, אַלס פאָרשער. עס האָבען איהם אָבער געפעהלט די נויטיגע קוואַליטעטען צו ווערען אַ גרויסע פערזענליכקייט. דערצו האָט איהם געפעהלט די מאַיעסטעטישע רוהיגקייט, די שטאַנדהאַפטיגקייט, די גאַנצקייט, די אויסגעהאַלטענקייט.

ער איז געוועזן קלוג, שאַרפזיניג, פול מיט הומאָר און סאַטירע. ער

האָט געלאַכט פון זיך און געלאַכט פון אַנדערע. ער האָט געבליצט מיט אַפאָריזמען, שענע ווערטלעך, מיט משלים און חידות. ער איז געווען זעהר אינטערעסאַנט און אונטערהאַלטענד. מיט זיינע שאַרפע אָנגריפען אין ערנסט און אין שפּאַס האָט ער ערוואָרבען אַ סך שונאים, אָבער מיט זיין חכמה האָט ער געוואונען אַ סך מעהר פריינד. די גרעסטע מענשען, וועלכע ער האָט געטראָפען אין דער וועלט, פלעגען פון איהם ענטציקט ווערען. אפילו דער גרויסער דיכטער און פילאָזאָף ר׳ יהודה הלוי האָט איבערגענומען פון איהם אַ סך איינפאַלען און געדאַנקען, מיט וועלכע ער האָט זיך בע־נוצט אין זיינע שאַפונגען.

אין מאַנכע ערטער זענען געווען אַזעלכע פערזענליכקייטען, וואָס האָבען איהם געהאַלטען ביי זיך און נישט געוואָלט אָוועקלאָזען. עס איז זאָגאַר געווען איינער אַ גרויסער גביר, וואָס האָט זיך געוואָלט אָבזאָגען פון זיין עשירות און זיך לאָזען מיט איהם אין דער וועלט אריין. יענער איז גרייט געווען אויסצושטעהן אַלע ליידען און יסורים, וואָס זענען פער־בונדען מיט׳ן טלטול־הדרך, אַבי צו זיין נאָהענט נעבען אבן־עזרא און הע־רען פון איהם חכמה. ער איז געווען פערכאַפּענד, ענטציקענד, ווי מען זעהט עס אין זיינע שאַפונגען.

ער איז אָבער נישט געווען אויסגעהאַלטען. ער איז געווען אַ מענש פול מיט סתירות און איז אָפט אריינגעפאַלען אין עקסטרעמען. קענטיג, אַז עס האָבען איהם בעאונרוהיגט צוויי פערשידענע נשמות — די נשמה פון אַ ראַציאָנאַליסט, פון אַ פרייען דענקער, פון אַ פרייען קינסטלער, און די נשמה פון אַ טיעף־רעליגיעזען מאַן, פון אַ גרויסען מאַמין. מחמת־דעם איז ער געווען אַ רעטעניש פאַר די מענשען פון זיין אייגענעם דור. דאָ האָט ער זיך אַרומגעריסען מיט די קאַראַאימער און האָט געמאַכט פון זיי אַש און רויך — און דאָ האָט מען געזעהן, אַז ער חבר׳ט זיך מיט זיי; פון איין זייט האָט מען געזעהן, אַז ער גיט פרייע פירושים אויף דער תורה און שטעלט זיך אַוועק אין דער ראָלע פון אַ תורה־קריטיקער, וואָס איז בע־טראַכט געוואָרען פאַר אַ גרויסע דרייסטקייט — און פון דער אַנדערער זייט ווידער האָט מען דערזעהן, אַז ער פאַלט־אָן זעהר שאַרף אויף דעם גרויסען פאָרשער פון דער העברעאישער שפּראַך ר׳ יונה אבן־גנאח און געהט אַוועק אַזוי ווייט, דאָס ער ערקלערט, אַז זיינע ספרים דאַרפען אונבעדינגט פער־ברענט ווערען, ווייל זיי זענען געגען דעם גייסט פון דער תורה און פון יודישקייט. איינמאָל זעהט מען איהם אויפטרעטען אַלס פרייער דענקער, וואָס האָט אַרויסגערופען אַ גרויסען חידוש, און אַ צווייט מאָל טרעט ער אויף אין דער ראָלע פון אַ שאַרפען פערביסענעם קנאי. דאָ טרעט ער אויף אַלס טרוקענער ראַציאָנאַליסט, שטעלענדיג די לאָגיק, די פערנונפט העכער פון אַלץ — און פלוצלינג זעהט מען, ווי ער ווערט פערוואַנדעלט אין אַ מיס־טיקער. דאָ איז ער טיעף רעליגיעז, און דאָ ווערט ער אינמיטען־דרינען אַ מאַמין אין די „מזלות״ און נעהמט אַוועק פון מענשען די בחירה. דאָ איז

ער אַ קריטיקער, און דאָ האַלט ער זיך שטרענג אָן דעם אות פון דער תורה. עס שיינט, אַלזאָ, אַז דער אבן־עזרא איז געווען אַ שטימונגס-מענש און האָט זיך נישט אַלעמאָל געקאָנט קאָנטראָלירען. עס איז אָבער זיכער, אַז זיין רעליגיעזיטעט און איבערגעגעבענהייט צו דער טראַדיציע איז ביי איהם געשטאַנען העכער פון אַלץ און איז געווען טיעפער איינגעוואָרצעלט אין זיין האַרץ און נשמה, און מחמת-דעם האָט מען די אונגעווינשטע ערשיינונגען ביי איהם פערקוקט.

פון דער נאַטור איז דער אבן־עזרא באמת געווען אַ שטימונגס-מענש, אַ קינסטלער און זעהר אַן׳אונרוהיגער. דידאָזיגע אונרוהיגקייט האָט זיך אָבגעשפּיגעלט נישט בלויז אין זיין דענקען און שאַפען, נאָר אויך אין פּראָסט-פּשוט׳ען לעבען. ער האָט קיינמאָל נישט געפיהרט קיין ריכטיג פאַמיליען-לעבען און האָט דעריבער נישט געהאַט קיין אמת׳ע, שטענדיגע היים. ער איז זיין גאַנץ לעבען געווען נע־ונד אין דער וועלט. דאָ איז ער געווען אין איין שטאָדט, און דאָ אין אַן׳אַנדער שטאָדט. דאָ איז ער געווען אין איין מדינה, און דאָ אין אַן׳אַנדער מדינה. וואו ער האָט געטאָגט האָט ער נישט גענעכטיגט, און וואו ער האָט גענעכטיגט האָט ער נישט געטאָגט.

דער אבן־עזרא איז געווען אין פולען זין פון וואָרט אַ וועלט-רייזענדער. נישט בלויז מיט אַכט הונדערט יאָהר צוריק, נאָר אַפילו ביי היינטיגען טאָג האָבען וועניג מענשען געמאַכט אַזעלכע וייטע נסיעות. ער איז געווען אין מאַראָקאָ, אין עגיפּטען, ארץ־ישראל, באַגדאַד, פּערסיען און האָט אָנגעשפּאַרט אַזש קיין אינדיען. עס איז פאַרהאַן אַ סברה, אַז קומענדיג אין אינדיען האָט מען איהם געצוומען אין געפאַנגענשאַפט, אָבער אַדאַנק זיין גרויסע חכמה און זיינע וואונדער, וואָס ער האָט בעוויזען אין פאָרויסזאָגען די צוקונפט, האָט מען איהם בעפרייט. חוץ די אָריענטאַלישע לענדער, האָט ער אויך לאַנג פערבראַכט אין איטאַליען, פראַנקרייך און ענגלאַנד.

עפּעס אַן׳אינערליכע אונרוהיגקייט האָט איהם געיאָגט פון לאַנד צו לאַנד. ער האָט לאַנג נישט געקאָנט זיצען אויף איין אָרט. אין דערדאָזיגער בעציהונג איז ער געווען אַ יחיד במינו. נאָך קיינער ביז איהם, פון זיין שטאַנד, האָט נישט געמאַכט אַזעלכע נסיעות אין מרחקים און דערצו אַזעלכע אויסערגעוועהנליך שווערע, אויסערגעוועהנליך געפעהרליכע. די אַלע געפאַהרען האָבען איהם נישט אָבגעשראָקען. פערקעהרט, וואָס ווייטער ער איז געפאָהרען, אַלץ שטאַרקער האָט זיך ביי איהם ענטוויקעלט דער דורשט פון וואַנדערן. און אָט ביי אַזעלכע אומשטענדען האָט ער נאָך געדאַרפט לערנען און שאַפען. ער אַליין האָט שפּעטער געגעבען פון זיך אַ כאַראַקטעריסטיק:

„בכל מקום גרתי,\
ספרים חברתי,\
וסודות בארתי".

חוץ אַלעם דעם איז ר׳ אַברהם אבן־עזרא געווען אַ קלאַסישער קבצן. ווי גרויס ס׳איז געווען זיין זשעני, אַזוי גרויס איז אויך געווען זיין אָרימ־קייט. ער האָט קיינמאָל אין זיין לעבען נישט געהאַט קיין בעשעפטיגונג. ער האָט זיך נישט פערנומען מיט מסחר אָדער מלאכה, ווי דאָס האָבען גע־טהאָן אַ סך אַנדערע חכמים. ער האָט נישט געהאַט פערנומען קיין שום שטעלע. עס קאָן זיין, אַז ער האָט פּרובּירט עפּעס טהון און ס׳איז איהם נישט געגאַנגען. ער האָט נישט געהאַט קיין הצלחה. עס זענען געווען איי־ניגע צופאַלען, ווען ער איז געשטיצט געוואָרען פון רייכע מעצענאַטען, וועלכע האָבען איהם שטאַרק פערעהרט, אָבער בכלל איז ער געווען אַ גרוי־סער אביון און עס איז איהם אין קיין זאַך נישט געגאַנגען. און טאַקע פון איהם שטאַמט עס דאָס בעריהמטע ווערטעל, אַז ווען ער וואָלט געהאַנדעלט מיט ליכט, וואָלט די זון קיינמאָל נישט אונטערגעגאַנגען, און ווען ער וואָלט געהאַנדעלט מיט תכריכים, וואָלט קיין מענש נישט געשטאָרבען.

„לו יהיו נרות סחורתי,
לא יאָסף שמש עד מותי.
לו אהיה סוחר בתכריכין,
לא יגועון אישים בכל ימי״.

עס איז אָבער געווען איין זאַך, מיט וואָס ער האָט זיך געהאַט יאָ בעשעפטיגט, כדי אויפצוהאַלטען די נשמה. דאָס איז געווען אַסטראָלאָגיע. פּשוט׳ער גערעדט, ער האָט זיך געהאַט בעשעפטיגט מיט טרעפען די צו־קונפט. ער האָט אַליין געגלויבט אין אַסטראָלאָגיע, אין דער ווירקונג פון שטערען אויפ׳ן שיקזאַל פון מענשען. ער האָט געגלויבט, אַז מען קאָן גע־בּוירען ווערען אונטער אַ גוטען „מזל״ און אַ שלעכטען „מזל״. ער האָט געהאַלטען, אַז נישט אַלעמען איז געגעבען געוואָרען די ב ח י ר ה. די בחירה איז, לויט זיין מיינונג, בעשרענקט געוואָרען נאָר פאַר יענע, וועלכע ווייסען דעם „דעת עליון״, פאַר די יחידים, פאַר די אויסדערוועהלטע; אָבער נישט פאַר די פּשוט׳ע מענשען. אָט די פּשוט׳ע מענשען זענען, לויט זיין מיינונג, געבונדען דורך די „מזלות״, וועלכע ווירקען אויף זיי, און זיי האָבען נישט און קאָנען נישט האָבען קיין פרייען ווילען. קוים איז איינער געבוי־רען געוואָרען אונטער דעם אָדער יענעם „מזל״, קאָן ער שוין פון איהם נישט פּטור ווערען און זיין גאַנץ לעבען וועט געפיהרט ווערען לויט דער גזרה פון אָט דעם „מזל״.

קענענדיג אָט דידאָזיגע חכמה, אַסטראָלאָגיע, האָט ער זיך אונטערגע־נומען צו טרעפען די צוקונפט. ער האָט זיך נישט פערמאָסטען, ווי אַ סך אַנדערע, צו טרעפען דעם „קץ״, צו זאָגען נביאות וועגען „אחרית הימים״, ווען משיח וועט קומען; פערקעהרט, ער האָט געראָטען וועגען דעם איג־גאַנצען נישט צו טראַכטען. אָבער אויף מענשען האָט ער זיין חכמה אָנגעווענדעט. ער אַליין דערצעהלט, אַז ער פלעגט די צוקונפט טרעפען.

אין איינעם פון זיינע שירים זאָגט ער:

„ולי עשר ידות אלהי נתן בסודות,
בגילוי העתידות ונולדים ויולדות".

ער איז דעריבער געוואָרען זעהר פּאָפּולער אַלס טרעפער — און ווי נאָר ער פלעגט קומען אין אַ שטאָדט, פלעגען זיך צו איהם ציהען גאַנצע מחנות, ער זאָל זיי פּאָרויסזאָגען די צוקונפט. און ער האָט עס געטהאָן פּאַר אַ געוויסע בעלוינונג. זיין נאָמען אַלס „טרעפער" איז געוואָרען אַזוי בעריהמט, אַז מען האָט איהם זאָגאַר איינגעלאַדען אין קעניגליכע פּאַלאַצען, ער זאָל טרעפען די צוקונפט — און אַלע זענען געווען ענטציקט פון זיינע טרעפענישען. צוליב אָט די פאָרויסזאָגונגען האָט ער בעקומען דעם נאָמען „אַברהם החוזה". אָט דאָס איז געווען זיין איינציגע בעשעפטיגונג און דער־פון האָט ער געצויגען זיין שטיקעל פּרנסה.

אָבער נישט־קוקענדיג אויף דעם אַלעם, איז ער אַלעמאָל געווען לוס־טיג און האָט אַריבערגעטראָגען די צרות מיט אַ שמייכעל. ער האָט געהאַט געגנוג ערנסטע און טרויעריגע מינוטען איבערהויפּט צוליב דעם גורל פון'ם יודי־שען פאָלק, וואָס האָט אַזוי ביטער געליטען אין גלות. ער האָט פיעל טרעהרען פערגאָסען אין זיינע ליעדער און זיך געגנוג אָנגעוועהטאָגט מיט'ן צער־האומה. אָבער וועגען זיך האָט ער וועניג געזאָרגט. ער האָט אַלץ אויפגענומען לייכט. זיין פיינער הומאָר האָט בעזיעגט זיינע ליידען. זיין גרעסטע טרייסט האָט ער געפונען אין זיינע שאַפונגען, וועלכע האָבען איהם געבראַכט פיעל פרייד, פערגעניגען און גרויסע פערעהרונג אומעטום, וואו ער האָט זיך בעוויזען.

•

זיין יוגענד, הייראַט און וועלט־אַנשויאונג.

פונקט ווי אַ סך גרויסע פּערזענליכקייטען אין די אַלטע צייטען, אַזוי האָט אויך אבן־עזרא געהאַט דעם מזל, אַז זיין פּריוואַט לעבען זאָל ווערען איינגעהילט עפּעס אין אַ געהיימניס. עס האָט זיך אַרום איהם זאָגאַר אויס־געשפּונען אַ שטיקעל לעגענדע. עס זענען פאַרהאַן פלוגתות וועגען דער שטאָדט, וואו ער איז געבוירען, וועגען דער צייט, ווען ער איז געבוירען, ווי־אַזוי ער האָט זיך ערצויגען, וועגען זיין חתונה און פאַמיליען־לעבען, וועגען דער צאָהל פון זיינע קינדער און וואָס עס איז פון זיי געוואָרען. מחמת־דעם איז ער פאַר היסטאָריקער געוואָרען אַ גאַנץ גוטער מאַטעריאַל אויף גריבלענישען און פאָרשונגען, וועלכע האָבען — נאָך אַלעם — קיין פול־שטענדיגע קלאָרקייט נישט אַריינגעבראַכט.

פּאַר נישט־גריבלער איז אָבער געבליבען אָנגענומען, ווי פריהער, אַז

ר׳ אַברהם בן מאיר אבן־עזרא איז געבוירען געוואָרען אין טאָלעדאָ (שפּאַניען) אין יאָהר 1092–93, אונגעפער מיט צוועלף־דרייצעהן יאָהר פאַר רש״י׳ס טויט. פון זיינע עלטערן און זיין אָבשטאַמונג איז כמעט לחלוטין נישט בעוואוסט. עס זענען אין שפּאַניען געווען אַ סך אבן־עזרא׳ס און אויך גרויסע פּערזענליכקייטען, וואָס זייערע נעמען האָבען געקלונגען איבער׳ן גאַנצען לאַנד און אויך איבער די גרעניצען פון דער מדינה. עס שיינט אָבער, אַז ער האָט מיט דיזאָזיגע פאַמיליעס קיין שייכות נישט געהאַט, און אויב ער האָט יאָ געהאַט אַ שייכות מיט זיי, איז עס געווען אַ גאַנץ ווייטע. ס׳איז אויך נישט בעקאַנט, ווער עס איז געווען זיין רבי, ביי וועמען ער האָט געלערנט תורה און ביי וועמען ער האָט געלערנט די אַלגעמיינע וויסענשאַפטען. ער אַליין האָט קיינמאָל נישט דערמאָהנט אין זיינע ספרים וועגען דעם — און מען וויסט נישט, צי ער האָט זיין גרויסען וויסען ערוואָרבען פון זיך אַליין, דורך זיין גרויסען זשעני און התמדה, צי ער האָט געהאַט געוויסע טעמים זיינע רביים און לעהרער נישט צו דערמאָהנען.

ער האָט אָבער לאַנג אין טאָלעדאָ נישט פערבראַכט. דען נאָך גאָר אַלס יונגערמאַן איז ער ערשינען אין קאָרדאָווא, וואו ער האָט געשלאָסען בעקאַנטשאַפט מיט אַזעלכע רעליגיעזע פּערזענליכקייטען פון יענער צייט, ווי ר׳ יוסף אבן־צדיק און ר׳ יהודה הלוי, וועלכע זענען געוואָרען זיינע נאָהענטע פריינד. דאָס בעווייזט, אַז ער איז שוין דאַמאָלס געווען גענוג גרויס; ווען נישט — וואָלט ער אין אַזאַ הויך־קולטורעלער, גייסטרייכער און קינסטלע־רישער סביבה זיך נישט געקאָנט אריינפּאַסען און אַ פשיטא נאָך צו ווערען פריינד.

עס איז פאַראַן אַ סברה, אַז מיט ר׳ יהודה הלוי איז ער געווען אַ נאָהענטער קרוב. מאַנכע בעהויפּטען, אַז ער איז געווען ר׳ יהודה הלוי׳ס אַנ׳איידעם. דאָס לעצטע שטאַמט פון דאָן יצחק אַברבנאַל׳ס אַ צופעליגער, אינדירעקטער בעמערקונג. רעדענדיג וועגען אַ געוויסען ענין, זאָגט ר״י אַברבנאַל, אַז ער איז געניינט אָנצונעהמען די מיינונג פון אבן־עזרא, דעם איידעם פון ר׳ יהודה הלוי, מחבר פון „כוזרי". ר״י אַברבנאַל האָט עס, קענטיג, אָנגענומען פאַר אַ גאַנץ פערשטענדליכער זאַך, וואָס אַלע וויי־סען עס.

אויף דעם סמך זענען ענטשטאַנען די גריבלענישען וועגען זיין קרובה׳שאַפט צו ר׳ יהודה הלוי — און דאָס פאָלק, וואָס האָט ליעב צו שאַ־פען פאַנטאַסטישע און ראָמאַנטישע מעשיות איבער אַ בעליעבטער פּערזאָן, האָט וועגען איהם אויך אויסגעשפונען אַ שענע מעשה. עס הייסט, אַז ר׳ יהודה הלוי, וועלכער איז אויסער זיין גרויסקייט געווען אויך רייך, האָט קיין זיהן נישט געהאַט, נאָר איין־אייציגע טאָכטער, זעהר אַ גרויסע שענ־הייט. זיין פרוי האָט איהם עטליכע מאָל אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז ס׳איז שוין צייט דער טאָכטער חתונה צו מאַכען, נאָר ר׳ יהודה פלעגט אַלעמאָל דעם ענין מדחה זיין. אָבער איינמאָל, ווען זי האָט איהם שוין געהאַט דער־

עסען מיט איהרע טענות, האָט ער נישט אויסגעהאַלטען און געשוואָרען, אַז ער וועט איהר חתונה מאַכען מיט'ן ערשטען מאַן, וואָס וועט מאָרגען אריינקומען אין הויז. אויף מאָרגען אינדערפריה איז ערשינען אין ר' יהודה הלוי'ס הויז עפּעס אַ וואַנדערנדער אָרימאַן, אָבגעריסען און אָבגעשליסען, וועלכער איז געווען נישט קיין אַנדערער, ווי אַברהם אבן־עזרא. ווען ר' יהודה הלוי'ס פרוי האָט איהם דערזעהן, האָט זי זיך דערמאָהנט אָן דער שבועה פון איהר מאַן און זי איז געוואָרען אַ צוציטערטע. אָט דער שלעפּער וועט עס זיין דער צוקינפטיגער מאַן פון איהר שענער בת־יחידה? זי האָט איהם גענומען פרעגען, ווער ער איז, פונוואַנען ער קומט; אָבער אבן־עזרא האָט נישט געוואָלט אויסזאָגען, ווער ער איז. די פרוי איז תיכף אַוועק אין בית־המדרש, וואו ר' יהודה הלוי איז געווען, און האָט איהם דערצעהלט וועגען גרויסען אונגליק. זי האָט געוויינט און געבעטען, אַז ער זאָל חרטה האָבען פון זיין שבועה. ר' יהודה הלוי האָט געענטפערט, אַז די זאַך אין פערפאַלען, ערקלערענדיג דערביי, אַז ער וועט שוין מיט איהם לערנען און מאַכען איהם פאַר אַ לייט. אבן־עזרא האָט זיך געמאַכט, אַז ער קען קיין זאַך נישט, און ר' יהודה הלוי האָט מיט איהם אָנגעהויבען שטאַרק אריינצולערנען. דער אבן־עזרא האָט זיך אַרויסגעוויזען פאַר אַ גרויסען מתמיד און ער האָט געמאַכט אַ געוויסען פראָגרעס אין לערנען.

איינמאָל האָט זיך ר' יהודה הלוי זעהר לאַנג פערזאַמט אין בית־המדרש, ווייל ער האָט געדאַרפט ענדיגען אַ נייעם „פזמון", און די לעצטע שורות זענען איהם אָנגעקומען זעהר שווער. ער האָט בשום־אופן נישט געקאָנט ענדיגען. די פרוי איז אַוועק אין בית־המדרש און האָט איהם געבעטען געהן אַהיים. ווען דער אבן-עזרא האָט איהם, קומענדיג צוריק, געפרעגט, פאַרוואָס ער האָט אַזוי פערשפעטיגט, האָט איהם ר' יהודה הלוי כמעט נישט געענטפערט און איז באַלד צוריק אַוועק אין בית־המדרש אַרבייטען איבער'ן שיר. דער אבן־עזרא איז געווען זעהר נייגעריג צו וויסען, וועגען וואָס עס האָט זיך געהאַנדעלט, און ער האָט עס עטליכע מאָל געפרעגט ביי דער פרוי. נאָך לאַנגע בעטענישען האָט זי איהם ענדליך דערצעהלט. דאַן האָט דער אבן־עזרא זיך אָנגערופען צו איהר, אַז ער וואָלט זעהר געוואָלט זעהן דעמדאָזיגען „פזמון". די פרוי איז אַוועק אין בית־המדרש און האָט דערצעהלט וועגען דעם איהר מאַן. ר' יהודה הלוי איז געווען נייגעריג צו זעהן, וואָס דער „עם־הארץ" איז דאָ אויסען, און ער איז געקומען אַהיים און האָט איהם געוויזען דעם נישט-פערענדיגטען „פזמון". אבן־עזרא האָט אַ קוק געטהאָן, גענומען אַ פעדער און תיכף צוגעשריבען די נויטיגע פאָר שורות. ער האָט אַפילו דעם גאַנצען „פזמון" אויסגעבעסערט. ווען ר' יהודה הלוי האָט דאָס דערזעהן, איז ער געוואָרען מלא־שמחה און האָט אויסגעשריען פון פרייד: „איצט וויס איך, אַז דו ביזט אַברהם אבן־עזרא". דאַן האָט אבן־עזרא זיך געלאָזט ר' יהודה'ן דערקענען און ער האָט חתונה געהאַט מיט זיין טאָכטער.

די מעשה איז טאַקע זעהר אַ שענע און אַנ׳אינטערעסאַנטע און איז אפשר גאַנץ גוט צוגעפּאַסט צום אבן־עזרא. אָבער נאָך די אַלע סברות און מעשיות איז דאָך נישט בעקאַנט, אַז ער זאָל האָבען חתונה געהאַט מיט ר׳ יהודה הלוי׳ס טאָכטער. איבעריגענס, צי ער האָט געהאַט פּאָר אַ פרוי ר׳ יהודה הלוי׳ס טאָכטער, צי עמיץ אַנ׳אַנדערענס אַ טאָכטער — זיין פאַמיליען-לעבען בלייבט יעדענפאַלס פולקאָם דונקעל. עס איז אַ סברה, אַז ער האָט געהאַט פינף קינדער. דערויף זאָל ער אַליין האָבען מרמז געווען אין זיינע ספרים. אָבער אין משך פון זיין גאַנצען לעבען זעהט מען איהם שטענדיג אַליין און ער דערמאָהנט אַפילו אַ וואָרט נישט, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט זיין פאַמיליע. בעקאַנט איז נאָר זיין איינציגער זוהן יצחק, וועלכער איז אויך געווען אַ דיכטער און איז געשטאָרבען אין די יונגע יאָהרען. אָבער וועגען דעם גורל פון די איבריגע קינדער און זיין פרוי איז נישט בעוואוסט.

פערוויילענדיג אַ קורצע צייט אין קאָרדאָווא, האָט ער איין טאָג זיך אויפגעהויבען, גענומען זיין זוהן יצחק און איז אַוועק איבער דער וועלט. צוערשט האָט ער זיך אָבגעשטעלט אין מאַראָקאָ, וואו ער האָט זיך בעקענט מיט ר׳ שלמה אַל־מואַלעם, וועלכער איז געווען דער דאָרטיגער ראש־גלותא מיט דער הסכמה פון קאַליף. אבן־עזרא האָט צו זיין כבוד געשאַפען אַ שיר. פון דאָרט האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט קיין ארץ־ישראל און עגיפּטען, וואו ער האָט נאָכגעפאָרשט אין אַלטע ספרים, און דאַן איז ער אַוועק קיין באַגדאַד. ער האָט אָבער אויך דאָרט לאַנג נישט געקאָנט איינזיצען. ער האָט דעריבער געלאָזען זיין זוהן יצחק אין באַגדאַד ביי דעם דאָרטיגען בעריהמטען דאָקטאָר און געלעהרטען נתנאל און איז אַליין אַוועק אין ווייטע לענדער און האָט דערגרייכט אַזש קיין אינדיען. אויף אָט די אַלע רייזעס האָט ער אויסגעפונען טייערע אוצרות ספרים, וועלכע ער האָט אויסגעלערנט, און צו גלייכער צייט האָט ער זיך בעקענט מיט׳ן לעבען און מנהגים פון די פערשידענע פעלקער און שבטים, וואָס עס איז איהם אויסגעקומען צו זעהן אויף דער גרויסער וועלט. דידאָזיגע נסיעות זענען פאַר איהם געווען אמת׳ע שטודיום-נסיעות, סיי בנוגע תורה און וויסענשאַפט, ווי אויך בנוגע דעם מענשליכען לעבען בכלל.

ווען ער האָט זיך שוין געהאַט גענוג אָנגעזעטיגט מיט זיינע נסיעות און אָנגעשעפּט אַ סך ידיעות און חכמות, האָט ער זיך אַ לאָז געטהאָן צוריק אַהיים. ער האָט זיך דאַמאָלס ווידער אָבגעשטעלט אין מאַראָקאָ, וואו ער האָט זיך בעקענט מיט ר׳ יוסף בן־עמראן. דערדאָזיגער בן־עמראן איז געווען אַ דיכטער, אַ גרויסער גביר און אַ גרויסער חכם. ער האָט דעם אבן־עזרא באַלד ליעב בעקומען, און זעהענדיג זיין טרויעריגען מאַטעריעלען מצב, האָט ער איהם צוגעזאָגט צו העלפען. און ער האָט איהם טאַקע געהאָלפען אויך. אַז אבן־עזרא איז שוין געווען צוריק אינדערהיים, פלעגט ער בעקומען שטיצע פון ר״י בן־עמראן יעדעסמאָל, ווען ער האָט זיך צו

איהם געווענדעט. פאר'ן ארימען אבן־עזרא איז דאס געווען אנ'אמת'ע ישועה — און אזוי לאנג ווי בן־עמראן האט געלעבט, איז איהם געווען נישט שלעכט. בן־עמראן איז אבער איינגיכען אוועקגעשטארבען און דעם אבן־עזרא איז געווארען ביטער.

צו די אלע צרות, זענען דאן די אראבער אנגעפאלען אויף די יודען און האבען צוראבירט דאס יודישע האב-און-גוטס. מען האט די יודישע טעכטער גע'שמד'ט מיט געוואלד און די גאנצע יודישע קהלה איז חרוב געווארען. דעמדאזיגען חורבן האט דער אבן־עזרא שפעטער בעוויינט אין זיינע שירים. עס פערשטעהט זיך, אז נאכ'ן פערלוסט פון זיין שטיצער און נאך דעם גרויסען חורבן פון דער יודישער קהלה האט שוין דער אבן־עזרא געמוזט אויסוואנדערן אין אנ'אנדער מדינה. ער האט דעריבער גענומען זיין אלטען וואנדער-שטעקען און זיך אוועקגעלאזט אין וועג אריין. ער האט דורכגעמאכט א לאנגע און שווערע נסיעה, ביז ער איז ענדליך, אין יאהר 1140, אנגעקומען קיין רוים, וואו עס האבען געלעבט א היבש ביסעל יודען, צווישען זיי אויך אייניגע תלמידי־חכמים, אין פערהעלטניסמעסיג גוטע בעדינגונגען, דען די דאמאלסדיגע פויפסטען האבען זיך בעצויגען צו די יודען גאנץ פריינדליך און זיי געשיצט פון די אנפאלען פון זייערע שונאים.

ד.

דער נייער פירוש אויף דער תורה.

מיט זיין אנקומען קיין רוים טרעט ער אריין אין א נייער פאזע פון זיין לעבען. ביז דאמאלס איז אבן־עזרא געווען מעהר אדער ווייניגער דער וואנדערער, דער גייסטיגער וואנדערער, דער גריבלער, דער פארשער פון נייע אידעען און דער זאמלער פון תורה און וויסען.

אין רוים אבער הויבט ער אן זיין אנגעזאמעלטען גייסטיגען באגאזש אויסצונוצען. דא הויבט ער שוין אן צו שאפען. פונדאנען הויבט שוין אן אויפצושטראהלען דער גרויסער אבן־עזרא, וואס זיין נאמען איז שפעטער פערַאייביגט געווארען אין דער וועלט. דאס הייסט נישט, נאטירליך, אז מיט רוים הערט שוין אויף זיין וואנדערניש, אז ער גרינדעט דארט זיין שטענדיגע היים און אלע זיינע ספרים ווערען דארט געשאפען. דאס איז פאר אזא וואנדער-נאטור, ווי דער אבן־עזרא האט געהאט, פשוט געווען אוממעגליך. ער האט ווייטער געמאכט נייע נסיעות, בעזוכט נייע שטעדט און לענדער, געשלאסען בעקאנטשאפט מיט די גרעסטע חכמים פון זיין דור, און אלע זיינע פערשידענארטיגע ספרים זענען געשאפען געווארען אין פערשידענע שטעדט. אבער דעם אנהויב האט ער געמאכט אין רוים. דא האט ער געמאכט די גרויסע התחלה, דא האט ער אנגעהויבען שאפען דאס גרעס-

טע לעבענס-ווערק זיינס, דאָ האָט ער געלעגט דעם יסוד פאַר זיין בעריהמ-טען און אָריגינעלען פירוש אויף דער תורה.

ביז דעם אבן־עזרא זענען שוין געווען פערשידענע מינים פירושים אויף דער תורה. דאָס רוב פון זיי זענען געווען נישט אין אַ פולקאָמענער פאָרם, זענען נישט געווען קיין פולשטענדיגע פירושים אויף דער גאַנצער תורה. דער אָדער יענער למדן האָט זיך געמאַכט אַ פירוש אויף געוויסע טיילען אָדער אויף איין טייל פון דער תורה. ר"א אבן־עזרא איז שוין גע-ווען בעקאַנט מיט רש"ס פירוש אויף דער תורה. אָבער קיין איינער פון די אַלע פירושים איז איהם נישט געפעלען געוואָרען. ער האָט געהאַלטען, אַז נישט איינער פון זיי האָט געמאַכט דעם ריכטיגען צוגאַנג אויף אויסצו-טייטשען די תורה פשוט אַזוי ווי איז. פערקעהרט, זיי האָבען זיך בעמיהט מיט אַלע כחות דעם פשוט'ען פשט צו פערנעבלען און אַריינצולעגען אין דער תורה אַזעלכע כוונות, וועלכע זענען לויט זיין מיינונג לחלוטין ווייט פונ'ם מקור, לחלוטין ווייט פון דער כוונה פונ'ם מחוקק.

עס זענען געווען אַזעלכע, וועלכע האָבען פרובירט אָנהענגען אויף דער תורה גאַנצע פילאָזאָפישע שיטות. זיי האָבען יעדע זאַך אין דער תורה פרובירט בעפוצען מיט פילאָזאָפישע רעיונות. זיי האָבען פרובירט מאַכען די תורה פאַר אַ מין פילאָזאָפיש ווערק. זיי האָבען זיך גאָר אויף אַ רגע נישט געוואָלט נעהמען די מיה צו בעטראַכטען, אַז די געטליכקייט, די גרויסקייט און שענקייט פון דער תורה ליעגט דוקא אין איהר פשטות; שוין נישט-רעדענדיג דערפון, וואָס זייערע אייגענע פילאָזאָפיעס און זייערע אייגענע רעיונות זענען לחלוטין נישט געווען די כוונות פון דער געטליכער אָפענ-באַרונג, די כוונות פון דער תורה.

עס זענען געווען אַזעלכע, וועלכע האָבען פרובירט אויסטייטשען די תורה מיט קבלה, מיט סודות און רמזים. זיי האָבען בעטראַכט די תורה פאַר אַ שטיק רעטעניש, פאַר אַ ספר, וואָס איז פון אָנהויב ביז'ן סוף, פון דעם ערשטען אות ביז'ן לעצטען אות פול מיט טיעפע רמזים און געהיימניסען, און ווען מען זאָל דערגעהן אָט דעם הויפט-רמז פון אַלע רמזים, ווען מען זאָל דערגעהן אָט די אַלע בעהאַלטענע כוונות, וואָס ליעגען אַפילו אין יע-דען אות, וואָלט מען געקאָנט פערשטעהן דעם סוד פון דער יצירה, וואָלט מען געקאָנט בעווייזען די גרעסטע וואונדער, וואָלט מען געקאָנט וועלטען איבערקעהרען. נישט די פשוט'ע ווערטער זענען דער עיקר אין דער תורה, נאָר די סודות, וואָס עס ליעגען אין זיי, וואָרום די ווערטער זענען בלויז אַ לבוש פאַר די אינערליכע כוונות און סודות, וואָס זענען אין זיי בע-האַלטען. די בעלי־הסוד האָבען אַפילו געצעהלט די אותיות פון דער תורה, זיי האָבען געצעהלט די ווערטער, זיי האָבען צונויפגערעכענט די אותיות און די ווערטער און געשאַפען פון זיי נייע ווערטער, וועלכע האָבען עס געזאָלט ענטהאַלטען די אמת'ע כוונה. די בעלי-הסוד האָבען געשוועבט אין

אַ וועלט פון שענע פאַנטאַזיעס, און אַט די פאַנטאַזיעס האָבען זיי עס גע־וואָלט אַרויפדרינגען אויף דער תורה.

זיי האָבען געהאַלטען, אַז זיי האָבען ענטדעקט די אמת'ע כוונה פון דער תורה, ווערהרענד באמת האָבען זיי, פערשטעהט זיך, זייערע רעיונות צוגעפּאַסט צו די פשוט'ע ווערטער פון דער תורה. עס איז קיין ספק נישט, אַז די בעלי־הסוד האָבען געהאַט הויכע רעיונות און גוטע כוונות אויף אויפצוהויבען דעם מענשען העכער און איהם שענער מאַכען, אָבער צו דער תורה גופא האָבען זיי קיין שייכות נישט געהאַט. די תורה האָט לחלוטין נישט געמיינט צו זאָגען דאָס, וואָס די בעלי־הסוד האָבען געוואָלט.

דאָסגלייכען איז אויך געווען דער פאַל מיט יענע, וועלכע האָבען פּרובירט אויסטייטשען די תורה דורך דרש. פּונקט אַזוי ווי די בעלי־הסוד, אַזוי האָבען אויך די מפרשים על־פּי דרש פּרובירט געבען דער תורה אַנ'אַנ־דער קאָליר, אַנ'אַנדער בעפּוצונג. דער דרש אַן־און־פאַר־זיך איז אַ גאַנץ שענע זאַך. ער איז אַ צירונג פאַר דער תורה. דער דרש בעפּוצט אַלץ, דער דרש גיט־צו שענע פאַרבען, ער שילדערט די געשעהעני שען און די העלדען אין וואונדערבאַרע קאָלירען. דער דרש איז אַנציהענד, פערכאַפּענד. אָבער צו דרש איז קיין גרענעץ נישטאָ. יעדערער קאָן דרש'ענען וואָס ער וויל, יעדערער קאָן טייטשען וואָס ער וויל. וואָס רייכער די פאַנטאַזיע — אַלץ שענערע דרשות. פאַר'ן בעל־דרשן איז, אַגב, נישטאָ קיין שווערער פּסוק, וואָרום אויף יעדער זאַך האָט ער אַ משל, אַ מעשה. די תורה בלייבט אָבער די תורה. די שענע דרשה־אויסטייטשונגען קאָנען דיענען אַלס קרוין פון דער תורה; דאָס בלייבט אָבער פאָרט נישט די עצם תורה.

ר"א אבן־עזרא טרעט אַרויס מיט זיין געוועהנליכער שאַרפער שפּראַך געגען די אַלע מינים מפרשים. בעזונדערס רעכענט ער זיך אָב מיט די מפרשים, ווי ר' שמואל בן־חפני און ר' יצחק, פון וועלכע ער מאַכט אַבי־סעל ליצנות. פון רש"י'ס גרויסקייט אין תורה איז ער געווען בעגייסטערט און האָט אפילו אָנגעשריבען לכבוד איהם אַ געהויבענעם שיר; ער האָט אָבער נישט געהאַלטען פון „ר' שלמה'ס פּירוש", דאָס מיינט ער רש"י, ווייל ער איז צופיעל דרש און גאַנץ ווייניג פּשט. זיין מיינונג איז, אַז דרש גיט טאַקע צו מעהר חן, מעהר געשמאַק, אָבער די תורה מוז קודם־כל אויסגע־טייטשט ווערען על־פּי פּשט. „אין מקרא יוצא מידי פשוטו" מוז בלייבען אַ פעסטער כלל. די תורה ענטהאַלט נישט קיין שום רמזים און פילאָזאָפיעס, צו וועלכע עס איז קיין שיעור נישטאָ. די תורה איז געגעבען געוואָרען אויף אַ מענשליכער שפּראַך, און מחמת־דעם מוז מען קודם־כל פערשטעהן גוט די שפּראַך, כדי צו פערשטעהן דעם מהות און די גרויסקייט פון דער תורה.

דאָס איז געווען דעם אבן־עזרא'ס צוגאַנג צו דער תורה, צו זיין פּירוש אויף דער תורה. און אין דערדאָזיגער הינזיכט האָט אבן־עזרא בעווי־זען, אַז ער איז נישט בלויז אַ גרויסער זשעני, נאָר אויך אַ מענש פון אונ־

אַבהענגיגען דענקען, פון דרייסטקייט און מוט. אין דעם זין איז ער געווען, אַזוי צו זאָגען, אַ באַהן-ברעכער. ער האָט לחלוטין אָבגעווייכט פון די ווע־גען און מעטאָדען פון די פריהערדיגע מפרשים און האָט געעפענט אַ ניי־עם וועג, אַנ׳אייגענעם וועג, אַנ׳אָריגינעלען וועג, ווי-אַזוי מבאר צו זיין די תורה. מיט זיין צוגאַנג איז ער געווען דער ערשטער, וואָס האָט דעם פירוש אויף דער תורה געבויט אויף אַ ריין-וויסענשאַפטליכען אופן. ער האָט זיך זאָגאַר ערלויבט צו מאַכען געוויסע בעהויפּטונגען אין דער תורה, וואָס זענען געווען געגען די אָנגענומענע מיינונגען, אָבער זיין טיעפע אמונה און לאָיאַ־ליטעט צו טראַדיציע האָט ער דאָך אויסגעשפּרייט אויף אַלץ. אין די שפּע־טערדיגע צייטען איז ר״א אבן־עזרא זאָגאַר אָנערקענט געוואָרען אַלס דער ערשטער ביבעל-פאָרשער, אַדאַנק זיינע אָריגינעלע אויסטייטשונגען און אונ־אַבהענגיגע בעהויפּטונגען.

ר״א אבן־עזרא איז, פערשטעהט זיך, נישט געגאַנגען אַזוי ווייט, ווי די היינטיגע ביבעל-פאָרשער, וואָס מאַכען-איבער דעם טעקסט, נעהמען-אַראָב און לעגען-צו, שטוקעווען און לאַטענען, ווי זייער האַרץ געלוסט. פאַר איהם איז געווען דער עיקר דער פשט, און פשט האָט ביי איהם געהייסען גרינד־ליכע קענטניס פון דער שפּראַך, די גראַמאַטיק, די שענקייט און דער גייסט פון דער שפּראַך. איידער ר״א אבן־עזרא געהט-צו צו אַ פסוק, מוז ער קודם־כל פעסטשטעלען די אָבשטאַמונג פון וואָרט, דעם שורש, די פילאָ־לאָגיע, דעם דקדוק, דעם ריכטיגען ניקוד. ער שטעלט זיך אָב אויף דעם אייגענאַרטיגען גייסט פון לשון־קודש, און ווען ער ווערט דערמיט פאַרטיג, ערשט דאַמאָלס פערטייטשט ער דעם פסוק און ברענגט-אַרויס אויף אַ קלאָ־רען אופן דעם צוזאַמענהאַנג פון דעם אינהאַלט. ער איז געווען אַזוי שטאַרק אַריינגעטהאָן אין זיין פשוט׳ען פשט, מיט וועלכען ער האָט זיך געוואָלט אויסצייכענען און אונטערשיידען פון די פריהערדיגע מפרשים, וועלכע זע־נען געגאַנגען אויפ׳ן וועג פון פילאָזאָפישע, אַלעגאָרישע און דרש-אויסטיי־טשונגען, דאָס ער האָט אויף איין וואָרט געטראַכט זעהר פיעל, כדי אויס־צוגעפינען זיין ריכטיגען שורש, די ריכטיגע בעדייטונג, זיינע ניואַנסען און שענקייטען. אויף אַזאַ אופן האָט ר״א אבן־עזרא מיט זיין פירוש נישט בלויז מבאר געווען די תורה, נאָר אויך געשאַפען שפּראַך-געזעצען, ווי-אַזוי לשון־קודש דאַרף פערשטאַנען ווערען בכלל. עס זענען איהם, נאַטירליך, פאָרגע־קומען אַזעלכע פסוקים, וועלכע ער האָט נישט געקאָנט איינבייסען מיט זיין ריין-וויסענשאַפטליכער שיטה; אָבער צוליב-דעם איז ער פון זיין שיטה נישט אַוועק. ער האָט זיך בשום־אופן נישט געוואָלט פערפלאָנטערן אין אַלעגאָ־רישע און פילאָזאָפישע אויסטייטשונגען. ער האָט זיך געהאַלטען ביי זיין שיטה פון פשט — און אויב ער האָט דעם פשט נישט געקאָנט געפינען, האָט ער אָפען צוגעגעבען, אַז ער ווייסט נישט.

דאָס אַלץ איז אָבער גערעדט געווען בנוגע אַלע ענינים פון דער תורה, חוץ הלכה. זיין וויסענשאַפטליכע שיטה, זיינע אָריגינעלע פאָרשונגען

און אונטערזוכונגען האָט ער אָנגעווענדעט בלויז אויף געוויסע טיילען פון דער תורה. דאָרט האָט ער זיך געהאַלטען נישט-געבונדען און געגעבען זיי-נע אויסטייטשונגען אויפ'ן גרונד פון פילאָלאָגיע און געשיכטע. אָבער אַז ס'איז געקומען צו די געזעצען פון דער תורה, צו הלכה, דאַן האָט ער זיין שיטה אינגאַנצען אויפגעגעבען. אין אַזעלכע פאַלען האָט ער זיך סומך געווען אויף די אויסטייטשונגען פון דער גמרא, ווייל די חכמי התלמוד, האָט ער געזאָגט, האָבען געוואוסט בעסער, ווי אַלע אַנדערע, די ריכטיגע כוונה. נאָך מעהר, ביי אַזעלכע ענינים, ביי הלכה־ענינים, האָט ער ענערגיש געקעמפט פאַר'ן אויטאָריטעט פון תלמוד געגען די אפיקורסים און קאַראַאימער, וועלכע האָבען זיך לחלוטין נישט גערעכענט מיט די אויסטיי-טשונגען און פשטים פון די חכמי התלמוד.

ה.

אָריגינעלע געדאַנקען און בעהויפּטונגען.

דעם ערשטען פירוש, וואָס ר"א אבן־עזרא האָט געמאַכט, זייענדיג אין רוים, איז געווען אויף קהלת. דערדאָזיגער ספר, וועלכער איז איינער פון די טיעפזיניגסטע און קליגסטע ספרים, וואָס די מענשהייט האָט געשאַפען, איז טראָץ זיין גרויער אַלטקייט פערבליבען ביז היינטיגען טאָג ניי און פריש און וועט נאָך אויף אייביג פערבלייבען אַזוי. דאָס איז דערפאַר, וואָס דאָרט ווערען בעריהרט די גרעסטע וועלט-פּראָבלעמען, די טיעפסטע סודות, וועלכע מאַטערן דעם מענשליכען מוח זייט דורות. די טיעפע אַריינדרינגונג אין די העכערע וועלטען און אין דער מענשליכער נשמה, די קלוגע אָב-שאַצונג און בעלייכטונג פון ערשיינונגען אין אונזער מענשליכער וועלט, די וואונדערבאַרע פערשטענדניס פאַר די מענשליכע ליידענשאַפטען און שטרע-בונגען, די פערלדיגע פילאָזאָפישע רעיונות, וואָס זענען צעשאָטען איבער'ן ספר, די הויכע חכמה צו ענטפּלעקען דעם גרויסען זין פון אַלץ, וואָס רינ-געלט אונז אַרום, דער אייביגער אמת, וואָס שטראַהלט אַרויס פון דעמדאָ-זיגען ספר, — דאָס אַלץ האָט, קענטיג, אַמשטאַרקסטען אַפּעלירט צו אבן־עזרא און איהם מעהר בעאונרוהיגט. דען סוף־כל־סוף איז דאָך ר"א אבן־עזרא אַליין געווען אַ טיעפער דענקער, וועמען עס האָבען אויך געמאַטערט פערשידענע וועלט-פּראָבלעמען, און ער האָט מסתמא נישט איינמאָל זיך שטאַרק פערטראַכט אויף די שענע און טיעפע געדאַנקען, וואָס זענען דאָרט אַזוי וואונדערבאַר אַרויסגעבראַכט געוואָרען. עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, פאַרוואָס ער האָט זיך פריהער ווי אַלץ גענומען אויסצוטייטשען קהלת, כדי אַרויסצוברענגען און צו בעלייכטען די רעיונות, וואָס זענען אַרויסגע-זאָגט געוואָרען אין דעמדאָזיגען ספר.

עס פערשטעהט זיך, אַז ביי דערדאָזיגער געלעגענהייט ברענגט אַרויס

ר"א אבן־עזרא זיינע אייגענע פילאָזאָפישע אָנשויאונגען. אָבער דאָס הייסט נישט, נאַטירליך, אַז ער געהט דערמיט אַרונטער פון זיין שיטה מבאר צו זיין די תורה און פרובירט געהן אין דיזעלבע וועגען ווי די פריהערדיגע מפרשים. דער פשט בלייבט דאָ אויך פשט. די מעשה איז אָבער דאָ, וואָס דער ספר אַליין איז פון פילאָזאָפישען אינהאַלט — און מחמת־דעם האָט ר"א אבן־עזרא געמוזט זיך פערטיעפען אין דעם ענין, וועלכען ער בעהאַנדעלט. עס האָט אַנדערש נישט געקאָנט זיין. פילאָזאָפיע בלייבט פילאָזאָפיע — און אַז מען קומט אויסטייטשען פילאָזאָפיע, מוז מען אַליין אויך פילאָזאָפירען.

ר"א אבן־עזרא פרובירט דעריבער שוין באַלד אין אָנהויב צו געבען אַ געוויסע אויפקלערונג וועגען דעם עצם מהות, וועגען די פילאָזאָפישע בעטראַכטונגען פונ׳ם ספר קהלת און פערטיעפט זיך דערנאָך אין אַלע איינצעלהייטען פון די אָנגעריהרטע פראָבלעמען. רעדענדיג, דרך־אַגב, וועגען דער שטרעבונג פון דער נשמה צו פולקאָמענהייט, זאָגט ר׳ אַברהם אבן־עזרא אַרויס דעם געדאַנק, אַז מען האָט די נשמה אַראָבגעשיקט אויף דער וועלט, כּדי זיך אויסצולייטערן פאַר יענער וועלט — און וואָס מעהר איינער ליידעט דאָ, אַלץ אַ גרעסערן תּענוג וועט ער האָבען ד אָ ר ט.

קומענדיג צום עצם פירוש און צו זיינע בעליעבטע פילאָלאָגישע דיסקוסיעס, האָט זיך ר"א אבן־עזרא טאַקע אין זיין פירוש אויף קהלת פרובירט אָברעכענען מיט די פערשידענע פייטנים, מיט ר׳ אליעזר הקליר בראש, אויפ׳ן שאַרפסטען אופן, ווי ר"א אבן־עזרא האָט געקענט, דאָס הייסט וויציג און סאַרקאַסטיש. ער ערקלערט, אַז קיינער פון די פייטנים האָט נישט געקענט לשון־קודש, נישט פערשטאַנען די שפּראַך ווי געהעריג, מאַכענדיג משונה׳דיגע גראַמען, וואָס האָבען קיין טעם און קיין ריח נישט, און מאַכענדיג דערביי אַ תּל פון לשון־קודש. די אַלע בעשולדיגונגען וואַרפט ער נישט סתם אין דער וועלט אַריין. ער צעגלידערט און אַנאַליזירט זייערע שירים און די שפּראַך און ווייזט־אָן, שוואַרץ אויף ווייס, די גרייזען, וואָס זיי האָבען געמאַכט. ספּעציעל וועגען ר׳ אליעזר הקליר האָט ער זיך אפילו מיט דער קריטיק אַליין נישט בעגנוגענט; ער האָט אויף זיינעם אַ פּיוט אָנגעשריבען אַ סאַטירישע פּאַראָדיע, אין וועלכער ער מאַכט פון איהם פשוט חוזק.

די אומאָבהענגיגקייט פון דענקען איז קענטיג ביים אבן־עזרא שוין אין זיינע ערשטע שאַפונגען, אין זיינע ערשטע פירושים. דאָס זעהט מען אין זיין פירוש אויף מגלת אסתר, אויף איוב, אויף תהלים, שיר־השירים, און שפּעטער אויך אויף ישעיה. ער האָט זיך פרובירט אַרויסזאָגען געוויסע מיינונגען, וואָס זענען געווען גאַנץ ניי פאַר יענער צייט. עס איז אַלעמען בעקאַנט, אַז אין מגלת אסתר איז קיין איין מאָל נישט דערמאָהנט געוואָרען גאָט׳ס נאָמען. און ווי געוועהנליך, זענען פאַראַן דערויף פערשידענע ערקלערונגען. ר"א אבן־עזרא פרובירט אַרויסזאָגען זיין מיינונג, אַז די מגלת אסתר איז געשריבען געוואָרען פון מרדכי׳ן אַליין; ער האָט אָבער מורא

געהאַט, אַז די פּערסיער וועלן דעם ספר איבערזעצען און וועלן אָנשטאָט דעם שם־הויה אַריינשטעלן די נעמען פון די פּערסישע געטער — און מחמת־דעם האָט ער אינגאַנצען גאָט׳ס נאָמען דורכגעלאָזט.

אויף איוב האָבען שוין אַלע פריהערדיגע מפרשים געשלייפט די מוחות. די חכמי־התלמוד האָבען שוין אַפילו פּרובירט זאָגען, אַז „איוב לא היה ולא נברא, אלא משל היה" — עס הייסט, אַז איוב איז נישט געווען קיין היסטאָרישע פּערזאָן, נאָר אַז דאָס איז סתם אַ צוגעטראַכטע פּערזאָן, אַ העלד פון אַ געשאַפענער דראַמע, וועלכע בעהאַנדעלט דאָס פּראָבלעם פון פּאַטוס, פון גוטס און שלעכטס, פון דעם אונשולדיג-געשטראָפטען מענש, וואָס הויבט-אָן אין זיינע שווערע מינוטען צו האָבען טענות צו דער השגחה פאַר דער אַזוי-גערופענער אונגערעכטיגקייט, ווערהרענד דעם מענשען איז לחלוטין נישט בעקאַנט דער גאַנצער סדר־העולם, די גאַנצע הנהגה, דער סוד פון דער יצירה און דער תכלית־הבריאה. ר"א אבן־עזרא האָט זיך אָבער גענומען דעם מוט צו זאָגען, אַז דער ספר איוב איז איבערזעצט געוואָרען פון אַן׳אַנדער שפּראַך. דידאָזיגע מיינונג איז אָנגענומען ביי אַ סך פון די היינטיגע פאָרשער, הגם מאַנכע פון זיי געהען נישט אַזוי וויט און זאָגען בלויז, אַז די טעמע און די דראַמאַטישע פאָרם זענען גענומען געוואָרען פון דער גריכישער וועלט, אָבער דער ספר אַליין איז געשאַפען געוואָרען אויפ׳ן יודישען באָדען. באמת מעגען אָט די אַלע פאָרשער זיין אונגערעכט. עס איז אָבער אינטערעסאַנט, אַז ר"א אבן־עזרא האָט שוין דאַן פּרובירט אַרויס-זאָגען אַזאַ מין מיינונג. ער איז, אַגב, אויך געווען אין דער מיינונג, אַז אַ סך קאַפּיטלעך פון תהלים געהערען נישט צום „נעים זמירות ישראל" און אַז דער צווייטער טייל פון ישעיה איז געשריבען געוואָרען אין גלות בבל. די לעצטע מיינונג איז שפּעטער שטאַרק ענטוויקעלט געוואָרען און עס איז ענטשטאַנען אַ טעאָריע וועגען אַ צווייטען ישעיה. אויסער אַלעם דעם זע-נען פאַרהאַן ביי אבן־עזרא געוויסע שטעלען, וואו ער זאָגט „יש סוד והמשכיל ידום", פון וואָס מען קאָן אַרויסדרינגען, אַז ער האָט דאָרט גע-וואָלט אַרויסזאָגען אַנדערע, נייע, אָריגינעלע געדאַנקען, אָבער ער האָט עס דאָך נישט געטהאָן, ווייל ער האָט נישט געוואָלט, אַז מאַנכע זאָלען אפשר קומען צו אַ מכשול...

די איבריגע פירושים, אויף דניאל, תרי־עשר און אַנדערע ספרים פון נביאים וכתובים, אויסער משלי, האָט ר"א אבן־עזרא געשאַפען אויף זיינע ווייטערדיגע וואַנדערונגען און, פאַרשטעהט זיך, ביי גאָר נישט קיין געהוי-בענע בעדינגונגען. עס איז איהם אויסגעקומען אַ סך צו ליידען, אָבער ער האָט קיינמאָל די פעדער נישט אַרויסגעלאָזט פון האַנד. ער האָט געאַרבייט אָהן אַ שיעור און, נאַטירליך, אָהן אָרדנונג, — נעהמענדיג אין בעטראַכט, אַז ער איז פערהעלטניסמעסיג קיינמאָל נישט איינגעזעסען אויף איין אָרט, און ווען ער איז שוין יאָ געזעסען אויף אַ פּלאַץ אַ לענגערע צייט, איז ער

אויך געווען זעהר אונרוהיג. ער האָט אָבער אַליין ערקלערט, אַז דידאָזיגע אַרבייט איז געווען זיין איינציגע טרייסט אין זיין לעבען.

נישט־קוקענדיג דערויף, וואָס ער האָט זיך געהאַט אָבגעגעבען מיט שאַפען פירושים אויף נביאים וכתובים, האָט ער, ווי עס שיינט, נישט גע־האַט בדעה צו שרייבען דעם פירוש אויף חמשה חומשי תורה. צי ס'איז געווען דערפאַר, וואָס ער האָט נישט געהאַט קיין צייט און די נויטיגע רוהיגקייט, אָדער מחמת אַנדערע סיבות, איז דער וועלט נישט בעקאַנט. נאָר עס איז אפנים בעשערט געווען דער יודישער וועלט, אַז דער פירוש פון אזא זשעני זאָל יאָ געשאַפען ווערען. עס האָט אָבער דערצו געמוזט קומען עפּעס אַן'אויסערגעוועהנליכע פּאַסירונג, וואָס זאָל איהם ענדליך ברענגען צו אַזאַ בעשלוס.

עס ווערט דערצעהלט, אַז אויף זיינע וועיטערדיגע גרויסע וואַנדערונ־גען איבער אייראָפּאַ האָט ער זיך אָבגעשטעלט אין דער שטאָדט דרעי, וואו ער האָט געהאַט פערענדיגט זיין פירוש אויף דניאל. צוליב זיין שווערער, אָנגעשטרענגטער אַרבייט, צוליב זיין אָבשוואַכונג פון די וואַנדערונישען און אפשר אויך פון אָפטען הונגער, איז ער געוואָרען זעהר געפעהרליך קראַנק. דער דאָרטיגער גביר ר' משה בן מאיר, וועלכער איז געווען אַ גרויסער פערצעהרער פון אבן־עזרא, האָט אָבער געטהאָן אַלץ, וואָס ס'איז נאָר מעג־ליך געווען, איהם צו ראַטעווען פון טויט. ליגענדיג אויפן קראַנקען־בעט, האָט ר"א אבן־עזרא זיך אַ נדר געטהאָן, אַז אויב דער אויבערשטער וועט איהם העלפען און ער וועט צוריק געזונד ווערען, וועט ער שאַפען אַ פירוש אויף חמשה חומשי תורה. עס האָט טאַקע לאַנג נישט געדויערט און ער איז צוריק געזונד געוואָרען. און ווען ער איז געקומען צוריק צו זיינע כחות, האָט ער אָנגעהויבען מקיים צו זיין דעם נדר: ער האָט זיך תיכף בעזעצט שרייבען זיין פירוש אויף דער תורה. דעמדאָזיגען פירוש האָט ער אָנגעהויבען שרייבען אין דרעי און, נאָך לאַנגער אַרבייט, איהם פערענ־דיגט אין רוים, ווען ער איז שפּעטער אַ צווייט מאָל געקומען אַהין פון זיינע לאַנגע נסיעות.

פירושים אויף דער תורה האָט אבן־עזרא געמאַכט צוויי. איינער איז געווען אַ קירצערער, און דעם צווייטען האָט ער געמאַכט מעהר באַריכות. בנוגע אָט די צוויי פירושים האַלטען איינגע, אַז ער האָט דעם קירצערן געשריבען פריהער און דעם לענגערן נאָך דעם. מאַנכע האַלטען, אַז ס'איז געווען פערקעהרט, דאָס הייסט, דעם לענגערן האָט ער געשאַפען פריהער און דעם קירצערן שפּעטער. דאָס איז אָבער אַן'ענין, וואָס האָט אַ שייכות צו די פאָרשער. דער עיקר איז, אַז אבן־עזרא האָט זיינע פירושים געשלי־פען און פּאָלירט. ער האָט זיי עטליכע מאָל איבערגעשריבען, געענדערט און אויסגעבעסערט. עס איז, אַגב, אַ סברה, אַז דער פירוש פון אבן־עזרא, וואָס מיר האָבען איצט אויף דער תורה, זאָל זיין אַ געמיש פון ביידע זיינע פירושים — פון דעם לענגערן און דעם קירצערן. עס הייסט, אַז אין

מאנכע ערטער האָבען מיר דעם קורצען פירוש און אין מאנכע ערטער דעם לענגערן, וועלכע האָבען אָבער, יעדענפאַלס, איין און דיזעלבע גרעס-טע בעדייטונג. ר״א אבן־עזרא׳ס פירוש אויף דער תורה איז געווען און געבליבען אַ קלאַסיש מייסטערווערק, מיט וועלכען ער האָט זיך פּאָפּולאַריזירט ביים יודישען פאָלק.

ו.

וויסענשאַפט, פילאָזאָפיע און גייסטיגע שפּיעלערייען.

עס איז, נאַטירליך, קיין שום ספק נישט, אַז די בעדייטענדסטע שאַ-פונג פון אבן־עזרא איז געווען זיין פירוש אויף דער תורה. דערדאָזיגער פירוש איז געווען עפּאָכע-מאַכענד, אַדאַנק דער בייאיגקייט, אָריגינאַליטעט און אויך אַדאַנק דער פשטות, וואָס שוועבט איבער איהם. עס איז מחמת-דעם קיין וואונדער נישט, וואָס דער פירוש האָט געהאַט אַזאַ גראַנדיעזע ווירקונג אויף די יודען פון זיין צייט און אויך אויף די שפּעטערדיגע דורות. די יודישע וועלט האָט אָנגעהויבען בעסער צו פערשטעהן לשון־קודש און, פערשטעהט זיך, די תורה. וואָרום — נאָך אַלעם — איז קענען לשון־קודש נישט געווען קיין צוועק, נאָר בלויז אַ מיטעל צו פערשטעהן די תורה, וועלכע איז דער יסוד און עיקר פון׳ם יודענטום.

עס איז אָבער אין דערזעלבער צייט קיין ספק נישט, אַז אויך זיינע איבעריגע שאַפונגען זענען געווען פון גרויסער בעדייטונג. ער האָט געשאַפען הונדערטער וואונדערבאַרע שירים, לוסטיגע און וויציגע לידער, און דערביי אויך קלאָג-לידער, אין וועלכע ער האָט בעוויינט דעם גורל פון׳ם יודישען פאָלק אין גלות. ער האָט אין אַ קלאָרער און ריינער שפּראַך געשריבען פיוטים און סליחות, וועלכע זענען ביי יודען פערהייליגט געוואָ-רען און אין וועלכע די יודען האָבען הונדערטער יאָהרען נישט אויפגע-הערט אויסצוגיסען זייער פערביטערטס האַרץ בעת זייערע תפילות צום רבונו־של־עולם. ער האָט אָנגעשריבען עטליכע ספרים איבער דער העברע-אישער גראַמאַטיק. זיין לעצטען ספר, „שפה ברורה״, האָט ער געשריבען אַדאַנק דער בקשה פון זיינעם אַ תלמיד, שלמה. צום אָנהויב האָט ר״א אבן־עזרא נישט געוואָלט שרייבען נאָך אַ ספר אויף גראַמאַטיק, אָנווייזענדיג, אַז ער האָט שוין פריהער געשריבען דעם „יסוד״, דעם „מאזנים״ און „צחות״; אָבער ווען זיין תלמיד האָט איהם ערקלערט, אַז ער קאָן דידאָ-זיגע ספרים נישט בעקומען, האָט ער אָנגעשריבען דעם ספר „שפה ברורה״, וועלכער איז געווען אַזוי יונג און פריש ווי די ספרים פון די יונגערע יאָהרען. מיט זיינע דקדוק־ספרים האָט ער געווירקט אויף די יודען אין אַנ-דערע לענדער, און הויפּטזעכליך אין איטאַליען, צו שטודירען לשון־קודש, וועלכע איז, זעלבסטפערשטענדליך, שווער געווען איינצובייסען אָהן דער

געהעריגער גראַמאַטיק. פון גרויסער בעדייטונג איז זיין ספר „שפת יתר". דערדאָזיגער ספר פערטיידיגט די שיטה אין גראַמאַטיק פון ר׳ סעדיה גאון געגען די אָנגריפען און קריטיק פון דונש בן־לברט אין זיין ספר „תשובות דונש על ר׳ סעדיה גאון". דער ספר הייסט „שפת יתר" — נאָכ׳ן פסוק אין דברי הימים א׳, ד׳, י״ז: „ובן־עזרה יתר".

דאָסזעלבע איז אויך געווען מיט זיינע מאַטעמאַטישע, אַסטראָנאָמישע און פילאָזאָפישע ספרים, וועלכע האָבען אויסגעאיבט אַ בעדייטענדען איינפלוס אויף דער וועלט בכלל. מיט זיין „ספר המספר" איז ער געווען דער ערשטער אריינצובריינגען די אַריטמעטיק אין אייראָפּאַ, און ער איז דאַמאָלסט שטאַרק געלערענט געוואָרען אומעטום. זיינע אַסטראָנאָמישע און אַסטראָלאָגישע חשבונות מעגען ביי היינטיגען טאָג זיין שטאַרק פערעלטערט, אָבער דערמיט ווערט נישט געמינערט די טיעפקייט און שאַרפקייט פון אבן־עזרא און זייער בעדייטונג פאַר זיין צייט. זיין רעליגיעז־פילאָזאָפיש ווערק „יסוד מורה", וועלכעס איז אָנגעשריבען געוואָרען אין אַ משך פון אַ פּאָר וואָכען, איז אַביסעל נעבעלדיג, אָבער דאָך האָט ר״א אבן־עזרא דורך איהם און דורך די פילאָזאָפישע בעטראַכטונגען אין אַנדערע ספרים געשאַפען אַזעלכע אָריגינעלע געדאַנקען, וועלכע האָבען אין אַ געוויסער הינזיכט געהאַט אַ ווירקונג אויף איינעם פון די גרעסטע פילאָזאָפען פון אַלע צייטען, שפינאָזאַ.

ר״א אבן־עזרא האָט זיך אָבער נישט אַלעמאָל בעשעפטיגט מיט ערנסטע ענינים אַליין. ער איז געווען אַ מאַן פון הומאָר, לוסט און שפּיעל. ער האָט ליעב געהאַט זיך צו וויצלען, מאַכען רעטעענישען, דיסקוטירען מיט אַטעאיסטען און קאַראַאימער און זיי געבען אַ שאַרפען שטאָך. ער האָט ליעב געהאַט צו שפיעלען שאָך, אויף וואָס ער איז געווען אַ גרויסער מייסטער, און איז געווען דער ערשטער אין אייראָפּאַ צו שרייבען איבער דעם שאָך־שפּיעל. זיינע חרוזים „על שחוק האישקקי" און די אַנדערע וועגען שאָך דיענען נאָך היינטיגען טאָג אַלס פּערל אין דער געשיכטע פון שאָך־שפּיעל. ר׳ אברהם אבן־עזרא איז זאָגאַר געווען דער ערשטער, וואָס האָט געשאַפען די אַזוי־גערופענע „קרייצוואָרט־רעטעענישען".

עס ווערט דערצעהלט, אַז זיינער אַ פריינד האָט איהם אַמאָל געשיקט אַלס מתנה אַ וואונדערבאַר טעפּעל האָניג. אויפ׳ן וועג איז אינ׳ם טעפּעל אריינגעפאַלען אַ קליין מייזעלע. ר״א אבן־עזרא האָט וועגען דעם מודיע געווען זיין פריינד אין די פאָלגענדע פינף ווערטער:

פ	ר	ש	נ	ו
ר	ע	ב	ת	ן
ש	ב	ד	ב	ש
נ	ת	ב	ע	ר
ו	נ	ש	ר	ת.

די בעדייטונג דערפון איז: „מיר האָבען דעם פרעסער אַרויסגענומען פון האָניג און פערניכטעט".

די קונסט פון דעם בעשטעהט ־פרין, וואָס פון וועלכער זייט איהר ווילט לייענען די ווערטער, גלייך אָדער צוריק, לינקס, רעכטס, פון אויבען אַראָב און פון אונטען אַרויף, וועט אַלץ אויסקומען „פרשנו רעבתן שבדבש בתבער ונשרף".

עס ווערט אויך דערצעהלט, אַז מען האָט אַמאָל ר"א אבן־עזרא אָנ־געוויזען אויף עטליכע יודען, וואָס האָבען נישט געגלויבט אין תחית־המתים און ביאַת־המשיח, און מען האָט איהם געפרעגט, צי זיי וועלען אויך אַמאָל האָבען די זכיה צו קומען קיין ארץ־ישראל. דערויף האָט ר"א אבן־עזרא געענטפערט מיט'ן פאָלגענדען קרייצוואָרט רעטעניש:

כ ל נ ו
ל ג ר ן
נ ר ג ל
ו נ ל ך.

פון וועלכער זייט איהר וועט עס נאָר וועלען לייענען, וועלען אַלץ אַרויסקומען די ווערטער „כלנו לגרן נרגל ונלך", דאָס הייסט, אַז מיר אַלע, אָהן אַ שום אויסנאַהם, וועלען אַמאָל געהן אין בית־המקדש אַריין. דער בית־המקדש איז אויפגעשטעלט געוואָרען אויפ'ן אָרט, וואו עס איז געוועזען אַ גורן, אַ שייער, וואָס דוד המלך האָט צו דעם צוועק אָבגעקויפט (דברי הימים א', כ"א, י"ח — ל"א), און מחמת־דעם ווערט דער בית־המקדש אידענטיפיצירט מיט „גרן".

אַ שטיקעל קונסטשטיק אין חשבון, מיט וואָס ער האָט אָפט ליעב געהאַט צו קאָקעטירען סיי ביי ערנסטע ענינים און סיי ביי לוסטיגע אונ־טערהאַלטונגען, האָט ר"א אבן־עזרא בעוויזען ביי אַנ'אַנדער געלעגענהייט.

עס ווערט דערצעהלט, אַז ר"א אבן־עזרא איז איינמאַל געפאָהרען אויף אַ שיף, אויף וועלכען עס זענען אויך געוועזען זיינע פופצעהן תלמידים. אויסער זיי זענען אויפ'ן שיף גראַד געפאָהרען פופצעהן גראָבע יונגען. דאָס הייסט, אַז צוזאַמען זענען זיי געוועזען אויפ'ן שיף דרייסיג. איין טאָג האָט אויפ'ן ים אויסגעבראָכען אַ שטורם און ס'איז געקומען אַ מאָמענט, ווען דאָס שיף האָט געהאַלטען ביים אונטערגעהן. דערזעהענדיג די גרויסע סכנה, וואָס עס שטעהט־פאַר אַלע פאַסאַזשירען, האָט דער קאַפּיטאַן בעפויהלען, אַז כדי נישט צו דערלאָזען דאָס שיף זאָל אונטערגעהן, זאָל מען אַ העלפט פון די פאַסאַזשירען אַריינוואַרפען אין וואַסער.

מען האָט וועגען דעם בעפעהל געלאָזט וויסען דעם אבן־עזרא, און ער האָט זיך תיכף נאָך דעם געזעהן מיט'ן קאַפּיטאַן פון שיף. די תלמידים זענען געוועזען זעהר שטאַרק אויפגערעגט, ווארום זיי האָבען געוואוסט, אַז אויב עס וועט קומען אַריינצוואַרפען פופצעהן פאַסאַזשירען אין וואַסער,

וועט מען זיכער אַריינוואַרפֿען די יודען און נישט די גראָבע יונגען, די רשעים. דער אבן־עזרא אָבער איז געווען זעהר רוהיג און האָט לחלוטין נישט אַרויסגעוויזען קיין שום סימן פֿון אויפרעגונג. ער איז צוגעגאַנגען צום קאַפּיטאַן און האָט ערקלערט, אַז אויך ער איז מסכים, מען זאָל אַ העלפֿט אַריינוואַרפֿען אין וואַסער. וואָרום עס איז דאָס יושר׳דיגע, אַז אַ העלפֿט זאָל בלייבען לעבען, איידער אַלע זאָלען אונטערגעהן. ער לעגט נאָר פֿאָר דעם קאַפּיטאַן, אַז כּדי צו זיין יושר׳דיג ביים אַריינוואַרפֿען, זאָל מען איינאָרדנען אַזאַ מין גורל, און אויף וועמען עס וועט פֿאַלען דער גורל אַריינגעוואָרפֿען צו ווערען, וועט עס מוזען אָננעהמען אָהן שום פּראָטעסט.

ר״א אבן־עזרא האָט דאַן פֿאָרגעלעגט פֿאַר אַלע פּאַסאַזשירען איינצואָרדנען אַזאַ מין גורל: ער וועט אויסשטעלען אַלע פּאַסאַזשירען אין איין שורה און מען וועט אָנהויבען צעהלען. דער, ווער עס וועט זיין דער נ יי נ ט ע ר, וועט מוזען אַריינגעוואָרפֿען ווערען אין וואַסער. ווען איינער וועט אַרויס, וועט מען אָנהויבען צעהלען ווייטער ביז׳ן ניינטען — ביז עס וועלען זיך אָנקלייבען פֿופֿצעהן פּערזאָן. דער פּלאַן איז אַלעמען געפֿעלען געוואָרען און זיי האָבען ערקלערט, אַז ער זאָל טהון, ווי ער האָט געזאָגט.

ר״א אבן־עזרא האָט זיך דאָ פּרובירט אויסשטעלען די שורה אַזוי, אַז יעדער ניינטער זאָל זיין אַ רשע, און אַזוי־אַרום וועט ער ראַטעווען זיינע פֿופֿצעהן תּלמידים. ווי־אַזוי האָט ער עס אָבער געמאַכט? פּשוט: ער האָט צוועקגעשטעלט צום אָנהויב פֿיער תּלמידים און פֿינף רשעים, דערנאָך צוויי תּלמידים און איין רשע, דריי תּלמידים און איין רשע, איין תּלמיד און צוויי רשעים, צוויי תּלמידים און דריי רשעים, איין תּלמיד און צוויי רשעים, צוויי תּלמידים און איין רשע. איצט, אַז מען האָט אָנגעהויבען צעהלען, איז אויסגעקומען, אַז יעדער ניינטער איז ווירקליך אויסגעפֿאַלען אַ רשע, וועלכען מען האָט תּיכּף אַריינגעוואָרפֿען אין וואַסער, — און זיינע פֿופֿצעהן תּלמידים זענען געראַטעוועט געוואָרען.

דערויף האָט ר״א אבן־עזרא געמאַכט אַ שיר מיט די ראשי־תּיבות אַלס סימן:

דרוש החכמות
באשר אֻטומות
גלוים אלה אֻטומות
בערכי בנינים
גזית אבנים
בד בבד אחרונים.

אַ שען גייסטיג שפּיעל האָט ער געשאַפֿען איינמאָל בשעת מען האָט איהם געפֿרעגט, ווען משיח וועט קומען. ער האָט געענטפֿערט מיט פֿאָלגענדע שורות:

אָבי אל חי שמך למה
המלך משיח לא יבא.
דעו מאביכם כי לא בוש אבוש,
שוב אָשוב אליכם כי בא מועד.

פרובירט לייענען ביידע פאָר שורות פון סוף זאָץ צוריק און איהר וועט געפינען דיזעלבע ווערטער.

ז.

בעגעגעניש מיט'ן רבנו תם. — אָנפאַל אויפ'ן רשב"ם. — דער סוף.

די וואַנדערנישען, וועלכע ר"א אבן־עזרא האָט אָנגעהויבען אין די יונגערע יאָהרען, האָט ער נישט אויפגעגעבען ביז דער לעצטער מינוט. עס האָט געשיינט לכתחילה, קומענדיג קיין רוים, אַז דאָ וועט ער בלייבען זיצען און שאַפען זיינע גרויסע ווערק. אָבער דאָס איז נישט געווען אַזוי. נאָכדעם ווי ער האָט דאָרט אָבגעאַרבייט אַ געוויסע צייט, האָט ער זיך ווידער אויפגעהויבען און זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

צום אָנהויב איז ער אַוועק קיין סאַלערנאָ, וואו עס איז געווען אַ גרויסע יודישע קהלה און אויך אַן אוניווערזיטעט פאַר מעדיצין און אַנדערע וויסענשאַפטען, וועלכע ער האָט אָנגעהויבען צו בעזוכען.

די יודען פון סאַלערנאָ האָבען איהם נישט שען אויפגענומען. איינער, אַ שפאַנישער יוד, אליקום, וועלכער האָט איהם שטאַרק פערעהרט, האָט איהם אַריינגענומען צו זיך אין הויז און געגעבען די מעגליכקייט צו אַרבייטען. אין יענער צייט איז קיין סאַלערנאָ אָנגעקומען אַ צווייטע בעריהמטע פערזענליכקייט, ר' יצחק מלכי־צדק, פון גריכענלאַנד, וועלכען די די יודישע קהלה האָט גראָד אויפגענומען מיט גרויסען כבוד. דערמיט האָבען די אָרטיגע יודען געוואָלט בעווייזען, אַז זיי פערעהרען מעהר דעם מפָרש פון תלמוד, ווי דעם קענער פון תנ"ך און אַנדערע וויסענשאַפטען. אַגב האָבען די סאַלערנער יודען איהם חושד געווען, אַז ער איז אַ „פריידענקער". דיזאָזיגע פאַסירונג האָט ר' אַברהם אבן־עזרא שפּעטער פעראייביגט אין אַ שיר.

פערבלייבענדיג אַ געוויסע צייט אין סאַלערנאָ, איז ער אַוועק קיין לוקאַ און פון דאָרט קיין מאַנטואַ, ליוואָרנאָ, דערנאָך קיין פּראָוואַנס. ער האָט אָבער דאָרט אויך נישט געקאָנט לאַנג איינזיצען. ער האָט דאָרט אָנגעשריבען זיין פירוש אויף ישעיה און געמאַכט אַסטראָנאָמישע טאַבעלען און איז דערנאָך אַוועק קיין פראַנקרייך.

אין פראַנקרייך איז ר"א אבן־עזרא'ס נאָמען געווען גוט בעקאַנט. מען האָט געוואוסט פון זיינע שירים און פון זיין גרויסער געלעהרזאַמקייט און ער איז פערעהרט געוואָרען אין אַלע יודישע קרייזען, זאָגאַר אויך אין

צפון-פראַנקרייך, אין רש״יס תורה-צענטער, וואו לומדות און תלמוד איז גע-שעצט געוואָרען העכער פון אַלע גרויסקייטען אין וויסענשאַפט און פילאָ-זאָפיע. אַגב האָבען דעמאָלט די פראַנצויזישע יודען בכלל געקוקט אויף זייערע שפּאַנישע ברידער ווי אויף גייסטיגע אַריסטאָקראַטען, וועלכע זע-נען געווען דער שטאָלץ פונ׳ם גאַנצען יודענטום אין דער וועלט. עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, אַז וואו נאָר אבן־עזרא איז געקומען, האָט מען איהם אויפגענומען מיט׳ן גרעסטען כבוד.

צו ר״א אבן־עזרא האָט זיך דאָרט געטראָפען מיט רש״יס גרויסע אייניקלעך איז נישט גענוי בעקאַנט. מיט׳ן רשב״ם האָט ער זיך זיכער נישט בעטראָפען. מיט׳ן רבנו תם האָט ער זיך געהאַט דורכגעשריבען אין שירים. עס ווערט אָבער דאָך דערצעהלט, אַז רייזענדיג איבער פראַנקרייך איז ער אויך אַנגעקומען קיין ראַמערו, דריי מייל פון טרואַ, רש״י׳ס געבורט-שטאָדט, וואו עס האָט געוואוינט דער רבנו תם. די רבנים מיט׳ן רבנו תם האָבען גע-מאַכט פאַר איהם אַ גרויסען קבלת־פנים. זעהענדיג דעם גרויסען חכם און בעריהמטען משורר, האָט דער רבנו תם געוואָלט בעווייזען דעם אבן־עזרא, אַז הגם ער איז אַ פראַנצויזישער יוד, דאָס הייסט שוואַכער אין אַלגעמיי-נער וויסענשאַפט, און דערצו אַ תלמוד׳יסט, קען ער דאָך גוט לשון־קודש און שרייבט שירים לויט׳ן שפּאַנישען מוסטער, וואָס איז דעמאָלט געווען העכסט מאָדערן. ער האָט אָנגעשריבען אַ שיר און אָבגעשיקט צום אבן־עזרא. אבן־עזרא, וועלכער איז בטבע געווען אַביסעל שטעכעדיג, האָט גע-ענטפערט דעם רבנו תם אויך מיט אַ שיר, אין וועלכען ער האָט דעם רבנו תם אי געלויבט, אי בעליידיגט... רבנו תם איז אָבער געווען דער גרויסער צדיק און גרויסער עניו און האָט געענטפערט דעם אבן־עזרא מיט אַ שיר, וואו ער זאָגט:

„אני עבד לאברהם למקנה
ואקדה ואשתחוה לאפיו".

ר״א אבן־עזרא האָט אָפּנים דאַן דערפיהלט, אַז ער האָט איבערגע-באַפּט די מאָס מיט זיין סאַרקאַזם אין בעצוג צו אַזאַ גאון־עולם, ווי דער רבנו תם, און ער האָט איהם געענטפערט מיט הכנעה:

„וחלילה למלאך אלקים
אשר יקוד וישתחוה לבל־עם"...

רבנו תם איז געווען צופרידען פון אבן־עזרא׳ס ענטפער און ער האָט איהם ווידער בעדאַנקט.

עס שיינט, אַז ר׳ אברהם אבן־עזרא איז פערעהרט געווען צווישען די גרויסע תלמוד׳יסטען אין פראַנקרייך. די בעלי התוספות דערמאָהנען איהם אין אַ פּאָר ערטער אין תוספות אין ראש השנה (דף י״ג) און אין קידושין (דף ל״ח), וואו רבנו תם איז מחולק מיט איהם.

זיין רייזע איבער פראַנקרייך איז געווען אַן׳אמת׳ער טריאומף-צוג. און

ווען ער איז געקומען קיין בעזיער, איז דער דאָרטיגער גביר אַזוי ענטציקט געוואָרען פון איהם, אַז ער האָט געוואָלט אַוועקוואַרפען זיין עשירות און געהן מיט איהם אויף אַ וואַנדערונג איבער דער וועלט. נישט-קוקענדיג אָבער אויף די אַלע כבודים און גרויסען ערפאָלג, וואָס ער האָט געהאַט אין פראַנקרייך, האָט ער דאָך פערלאָזט דאָס לאַנד און איז אַוועק קיין ענג-לאַנד. די לאָנדאָנער קהלה האָט איהם געגעבען אַ פיינעם קבלת־פנים, און איינער אַ בעוואוסטער יודישער מעצענאַט האָט איהם אַריינגענומען צו זיך אין הויז, עס זאָל איהם זיין בעקוועם צו אַרבייטען. דאָרט האָט ער טאַקע אָנגעשריבען זיין בעוואוסטען רעליגיעז-פילאָזאָפישען ספר „יסוד מורה".

זייענדיג אין לאָנדאָן האָט מען איהם איינמאָל געבראַכט די פירושים פון רשב"ם אויף דער תורה. דער רשב"ם האָט געהאַלטען, אַז די תורה דאַרף אויסגעטייטשט ווערען לויט'ן פשוט'ען פשט. ער האָט זאָגאַר פאַרגע-לעגט זיינע פירושים איינציגע מאָל זיין זיידען, רש"י, און מאַנכע פון זיי האָט רש"י טאַקע אָנגענומען. מחמת זיין ליעבשאַפט צום פשוט'ען פשט, האָט ער זאָגאַר אויסגעטייטשט „ויהי ערב ויהי בוקר יום אחד", אַז אַ פולער טאָג רעכענט זיך פון אינדערפריה ביז'ן קומענדיגען פריהמאָרגען. דאָס איז געווען זעהר אַ ריזיקאַלער פירוש, איבערהויפט וואָס איז נוגע שבת. וואָרום אויב דער פולער טאָג ענדיגט זיך מיט'ן „בוקר", מיט'ן פריהמאָרגען, קומט דאָך אויס, אַז דער פרייטאָגדיגער אָוועגד ביז שבת אינדערפריה געהער נאָך אַלץ צו פרייטאָג; דאָס הייסט, אַז שבת דאַרף זיך אָנהויבען פון שבת אינ-דערפריה ביז זונטאָג אינדערפריה, און פרייטאָג-צו-נאַכטס איז נאָך נישט שבת! עס פערשטעהט זיך, אַז בנוגע להלכה וואָלט דער רשב"ם אַזוי נישט געפסק'ענט, אָבער ער האָט דאָך געוואָלט אַרויסברענגען פשוט'ען פשט פון פסוק.

ווען ר"א אבן־עזרא האָט דערזעהן דעמדאָזיגען פירוש, איז ער גע-וואָרען אַ צוציטערטער. ער האָט מורא געהאַט, אַז אַזאַ פירוש קאָן ברענ-גען צו חילול־שבת, וואָרום דערמיט וואָלט דאָך אומזער געוועהנליכער „ערב־שבת" פשוט בטל געוואָרען. ער איז דעריבער דאַן אַרויס מיט זיין בע-ריהמטען „אגרת השבת", אין וועלכען ער איז שאַרף אָנגעפאַלען אויף דעם מפרש פון דעמדאָזיגען פסוק און איהם זאָגאַר געשאָלטען. און ס'איז פאַר-האַן אַ סברה, אַז טאַקע מחמת דידאָזיגע ראַדיקאַלע אויסטייטשונגען זענען עטליכע פרשות פון רשב"ם אויף בראשית שפעטער אַרויסגעוואָרפען געוואָרען.

אין יאָהר 1160 איז ר"א אבן־עזרא ענדליך אַוועק פון לאָנדאָן און האָט זיך אַוועקגעלאָזט איבער פראַנקרייך.

אויף זיינע רייזעס האָט ר"א אבן־עזרא שטענדיג געהאַט וויכוחים מיט פערשידענע פערזאָנען איבער רעליגיעזע ענינים. מאַנכע האָבען איהם געפרעגט וועגען „קץ", מאַנכע האָבען איהם געפרעגט שאלות וועגען דער „השגחה". איינמאָל האָט ער געטראָפען איינעם, וועלכער האָט זיך שטאַרק בהרעם געוועזן אויף דער „השגחה" און האָט געטענה'ט, אַז השי"ת פיהרט

נישט ריכטיג די וועלט: — די אַלטע טענה פון „צדיק ורע לו, רשע וטוב לו". ר"א אבן־עזרא האָט איהם דערצעהלט אַ מעשה'לע, פון וועלכען מען זעהט, אַגב, אַרויס דעם אבן־עזרא אַלס בעל־חשבון.

איינמאָל — דערצעהלט ר"א אבן־עזרא — זענען צוויי מענשען גע־גאַנגען אין וועג. איינער האָט געהאַט דריי לעבלעך ברויט, און דער צוויי־טער צוויי לעבלעך. אויפ'ן וועג איז צו זיי צוגעקומען אַן אורח, וועלכער האָט קיין ברויט נישט געהאַט, און זיי האָבען איהם מכבד געווען מיט ברויט. ווען די פינף לעבלעך ברויט זענען אויפגעגעסען געוואָרען, האָט דער אורח זיי פערלאָזט און זיי דערלאַנגט פאַר זיין חלק ברויט פינף גול־דען. איצט האָבען זיך דידאָזיגע צוויי געדאַרפט צעטיילען דאָס געלד. דער, וואָס האָט געהאַט דריי לעבלעך ברויט, פערלאַנגט דריי גולדען, ווייל ער האָט געהאַט דריי חלקים ברויט און זיין פריינד בלויז צוויי חלקים. דער, וואָס האָט געהאַט די צוויי לעבלעך ברויט, האָט גע'טענה'ט, אַז מען דאַרף די פינף גולדען צעטיילען אויף העלפט, ווייל דער אורח האָט געגעסען ביידענס גלייך. אַזוי ווי זיי האָבען נישט געקאָנט מושווה ווערען צווישען זיך, זענען זיי אַוועק צום ריכטער. דער ריכטער איז געווען אַ קלוגער מאַן און ער האָט גע'פסק'ענט, אַז דער, וועלכער האָט געהאַט דריי לעבלעך, דאַרף בעקומען פיער גולדען, און דער פון די צוויי לעבלעך דאַרף בעקומען איין גולדען.

אַז זיי זענען אַוועק פונ'ם ריכטער, האָבען זיי זיך ווידער גענומען רייסען און האָבען גע'טענה'ט, אַז עס איז נישט געווען קיין ריכטיגער משפט. וואָרום דער פון די דריי לעבלעך האָט דאָך לכתחילה נישט פערלאַנגט מעהר ווי דריי גולדען, און איצט האָט ער בעקומען פיער. דער פון די צוויי לעבלעך האָט גע'טענה'ט, אַז פריהער האָט איהם זיין פריינד אַליין גע־וואָלט געבען צוויי גולדען, און איצט האָט איהם דער ריכטער צוגע'פסק'ענט בלויז איין גולדען, וועניגער וויפיעל יענער האָט איהם פריהער געוואָלט געבען.

זענען זיי געקומען צו איהם, צום אבן־עזרא. און ער האָט גע'פסק'ענט, אַז דער ריכטער איז געווען גערעכט. דען באמת האָט יעדער איינער פון די דריי אויפגעגעסען אַ דריטעל פונ'ם גאַנצען ברויט. אַלע האָבען געגע־סען צוזאַמען.

די זאַך איז דאָך פשוט. בסך־הכל זענען געווען פינף לעבלעך ברויט פאַר דריי מענשען. ווען מען זאָל צעטיילען אַלע פינף לעבלעך פאַר די דריי מענשען, וועלען אַרויסקומען פופצעהן חלקים. קומט אויס, אַז יעדער האָט אויפגעגעסען פינף דריטעל. אַזוי ווי דער פון די צוויי לעבלעך האָט געהאַט זעקס חלקים און האָט אַליין אויפגעגעסען איין דריטעל, איז געבלי־בען פאַר דעם אורח בלויז איין דריטעל; קומט איהם פשוט איין גולדען. דער פון די דריי לעבלעך האָט געהאַט 9 חלקים, האָט ער אַליין אויפגע־

געסען 5 חלקים, איז געבליבען פאר דעם אורח פיער חלקים — קומט איהם פיער גולדען.

בשעת ר"א אבן־עזרא האט פערענדיגט זיין ספור־המעשה, האט ער בעמערקט, אז דער בעל הטענה געגען דער „השגחה" פערשטעהט נישט דעם פסק־דין. נאר איינער! — האט ר' אברהם אבן־עזרא דאן צו איהם געזאגט: — אויב איהר פערשטעהט נישט דעם משפט פון א מענשען, וויאזוי קאנט איהר פערשטעהן דעם משפט פון גאט און זיך בעקלאגען אויף איהם?...

נאך די לאנגע וואנדערונגען און נאכדעם ווי ער האט געהאט פערענדיגט זיינע אלגעמיינע ווערק און זיינע פירושים אויף דער תורה, האט ער זיך א לאז געטהאן צוריק אהיים קיין שפאניען; אבער קומענדיג אין קאלאהארא, אויפ'ן גרעניץ צווישען נאוואר און אראגאן, איז ער קראנק געווארען. אזוי ווי ער איז דאן אלט געווען פינף־און־זיבעציג יאהר, האט ער זיך נאך געזעגנט: „ואברם בן חמש ושבעים שנה בצאתו מחרון אף העולם" —

און אין א פאר מינוטען נאכדעם האט ער צוגעשלאסען זיינע אויגען אויף אייביג.

קיין אנדערע קינדער, חוץ זיין זוהן יצחק, האט ר"א אבן־עזרא נישט איבערגעלאזט. יצחק, וועלכער איז אויך געווען א גרויסער דיכטער, איז געשטארבען א צייט פריהער פאר'ן פאטער. דער בעוואוסטער דיכטער ר' יהודה אלחריזי האט אפילו געהאט געזאגט, אז יצחק זאל זיך האבען גע־שמד'ט. אבער דאס איז נישט אמת. ערשטענס, האט איהם דער פאטער בעוויינט אין זיינע שירים — און ווען ער וואלט געווען גע'שמד'ט, וואלט ר"א אבן־עזרא אין לידער איהם נישט בעוויינט. צווייטענס, איז אגב פעסטגעשטעלט געווארען, אז עס האט זיך דאן גע'שמד'ט דער דאקטאר נתנאל, ביי וועלכען יצחק איז איינגעשטאנען, ווען דער פאטער האט געמאכט זיינע רייזעס. אלחריזי האט דא פשוט איבערגעגעבען נישט קיין ריכטיגען קלאנג.

ר' אברהם אבן־עזרא האט איבערגעלאזט א סך פריינד און תלמידים. ר' יהודה אלחריזי און דער רמב"ן האבען איהם שפעטער שטארק געלויבט, און דער רמב"ם האט געזאגט אויף איהם, אז ער איז געווען ווי אברהם אבינו אין זיין דור, און האט געראטען זיין זוהן צו לערנען אבן־עזרא.

די שפעטערדיגע דורות האבען געהאט א סך צו שעפען תורה און חכמה פון איהם. פילאזאפען, מקובלים, פילאלאגען און מאטעמאטיקער און דיכטער — אלע האבען געפונען גרויסעס און ווערטפולעס ביי דעמדאזיגען יודישען זשעני.

רמב"ן.

א.

די אַלגעמיינע און יודישע לאגע.

צו דער צייט פון ר׳ משה בן נחמן, — רמב"ן, — אָדער ווי די נישט-יודישע וועלט האָט איהם גערופען, באָנאַסטרוק דע פּאָרטאַ, האָט שוין דאָס גאַנצע שפּאַנישע לאַנד און אויך דאָס יודישע שפּאַניען געהאַט אַ גאַנץ אַנדער פיזיאָנאָמיע, אַ גאַנץ אַנדער קאָלאָריט. די מאַחמעדאַנישע פּאָליטישע הערשאַפט איז שוין געוועזען צובראָכען, און די קריסטליכע קעניגען און פירשטען האָבען שוין געהערשט איבער דער גאַנצער פירענעאישער האַלב-אינזעל. די אַמאָליגע גלענצענדע אַראַבישע קולטור, וואָס האָט בעלויכטען די וועלט, איז שוין געוועזען אײַנגעשרומפּען און אויסגעטריקענט, און די קריסטליכע קולטור האָט געהאַט פערנומען איהר פּלאַץ. דעמזעלבען גורל האָט דורכגעמאַכט אויך דאָס יודענטום. פערלירענדיג די פרייהייט און ווערענדיג אונטערדריקט, גע׳רודפ׳ט און דערשטיקט פון די נייע הערשער, איז פערשוואונדען געוואָרען די פּראַכט פון דער הויכער שעפערישער יודישער קולטור, וועלכע האָט אַזוי געלויכטען מיט איהרע שטראַהלענדע פּאָעטען, פילאָזאָפען, וויסענשאַפטס-לייט, גראַמאַטיקער, מפרשים און גאונים.

די קריסטליכע מלוכות פון צפון-שפּאַניען האָבען זיך נאָך מיט לאַנגע יאָהרען צוריק אָנגעהויבען צו רוקען אַלץ ווייטער צו דרום. דער דורשט נאָך מאַכט האָט גערייצט די פאַנטאַזיע פון די קריסטליכע הערשער, וועלכע האָבען געוואָלט פערכאַפּען נישט בלויז נייע לענדער, נאָר אויך נייע נשמות, „אונגליקליכע נשמות", וועלכע האָבען נאָך נישט געהאַט זוכה געווען בעשיצט צו ווערען פון די פליגלען פון דער קירך. צו יענער צייט, ווי אויך אין די שפּעטערדיגע צייטען, האָט מען אַט דידאָזיגע פאָרשטעהער פון דער קירך, אַט די אַלע אַזוי-גערופענע „קרייצציגער", געהאַלטען און אָנערקענט פאַר „הייליגע", פאַר „צדיקים", וועלכע האָבען געשטרעבט צו

בעפרייען די וועלט פון די „אונגלויביגע״; אָבער באמת זענען זיי געווען אונמענשליך און בלוטדורשטיג.

דעם ערשטען קלאַפּ האָט דער מאַהמעדאַנישער הערשאַפט אין שפּאַניען דערלאַנגט דער קעניג אַלפאָנזאָ דער זעקסטער פון קאַסטיליען. דערדאָזיגער קעניג איז געווען אַ מאַן פון גרויסע אַמביציעס, ער האָט געוואָלט הערשען, פערגרעסערן זיין מלוכה, זיין מאַכט. ער האָט דעריבער געוואָרפען זיין אויג אויף דרום-שפּאַניען, וואו עס האָבען געהאַט געהערשט די מאַהמעדאַנישע מלכים.

צו געווינען מאַכט איז אָבער שווער געווען בלויז מיט׳ן שווערד אַליין. דערצו האָט מען געמוזט האָבען גוטע, געשיקטע דיפּלאָמאַטען, וועלכע זאָלען פריהער גוט אויסשטודירען די לאַגע און פאָרבערייטען דעם באָדען. די אַראַבער זענען אָבער אין יענער צייט געווען דאָס געבילדעטסטע פאָלק אויף דער וועלט. די אַראַבער זענען געווען גרויסע מייסטערס אין קונסט, ליטעראַטור און פילאָזאָפיע, וועהרענד די קריסטען זענען דאַמאָלס געווען ווילדע פאַנאַטיקער און האַלב-ציוויליזירט. מחמת-דעם, כדי צו זיין אַנ׳אַמבאַסאַדאָר אין הויף פון אַנ׳אַראַבישען קעניג, איז נאָך ווייניג געווען צו קענען די אַראַבישע שפּראַך, נאָר מען האָט געמוזט זיין גוט געבילדעט, מען האָט געמוזט קענען די אַראַבישע ליטעראַטור. אַזעלכע אַמבאַסאַדאָרען האָט אַלפאָנזאָ דער זעקסטער נישט געקאָנט בעקומען צווישען זיינע אייגענע גלויבענסגענאָסען און האָט דעריבער נאָכגעטהאָן די אַראַבישע קעניגען און פּרינצען, בעשטימענדיג פאַר די מאַהמעדאַנישע לענדער יודישע דיפּלאָמאַטען.

דידאָזיגע ערשיינונג און בכלל אַלפאָנזאָ׳ס פריינדליכע בעציהונג צו יודען האָט אויפגעקאָכט דעם דאַמאָלסדיגען פּויפּסט גרעגאָרי דעם זיבעטען. ער האָט נישט געקאָנט פערטראָגען, אַז יודען זאָלען בכלל האָבען פרייהייט אין קריסטליכע לענדער און בפרט נאָך זיי זאָלען שפּיעלען אַ ראָלע אין אַ קעניגליכען הויף. ער האָט דעריבער אָנגעווענדעט אַלע זיינע כחות ביי די קריסטליכע מלכים, זיי זאָלען די יודען נישט לאָזען אויפהויבען דעם קאָפּ.

דער קעניג אַלפאָנזאָ האָט אָבער די שבועות און חרמות פון׳ם פּויפּסט נישט גענומען שטאַרק צום האַרצען. ער איז טאַקע געווען אַ גוטער קריסט, אָבער מאַכט און הערשאַפט איז ביי איהם געווען טייערער ווי אַלץ. ער איז גאָר געווען פערנומען מיט פּלענער, ווי-אַזוי צו פערכאַפּען דאָס טאָלעדישע קעניגרייך, און האָט זיך דעריבער ווייניג געקימערט מיט׳ן פּויפּסט׳ס העצעס. די יודישע דיפּלאָמאַטען האָבען איהם באמת געהאָלפען אויסאַרבייטען די פּלענער און האָבען אַפילו געוואונען אַ מאַהמעדאַנישען הערשער, דעם קעניג פון סעוויל, אויף אַלפאָנזאָ׳ס צד, כדי צו צוברעכען טאָלעדאָ, וואָס איז אויך שפּעטער געשעהן. אַלפאָנזאָ׳ן איז, קענטיג, דער נצחון איבער טאָלעדאָ ווייניג געווען און ער האָט זיך דעריבער געקליבען אָנצופאַ-

לען אויף זיין פערבינדעטען און פריינד, דעם קעניג פון סעוויל, וועלכער האָט געהאַט געהערשט אויך איבער קאָרדאָווואַ. ער האָט איהם געשטעלט אַזעלכע פאָדערונגען, וועלכע האָבען געקאָסט דאָס לעבען פון אַ יודישען דיפּלאָמאַט. דער קעניג פון סעוויל האָט, פערשטעהט זיך, נישט נאָכגעגעבען; ער האָט זיך פעראייניגט מיט די איבריגע מאַחמעדאַנישע מלכים, און אַלע צוזאַמען האָבען גערופען צוהילף דעם עראָבערער פון צפון-אַפריקאַ, דעם אַלמאָראַווידישען פרינץ יוסף אבן־טעשופין אַנטקעגען אַלפאָנזאָ׳ן. אַלפאָנזאָ׳ן איז דאַמאָלס נישט געלונגען דורכצופיהרען זיין פּלאַן, דערפאַר אָבער האָבען די אַנדאַלוזישע פרינצען אויך פערלוירען זייער מאַכט אונטער דער הערשאַפט פון די אַלמאָראַווידען.

די אַלמאָראַווידישע פרינצען זענען באמת געווען באַרבאַרען, אָבער די יודען האָט זיך אונטער זייער הערשאַפט געלעבט נישט שלעכט, הויפּטזעכליך אונטער דער הערשאַפט פון פרינץ אַלי. אונטער זיין הערשאַפט האָט זיך די יודישע קולטור ווידער צעבליהט. עס זענען אויסגעוואַקסען פּאָעטען, פילאָזאָפען, לומדים פון זעהר אַ הויכער מדרגה. עס זענען שוין דאַמאָלס צווישען די יודען גופא נישט פאָרגעקומען מעהר קיין שום מחלוקת און רייסענישען, ווי דאָס איז געווען פריהער. איצט האָבען זיי אַלע געלעבט צווישען זיך אין שלום און אין פולער האַרמאָניע. דערדאָזיגער פרידליכער און בליהענדער צושטאַנד האָט גערויערט עטליכע צעהנדליג יאָהר; אָבער ווען די אַלמאָראַווידישע הערשאַפט איז געבראָכען געוואָרען אין אַפריקאַ און שפּעטער אויך אין דעם גרעסטען טייל פון אַנדאַלוזיען, דורך די אַלמאָהאַדען, האָבען זיך אויף יודען אָנגעהויבען נייע צרות. זיי האָבען צושטערט די גרויסע שוהל אין קאָרדאָוואַ, האָבען צוגעמאַכט די אַקאַדעמיעס אין סעוויל און לוסענאַ, און די יודען האָבען געמוזט ראַטעווען זייער לעבען אין די קריסטליכע לענדער, וועלכע זענען געלעגען אונטער דער הערשאַפט פון אַלפאָנזאָ ראַימונדעז, אַ פריינד פון יודען, ביי וועלכען יהודה אבן־עזרא, דער זוהן פון יוסף אבן־עזרא, האָט געשפּיעלט אַ גרויסע ראָלע. געוועהנליך האָבען דידאָזיגע גליקען אויך נישט אָנגעהאַלטען לאַנג, דען נאָך אַלפאָנזאָ׳ס טויט האָט אין לאַנד אויסגעבראָכען אַ בירגער-קריעג און די ערשטע האָבען געליטען די יודען, וועלכע האָבען, אַגב, אויך גענומען אַנטייל אין קריעג, אויף איין צד און אויף דעם אַנדער צד. טאָלעדאָ האָט דאַן דורכגעמאַכט זעהר שווערע טעג.

די יודען האָבען דאַן געלעבט אין פינף קריסטליכע מלוכות — אין קאַסטיליען, לעאַן, אַראַגאָן, פאָרטוגאַל און נאַוואַר. אין דרום-שפּאַניען, אין מאַחמעדאַנישען אַנדאַלוזיען, זענען שוין קיין יודען נישט געווען. די אַמאָליגע יודישע שטעדט, קאָרדאָוואַ, סעוויל, גראַנאַדאַ, לוסענאַ, זענען שוין געווען חרוב. עס איז שוין איצט געווען אַ נייע וועלט. יודען איז שוין איצט בעשערט געווען צו לעבען אונטער דער קריסטליכער הערשאַפט. דער הויפּט-יודישער צענטער איז איצט געוואָרען טאָלעדאָ, די הויפּט-שטאָדט פון

קאַסטיליען, וועלכע האָט דאַמאָלס געהאַט אַ בעפעלקערונג פון צוועלף טויזענד יודען. אָבער דער נייער ישוב איז נישט שלעכט געווען פאַר יודען. אונטער דער הערשאַפט פון אַלפאָנזאָ דעם אַכטען האָבען יודען בעקומען הויכע שטעלעס אין דער מלוכה. צוויי פערזענליכקייטען, ווי ר׳ יוסף בן שלמה אבן־שושן און ר׳ אַברהם אבן־אַלפאַכאר, זענען אַזוי הויך געשעצט געוואָרען אין קעניגליכען הויף, אַז זיי האָבען געטראָגען דעם טיטעל „פרינץ״. דאָסגלייכען האָבען יודען געלעבט גוט אין סאַראַגאָסאַ, ווי אויך אין באַרצעלאָנאַ און גערענאַ, אין קאַטאַלאָניען, וועלכע האָבען געהערט צום אַראַגאָנישען קעניגרייך.

נישט-קוקענדיג אויף דער צייטווייליגער פאָליטישער, עקאָנאָמישער און בעזעלשאַפטליכער דערהויבונג פון יודען אין קריסטליכען שפאַניען, האָט אָבער דער גלאַנץ פונ׳ם אינטעלעקטועלען שפּערישען יודענטום אָנגעהויבען דונקעלער ווערען. עס האָט געפעהלט דער שוואונג, דער אָדלער-פליה, די גייסטיגע פיהרערשאַפט, דער גרויסער אויטאָריטעט, וואָס זאָל אויסאיבען זיין איינפלוס אויפ׳ן גאַנצען יודענטום. נאָר דערדאָזיגער גייסט האָט נישט געלאָזט אויף זיך וואַרטען. ער איז געקומען. דאָס איז געווען דער רמב״ם. מיט זיין גרויסען שעפערישען זשעני אויף אַלע געביעטען פון תורה און תלמוד, וויסענשאַפט און פילאָזאָפיע האָט ער אויפגערודערט די גאַנצע יודישע וועלט. ער האָט דערהויבען דאָס יודענטום, ער האָט געשאַפען אַ נייע טראַדיציאָנעלע קאָנצעפציע פונ׳ם יודענטום און איז געווען דער גרעסטער אויטאָריטעט אין הלכה. עס איז נישט געווען קיין איין-איינציגע זאַך אינ׳ם יודענטום, וואָס דערדאָזיגער סיסטעמאַטישער מוח און אַל-אומפאַסענדער שעפערישער זשעני זאָל האָבען דורכגעלאָזט. דער רמב״ם איז געווען אַ פענאָמענאַלע ערשיינונג נישט בלויז אין דער יודישער געשיכטע, נאָר אויך אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט. דען זיינע פילאָזאָפישע חקירות האָבען אַריבערגעשפּרייזט אַלע גרענעצען און זענען געוואָרען אַ קנין פון אַלע פעלקער.

צום בעדויערן, האָט זיך אָבער נאָך זיין טויט געשאַפען אַ געגנערשאַפט צו איהם און עס האָט זיך צעפלאַקערט אַזאַ מלחמה, אַז ס׳האָט געשיינט, אַז דאָס יודענטום וועט צעריסען ווערען אויף צוויי טיילען. ס׳איז אָבער, צום גליק, דערצו נישט געקומען. אַ נייער גרויסער שטערן איז אויפגעגאַנגען אויף דעם יודישען הימעל אין שפאַניען, וועלכער האָט מיט זיין גרויסען זשעני נישט בלויז געשאַפען אַזעלכע גראַנדיעזע ווערק, וואָס האָבען געהאַט אַ געוואַלדיגען איינפלוס אויף דעם יודישען רעליגיעזען געדאַנק, נאָר וואָס האָט אויך מיט זיין צדקות, מיט זיין וואונדערבאַרער עטישער פערזענליכקייט אַריינגעבראַכט אַ האַרמאָניע אין דעם האַלב-צעריסענעם יודענטום. דאָס איז געווען דער רמב״ן.

ב.

זיין פערזענליכקייט און בעריהמטקייט אין דער יוגענד.

דער רמב"ן איז געווען א וואונדערבארע ערשיינונג אינ'ם דאמאלס-דיגען שפאנישען, פראוואנסאלישען און פראנצויזישען יודענטום. מיט זיין גרויסער לומדות און מיט זיין פלפול האט ער אייגענטליך מעהר געפאסט פאר דער צפון-פראנצויזישער שול, וואו עס האבען געהאט געווירקט די בעלי התוספות. ער איז אבער דאך א שפאניער מיט זיין טעמפעראמענט, מיט זיין וועלטליכער בילדונג און געלעהרזאמקייט און מיט זיינע מיסטישע אידעען, וועלכע האבען זיך דאן אנגעהויבען צו פערשפרייטען פון זיינע לאנדסלייט.

דער רמב"ן איז געווען דער גרויסער מייסטער פון תלמוד, דער גרויסער עניו, דער גרויסער בעל-מדות, און זיין איבערגעבענהייט צו טראדיציע און צו אויטאריטעט האט נישט געוואוסט קיין גרענעץ. ביי איהם איז נישט געווען קיין שום העכערע חכמה אויף דער וועלט ווי די תורה, דער תלמוד. ער האט נישט געוואוסט, וואס דאס איז אזוינס צווייפעל. ער איז געווען אויסגעגאסען פון איין שטיק שטאהל. ער האט נישט געקאנט דולדען קיין קריטיק, ווייל ער האט געהאט געהאלטען, אז די בעלי התלמוד זענען געווען די גרעסטע מוחות און די הייליגסטע פערזענליכקייטען אויף דער וועלט, און דאס, וואס זיי האבען געזאגט, איז קודש-קדשים. און נישט בלויז דער תלמוד אליין, נאר אפילו די גאונים, וואס זענען געקומען נאך דעם, און אלע איבריגע גרויסע לומדים אזש ביז צום אלפס, — אלע זענען זיי געווען הייליג, און זייער אויטאריטעט קאן אלזא בשום-אופן נישט בעשטריטען ווערען. ער איז געווען אזוי הכנעה'דיג פאר אויטאריטעט, פאר דער תלמוד'ישער אויטאריטעט, פאר דער אויטאריטעט פון די ראשונים, אז אפילו ווען ער האט געפיהלט, אז ער איז גערעכט אין מאנכע פון זיינע אינטערפרעטאציעס פון הלכות, האט ער דאך זיין מיינונג געלאזט פאלען, ווייל ער האט געהאלטען, אז ז י י האבען זיכער געוואוסט בעסער פאר איהם.

נישט-קוקענדיג דערויף, איז דער רמב"ן נישט געווען קיין קנאי, ווי מאנכע אנדערע פון זיין צייט. ער איז געווען אונקאמפראמיסליך דארט, וואו עס האט זיך געהאנדעלט וועגען דער פעסטקייט פון אמונה, פון טראדיציע און וועגען דער קלארקייט און פרעציזקייט פון הלכה. ער האט שטארק פערטיידיגט דעם אלפס געגען דער קריטיק פון זיין לאנדסמאן ר' זרחיה הלוי גירונדי, דעם בעל „המאור", הגם אין מאנכע ערטער איז עס איהם אנגעקומען גאנץ שווערליך מיט דער גאנצער שארפקייט פון זיין פלפול, וואס ער האט פערמאגט. ער האט אויך פערטיידיגט דעם „הלכות גדולות" געגען די אנגריפען פון רמב"ם אין זיין „ספר המצוות". ער האט אנגעגריפען דעם אבן-עזרא דערפאר, וואס ער האט ארויסגעבראכט מאנכע

צו-פרייע אויסטייטשונגען — נישט-קוקנדיג דערויף, וואס אזא פערזענליכ־קייט ווי דער רבנו תם און אזא אויטאריטעט ווי דער רמב״ם האבען פון איהם געהאלטען. דער רמב״ן האט דערויף נישט געקוקט. ער האט געהאט זיינע אייגענע אנשויאונגען און זיין אייגענע שיטה. ער האט אפילו מאנ־כעסמאל, בעת זיין פערטיידיגען אימיצען, שטארק נישט נושא־פנים געווען אנ׳אנדערן; אבער בכלל־גענומען איז דער רמב״ן נישט געווען פון יענעם מין קנאים, וואס האבען אין גרויסער אויפפלאמונג פערלוירען דעם באלאנס. ער איז דוקא געווען א בעל־פשרה און א רודף־שלום און איז געווען אנ־אויסגעשפראכענער געגנער פון נישט-בערעכטיגטע קיצוניות און מחלוקת, וועלכע האבען, לויט זיין מיינונג, געקאנט אונטערגראבען דעם יסוד פון דער יודישער אמונה. אין ד ע ר הינזיכט איז ער געווען לחלוטין אנדערש ווי פיעל אנדערע גרויסע חכמים פון פראנקרייך, נאך רש״י און דעם רבנו תם, וועלכע זענען וויט געווען פון חקירה. אין פראנקרייך האט געהערשט בלויז דער גייסט פון תורה, פון תלמוד, פון מדרש. דארט האט מען זיך מיט פילאזאפישע גריבלענישען לחלוטין נישט אבגעגעבען און מען האט זיך דערמיט לגמרי נישט אינטערעסירט. דער רמב״ן איז געווען א שפאניער. און הגם פאר איהם האט קיין העכערע חכמה ווי דער תלמוד נישט עקזיס־טירט, איז ער דאך געווען אונטער׳ן איינפלוס פון דער שפאניש-יודישער קולטור, וואו תורה און חכמה זענען געגאנגען האנד-אין-האנד און מען האט זיך פאר חקירה נישט אזוי שטארק געשראקען. דען דארט, וואו דער כח־התורה איז געווען גרעסער ווי דער כח־החכמה, האט מען פאר קיין שום פרעמדע ווינטען נישט געהאט וואס מורא צו האבען. און דער רמב״ן איז דאך געווען דער גרויסער טרעגער פון תורה.

דער רמב״ן האט געשטאמט פון א גרויסער לומד׳ישער פאמיליע פון געראנא, אדער ווי די יודען האבען זי גערופען גירונדי, אין קאטאלאניען, וואו ער איז געבוירען געווארען אין יאהר 1195, אנ׳ערך ניין יאהר פריער ווי דער רמב״ם איז געשטארבען. די שטאדט געראנא, וועלכע איז דא־מאלס געווען בעקאנט מיט איהר גרויסען האנדעל, איז אבער נאך מעהר גע־ווען בעריהמט מיט איהרע גרויסע תלמידי־חכמים, וועלכע האבען געשפיעלט א גרויסע ראלע אין דער לומד׳ישער וועלט, ווי ר׳ יונה גירונדי, ר׳ זרחיה און אנדערע בעריהמטע פערזענליכקייטען. דער רמב״ן איז געווען אנ׳איי־ניקעל פון ר׳ יצחק ב״ר ראובן פון בארצעלאנא, וועלכער איז שפעטער געווארען רב אין דעניא, און אויך א נאהענטער קרוב פון ר׳ יונה גי־רונדי.

אויסערדעם, וואס ער האט געלעבט אין א שטאדט פון תורה און אין א פאמיליע פון תורה, האט ער נאך געהאט דערצו די גרעסטע לומדים פון זיין צייט אלס רביים. ער האט געלערנט תלמוד ביי ר׳ יהודה בן־יקר, א תלמיד פון ריצב״א, און ר׳ שמשון משאנץ, וועלכע זענען געווען פון די לעצטע בעלי התוספות. און ביי די גרויסע מקובלים פון זיין שטאדט, ר׳

עזריאל און ר׳ עזרא, האָט ער אויך געלערנט קבלה. עס איז נאָך פאַרהאַן אַ סברה, אַז ר׳ יהודה בן־יקר איז אַליין אויך געווען אַ גרויסער מקובל און ער האָט עס אָנגעהויבען אַריינצופיהרען דעם יונגען רמב״ן אין דער געהיימניספולער מיסטישער וועלט, אין דער נייער תורה, וועלכע האָט דאַמאָלס אָנגעהויבען אויפבליהען און זיך פערשפרייטען אין שפאַניען.

עס איז אָבער אינטערעסאַנט, אַז דערדאָזיגער יונגער צדיק, למדן און מקובל האָט זיך אויך אָבגעגעבען מיט וויסענשאַפט און פילאָזאָפיע און איז געווען אַ מייסטער אין אייניגע שפּראַכען. דער רמב״ן האָט שטודירט מעדיצין און נאַטור-וויסענשאַפט, און ער האָט מאַנכעסמאָל אָנגעווענדעט זיין מעדיצינישע אויסבילדונג אין דער פּראַקטיק, ווי עס דערצעהלט אויף איהם זיין תלמיד, דער רשב״א. אַז ער איז געווען אַ מעדיצינער איז קיין שום ספק נישט; דאָס זעהט מען אַרויס פון זיינע פירושים אויף דער תורה, וואו ער בענוצט זיינע קענטניסען און מאַכט די בעמערקונג (פ׳ ויצא): „אבל לא ראיתי כן באחד מספרי הרפואות המדברים בהם״. דאָס זעהט מען אויך פון אַנדערע בעמערקונגען אין זיין פירוש אויף דער תורה.

דער רמב״ן האָט זיך געהאַט פערנומען אויך מיט חקירה, אָבער אין מעטאַפיזישע פּראָבלעמען האָט ער זיך נישט געוואָלט אַריינלאָזען. ער איז נישט געגאַנגען אַזוי ווייט ווי דער רמב״ם. דערצו איז ער געווען צו-טראַדיציאָנעל, אַ צו-גרויסער מאַמין אין יעדען פּינטעלע, וואָס עס איז אַרויסגעבראַכט געוואָרען פון די בעלי־התלמוד און אַלע ראשונים. ער איז אָבער געווען אַ חוקר פון דער נאַטור, און מחמת-דעם איז ער בעסער אוועק אין קבלה, אין סוד, אין רמז, אין דער גרויסער מיסטישער וועלט. דער רמב״ן איז ממש ענטציקט געווען פון קבלה, וואו יעדער אות פון דער תורה איז אַ סוד גדול און מיט אַלע צירופים פון די אותיות קאָן מען דערגעהן געוואַלדיגע סודות און מען קאָן אויפטהון, מחדש-זיין און מתקן-זיין גאַנצע וועלטען. עס פערשטעהט זיך, אַז די אַלע וועלטליכע חכמות זענען דורך איהם בעטראַכט געוואָרען כמעט נישט אַפילו אַלס פרפראות. זיין וועלט איז געווען אַ גאַנץ אַנדערע. זיין וועלט איז געווען דער תלמוד און דורך איהם האָט ער געקוקט אויף דער וועלט.

זיין גרויסען זשעני אין תלמוד האָט ער אַרויסגעוויזען בעת ער איז נאָך גאַנץ יונג געווען. שוין צו פופצעהן יאָהר אַלט האָט ער געשאַפען אייניגע אָבהאַנדלונגען איבער׳ן תלמוד, — הלכות בכורות און נדרים, — וואָס זענען בעטראַכט געוואָרען אַלס מייסטערווערק. ווען מען וואָלט נישט געוואוסט בפירוש, אַז דאָס שטאַמט פון איהם, וואָלט קיינער נישט געקאָנט גלויבען, אַז דאָס איז אַ שאַפונג פון אַ פופצעהן-יאָהריגען בחור׳ל. דאָרט זעהט מען זיין שאַרפען מוח, זיין געזונטע לאָגיק, זיין בקיאות, זיין רייפקייט, זיין פולקאָמענהייט און ווי אומפּאַסענד ער איז אויף דעמדאָזיגען געביעט. שפּעטער האָט ער געשריבען זיין קריטיש ווערק „מלחמות״, וואו ער גרייפט-אָן דעם „בעל המאור״ אויפ׳ן אַלפס. ער האָט דעם אַלפס ממש פער-

געטערט און ער האָט אין איהם געזעהן אַ מוסטער פאַר תורה. ער רופט איהם שטענדיג „רבנו הגדול״ און פערטיידיגט איהם מיט אויסערגעוועהנלי־כער קראַפט. דאָס זעהט מען אויך פון זיין „ספר הזכות״, אין וועלכען ער קריטיקירט אויך דעם ראב״ד פאַר זיינע השגות אויפ׳ן אַלפס. ווען דער רמב״ן איז געוואָרען עלטער און דער יוגענדליכער שטורם האָט זיך איינ־געשטילט און אָבגעקיהלט, האָט ער פערענדיגט די איבריגע טיילען פון זיין „מלחמות״, און דאַן האָט ער שוין חרטה געהאַט, פאַרוואָס ער האָט אַזוי שאַרף אָנגעגריפען אַזאַ גאון, ווי דער „בעל המאור״. דאָ האָט ער ווידער ענטפּלעקט זיין גרויסע עניוות. ווייל הגם ער האָט געוואוסט, אַז ער איז גערעכט געווען, האָט ער דאָך נישט געדאַרפט געברויכען אַזאַ האַרטען טאָן.

אַז דער רמב״ן איז אַלט געוואָרען צוואַנציג יאָהר, האָט ער שוין גע־האַט געשריבען פירושים אויף אייניגע מסכתות פון תלמוד־בבלי, וואו ער האָט אַרויסגעוויזען זיינע גרויסע חידושים. בכלל האָט דער רמב״ן געהאַל־טען, אַז דאָס לערנען תלמוד, דער עצם ענין פון לערנען אויף אַרויסצו־ברענגען לאָגישע סברות, אַרויסצוברענגען די טיעפקייט און גרויסקייט פון תלמוד, איז דער עיקר.

זיין נאָמען איז, אַלזאָ, נאָך אין די גאַנץ יונגע יאָהרען בעריהמט גע־וואָרען אין דער יודישער וועלט אַלס גדול־הדור און אַלס צדיק.

ג.

דער קאַמף געגען רמב״ם.

דער איינפלוס פונ׳ם רמב״ם אויפ׳ן יודענטום, — סיי אַלס קאָדיפיצי־רער פון די הלכות און סיי אַלס רעליגיעזער פילאָזאָף, וועלכער האָט פּרו־בירט אויסשלייפען די יודישע רעליגיע און אויפקלערען די יודישע טראַדי־ציע מיט דער הילף פון פילאָזאָפישע חקירות, — איז דאַמאָלס געווען אומ־געהויער גרויס. אויב ר׳ סעדיה גאון האָט אויפ׳ן געביעט פון דער רעלי־גיעזער פילאָזאָפיע געמאַכט דעם אָנפאַנג, האָט דער רמב״ם זי אויסגעשניצט און זי אויסגעטאָקט און זי געבראַכט צו קינסטלערישער פולקאָמענהייט.

דער רמב״ם האָט אויפגעשטורמט די וועלט און האָט פערכאַפּט די מוחות פון אַלע קרייזען פונ׳ם יודענטום. יעדער איינער האָט געקאָנט אין איהם געפינען דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט. סיי די טראַדיציאָנעלע יודען, גרויסע בעלי־הלכה, סיי די משכילים און בעלי־חקירה — אַלע האָבען גע־קאָנט שטילען זייער גייסטיגען דורשט פון זיינע תורה־ און חכמה־קוואַלען. דעם רמב״ם׳ס נאָמען איז פערשפּרייט געוואָרען איבער דער גאַנצער יודי־שער וועלט און אַלע האָבען איהם שטודירט מיט גרויסען פלייס. אויך דער רמב״ן איז געווען אַ גרויסער אָנהענגער פון רמב״ם. ער האָט זיך שטאַרק פערטיעפט אין זיינע ריזיגע לומד׳ישע ווערק, ווי אויך אין זיינע פילאָזאָפישע

חקירות, און האָט געהאַט גרויס יראת־הכבוד פאַר איהם. נאַטירליך, איז דעם רמב״ן פיעל נעהענטער געווען דער רמב״ם פון הלכה, דער רמב״ם פון תורה. דער רמב״ם פון ח ק י ר ה איז איהם געווען ווייטליך: ד ע ר רמב״ם איז געווען פאַר איהם צו־שכל׳דיג, צו־לאָגיש, צו־מאַטעמאַטיש. ביי איהם, ביים רמב״ן, איז רעליגיע געווען מעהר אַ זאַך פון געפיהל, פון האַרץ, ווי פון שכל, מעהר מיסטיש, מעהר געהיימניספול. דעם רמב״ם׳ס פילאָזאָפיע האָט לחלוטין נישט געפּאַסט צו דעם מיסטישען רמב״ן.

נישט־קוקענדיג אויף דער גרויסקייט און הייליגקייט פון רמב״ם, זענען דאָך געווען געוויסע עלעמענטען, וועלכע זענען אַרויסגעטראָטען געגען איהם. היינט קאָן דאָס קלינגען גאַנץ משונה׳דיג. ווען קאָן דען היינט האָבען די העזה צו זאָגען אַ שאַרף וואָרט אויפ׳ן רמב״ם? אָבער דאַמאָלס איז עס געווען גאַנץ נאַטירליך. באמת האָט דער רמב״ם דורך זיינע נייע השקפות און אפילו דורך זיינע קאָדיפיצירטע הלכות ערוואָרבען גענוג געגנער נאָך בעת ער האָט געהאַט געלעבט. דידאָזיגע געגנער האָבען אָבער דאַמאָלס גע-שוויגען, ווייל דער כח פון רמב״ם איז געווען אונגעהויער גרויס און זיינע אָנהענגער האָבען געהאַט געבילדעט אַ געוואַלדיגע מאַכט. אָבער באַלד נאָך זיין טויט זענען די געגנער אַרויס געגען איהם מיט אַזאַ שאַרפקייט און מיט אַזאַ פערביטערטקייט, מיט אַזאַ פייער און ליידענשאַפט, אַז ס׳האָט אָנגע-הויבען דראָהען דער אַחדות־האומה.

דער הויפּט־אָנפיהרער פון דעם קאַמף געגען דעם רמב״ם און זיינע אָנהענגער איז געווען ר׳ שלמה בן אברהם פון מאָנפּעליע. ער איז געווען אַ גרויסער תלמיד־חכם און אַ גרויסער צדיק, ביי וועלכען דער תלמוד איז געווען די גאַנצע וועלט. ער איז געווען אַ מענש פון בוכשטאַב. ער האָט לגמרי נישט אָנערקענט קיין שום פירוש אויף אַגדה. דאָס, וואָס די אַגדה זאָגט, דאָס, וואָס די אַגדה דערצעהלט, מוז אָנגענומען ווערען בוכשטעבליך, נישט בדרך־ציור, בדרך־משל. לויט׳ן רמב״ם׳ס זוהן ר׳ אברהם, זאָל אָט דער ר׳ שלמה אויך האָבען געגלויבט אין הגשמת אלקות — דאָס הייסט, אַז דער אויבערשטער האָט דיזעלבע קערפּערליכע אייגענשאַפטען און אַפילו אברים, ווי אַ מענש. עס איז דעריבער קיין וואונדער נישט, אַז אַ מאַן מיט אַזאַ השקפה האָט געקאָנט געפינען אין רמב״ם׳ס פילאָזאָפישע ספרים אמת׳ע אפּיקורסות, וואָס איז, זעלבסטפערשטענדליך, אַ סכנה פאַר׳ן גאַנצען יודענ-טום. ער האָט געהאַלטען, אַז דער רמב״ם גלויבט נישט אַבסאָלוט אין די נסים, וואָס ווערען דערצעהלט אין דער תורה, נאָר ער בעמיהט זיך זיי מקרב צו זיין צום שכל, זיי אויפצוקלערען על־פי דרך־הטבע. אַזעלכע מינים השקפות זענען געגען גייסט פון תלמוד. הויפּטזעכליך האָט ער נישט געקאָנט פערשטעהן, ווי־אַזוי דער רמב״ם ערלויבט זיך פעסטצושטעלען אַ נייעם מין אלקות, וואָס שטימט נישט מיט׳ן רוח פון דער טראַדיציע. אַזעלכע מינים אַנשויאונגען האָבען, לויט זיין מיינונג, געמוזט אַראָבפיהרען די יודען פון דרך־הישר. דעם רמב״ם׳ס געגנער האָבען זיך זאָגאַר געפּרובט אַנצוווייזען,

אַז זיינע ספרים האָבען שוין געהאַט דידאָזיגע ווירקונג אין שפּאַניען, וואו דער עולם איז געווען נישט פרום און פיעל יודען האָבען חתונה געהאַט מיט קריסטליכע און אַראַבישע פרויען, און יודישע מיידלעך האָבען חתונה געהאַט מיט קריסטליכע און אַראַבישע יונגעלייט. באמת אָבער האָט דאָס צום רמב"ם מיט זיינע פילאָזאָפישע ספרים קיין שום שייכות נישט געהאַט; וואָרום דידאָזיגע ערשיינונג איז שוין געווען צו זעהן נאָך פאַר'ן רמב"ם.

עס פערשטעהט זיך, אַז די אָנהענגער פון רמב"ם האָבען נישט געשוויגען. סיי זיינע אָנהענגער אין פּראָווענס און סיי אין שפּאַניען האָבען נישט געקאַרגט צו שיקען זייערע פיילען אויף דעם רמב"ם'ס געגנער. די אַלע תלמידי־חכמים, משכילים, פּאָעטען און סאַטיריקער, וועלכע האָבען געהאַלטען פאַר'ן רמב"ם, האָבען אין פערשידענאַרטיגע פאָרמען אָנגעגריפען דעם אַנדער צד, און דער קאַמף האָט זיך צעפלאַקערט אויף אַלע פראָנטען.

ר' שלמה, וועלכער איז געווען אַ מאַן פון גרויסען קוראַזש, האָט בעשלאָסען איינמאָל פאַר אַלעמאָל צו צוברעכען די עקשנות פון זיינע געגנער, ווייל ער האָט איינגעזעהן, אַז פון די אַלע וויכוחים און שריפטליכען קאַמף וועט גאָרנישט אַרויסקומען. ער האָט געהאַט אַ פיעל ווירקזאַמערן מיטעל, אַ מיטעל, וואָס האָט זיך געהאַט פּראַקטיצירט אין מיטעלאַלטער בנוגע פריידענקער. דאָס איז געווען דער חרם. אָבער אַזאַ זאַך האָט ר' שלמה נישט געקאָנט טהון איינער אַליין. דער כח פון רמב"ם'ס אָנהענגער איז געווען צו־גרויס, אַז ער זאָל זיך איינער אַליין ערלויבען אַרויסצוטרעטען מיט אַזאַ שאַרף געוועהר. ר' שלמה האָט דעריבער פּרובירט זוכען צווישען די פראַנצויזישע רבנים אַזעלכע, וועלכע זאָלען נעהמען אַנטייל אין זיין פּלאַן. ער האָט אָבער נישט געפונען קיין איין רב, וועלכער זאָל וואַגען זיך אַרויסשטעלען געגען רמב"ם און געגען זיינע אָנהענגער. דאַן האָט ער זיך מיישב געווען און גענומען צוויי פון זיינע איבערגעבענע תלמידים, ר' יונה בן אברהם גירונדי (דעם עלטערען) און ר' דוד בן שאול. דערדאָזיגער טריאומוויראַט האָט אין אָנהויב יאָהר 1232 ערקלערט עפענטליך אַ חרם אויף די אַלע, וואָס וועלען לערנען דעם רמב"ם'ס ספרים און בעזונדערס דעם „מורה נבוכים" און „ספר המדע", אויף די אַלע, וואָס וועלען שטודירען חכמות חיצוניות אויסער דער תורה און תלמוד, און אויף די אַלע, וואָס וועלען אויסטייטשען די תורה און אגדה אַנדערש ווי רש"י.

דערדאָזיגער חרם איז אַרויסגעגעבען געוואָרען מיט דער ערקלערונג, אַז דאָס איז געטהאָן געוואָרען דערפאַר, וואָס דעם רמב"ם'ס השקפות קאָנען אונטערברעכען דאָס יודענטום. עס קאָן זיין, האָבען די דריי רבנים געזאָגט, אַז דער רמב"ם האָט צום אָנהויב זיך אויפגעפיהרט לויט די אמת'ע טראַדיציעס פון תלמוד, אָבער דאָס לעבען האָט בעוויזען, אַז אפילו גרעסערע מענשען האָבען זיך אויף די עלטערע יאָהרען אויסגעגליטשט. כדי דער חרם זאָל בעקומען מעהר קראַפט און מעהר אויטאָריטעט, האָט דער טריאומווי-

ראָט פּרובירט צוזיהאַן צו זיך אַ פּאָר גרויסע תּלמידי־חכמים און צדיקים, וועלכע זענען געווען ווייט פון וועלטליכע זאַכען און האָבען זייער גאַנץ לעבען פּערבראַכט אויפ׳ן תּלמוד. און זיי האָבען אויך געפונען: דאָס איז געווען איינער פון די בעלי־התּוספות ר׳ שמשון משאַנץ און, אַ סברה, אויך ר׳ יחיאל פון פּאַריז.

דערדאָזיגער חרם, וואָס האָט פערבאָטען יודען צו לערנען זייטיגע חכמות און אָבגעשלאָסען די יודישע וועלט פונ׳ם רמב״ם, האָט אַרויסגערופען אַ שטורם אין דער יודישער וועלט. די אָנהענגער פון רמב״ם, וועלכע זענען געווען בעזונדערס שטאַרק אין פּראָוואַנס און אין שפּאַניען, האָבען אַזאַ שרעקליכע בעליידיגונג נישט געקאָנט פערטראָגען. די פּראָוואַנסער יודישע קהלות, ווי לונעל, בעזיער און נאַרבאָן, האָבען באַלד ערקלערט אַ חרם אויף ר׳ שלמה׳ן מיט זיינע צוויי תּלמידים און פונאַנדערגעשיקט בריעף צו אַלע איבריגע קהלות אין פּראָוואַנס, זיי זאָלען זיך פעראייניגען צוזאַמען, כּדי צו פערטיידיגען דעם כּבוד פון רמב״ם. דאָס פייער האָט זיך אַזוי שטאַרק צעפלאַקערט, אַז אַפילו אין מאָנפּעליע גופא, וואו ר׳ שלמה האָט זיך געפיהלט אַמשטאַרקסטען, האָט זיך די יודישע קהלה צעטיילט אויף צוויי טיילען: דער המון, דער פּראָסטער עולם, האָט געהאַלטען מיט ר׳ שלמה׳ן און זיינע צוויי תּלמידים, און די געלעהרטע און משכּילים האָבען געהאַלטען מיט זייערע געגנער. דאָרט איז שוין פאָרגעקומען נישט בלויז אַ ווערטער־קאַמף, נאָר אויך אַ פויסטען־קאַמף.

דאָס פייער האָט זיך אָבער נישט לאָקאַליזירט אויף אַ טייל פּראָוואַנס. באַלד האָט דער פלאַקער אַרומגעכאַפּט גאַנץ פּראָוואַנס, קאַטאַלאָניען, אַראַגאָן און קאַסטיליען. אין שפּאַניען האָבען די אָנהענגער פון רמב״ם גע־טענה׳ט, אַז דער, ווער עס איז געגען לערנען חכמה, דער איז געגען די חכמי־התּלמוד, וואָרום די חכמי־התּלמוד אַליין האָבען געהייסען לערנען זייטיגע חכמות, זיי האָבען אַליין געקענט חכמות, זיי אַליין זענען געווען מאַטעמאַטיקער, אַסטראָנאָמען, דאָקטוירים און שפּראַך־קענער. ווי־אַזוי קאָנען דידאָזיגע דריי רבּנים פערבאָטען דאָס, וואָס דער תּלמוד האָט ערלויבט?

עס פערשטעהט זיך, אַז דער צווייטער צד האָט אויך געוואוסט, וואָס צו ענטפערן אויף די אַלע טענות. יעדער צד האָט זיך געשטיצט אויף דער תּורה און אויף דעם תּלמוד. אַלע האָבען געבראַכט ראיות פון פּסוקים און פון מאמרי חז״ל. אָבער דאָס האָט צו קיין שלום נישט געבראַכט. ביידע צדדים זענען געווען איינגעשפּאַרט און ס׳האָט גאָר קיין רייד נישט געקאָנט זיין, אַז אימיצער זאָל זיך אונטערגעבען. ביידע טיילען יודענטום זענען געלעגען אונטער אַ חרם און דער קאַמף איז אָנגעגאַנגען ווייטער — און וואָס ווייטער, אַלץ שאַרפער, אַלץ פערביטערטער.

דאַן איז געקומען דער רמב״ן, וועלכער איז געווען געאַכטעט נישט בלויז אין שפּאַניען, נאָר אויך אין פּראָוואַנס און צפון־פראַנקרייך, און האָט פּרובירט נעהמען אַ וואָרט אין דעם גרויסען פערביטערטען קאַמף.

ו.

זיין שלום־בריעף. — ספרים ווערען פערברענט.

צו דער צייט פון דעם גרויסען קאמף, וואס איז אנגעגאנגען איבער׳ן רמב״ם, איז שוין דער רמב״ן געווען אלט א יאהר פערציג מיט א פעסטגעשטעלטער רעפוטאציע און אנערקענטער אויטאריטעט אלס גאון אין דער גאנצער יודישער וועלט. עס שיינט, אז דער רמב״ן איז געווען אזוי פערטיפט אין לערנען, אז ער האט די ערשטע צייט כמעט לחלוטין נישט געוואוסט, וואס די פראנצויזישע תלמידי־חכמים האבען זיך אויסגעדריקט וועגען רמב״ם און וועגען זיינע ספרים.

דידאזיגע לאגע האט אויסגענוצט ר׳ שלמה פון מאנפעליע, דעם רמב״ן׳ס יוגענד־פריינד, פאר זיינע צוועקען. ער האט געוואוסט, אז דעם רמב״ן׳ס נאמען וועט א סך מיטהעלפען צו פערשטארקען זיין פאזיציע אין זיין קאמף מיט׳ן רמב״ם׳ס אנהענגער. ער האט אבער אויך געוואוסט, אז דער רמב״ן איז א גרויסער אנהענגער פון רמב״ם אין תלמוד און הלכה, מחמת־דעם האט ער אין זיין בריעף צו איהם זיך אויך געמאכט פאר אן אנהענגער פון רמב״ם, נאר ער האט איהם סתם געבעטען, אז ער זאל זיך אריינמישען אין דעם ענין און העלפען פערענדיגען דעם קאמף געגען די אפיקורסים. אין דעם בריעף, וואס ער האט איהם געשריבען, דערמאהנט ער איהם די יונגע יאהרען, ווען זיי האבען פערבראכט צוזאמען, און דערצעהלט איהם, אז מאנכע יונגערע און עלטערע מענשען פערעפענטליכען אזעלכע מינים ספרים, וואס זענען געגען דעם גייסט פון אונזער תורה און פיהרען אראב די יודען פון דרך־הישר. ער האט זיך, הייסט עס, געפרובירט מתווכח זיין מיט אט די מענשען, אבער זיי האבען איהם אנגעקוקט עפעס ווילד; צוליב־דעם האט זיך אט דערדאזיגער קאמף פערגרעסערט און זיינע שונאים האבען אויף איהם אויסגעטראכט, אז ער האט כלומר׳שט בעליידיגט דעם רמב״ם. דאס איז נישט אמת. ער דארף אזעלכע פוסטע מעשיות נישט גלויבען. מען האט זאגאר אויסגעטראכט אויף איהם, אז ער האט געראטען מחרים צו זיין יעדען איינעם, וואס וועט לערנען דעם רמב״ם. ער האט אזעלכעס אפילו קיינמאל נישט געטראכט. ער האט איהם דעריבער געבעטען אויסצופארשען דעם ענין און אז ער זאל זיך צו זייערע רייד נישט צוהערען.

דער רמב״ן האט טאקע נישט געוואוסט גענוי, וואס עס קומט־פאר אין פראנקרייך, און מחמת־דעם האט ער זיין יוגענד־פריינד און גאון ר׳ שלמה שטארק געגלויבט און אויך בעשלאסען זיך אנצונעהמען פאר איהם. ער האט אנגעשריבען א בריעף צו אלע קהלות פון אראגאן, נאווארא און קאסטיליען, אין וועלכען ער לויבט שטארק זיין חבר ר׳ שלמה פון מאנפעליע און עצה׳ט זיי אויפצוהערען די מחלוקת. אויך ראט ער די יודישע

קהלות, זיי זאָלען זיך נישט צוהערען צו די מעשיות, וואָס מען טראַכט-אויס אויף ר׳ שלמה׳ן, אַז ער איז געגען רמב״ם. דאָס איז נישט ריכטיג. ר׳ שלמה איז קיינמאָל נישט געווען געגען רמב״ם.

עס פערשטעהט זיך, אַז דער רמב״ן האָט מיט אַזאַ מין בריעף גאָר-נישט געקאָנט ווירקען אויף די אָנהענגער פון רמב״ם, ווייל זיי האָבען די לאַגע געוואוסט בעסער. זיי האָבען בלויז בעדויערט, וואָס דער רמב״ן איז נישט-ריכטיג אינפאָרמיט געוואָרען.

דעם רמב״ם׳ס צד האָט דאַן נישט גערוהט, ער איז געווען זעהר ענערגיש און האָט מיט אַלע כחות געזוכט צו געווינען די גרויסע יודישע פער-זענליכקייטען אויף זיין זייט. זיין וואונש איז געווען צו געווינען די צוויי בעריהמטע שפּאַנישע פערזענליכקייטען ר׳ יהודה בן יוסף אַלפּאַכאַר און ר׳ מאיר הלוי אַבולאַפיאַ, וועלכע האָבען געוואוינט אין טאָלעדאָ (קאַסטיליען). ר׳ יהודה איז געשטאַנען פונוויטען. ער איז נישט געגאַנגען נישט מיט איין צד און נישט מיט׳ן אַנדערען. ער האָט זיך נישט געוואָלט אַריינמי-שען אין מחלוקת. ר׳ מאיר הלוי, וועלכער האָט נאָך פון לאַנג געהאַט אָנגעגריפען דעם רמב״ם, האָט איצט געשטיצט דעם רמב״ם׳ס געגנער מיט גרויסער קראַפט. נאָך מעהר, ר׳ מאיר האָט שטאַרק געלויבט ר׳ שלמה׳ן פון מאָנפּעליע פאַר זיין קוראַזש אַריינצולעגען אין חרם די אַלע, וואָס האַלטען מיט׳ן רמב״ם.

אויב אָבער עס איז שווער געווען צו געווינען דידאָזיגע צוויי בע-ריהמטע פערזענליכקייטען אין שפּאַניען, האָבען די אָנהענגער פון רמב״ם אָנגעווענדעט אַלע כחות אָבצוציהען פון ר׳ שלמה׳ן די גרויסע פראַנצויזישע רבנים. און דאָ איז זיי שוין בעסער געגאַנגען. הויפּטזעכליך האָט דערצו מיטגעהאָלפען דער יונגער חכם ר׳ שמואל בן-אברהם שפּאַרטאַ, וועלכער האָט זיך געווענדעט דירעקט מיט אַ בריעף צו אַלע רבנים פון פראַנקרייך און האָט זיי פּרובירט אָנווייזען זייער גרויסען טעות, וואָס זיי האָבען גע-מאַכט. ער האָט זיי אָנגעוויזען אויף דער אומגערעכטער האַנדלונג, וואָס זיי האָבען אַרויסגעגעבען אַ פסק-דין, איידער זיי האָבען גוט אויסגעפאָרשט דעם ענין. פריהער ווי אַלץ האָבען זיי געדאַרפט לערנען, שטודירען די ספרים פון רמב״ם. עס שיינט, זאָגט ער אין בריעף, אַז איהר ווייסט גאָר נישט פון די ספרים, וועלכע איהר האָט פערדאַמט. איהר בעשעפטיגט זיך מיט הלכה צו בעשטימען, וואָס ס׳איז אָסור און וואָס ס׳איז מותר; ווי-אַזוי זענט איהר געקומען און אַרויסגעזאָגט אַ מיינונג איבער זאַכען, פון וועלכע איהר האָט גאָר קיין אַהנונג נישט? מיט וואָס פאַר אַ רעכט האָט איהר אונז צו רופען אַפּיקורסים, בעת מיר זענען צוגעבונדען צו דער תורה און צום תלמוד און צו דער גאַנצער יודישער טראַדיציע אַזוי שטאַרק ווי איהר?

שפּאַרטאַ׳ס בריעף האָט געמאַכט אויף די תלמידי־חכמים אַזאַ געוואַל-דיגען איינדרוק, אַז זיי האָבען זיך גענומען אָברוקען פון ר׳ שלמה׳ן און

האָבען געלאָזט וויסען די פּראָוואַנסאַלער קהלות, אַז זיי האָבען געענדערט זייער מיינונג. בעזונדערס האָט די נייגונג צום רמב״ם גענומען אַ שטאַרקע ווענדונג דורכדעם, וואָס אַזאַ פּערזענליכקייט ווי ר׳ משה מקוצי, דער בעל הסמ״ג, איינער פון די לעצטע בעלי־התוספות, איז צוגעשטאַנען צו די אַנ-הענגער פון רמב״ם. ר׳ משה מקוצי איז געווען אַ שוואָגער פון ר׳ שמשון משאַנץ און אַ תלמיד פון ר׳ יהודה החסיד פון פּאַריז, וועלכע זענען אויך געווען אויף ר׳ שלמה׳ס צד, און דאָך האָט ער געהאַלטען פון רמב״ם אין הלכה. ער האָט דעריבער זיך אויך אַרויסגעזאָגט, אַז ס׳איז געווען אַ גרויס אומרעכט מחרים צו זיין דעם רמב״ם׳ס ספרים.

אָט די געשעהעניש האָט געמאַכט אַ גרויסען רושם אויפ׳ן רמב״ן. ער האָט דערפיהלט, אַז די זאַך איז שוין נישט אַזוי איינפאַך, ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט פריהער; ער האָט דערפיהלט, אַז זיינע פריהערדיגע פריינד זענען גאָר נישט אַזוי גערעכט, ווי זיי האָבען זיך בעמיהט פאָר-שטעלען — און ער האָט פּרובירט, אַזוי צו זאָגען, מאַכען שלום. ער האָט באַלד אָנגעשריבען אַ בריעף צו אַלע פראַנצויזישע רבנים, אין וועלכען ער בעמיהט זיך צו בעווייזען מיט קלאָרע דבורים, אַז זיי זענען שוין צו־ווייט אַוועק. ווי־אַזוי האָט איהר זיך ערלויבט צו בעליידיגען דעם רמב״ם? — האָט ער זיי געפרעגט. — פאַרוואָס האָט איהר זיך ערלויבט אַריינצולעגען אין חרם דעם רמב״ם׳ס ספרים — דעם „מורה נבוכים" און דעם „ספר המדע"? אויב איהר האָט געזעהן זיינע ספרים און זיי שטודירט, האָט איהר געדאַרפט וויסען, אַז דער רמב״ם איז אָפט געווען אַ גרויסער מחמיר אין דין, נישט איהר קאָנט זיך ערלויבען אַזאַ זאַך צו טהון. און אויב איהר פערשטעהט נישט דעם „מורה נבוכים" און זאָגט, אַז ער איז אַ „סורר ומורה", פאַרוואָס האָט איהר מחרים געווען דעם „ספר המדע", — „והמכתב מכתב אלקים הוא", — וואָס איז אַ שליסעל צום רמב״ם׳ס ספרים אויפ׳ן תלמוד? די חכמים פון לונעל און אויך דער ראב״ד האָבען שוין געזעהן זיינע ספרים און האָבען זיי נישט פערבאָטען. דער ראב״ד האָט געקריגט אויפ׳ן רמב״ם, אָבער ער האָט נישט געזאָגט, אַז אין זיינע ספרים איז פאַרהאַן אַפּיקורסות און כפירה. איהר האָט טענות צום רמב״ם, פאַרוואָס ער האָט אַרונטערגענומען די הגשמת אלקות, פאַרוואָס ער האָט אַוועקגענומען פון גאָט די מענשליכע אייגענשאַפטען. דער רמב״ם איז דערין זיכער גערעכט. די גאַנצע הגשמת אלקות אין דער תורה איז נאָר כדי „לשבר את האוזן" פאַר׳ן עולם. אין דער תורה גופא איז אָנגעזאָגט געוואָרען, אַז מען זאָל זיך נישט פאָרשטעלען גאָט אין אַ געוויסען בילד. „כי לא ראיתם כל תמונה" שטעהט אין דער תורה און „ואל מי תדמיוני ואשוה" שטעהט אין די נביאים. דערזעלבער רעיון ווערט איבערגע׳חזר׳ט אין מדרש. געוויס, די אַלע, וואָס האַלטען, אַז דער בורא האָט אַ קערפּער מיט אַלע אברים פון אַ מענשען, האָבען בכלל קיין גאָט נישט. דער, ווער עס זאָגט זיך אָב פון רמב״ם׳ס ספרים, איז פּונקט ווי ער וואָלט זיך אָבגעזאָגט פון לעבען.

דערבײַ האָט דער רמב"ן אָבער אויך געפונען צו זאָגען אַ גוט וואָרט פאַר זײַן חבר ר' שלמה. ער האָט ערקלערט, אַז ס'איז נישט שען מזלזל צו זײַן דעם כבוד פון ר' שלמה'ן, ווײַל ער איז אַ גרויסער תלמיד־חכם און צדיק, און דריקט דערבײַ אויס זײַן וואונש, אַז די מחלוקת זאָל זײַן ווי די מחלוקת פון הלל און שמאי — אין פרײַנדשאַפט און ליעבשאַפט.

כּדי אויסצואיבען אַ שטאַרקערן אײַנפלוס אויף די פּראָנצויזישע רבנים, וואָס האָבען געקעמפט געגען רמב"ם, האָט דער רמב"ן זיך געווענדעט צו זײַן פרײַנד ר' מאיר הלוי אַבולאַפיאַ, אַז ער זאָל זיך אויך אַרויסזאָגען געגען חרם. ר' מאיר איז אָבער געווען אַ שטאַרקער געגנער פון רמב"ם און האָט דערויף נישט געוואָלט אײַנגעהן. ער האָט נאָר געשריבען דעם רמב"ן, אַז בײדע צדדים זאָלען פאַרלעגען זײערע טענות צו איהם, צום רמב"ן, און וואָס ער וועט פּסק'ענען, זאָל בלײַבען.

אויסער'ן רמב"ן, האָט געגען דידאָזיגע מחרימים שטאַרק געאַרבײַט ר' דוד קמחי, דער רד"ק, פון פּראָוואַנס. כּדי צו געפינען אַן'אויסוועג פאַר שלום, האָט ער זיך זאָגאַר עקסטראַ אַוועקגעלאָזט קײן טאָלעדאָ דורכצושמו־עסען זיך מיט ר' יהודה בן יוסף אַלפאַכאַר. דער רד"ק איז שוין דאַמאָלס געווען אַ זקן, אָבער ער האָט דערויף נישט געקוקט. ער איז אויפ'ן וועג טאַקע קראַנק געוואָרען און האָט געמוזט פאָהרען צוריק. דערפאַר האָט ער אָנגעשריבען צו ר' יהודה'ן אַ בריעף און איהם געבעטען אַרויסצוזאָגען זיך געגען חרם. ר' יהודה האָט איהם שפּעטער אָבגעענטפערט און איהם געגע־בען אָנצוהערען, אַז ער זאָל זיך בעסער אין דעם ענין נישט מישען, ווײַל אויף איהם גופא זענען אויך פאַראַן געגנוג חטאים צוליב זײַנע פרײַע פּירושים אויף דער תורה. דער בריעף איז געווען אַ שרעקליך בעלײדיגענ־דער פאַר'ן רד"ק; אָבער מורא האָבענדיג, אַז מען זאָל אויך איהם נישט מחרים זײַן, האָט ער געשוויגען.

איבעריגענס איז סײַ־ווי־סײַ ר' שלמה'ס פּאָזיציע געוואָרען שוואַכער. די רבנ'ישע וועלט האָט אָנגעהויבען אײַנזעהן, אַז די זאַך איז צו־ווײַט אַוועק און אַז קײן גוטס פאַר'ן יודענטום וועט דערפון נישט אַרויסקומען. זײ האָ־בען זיך דעריבער אָבגערוקט פון גאַנצען קאַמף און איבערגעלאָזט ר' שלמה'ן מיט זײַנע צווײ תלמידים אַלײן.

ר' שלמה איז געוואָרען פאַרביטערט, פאַרוואָס מען האָט איהם פאַר־לאָזען — און זײַענדיג אַ מאַן מיט אַמביציעס, קײנעם נישט נאָכצוגעבען, האָט ער געמאַכט אַ שריט, וואָס האָט געבראַכט אַ גרויסען חורבן אויף יודען.

צו יענער צײַט, אין יאָהר 1233, האָט דער פּויפּסט גרעגאָרי דער נײַנטער, וועלענדיג אויסראָטען די קריסטליכע אַפּיקורסים, געגרינדעט די שטענדיגע אינקוויזיציע און בעשטימט די דאָמיניקאַנער גלחים אַלס אינקווי־זיטאָרען. איז יעדער שטאָדט פון דרום־פראַנקרײַך, וואו נאָר עס איז געווען אַ דאָמיניקאַנער קלויסטער, זענען אײַנגעריכטעט געוואָרען טריבונאַלען,

וועלכע האָבען געדאַרפט משפט'ן די אַפיקורסים צו פערברענען אָדער צו פערשפּאַרען אויף אייביג אין געפענגניס. דידאָזיגע אינקוויזיציע האָט אין איהר אָנהויב געהאַט צו טהון מיט קריסטליכע אַפיקורסים און אַפיקורסישע ספרים, אָבער מיט יודען האָט זי גאָרנישט געהאַט צו טהון. ר' שלמה האָט געעפענט די טויערן פון דער אינקוויזיציע אויך פאַר יודען.

ער און זיין תלמיד ר' יונה זענען אַוועק צו די דאָמיניקאַנער גלחים און האָבען געזאָגט:

— איהר ברענט אין פייער אַ י ע ר ע אַפּיקורסים, פאַרוואָס זאָלט איהר נישט משפט'ן אונזערע אַפּיקורסים? דאָס רוב יודען אין פראָוואַנס זענען אַוועק אין די וועגען פון משה פון מצרים, וועלכער האָט געשריבען אַפּיקורסישע ספרים. אויב איהר וועט עפּענטליך פערברענען אָט די אַפּי- קורסישע ספרים, ווי דעם „מורה נבוכים", וועט עס די יודען אָבשרעקען צו געהן אין זיינע וועגען.

דערביי האָבען זיי פאַרגעלייענט אייניגע שטעלען פון רמב"ם'ס ספרים פאַר דידאָזיגע אינקוויזיטאָרען, וועלכע האָבען זיך דערשראָקען, דען זיי האָ- בען גערעכענט, אַז דידאָזיגע „אַפּיקורסישע" געדאַנקען קאָנען נאָך אַריינ- דרינגען אין דער קריסטליכער וועלט, וואָרום דער „מורה נבוכים" איז שוין דאַמאָלס געווען איבערגעזעצט אין לאַטייניש. עס פערשטעהט זיך, אַז ווען די אינקוויזיטאָרען וואָלטען דאַן געהאַט דאָס רעכט צו טהון מיט יודען אַזוי ווי דאָס האָבען שפּעטער געטהאָן זייערע אור-אייניקלעך, וואָלט מען דאַמאָלס אַלע אָנהענגער פון רמב"ם פערברענט. אָבער אין אָנהויב האָט מען נאָר געברענט בלויז די יודישע ס פ ר י ם.

עס פערשטעהט זיך, אַז דער פויפסט מיט די גלחים האָבען זיך אָנ- געכאַפּט אָן דער „מציאה". מען האָט אויסגעזוכט אין אַלע יודישע הייזער דעם רמב"ם'ס ספרים און מען האָט זיי געבראַכט אויפ'ן מאַרק-פּלאַץ, וואו מען האָט אין דער אָנוועזענהייט פון פּובליקום זיי אונטערגעצונדען מיט די ליכטעלעך, וואָס האָבען געברענט אין די קירכען. אַזוי האָט מען געברענט דעם רמב"ם'ס ספרים אין מאָנפּעליע און אַזוי אויך אין פּאַריז. די קריסטען האָבען זיך געפרעהט און האָבען דערין געזעהן דעם אונטערגאַנג פון יו- דענטום.

דידאָזיגע שענדליכע געשעהעניש האָט אויפגערודערט אַלע יודישע קהלות אין פראַנקרייך און שפּאַניען — און אפילו ר' מאיר הלוי אַבולאַפיא, וועלכער האָט פריהער געהאַט געלויבט ר' שלמה'ן פאַר זיין קוראַזש בנוגע דעם חרם, האָט זיך בעהאַלטען פאַר חרפה און זיך געפיהלט בעליידיגט, וואָס ער האָט געשטיצט אַזעלכע קנאים. אַ שווערען איינדרוק האָט, פער- שטעהט זיך, די זאַך געמאַכט אויפ'ן רמב"ן, וועלכער איז געווען אַזאַ אָנ- הענגער פון רמב"ם. ער האָט געפיהלט, אַז ער האָט נישט געהאַנדעלט ווי עס בעדאַרף צו זיין אין דעם גאַנצען ענין, געבענדיג אַביסעל גערעכט ר' שלמה'ן פון מאָנפּעליע און זיינע צוויי תלמידים.

דערדאָזיגער שריט פון ר׳ שלמה׳ן האָט געבראַכט דאָס גרעסטע אומ־גליק אויף יודען. מיט פערציג יאָהר שפּעטער האָט שוין די אינקוויזיציע געברענט נישט בלויז די פלומר׳שט אַפּיקורסישע ספרים, נאָר אויך דעם תלמוד אַליין. ר׳ יונה גירונדי, וועלכער איז געגאַנגען די גאַנצע צייט מיט ר׳ שלמה׳ן, האָט דערין געזעהן אַ שטראָף פון גאָט און איז אַרויף אויפ׳ן בימה און האָט געגעבען אַ נדר צו פאָהרען קיין ארץ־ישראל אויפ׳ן רמב״ם׳ס קבר און בעטען מחילה. ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט איבער דער וועלט, און אין יעדער שטאָדט האָט ער געלויבט דעם רמב״ם. ער איז אָבער פּלוצלונג געשטאָרבען — און די וועלט האָט דערין איינגעזעהן אַ מין אצבע־אלקים: ער האָט נישט זוכה געווען צו קומען קיין ארץ־ישראל. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז דעם רמב״ם׳ס נאָמען איז פערגעטערט, פערהייליגט און בערימט געוואָרען אין דער יודישער וועלט.

ה.

עפענטליכער וויכוח פון רמב״ן איבער קריסטענטום.

צווישען די אַלע פערשידענע צרות, וועלכע די יודען אין מיטעלאַל־טער האָבען געהאַט אויסצושטעהן פון דער נישט־יודישער וועלט, איז אויך געווען אַ בעזונדערע צרה, וואָס האָט פערשאַפט גענוג בייז בלוט און גע־נוג אונגליקען דעם גאַנצען יודענטום. דאָס זענען געווען די בעוואוסטע וויכוחים צווישען פאָרשטעהער פון דער קריסטליכער קירך מיט די פאָר־שטעהער פון יודענטום. די וויכוחים זענען, נאַטירליך, געווען אויפגעצוואונ־גענע; די יודען האָבען עס לחלוטין נישט געוואָלט, ווייל עס איז נישט געווען זייער אויפגאַבע צו מאַכען גוים פאַר יודען. די יודען האָבען גע־מוזט געהן צו אַזעלכע וויכוחים, ווייל זיי האָבען זיך געמוזט פערטיידיגען געגען אַלערליי מינים רשעים. די קריסטליכע פאָרשטעהער פלעגען אָנדער־צעהלען דעם פאָלק, אַז יודען זענען די ערגסטע מענשען אויף דער וועלט צוליב זייער משונה׳דיגער אמונה. דערמיט האָבען די קריסטליכע פיהרער פּרובירט פער׳מיאוס׳ען די יודען אין די אויגען פון די קריסטליכע מאַסען. מאַנכעסמאָל פלעגען אָט די טרעגער פון קריסטענטום אויסטראַכטען מעשיות, אַז אין די יודישע ספרים געפינען זיך שטעלען, וואו עס ווערט אָבגעלאַכט פון דער קריסטליכער אמונה און פון דער קריסטליכער עטיק. אַזאַ מין רע־ליגיעזען וויכוח האָבען געהאַט ר׳ יחיאל פון פּאַריז און ר׳ משה מקוצי, דער בעל הסמ״ג, אין יאָהר 1240 אין דער געגענוואַרט פון דער קעניגין — די פרוי פון לואי דעם נייטען — מיט די העכסטע קריסטליכע גייסטליכע. און אַ׳עהנליכען וויכוח האָט געהאַט דער רמב״ן, מיט צוואַנציג יאָהר שפּע־טער, אין באַרצעלאָנאַ.

צו יענער צייט פלעגט דער יודישער משומד פּאולוס קריסטיאַנוס פון

מאַנפּעליע אַרומפאָהרען איבער די יודישע שטעדט אין פראַנקרייך, כדי צו כאַפּען נפשות פאַר דער קאַטוילישער קירך. ער פלעגט האַלטען אין יעדער שטאָדט דרשות צו „בעווייזען" מיט כלומר'שטע ראַיות פון דער תורה, אַז משיח איז שוין געקומען אין דער פערזאָן פון יעזוס'ן.

ער האָט אָבער מיט די אַלע דרשות נישט געהאַט קיין ערפאָלג. דאַן האָט זיך דער דאָמיניקאַנער גייסטליכער ריימאָנד דע פעניאַפאָרטע בעשלאָסען איינצואָרדענען אַ'עפענטליכען וויכוח צווישען יודען און קריסטען אין דער געגענוואַרט פון קעניג יאַקאָב פון אַראַגאָן. עס האָט געהייסען, אַז פון דעם קריסטליכען צד וועט רעדען דער משומד פּאַולוס קריסטיאַנוס, און פון דעם יודישען צד — דער רמב"ן. פּאַולוס קריסטיאַנוס האָט גערעכענט, אַז אויב דער רמב"ן וועט אויפ'ן וויכוח דורכפאַלען, וועט ער, זעלבסטפערשטענדליך, מוזען אָננעהמען דאָס קריסטענטום — און ווען די יודען וועלען זעהן, אַז אַפילו דער רמב"ן האָט אָנערקענט די קריסטליכע אמונה אַלס די ריכטיגסטע, דאַן וועלען אַלע יודען זיך אָב'שמד'ן.

דערדאָזיגער וויכוח איז פאָרגעקומען אין חודש יולי 1263 אין באַרצעלאָנאַ. צום וויכוח איז געקומען דער קעניג מיט אַלע גרעסטע הויף-לייט, גרויסע גלחים און פירשטען, דאַמען און הערען פון העכערען אדעליגען קלאַס, און אויך פשוט'ע מענשען פון פאָלק. דער וויכוח האָט געדויערט פינף טעג.

דער רמב"ן האָט זיך געהאַלטען מיט גרויסער עהרענווירדע. ער האָט זיך געהאַלטען שטאַרק און איז געווען פריי אין זיין רעדען און האַנדלען אין אַזאַ דעליקאַטען ענין, ווי קריסטענטום, אין דער געגענוואַרט פון אַ קריסטליכען קעניג און קריסטליכע גלחים, וועלכע זענען נאָך געווען שטאַרקער פאַר'ן קעניג. ער האָט אַרויסגעוויזען אויסערגעוועהנליכען מוט און דרייסטקייט, ווי אויך לאָגיק און קלאָרקייט אין זיינע געדאַנקען, דורך וואָס ער האָט געוואונען דעם חסד פון קעניג.

איידער דער וויכוח האָט זיך אָנגעהויבען, האָט דער רמב"ן פערלאַנגט, אַז מען זאָל איהם לאָזען רעדען פריי. דערויף האָט פּאַולוס געענטפערט, אַז מען וועט איהם לאָזען רעדען פריי בתנאי, אויב ער וועט נישט בעליידיגען די קריסטליכע אמונה. דער רמב"ן האָט אָט דעם בעדינג נישט אָנגענומען. ער האָט געזאָגט, אַז אויב ע ר וועט זיין פריי צו רעדען וועגען יודענטום וואָס ער וויל, מוז ער, דער רמב"ן, אויך זיין פריי צו רעדען וועגען קריסטענטום דאָס, וואָס ער וויל. נאַטירליך, וועט ער אַליין נישט רעדען קיין בעליידיגענדע זאַכען, אָבער די פרייהייט צו רעדען מוז מען איהם געבען. דער קעניג האָט דערויף מסכים געווען. דאַן האָט דער רמב"ן ערקלערט, אַז וויכטיגער ווי אַלץ וועט זיין, ווען מען זאָל רעדען פריהער וועגען דעם, צי משיח איז שוין געקומען, לויט די קריסטען האַלטען, אָדער ער דאַרף ערשט קומען, לויט די יודען גלויבען. דאַן וועט מען רעדען וועגען נאָך צוויי פונקטען: איינער איז, צי יענער משיח איז אַ ג אָ ט, צי

ער איז אַ מענש, וואָס איז געבוירען פון מאַן און פרוי; און דער צווייטער איז, צי די יודען האַלטען זיך אין דער אמת׳ער תורה, אין דער אמת׳ער רעליגיע.

פּאָולוס איז דאַן אַרויס און האָט ערקלערט, אַז ער וועט בעווייזען פון דער גמרא, אַז משיח איז שוין געקומען. ער זאָגט, אַז די חכמי התלמוד האָבען געגלויבט, אַז יעזוס איז אַ גאָט.

דערויף האָט דער רמב״ן גע׳טענה׳ט, אַז לויט עס איז בעקאַנט, האָט יעזוס געלעבט און איז געקרייציגט געוואָרען אין דער צייט פון פאַר׳ן חורבן בית שני. די חכמי התלמוד און בעזונדערס די אמוראים האָבען געלעבט אַ סך הונדערטער יאָהרען נאָכ׳ן חורבן. היינט אויב זיי וואָלטען געגלויבט, אַז יעזוס איז משיח, פאַרוואָס האָבען זיי דערפון נישט געשריבען אין תלמוד? פערקעהרט, זיי האָבען געשריבען אין תלמוד דוקא יענע מצוות, וועלכע זיי אַליין האָבען געהיט און מיר היטען זיי אָב ביז היינטיגען טאָג. ווי-אַזוי קאָן פּאָולוס זאָגען, אַז זיי האָבען געגלויבט אין יעזוס׳ן און אין זיין רעליגיע, ווערהרענד די חכמי התלמוד זענען געבליבען יודען און געשטאָרבען אַלס יודען? אויב עס וואָלט געווען אַזוי ווי פּאָולוס זאָגט, וואָלטען זיי דאָך געדאַרפט אָננעהמען יעזוס׳עס גלויבען. זיי האָבען אָבער בעשאַפען דעם תלמוד, כדי מיר זאָלען וויסען די דינים און מנהגים, ווי מען האָט זיך נוהג געווען ביי יודען זינט משה רבנו ע״ה. אָדער אפשר פערשטעהט פּאָולוס בעסער זייערע רייד ווי זיי אַליין?

דאַן האָט פּאָולוס געזאָגט, אַז אין תלמוד געפינט זיך, אַז אין דעם טאָג, ווען עס איז געווען דער חורבן, איז געבוירען געוואָרען משיח. הייסט עס, אַז די בעלי התלמוד האָבען אַליין אָנערקענט, אַז משיח איז געקומען. דערויף האָט דער רמב״ן געענטפערט, אַז באמת גלויבט ער נישט אין דער-דאָזיגער אַגדה פשוטה כמשמעה, דידאָזיגע אַגדה מוז האָבען אַן׳אַנדערע, אַ טיעפערע, ערקלערונג; אָבער אויב ער וועט זי אפילו אָננעהמען פשוט, ווי עס שטעהט געשריבען, איז אַלץ אַ בעווייז, אַז ע ר איז גערעכט. וואָרום אויב מ׳זאָל זאָגען, אַז אין דעם טאָג פון חורבן איז געבוירען געוואָרען משיח, איז דאָך טאַקע אַ ראַיה, אַז יעזוס איז נישט דער משיח, וואָרום ער איז דאָך געבוירען געוואָרען פאַר׳ן חורבן.

דער משומד האָט דערויף נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן. פּאָולוס׳ן איז דאָ געגאַנגען בכלל זעהר שווער. וואָס פאַר אַ מאמר אָדער פסוק ער פלעגט ברענגען, פלעגט דער רמב״ן איהם צוקלאַפּען. פּאָולוס האָט זיך ווידער אָנגעכאַפּט אָן די חז״ל. עס שטעהט, זאָגט ער, אין תלמוד בפירוש, אַז ר׳ יהושע בן לוי האָט געפרעגט ביי אליהו הנביא, ווען משיח וועט קומען, און ער האָט איהם געענטפערט: פרעג ביי משיח׳ן אַליין. „וואו איז ער דען?״ האָט ר׳ יהושע געפרעגט. „אין רוים, צווישען די חולים״ — האָט איהם אליהו הנביא געענטפערט. ר׳ יהושע איז אַוועק קיין רוים און איהם געפרעגט. אַלזאָ, האָט גע׳טענה׳ט פּאָולוס, איז דאָך אַ בעווייז, אַז משיח

איז יאָ געקומען און ער זיצט איז רוים. האָט איהם דערויף געענטפערט דער רמב״ן, אַז טאַקע דערפון איז אַ ראַיה, אַז משיח איז נאָך נישט גע-קומען: ר׳ יהושע האָט איהם דאָך געפרעגט, ווען משיח וועט קומען, — הייסט עס, אַז ער דאַרף ערשט קומען!

דערמיט האָט זיך געענדיגט דער ערשטער וויכוח-טאָג. אויפ׳ן צווייטען מאָל איז דער קעניג געקומען אין קלויסטער, וואו עס האָבען זיך געהאַט פערזאַמעלט די גלחים און אויך זייטיגע מענשען פון פאָלק — יודען און קריסטען.

ביי דער ערעפנונג האָט זיך פּאַולוס אָוועקגעשטעלט צום רעדען, אָבער דער רמב״ן האָט איהם נישט געלאָזען. ער האָט ערקלערט, אַז ער דאַרף פריהער קלאָר מאַכען עטוואָס אין דער משיח-פראַגע, וועגען וואָס מען האָט גערעדט דעם ערשטען טאָג, און דאַן וועט ער ענטפערן פּאַולוס׳ן אויף אַלע שאַלות. צום אָנהויב האָט זיך דער קעניג געשטעלט אויף פּאַולוס׳עס זייט, אָבער דערנאָך האָט ער נאָכגעגעבען דעם רמב״ן.

— פּאַולוס — האָט דער רמב״ן געזאָגט — האָט מיך געפרעגט, צי משיח איז שוין געקומען, און האָט זיך דערביי סומך געוועזען אויף אַן אַגדה, וואו עס ווערט געזאָגט, אַז אין טאָג פון חורבן איז געבוירען געוואָרען משיח. איך האָב דאַמאָלס געזאָגט, אַז איך גלויב נישט דערין. איצט וועל איך אייך זאָגען פאַרוואָס. מיר האָבען דריי-ערליי מינים ספרים: איינער איז דער תנ״ך, דערין גלויבען מיר אַלע באמונה שלימה; דאָס צווייטע ווערק איז דער תלמוד, וואָס איז אַ פּירוש צו די מצוות פון דער תורה, און מיר גלויבען אין די פּירושים פון די מצוות. עס איז אָבער פאַרהאַן ביי אונז אַ דריטער מין ספר, דאָס איז דער מדרש. דערדאָזיגער ספר איז פון דער קאַטעגאָריע, וואָס אויב איינער גלויבט אין איהם, איז גוט, און אויב נישט — שאַדט עס נישט. אָבער, ווי איך האָב אייך שוין געהאַט געזאָגט, נעהם איך אָן די אַגדה אַזוי ווי זי איז, אַזוי ווי איהר ווילט; אָבער פון איהר איז דאָך טאַקע קלאָר צו זעהן, אַז יעזוס איז נישט משיח, ווייל ער איז נישט געבוירען געוואָרען אין יענער צייט, אין דער צייט פון חורבן, נאָר אַ סך פריהער פאַר׳ן חורבן. אויסערדעם — וועט, לויט די נביאים, משיח בעזיצען אַ גרויסע ממשלה אין זיינע הענד; יעזוס אָבער איז גע׳רודפ׳ט געוואָרען פון זיינע שונאים און האָט אַפילו נישט געקאָנט אַנטלויפען, ווען ער איז געווען אין סכנה. לויט די נביאים, וועט משיח ברענגען דעם שלום אויף דער וועלט, און מלחמות וועלען אויפהערען. וואו איז דער פרידען? פון יעזוס׳עס צייטען ביז היינט האָבען קיין מלחמות נישט אויפגעהערט און די וועלט טרינקט זיך אין רויב און רציחה.

אַז פּאַולוס האָט אַ פרעג געטהאָן דעם רמב״ן, צי משיח, וועגען וועלכען די נביאים האָבען גערעדט, איז אַ מענש, וואָס איז געבוירען פון מאַן און פרוי, צי ער איז אַ גאָט, — האָט דער רמב״ן דערויף נישט גע-וואָלט ענטפערן, ווייל ער האָט נאָך אַלץ געוואָלט פערענדיגען דעם דיספּוט,

צי משיח איז געקומען, צי נישט. ער האָט אַלע ראיות פון פּאַולוס׳ן צו־שמעטערט. איצט האָט פּאַולוס געדאַרפט ברענגען נייע ראיות — און אויב עס וועט זיך אַרויסווייזן, אַז יעזוס איז נישט משיח, איז דאָך שוין בכלל איבריג צו דעבאַטירען, צי משיח, וואָס דאַרף ערשט קומען, איז אַ גאָט, אָדער נישט. די אַלע ריכטער און חכמים, וואָס זענען געזעסען ביים וויכוח, האָבען ערקלערט, אַז דער רמב״ן איז גערעכט; דאָך האָט דער קעניג גע־בעטען דעם רמב״ן, אַז ער זאָל פּאַולוס׳ן יאָ ענטפערן. דאַן האָט דער רמב״ן געזאָגט, אַז משיח וועט קומען און ער וועט זיין אַ מענש, ווי מיר אַלע, פון אַ מאַן און פרוי, און ער וועט שטאַמען פון דוד המלך, ווי עס שטעהט אין פסוק: „ויצא חוטר מגזע ישי״.

נאָך אַ ווייטערדיגער לענגערער דעבאַטע האָט דער קעניג אָבגעשטעלט די אַלע וויכוחים, און דער רמב״ן האָט זיך שוין געקליבען אָבצופאָהרען אהיים. אָבער אַזוי ווי ער האָט זיך דערוואוסט, אַז דער קעניג וויל קומען שבת אין שוהל, איז ער פערבליבען אין שטאָדט. דער קעניג און אויך פּאַולוס האָבען ווידער אָנגעהויבען פיהרען אַ וויכוח וועגען קריסטענטום — און דער סוף איז געווען, אַז פּאַולוס איז פולקאָם בעזיעגט געוואָרען.

אויף מאָרגען האָט דער רמב״ן זיך פאַרגעשטעלט פאַר׳ן קעניג, וועל־כער האָט איהם געוואונשען אַ גליקליכע רייזע און איהם נאָך דערצו גע־געבען דריי הונדערט רענדלעך אויף רייזע-הוצאות.

ו.

ער ווערט אַרויסגעשיקט פון לאַנד און פאָהרט קיין ארץ-ישראל.

דער גרויסער דיספּוט איבער׳ן קריסטענטום, אויף וועלכען פּאַולוס קריסטיאַנוס, די הייליגע דאָמיניקאַנער און די קאַטוילישע גייסטליכע האָבען געלעגט גרויסע האָפנונגען, האָט זיך געענדיגט מיט׳ן זיעג פון רמב״ן. דער קעניג איז געבליבען טאָלעראַנט און פריינדליך צו יודען, און די יודען האָבען דעריבער פרייער אָבגעאָטעמט. פּאַולוס האָט זיך געפיהלט שטאַרק נידערגעשלאָגען, אָבער ער האָט זיך נישט געוואָלט אונטערגעבען. פערקעהרט, דידאָזיגע מפלה, אין דער געגענוואַרט פון אַלע גלחים, קעניג און אַדעל־לייט, האָט נאָך פערשטאַרקט אין איהם זיין עקשנות ווייטער אָנצופיהרען אַזעלכע דיספּוטען, כדי צו ברענגען יודישע נפשות אונטער די פליגלען פון דער קריסטליכער קירך. ער האָט ביי זיך גערעכענט, אַז אויב איהם איז נישט געווען געלונגען צו בעזיעגען אַזאַ גאון ווי דער רמב״ן, וועלכער האָט אויף יעדער שאלה געהאַט תיכף אַ גוטען תירוץ, וועט איהם אָבער געלינגען צו בעזיעגען קלענערע רבנים, וועלכע האָבען ווייניגער געקענט לערנען, און דאַן וועט ער שוין בעווייזען צו מאַכען פון די יודען גוטע קריסטען.

פּאַולוס האָט דעריבער פאַרגענומען אַ רייזע איבער יודישע שטעדט און שטעדטלעך, וואו ער האָט געהאַט איינגעאָרדענט וויכּוחים מיט די רע-ליגיעזע פאָרשטעהער פון די יודישע קהלות. עס איז איהם אָבער נישט גע-גאַנגען אַזוי, ווי ער האָט געהאַט ערוואַרט. נישט בלויז דעם רמב״ן האָט ער נישט געקאָנט בעזיעגען, נאָר ער האָט אויך נישט געקאָנט בעזיעגען קליינע רבנים. פון יעדער שטאָדט איז ער אַוועקגעפאָהרען אַ צוקלאַפּטער, מיט דער האָפנונג, אַז איהם וועט געלינגען אין אַן אַנדער שטאָדט; אָבער אויך פון יענער שטאָדט האָט ער געמוזט אַוועקפאָהרען מיט בושה.

איינזעהענדיג, אַז דערדאָזיגער וועג איז נישט קיין געלונגענער, האָט פּאַולוס פלוצלונג געביטען דעם פראָנט. אַנשטאָט וואָס ער האָט ביז-איצט פּרובירט אָנווענדען זיינע כּחות צו ברענגען ראיות פון תּלמוד אויף צו שטאַרקען די קריסטליכע אמונה, האָט ער זיך איצט אַוועקגעלאָזט אין די וועגען פון משומד ניקאָלאַי דאָנין אין צפון-פראַנקרייך. ער איז אַוועק צום פּויפּסט קלעמענטי דעם פיערטען און האָט איהם דערצעהלט, אַז דער תּלמוד איז פול מיט זלזולים אויף׳ן קריסטענטום און אַז ס׳מוז געטהאָן ווערען עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל מאַכען אַ סוף צו דידאָזיגע קריסטליך-בעליידיגענדע ווערק. דער פּויפּסט האָט דעריבער — אין יאָהר 1264 — פעראָרדענט דעם בישאָף פון אַראַגאָניען, אַז מען זאָל תּיכף צונויפזאַמלען אַלע ש״ס׳ן, וואָס געפינען זיך, און איבערגעבען צו דער צענזור פון די דאָמיניקאַנער און פראַנציס-קאַנער גלחים; און אויב זיי וועלען געפינען, אַז דאָרט געפינען זיך באמת בעליידיגענדע זאַכען געגען קריסטענטום, זאָל מען זיי פערברענען אינמיטען גאַס. אויך דער קעניג יאַקאָב האָט אַרויסגעלאָזט אַ פעראָרדנונג, אַז מען זאָל דעם תּלמוד צענזורירען און אויסמעקען די ערטער, וואָס זענען געגען דער קריסטליכער קירך. עס איז באַלד בעשטימט געוואָרען אַ צענזור-קאָמי-טעט פון קריסטליכע גלחים, וואָס האָבען געקענט העבּרעאיש, אַראַמעאיש און אַראַביש, און אויך דעם משומד פּאַולוס קריסטיאַנוס האָט מען אַריינגע-נומען אַלס בעל-יועץ און מומחה אין תּלמוד.

חוץ-דעם האָבען די דאָמיניקאַנישע גלחים נישט אויפגעהערט צו פער-שפרייטען צווישען פאָלק מעשיות, אַז פּאַולוס האָט בעזיעגט אַלע גרויסע רבנים אין שפּאַניען און אַפילו דעם גרעסטען פון אַלע רבנים — דעם רמב״ן. פערשטעהט זיך, אַז דער רמב״ן האָט נישט געקאָנט פערשווייגען אַזעלכע שקרים, מיט וועלכע די קריסטליכע גלחים צוזאַמען מיט׳ן משומד פּאַולוס האָבען פּרובירט אָבשוואַכען די יודישע אמונה צווישען די יודישע מאַסען, וועלכע זענען נישט געווען בעקאַנט מיט די אַלע וויכּוחים. מחמת-דעם האָט דער רמב״ן געפונען פאַר נויטיג אָנצושרייבען די גאַנצע געשיכטע פון דעם וויכּוח פון אָנהויב ביז׳ן סוף. ווען דער ספר „מלחמת חובה״ איז פאַרטיג געוואָרען, האָט ער איין קאָפּיע אַוועקגעשיקט צום בי-שאָף פון גערָאָנאַ און פיעל קאָפּיעס האָט ער פונאַנדערגעשיקט אין די

יודישע קהלות, זיי זאָלען וויסען דעם אינהאַלט פון וויכוח און ווער עס איז באמת בעזיעגט געוואָרען.

ווען ריימאָנד דע פעניאַפאָרטע און פאַולוס קריסטיאַנוס האָבען זיך דערפון דערוואוסט, זענען זיי געווען העכסט אויפגעבראַכט און אָנגעקלאָגט דעם רמב"ן ביים קעניג, אָנווייזענדיג, אַז ער האָט אָנגעשריבען אַ ספר פול מיט בעליידיגונגען אויפ'ן קריסטענטום. דער קעניג איז, נאַטירליך, געווען געצוואונגען צו ערפילען די פאָדערונג פון די גלחים; אָבער אַזוי ווי ער האָט זיך אויף דעם יושר פון די דאָמיניקאַנער נישט געוואָלט פערלאָזען, האָט ער בעשטימט אַ טריבונאַל פון אַנדערע גלחים און שופטים, צווישען וועלכע ס'איז אויך געווען דער בישאָף פון באַרצעלאָנאַ, און מען האָט איינגעלאַדען דעם רמב"ן צו קומען צום טריבונאַל זיך צו פערטיידיגען גע־גען די אָנקלאַגעס פון די דאָמיניקאַנער.

דער רמב"ן האָט, ווי שטענדיג, פערטיידיגט זיין כבוד און דעם כבוד פון יודישען פאָלק מיט מוט און מיט ווירדע. דער רמב"ן האָט ערקלערט פאַר'ן טריבונאַל, אַז ס'איז אומזיסט צו מאַכען פון דעם אַ געפילדער, ווייל אין זיין ספר איז נישטאָ קיין איין וואָרט מעהר ווי דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט בעת דעם עפענטליכען דיספוט מיט'ן משומד פאַולוס קריסטיאַנוס אין דער געגענוואָרט פון קעניג, גלחים און אַדעל־לייט — און דאָן איז דאָך איהם פון קעניג, ווי אויך פון אַלעמען, געגעבען געוואָרען די ערלוי־בעניש צו רעדען וועגען קריסטענטום וואָס ער וויל; פאַרוואָס זאָל ער נישט האָבען קיין רעכט דאָס אַלץ איבערצוגעבען דורך שריפט?

דער קעניג, בהסכם מיט'ן טריבונאַל, האָט אַרויסגעגעבען אַ פסק־דין, וואָס זאָל צופרידענשטעלען ביידע צדדים. פון איין זייט האָט דער טריבו־נאַל געגעבען גערעכט דעם רמב"ן, אָנווייזענדיג, אַז ער האָט געהאַנדעלט געזעצליך, אַז ער האָט געהאַט דאָס פולע רעכט אָנצושרייבען דאָס, וואָס ער האָט געהאַט געזאָגט עפענטליך פאַר אַ גרויסען עולם. פון דער אַנדע־רער זייט אָבער האָט דער טריבונאַל פרובירט בעפרידיגען די בלוטדורשטי־גע אַפעטיטען פון די הייליגע דאָמיניקאַנער און פאַולוס קריסטיאַנוס, וועל־כע האָבען זיך אַזוי שטאַרק „מוסר־נפש" געווען צו פערטיידיגען דעם כבוד פון דער קריסטליכער אמונה. מחמת־דעם איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז דער רמב"ן מוז פערלאָזען דאָס לאַנד אויף צוויי יאָהר צייט און זיין ספר זאָל פערברענט ווערען. עס האָט געהייסען, אַז הגם דער רמב"ן איז אין פרינציפּ געווען גערעכט און איז געווען פולשטענדיג בערעכטיגט צו דערצעהלען די יודען פון דער מדינה, וואָס אַזוינס ער האָט אייגענטליך געזאָגט בעת זיין וויכוח, איז אָבער דער ספר דאָך אַ שטיק בעליידיגונג פאַר די געפיהלען פון טרייע קריסטען.

די דאָמיניקאַנער זענען פון דעם פסק נישט געווען צופרידען. עס איז געווען פאַר זיי צו־לייכט, צו־מילד. זיי האָבען דעריבער זיך געקלי־בען צו משפט'ן דעם רמב"ן נאָכאַמאָל דורך זייער אייגענעם טריבונאַ

וועלכער האָט איהם געקאָנט פער׳משפּט׳ן צום טויט. דער קעניג יאַקאָב האָט זיך אָבער אַנטקעגענגעשטעלט זעהר שאַרף געגען אָט דעמדאָזיגען פּראָיעקט. ער האָט דעריבער געגעבען דעם רמב״ן אַזאַ מין דאָקומענט, אין וועלכען עס איז געזאָגט געוואָרען, אַז ער קאָן פּראָצעסירט און בעשולדיגט ווערען בנוגע דעם ענין פון זיין ספר בלויז אין דער אָנוועזענהייט פון קעניג. דאָס האָט די דאָמיניקאַנער שטאַרק פערדראָסען און זיי האָבען דעריבער אַפּעלירט צום פּויפּסט קלעמענטי דעם פיערטען, זיך בעקלאָגענדיג דערויף, וואָס דער קעניג האָט געלאָזט אונבעשטראָפט דעם רמב״ן, וועלכער האָט אין אַ ספר שטאַרק בעליידיגט די קריסטליכע קירך. דער פּויפּסט, וועלכער איז בכלל נישט געווען אין גוטע בעציהונגען מיט׳ן קעניג, האָט איהם אָנ-געשריבען וועגען דעם זעהר אַ שאַרפען בריעף, אין וועלכען ער האָט אויסגערעכענט אַלע זיינע שרעקליכע חטאים, וואָס ער איז בעגאַנגען מיט זיינע מילדע בעציהונגען צו יודען, און איהם אָנגעוויזען, אַז פון-איצט-אָן זאָל ער זיך נעהמען צו די יודען אַביסעל שטרענגער. צי דער קעניג האָט אויסגעפיהרט אַלע „געבאָטען" פון פּויפּסט, איז נישט בעקאַנט; אָבער איינס ווייסט מען, אַז דער רמב״ן האָט געמוזט פערלאָזען דאָס לאַנד.

דער רמב״ן איז שוין דאַן געווען אַן׳אַלטער מאַן, אַרום זיבעציג יאָהר, און ס׳איז איהם נישט לייכט געווען צו פערלאָזען זיין היים, זיינע קינדער, זיין ישיבה און זיינע פריינד און אַוועקגעהן אין גלות. אָבער ער האָט קיין ברירה נישט געהאַט. ער האָט געמוזט.

ער האָט דעריבער בעשלאָסען צו פאָהרען קיין ארץ־ישראל, אין דעם לאַנד, צו וועלכען ער האָט אַזוי שטאַרק געבענקט. נאָכמעהר, ער האָט זאָ-גאַר געהאַלטען, אַז ס׳איז אַ הייליגער חוב פון יעדען יוד צו וואוינען אין ארץ־ישראל. סוף זומער 1267 האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט אויף זיין נסיעה און איז אָנגעקומען קיין עכו, וועלכע איז נאָך דאַן געלעגען אין די הענד פון די קריסטען, און פון דאָרט איז ער דעם 12-טען אויגוסט, ניין טעג אין חודש אלול, אַוועק קיין ירושלים, אין דער שטאָדט פון דער אַמאָליגער יודישער גלאָררייכער פערגאַנגענהייט.

ז.

זיין ליעבשאַפט צו ארץ־ישראל.

דער רמב״ן האָט אין זיין צייט געקאָנט האָבען נאָך אַנדערע גרויסע תלמידי־חכמים, וועלכע זענען געווען אימשטאַנד זיך צו פערמעסטען מיט איהם אין תורה, ער האָט אָבער זיכער דאַמאָלס נישט געהאַט קיין צוויי-טען, וועלכער זאָל זיין דורכגעדרונגען מיט אַזאַ פלאַם-פייערדיגער ליעב-שאַפט, מיט אַזאַ אונטערטעניגסטער איבערגעגעבענהייט און וואָס זאָל זיין פערכאַפּט מיט אַזאַ שטאַרקער ליידענשאַפט צו ציון, צו ארץ־ישראל, ווי ער.

דער רמב״ן האָט אפשר נישט פערמאָגט דעם גרויסען דיכטערישען טאַלאַנט פון זיין לאַנדסמאַן ר׳ יהודה הלוי, וועלכער האָט געקענט אין פּאָעטישע בילדער אַרויסברענגען די טיפע בענקעניש צו ציון און מיט גרויסער דיכטערישער קראַפט פונאַנדערוויקלען דאָס אונגליק פון ציון. דער רמב״ן איז אָבער געווען אַ גרויסער צדיק און מיסטיקער; פאַר זיינע אויגען האָט געשוועבט די פראַכט און דער גלאַנץ פון ארץ־ישראל, וואו עס האָט גע- רוהט די שכינה; ער האָט געזעהן אין ציון די עליה פון דער יודישער אומה, און מחמת־דעם האָט ער דורכגעדיכטעט דעם גרויסען חורבן און די טיפע בענקשאַפט אויף זיין אייגענאַרטיגען שטייגער און האָט מיט אַלע זיינע כחות פרובירט אַרויסרופען דיזעלבע בענקשאַפט און דיזעלבע ליעב- שאַפט אויך ביי אַנדערע. דער רמב״ן איז געווען נישט בלויז דער טרוימער פון ציון, וואָס האָט געדיכטעט, נאָר וואָס האָט טאַקע מיט טהאַט, מיט שריפט פרובירט איינפלאַנצען און פערשטאַרקען די אידעע פון שיבת־ציון צווישען די יודען פון זיין פאָטערלאַנד. און אין דער הינזיכט איז ער גע- ווען אַוועקגעגאַנגען פיעל ווייטער ווי ר׳ יהודה הלוי, ווייל ער האָט ער- קלערט, אַז ס׳איז זאָגאַר אַ חוב, אַ מצות־עשה פאַר יעדען יוד צו וואוינען אין ארץ־ישראל.

דער רמב״ן איז דערמיט געווען אַנ׳אמת׳ער מוסטער. באַלד נאָכדעם ווי ער איז פער׳משפט געוואָרען צו פערלאָזען דאָס לאַנד, האָט דער רמב״ן, פערשטעהט זיך, געקאָנט פאָהרען אין אַנ׳אַנדער מדינה. זיין ליעבשאַפט צו ציון איז אָבער געווען שטאַרק און ער האָט דעריבער בעשלאָסען צו פאָה- רען אין לאַנד פון די אָבות. פאַר׳ן אָבפאָהרען האָט ער געהאַלטען אַ דרוש אין שוהל איבער דעם ספר קהלת, און אין דעמדאָזיגען דרוש האָט ער בעריהרט דעם ענין פון ארץ־ישראל.

דער חורבן פון ארץ־ישראל האָט אויפ׳ן רמב״ן געמאַכט אַ שרעקלי- כען רושם. דאָס הייליגע לאַנד און די הייליגע שטאָדט ירושלים איז אַזוי אויך געווען געבנוג פערוויסטעט און פערנאַכלעסיגט זינט דעם חורבן בית־ המקדש; עס האָט זיך אָבער גראָד געמאַכט, אַז מיט עטליכע יאָהר פריהער ווי דער רמב״ן איז אָנגעקומען אין ארץ־ישראל, האָט דאָס לאַנד געהאַט איבערגעלעבט אַ שרעקליכען חורבן פון דער מאָנגאָלישער, טאַטערישער אינ- וואַזיע.

אינמיטען פון דרייצעהנטען יאָהרהונדערט, ווען די מאָנגאָלי׳ער זענען פערכאַפט געווען מיט דער אידעע פון אַ גרויסער עקספּאַנסיע אוי׳פצובויען אַ וועלט-אימפּעריע, האָט דער דאַמאָלסדיגער הערשער מאַנגו כאַן געשיקט זיין ברודער הולאַגו קיין פּערסיען אייַנצושטילען דעם דאָרטיגען אויפשטאַנד און גלייכצייטיג אָנלערנען די אַראַבישע און קריסטליכע מושלים, אַז זיי זאָלען געדענקען, מיט וועמען זיי האָבען צו טהון. הולאַגו האָט זיך אַוועק- געלאָזט מיט זיינע אַרמעען איבער די בערג און טהאָלען — און וואו ער איז געקומען, האָט ער אַרויסגעוויזען אַזעלכע מורא׳דיגע אַכזריות׳ן און אוי-

סערגעוועהנליכע ברוטאַליטעטען, אַז ס'איז באמת אַנגעפאַלען אַ מורא אויף אַלע פעלקער, וועלכע האָבען דערהערט פון זיינע מעשים. דערדאָזיגער מאָנ-גאָלישער פרינץ האָט זיך בעריהמט געמאַכט אין דער וועלט מיט זיין טע-ראָר און האָט געהאַט גרויס ערפאָלג.

אַז ער האָט שוין געהאַט בעזיעגט אַ סך פעלקער און האָט געהאַט אויסגעשאָכטען צעהנדליגער טויזענדער מענשען, בלויז כדי מען זאָל פאַר איהם מורא האָבען, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט קיין באַגדאַד און האָט פער-נומען די שטאָדט נאָך אַ קורצער בעלאַגערונג. דאָס איז אָבער פאַר הולאַגו'ן געווען ווייניג. ס'איז אמת, אַז דידאָזיגע אינוואַזיע האָט געבראַכט צו אַ שרעקליכען חורבן. די בעפעלקערונג איז אויסגעשטאָרבען פון הונגער. אָבער די מאָנגאָלען האָבען זיך ווייניג געקימערט. זיי האָבען גענוג אָנגעראַבעוועט און זיי האָבען דעריבער געהאַט גענוג קראַפט און מוט פאָרטצוזעצען דעם מאַרש קיין סיריען. דאָרט האָבען זיי פערנומען אַלעפּאָ און דמשק און זע-נען אַריין קיין ארץ־ישראל. די ווילדע מאָנגאָלען האָבען דאַמאָלס צושטערט אַלע ישובים, אַלע שטעדט און שטעדטלעך, אָנהויבענדיג פון שכם און ענ-דיגענדיג מיט ירושלים. דער חורבן און דיא רשעות פון דידאָזיגע אַכזרים זענען געווען אַזוי גרויס, אַז די יודען אין רץ־ישראל האָבען אָנגעהויבען דערין צו זעהן משיח'ס-צייטען. זיי האָבען געגלויבט, אַז די השגחה האָט אויסגעוועהלט אָט דידאָזיגע העסליכע און שענדליכע מאָנגאָלען פון די ווייטע מדינות, זיי זאָלען זיך אָברעכענען מיט די יודישע אונטערדריקער און פערניכטען די פעלקער פון אדום און ישמעאל, און דאַן וועט געעפענט ווערען דער וועג פאַר משיח'ן. דער סוף איז אָבער געווען אַן אַנדערער. דען בעת'ן שלאָגען די קריסטען און מאַחמעדאַנער האָבען די מאָנגאָליער געשלאָגען אויך די יודען, נישט-קוקענדיג דערויף, וואָס יודען האָבען זיי מיטגעהאָלפען אין זייער קאַמף. אויסערדעם, איז די מאָנגאָלישע מאַכט ענד-ליך צובראָכען געוואָרען. די קריסטען מיט די מאַחמעדאַנער האָבען די מאָנ-גאָלען בעזיעגט און זיי אַרויסגעיאָגט פון אַלע מדינות, וועלכע האָבען זיך געפונען ביים מיטעללענדישען ים. די פערוויסטונג, וואָס זיי האָבען געמאַכט, איז, פערשטעהט זיך, געבליבען גאַנץ גוט קענטיג.

דער רמב״ן איז אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל עטליכע יאָהר נאָך דעמ-דאָזיגען חורבן. דער פיינפיהלענדער רמב״ן איז געווען גערירט פון דעם טרויעריגען בילד. דער רמב״ן איז געגאַנגען אויפ'ן הר־הזיתים און הייסע טרעהרען זענען געפלאָסען פון זיינע אויגען אויף דעם חורבן פון דער הייליגער שטאָדט און אויף די טויזענדער ברידער, וועלכע זענען געפאַלען אונטער'ן שווערד פון די קריסטען, מאַחמעדאַנער און טאָטערן.

דער רמב״ן, וועלכער איז געווען פערליעבט אין ארץ־ישראל און אין יעדער זאַך, וואָס ער האָט דאָרט געזעהן, איז ממש ענטציקט געוואָרען, ווען ער האָט צום ערשטען מאָל אין זיין לעבען דערזעהן יודישע זילבערנע מטבעות. ער שרייבט: „געבענשט זאָל זיין דער אויבערשטער, וואָס איך

בין בשלום אָנגעקומען אין עכו". דאָרט האָבען זיך געפונען אַזעלכע זילבערנע מטבעות, אויף וועלכע עס איז פון איין זייט געווען אויסגראַווירט אַ צווייג פון אַ בוים, און אויף דער צווייטער זייט — אַ פלאַש. פון ביידע זייטען אַרום האָט מען געקאָגט גאַנץ דייטליך זעהן געוויסע אויסגראַווירטע שריפטען. מען האָט זיי געבראַכט צו די שומרונים, האָבען זיי די־דאָזיגע שריפטען באַלד געקענט איבערלייענען. דאָס איז געווען די אַלטע העברעאישע שריפט, וועלכע איז נאָך געבליבען ביי די שומרונים, ווי דאָס ווערט דערמאָהנט אין דער מסכת סנהדרין. אויף איין זייט האָבען זיי אויסגעלייענט די ווערטער „שקל השקלים", און אויף דער צווייטער זייט — „ירושלים הקדושה". זיי האָבען אויך ערקלערט, אַז דער בוים-צווייג בעדייט אַהרן הכהן׳ס שטעקען מיט די מאַנדלען און בלומען, און די פלאַש בעדייט דער „מן" אין „צנצנת".

קומענדיג קיין ירושלים און זעהענדיג דעם חורבן, וואָס ס׳איז פאָרגעקומען אין יודישען לעבען, האָט ער זיך תיכף גענומען צו אָרגאַניזירען די יודישע קהלה. ער האָט אָנגעהויבען בויען שוהלען און בתי־מדרשים און אויך אַ גרויסע ישיבה האָט ער געהאַט אויסגעבויט, וועלכע איז בעקאַנט געוואָרען אין דער וועלט, און תלמידים האָבען אָנגעהויבען אָנקומען אַהין פון פערשידענע לענדער. דורכדעם האָט דער יודישער ישוב אָנגעהויבען וואַקסען. דעם רמב"ן׳ס נאָמען איז אַזוי בעריהמט און פערגעטערט געוואָרען אין ארץ־ישראל, אַז אַפילו קאַראַאימער, וועלכע האָבען, ווי געוועהנליך, נישט געהאַלטען פון תורה שבעל־פה, זענען געקומען צו איהם הערען תורה.

הגם דער רמב"ן איז געווען אַן׳אמת׳ער גמרא-יוד און איז געווען מיט זיין גאַנץ וועזען אַריינגעטהאָן אין תלמוד, האָט ער דאָך, אַלס אַ מאַן פון שפאַנישער קולטור, ערלויבט אַריינצוטראָגען אַביסעל וועלטליכע בילדונג צווישען די יודען אויפ׳ן אָריענט, וועלכע זענען געווען זעהר פראָסט און אונגעבילדעט. דער רמב"ן האָט זיך בעמיהט מיט אַלע כחות אויסצוראָטען פון די אָריענטאַלישע יודען די אונוויסענהייט און די אַבערגלויבערייען, וועלכע האָבען זיך צו זיי געהאַט צוגעטשעפעט פון אַנדערע פעלקער. ער האָט געשטרעבט איינפלאַנצען אין זיי תורה און חכמה, זיי צו מאַכען פאַר שענע יודען, פאַר גרויסע יודען.

חוץ-דעם, וואָס דער רמב"ן האָט פיעל געאַרבייט אויף די עלטערע יאָהרען צו ברענגען גרויסקייט אין ארץ־ישראל, אויפצובויען דעם ישוב פון ארץ־ישראל, האָט ער נישט אויפגעהערט צו דערוועקען אַ ליעבשאַפט צו ארץ־ישראל אויך צווישען די יודען אין גלות. ער האָט געשריבען בריעף צו זיינע זיהן און צו זיינע פריינד אין שפאַניען און פרובירט אָנריהרען די צאַרטע סטרונעס פון יעדען יודישען האַרץ פאַר דעם סענטימענט פון ארץ־ישראל. ער האָט מיט זיינע שילדערונגען פון הייליגען לאַנד, — וועלכע זענען אפשר נישט געווען אַזוי קינסטלעריש, דערפאַר אָבער טיעף, האַרציג און ריהרענד, — פרובירט אַרויסרופען אַ בענקעניש ביי זיינע לאַנדסלייט

צו ארץ־ישראל. און מען קאָן דעריבער מיט זיכערקייט זאָגען, אַז דער רמב״ן איז געווען איינער פון די גאַנץ ווייניגע עלטסטע פּאָפּולאַריזירער פון רעיון הישוב, פון דער אידעע, אַז יודען זאָלען זיך בעזעצען אין ארץ־ישראל, אַז יודען זאָלען זיך אומקעהרען צוריק צו זייער אַלטער היים, וואו זיי וועלען האָבען די אמת׳ע עליית־נשמה.

שאַפונגען, לעגענדעס און תלמידים.

דער שפּעטערישער זשעני, וועלכער האָט זיך געהאַט ענטפּלעקט ביים רמב״ן נאָך אין די גאַנץ יונגע יאָהרען, האָט אויפגעשטראַהלט אין פולער קראַפט און רעגענבויגענדיגער פיעלפאַרביגקייט אין די רייפע יאָהרען און האָט נישט אויפגעהערט צו שיינען ביז׳ן טיפען עלטער. ער האָט געשאַפען חידושים אויף ש״ס, ער האָט געשריבען זיין „ספר הזכות״ אויף אויסצוגלייכען דעם ראב״ד מיט׳ן אַלפס, ער האָט געשריבען דעם ספר „מלחמות ה׳״ אויף צו פערטיידיגען דעם אַלפס פון די אָנגריפען פונ׳ם „בעל המאור״, ער האָט געשריבען זיין „ספר המצוות״ איבער׳ן „ספר המצוות״ פון רמב״ם, ער האָט געשריבען שאלות ותשובות, אין וועלכע ער ערשיינט מיט זיין אָפענעם מוח און שאַרפער קריטיק און וועלכע זענען אַ געוואַלדיגער אוצר פאַר תלמוד׳ישע שטודיען. ער האָט אויך געשריבען אַ גרויסע אָבהאַנדלונג איבער אמונה און בטחון, פול מיט קבלה און מיסטישע אינטערפּרעטאַציעס, ער האָט געשריבען איבער אַלגעמיינער עטיק, — אַ ספר, פון וועלכען עס שיינט־אַרויס זיין הויכע מאָראַלישע פּערזענליכקייט. ער האָט געשריבען אַ מין פיזיאָלאָגישע אָבהאַנדלונג איבער דעם אינטימען פאַמיליען־לעבען, ער האָט אויך געשריבען פּיוטים און סליחות און האָט לסוף פערענדיגט מיט זיין פּירוש אויף דער תורה. עס שיינט, אַז דעמדאָזיגען פּירוש האָט ער נאָך געהאַט אָנגעהויבען אין שפּאַניען, אָבער פערענדיגט האָט ער איהם אין ארץ־ישראל.

דער רמב״ן האָט געשריבען זיין פּירוש מיט׳ן ציעל צו אָבשוואַכען דעם איינפלוס פון אבן־עזרא.

דער רמב״ן האָט נישט געהאַט קיין איינהייטליכע שיטה אין זיינע אינטערפּרעטאַציעס אויף דער תורה. ער האָט געהאַלטען, אַז ס׳איז גאָר נישט נויטיג קיין איין־איינציגע שיטה, אַז באמת קאָן מען די תורה אויסטייטשען אויף פערשידענע אופנים, דורך פערשידענע שיטות. מען קאָן זי אויסטייטשען לויט פשט, לויט דרש, לויט קבלה און אַפילו אַמאָל אויך לויט וויסענשאַפט, אָבי נישט מיט פילאָזאָפיע, ווייל אין די פילאָזאָפישע ספעקולאַציעס שטעקט אַ געוויסע סכנה פאַר׳ן יודענטום. און אויף אַזאַ וועג איז טאַקע דער רמב״ן געגאַנגען מיט זיינע פירושים אויף דער תורה. זיין פירוש

בעשטעהט פון פשט, פון דרש און אויך פון קבלה; אָבער ווען ער קומט צום ריינעם פשט, האַלט ער זיך שטענדיג אָן דקדוק, אָן די ריינע שפּראַך-געזעצען, פערטיעפט זיך זאָגאַר אין דער שפּראַך-פאָרשונג און ברענגט-אַרויס העכסט אינטערעסאַנטע, העכסט אָריגינעלע אינטערפּרעטאַציעס.

געוועהנליך האָט דער רמב״ן זיך בענוצט מיט די פריהערדיגע מפרשים אויף דער תורה און הויפּטזעכליך מיט׳ן תרגום־אונקלס און רש״י. הגם ער איז געווען געגען מאַנכע פון רש״ס פירושים — איז דאָך זיין מיינונג בכלל, אַז רש״י איז דער אויטאָריטעט אין תורה-אינטערפּרעטאַציעס „ולו משפט הבכורה ובדבריו יהגה חכמה״. דערפאַר אָבער איז ער מאַנכעסמאָל ביין געווען אויפ׳ן אבן־עזרא, ווייל לויט זיין מיינונג איז דער אבן־עזרא אַוועק צו-ווייט אין פרייע אויסטייטשונגען. דער רמב״ן האָט געהאַט אַרויסגעבראַכט אייגענע אָריגינעלע פירושים, ברענגענדיג אָפטמאָל צוהילף זיינע קענטניסען אין נאַטורוויסענשאַפט און אין מעדיצין הויפּטזעכליך; אָבער איהם איז, קענטיג, נאָהענט געווען די מיסטישע אויסטייטשונג, אַדאַנק זיין מיסטישער אָנשויאונג אויף דער וועלט, אויף געטליכקייט און אויף דער תורה. דערביי איז אינטערעסאַנט זיין מיינונג וועגען די חילופים און שינויים, וואָס געפינען זיך אין דער תורה צווישען איין אָרט און אַ צווייטען ביי איין און דעמזעלבען ענין. ער זאָגט, אַז די תורה האָט הויפּטזעכליך מקפּיד געווען אויף דער כּוונה אין דעם ענין און נישט אויף די ווערטער און אויסדריקען. דיזעלבע מיינונג זאָגט אויך אַרויס דער אבן־עזרא, ווי אויך דער תלמיד פון רמב״ן, דער רשב״א, אין זיינע „תשובות״.

ס׳פערשטעהט זיך, אַז צוליב דער הייליגער מיסטישער פּערזענליכקייט פון רמב״ן האָבען זיך אַרום איהם געוועבט פערשידענע לעגענדעס. דאָס פאָלק, וואָס האָט אין איהם געזעהן אַן׳אויבערמענש, האָט דעריבער שוין געזאָרגט, אַז ס׳זאָלען מיט איהם און אַרום איהם געשעהן געוויסע וואונדער.

עס ווערט דערצעהלט, אַז צו דער מיסטישער תורה, צו קבלה, איז ער געקומען דורך אַ וואונדערבאַרער פּאַסירונג. דער רמב״ן איז תחילת שטענדיג געווען אַריינגעטהאָן אין תורה, אין תלמוד. מיט קבלה האָט ער זיך נישט געהאַט אָבגעגעבען און איז לחלוטין געווען ווייט דערפון. איינ-מאָל איז צו איהם געקומען איינער אַ גרויסער מקובל און האָט איהם פּרובירט צורעדען, אַז ער זאָל זיך פערנעהמען מיט קבלה. דער רמב״ן האָט דערפון נישט געוואָלט הערען. עס האָט זיך אָבער נישט לאַנג נאָך דעם געמאַכט, אַז דערדאָזיגער מקובל איז אַרעסטירט געוואָרען צוליב אַ חשד, אַז ער האָט געהאַט צו טהון מיט אַ קריסטליכער פרוי, און ער איז פער-משפט געוואָרען פערברענט צו ווערען אום שבת אויפ׳ן שייטערהויפען. אַז דער רמב״ן האָט דערפון דערהערט, האָט ער נישט געוואָלט זיך משתדל זיין פאַר איהם. דאַן האָט דער פער׳משפט׳ער מקובל איינגעלאַדען דעם רמב״ן צו זיך אין תפיסה און איהם פאָרגעוואָרפען, פאַרוואָס ער האָט זיך נישט איינגעשטעלט פאַר איהם. דער רמב״ן האָט אָבער זיינע רייד נישט

באַהאַלט הערצן. דער מקובל האָט זיך פערטיידיגט און גע׳טענה׳ט, אַז מען האָט אויף איהם אויסגעטראַכט אַ בלבול. דערויף האָט איהם דער רמב״ן געמאַנטפערט, אַז גאָט אַליין זאָל איהם ראַטעווען.

דעמזעלבען שבת האָט מען דעם פער׳משפט׳ען מקובל אַרויסגעפיהרט פון תפיסה און איהם געבראַכט צום שטאָדט-מאַרק, וואו מען האָט איהם געדאַרפט פערברענען. אַז דער גאַנצער עולם איז זיך שוין צוזאַמענגעקומען, האָט מען דעם מקובל אַריינגעוואָרפען אין שייטערהויפען; אָבער ער האָט שוין געאַרבייט מיט שמות און קבלה אַוועקצושטעלען אויף זיין אָרט אַנ׳-אייזעל, וועלכער איז פערברענט געוואָרען פאַר די אויגען פון גאַנצען עולם. דער מקובל איז אומבעמערקט אַרויס פון פייער און רוהיג אַוועקגעגאַנגען צום רמב״ן. ביז ער איז געקומען צום רמב״ן אין הויז איז שוין געווען נאָך מעריב און דער רמב״ן האָט דאַן געמאַכט הבדלה. ווען דער רמב״ן האָט געהאַט געענדיגט, האָט דער מקובל געזאָגט: אָמן. דער רמב״ן האָט אויף איהם אַ קוק געטהאָן און איז איבערראַשט געוואָרען. האָט צו איהם אַ זאָג געטהאָן דער מקובל: „איצט זעהסטו שוין מיט דיינע אייגענע אויגען דעם כח פון קבלה!״

דער רמב״ן האָט זיך נאָכדעם פערטיעפט אין קבלה און איז געוואָרען דער גרעסטער מקובל אין זיין צייט.

עס ווערט אויך דערצעהלט, אַז איינמאָל איז דער רמב״ן געזעסען מיט זיינע תלמידים ביים ברעג ים און האָט צוגעקוקט, ווי מען האָט פּרוּ-בירט אין געגענוואַרט פון קעניג אַראָבלאָזען אַ ניי שיף פון שטאַפּעל אין ים אַריין. וואָסערע כחות די מאַנשאַפט האָט אָנגענומען אַראָבצולעזען דאָס שיף, איז עס אַלץ נישט געלונגען. דער רמב״ן האָט דאַן אַ זאָג געטהאָן צו זיינע תלמידים, אַז ווען ער זאָל נאָר וועלען, וואָלט ער מיט אַ הויך פון זיין מויל געקאָנט אַראָבברענגען דאָס שיף אין וואַסער אַריין. די ווערטער זענען דערגאַנגען צום קעניג און ער האָט איהם געבעטען, אַז ער זאָל ווייזען וואָס ער קען. דער רמב״ן האָט דאַן געבעטען, מען זאָל איהם געבען אַ קליין שיפעל. נאַטירליך איז עס באַלד ערפילט געוואָרען. דער רמב״ן האָט זיך דאַן אַריינגעזעצט אין שיפעל און איז אַריינגעשוואומען אין ים — און דאַן איז נאָך אָט דעמדאָזיגען שיפעלע נאָכגעשוואומען דאָס גרויסע שיף פון זיך אַליין, אָהן שום זייטיגער הילף.

נאָך אַ וואונדער ווערט דערצעהלט וועגען איהם. ווען דער רמב״ן האָט געהאַלטען ביים אָבפאָהרען פון שפּאַניען קיין ארץ־ישראל, האָבען איהם זיינע פריינד און תלמידים געבעטען, ער זאָל זיי געבען אַ סימן, פון וועלכען זיי וועלען אַמאָל קאָנען וויסען, אַז ער לעבט שוין נישט מעהר. דער רמב״ן האָט זיי געזאָגט, אַז אין דעם טאָג, ווען ער וועט שטאַרבען, וועט זיך שפּאַלטען די מצבה אויף זיין מוטערס קבר. מיט עטליכע יאָהר שפּעטער האָבען זיינע פריינד ווירקליך געפונען אַ שפּאַלט אין דער מצבה פון זיין

מוטער, וואָס האָט זיי געגעבען צו וויסען, אַז דער רמב"ן איז טויט. דאָס איז געווען אין יאָהר 1270.

דער רמב"ן האָט געפונען זיין אייביגע רוה אין חיפה, נעבען דעם קבר פון ר' יחיאל פון פּאַריז, וועלכער איז אויך געווען אַוועק קיין ארץ־ישראל נאָך זיין וויכּוח מיט דעם משומד ניקאָלאַי דאָנין.

דער רמב"ן האָט איבערגעלאָזט דער וועלט אַ גרויסען גייסטיגען אוצר. אויסער זיינע גרויסע ספרים, האָט ער איבערגעלאָזט בעריהמטע קינדער און תּלמידים, וועלכע האָבען בעלויכטען די וועלט מיט דער פּראַכט פון דער תּורה. ער האָט געהאַט איין טאָכטער און צוויי זיהן: ר' שלמה און ר' נחמן. ר' שלמה האָט חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פון ר' יונה גירונדי. ביידע זיהן זענען געווען גרויסע תּלמידי־חכמים און מייסטערס אין פּלפּול. זיין טאָכטער, ווי מאַנכע בעהויפּטען, זאָל האָבען חתונה געהאַט מיט'ן גרויסען תּלמיד־חכם ר' גרשון ב"ר שלמה, וועלכער האָט מחבר געווען דעם ספר „שער השמים", און איהר זוהן זאָל עס האָבען געווען דער רלב"ג, דער גרויסער מפרש אויף דער תּורה.

פון איינעם פון זיינע בעריהמטע תּלמידים האָט ער געהאַט גרויסען צער. דאָס איז געווען איינער מיט'ן נאָמען אַבנר. מאַנכע ווילען האָבען, אַז ער איז נישט געווען זיין תּלמיד. דערדאָזיגער אַבנר איז געווען אַ גרויסער תּלמיד־חכם, נאָר ער האָט זיך אָנגעשמעקט מיט חקירה און האָט זיך דערנאָך גע'שמד'ט. מיט דער צייט איז ער געוואָרען רייך און האָט אָנגעהויבען שפּיעלען אַ ראָלע אין די רעגירונגס-קרייזען.

איינמאָל אום יום־כּפּור האָט דער רמב"ן, וועלכער איז געשטאַנען אין שוהל און געדאַווענט, בעקומען אַ בעפעהל פון זיין געוועזענעם תּלמיד, אַז ער זאָל צו איהם תּיכּף קומען. אויף דער גאַנצער עדה איז אָנגעפאַלען אַ שרעק: צו־וואָס דאַרף עס דער משומד האָבען דעם רמב"ן אום יום־כּפּור? דער רמב"ן איז אָבער ביי זיך נישט געוואָרען אַראָבגעפאַלען און איז צו איהם אַוועקגעגאַנגען.

דערדאָזיגער אַבנר האָט דאַן פאַר'ן רמב"ן אין די אויגען געשטאָכען אַ לעבעדיגען חזיר, איהם אָבגעבראָטען און זיך געזעצט עסען. דער רמב"ן איז געווען אויסער-זיך פון דעמדאָזיגען סקאַנדאַל, אָבער ער האָט געשוויגען. אַז דער משומד האָט געענדיגט עסען, האָט ער געפרעגט ביים רמב"ן, אויף וויפיעל לאָו'ן ער האָט עובר געווען. דער רמב"ן האָט געזאָגט, אַז ער האָט עובר געווען אויף פיער לאָו'ן. אַבנר האָט איהם דאַן געענטפערט, אַז ער האָט עובר געווען אויף פינף לאָו'ן. דער רמב"ן האָט אויף איהם אַ שאַרפען קוק געטהאָן און איהם געפרעגט, צו־וואָס ער האָט זיך גע'שמד'ט. אַבנר האָט איהם געענטפערט, אַז דאָס איז געווען צוליב איהם, דעם רמב"ן, וואָס ער האָט געזאָגט, אַז אַלצדינג, וואָס עס קומט־פאָר אין דער וועלט, קאָן מען געפינען אין דער תּורה. ער האָט דאָס אַלץ נאָכגעטראַכט און אַרויסגעפונען, אַז דאָס איז אונמעגליך. דער רמב"ן האָט איהם דערויף

געענטפערט, אַז ער זאָגט זיך נאָך איצט אויך נישט אָב פון דעמדאָזיגען געדאַנק; ער האַלט נאָך איצט אויך, אַז אַלצדינג קאָן מען געפינען אין דער תורה. אַדרבא, זאָל ער עפּעס פרעגען — און ער וועט איהם ווייזען. אַבער האָט איהם דאַן געפרעגט, צי ער קאָן איהם ווייזען אַ רמז אויף זיין נאָמען אין דער פרשה האזינו, אויף וועלכער דער רמב״ן זאָל האָבען עקסטראַ געזאָגט, אַז דאָרט געפינען זיך אַלע סודות פון דער וועלט. דער רמב״ן האָט זיך פערטראַכט אַ ווײלע און איהם דערנאָך געזאָגט. עס שטעהט אין פסוק: „אַפאיהם אַשביתה מאנוש זכרם״; ווען מען זאָל אַרויסנעהמען יעדען דריטען אות פון אָט די ווערטער און דאַן דידאָזיגע אותיות צוזאַמענשטעלען, וועט אַרויסקומען דאָס וואָרט „אַבנר״. אַבנר איז פערוואונדערט געוואָרען און ס׳איז איהם דער ענין אַריין אין קאָפּ. ער האָט געפרעגט דעם רמב״ן, צי עס קאָן נאָך זיין פאַר איהם אַ תרופה. דערויף האָט איהם דער רמב״ן געזאָגט, אַז אויך זיין סוף איז שוין מרומז געוואָרען אין דיזעלבע ווערטער פון דער פרשה... אַבנר האָט זיך דאַן אַוועקגעלאָזט אויף אַ ים־רייזע און איז פון־דאַן־אָן פערשוואונדען געוואָרען.

עס איז אַ סברה, אַז די מעשה מיט אַבנר׳ן, וואָס ער איז אַראָב פון דרך־הישר צוליב חקירה, זאָל האָבען געווירקט אויפ׳ן רמב״ן צו זיין אַ בעגנער פון פילאָזאָפישע ספּעקולאַציעס, וועלכע זענען גיפט פאַר דער רעליגיע. אויך דער משומד פּאַולוס קריסטיאַנוס איז געוועזען פאַר איהם אַ בעווייז, אַז פילאָזאָפיע קאָן אַראָבפיהרען די יודען פון דרך־הישר.

דערפאַר האָט אָבער דער רמב״ן געהאַט נחת פון זיינע איבריגע תלמידים, ווי ר׳ אַהרן הלוי, דער אייניקעל פון „בעל המאור״, ר׳ יונה גירונדי, און הויפּטזעכליך ר׳ שלמה בן אַדרת — דער רשב״א, ווי ער איז בעקאַנט אין דער לומד׳ישער וועלט, — וועלכער האָט אויף איהם געזאָגט, אַז „אין לנו גדול בחכמה ובמנין וביראת חטא״. דער רמב״ן האָט, אַלזאָ, משפיע געוועזען נישט בלויז אויף זיין אייגענעם דור אַליין, נאָר אויך אויף די וויטערדיגע דורות דורך זיינע תלמידים און דורך די תלמידים פון זיינע תלמידים.

רבנו בחיי.

א.

דער נס מיט רבנו בחיי׳ס פירוש.

זעהר בעליעבט און בעקאַנט פון צווישען אַלע מפרשים אויף דער תורה, — סיי דירעקט ביי די, וועלכע האָבען געלערנט זיין ספר, און סיי אינדירעקט דורך די פיעל פירושים, וואָס זענען אויף איהם געמאַכט געוואָרען, ווי אויך דורך די, וואָס האָבען איהם ציטירט, הויפּטזעכליך דורך דעם פּאָפּולערען יודישען ספר „צאינה וראינה״, מיט וועלכען עס האָבען זיך אַזוי שטאַרק געקוויקט די יודישע פרויען, — איז ביים פאָלק תמיד געווען רבנו בחיי בן אָשר.

עס איז געווען אַ צייט, ווען מאַנכע האָבען איהם געהאַלטען פאַר אַ זוהן פונ׳ם רא״ש. דאָס איז אָבער געווען נישט ריכטיג. עס ווערט געבראַכט, אַז דער רא״ש האָט געהאַט אַכט זיהן: ר׳ יחיאל, ר׳ שלמה החסיד, ר׳ יעקב (בעל הטורים), ר׳ יהודה, ר׳ אליקים, ר׳ משה, ר׳ אליעזר און ר׳ שמעון. רבנו בחיי ווערט צווישען זיי נישט דערמאָהנט. אויסערדעם איז בעוואוסט, אַז רבנו בחיי האָט פערענדיגט זיין פירוש אין יאָהר 1291 אין סאַראַגאָסאַ, ווערענד דער רא״ש און זיינע קינדער זענען אָנגעקומען פון דייטשלאַנד קיין טאָלעדאָ ערשט אין יאָהר 1305; דאָס בעווייזט אויך, אַז ער האָט נישט געקאָנט זיין דעם רא״ש׳ס אַ זוהן. דערצו שיקט זיך סתם נישט, אַז רבנו בחיי זאָל אין קיין אָרט פון זיינע ספרים נישט האָבען דערמאָהנט מיט גרויס רעספּעקט אַזאַ גאון ווי דער רא״ש, אויב ער וואָלט ווירקליך געווען זיין פאָטער. מען דאַרף, אַגב, נישט פערגעסען, אַז דער רא״ש אַליין זאָל האָבען געמאַכט אַ פירוש אויף דער תורה, וועלכער איז שפּעטער פערלוירענגעגאַנגען, אָבער רבנו בחיי וואָלט איהם זיכער געקענט. ווען דער רא״ש וואָלט געווען זיין פאָטער, און וואָלט אַמאָל געבראַכט זיינע אַ מיינונג, זיינעם אַ ביאור. ער וואָלט אויך אַמאָל דערמאָהנט אַזעלכע גרויסע חכמים ווי ר׳ יחיאל, ר׳ יהודה און ר׳ יעקב, דער בעל הטורים,

אויב זיי וואָלטען געווען זיינע ברידער: ער האָט זיך מיט זיי לגמרי נישט געהאַט וואָס צו שעמען... עס איז דעריבער קיין שום ספק נישט, אַז רבנו בחיי איז נישט געווען דעם ראַ״ש׳ס אַ זוהן.

דער גאַנצער טעות שטאַמט אַביסעל דערפון, וואָס רבנו בחיי׳ס פאָטער האָט אויך געהייסען אָשר און האָט געלעבט אין איין צייט מיט׳ן ראַ״ש; אָבער הויפּטזעכליך — צוליב דער העכסט וואונדערליכער געשיכטע, וואָס איז פערבונדען מיט דער התגלות פון זיין פירוש אויף דער תורה.

עס ווערט דערצעהלט, אַז איינעם פון די מאַראַנען (אָנוסים אין שפּאַניען), ר׳ משה אַפּאַרנאַגי, האָט זיין פאָטער אָנגעזאָגט פאַר׳ן טויט, ער זאָל זיך בעמיהען אומצוקעהרען זיך צום יודענטום. דערדאָזיגער ר׳ משה האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין געבורטס-אָרט און אָנגעהויבען געהן פון שטאָדט צו שטאָדט, ביז ער איז איין טאָג אָנגעקומען אין טאָלעדאָ, וואו ער האָט קיינעם נישט געקענט.

שטעהענדיג אויפ׳ן מאַרק, האָט ער בעמערקט, ווי עס איז געקומען אַ דיענסט און האָט געקויפט אַ סך ירקות. ער האָט אַליין נישט געוואוסט פאַרוואָס, נאָר עס האָט איהם פלוצלונג אַ צופּ געטהאָן ביים האַרצען. ער איז געשטאַנען און האָט זיך געוואונדערט. דערווייל איז די דיענסט אַוועק, אָבער אין אַ ווײַלע אַרום איז זי צוריקגעקומען און האָט ווייטער איינגעקויפט ירקות. איז איהם אַריינגעפאַלען אַ געדאַנק, אַז אַזוי ווי היינט איז ערב־פסח, מוז עס זיין אַ יודישע דיענסט; ווייל ער האָט געהאַט געהערט פון זיין טאַטען, אַז ביי יודען איז פאַרהאַן אַ מנהג צו קויפען גרינס אויף פסח. האָט ער זיך געטראַכט, אפשר האָט איהם דאָ די השגחה אַהער געבראַכט... ער איז דעריבער מיט גרויס פאָרזיכטיגקייט נאָכגעגאַנגען נאָך דער דיענסט, ביז ער איז געקומען צו דעם הויז, וואו זי איז אַריינגעגאַנגען.

ער איז געבליבען שטעהן אַ ווײַלע און האָט דערנאָך געשיקט זאָגען דעם בעל-הבית, אַז איין דרויסען שטעהט אַ פרעמדער מאַן, וואָס וויל מיט איהם עפּעס רעדען. דער בעל־הבית האָט איהם געבעטען אַריינקומען. אַז דער בעל־הבית האָט איהם אַ פרעג געטהאָן, ווער ער איז, האָט ער איהם געזאָגט, אַז ער וויל מיט איהם עפּעס רעדען אויג-אויף-אויג.

דער בעל־הבית האָט איהם דאַן אַריינגענומען אין אַ בעזונדער צימער און געפרעגט, וואָס ער וויל איהם דערצעהלען. דערויף האָט ר׳ שלמה איהם רוהיג אַ זאָג געטהאָן:

— שווער מיר, אַז דו וועסט נישט אַרויסגעבען דעם סוד, וואָס איך וועל דיר דערצעהלען.

דער בעל־הבית האָט געשוואָרען, אַז ער וועט גאָרנישט אַרויסגעבען.

דאַן האָט ר׳ שלמה אָנגעהויבען צו דערצעהלען:

— זיי וויסען, אַז איך בין אַ יוד און כ׳האַלט זיך אָן דער יודישער אמונה. איך געה איצט פון שטאָדט צו שטאָדט, כדי זיך צוריקצוקעהרען צום דת משה. איך בין געקומען צו דיר דורך אַ צופאַל, און דאָס האַרץ

זאָגט מיר, אַז דו ביזט אויך אַ יוד. אַלזאָ, אויב דו וועסט מיך אויפנעה-מען בסבר פנים יפות און וועסט מיך האַלטען ביי דיר די גאַנצע טעג פסח — איז גוט; ווען נישט, וועל איך אויסזאָגען מיין סוד און אויך דיין סוד, און די קריסטען וועלען אונז ביידען אַוועק׳הרג׳ענען.

דער בעל־הבית, וועלכער איז אויך געווען אַ בעהאַלטענער יוד, איז געוואָרען אויפגעציטערט. ער האָט געמיינט, אַז אָט דער פרעמדער איז אַנ׳-אַגענט פון די אינקוויזיטאָרען. פון גרויס אויפרעגונג האָט ער צוריסען אויף זיך זיינע קליידער, איז געפאַלען אויף דער ערד און האָט אויסגעשריען:

— פערשאָלטען זאָל זיין דער טאָג, וואָס דו ביזט געקומען צו מיר אין שטוב צו טויטען מיך און מיינע קינדער!

ר׳ שלמה האָט זיך געשטאַרקט און דעם בעל־הבית פערוהיגט. עס האָט איהם וועה געטהאָן דאָס האַרץ פאַר דעמדאָזיגען אונגליקליכען ברו-דער, אָבער ער איז געשטאַנען רוהיג און האָט געֹטענה׳ט, אַז עס וועט איהם קיין שום זאַך נישט העלפען.

און ער האָט צו איהם ענדליך אַ זאָג געטהאָן:

— אויב דו בעהמסט מיך אָן, איז גוט; ווען נישט — וועל איך מוזען טהון דאָס, וואָס איך האָב דיר פריהער געזאָגט.

דער בעל־הבית איז געווען אין גרויסער פערצווייפלונג. עס איז איהם שווער געווען צו לייקענען, אַז ער איז אַ יוד; ער האָט דאָך אָבער גע-ציטערט אָפען צו ערקלערען פאַר דעם פרעמדען, פערדעכטיגען מענשען, אַז ער איז אַ יוד... ער האָט זיך דעריבער פרובירט נאָכאַמאָל דורכשמועסען מיט איהם, כדי אַרויסצוגעפינען, צי איז ער טאַקע באמת אַ יוד, אָדער ער איז אַ בעהאַלטענער אַגענט פון דער קירך, וועלכע שיקט אַרויס איהרע שפּיאָנען געוואויר צו ווערען, צי די מאַראַנען היטען-אָב די געזעצען פון דער נייער אמונה, אָדער זיי האַלטען זיך נאָך אַלץ אָן זייערע אַלטע יודי-שע טראַדיציעס.

פון זיין נעשפּרעך האָט זיך דער בעל־הבית ענדליך איבערצייגט, אַז דער פרעמדער מאַן איז אַ תּמים און מיינט חלילה קיין שום שלעכטס נישט. דאַן האָט ער שוין נישט געקאָנט אויסהאַלטען און איז אַרויסגעפאַלען אויפ׳ן האַלז דעם פרעמדען מאַן און האָט אָנגעהויבען וויינען.

אַז ער איז געקומען צו-זיך, האָט ער געפרעגט ר׳ שלמה׳ן, ווי-אַזוי איז ער דערגאַנגען, אַז ער איז אַ יוד.

— זאָג מיר, — האָט ער זיך ביי איהם געבעטען, — פונוואַנען ביזטו געווען אַזוי זיכער, אַז איך בין אַ יוד, וואָס דו האָסט אַזוי פעסט בעשלאָסען צו קומען צו מיר מיט אַזאַ פאָרשלאַג?

ר׳ שלמה האָט איהם מיט תמימות געענטפערט:

— פון די סך גרינסען, וואָס דיין דיענסט האָט געקויפט היינט ביי-טאָג... איך האָב בקבלה פון מיין פאָטער, אַז ס׳איז ביי יודען אַ מנהג צו קויפען אויף פסח גרינסען פון פערשידענערליי מינים. ווען איך האָב דער-

זעהן אויפ'ן מארק, ווי די דיענסט קויפט גרינסען, איז מיר באלד אריין דער געדאנק, אז היינט איז ערב פסח און אז גאט האט מיך צוגעשיקט צו דעם ארט, וועלכען איך האב אזוי לאנג געזוכט אויף מיינע וואנדערנישען. איך האב געזוכט א יוד, כדי צו ערפילען די צוואה פון מיין פאטער, אז איך זאל צוריק ווערען א יוד — און איצט בין איך ביי דיר... די השגחה האט מיך געפיהרט צו דיין הויז... ווי-אזוי קאנסטו מיר אבזאגען?

דער בעל־הבית האט איהם פערהאלטען ביי זיך אין הויז די גאנצע טעג פסח.

פאר'ן אוועקגעהן האט ר' שלמה ערקלערט דעם בעל־הבית, אז ער איז דעם רא"ש'ס אנ'אייניקעל, און פאר'ן גרויסען חסד, וואס ער האט מיט איהם געטהאן, האט ער איהם איבערגעגעבען דעם כתב־יד פון רבנו בחיי'ס פירוש אויף דער תורה. ער האט איהם געזאגט, אז דעמדאזיגען ספר, וואס ער האט בעקומען פון זיין פאטער, טראגט ער ארום ביי זיך שוין עטליכע יאהר און בעהאלט עס פון די גוי'אישע הענד.

דער בעל־הבית האט דעם גאסט בעגלייט מיט גרויסען כבוד, ווי עס האט געפאסט פאר דעם רא"ש'ס אנ'אייניקעל. און דער ספר פון רבנו בחיי, וועלכער איז אויף אזא וואונדערליכען אופן גערעטעוועט געווארען, איז שפעטער פערשפרייט געווארען איבער דער יודישער וועלט אין פיעל שריפטליכע עקזעמפלארען.

אט דידאזיגע דראמאטישע געשיכטע, וועלכע גיט, אגב, א וואונדער־באר בילד פונ'ם פיינליכען לעבען פון די יודישע מאראנען אין שפאניען, — וועלכע האבען געציטערט נישט בלויז פאר די שפיאנירענדע קריסטען, נאר אויך פאר אומבעקאנטע, פערדעכטיגע יודען, — האט עס שפעטער געדיענט פאר מאנכע פערזאנען אלס יסוד צו בעהויפטען, אז רבנו בחיי איז געווען דעם רא"ש'ס א זוהן. — אבער די סברה האט זיך ארויסגעוויזען אלס נישט־מאסגעבענד.

ב.

די צייט. — זיינע רביים. — זיין פירוש.

די אבשטאמונג און די גאנצע יוגענדליכע ערציהונג פון רבנו בחיי איז נישט גענוי בעקאנט. מען ווייסט נאר, אז זיין פאטער'ס נאמען איז געווען אשר, פון דער פאמיליע האלאווא, און ער איז געבוירען געווארען אין דער צווייטער העלפט פון דרייצעהנטען יאהרהונדערט אין סאראגאסא, די הויפטשטאדט פון אראגאניען.

די צייט איז דאמאלסט געווען זעהר א שטורמישע אין יודישען לע־בען. די אמונה ביים פאלק האט אנגעהויבען שוואכער צו ווערען, און דער פרייער גייסט, דער גייסט פון חקירה און פילאזאפיע, האט שטארק בע־הערשט די יודישע וועלט, הויפטזעכליך אין שפאניען און פראוואנס.

די שטאַרקסטע ציטאַדעלע פון דער יודישער אמונה איז דאַן געווען דייטשלאַנד. די דייטשע יודען זענען געווען רייני גמרא־יודען. זיי זענען געווען פערטיפט אין שטודירען דעם תלמוד און זענען לחלוטין נישט בע־ריהרט געוואָרען פון אויסערליכע, וועלטליכע איינפלוסען. מחמת־דעם האָבען די קנאים פון פראַנקרייך, וועלכע האָבען געדורשט, מיט דער הילף פון נאָך שותפים אין אַנדערע לענדער, צוריק אָנצוצינדען דעם אויסגעלאָשענעם קאַמף, וואָס ס'האָבען געהאַט אָנגעהויבען ר' שלמה פון מאָנפעליע און ר' יונה גירונדי געגען דעם רמב"ם'ס פילאָזאָפישע ספרים און געגען דעם גאַנ־צען ענין פון חקירה ביי יודען, — אַט די קנאים האָבען זיך איצט פער־בונדען מיט די דייטשע רבנים און פערפיהרט אַ קאַמף פונדאַסניי. אין זייער קנאות זענען זיי דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז נישט בלויז דער רמב"ם, נאָר אויך דער אבן־עזרא און אַפילו ר' סעדיה גאון זענען בעטראַכט געוואָרען אַלס פריידענקער דערפאַר, וואָס זיי האָבען זיך אָבגעגעבען מיט חקירה אינ'ם יודענטום. דאָס יודישע לעבען האָט אויסגעזעהן צו שטעהן זעהר שלעכט. די שאַרפע מחלוקת'ן האָבען אונטערגעגראָבען דעם פונדאַמענט פונ'ם יודישען קולטורעלען און געזעלשאַפטליכען לעבען. דען וואָס שאַרפער די פרומע וועלט האָט אָנגעגריפען יענע בעדייטענדע שיכטען אינ'ם יודענ־טום, וואָט האָבען געהאַלטען פון חקירה און וויסענשאַפט, אַלץ שטאַרקער און איינגעשפאַרטער איז געוואָרען דער צד שכנגד — און ס'האָט אויסגע־זעהן, אַז דאָס יודענטום שטעהט ווייטער פאַר אַ גרויסען חורבן. בפרט נאָך, ווען מען נעהמט אין אַכט, אַז די קריסטליכע וועלט אַרום האָט סיי פאָלי־טיש און סיי רעליגיעז נישט אויפגעהערט צו דריקען די יודען מיט אַלע מיטלען, וועלכע זי האָט נאָר געפונען פאַר נויטיג צו געברויכען.

אַלע גרויסע צייטען האָבען געהאַט זייערע גרויסע מענשען — און אויך דידאָזיגע שטורמישע צייט האָט געהאַט איהר גרויסען גייסט, וואָס האָט אויסגעאיבט אַ גוואַלטיגען איינפלוס אויפ'ן יודענטום נישט בלויז פון זיין צייט, נאָר אויך פון אַלע ווייטערדיגע צייטען. און ער איז געווען גרויס נישט בלויז אין זיין דור, וואָס האָט געהאַט געגוג נאָך אַנדערע גדולים, נאָר אויך פאַר אַלע דורות. דאָס איז געווען ר' שלמה בן אַדרת, אָדער ר' שלמה בן אַברהם — מפורסם אין דער לומד'ישער וועלט אַלס „רשב"א".

דער רשב"א איז געווען אַ תלמיד פון ר' יונה גירונדי — דעמזעל־בען ר' יונה, וואָס האָט צוזאַמען מיט ר' שלמה פון מאָנפעליע געקעמפט געגען רמב"ם און האָט דערנאָך חרטה געהאַט — און שפּעטער אויך פון רמב"ן, ביז דער צייט ווען ער איז אַוועקגעפאָהרען קיין ארץ־ישראל. דער רשב"א האָט, אַלזאָ, אַריינגענומען די ירושה פון זיינע צווי גרויסע רביים. ער האָט, אַזוי צו זאָגען, פעראייניגט אין זיך ביידע געגענזעצליכע קוואַלי־טעטען פון זיינע לעהרער — די גוטסקייט פון רמב"ן און די אונקאָמפּראָ־מיסלאָזע קנאות פון ר' יונה גירונדי.

דער רשב"א האָט געהאַט אַנ'אויסערגעוועהנליך שאַרפען מוח און צו זיין קלאָרקייט און בקיאות איז נישט געווען קיין גרענין. דער תלמוד מיט דער גאַנצער תלמוד'ישער ליטעראַטור — אַלע ספרים, אַלע תשובות, אַלע מפרשים, אַלע פוסקים און אַלע תוספות'ן אויפ'ן תלמוד, וואָס זענען ערשי־נען ביז איהם — זענען איהם געווען אָפען פאַר די אויגען. ער האָט אָט דעם גאַנצען אוצר מאַטעריאַלען תופס געווען אַזוי לייכט, אַז די גרעסטע גאונים פון זיין צייט פלעגען ערשטוינט ווערען.

דער רשב"א איז געווען דורך־און־דורך אַ גמרא־יוד. אַלס שפּאַנישער יוד איז ער נישט געווען פרעמד פון וועלטליכער בילדונג. ער האָט געהאַט אַ ידיעה אין וויסענשאַפט און חקירה. ער איז געווען, אַזוי צו זאָגען, אָנ־געהויכט מיט'ן שפּאַנישען גייסט. פון זיין רבי'ן דעם רמב"ן האָט ער אויך בעקומען אַ געוויסען רעספּעקט פאַר קבלה. אָבער דער עיקר איז ביי איהם געווען די תורה, דער תלמוד. ביי איהם איז די תורה געווען העכער פון אַלין און טיעפער פון אַלין. ביי איהם האָט יעדע שורה פון תלמוד געאָטעמט מיט דער חכמה עליונה. ס'פערשטעהט זיך, אַז בעת עס איז פאָרגעקומען דער קאַמף פון די דייטשע און פראַנצויזישע קנאים געגען לערנען וועלט־ליכע חכמות, האָט זיך דער רשב"א געשטעלט אויף דער זייט פון די קנאים און געשטיצט זייערע טענות און זייערע חרמות; הגם עס שיינט, אַז דער בריעף, וועלכען ר' ידעיה בדרשי האָט איהם געשיקט, ער זאָל חרטה האָבען פון זיין בעשלוס, האָט אויף איהם געמאַכט אַ געוויסען איינדרוק.

אַרום פערציג יאָהר האָט דער רשב"א אַרויסגעשטראַהלט פון באַרצע־לאָנאַ נישט בלויז איבער דעם שפּאַנישען לאַנד, נאָר אויך איבער פראַנק־רייך, דייטשלאַנד, איטאַליען, גאַנץ אַזיען און אַפריקאַ. דען נישט בלויז מיט זיינע וואונדערבאַרע תשובות האָט ער געהאַט אויסגעאיבט אַזאַ איינ־פלוס אויף דער יודישער וועלט, נאָר אויך מיט זיין ישיבה, וואָס ער האָט געהאַט געגרינדעט ביי זיך אין שטאָדט, צו וועלכער עס זענען געקומען תלמידים פון אַלע יודישע קהלות אין דער וועלט.

אָט אין דערדאָזיגער ישיבה און ביי דעם גרויסען גאון האָט געהאַט פערבראַכט רבנו בחיי. עס שיינט, אַז ער האָט אין די יונגע יאָהרען פער־לאָזט זיין געבורטס־שטאָדט סאַראַגאָסאַ און איז אַוועק קיין באַרצעלאָנאַ, וועלכע האָט דאַן געש'ם'ט אין דער וועלט. רבנו בחיי האָט שפּעטער דער־מאָהנט אין זיינע ספרים זיין רבי'ן, דעם רשב"א, אַלס „מורי היקר ר' שלמה". און אויך דער רשב"א האָט דערמאָהנט זיין תלמיד, רבנו בחיי, וועלכער איז געווען געגעוג אָנגעלאָדען מיט תורה.

נאָכדעם ווי ער האָט זיך שוין געהאַט גענוג אָנגעאָטעמט מיט'ן רוח־התורה, האָט ער זיך צוריקגעקעהרט קיין סאַראַגאָסאַ, וואו ער איז אויפגע־נומען געוואָרען אַלס דרשן. קיין גרויסע שכירות האָט ער נישט געהאַט בעקומען און האָט אַזוי־אַרום געדאַרפט כל־ימיו לעבען אין גרויסער דחקות. נישט־קוקענדיג אויף דער אָרימקייט און אויך אויף די צרות, וועלכע ער

זאָל האָבען איבערגעלעבט אין די יונגע יאָהרען, איז ער דאָך געזעסען ווייטער און זיך עוסק געווען אין לערנען און האָט געלערענט אַנדערע דורך זיינע גייסטרייכע דרשות איבער יודישער עטיק און אויך דורך זיינע ספרים, אַזוי, אַז ער איז בעריהמט געוואָרען אין דער יודישער וועלט כמעט נאָך איידער עס האָט אָנגעהויבען קלינגען איבער דער וועלט דער נאָמען פון זיין גרויסען רבי'ן.

רבנו בחיי האָט קיין הלכה־ספרים נישט געשאַפען, הגם ער איז גע־ווען אַ מייסטער פון תלמוד און פוסקים, וואָס ס'איז צו זעהן פון זיינע פאַרביינעהענדיגע בעמערקונגען אין זיינע אַנדערע ספרים; עס האָט איהם, קענטיג, נישט געצויגען דערצו. ער האָט מעהר ליעב געהאַט אַרויסצוברענ־גען די יודישע עטיק, די הויכע יודישע מאָראַל, וואָס איז בעהאַלטען אין די יודישע שאַפונגען, און אויך אָנוויזען אויף דער העכסטער חכמה, וואָס געפינט זיך אין דער תורה. און דאָס האָט ער דערגרייכט מיט זיין פירוש אויף דער תורה, וועלכער איז בעקאַנט אונטער'ן נאָמען „מדרש רבנו בחיי על התורה", וואָס איז פערענדיגט געוואָרען אין יאָהר 1291.

זיין צוגאַנג צו דער אינטערפרעטירונג פון דער תורה איז געווען אַ פיעלפאַכיגער. אין דער הינזיכט איז ער געווען דער געגענזאַץ פון אבן־עזרא. דען בעת דער אבן־עזרא האָט אָנגעוויזען אויף די פערשידענע שיטות פון אינטערפרעטירען די תורה, אָבער האָט אַליין אויסגעוועהלט בלויז איין פאָרם — די פאָרם פון ריינעם פשט, זיך האַלטענדיג אָן דעם אַלטען כלל, אַז „אין מקרא יוצא מידי פשוטו" און אַז נאָר אויף דעם וועג אַליין קאָן און דאַרף די תורה אויסגעטייטשט ווערען, — האָט רבנו בחיי אָנגע־נומען אַ ל ע שיטות: אי פשט, אי דרש, אי חקירה, אי קבלה.

געוועהנליך האָט איהם הויפטזעכליך געצויגען צו דער מיסטישער אינטערפרעטירונג. דאָס איז שוין געווען דער אַיינפלוס פון רמב"ן, וועלכער איז געווען דער ערשטער אויסצוטייטשען די תורה מיט דער הילף פון קבלה. ער פערטיעפט זיך אויך אין דער מיסטישער לעהרע און פרובירט אויפקלערען געוויסע שטעלען אין דער תורה דורך צירופים פון שם־הויה. מאַנכעסמאָל האָט ער זיך אויסגעדריקט, אַז דער אמת'ער פשט פון פסוק איז פערבאָרגען און דאָס קאָנען וויסען נאָר די יודעי־חן, די גרויסע צדיקים, וואָס ווייסען קבלה. די מעלה זיינע איז אָבער געווען, וואָס בעת דער רמב"ן האָט די קבלה אַרומגעריגעלט, אַיינגעשלאָסען און אַזוי פער־דונקעלט, אַז נישט אַלע זאָלען זי פערשטעהן — האָט רבנו בחיי אַלצדינג אויפגעקלערט, אַלץ קלאָר־געמאַכט, אַז אַלע זאָלען זי קאָנען פערשטעהן.

רבנו בחיי האָט געפרובט אַ סך זאַכען אויסטייטשען אויף אַנ'אַלע־גאָרישען אופן. ער האָט געהאַלטען, אַז אין דער תורה זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרען זאַכען אין אַנ'אַלעגאָרישער פאָרם — דאָס איז געווען אַ ביסעל צו־דרייסט פאַר דער דאַמאָלסדיגער צייט, בעת מען האָט יעדען מפֿרש גע־קוקט אין די אויגען אַריין... ער האָט אָבער קיין מורא נישט געהאַט, ווייל

ער איז געווען געניג גרויס אין תורה צו שטעלען אויף זיך. ער האָט זאָגאַר אויסגעטייטשט די מעשה וועגען יעקב'ן מיט'ן מלאך אין אַזאַ אַלעגאָרישער פאָרם.

אויסערדעם האָט ער זיך אין מאַנכע ערטער אַוועקגעלאָזט אויך אין חקירה. דערמיט האָט ער געוואָלט בעווייזען, אַז אַפילו די טיעפסטע חקירות קאָן מען אַרויסגעפינען פון דער תורה. נאַטירליך, האָט די חקירה געקאָנט געהן נאָר אויף אַזוי ווייט, אויף וויפיעל זי שטעהט נישט אין אַ סתירה מיט דער תורה און מיט דער טראַדיציע. רבנו בחיי איז נישט געווען קיין אָנהענגער פון פילאָזאָפיע; ער איז אָבער נישט געווען קיין געגנער. ער האָט ציטירט דעם אבן־עזרא, ער האָט ציטירט דעם רמב"ם — און האָט נישט געקוקט, וואָס מאַנכע קנאים האָבען זיי ביידען געהאַלטען פאַר נישט אינגאַנצען כשר.

אַז עס קומט איהם אַמאָל אויס צו רעדען וועגען דעם מהות פון דער נשמה, וויקעלט רבנו בחיי פונאַנדער מיינונגען פון פערשידענע פילאָזאָפען מכח דערדאָזיגער פראַגע און בענוצט זיך זאָגאַר מיט די מיינונגען פון נישט-יודישע פילאָזאָפען. אַלע זיינע אַרגומענטען וועגען דער אונשטערבליכקייט פון דער נשמה זענען כמעט אינגאַנצען פון דעם אַראַבישען דענקער אַל-באַטאַליוסי, און ער ערגענצט זיי מיט ראַיות און ציטאַטען פון דער תורה, פון תלמוד און מדרש. און דאָס האָט ער געטהאָן, כדי צו בעווייזען, אַז אין דער תורה געפינט זיך אַלצדינג. ער אַליין ערקלערט, אַז הגם ער ברענגט מכח דער נשמה אַלע מיינונגען פון די פילאָזאָפען, פון וועלכע עס זענען אַ סך ריכטיגע, בלייבט דאָך דער הויפט-קוואַל פון חכמה די ת ו ר ה: פון איהר האָבען גענומען אַלע דענקער, פון איהר שטאַמען אַלע חכמות.

חוץ די אַלע פאָרמען פון אינטערפּרעטאַציע פּרובט רבנו בחיי צו געהן אויך אויף דעם דרך־הפשט. ער האַלט אויך פון מקרא כפשוטו. זיינע פשטים זענען ס'רוב גענומען פון רש"י, רבנו חננאל און אויך פון ר' סעדיה גאון. אַ אינטערעסאַנטען פירוש, וועלכער איז אין דער גאַנצער ליטעראַטור נישט ציטירט געוואָרען, ברענגט רבנו בחיי אין נאָמען פון ר' סעדיה גאון. מכח דעם חטא פון נדב ואביהוא, פאַרוואָס זיי זענען בעשטראָפט געוואָרען מיט טויט, זענען פאַרהאַן אין תלמוד און אין ספרים פערשידענע מיינונגען. רבנו בחיי ברענגט פון ר' סעדיה'ן, אַז זייער חטא איז געווען, וואָס זיי האָבען נישט גוט געקענט מדקדק זיין אין דער כוונה פון העברעאישען וואָרט. משה רבנו האָט געזאָגט: „ונתנו בני אהרן הכהן אש על־המזבח", דער אמת'ער מכוון פון „נתן אש" איז: „אָנצינדען פייער". זיי האָבען אָבער געטייטשט „ונתנו אש": „ג ע ב ע ן פייער", און זיי האָבען דעריבער געבראַכט פייער פון אַנ'אַנדער אָרט — און דאָס איז געווען די אורזאַך פון זייער טויט. ר' סעדיה ווייזט-אָן דערויף, ווי ווייט מען דאַרף מדקדק זיין אין העברעאישען שורש און אין העברעאישען וואָרט.

ביי רבנו בחיי געפינען זיך פאָרטרעפליכע פשטים, וועלכע זענען

אָפּנים געגומען געוואָרען פון די ספרד׳ישע פּאָרשער און זענען ביי אונז נישט פערבליבען. אין תצוה כ״ח, ל״א-ל״ב שטעהט: „ועשית את מעיל האפוד וכו׳ לא יקרע״. געוועהנליך טייטשט מען „לא יקרע״: „ער זאָל נישט צוריסען ווערען״. דאָס איז אָבער דאָ אונפערשטענדליך. רבנו בחיי טייטשט „לא יקרע״: „ער זאָל נישט געעפענט ווערען״ — (ווי, למשל, „וקרע לו חלוני״ אין ירמיה כ״ד, י״ד). דאָס איז אַ וואונדערבאַרער פּירוש.

אָבער אַזעלכע פשטים ברענגט ער נישט פיעל, ווייל הויפטזעכליך האָט ער דאָך ליעב די קבלה און דעם מדרש. ער האַלט, אַז דער מדרש פערטיעפט די תורה, מאַכט זי אָנציהענדער, לייכטער, שענער, און דאָס איז זעהר וויכטיג אויף צו פערשפּרייטען די תורה צווישען עולם.

אויסער דעם פּירוש אויף דער תורה האָט רבנו בחיי געשאַפען דעם „שובע שמחות״ — אַ פּירוש אויף איוב, דעם „שולחן אַרבע״ און אויך דעם ספר „האמונה״, וועלכער איז געבליבען נישט געדרוקט. עס איז פאַרהאַן אַ סברה, אַז דער ספר „האמונה והבטחון״, וועלכען מען שרייבט-צו דעם רמב״ן, איז גאָר אייגענטליך די שאַפונג פון רבנו בחיי. ער האָט געשריבען נאָך פיעל אַנדערע ספרים; אָבער דאָס בעדייטענדסטע ווערק, נאָך זיין פּירוש, איז דער „כד הקמח״ — אַ ספר פון דרשות איבער רעליגיעזע און מאָראַלישע ענינים. דאָרט בעהאַנדעלט ער די פראַגען וועגען אַהבת השם, אַהבת התורה, וועגען תפילות, וועגען ליעבע צום נאָהענטען, וועגען אַכטונג, וועגען דעם מהות פון גאָטהייט — און אַלץ איז אַרויסגעשריבען געוואָרען ביי איהם מיט אַזאַ וואַרעמקייט, האַרציגקייט, קלאָרער שפּראַך און אַזוי שפּאַנענד, אַז ער איז געוואָרען אונגעהויער פּאָפּולער ביים יודישען פאָלק, אפשר נאָך פּאָפּולערער ווי דער פּירוש, וועלכער איז געוואָרען זעהר מפורסם און האָט זוכה געווען צו אַ סך אויפלאַגען.

רבנו בחיי איז געשטאָרבען אין יאָהר 1340. זיין פּירוש אויף דער תורה איז צום ערשטען מאָל, באַלד נאָך דער דרוקעריי-ערפינדונג, געדרוקט געוואָרען אין נעאַפּאָל, אין יאָהר 1492, דאַמאָלסט ווען די הערשער פון זיין פאָטערלאַנד האָבען אַרויסגעטריבען זיינע ברידער פון זייערע אַלטע איינגעזעסענע היימען און קאָלומבוס האָט זיך אַוועקגעלאָזט מיט זיין זעגעל-שיף איבער׳ן גרויסען ים צו ענטדעקען די נייע וועלט — אַמעריקאַ.

בַּעַל הַטוּרִים.

א.

זיין אָבשטאַמונג און די צייט.

צו דער צייט, וואָס דער בעל־הטורים האָט געווירקט און געשאַפען, האָט שוין דאָס שפּאַנישע יודענטום נישט געהאַט פערמאָגט דעם רעגענבוי־גענדיגען גלאַנץ און פאַרב ווי אין די פריהערדיגע דורות. הגם די דאַמאָלס־דיגע יודען זענען נאָך עקאָנאָמיש געווען גאַנץ פעסט, זענען זיי אָבער שוין געווען זעהר שוואַך פּאָליטיש און דאַסגלייכען אויך קולטורעל. עס זענען נאָך געווען געוויסע דיכטער, דענקער און וויסענשאַפטס־לייט, וועלכע האָבען אויסגעאַיבט אַנ'איינפלוס; אָבער דער וועלטליכער גייסט, וועלכער האָט גע־האָט געלעגט אַ געוויסען שטעמפּעל אויף דעם שפּאַנישען יודענטום, האָט שוין איצט זיך געמוזט אונטערגעבען דעם ריין־תלמוד'ישען גייסט, וועלכער האָט זיך געהאַט פיעל שטאַרקער איינגעבירגערט אין דעם שפּאַנישען לאַנד. הויפּטזעכליך האָט זיך דאָס אַרויסגעוויזען בנוגע דער תורה־פאַרשונג, וועלכע האָט געהאַט בעגייסטערט די מוחות פון דער העכסטער יודישער אינטעלי־גענץ פאַר עטליכע דורות. מען האָט נאָך געשאַפען פּירושים אויף דער תורה, מען האָט נאָך די תורה נישט געהאַט איינגאַנצען פערנאַכלעסיגט, נאָר די אַלע אינטערפּרעטירונגען זענען שוין געמאַכט געוואָרען מיט דער הילף פון דרש, פון קבלה, פון רמזים, אָבער נישט מיט דער הילף פון ריינער שפּראַך־פאָרשונג, וועלכע האָט געגעבען דער תורה אַ ספּעציפישע נאַטירליכע שענ־קייט און אַ בעזונדער אָנגענעהמען אַראָמאַט.

דער בעל־הטורים, וועלכער איז געווען אָנגעהויכט מיט'ן גייסט פון דער צייט, מיט דעם גייסט פון דער תלמוד'ישער אויבערהערשאַפט, האָט, זעלבסטפערשטענדליך, געהאַט הויפּטזעכליך צו פערדאַנקען זיינע אייגענאַר־טיגע תורה־אינטערפּרעטירונגען און אַלע זיינע איבריגע שאַפונגען זיין היים, אין וועלכער ער איז געווען געבוירען, און דער סביבה, אין וועלכער ער האָט זיך געהאַט ערצויגען.

דער בעל־הטורים, אָדער ווי ער האָט געהייסען מיט׳ן אייגענטליכען נאָמען, ר׳ יעקב בן אָשר, איז געווען איינער פון די אַכט זיהן פונ׳ם גרויסען יודישען גאון ר׳ אָשר בן יחיאל, וועלכער איז בעקאַנט אין דער לומדי׳שער וועלט אונטער׳ן נאָמען „דער אָשרי״ אָדער ר א ״ ש. דער רא״ש אַליין איז געבוירען געוואָרען ביי לומד׳ישע עלטערן אין דייטשלאַנד. זיין פאָטער ר׳ יחיאל איז געווען אַ גרויסער גאון אין תורה און אויך אין קבלה, און מען האָט איהם אין פאָלק געהאַלטען פאַר אַ גרויסען בעל־מופת. עס הייסט, אַז דער רא״ש האָט זיך געהאַט גוט אָנגעזאַפּט מיט תורה נאָך אין דעם הויז פון זיינע עלטערן. דערצו האָט ער נאָך געלערנט ביי מהר״ם פון ראָטענבורג, איינער פון די לעצטע בעלי־התוספות, וועלכער איז געווען דער גרעסטער גאון אין זיין צייט, און איז געווען אַ חבר פון ר׳ מרדכי בן הלל בן הלל, מחבר פון ספר „מרדכי״. דער רא״ש האָט זיך, אַלזאָ, געווייקט אין תלמוד. ביי איהם איז דער תלמוד געווען דער איינציגער קוואַל פון אַלע חכמות אויף דער וועלט, דער איינציגער קוואַל פון דער העכסטער חכמה, און ממילא זענען אַלע איבריגע חכמות לחלוטין נישט נויטיג און זענען זאָגאַר שעדליך. עס פערשטעהט זיך, אַז מיט דעמזעלבען גייסט איז אויך בעפּליגעלט געוואָרען זיין זוהן ר׳ יעקב, דאָס הייסט, דער בעל־הטורים.

צו יענער צייט האָט דאָס דייטשע יודענטום איבערגעלעבט איינעם פון די שוידערליכסטע מאָמענטען אין דער יודישער געשיכטע. ס׳איז בכלל שווער אָנצווייזען אויף געוויסע רוהיגע, פרידליכע און גליקליכע מאָמענטען אין לעבען פון יודישען פאָלק אין גלות, הגם זיכער זענען אַזעלכע אויך געווען — ווען נישט, וואָלטען דאָך די יודען בכלל קיין שום תקומה נישט געקאָנט האָבען; מען דאַרף אָבער אָננעהמען, אַז אַפילו די „גליקליכע״ מאָמענטען זענען נישט געווען פולקאָמען, נאָר זענען געווען אויסגעמישט מיט אַ סך ביטערקייטען. יעדענפאַלס זענען אויך צווישען די שלעכצטע צייטען געווען גאַנץ פערשידענע; עס זענען געווען שלעכטע און נאָך ערגערע. און יענע צייט, די צייט פון רא״ש מיט זיין גרויסען זוהן דעם בעל־הטורים, איז געווען זעהר אַ שלעכטע.

דער דאַמאָלסדיגער האַבסבורגער קייזער רודאָלף, וואָס זיין קאַסע איז געווען זעהר אַ לעדיגע, האָט ווי אַ סך אַנדערע פירשטען פון יענער צייט פּרובירט זי אָנצופילען מיט יודיש פערמעגען. געוועהנליך האָבען די יודען בעקומען פאַר זייער פערמעגען געוויסע זכיות און הבטחות, אַז מ׳וועט זיי שיצען פון אָנפאַלען מצד די קריסטען און אויך פון בלוט-בלבולים; אָבער נישט אַלעמאָל האָבען קיסרים געהאַט אַ גוטען זכרון. זיי פלעגען גאַנץ אָפט פערגעסען, וואָס זיי האָבען צוגעזאָגט די יודען, הגם אין דערזעלבער צייט פלעגען זיי גוט געדענקען, אַז מען דאַרף רייסען געלד פון די יודען.

האָט זיך ווירקליך איינמאָל געמאַכט, אַז מען האָט געפונען אין מאַינץ אַ בע׳הרג׳עט קריסטליך קינד, און די קריסטען האָבען פערשפרייט

אַ קלאַנג אין שטאָדט, אַז יודען האָבען עס ערמאָרדעט. דאָס האָט אויפגע-פלאַקערט די קריסטליך-ליעבענדע הערצער און מען האָט גענומען מאַכען שחיטות אויף יודען נישט בלויז אין מאַינץ אַליין, נאָר אויך אין פיעל אַנדערע שטעדט אין דייטשלאַנד. דאָס יודישע לעבען איז אַזוי פערביטערט געוואָרען, אַז אַ סך קהלות האָבען בעשלאָסען אויסצוואַנדערן אין אַנדערע לענדער.

צווישען אָט די וואַנדערער איז אויך געווען דער מהר"ם פון ראָטענ-בורג, דער גרויסער גאון און צדיק, וועלכען די יודען האָבען געהאַלטען פאַר אַ געטליכען מאַן. זיין ציעל איז געווען צו געהן קיין ארץ־ישראל. די אויסגעוואַנדערטע יודען האָבען, נאָך לאַנגע מאַטערנישען, דערגרייכט די גרעניץ פון לאָמבאַרדיען, וואו דער מהר"ם איז פריהער געווען אַנגעקומען און האָט געוואַרט אויף זיינע לאַנדסלייט, כדי צו נעהמען צוזאַמען אַ שיף קיין ארץ־ישראל. צום אונגליק, האָט איהם דאָרט דערזעהן אַ יודישער משומד, וועלכער איז געפאָהרען מיט'ן בישאָף פון באַזעל, און ער האָט תיכף פעראָרדענט, מען זאָל דעם מהר"ם אַרעסטירען. אַז דער קעניג רו-דאָלף איז דערפון געוואויר געוואָרען, האָט ער בעפויהלען צו פער-שפאַרען איהם אין תפיסה פון דער פעסטונג אינזוסהיים אין עלזאַס. דער קיסר האָט אייגענטליך נישט געטראַכט צו בעשטראָפען דעם גאון, ער האָט נאָר געוואָלט שטעלען אַ וואַך איבער איהם, כדי ער זאָל נישט אַרויס פון לאַנד, און מחמת־דעם וועלען אויך די איבריגע יודען נישט אַרויסגעהן. דער קיסר האָט געזעהן, אַז מיט'ן אַרויסגעהן פון די יודען וועט דאָס לאַנד פער-אָרימט ווערען. מהאַי טעמא האָט מען דעם מהר"ם אויך קיין שלעכטס נישט געטהאָן און מען האָט איהם אַפילו ערלויבט לערנען מיט תלמידים און אויפ-נעהמען אורחים. די יודען האָבען פאָרגעלעגט דעם קיסר צו געבען אַ גרוי-סע סומע געלד, אויב ער וועט בעשטראָפען די יודישע מערדער און ער וועט בעפרייען דעם מהר"ם. דער קיסר האָט, פערשטעהט זיך, מספים געווען. ער האָט צוגענומען דאָס געלד און בעשטראָפט פיעל קריסטען, וועלכע האָבען גע'הרג'עט יודען און בערויבט זייער פערמעגען; אָבער דעם מהר"ם האָט ער נישט אַרויסגעלאָזט. ס'איז פאַרהאַן אַ סברה, אַז דער מהר"ם אַליין האָט עס נישט געוואָלט, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז דאָס קאָן ברענגען נייע צרות פאַר יודען: די אַלע הערשער וועלען אַרעסטירען די רבנים און וועלען בעטען אויסקויף־געלד פאַר זיי. דער מהר"ם איז אָבגעזעסען אין פעסטונג פינף יאָהר און איז דאָרט געשטאָרבען.

נאָך בעת דער מהר"ם האָט געלעבט, איז שוין דער רא"ש געווען בע-וואוסט אין דער יודישער וועלט מיט זיין גרויסער מייסטערשאַפט אין הלכה און מיט זיין שאַרפער לאָגיק; אָבער ווען דער מהר"ם איז געשטאָרבען, — דאָס איז געווען אין יאָהר 1293, — איז דער רא"ש געוואָרען דער גרעס-טער תלמוד'ישער אויטאָריטעט אין אַלע דייטשע לענדער. עס איז איהם אָבער

נישט געשערט געווען צו פערבלייבען אין דעם לאַנד, וואו ער איז געווען געבוירען און וואו זיין משפחה האָט געהאַט געלעבט פון דורות.

עס האָבען אויסגעבראָכען נייע שחיטות אויף יודען, און דאָסמאָל מיט אַ פיעל גרעסערן שטורם און געוואַלדיגער אַכזריות, ווי בשעת די קרייצצוגען. עס האָט נאָר איינער געדאַרפט אַרויסלאָזען אַ קלאַנג, אַז יודען האָבען אַרויסגע'גנב'עט דאָס הייליגע ברויט פון דער קריסטליכער קירך — און די קריסטען האָבען זיך מיט אימפעט אַ לאָז געטהאָן אויף יודען זיי צו מאָרדען און צו בעראַבעווען. דאָס איז געווען אַ גאַנץ לייכט מיטעל פאַר די קריסטען אויף רייך צו ווערען. די רוצחים זענען געגאַנגען פון שטאָדט צו שטאָדט און פון ישוב צו ישוב און מען האָט גע'הרג'עט, גע־ברענט און געראַבעוועט. בלויז די, וואָס האָבען זיך גע'שמד'ט, האָט מען געלאָזט לעבען. די, וואָס האָבען זיך געהאַלטען פעסט אָן דער אמונה, האָט מען פערניכטעט. אַ סך יודישע קהלות זענען דאַמאָלס אינגאַנצען אָבגעמעקט געוואָרען פון דער ערד. עס איז דאַן אומגעקומען אויף קידוש־השם דער מחבר פון ספר „מרדכי", זיין פרוי, וועלכע איז געווען אַ טאָכטער פון ר' יחיאל פון פאַריז, און זיינע פינף קינדער. דידאָזיגע שחיטה האָט אָנגע־האַלטען זעקס חדשים, און העכער הונדערט טויזענד יודישע נפשות זענען דאַן אומגעקומען פון די הענד פון די רוצחים.

נאָך די אַלע שרעקליכע שחיטות האָט דער רא"ש איינגעזעהן, אַז עס וועט איהם אונמעגליך זיין צו בלייבען אין זיין פאָטערלאַנד. אַגב איז שוין דאַמאָלס דער קעניג רודאָלף געווען אַוועק און דער קעניג אַלברעכט איז אַרויף אויף זיין פּלאַץ. עס ווערט דערצעהלט, אַז דער נייער קיסר האָט פערלאַנגט פון רא"ש דאָס אויסלייז־געלד, וואָס די יודישע קהלות האָבען געדאַרפט בעצאָהלען פאַר'ן מהר"ם, און דער רא"ש האָט געהאַט גאַראַנטירט, אַז דידאָזיגע קהלות וועלען בעצאָהלען. ער איז דעריבער געצוואונגען גע־ווען צו פערלאָזען דאָס לאַנד און אין יאָהר 1302 איז ער אַרויס מיט זיין גאַנצער פאַמיליע און האָט אָנגעהויבען וואַנדערן פון שטאָדט צו שטאָדט און פון לאַנד צו לאַנד, ביז ער איז אָנגעקומען קיין סאַוואָי. די דאָרטיגע יודישע קהלה האָט איהם געוואָלט אויפנעהמען אַלס רב. אָבער דער רא"ש האָט דערהערט, אַז דער הערצאָג פון סאַוואָי קאָן איהם אַרעסטירען און אַרויס־געבען דעם דייטשען קיסר, וועלכער איז געווען זיינער אַ גוטער פריינד; מחמת־דעם האָט ער זיך אויפגעהויבען און איז אַוועק קיין מאָנפעליע אין דרום־פראַנקרייך. אָבער אויך דאָרט האָט ער נישט געוואָלט פערבלייבען צוליב דעם פרייען גייסט, וואָס ס'האָט דאָרט געהערשט — און ער איז דעריבער אַוועק צו דער בעריהמטער יודישער שטאָדט טאָלעדאָ אין שפּאַ־ניען, וואו ער איז באַלד אויפגענומען געוואָרען אַלס רב. דאָס איז געווען אין יאָהר 1305.

אין דעמדאָזיגען נייעם לאַנד, אין דעם שפּאַנישען לאַנד, איז עס געווען, וואו עס האָט געווירקט און געשאַפען נישט ב.ויז דער רא"ש, נאָר

אויך זיין גרויסער זוהן, דער בעל־הטורים, וועלכער האָט אויסגעאיבט אַ געוואַלדיגען איינפלוס אויפ׳ן יודענטום.

ב.

די קאָדיפיקאַציע פון הלכות און דער פירוש אויף תורה.

זעהר שווער איז געווען דעם רא״ש און שווער איז אויך געווען זיין זוהן ר׳ יעקב, וועלכער איז געווען פולשטענדיג עהנליך צו איהם אין זיינע אַנשויאונגען, צו אָטעמען מיט דער שפּאַנישער לופט. אַלס דייטשע יודען, וועלכע זענען שטענדיג געגאַנגען אויף אַ גראַדער ליניע און האָבען זיך קיינמאָל נישט געוואָלט אַריינלאָזען אין וויסענשאַפטליכע און פילאָזאָפישע גריבלענישען, איז זיי דער גאַנצער יודיש־שפּאַנישער גייסט, דער סינטעז פון תורה מיט וועלטליכער חכמה, געווען לחלוטין פרעמד. סיי דער רא״ש און סיי ר׳ יעקב האָבען נישט געקאָנט פערשטעהן, אַז אַזעלכע גרויסע תּלמידי־חכמים, וועלכע פראָוואַנס און שפּאַניען האָבען געהאַט, אַזעלכע צדיקים, יראים ושלמים זאָלען זיך אַריינלאָזען אין פילאָזאָפיע. זיי האָבען לחלוטין נישט געקאָנט בעגרייפען, צו־וואָס מען דאַרף עס, צו־וואָס מען דאַרף די גאַנצע חקירה און פילאָזאָפיע, נאָכדעם ווי מיר האָבען אַ תורת־משה, מיט אַ תלמוד, מיט תלמוד׳ישע ספרים, וועלכע זענען דער עיקר און דער יסוד פונ׳ם יודענטום און וועלכע זענען פולל אַלע חכמות אין דער וועלט!... ספּעציעל דער רא״ש איז געווען פשוט אויפגעבראַכט, ווען ער האָט געהערט, ווי מען בעגרינדעט און מען מאָטיווירט געוויסע דינים און געוויסע פסקים על־פּי שכל, על־פּי לאָגיק. עס איז פאַרהאַן ביי יודען אַ תורה — און אַז מען וויל ברענגען ראַיות צו אַ דין, איז ב״ה פאַרהאַן אַ משנה, אַ תלמוד בבלי און אַ תלמוד ירושלמי. די חכמת הפילאָזאָפיע און די חכמת התורה זענען ווייט איינע פון דער אַנדערער. יודען גלויבען אין טראַדיציע, — מעגען אַפילו אַ סך ערשיינונגען אויסקוקען אונגאַטירליך און אונלאָגיש. דער רא״ש איז מיט זיין שנאה צו די חכמות חיצוניות געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט אַפילו אין תורה זיך נישט געוואָלט סומך זיין אויף די חכמים פון שפּאַניען און פראָוואַנס. עס איז דעריבער פערשטענדליך, אַז אַזעלכע מענשען ווי דער רא״ש און זיין זוהן ר׳ יעקב, וועלכע זענען גע־ווען אַזעלכע שאַרפע אויסגעשפּראָכענע געגנער פון וועלטליכער וויסענשאַפט און חקירה, האָבען געמוזט אויסאיבען אַנ׳איינפלוס אויף די שפּאַנישע יודען און בכלל אויף די יודען פון יענער צייט, אַז מען זאָל קוקען אויף אַלגע־מיינער בילדונג ווי אויף אַנ׳איבריגער און שעדליכער זאַך.

ר׳ יעקב, דער עלטסטער זוהן פון רא״ש, איז געווען איינער פון די איינפלוסרייכסטע און אָריגינעלסטע תלמידי־חכמים נישט בלויז אין זיין איי־גענער צייט, נאָר אויך אין אַלע איבריגע צייטען. ער האָט זיין גאַנץ לע־

בען געלערנט תּורה. ער האָט דאָס גאַנצע לעבען זיך פערטיעפט אין ים־התלמוד. זיין וועלט איז געווען די וועלט פון תּורה, די וועלט פון הלכה, און קיין אַנדער זאַך האָט פאַר איהם נישט עקזיסטירט. זייענדיג פון געבורט אַ זשעני און זייענדיג ערצויגען אין אַזאַ לומד'ישען הויז, איז דאָך זעלבסט-פערשטענדליך, אַז ר' יעקב איז געווען אַ מורא'דיגער בקי אין תּלמוד און אין דער גאַנצער תּלמוד'ישער ליטעראַטור און היימיש אין אַלע חדרים פון הלכה. דאָך זענען עס נאָך נישט געווען בלויז דידאָזיגע קוואַליטעטען, וואָס האָבען איהם בעריהמט-געמאַכט אויף דער וועלט: פעראייביגט האָבען איהם זיינע שאַפונגען.

ר' יעקב בן אָשר האָט פערמאָגט אַ גרויסען שעפערישען זשעני און וואונדערבאַרען סיסטעמאַטישען מוח. ער איז געווען נישט בלויז אַ גרויסער מייסטער אין תּורה, נאָר אויך אַ גרויסער שעפער. ער האָט געשאַפען אַ סך און עטוואָס גרויסעס. ער האָט געשאַפען אַ ווערק, וואָס איז לויט זיין פערנעהם, לויט זיין פאָרם אין אינהאַלט געוואָרען איינס פון די מאָנומענ-טאַלסטע ווערק אין דער יודישער הלכה'שער ליטעראַטור און דער הויפּט-וועגווייזער פונ'ם יודישען רעליגיעזען לעבען. דאָס איז געווען דער בע-ריהמטער יורידישער קאָדעקס, וואָס איז איינגעטיילט געוואָרען אין פיער טורים: „טור אורח־חיים", וועלכער האָט אַריינגענומען אַלע פערשידענע דינים, וואָס האָבען אַ שייכות מיט דעם טאָג-טעגליכען לעבענסשטייגער פון יודען אינמיטען דער וואָך, אום שבת, אום יום־טוב, אין הויז און אין שוהל; „טור יורה דעה", וועלכער בעשעפטיגט זיך מיט אַלע דינים, וואָס האָבען אַ שייכות צו איסור והיתר; „טור אבן העזר", וועלכער ענטהאַלט אַלע דינים פון פאַמיליען-לעבען, פון כתובות, קדושין און גטין; און „טור חושן משפט", וועלכער נעהמט-אַרום אַלע ציווילע רעכט.

עס איז געוועהנליך אָנגענומען, אַז דער צוועק צו שאַפען אָט דעם גראַנדיעזען יורידישען קאָדעקס איז געווען דערזעלביגער, אָדער כמעט דער-זעלביגער, ווי ביים רמב"ם מיט זיין „משנה־תורה", וואָס איז געווען נישט בלויז אַ מייסטערווערק מיט זיין וואונדערבאַרער קאָנסטרוקציע און טיעפען אינערליכען גייסט, נאָר אויך אַ מוסטער אויף דעמדאָזיגען געביעט. עס הייסט, אַז אַזוי ווי עס איז שוין שווער געווען פאַר פיעל רבנים זיך צו פערטיעפען און זיין בעהאַוועגט אין דעם גאַנצען תּלמוד'ישען הלכה'שען מאַטעריאַל און אַרויסצובעקומען פון דאָרט דעם קלאָרען אָבגעשליפענעם פסק-דין, האָט דער רמב"ם, אויסמיידענדיג דעם גאַנצען פערוויקעלטען משא־ומתּן, געשאַפען זיין „משנה־תורה" און אַרויסגעגעבען דעם ריינעם עקסטראַקט פון דער הלכה. ער האָט געגעבען דעם ענדגילטיגען פסק־דין.

באמת האָט דער רמב"ם זיין צוועק נישט אינגאַנצען דערגרייכט. נאַ-טירליך, זיין ווערק איז געבליבען שטאַרק ווי אַ פעלז און וועט שטענדיג זיין אַ קוואַל פון תּורה און הלכה; ער האָט אָבער דעם סדר־העולם נישט געקאָנט איבערמאַכען. דער שעפערישער מענשליכער מוח איז נישט צופרידען

מיט פיקסירטע זאַכען. דאָס איז פשוט געגען דער מענשליכער נאַטור. דער מענש וויל אַלץ וויסען, אַלץ דערגעהן; דער מענש וויל פאָרשען, וויל שאַפען נייעס. דאָס איז, אַזוי צו זאָגען, די אייגנגעבוירענע אונצופרידענהייט אינ'ם מענשען, וואָס שאַפט נייעס, וואָס איז מחדש חידושים, וואָס ענדערט די וועלט, וואָס שאַפט דעם פאָרטשריט. אויסערדעם איז די תורה אַליין אַ מיסטעריעזע וועלט פאַר זיך, אַזוי, אַז וויפיעל מען זאָל זי פאָרשען, וויפיעל מען זאָל זיך גריבלען אין איהר און וויפיעל מען זאָל ענטדעקען אין איהר, בלייבט נאָך אַלץ געגוג פלאַץ פאַר ווייטערדיגע, אונאויפהערליכע פאָרשונגען.

די גאונים און תלמידי־חכמים, וואָס זענען געקומען נ אָ כ ׳ ן רמב״ם, זענען לכתחילה נישט געווען שטאַרק צופרידען פונ׳ם „משנה־תורה״. זיי האָבען זיך געשראָקען, אַז אָט די קאָדעקסען, אָט די סיסטעמאַטיזירטע פיקסירטע געזעצען קאָנען ברענגען דערצו, אַז מען וועט אויפהערען צו לערנען גמרא און מען וועט יוצא זיין נאָר מיט׳ן רמב״ם׳ס חיבור. חוץ־דעם האָבען זיי בכלל נישט מסכים געווען מיט פיעל פון זיינע פסקים. מהאי טעמא האָט דער „משנה־תורה״ פון רמב״ם נישט געקאָנט בלייבען אַ פולקאָמענער, אָבגעשלאָסענער קאָדעקס, וואו מען דאַרף בלויז אַריינקוקען און פסק׳ענען. די שפּעטערדיגע גאונים און רבנים האָבען אויף איהם אַליין געשאַפען נייע פירושים און אויך נייע דינים, וועלכע זענען געווען אַנדערש ווי דעם רמב״ם׳ס. עס האָט זיך ווידער פונאַנדערגעפלאַקערט דער פלפול, דער שקלא־וטריא, און מיט דער צייט האָט זיך דערוייל אָנגעקליבען אַזאַ גרויסער מאַטעריאַל מיט פערשידענע פסקי־דינים, אַז ס׳איז שוין ווידער שווער געוואָרען אַפילו פאַר גרויסע רבנים צו געדענקען אַלע פערשידענע סברות און אַלערליי סתירות און אָבפּרעגענישען אין די פסקי־הלכות. עס איז דעריבער ווידער שווער געוואָרען פאַר די רבנים צו וויסען, אויף וועמען זיך סומך צו זיין, וואו עס געפינט זיך דער אמת׳ער פסק פון דער הלכה.

דאַן האָט ר׳ יעקב בן אָשר, וועלכער איז געווען קלאָר בכל הדרי התורה, געפונען פאַר נויטיג צו שאַפען זיינע בעריהמטע „טורים״, דורך וועלכע ער איז בעקאַנט געוואָרען אין דער וועלט אַלס „ב ע ל ה ט ו ר י ם״. עס איז פאַרהאַן אַ מיינונג, אַז זיין צוועק איז נישט געווען אָבצושליסען דעם משא־ומתן און צו געבען די הלכה אין איהר אָבגעשליפענער פאָרם, נאָר אַז זיין צוועק איז געווען בלויז צונויפצוזאַמלען אַלע סברות און דעות פון אַלע גדולי־התורה וועגען די בעטרעפענדע הלכות, ווי אויך דינים פון בעלי־קבלה, און געבען די רבנים פולע פרייהייט זיך סומך צו זיין אויף יענע חכמים, וועמענס סברות עס וועלען זיי בעסער געפעלען. דאָך איז אָנצונעהמען, אַז זיין הויפּט־צוועק איז געווען די קאָדיפיקאַציע, דער ענדגילטיגער פסק־דין און די סיסטעמאַטיזאַציע, כדי דער רב זאָל לייכטער קאָנען געפינען דעם דין און דעם פסק־דין.

עס איז אויגענבליקליך נישט וויכטיג צו בעשטימען די פערהעלטניס פון די „טורים״ צום „משנה־תורה״. זיי זענען ביידע פון בעזונדערער קאָנס־טרוקציע, פון בעזונדערען סטיל און שפראַך, פון בעזונדערער פאָרם און אינהאַלט. דער פאַקט איז אָבער, אַז די „טורים״ זענען געווען פון גרויסער שעפערישער קראַפט און וויכטיגקייט, און די רבנים און גדולי־התורה האָבען שפעטער געמאַכט די „טורים״ אַלס וועג־ווייזער אינ׳ם יודישען רעליגיעזען לעבען. אַ סך חכמים האָבען געהאַלטען די „טורים״ נוצליכער פאַר׳ן רמב״ם׳ס „משנה־תורה״, ווייל אין זיי זענען שוין געווען אַריין אויך די דעות פון אַלע אחרונים. יעדענפאַלס האָבען די „טורים״ געהאַט דעמזעלבען מזל ווי דער „משנה־תורה״: עס זענען אויך אויף זיי אָנגעשריבען געוואָרען פיעל בייעי פירושים, עס האָבען זיך אָנגעהויבען נייע שקלא־וטריא׳ס, עס האָבען זיך אָנגעהויבען נייע פלפולים, — דאָס, אייגענטליך, וואָס מען האָט געוואָלט אויסמיידען...

דער שעפער פון די „טורים״ האָט זיך אָבער נישט בענוגענט בלויז מיט דער אינטערפרעטירונג און קאָדיפיצירונג פון די הלכות. ער, דער בעל־הטורים, האָט געמאַכט אינטערפרעטאַציעס אויך אויף דער תורה. זיי האָבען שוין אָבער נישט פערמאָגט דעם גלאַנץ און די טיעפקייט פון די שפאַנישע און צפון־פראַנצויזישע מפרשים. זיין פירוש אויף דער תורה האָט ער גע־מאַכט הויפטזעכליך לויט׳ן רמב״ן און, אָפטמאָל, אויך לויט רש״י. ער האָט אינטערפרעטירט די תורה מיט קבלה און מיט מדרש. ער איז אָבער גע־גאַנגען נאָך ווייטער און האָט געזוכט צו פערטייטשען די גאַנצע תורה מיט דער הילף פון נוטריקון, גימטריאות און רמזים. אייגענטליך איז דאָסדאָזיגע סיסטעם פון אינטערפרעטירען די תורה נישט קיין נייעס; מ׳געפינט עס נאָך אויך אין די ל״ב מדות פון ר׳ אליעזר בן ר׳ יוסי הגלילי. גאַנץ אָפט גע־ברויכט די תורה אַליין אַזאַ מין מעטאָדע: „וקראת שמו ישמעאל — כי שמע ה׳ אל־עניך״ (בראשית ט״ז, י״א); „והיה שמך אברהם — כי אב־המון גוים נתתיך״ (בראשית י״ז, ה׳); „ירובעל— לאמר: ירב בו הבעל״ (שופטים ו׳, ל״ב). אויך די חז״ל האָבען זיך בענוצט מיט דעם סיסטעם אויסצוטיי־טושען די תורה: „למה נקרא שמו ירדן — שיורד עד דן״; אברך הייסט „אב בחכמה ורך בשנים״; „למה נקרא שמו אמרפל — שאמר לאברהם פול״ וכו׳; בצלאל בעשטעהט פון צוויי ווערטער — „בצל אל״. די חז״ל בענוצען זיך מיט דעמדאָזיגען סיסטעם אפילו אין הלכה: „וכתבתם — שתהא כתיבה תמה״; „וקשרתם—קשירה תמה״. וואָס אָנבעלאַנגט דער קבלה, איז זי דאָך פול מיט די נוטריקון׳ס און גימטריאות. באמת האַלט דער בעל־הטורים אַליין, אַז די נוטריקון׳ס און גימטריאות גיבען נישט איבער דעם ריכ־טיגען פשט פון פסוק, אַז זיי זענען נישט די אמת׳ע פירושים. ער בע־נוצט זיך אָבער מיט זיי, ווי ער אַליין זאָגט, „כדי להמשיך את הלב״, כדי צו מאַכען די אינטערפרעטאַציע אָנציהענד. און טאַקע דערפאַר איז ער געוואָרען אַזוי פאָפולער ביי יודען. אַז מען האָט שוין געוואוסט דעם אמת׳ען

פשט פון פסוק, האָט מען ערשט געוואָלט אַריינקוקן אין „בעל־הטורים", צו זעהן, וואָס פאַר אַ פירוש ער גיט און וואָס פאַר אַ שׁען וואָרט-שפּיעל ער ברענגט אַרויס.

זיין לעבען איז געווען רייך אין שאַפונגען, אָבער פול מיט פיין און ליידען. ער איז געווען כל־ימיו אַ שוואַכער און אַ קראַנקער מענש און דערצו אויך אַ גרויסער אָרימאַן. דער פאָטער זיינער, דער רא"ש, איז געווען זעהר רייך, אָבער ביסלעכווייז האָט ער זיין געלד פערלוירען און האָט געמוזט לעבען בלויז פון זיין רבנות. דער בעל־הטורים אָבער איז שטענדיג געווען אַנ'אָרימאַן. מיט צוועלף יאָהר שפּעטער ווי ער איז געווען אָנגעקומען קיין שפּאַניען, אין יאָהר 1317, האָט איהם דער רא"ש בעשטימט אַלס גזבר איבער דער צדקה צו פערטיילען אָרימעלייט — און אַפנים, אַז דאָס איז געווען דער הויפּט-קוואַל פון זיין הכנסה. ווען דער פאָטער איז, אין יאָהר 1328, געשטאָרבען, האָט זיין שטעלע אַלס רב אין טאָלעדאָ פערנומען נישט דער בעל־הטורים, נאָר זיין ברודער ר' יהודה, וועלכער איז אויך געווען אַ גרויסער גאון און צדיק. איהם, דעם בעל־הטורים, איז כסדר אויסגעקומען צו ליידען נויט. ער איז געוואָרען אַלץ שוואַכער און קראַנקער און איז אין יאָהר 1340 געשטאָרבען. ער האָט אָבער איבערגעלאָזט גרויסע, מאָנומענטאַלע ווערק, וואָס האָבען פעראייביגט זיין נאָמען אויף דורות און אויסגעאיבט אַ געוואַלדיגען איינפלוס אויפ'ן יודישען רעליגיעזען לעבען אין דער וועלט.

ר׳ יצחק אַבּוהב –

„דער לעצטער גאון פון קאַסטיליען".

דער קעניג יאָהאַן דער צווייטער פון פּאָרטוגאַל, וועלכער האָט געהערשט אין דער צייט פון גירוש שפּאַניען, האָט געהאַט געזאָגט, אַז צוויי אויגען זענען פאַרהאַן אין זיין לאַנד, וואָס זענען פאַר איהם מעהר ווערט ווי אַלע זיינע אוצרות פון דער מלוכה: איינס איז דאָס אויג פון פּאָרטוגעזישען אָדלער, און דאָס צווייטע איז דאָס אויג פון יצחק אַבּוהב. (ר׳ יצחק אַבּוהב האָט געהאַט בּלויז איין אויג.)

ווען אַ פּאָרטוגעזישער קעניג האָט אין אַזאַ אויסערגעוועהנליך בּיטערער צייט פאַר יודען זיך געקאָנט ערלויבען אויסצודריקען עפענטליך מיט אַזאַ געוואַלדיגען רעספּעקט פאַר אַ יוד, קאָן מען שוין דערפון אַליין אַרויסדרינגען, ווי גרויס און בּעדייטענד דידאָזיגע פּערזאָן איז געוועזן. עס מעג טאַקע זיין, אַז דערדאָזיגער קעניג איז געוועזן אַ פיעל בּעסערער מענש ווי זיינע איבּריגע פּאָרטוגעזישע און שפּאַנישע חברים־קיסרים, געוועזן פרייער אַבּיסעל פון רעליגיעזע פּאָראורטיילען און האָט געשאַצט אַ מענשען לויט זיינע פעהיגקייטען און זיינע אויפטהואונגען; אָבּער בּכלל־גענומען זענען אַפילו די גוטע מלכים אויך נישט געוועזן אַזוי פערשווענדעריש מיט כּיבּודים און קאָמפּלימענטען פאַר אַ יוד.

ס׳פערשטעהט זיך, אַז דערדאָזיגער שבח איז אַרויסגעזאָגט געוואָרען אויפ׳ן גרונד פון אַבּוהב׳ס אַלגעמיינער חכמה און בּילדונג, פון וואָס דער קעניג האָט געהאַט אַ פּערזענליכען פערגעניגען און אויך נוצען פאַר זיין מלוכה.

ר׳ יצחק אַבּוהב איז אָבּער געווען גרויס נישט בּלויז אין אַלגעמיינער חכמה, נאָר אויך אין תורה. די גאַנצע אַבּוהב־פאַמיליע איז געווען אויסגעקאַנטען פון תורה און געלעהרזאַמקייט. די אַבּוהב־פאַמיליע איז געווען אַ בּעוואוסטע און אַ פיעלפערצווייגטע אין שפּאַניען און שפּעטער אויך אין

אייראָפּאַ, אַפריקאַ, אַזיען און דרום-אַמעריקאַ. זי האָט געהאַט אַרויסגעגעבען
גרויסע פּערזענליכקייטען, וועלכע האָבען געשפּיעלט אַ בעדייטענדע ראָלע
אין יודישען לעבען. דער עלטסטער פון דער פאַמיליע איז געווען אַברהם
אַבוהב אין אַראַגאָן, וועלכער איז געווען אַ גרויסער חשוב ביים קעניג
יַאקאָב און פאַר זיינע לייסטונגען לטובת דער מלוכה האָט איהם דער קעניג
אָוועקגעשענקט אַ גרויסען מאַיאָנטעק מיט פּאַלאַצען. אַ צווייטער אַבוהב
איז געווען רב אין ווענעציאַ, און אַ סך תשובות פון איהם ווערען דער-
מאָהנט אין „פחד יצחק". איינער אַ יצחק אַבוהב איז אין אָנהויב פון זי-
בעצעהנטען יאָהרהונדערט אַוועקגעפאָהרען קיין בראַזיליען, וועלכע איז דאַן
געווען אַ האָלענדישע קאָלאָניע; און ווען די האָלענדער האָבען זי פער-
לוירען, איז ער צוריק אַוועק קיין אַמסטערדאַם, וואו ער האָט שטאַרק גע-
קעמפט פאַר'ן אָרטאָדאָקסישען יודענטום און האָט אָנטיילגענומען אינ'ם חרם
געגען דעם בעריהמטען יודישען פילאָזאָף ברוך שפּינאָזאַ. די אַבוהב'ס האָ-
בען בייגעטראָגען ווערטפולע שאַפונגען פאַר'ן יודענטום.

ר' יצחק אַבוהב איז געבוירען געוואָרען אין שפּאַניען אין יאָהר
1430. ער האָט, אַפּנים, געשטאַמט פון טאָלעדאָ, דען נאָך אין די יונגע
יאָהרען האָט ער געלערענט ביים רב פון טאָלעדאָ ר' יצחק קאַמפּאַנטאָן
וועלכער איז בעוואוסט געווען פאַר אַ גרויסען גאון. עס שיינט, אַז ר'
יצחק אַבוהב האָט זיך געמוזט געגווג אָנזעטיגען מיט תורה, וויבאַלד ער
האָט געקאָנט, נאָכ'ן טויט פון זיין בעריהמטען רבי'ן, פערנעהמען די שטע-
לע פון רבנות איז אַזאַ בעדייטענדער יודישער קהלה ווי טאָלעדאָ.

ר' יצחק אַבוהב האָט זיך מיט זיין רבנות אַליין נישט בענוגענט. ער
האָט אויך געהאַט אַ ישיבה, אין וועלכער עס האָבען געלערענט פיעל בע-
דייטענדע קעפּ און פון וועלכער עס זענען געווען אַרויס בעריהמטע תלמידי-
חכמים און געלעהרטע. איינער פון זיינע תלמידים איז געווען אַברהם זכותא,
דער מחבר פון „ספר היוחסין". דערדאָזיגער אַברהם זכותא איז געווען
איינער פון די בעדייטענדסטע אַסטראָנאָמען און מאַטעמאַטיקער פון זיין
צייט און ער איז עס געווען דער-יעניגער, וועלכער האָט אויסגעאַרבייט די
בעריהמטע אַסטראָנאָמישע טאַבעלען, וועלכע קאָלומבוס, זיינער אַ פריינד,
האָט שטענדיג געהאַלטען ביי זיך אין קעשענע און זיי האָבען איהם געהאָלפען
אויף זיינע ים-רייזעס און אויך צו דער ענטדעקונג פון דער נייער וועלט.

אַרום דעם יאָהר 1487 איז צו ר' יצחק אַבוהב געקומען דער בע-
ריהמטער יודישער תלמיד-חכם און מלוכה-מאַן דאָן יצחק אַברבנאל. זיי זע-
נען צווישען זיך געוואָרען גרויסע ידידים אין זייערע פריידען און שפּעטער
אויך אין זייערע ליידען, אין די ליידען פון זייערע ברידער, פון די שפּאַנישע
יודען. דאָן יצחק אַברבנאל האָט אויך גענאָסען פיעל תורה אין דער ישיבה
פון ר' יצחק אַבוהב. ר' יצחק אַבוהב'ס נאָמען איז געוואָרען בעריהמט אין דער
יודישער וועלט. ר' יוסף קאַרו, דער מחבר פון „שולחן ערוך" און „בית
יוסף", וועלכער איז אויך געווען אַ טאָלעדאָ'ער, נאָר איז נאָך געווען

צו־יונג צו קענען פערזענליך דעם רב און ראש־הישיבה, רופט־אָן ר׳ יצחק׳ן אין „שולחן ערוך אורח־חיים״ ווי אויך אין „בית יוסף״: ר ב נ ו ה ג ד ו ל. מאַנכע רבנים האָבען איהם בעטיטעלט אַלס „דער לעצטער גאון פון קאַסטיליען״ — הגם עס זענען פאַרהאַן אַנדערע, וואָס האַלטען, אַז דעמדאָזיגען טיטעל האָט מען גאָר אייגענטליך געגעבען זיין רבי׳ן ר׳ יצחק קאַמפּאַנטאָן. יעדענפאַלס איז ר׳ יוסף קאַרו אין דערדאָזיגער הינזיכט אַ גאַנץ גוטער בר־סמכא — און אויב ער האָט זיך געקאָנט פערגינען צו שרייבען אויף איהם „רבנו הגדול״, האָט עס עפּעס געמיינט.

אויסער זיין גרויסער טעטיגקייט, אַלס ראש־הישיבה, צו פערשפּרייטען תורה צווישען יודען, האָט ר׳ יצחק אַבוהב אויך געשאַפען פיעל חידושים אויפ׳ן „טור אורח־חיים״ און „יורה דעה״ פון ר׳ יעקב בן אָשר. ער האָט געמאַכט אַ פּירוש אויף מסכת ביצה און געשריבען אַ סך תשובות אויף די שאַלות, וואָס זענען צו איהם אָנגעקומען פון די גדולי הדור. ער האָט אויך געשאַפען אַ ספר פון דרשות אויף דער תורה און אויף מדרש אונטער׳ן נאָמען „נהר פּישון״, אַ פּירוש אויף רש״י פון דער תורה, וועלכער איז נישט געדרוקט געוואָרען, ווי אויך אַ פּירוש אויפ׳ן רמב״ן אויף דער תורה. בנוגע די אַלע שאַפונגען פון ר׳ יצחק אַבוהב זענען קיין שום שטרייטען נישט פאַרהאַן. דאָס זענען זיינע. אַ גרויסע מחלוקת הערשט אָבער מכח דעם בעליעבטען און פּאָפּולערען ספר ביי יודען — סיי אין די מיטעל־אַלטערליכע און סיי די לעצטע יאָהרען ביז אונז — דעם „מנורת המאור״.

אמאָליגע יאָהרען איז גאָר לגמרי קיין שום ספק נישט געווען, אַז דער יצחק אַבוהב, וועלכער האָט געשאַפען דעם „מנורת המאור״, איז נישט קיין אַנדערער ווי אונזער קאַסטיליאַנער ר׳ יצחק אַבוהב. דאָס זעהט מען פון אַלע הקדמות, וואָס זענען ערשינען אין פערשידענע צייטען אויף דעמדאָזיגען בעליעבטען ספר ביי יודען. אומעטום דערמאָהנען זיי איהם, דעם מחבר פון „מנורת המאור״, אַלס איינעם פון די גולי־ספרד און מען לעגט נאָך צו, אַז ער איז געווען „דער לעצטער גאון פון קאַסטיליען״, דער תלמיד פון ר׳ יצחק קאַמפּאַנטאָן און רבי פון אַברהם זכותא. עס הייסט, אַז ס׳איז גאָר קיינעם נישט איינגעפאַלען צו מיינען, אַז עס האָט געקאָנט זיין אַן׳אַנדער מחבר פון דעם „מנורת המאור״. מיט דער צייט אָבער האָט זיך די מיינונג געענדערט.

די יודישע פאָרשער, וועלכע האָבען זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט דעמדאָזיגען פּאָפּולערען ספר, האָבען גענומען צווייפלען אין דער אָנגענומענער מיינונג און האָבען פּרובירט ערקלערען, אַז דער „מנורת המאור״ איז נישט געשאַפען געוואָרען פון קאַסטיליאַנישען ר׳ יצחק אַבוהב, נאָר פון אַן׳אַנדערען, פון אַ פריהערדיגען ר׳ יצחק אַבוהב. צווישען די אַלע ראַיות, וועלכע פּרובירען בעווייזען דעם היפוך פון דער אַלטער מיינונג, ברענגט מען אויך דאָס, וואָס ר׳ אַברהם זכותא, רעדענדיג וועגען דעמדאָזיגען ספר, דערמאָהנט איהם בלויז אַלס „מנורת המאור לר׳ יצחק אַבוהב״. וויל מען

דערפון אויסטייטשען, אז אויב דער ספר וואָלט געווען פון ר׳ יצחק אבוהב זיין רבי׳ן, וואָלט ער איהם אַנדערש גענאַנט, ער וואָלט איהם געגעבען אַ גרעסערן טיטעל, אַזוי ווי עס פּאַסט פאַר אַ גרויסען רבי׳ן.

עס איז אַזוי-אַרום נאָר גענוג געווען אריינצוואַרפען דעם ערשטען ספק — און ס׳האָט זיך אָנגעהויבען אַ שטודיום, אַ פאָרשונג און גריבלעניש מכח די צוויי אבוהב׳ס און מכח דעם, ווער עס איז געווען דער אמת׳ער שעפער פונ׳ם „מנורת המאור״. ס׳איז פאַרהאַן אַ סברה, אַז דער עלטערער ר׳ יצחק אבוהב, וועלכער זאָל זיין דער אמת׳ער מחבר פון „מנורת המאור״, האָט גאָר נישט געלעבט אין שפּאַניען, נאָר אין פראַנקרייך. דאָס פּרובירט מען בעווייזען פונ׳ם טעקסט גופא. מען ווייזט-אָן אויף די פראַנצויזישע מנהגים און דעם פראַנצויזישען אָרט לעבען, וואָס ווערען דערמאָהנט אין ספר. לויט אָט דער סברה, האָט דערדאָזיגער ר׳ יצחק אבוהב געמוזט לעבען אין דער צווייטער העלפט פון פיערצעהנטען יאָהרהונדערט אין פּאַריז, וועלכע איז געווען אַ צענטער פון יודענטום און וואו יודען האָבען געלעבט רוהיג אונטער דער הערשאַפט פון שאַרל דעם פינפטען. וויבאַלד ר׳ יצחק אבוהב שרייבט אין זיין ספר: „אבל עתה שעושים בני אדם כל ימיהם כחגים ושותים לשובע כל היום״ — איז עס אַ סימן, אַז אַזאַ גוטע לאַגע האָט נישט געקאָנט זיין אין שפּאַניען אָדער דייטשלאַנד, וואו יודען האָבען געהאַט גרויסע צרות, נאָר אין פראַנקרייך. דערדאָזיגער ר׳ יצחק אבוהב האָט זיך מיט הלכה-ענינים נישט אָבגעגעבען. אַזוי ווי ער האָט געזעהן, אַז די יודישקייט ווערט שוואַכער און האַלט ביים אונטערגעהן, האָט ער זיך גענומען און אָנגעשריבען דעמדאָזיגען מוסר-ספר „מנורת המאור״.

דערמיט אָבער האָט זיך די פאָרשונג נאָך נישט אויסגעשעפּט. לעצטענס איז ענטשטאַנען אַ מיינונג, אַז דער אמת׳ער אָריגינעלער מחבר פון דעם ספר איז נישט יצחק אבוהב דער ערשטער און נישט ר׳ יצחק אבוהב דער צווייטער, נאָר דאָס איז געווען די שאַפונג פון ר׳ ישראל אַלנאַקאַוואַה, וועלכער האָט געלעבט נאָכ׳ן רא״ש און נאָכ׳ן בעל-הטורים און איז אומגעקומען אויף קידוש-השם אין יאָהר 1391, ווען עס זענען אין שפּאַניען אומגעקומען איבער הונדערט טויזענד יודען. ער און נישט קיין אַנדערער האָט געמאַכט אָט דעמדאָזיגען ספר, וועלכער איז מיט דער צייט פערפאַלען געוואָרען, אָבער שפּעטער האָט איהם איינער פון די אבוהב׳ס, וואַהרשיינליך אבוהב דער ערשטער, אויסגענוצט און נאָכגעמאַכט אַנ׳אַנדער „מנורת-המאור״, וועלכער איז געוואָרען דער פּאָפּולערסטער ספר ביי יודען. ר׳ ישראל׳ס „מנורת המאור״ איז געלעגען די גאַנצע צייט אין אָקספאָרד-ביבליאָטעק און איז ערשט איצט אַרויסגעגעבען געוואָרען. לויט דער דעה, איז קיין גרויסע נפקא-מינה נישט, ווער עס האָט דעם ספר נאָכגעמאַכט — דער ערשטער אבוהב, אָדער דער צווייטער. דער עיקר איז איצט צו בעווייזען, אַז עס איז געווען פריהער אַנ׳אָריגינעלער „מנורת המאור״, פון וועלכען דער שפּעטער-

דיגער קאָמפּילאַטאָר האָט גענומען וואָס ער האָט געוואָלט, אַפילו גאַנצע קאַפּיטלען מיט דיזעלבע ווערטער, און אַפילו דעם נאָמען פון ספר גופא.

איבריגענס, צי דער „מנורת המאור" איז די שאַפונג פון דעם קאַס- טיליאַנער ר' יצחק אַבוהב, צי נישט, — ווערטפולע בייטראַגען האָט ר' יצחק אַבוהב זיכער געמאַכט, סיי דורך זיין גרויסער ישיבה און סיי דורך די דירעקטע און אינדירעקטע פירושים אויף דער תורה און אויף הלכה. אויסערדעם האָט ער הונדערט טויזענד יודען געראַטעוועט פון אַ גרויס אומ- גליק. עס איז דאַן אָנגעקומען די גרויסע טראַגעדיע פון יודישען פאָלק — דער גירוש שפּאַניען. דאָס טרויעריג-בעריהמטע קעניגליכע פּאָרל פּערדינאַנד און איזאַבעלאַ האָבען דעם 31-טען מערץ 1492 אַרויסגעגעבען זייער דע- קרעט אַרויסצוטרייבען די יודען פון שפּאַניען — אַ זאַך, אויף וואָס אַפילו דער פּויפּסט אין רוים האָט נישט געוואָלט איינגעהן. איז דער אַלטער, קראַנקער און בלינדער אויף איין אויג, ר' יצחק אַבוהב דאַן אַוועק מיט דרייסיג פאָרשטעהער פון די יודישע קהלות אין שפּאַניען צום פּאָרטוגעזי- שען קעניג יאָהאַן דעם צווייטען און איהם געבעטען, ער זאָל ערלויבען אַ געוויסען טייל פון די אַרויסגעטריבענע צו בלייבען אין פּאָרטוגאַל, און אַ צווייטען טייל דורכלאָזען דורך זיין לאַנד אויף זייער נסיעה אין די ווייי- טערדיגע לענדער. ר' יצחק אַבוהב האָט דאַן געשלאָסען מיט'ן קעניג אַ גינסטיגען אָבמאַך, און אַזוי-אַרום זענען די אַרויסגעטריבענע יודען געראַ- טעוועט געוואָרען פון'ם גרויסען אונגליק.

ר' יצחק אַבוהב האָט זיך געהאַט בעזעצט אין אָפּאָרטאָ און ער איז שטאַרק רעספּעקטירט געוואָרען פון דער גאַנצער בעפעלקערונג און בעזונ- דערס פון קעניג. ער האָט אָבער דאָרט לאַנג נישט געלעבט. אין אַ האַלב יאָהר אַרום נאָכ'ן גירוש איז ער געשטאָרבען. זיין בעריהמטער תלמיד אַברהם זכותא, וועלכער האָט דאַן אויך אויסגעוואַנדערט מיט זיין רבי'ן קיין פּאָרטוגאַל, האָט געמאַכט דעם הספד אויף זיין קבר.

ר' יצחק אַבוהב האָט געהאַט איין זוהן, ר' יעקב, און ער איז עס געווען דער שטאַם-פאָטער פון די אַלע אַבוהב'ס, וואָס האָבען זיך שפּעטער פערשפּרייט איבער גאַנץ אייראָפּא.

דאָן יצחק אַבּרבּנאל.

א.

די ירידה פון דער שפּאַניש-יודישער קולטור.

עס איז נאָך אין דער יודישער געשיכטע נישט געווען אַזאַ צווייטער עהנליכער פערשידענאַרטיגער, בריליאַנטענער און אונאויפהערליך שעפערישער פעריאָד, ווי דער פינפהונדערט-יאָהריגער פעריאָד פון גייסטיגער יודישער שאַפונג אין שפּאַניען, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבען פונאַנדערבליהען מיט פולער קראַפט און גלאַנץ דורך דער זאָרגפעלטיגער און צערטליכער פלעגע פון'ם בעריהמטען יודישען מלוכה-מאַן חסדאי אבן־שפרוט. פאַר אַ פּאָר צעהנדליג דורות האָט דאָס שפּאַנישע יודענטום איפּגעשטראַהלט מיט גרויסע לומדים אין תלמוד, מיט שאַרפע קענער פון די כתבי־הקודש, מיט בעדייטענדע גראַמאַטיקער, מיט שפּראַך-קענער און שפּראַך-פאָרשער, מיט מאַטעמאַטיקער, מעדיצינער, אַסטראָנאָמען, דיכטער, פילאָזאָפען, מלוכה-לייט, מענער פון גרויסע שאַפונגען און גרויסע טהאַטען, וועלכע האָבען זיך ערוואָרבען אַ נאָמען פון אינטערנאַציאָנאַלער רעפּוטאַציע. דער יודישער זשעני האָט זיך דאַמאָלס ענטפּלעקט אין זיין פולען גלאַנץ און זיין פולער פּראַכט אויף אַלע געביעטען פון גייסטיגער שאַפונג. די השגחה איז עפּעס דאַמאָלס געווען אויסערגעוועהנליך פערשווענדעריש אין גרויסע כחות. עס איז געווען אַ שפע פון זשעניען און שאַרפע, בריליאַנטענע מוחות און עסטעטישע גייסטער. עס זענען געשאַפען געוואָרען נייע אידעען, נייע קאָנצעפּציעס פון יודענטום. אויף אַלץ איז געלעגען דער שטעמפּעל פון גרויסקייט, פון פולקאָמענהייט, פון אינערליכער און אויסערליכער שענקייט — און זייער גייסט איז עס געווען, וואָס האָט אינספּירירט און סטימולירט און בעאיינפלוסט נישט בלויז זייערע אייגענע דורות, נאָר אויך די דורות, וועלכע זענען געקומען נאָך זיי, און די, וועלכע וועלען קומען נאָך אונז.

מען האָט דעמדאָזיגען פעריאָד גערופען „דער גאָלדענער", און ער איז עס אויך געווען. שפּאַניען איז געווען דער ערשטער און גרעסטער

יודישער צענטער אין אייראָפּאַ, וואָס האָט געהאַט געשאַפֿען אַזאַ גלענצענדע יודישע קולטור. אָבער די גאָלדיגקייט פונ׳ם דאָזיגען פעריאָד איז נישט בעשטאַנען בלויז אין דער שענקייט און גרויסקייט פון יודישער קולטור, נאָר אויך אין דעם הויכען און פעסטען מאַטעריעלען און פּאָליטישען צושטאַנד פונ׳ם שפּאַנישען יודענטום. עס וואָלט, נאַטירליך, נישט געשטימט מיט דער ווירקליכקייט, ווען מען זאָל אָנערקענען דאָס פּאָליטישע און מאַטעריעלע לעבען פון שפּאַנישען יודענטום אַלס פולקאָמען. פון וויטער היסטאָרישער פערספּעקטיוו קאָן עס אויסקומען אַ סך שענער, אַ סך הערליכער, ווי עס איז געווען באמת. און דער אמת איז, אַז עס זענען געווען אויך זעהר שווערע און ביטערע טעג פאַר די יודען אין שפּאַניען טאַקע אין דער צייט פון אָט דעם „גאָלדענעם פעריאָד". סיי אונטער די אַראַבער, סיי שפּעטער אונטער די קריסטען האָבען יודען געהאַט אויסצושטעהן פערפאָלגונגען, בלבולים, שענדליכע העצעס און אויך שמד, דאַמאָלס ווען די פאָרשטעהער פון זייערע געטער האָבען מיט ליעבע, מיט דער הייליגער ליעבע פון דער קירך, געפּרובירט אויסלייזען די וועלט, די „זינדיגע וועלט", דורך יודישע קרבנות.

יאָ, יודען האָט זיך דאָרט נישט אַלעמאָל גלענצענד געלעבט. קיין פאָלק איז נישט גוט געווען צו יודען. אָבער אין די פינף הונדערט יאָהר פון גרויסען אַלגעמיינעם פּאָליטישען, מאַטעריעלען, קינסטלערישען און פילאָזאָפישען אויפשוואונג זענען געווען גענוג מאָמענטען פון יודישען מאַטעריעלען און פּאָליטישען גלאַנץ. יודען זענען געווען רייך, יודען האָבען פערנומען די העכסטע שטעלעס אין לאַנד, יודען זענען געווען גראַנדים, טיטולירטע אַריסטאָקראַטען און מיט גרויסער עהרע אויפגענומען געוואָרען אין דער העכסטער אַדעליגער געזעלשאַפט, זאָגאַר אויך אין דער הויף־געזעלשאַפט. יודען זענען געווען אין הויכער גונסט ביי די הערשענדע קלאַסען צוליב זייער בילדונג, צוליב זייער גייסטרייכקייט, צוליב זייער חכמה און זייער וויץ. דערדאָזיגער צושטאַנד האָט אָנגעהאַלטען נישט בלויז אונטער דער אַראַבישער הערשאַפט, וואו יודען האָבען זיך, בכלל־גענומען, געפיהלט אַ סך בעסער, נאָר אויך אונטער דער קריסטליכער הערשאַפט. די קריסטליכע קיסרים האָבען געוואָלט נאָכטהון די פריהערדיגע אַראַבישע הערשער און האָבען פּרובירט אַריינציהען יודען אין מלוכה־אַרבייט, ערשטענס, ווייל זיי האָבען שוין געהאַט גרויסע ערפאַהרונג און, צווייטענס, ווייל זיי זענען געשטאַנען אויף אַ הויכער קולטורעלער מדרגה.

אָבער ביסלעכווייז האָט דערדאָזיגער אויסערליכער און אינערליכער גלאַנץ אָנגעהויבען צו פערשווינדען. שפּאַניען האָט אויפגעהערט צו ווערען דער נעסט פאַר אָדלערס. שפּאַניען האָט אויפגעהערט צו ווערען דאָס לאַנד פון טאָלעראַנץ. אויף שפּאַניען איז אָנגעלאָפען אַ רעליגיעז משוגעת, וואָס האָט געמאַכט אַ סוף פון יודישען שאַפען, פון יודישער גרויסקייט, פון יודישען וואוילשטאַנד.

דער ווענדפונקט פון אָט דער גרויסער היסטאָרישער געשעהעניש איז געווען דאָס יאָהר 1391. דאָס איז געווען אַ יאָהר פול מיט בלוט, פול מיט ווילדקייט, פול מיט הארצלאָזיגקייט, פול מיט באַרבאַרישקייט, פול מיט געמיינהייט, פול מיט אונמענשליכקייט, פול מיט גאָטלאָזיגקייט, הגם ס'איז געהייליגט געוואָרען מיט'ן וואַסער פון דער הייליגער קירך. דער פרימיטיווער מענשען-פרעסער איז נאָך דער לאַנגיאָהריגער „ציוויליזירונג" פּלוצלונג ענטפּלעקט געוואָרען אין דער פולער קראַפט. די גאַנצע פיעל-יאָהריגע ציוויליזאַציע און קולטור איז פערשוואונדען געוואָרען אין איין מינוט. טויזענדער דורות פון קולטור זענען מיט איין מאָל אָבגעווישט גע-וואָרען. קיין רעליגיע, קיין בילדונג, קיין אויפקלערונג — קיין מאָראַלישע און אינטעלעקטועלע קראַפט איז נישט בכח געווען אויפצוהאַלטען דאָס בי-סעל מענשליכע אין איהם. דער מענש, דער שטאָלץ פון אַלע ברואים, איז געוואָרען אַ וואָלף, אַ טיגער, אַ שלאַנג — אַלץ, וואָס רייסט, וואָס צוקט, וואָס פרעסט, וואָס פערניכטעט, וואָס פערגיפטעט.

די קריסטליכע שפּאַניען האָט געמאָרדעט יודען. די קריסטליכע מענ-שען האָבען געפּלינדערט יודיש האָב-און-גוטס, טייכען פון יודיש בלוט זע-נען גערונען איבער די גאַסען פון אַלע שפּאַנישע שטעדט. דער פערהיי-ליגטער מעסער האָט געשניטען די יודישע קעפּ, די קעפּ פון קליינע קינ-דער—און דאָס קריסטליכע הארץ האָט זיך אַפילו נישט אַ צאַפּעל געטהאָן, אַפילו נישט אַ ציטער געטהאָן. טויזענדער, צעהנדליגער טויזענדער יודען זענען געגאַנגען אויף קידוש-השם, אָבער אַ סך טויזענדער האָבען דאָס נישט געקאָנט צוזעהן און נישט אויסהאַלטען און האָבען זיך אונטערגעגעבען דער מאַכט פונ'ם קרייץ. עס האָבען זיך דאַן אויסגע'שמד'ט בעדייטענדע יודישע געלעהרטע — און צווישען זיי אויך דער יודישער למדן שלמה הלוי, וועלכער האָט זיך אַ נאָמען געגעבען פּאַול דע סאַנטאַ מאַריאַ — און יודען האָבען שפּעטער געהאַט פון זיי גרויסע צרות.

דאָס שפּאַנישע יודענטום האָט שוין דאַמאָלס געזעהן, אַז דער סוף איז נאָהענט, אָבער עס איז נישט געווען קיין אַנדערע ברירה ווי צו בליי-בען אויפ'ן אָרט און פאָרטזעצען די קולטורעלע שאַפונג ווייטער. אין די שפּעטערדיגע יאָהרען האָט זיך די לאַגע אַביסעל געענדערט צום בעסערן. הויפּטזעכליך אונטער דער צייט פון הענריק דעם פיערטען פון קאַסטיליען און יאָהאַן דעם צווייטען פון אַראַגאָן. די רייכע משומדים האָבען פערנומען הויכע רעגירונגס-שטעלעס. דער קעניג, די הערצאָגען, די גראַנדיס האָבען נישט געקוקט אויף דעם בעשלוס פון די קאָרטעס, וועלכע האָבען געהאַט פערבאָטען יודען צו פערנעהמען הויכע רעגירונגס-שטעלעס. אַפילו די בי-שאָפען האָבען געהאַלטען יודען אַלס שטייערן-עקזעקוטאָרס. ביידע קיסרים, סיי הענריק דער פיערטער און סיי יאָהאַן דער צווייטער, האָבען אַפילו געהאַל-טען יודען אַלס לייב-דאָקטוירים. מען האָט שוין געהאַט געהאָפט, אַז עס וועט מיט דער צייט אפשר נאָך בעסער ווערען. אָבער דאָס איז געווען

בלויז אַ אילוזיע. אין דער אמת׳ן האָט דאַן זיך ווידער אָנגעהויבען אַ גרויסע העצע געגען יודען. עס זענען ענטשטאַנען מסירות און בלבולים, און דאָס האָבען שוין געטהאָן נישט בלויז די קריסטען, נאָר אויך מאַנכע „נייע קריסטען", משומדים, וועלכע האָבען זיך געוואָלט אויספיינען, אַז זיי זענען טרייע, איבערגעגעבענע קריסטען און נישט ווי אַנדערע מאַראַנען, וועלכע מען האט חושד געווען, אַז זיי האַלטען זיך נאָך בשתיקה אָן יודישקייט.

דער בלבול, אַז יודען הרג׳ענען קריסטליכע קינדער, האָט גוט געווירקט אויף די קריסטען און מען האָט די מאַראַנען נאָך מעהר פיינט בעקומען ווי די יודען. מען האָט זיי געמאָרדעט, מען האָט זיי געברענט און געפלינדערט, ווען מען האָט נאָר געוואָלט, ווען עס האָט זיך געגלוסט — און ווען האָט זיך דאָס נישט געוואָלט, ווען האָט זיך דאָס נישט געגלוסט צו הרג׳ענען און צו ראַבעווען יודען?

דער גאַנצער פופצעהנטער יאָהרהונדערט האָט שוין געוויזען סמנים פון יודישען אונטערגאַנג. עס האָבען נאָך אין מאַנכע פלעצער געצאַנקט די ליכטעלעך פון תורה, עס האָט נאָך געשיינט אַביסעל דער שטראַהל פון חכמה; אָבער גרויסקייט, גלאַנץ, טיעפקייט, שענקייט, דערהויבענקייט — דער בריליאַנטענער זשעני, מיט וועלכען דאָס שפּאַנישע יודענטום האָט זיך געהאַט אויסגעצייכענט זייט דורות, איז שוין געווען פערשוואונדען.

און ביי אַזעלכע טרויעריגע אומשטענדען איז שוין שווער געווען צו שאַפען, גרויסעס צו שאַפען. די ליידען פון יודישען פאָלק, די ליידען פון די מאַראַנען, וועלכע האָבען זיך געהאַלטען פעסט אָן יודישען גלויבען, הגם זיי זענען געווען גע׳שמד׳ט פאַר דער קירך, די שטענדיגע מסירות און בלבולים, די אייביגע העצעס און אינטריגעס — דאָס אַלץ האָט געקאָנט גאַנץ גענוג פערביטערן דאָס לעבען פון יודישען פאָלק און האָט געמוזט אויסקרויבען דעם מוט און די ענערגיע פון יעטווידער שאַפונג.

אָבער איידער עס האָט זיך לגמרי אויסגעלאָשען דאָס גייסטיגע ליכט אין שפּאַניען, איידער עס איז געשטאָרבען דער לעצטער שטראַהל פון יודישען קולטורעלען שאַפען און פון דער גאַנצער עקזיסטענץ פונ׳ם רוהמפולען, גלענצענדען שפּאַנישען יודענטום, האָט אַ שיין געטהאָן אַ ליכטיגער שטראַהל, וואָס האָט בעלויכטען דאָס יודישע לעבען אויף אַ רגע און איז באַלד אינגאַנצען, אויף אייביג אויסגעלאָשען געוואָרען. דאָס איז געווען די בעדייטענדע און פאָפולערע יודישע פערזענליכקייט דאָן יצחק אַברבנאל.

ב.

זיין אָבשטאַמונג און זיין ערציהונג.

ביי היינטיגען טאָג איז זיך לחלוטין אונמעגליך פאָרצושטעלען, אז א יודישער מלוכה-מאַן, א יודישער מיניסטער, א יודישער הויכער בעאַמטער, וועלכער שפּיעלט א געוויסע ראָלע אין דעם מלוכה-לעבען פון זיין לאַנד און איז נאָך דערצו אויך א קרוב למלכות — אַז אַזאַ פּערזאָן זאָל זיך אָבגעבען מיט תורה, זאָל זיך אָבגעבען מיט יודישע רעליגיעזע און געזעלשאַפטליכע ענינים. עס איז גאָר כמעט נישטאָ אַזאַ פּערזאָן, וואָס זאָל זיין אָנגעאָטעמט מיט תורה, וואָס זאָל זיין אָנגעוואָרעמט מיט יודישקייט און צו גלייכער צייט פערנעהמען א הויכע רעגירונגס-שטעלע. פאַר אונז איז שוין היינט געוואָנט, אַז א יודישער מיניסטער לייקענט נישט זיין יודישקייט. דער פון אַליין ווערען מיר שוין נתפעל, דאָס אַליין ווערט שוין ביי אונז פאַררעכענט פאַר א גרויסע טהאַט. די אַמאָליגע גרויסע יודישע פערזענליכקייטען אין שפּאַניען און אין פּאָרטוגאַל זענען נישט אין אַ׳ערך געשטאַנען העכער פון אונזערע היינטיגע מלוכה-לייט; זיי זענען געווען גרעסערע גייסטער, מוטיגער, שטאָלצער, יודישליכער, מענשליכער. אַזוי איז געווען ר׳ חסדאי אבן־שפּרוט, אַזוי איז געווען ר׳ שמואל הנגיד, אַזוי זענען געווען אַלע איבריגע יודישע מלוכה-לייט, וואָס האָבען געהאַט געשפּיעלט א גרויסע ראָלע אין דעם שפּאַנישען מלוכה-לעבען און זענען געווען גרויסע מקורבים אין די קעניגליכע הויפען. דידאָזיגע יודישע מיניסטאָרען האָבען זיך אָבגעגעבען נישט בלויז מיט מלוכה-ענינים. דאָס זענען געווען זייערע אַמטען, וועלכע זיי האָבען געדאַרפט ערפילען בנוגע דער מלוכה, ווען די קרוין האָט פון זיי פערלאַנגט, וועלכע די קרוין האָט זיי געהאַט פאָרגעלעגט. זיי האָבען אָבער געוואוסט, אַז זיי שטאַמען פון א פאָלק, וואָס דאַרף שוץ און תורה. זייערע הויכע אַמטען האָבען זיי נישט געגעבען קיין פולקאָמענע בעפרידיגונג. זיי האָבען אַליין געדורשט נאָך תורה און האָבען אויך געטהאָן אַלץ, וואָס ס׳איז געווען אין זייער קראַפט, אַז דאָס פאָלק זאָל זיך נישט אָברוקען פון דער תורה. ר׳ חסדאי אבן־שפּרוט האָט פריהער געהאַט געשטיצט די ישיבות אין בבל, און שפּעטער האָט ער געזאָרגט, אַז אַזעלכע ישיבות זאָלען געבויט ווערען אין שפּאַניען. ער האָט געלעגט דעם פונדאַמענט פאַר תורה-לערנען אין די שפּאַנישע לענדער און האָט דערביי געשטיצט יודישע וויסענשאַפט, יודישע שפּראַך-פאָרשער, יודישע גראַמאַטיקער און אויך יודישע קונסט. דער גרויסער יודישער מלוכה־מאַן ר׳ שמואל הנגיד, נישט-קוקענדיג אויף זיין שווערער און פעראַנטוואָרטליכער אַרבייט פאַר דער מלוכה, האָט געפונען גענוג צייט צו זאָגען א שיעור אין דער ישיבה איבער תלמוד און צו שרייבען א ספר איבער׳ן תלמוד.

פון דעמזעלבען שניט איז אויך געווען דער לעצטער יודישער מלוכה-

מאַן און אַריסטאָקראַט דאָן יצחק אַברבנאל, אָדער ווי ער ווערט דורך אַנדערע גערופען – אַבראַוואַנעל. ער איז געווען אַ מאַן פון שענעם גייסט; ער איז געווען אַ מאַן מיט אַ לאָגישען מוח און האָט פערשטאַנען ריכטיג אָבצושאַצען מענשען און געשעהעגישען. דאָן יצחק אַברבנאל האָט זיך אויך געהאַט אַריינגעטהאָן אין חקירה און טיפע פילאָזאָפישע פּראָבלעמען. דער־ביי איז ער געווען אַ מאַן, וואָס האָט גוט פערשטאַנען די וועלט, ער האָט פערשטאַנען דאָס מלוכה־לעבען און מיט זיין שאַרף אויג האָט ער אַריינ־געדרונגען אין דעם גאַנצען מעכאַניזם פונ'ם מלוכה־אַפּאַראַט. אָבער העכער פון אַלץ און ליעבער פון אַלץ איז ביי איהם געווען דאָס יודישע פאָלק, די יודישע תורה, די יודישע אמונה. דער הויכער פּאָסטען פון דער רעגי־רונג און די איבערגעגעבענהייט צו איהם פון קעניג האָט איהם נישט פער־דרעהט דעם קאָפּ, פונקט אַזוי ווי דאָס האָט נישט פערדרעהט דעם קאָפּ פריהערדיגע יודישע מלוכה־לייט. אַלס מיניסטער, האָט ער אויך זיך אָבגע־געבען מיט דער תורה און מיט דער פאָרשונג פון דער תורה.

דאָן יצחק אַברבנאל האָט געשטאַמט פון אַ זעהר הויכער און פיעל־פערצווייגטער אַריסטאָקראַטישער פאַמיליע. אין זיין פירוש צו זכריה זאָגט אַברבנאל אַליין, אַז „אין שפּאַניען האָבען זיך באַלד נאָכ'ן ערשטען חורבן בעזעצט צוויי יודישע משפחות פון מלכות בית־דוד. איינע איז געווען די פאַמיליע דאַאוד, וועלכע האָט זיך בעזעצט אין באַרצעלאָנאַ, און די צוויי־טע איז די פאַמיליע אַברבנאל, וועלכע האָט זיך בעזעצט אין סעוויל, און פון אָט דער משפחה שטאַם איך אַליין". אין זיין פירוש צו יהושע זאָגט ער: „אני הגבר יצחק בן יהודה בן שמואל בן יהודה בן יוסף בן יהודה מבני אַברבנאל כלם אנשים ראשי בני ישראל משורש ישי בית הלחמי ממשפחת בית דוד".

די פאַמיליע אַברבנאל האָט זיך אורשפּרינגליך איינגעבירגערט אין סעוויל. אַזוי האָט געזאָגט די טראַדיציע פון דער אַריסטאָקראַטישער די־נאַסטיע. אין דער צייט פון אַלפאָנזאָ דעם פינפטענס הערשאַפט האָט דאָרט געלעבט איינער פון זיינע אור־עלטערן, און דורך דער בעקאַנטשאַפט פון זיין קריסטליכען פריינד טהאָמאַס, וועלכער איז געווען אַ ידיד פון קעניג אַלפאָנזאָ, איז ער בעקאַנט געוואָרען מיט'ן קעניג. דאָרט האָט אויך געלעבט זיין זיידע ר' שמואל אַברבנאל, וועלכער האָט געהאַט מחמת די גרויסע רדיפות אין יאָהר 1391 אָנגענומען אָפיציעל די קריסטליכע אמונה און האָט אויך געביטען זיין נאָמען אויף יאָהאַן דע סעווילאַ, כדי נישט מחלל צו זיין דעם גרויסען און יחוס'דיגען פאַמיליען־נאָמען אַברבנאל. שפּעטער אָבער, ווען ער איז אַוועק קיין פּאָרטוגאַל, האָט ער זיך צוריקגעקעהרט צום יודענטום און האָט מיט אַ ברייטער האַנד געהאָלפען יודישע תלמידי־חכמים און יודישע געלעהרטע.

עס איז נישט גענוי בעקאַנט, אָבער עס איז וואַהרשיינליך אָנצונעה־מען, אַז מחמת דעם שמד פון ר' שמואל אַברבנאל, וואָס האָט געוואָרפען

אַ פּלעק אויף דער משפּחה, און אפשר אויך כדי ער זאָל בעקומען די מעג־ליכקייט צוריק צו ווערען אַ יוד, האָט ר׳ יהודה אַברבנאל, ר׳ שמואל׳ס זוהן, פערלאָזט די שטאָדט, וואו עס האָבען זייט דורות געוואוינט זיינע עלטערן און אור־עלטערן, און איז אוועק קיין ליסאַבאָן. ר׳ יהודה איז געווען אַ גרויסער עושר און אַדאַנק דעם איז ער אויך אין פּאָרטוגאַל אויפגענומען געוואָרען מיט גרויס כּבוד אין די העכסטע אַריסטאָקראַטישע קרייזען און הויפישע קרייזען. עס פערשטעהט זיך, אַז ער האָט דאַן געהאַט די מעגליכקייט אויסצונוצען זיין גדולה און זיין איינפלוס לטובת זיינע ברידער, וועלכע האָבען זיך, ווי שטענדיג, געגוויטיגט אין שוץ און שטיצע. ר׳ יהודה האָט גאָר איינגיכען געוואונען אַזאַ צוטרוי אין די הויכע קרייזען, אַז ער איז בעשטימט געוואָרען אַלס שאַצמייסטער פון פּרינץ פערנאַנדאָ, דעם קעניג דואַרטי׳ס אַ ברודער, וועלכער איז געווען אַ מערקווירדיג אינטערעסאַנטע פּערזענליכקייט. עס שיינט, אַז פּרינץ פערנאַנדאָ האָט אָפּט געמוזט אָנקומען צו ר׳ יהודה׳ס קאַסע, ווייל די הכנסות פון זיין לאַנד זענען נישט געווען אַזוי גרויס. דאָס קאָן מען אויך זעהן דערפון, וואָס בעת פערנאַנדאָ איז אָבגעפאָהרען קיין טאַנזשיר איבערצונעהמען דאָרט די ממשלה, האָט ער, דענקענדיג, אַז ער וועט לאַנג נישט לעבען, איבערגעלאָזט אַ צוואָה, אין וועלכער עס איז געזאָגט געוואָרען, אַז „עס זאָל דעם יוד אַברבנאל, איינוואוינער פון ליסאַבאָן, אויסגעצאָהלט ווערען די סומע פון העכער אַ האַלבען מיליאָן רייז, וועלכע ער האָט ביי איהם געבאָרגט״.

דאָס איז געשעהן אין יאָהר 1473, און אין דעם יאָהר איז געבוירען געוואָרען אין ליסאַבאָן זיין זוהן יצחק, דער שפּעטער בעקאַנטער דאָן יצחק אַברבנאל. דער פאָטער ר׳ יהודה האָט, פערשטעהט זיך, איהם געגעבען אַ גוטע ערציהונג. עס איז נישט גענוי בעקאַנט, ווער זיין רבי איז געווען, נאָר מען גלויבט, אַז דער דאַמאָלסדיגער רב פון ליסאַבאָן ר׳ יוסף חיון האָט געהאַט אויסגעאיבט אַ שטאַרקען איינפלוס אויף זיין אַרט דענקען און פיהלען.

אויסער תּורה האָט זיך דער יונגער אַברבנאל אָבגעגעבען אויך מיט חקירה. ער האָט שטודירט די ווערק פון אַריסטאָטעל, ווי אויך פון די אַראַבישע דענקער, אפנים אין דער העברעאישער איבערזעצונג, ווייל מען דענקט, אַז די גריכישע און אַראַבישע שפּראַכען האָט ער נישט געקענט. ער האָט אויך זיך פערטיעפט אין דעם רמב״ם׳ס „מורה נבוכים״. ער האָט זיך אינטערעסירט מיט די רעליגיעז־פילאָזאָפישע אידעען, וועלכע זענען אַרויסגעבראַכט געוואָרען אין „ספר הכוזרי״ פון ר׳ יהודה הלוי. ער האָט אַריינגעזאַפּט אין זיך די אידעען פון פערשידענע יודישע און נישט־יודישע דענקער; און ווען ער האָט זיי גוט אַנאַליזירט און פערגליכען איינע מיט די אַנדערע, האָט ער פּרובירט אויספורמען זיין ערשטע יוגענדליכע שאַפונג — דעם ספר „צורות היסודות״, אין וועלכען ער האָט געהאַט בעהאַנדעלט די אורשפּרינגליכע פאָרמען פון די עלעמענטען.

די רעליגיאָנס-פילאָזאָפיע האָט, קענטיג, געררייצט זיין פאַנטאַזיע. די וועלט-פראָבלעמען, אויף וועלכע דורות פון דענקער האָבען געשלייפט זייערע מוחות, האָבען איהם אונגעהויער בעאונרוהיגט. ער האָט שטענדיג געזוכט, שטענדיג געפאָרשט און זיך געגריבעלט צו געפינען אַ תשובה אויף די שאלות, וואָס האָבען געעגבערט זיין מוח. ער האָט נישט פערנאַכלעסיגט די תורה, אָבער די חקירה האָט געפונען אַ געהעריגען פלאַץ אין זיין נשמה. דאָס הייסט נישט צו זאָגען, אַז אַברבנאל איז געוועזען פון יענעם שניט דענקערס, וואָס שאַפען נייע ריכטונגען אין דער געדאַנקען-וועלט. ער איז געוועזען אַ דענקער; ער האָט אָבער אין דער פילאָזאָפיע, אין דער היכער געדאַנקען-וועלט נישט דערגרייכט צו יענע הויכע בערג-שפּיצען, פונוואַנען ער האָט געקאָנט האָבען אַ מעגליכקייט צו בעלויכטען די וועלט.

זיין צווייטער ספר, וועלכען ער האָט אויך געהאַט געשאַפען אין דער יוגענד, דער „עטרת זקנים", אין וועלכען ער בעהאַנדעלט די וויכטיגע פראַגען פון אמונה, איז שוין געוועזען טיפער ווי דער ערשטער. אין איהם ווייזט אַרויס דער יונגער אַברבנאל מעהר רייפקייט, מעהר עמקות, מעהר קרעפטיגקייט. אָבער די אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען זענען נישט שטראַהלענד; זיי בליצען נישט, זיי בלענדען נישט, זיי פערכאַפען נישט. דאָסזעלבע איז אויך געוועזען מיט זיין ווערק „מחזה שדי", אין וועלכען ער האָט געהאַט בעהאַנדעלט דאָס פראָבלעם פון נבואה און וועלכען ער ציטירט אָפט אין זיינע פירושים. דערדאָזיגער ספר איז נאָך אין אַברבנאל'ס צייט פערפאַלען געוואָרען און איז, ווי ער אַליין ערקלערט, געוועזען פול מיט חכמה. זיכער זענען זיינע רעיונות געוועזען אינטערעסאַנטע, איבערהויפּט ווען מען נעהמט אין אַכט, אַז דאָס רוב פון זיי זענען געשאַפען געוואָרען נאָך אין זיין יוגענד. אָבער זיי זענען נישט געוועזען פון יענער קוואַליטעט, וואָס קאָן געבען אונשטערבליכקייט. זיין אונשטערבליכען נאָמען האָט ער ערוואָרבען אויף אַנדערע פעלדער. זיין נאָמען איז גרויס געוואָרען דורך זיין קלוגער שטאַטסמאַנשאַפט, און פאָפּולער איז ער געוואָרען דורך זיינע פירושים אויף דער תורה. דאָ איז ער געוועזען אויף זיין ריכטיגען פלאַץ און דאָ האָט ער אויך שענעס געשאַפען.

ג.

זיין אויפשטייג אין קעניגליכען הויף.

צו דער צייט פון אַברבנאל'ס אויפשטייג האָט אין פּאָרטוגאַל געהערשט דער קעניג אַלפאָנזאָ דער פינפטער, וועלכער איז אַרויף אויפ'ן טראָהן נאָכ'ן טויט פון קעניג דוּאַרטע. דער קעניג דואַרטע איז געוועזען איינער פון די העסליכסטע הערשער אין פּאָרטוגאַל, איינער פון די פערביטערטסטע שונאים פונ'ם יודענטום. אין די פינף יאָהר, וואָס ער האָט געהערשט, זענען דורך

איהם בעשאַפען געוואָרען מעהר געזעצען געגען יודען, ווי דאָס איז גע־טהאָן געוואָרען דורך אַנדערע אין צעהנדליגער יאָהרען. און זיין הויפּט־ציעל איז געווען צו שאַפען שטרענגע געזעצען, וואָס זאָלען פערבאָטען דעם פערקעהר צווישען יודען און קריסטען. ער האָט אַפילו געוואָלט פערבאָטען יודען צו האַנדלען, נאָר דאָס איז דורך דער ליסאַבאָנער יודישער קהלה אָבגעשריען געוואָרען.

צום אָנהויב, ווען ער איז נאָך אַ פּרינץ געווען, זאָל ער האָבען גע־שטאַנען מיט יודען אין גאַנץ גוטע בעציהונגען. ער האָט אַפילו געהאַט אַלס לייב-דאָקטאָר דעם יוד גדליה בן שלמה אבן־יחיא, וועלכער איז געווען אַן אָנגעזעהענער אַסטראָלאָג און געלעהרטער. ווען דער קעניג יאָהאַן דער ערשטער איז געשטאָרבען, דעם 14-טען אויגוסט 1433, און זיין עלטערער זוהן, דואַרטע, האָט געזאָלט אַרויף אויפ׳ן טראָהן אין דעמזעלבען טאָג, האָט איהם דער יודישער אַסטראָלאָג געראַטען, אַז ער זאָל די קרוינונגס-פייערונג אָבלעגען אויף אַן׳אַנדער צייט, ווייל דערדאָזיגער טאָג, לויט ער זעהט פון די שטערען אויפ׳ן הימעל, איז נישט קיין גינסטיגער. דער פּרינץ האָט שטאַרק געהאַלטען פון זיין לייב-דאָקטאָר, אָבער די קרוינונג האָט ער דאָך נישט געוואָלט אָבלעגען. ער האָט גע׳טענה׳ט, אַז גאָט האָט געשאַפען אַלץ, אַז גאָט העלט איבער אַלץ און אַז נאָר אין זיינע הענד ליעגט דער שיק־זאַל פון די מענשען. דאַן האָט גדליה ערקלערט דעם קעניג, אַז זיין רע־גירונגס-צייט וועט זיין זעהר אַ קורצע און אַ טרויעריגע.

און אַזוי איז עס טאַקע געווען. גדליה׳ס פאָרויסזאָגונגען האָבען זיך אַרויסגעוויזען פאַר ריכטיג. דואַרטע האָט רעגירט בלויז פינף יאָהר, און די גאַנצע צייט איז איהם נישט געווען פרעהליך. בעזונדערס ערשיטערט איז ער געווען דורך דעם טויט פון זיין ברודער, פּרינץ פערנאַנדאָ, — דערזעל־בער פענאַנדאָ, וועלכער איז געשטאַנען אין זעהר פריינדליכע בעציהונגען מיט ר׳ יהודה אַברבנאל, ר׳ יצחק אַברבנאל׳ס פאָטער, און האָט אויך זעהר אָפט געבאָרגט ביי איהם גרויסע סומען געלד; זייענדיג אין מאַראָקאָ, איז פאָרגעקומען געגען איהם אַ בונט און מען האָט איהם גענומען אין געפאַנ־גענשאַפט, וואו ער איז אינגיכען געשטאָרבען. דידאָזיגע געשעהעניש האָט שרעקליך פערביטערט דעם קעניג דואַרטע׳ס לעבען — און זעהענדיג, אַז אַלץ, וואָס דער יודישער אַסטראָלאָג האָט איהם געזאָגט, ווערט ביסלעכוויז מקוים, האָט ער זיך געוואָלט אָברעכענען מיט אַלע יודען. ער האָט דאַן אָנגעהויבען צו פערביטערן דאָס לעבען פון די יודען מיט אונגעוועהנליכער באַרבאַרישקייט. ער האָט זיך פערנומען מיט גרויסע פּלענער, ווי־אַזוי אויס־צוראָטען די יודען. אָבער ער האָט שוין נישט בעוויזען זיי דורכצופיהרען. גאָט האָט איהם צוגענומען פון דער וועלט פאַר דער צייט, אין זיין רעכ־טען בליהען, אַזוי ווי דער יודישער אַסטראָלאָג האָט געהאַט פאָרויסגעזאָגט.

דאַן איז אַרויף אויפ׳ן טראָהן דואַרטע׳ס זוהן, דער יונגער פּרינץ אַל־פאָנזאָ דער פינפטער. זיין רעגירונגס-צייט איז געווען פאַר יודען אַ סך

בעסער נישט בלויז פון זיין פאטער׳ס, נאר אויך פון די, וועלכע האבען געקיניגט פאר איהם. די אלע שווערע געזעצען, וואס זענען געשאפען געווארען פון זיין פאטער, זענען פערבליבען, אבער אלפאנזא האט זיי אין לעבען נישט דורכגעפיהרט. אויפ׳ן פאפיר זענען יודען געווען רעכטלאז, אבער אין ווירקליכען לעבען האבען זיי געשפיעלט א בעדייטענדע ראלע אין דער מדינה. לויט׳ן געזעץ האבען יודען געמוזט טראגען ספעציעלע קליידער און האבען נישט געטארט פערנעהמען קיין רעגירונגס-אמטען, אבער באמת זענען יודען געגאנגען געקליידט אין זיידענע קליידער, בעפוצט מיט בריליאנטען, מיט גאלדענע שווערדען ביי דער זייט, פונקט אזוי ווי אלע גרויסע אריסטאקראטען פון לאנד. יודען האבען זיך דערביי פולקאם אסימילירט. זיי האבען פערקעהרט אין די העכערע קריסטליכע פאמיליעס, און די אויסגעצערטעלטע אריסטאקראטישע טעכטערלעך האבען געלאזט פאנגען זייערע הערצער פון די יודישע מאגנאטען. די אויסמישונג איז דערגאנגען אזוי ווייט, אז ס׳איז שוין שווער געווען צו דערקענען א יוד. צווישען די יודען גופא זענען געווען פארגעקומען מחלוקת׳ן, הויפטזעכליך צווישען דעם פרומען קלאס און די פריידענקענדע גבירים. אין דער הינזיכט האט דאס שפאנישע יודענטום דורכגעמאכט דעמזעלבען פראצעס, וואס ס׳איז געווען פארגעקומען ביי אלע יודען אין דער גאנצער וועלט אין אלע צייטען; דאס הייסט, אז ווי נאר יודען זענען רייך געווארען און האבען געהאט אריינגעקוקט אין א מאדערנעם ספר, אזוי האבען זיי זיך געהאלטען פאר די געבילדעטע, פאר וועמען עס איז א שאנד צו זיין פרום. אמת, נישט אלע רייכע יודען זענען אזוי געווען, נישט אלע יודען האבען אזוי געהאנדעלט; ס׳איז אבער גענוג, אז זיי זענען געווען אין אזא בעדייטענדער צאהל, דאס זיי האבען מיט זייער מאכט און איינפלוס געהאלטען ביים אונטערגראבען די יסודות פון יודענטום.

די אלע מחלוקת׳ן זענען אנגעגאנגען צווישען יודען גופא. אבער צווישען די יודען מיט די קריסטען האט געהערשט שלום. הויפטזעכליך האט מען אט דאס פרידליכע צוזאמענלעבען געהאט צו פערדאנקען דעם קעניג אלפאנזא. עס זענען געווען צופאלען, ווען געוויסע גרופען פון פאלק האבען געפרובט העצען געגען יודען, ווייל זיי האבען נישט געקאנט פערטראגען די יודישע גדולה, זייער שנעלען אויפשטייג און זייער ממשלה. אבער אלפאנזא האט זיך צו קיין זאך נישט צוגעהערט. פערקעהרט, ער האט כסדר יודען מקרב געווען. זייענדיג אליין א ליעבהאבער פון וויסענשאפט און פון ביכער, האט ער זיך אונטערהאלטען מיט די יודישע חכמים גאנץ אפט אויך אין ענינים פון אמונה. עס פלעגען צו איהם אין הויף אריינקומען איינינע בעריהמטע יודען, וועלכע האבען געשפיעלט א גרויסע ראלע אין זייער צייט. אבער דער נרעסטער און איינפלוסרייכסטער פון זיי אלעמען דער ארי שבחבורה פון יענער געקליבענער גרופע, וואס איז באמת געווא-

רען דער ליעבלינג פון קעניג, איז געווען נישט קיין אַנדערער ווי דאָן יצחק אַברבנאַל.

די אַברבנאַל-פאַמיליע איז געווען גאַנץ גוט בעקאַנט אין ליסאַבאָן, און דער קעניג אַלפאָנזאָ האָט געהאַט פון איהר געהערט. ער האָט געוואוסט פון די בעציהונגען, וואָס זיין פעטער, פרינץ פערנאַנדאָ, האָט געהאַט מיט ר' יהודה אַברבנאַל, און ער האָט אויך געהערט וועגען זיין זוהן, דאָן יצחק אַברבנאַל, וועלכער איז שוין דאַן בעוואוסט געווען אין לאַנד מיט זיין מאַטעריעלער רייכקייט, מיט זיין גייסטרייכקייט, מיט זיין הויכער געלעהרזאַמקייט און מיט זיין ליעבענסווירדיגקייט, און ער האָט געזוכט איהם אַריינצוציהען אין הויף. ער האָט זיך געגוויטיגט אין אַזאַ מלוכה-מאַן. מחמת-דעם האָט ער איהם געלאָזט רופען צו זיך און איהם באַלד בעשטימט אַלס זיין פינאַנץ-אַגענט און אויך אַלס ממונה אויפ'ן אוצר־המלך, שענקענדיג איהם דערמיט דעם גרעסטען צוטרוי.

מיט זיין הויכער אינטעליגענץ און מיט זיינע שענע זיטען איז ער שנעל געוואָרען דער ליעבלינג פונ'ם גאַנצען קעניגליכען הויף, ווי אויך אינ'ם הויף פון הערצאָג פערנאַנדאָ די בראַגאַנצאַ, וועלכער איז געווען הערשער פאַר-זיך מיט אַ גרויסער אַרמעע און מיט אַ סך רייכע שטעדט. דאָסגלייכען איז דאָן אַברבנאַל בעפריינדעט געוואָרען מיט דעם הערצאָג'ס צוויי ברידער, מאַרקיז מאָנטעמאָר, וועלכער איז געווען דער פעלדמאַרשאַל פון פּאָרטוגאַל, און גראַף די פאַר. די פריינדשאַפט צווישען די דריי פערזאָנען איז געווען אַנ'אויסערגעווערהנליכע. אַברבנאַל איז געוואָרען אין ליסאַבאָן אַ צענטראַלע פיגור. ער איז געווען זעהר רייך, דורכ'ן גרויסען פערמעגען, וואָס זיין פאָטער האָט געהאַט איבערגעלאָזט, און ער איז געווען אַרומגערינגעלט מיט ליעבע און פערעהרונג. זיין פּאַלאַץ איז געוואָרען אַ זאַמעלפונקט פון אַריסטאָקראַטען און געלעהרטע. פירשטען און הויכע אַדעליגע זענען געקומען אין זיין הויז. די געלעהרטע פון ליסאַבאָן זענען געווען ביי איהם שטענדיגע בעזוכער. דער דאָקטאָר יאָהאַן סיצעראָ, וועלכער איז געווען אַנ'אינטימער פריינד פון קעניג אַלפאָנזאָ און אַ גוטער פריינד פון יודען, איז געווען איינער פון די נאָהענטסטע פריינד פון דאָן יצחק אַברבנאַל. זעלטען האָט אַ יודישער מלוכה-מאַן אין אַ קריסטליכען קעניגליכען הויף געהאַט זיך ערוואָרבען אַזאַ אויסערגעווערהנליכע ליעבשאַפט און אַזאַ גדולה, ווי דאָן יצחק אַברבנאַל, — און איבערהויפּט אין דער צייט, ווען שפּאַניען איז שוין נישט געווען דאָס, וואָס זי איז אַמאָל געווען בנוגע יודען. עס פערשטעהט זיך, אַז אַברבנאַל האָט עס ערוואָרבען נישט בלויז מיט זיינע פּערזענליכע מעלות, נאָר זיכער אויך מיט זיינע גרויסע אויפטהואונגען לטובת דער מלוכה, וועלכע זענען ווי געהעריג אָבגעשאַצט געוואָרען סיי פונ'ם קעניג גופא, סיי פונ'ם גאַנצען העכערן אַדעל.

דידאָזיגע צייט איז געווען אַ גאָלדענע פאַר איהם פערזענליך. ער האָט דערגרייכט צו דער העכסטער מדרגה, צו וואָס אַ שטערבליכער מענש

האָט געפּאַקט דערגרייכען. דאָן יצחק אַבּרבּנאל האָט אָבער אין דעם גרעס-
טען גלאַנץ פון זיין רוהם נישט פערגעסען, אַז ער שטאַמט פון אַ יחוס'די-
גער משפחה, אַז ער שטאַמט פון מלכות בית־דוד, און אַז ער דאַרף אויפ-
האַלטען די טראַדיציע פון זיינע אָבות. ער האָט זיך תמיד אָבגעגעבען מיט
ענינים, וואָס האָבען געהאַט אַ שייכות צו איינצעלנע יודען, ווי אויך מיט
ענינים, וואָס האָבען געהאַט אַ שייכות צום גאַנצען יודישען פאָלק.

עס האָט זיך דאַמאָלס געהאַט געמאַכט, אַז דער קעניג אַלפאָנזאָ האָט
פערנומען די האַפען-שטאָדט אַרצילאַ נעבען טאַנזשיר, אין אַפריקאַ. עס זע-
נען גענומען געוואָרען אַ סך טויזענדער אַראַבער אין געפאַנגענשאַפט, וועל-
כע האָבען געדאַרפט פערקויפט ווערען פאַר שקלאַפען. צווישען דידאָזיגע
געפאַנגענע זענען אויך געווען צוויי הונדערט מיט פופציג יודען. ווען דאָן
יצחק אַבּרבּנאל האָט זיך דערוואוסט דערפון, האָט ער תיכף געגרינדעט אַ
קאָמיטעט פון צוועלף אָנגעזעהענע בעלי־בתים פון ליסאַבאָן צו בעקומען די
נויטיגע סומע געלד אויף צו בעפרייען די געפאַנגענע יודען. ער האָט דאַן
פערזענליך מיט נאָך איינעם פון דעם קאָמיטעט בעשלאָסען צו מאַכען אַ
נסיעה איבער'ן לאַנד, און ער האָט עס טאַקע תיכף געטהאָן. ער האָט צו-
נויפגעזאַמעלט די סומע פון צעהן טויזענד גאָלד־דובלאַנען, וועלכע איז אַפנים
דאַן בעטראַכט געוואָרען פאַר אַ ריזיגע סומע געלד, און מען האָט די גע-
פאַנגענע יודען בעפרייט. מען האָט זיי געבראַכט קיין פּאָרטוגאַל און מען
האָט זיי בעקליידט, מען האָט זיי אָבגעגעבען אַ הויז, מען האָט זיי אויס-
געהאַלטען מיט אַלעם נויטיגען, ביז זיי האָבען זיך אויסגעלערענט די שפּראַך
אויף צו קאָנען פיהרען אַ זעלבּשטענדיג לעבען. דערויף האָט מען געדאַרפט
האָבען אַ גרויסע סומע געלד; אָבער אַבּרבּנאל האָט עס בעקומען — אַ ביסעל
פון זיין אייגען לאַנד, און אַ ביסעל אויך דורך דעם גרויסען יודישען גביר
אין איטאַליען ר' יחיאל פון פּיזאַ, וואָס אַבּרבּנאל האָט איהם מודיע געווען
שריפטליך מכח דעמדאָזיגען ענין.

דאָן אַבּרבּנאל'ן איז אָבער געלעגען צום האַרצען דער גורל פון גאַנ-
צען יודישען פאָלק. עס האָט זיך גראָד דאַמאָלסט געמאַכט, אַז דער קעניג
אַלפאָנזאָ האָט געשיקט אַ דעלעגאַציע צום פּויפּסט סיקסטוס דעם פיערטען
צו בעגריסען איהם, צו דעם טאָג, וואָס ער איז אַרויף אויפ'ן הייליגען
טראָהן. צווישען די דעלעגאַטען איז אויך געווען דער דאָקטאָר יאָהאַן סי-
צעראָ, אַבּרבּנאל'ס גוטער פריינד. דאָן יצחק אַבּרבּנאל האָט דאַן אויסגענוצט
די געלעגענהייט, הגם דאָס איז געווען זעהר אַ דעליקאַטער ענין, און גע-
בעטען זיין פריינד, אַז בעת ער וועט זיין ביים פּויפּסט, זאָל ער זיך בע-
מיהען אַריינצוזאָגען אַ פאָר גוטע ווערטער פאַר יודען. דער דאָקטאָר סי-
צעראָ האָט איהם צוגעזאָגט זיין בקשה צו ערפילען. אַבּרבּנאל האָט איהם,
אַגב, מיטגעגעבען אַ בריעף צו זיין פריינד ר' יחיאל פון פּיזאַ מיט'ן מאַנו-
סקריפּט פון זיין ספר „עטרת זקנים" אַלס אַ מתנה. אין דעם בריעף האָט
ער געבעטען ר' יחיאל'ן, אַז ער זאָל פיין אויפנעהמען די פּאָרטוגעזישע דע-

לעגאַטען און זיי אָבגעבען כבוד, ווייל דאָס וועט ברענגען אַ טובה פאַר'ן כלל ישראל. אויסערדעם האָט ער איהם געבעטען, ער זאָל זאָגען דער דע-לעגאַציע, אַז די איטאַליענישע יודען פרעהען זיך און זענען געריהרט פונ'ם גרויסמוט פון קעניג אַלפאָנזאָ, וואָס ווייזט אַרויס אַזאַ פריינדליכע בעציהונג צו די יודען פון זיין מלוכה.

די יודישע לאַגע האָט זיך פערפעסטיגט. אַלץ איז געגאַנגען גוט, אַלץ איז געווען גלענצענד — און ס'האָט געשיינט, אַז דאָס וועט אַזוי דויערן אייביג. בעזונדערס זענען אין דער דויערהאַפטיגקייט פון דערדאָזיגער לאַגע געווען זיכער די אַסימילירטע יודען, וועלכע האָבען שוין געהאַט חוזק גע-מאַכט פון יודישקייט און זענען ווייט געווען פון יודישען פאָלק. עס האָט זיך אָבער שנעל אַ דרעה געטהאָן דאָס רעדעל אויף צוריק; די גאַנצע פראַכט און די גאַנצע עשירות האָט אָנגעהויבען צו פערשווינדען. עס האָ-בען אָנגעהויבען אָנקומען ביטערע צייטען פאַר אַלע יודען — פאַר פרומע און פאַר אַסימילירטע; און דער ערשטער, וואָס האָט געליטען, איז געווען דער גלענצענדער מלוכה-מאַן דאָן יצחק אַברבנאל אַליין. געשעהן איז עס נאָכ'ן טויט פונ'ם גוטען קעניג אַלפאָנזאָ, דורך זיין זוהן, קעניג יאָהאַן דער צווייטער, וועלכער האָט אָנגעהויבען זיין הערשאַפט מיט בלוט-פערגיסונג און דעספאָטיזם.

ד.

אַברבנאל אַנטלויפט פון פאָרטוגאַל.

קעניג יאָהאַן דער צווייטער האָט אין די ערשטע יאָהרען פון זיין אויפשטייגען אויפ'ן פאָרטוגעזישען טראָהן נאָך נישט געהאַט פרובירט אַרויס-ווייזען זיינע שאַרפע נעגעל און זיין ברוטאַליטעט צו יודען. ער איז געווען די ערשטע צייט, אַזוי-צוזאָגען, מילד. ער האָט נאָך געהאַט אַ געוויסע בעציהונג צו געלעהרזאַמקייט. ער האָט געאַכטעט געלעהרטע, געבילדעטע מענשען. זיינע לייב-דאָקטוירים זענען געווען יודען. אויך זיין הויפט-כירורג איז גע-ווען איינער אַ יוד, מאַעסטראָ אַנטאָניאָ, וועלכער האָט זיך, אַגב, כדי צו-פרידענצושטעלען זיין פרומען מאַנאַרך, גע'שמד'ט. יודישע פערזענליכקייטען האָבען נאָך אַלץ געשפּיעלט אַ בעדייטענדע ראָלע אין לאַנד. די יודען האָ-בען דאַמאָלס געהאַט ענטוויקעלט אַ גרויסע קולטורעלע טעטיגקייט און זיי זענען געווען די ערשטע, וואָס האָבען אַריינגעבראַכט אין לאַנד די נייסט-לאַנג ערפונדענע דרוקערייען. שוין אין יאָהר 1485 האָבען זיי געדרוקט חומש מיט'ן רמב"ן, אין יאָהר 1489 האָבען זיי געדרוקט דאָס ווערק פון דוד אַבודרהם, און אין יאָהר 1490 זענען געדרוקט געוואָרען די תורה־פירושים פון רש"י און פון רד"ק.

דער גייסט פון דער צייט איז שוין אָבער געווען אַנ'אַנדערער. עס

איז שוין געווען דער דעקאַדאַנס, די ירידה פון די שפּאַנישע לענדער. די קאַ-טוילישע קירך איז געוואָרען אויסערגעוועהנליך אַגרעסיוו. די לופט איז אָנ-געפילט געוואָרען מיט האַס און מיט נקמה — און דאָס לעבען איז געוואָ-רען אונערטרעגליך.

קעניג יאָהאַן דער צווייטער, וועלכער איז אַליין געווען אַ פּראָדוקט פון דער צייט און איז אין אַ געוויסען זין אַליין געווען דער טרעגער פון דעמדאָזיגען גייסט, האָט, נאַטירליך, נישט געוואָלט געהן געגען אָט דעמדאָ-זיגען פינסטערן גייסט. און דער פינסטערער גייסט האָט פערלאַנגט נקמה פון יודען. דעמזועלבען וואונש האָבען, פערשטעהט זיך, געהאַט די קאָרטעס, די פאָרשטעהער פון פאָלק, נאָך פריהער בעת דער הערשאַפט פון זיין פאָטער; אָבער זיין פאָטער, אַלפאָנזאָ, האָט זיך נישט צוגעהערט צו די טענות און העצערייען פון די פינסטערע מענשען. די שונאים פון יודען האָ-בען איצט פערלאַנגט, אַז די אַלטע געזעצען פון קעניג דואַרטע און בכלל אַלע אַנדערע גזירות אויף יודען זאָלען אָבגעהיט ווערען בוכשטעבליך אויף אַ שטרענגען אופן. זיי האָבען געשריען, אַז דער לוקסוס פון די יודען האָט אָנגענומען אויסערגעוועהנליכע פאָרמען; יודען טונקען זיך אין גאָלד און פערגעניגען; זיי זענען שוין רייכער פון די קריסטען און לעבען שוין שע-נער פון די קריסטען; זיי געהען שענער אָנגעטהאָן פון די גראַנדי'ס, ווי די אַדעל-לייט, אין זיידענע קליידער מיט גאָלדענע שווערדען ביי דער זייט, און ס'איז שוין געקומען דערצו, אַז מען קאָן נישט אונטערשיידען צווישען אַ יוד און אַ קריסט. דערצו האָבען זיי אויך גע'טענה'ט, אַז די יודען, וואָס אַרבייטען אויף די דערפער, שטעהען אין זעהר אינטימע בעציהונגען מיט די פרויען און טעכטער פון די קריסטען, וועלכע געהען אָפט אַוועק פון דער היים.

דער קעניג האָט אויסגעהערט די טענות פון פאָלק, אָבער ער איז דאָך באַלד אין אָנהויב נישט אַנטקעגענגעקומען אין אַלץ, וואָס זיי האָבען פערלאַנגט. ער האָט פערבאָטען די יודען צו טראָגען זיידענע קליידער; ער האָט פער-אָרדענט, זיי זאָלען טראָגען וואָלענע קליידער, ווי אַלע פּראָסטע איינוואוי-נער, זאָלען טראָגען אַ ספּעציעלען צייכען אויף זייערע קליידער און זאָלען נישט וואוינען אין אַלע טיילען פון שטאָדט מיט די קריסטען. ער האָט אָבער אָבגעוואָרפען די טענות פון די „מאָראַליסטען" בנוגע די מעשיות, אַז יודען האָבען צו טהון מיט די פרויען און טעכטער פון די קריסטען. דער קעניג האָט ערקלערט, אַז דערדאָזיגער ענין געהערט צו די פעראינטערע-סירטע מענער אַליין: אויב זיי האָבען בעוויזען געגען געוויסע יודען אין זייער אונאָנשטענדיגער אויפפיהרונג בנוגע זייערע פרויען, דאַן זאָלען אָט די מענער זיי אָנקלאָגען אין די אָרטיגע געריכטען.

אַלזאָ, די ערשטע צייט האָט יאָהאַן פּערזענליך זיך ווייניג געקימערט מיט'ן יודישען מצב. זיין מוח איז געווען פערנומען מיט העכערע זאַכען, ער האָט געזוכט מאַכט, הערשאַפט, דיקטאַטור. ער האָט בכלל נישט געוואָלט,

אַז אימיצער זאָל זיך אַריינמישען אין זיינע טהאָטען, אַז די קאָרטעס, די פאָרשטעהער פון פאָלק, זאָלען איהם קומען זאָגען דעות, וואָס זיי ווילען און וואָס זיי ווילען נישט. ער האָט געוואָלט זיין אַ קעניג, וואָס זאָל הערשען, וואָס זאָל טהון וואָס ער וויל, וואָס זאָל האָבען די פולע דעה אין לאַנד.

אויב אָבער עס איז איהם אין אָנהויב שווער געווען צו בעזייטיגען די גראַנדי׳ס, די אַלע פאָלקס-פאָרשטעהער פון זיין מאַכט, האָט ער אָבער דערפאַר באַלד פערטראַכט אַ פּלאַן, ווי-אַזוי צו בעזייטיגען דעם הערצאָג פון בראַגאַנצאַ, וועלכער האָט אַליין געשטאַמט פון אַ קעניגליכען הויז, איז געווען אַ הערשער איבער אייניגע שטעדט און איז געווען בעליעבט ביים פאָלק מעהר, ווי דער קעניג. יאָהאַן האָט דערפאַר געהאַסט דעם הערצאָג און אויך זיינע צוויי ברידער.

כדי פון איהם פטור צו ווערען, האָט ער פּרובירט שפּיעלען אַ צוויי-זייטיגע ראָלע: פון איין זייט האָט ער געלעבט מיט איהם פריינדליך און זיך גע׳חנפ׳עט צו איהם, און פון דער אַנדערער זייט האָט ער בשתיקה געבעטען איינעם פון זיינע מקורבים, מען זאָל איהם צושטעלען „בעווייזען״, אַז דער הערצאָג זאָל זיך האָבען בעטייליגט אין פעררעטערישע אונטער-האַנדלונגען מיט׳ן שפּאַנישען קעניגליכען הויז. די אַלע אַזוי-גערופענע „בע-ווייזען״ זענען גוט אויסגעאַרבייט געוואָרען, און אויף דעמדאָזיגען סמך האָט יאָהאַן בעפויהלען אַריינצוזעצען דעם הערצאָג אין תפיסה און איבער-געבען צו אַ געריכט. אונטער דעם איינפלוס פון קעניג האָט דאָס געריכט פער׳משפט דעם הערצאָג צום טויט און צו קאָנפיסקירען זיין פערמעגען. דעמזעלבען סוף וואָלטען, נאַטירליך, געהאַט אויך דעם הערצאָג׳ס ברידער, אָבער זיי האָבען זיך בעצייטענס דערוואוסט דערפון און זענען אַנטלאָפען פון לאַנד.

דערדאָזיגער אַקט האָט געמאַכט אַ שווערען איינדרוק אויף דאָן יצחק אַברבנאל, וועלכער איז געווען אַן׳איבערגעגעבענער פריינד פון הערצאָג און זיינע ברידער. דערצו האָט ער מורא בעקומען, אַז אויך ער אַליין זאָל נישט אַריינגעמישט ווערען אין דעם גאַנצען ענין. און באמת, באַלד נאָך דעם משפט, האָט דער קעניג געמאַכט אַן׳אָנשטעל, אַז ער איז חושד אויך אַברבנאל׳ן, אַז ער זאָל האָבען געוואוסט פון דעמדאָזיגען „פעררעט״. ווען אַברבנאל׳ס אָפענע און בעהאַלטענע שונאים האָבען זיך דערוואוסט פון דעם קעניג׳ס חשד, האָבען זיי ערקלערט, אַז זיי זענען איבער-צייגט אין אַברבנאל׳ס „פעררעט״; אַז ער, הייסט עס, אַלס אַ גוטער פריינד פונ׳ם הערצאָג פון בראַגאַנצאַ, האָט זיכער געוואוסט פון די פעררעטערישע אונטערהאַנדלונגען מיט׳ן שפּאַנישען הויף.

דער קעניג יאָהאַן איז תחילת געשטאַנען די גאַנצע צייט אין גוטע בעציהונגען מיט אַברבנאל׳ן; אָבער צו געווינען מאַכט און די סימפּאַטיע פון „פאָלק״, האָט איהם נישט שטאַרק בעקימערט, אַז אויך אַברבנאל זאָל

פאלען א קרבן. ער האט איהם דעריבער איין טאג געשיקט רופען אין פאלאץ. אברבנאל האט, אלס הויף-מאן, נישט געוואוסט, וועגען וואס דער קע- ניג רופט איהם, און איז תיכף אוועק צום קעניג. אויפ'ן וועג אבער האט איהם אבגעשטעלט איינער פון זיינע גוטע פריינד און איהם געגעבען צו פער- שטעהן, אז זיין לעבען איז אין סכנה, און איהם גע'עצה'ט, ער זאל זעהן ווי שנעלער צו אנטלויפען. אברבנאל איז תיכף אוועק אהיים, האט גענומען זיין פרוי, זיינע צוויי זיהן, יוסף און שמואל, און א טייל פון זיין פערמע- גען און איז אנטלאפען קיין שפאניען.

אז דער קעניג איז געוואויר געווארען פון אברבנאל'ס פליטה, האט ער גלייך בעפוילען זיינע רייטער איהם נאכצויאגען, אבער זיי האבען איהם שוין נישט געקאנט דעריגרייכען — און אזוי-ארום איז איהם געלונגען אריבערצוגעהן בשלום די שפאנישע גרעניץ. אריינקומענדיג קיין שפאניען, האט ער תיכף אנגעשריבען צום קעניג יאהאן א בריעף, אין וועלכען ער האט אנגעוויזען אויף דער פאלשקייט פון דער בעשולדיגונג און האט נאך דערצו געהאט גענוג מוט צו ערקלערען, אז אפילו דער הערצאג פון בראַ- גאנצא איז אויך געווען אונשולדיג אין דעם פערדאכט. דער קעניג האט דעריבער בעפוילען צו קאנפיסקירען זיין גאנץ פערמעגען; ער האט אויך בעפוילען צו קאנפיסקירען דאס פערמעגען פון זיין זוהן יהודה, וועלכער האט אלס פראקטיצירענדער דאקטאר געלעבט גאנץ בעזונדער פון זיין פא- טער. נאך דעם ווי דאן יצחק אברבנאל האט געהאט אבגעשיקט דעם בריעף צום קעניג, אריבערגעהענדיג די שפאנישע גרעניץ, האט ער זיך אוועקגע- לאזט ווייטער אין וועג, ביז ער איז אנגעקומען קיין טאלעדא. דארט האט ער זיך געטראפען מיט דעם גרויסען גאון ר' יצחק אבוהב, וועלכער האט דאן געהאט זיין בעוואוסטע ישיבה, און צווישען די צוויי גרויסע פערזענ- ליכקייטען האט זיך פערבונדען א גרויסע פריינדשאפט.

ארום אברבנאל'ן האבען זיך אנגעהויבען גרופירען די בעדייטענדע תלמידי-חכמים און בעלי-בתים פון טאלעדא. ער איז אריין אין א מסיבה פון תורה און חכמה — און דאן האט אברבנאל זיך אליין פארגעווארפען פארוואס ער האט צוליב זיין מלוכה-ארבייט פערנאכלעסיגט דאס לערנען תורה; נאך מעהר, ער האט געהאלטען, אז דאס גאנצע אונגליק איז אויף איהם געקומען פון דעם אויבערשטען, ווייל ער האט געהאט פערנאכלעסיגט דעם לימוד-התורה. ער איז איצט דעריבער געווארען אנ'אפטער גאסט אין דער ישיבה פון ר' יצחק אבוהב.

ה.

ער ווערט מיניסטער אין שפאניען.

קומענדיג קיין טאלעדא, וואו עס האבען געהאט געוואוינט זיינע על- טערן און אורעלטערן פאר דורות און דורות, איז דאן יצחק אברבנאל

שוין נישט געווען אזוי רייך ווי ער איז פריהער געווען אין ליסאבאן, וואו ער האט געהאט פערמאגט חוץ געלד אויך גרויסע גיטער און פאלאצען, וועלכע זענען פון איהם צוגענומען געווארען דורך זיין „פריינד" דעם קע־ניג. ער האט אבער, קענטיג, נאך געהאט א קליינעם קאפיטאל, מיט וואס אנצוהויבען געשעפט. אדאנק זיין גרויסען נאמען און זיינע גרויסע בעצי־הונגען, האט ער זיך געהאט בעקענט מיט דער גאנצער יודישער אריסטא־קראטיע פון שטאדט און איז, הויפטזעכליך, בעפריינדעט געווארען מיט דעם בעקאנטען גביר און גרויסע פערזענליכקייט ר' אברהם סעניאר פון סע־גאוויא, מיט וועלכען ער האט אנגעהויבען אונטערנעהמען בשותפות געוויסע רעגירונגס־ליפערונגען.

צו יענער צייט האט אין שפאניען, — אין קאסטיליען און אראגאן, — געהערשט דאס טרויעריג־בעריהמטע קעניגליכע פארל פעדינאנד און איזא־בעלא. פערדינאנד האט געהאט אין זיך יודיש בלוט. זיין פאטער איז גע־ווען דער קעניג יאהאן דער צווייטער פון אראגאן, און זיין מוטער איז געווען יאהאנא ענריקעס, די טאכטער פון קאסטילישען אדמיראל פרעדעריק ענריקעס און אנ'אייניקעל פון דער בעוואוסטער יודישער שענקייט פאלמא פון טאלעדא.

די יודען פון קאסטיליען זענען אויסערגעוועהנליך געווען פעראינ־טערעסירט, אז דער פרינץ פערדינאנד זאל חתונה האבען מיט דער קעני־גין פון קאסטיליען איזאבעלא. זיי האבען גערעכענט, אז אזוי ווי פערדי־נאנד שטאמט פון יודען, וועט ער מן־הסתם אויך גוט זיין צו יודען אזוי ווי זיין פאטער. און די יודען זענען געווען די אמת'ע שדכנים. דער הויפט־שדכן איז געווען אברהם סעניאר פון סעגאוויא. ער האט זיך גע־לאזט קאסטען א סך געלד, אז דער שידוך זאל אויסגעפיהרט ווערען. ער האט זאגאר געהייסען קומען דעם פרינץ קיין טאלעדא בשתיקה, כדי זיך צו בעקענען מיט דער קעניגין איזאבעלא. דער אדעל־קלאס פון קאסטיליען איז געווען ג ע ג ע ן שידוך, אבער די יודען זענען פון די אדעל־לייט נישט נתפעל געווארען. דער בעוואוסטער מאראן אין סאראגאסא, פעדרא דע לא קאבאלעריא, איז עקסטרא געפאהרען צום בישאף פון טאלעדא און אויך צום בישאף פון סיגענזא צו פועל'ן, אז זיי זאלען מסכים זיין אויף דעם שידוך. די יודען האבען אויסגעפיהרט. און דערדאזיגער פעדרא דע לא קאבאלעריא איז עס געווען, וועלכער האט געגעבען דער כלה א שנור פערל פאר פערציג טויזענד דוקאטען. פערדינאנד האט חתונה געהאט מיט איזאבעלא'ן, און אזוי־ארום איז אראגאן און קאסטיליען פעראייניגט געווא־רען אונטער איין קעניגליכער קרוין.

דער קעניג איז שטענדיג געווען ארומגערינגעלט מיט יודען און מא־ראנען. ער פלעגט בארגען געלד ביי זיין פריינד יעקב ראם, וועלכער איז געווען א זוהן פון א רב און אליין איינער פון די בעדייטענדסטע יוריס־טען אין זיין צייט. א צווייטער קאבאלעריא איז געווען א לייב־פריינד פון

קעניג און האָט איהם געהאַט בעגלייט אויף זיין ערשטער רייזע קיין נעאַפּאָל; מיגועל דע אַלמאַזאַן און קאַספּאַר דע באַראַטשינאַ זענען געוועזען דעם קעניג׳ס פּריוואַט-סעקרעטאַרען; די מאַראַנען גבריאל און אַלפאָנזאָ סאַנטשעז זענען געוועזען די ממונים אויף דעם אוצר־המלך. דער איידעם פון גבריאל סאַנטשעז, פראַנציסקאָ גוערראָ, איז זאָגאַר בעשטימט געוואָרען פון קעניג אַלס גאָווערנאָר פון אַראַגאָן. די יודען פון דער בעריהמטער סאַנטאַנדזשעלס-פאַמיליע, די, וואָס האָבען געגעבען געלד קאָלומבוס׳ן אויף זיין ענטדעקונגס-רייזע, האָבען גאַנץ אָפט געבאָרגט דעם קעניג גרויסע סומעס געלד. דאָסגלייכען האָט אויך איזאַבעלאַ פערקעהרט מיט מאַראַנען. איהרע הויפּט-בעלי־יועצים זענען געוועזען מאַראַנען. און ווי עס איז געוועזען צו זעהן, האָט דאָס הייליגע קעניגליכע פּאָרל גאַר נישט שלעכט געמאַכט פון די יודישע פריינד.

דאָס שפּאַנישע קעניגליכע פּאָרל האָט געהאַט גרויסע אַמביציעס. ביידע קעניגליכע מאַיעסטעטען האָבען געוואָלט פערברייטערן זייער פּאָליטישע מאַכט און פערכאַפּען נייע לענדער. זיי זענען טאַקע געוועזען נישט קיין ערגערע דיפּלאָמאַטען ווי די פון היינט — און כדי צו פערדעקען די אמת׳ע כוונות, האָט מען איינגעוויקעלט די טומאה אין דער קדושה און געזאָגט, אז מ׳געהט פיהרען אַ „מלחמת־מצוה" געגען די, וואָס גלויבען נישט אין צלם, געגען די אונגלויביגע מאַחמעדאַנער, וועלכע זענען נאָך דעמאָלט געזעסען אין דרום-טייל פון שפּאַניען, אין גראַנאַדאַ. איבער יענער אַלטער מדינה האָט דעמאָלט נאָך געהערשט דער איינציגער און לעצטער אַראַבישער מושל מולי־אַבו־אַבדולאַה. יודען זענען דאָרט געוועזען זעהר וועניג, אפילו מיט יענע מאַראַנען, וועלכע זענען געוועזען אַנטלאָפען פון די קריסטליכע לענדער, כדי צו ווערען צוריק יודען אין דעם איינציגען מאַחמעדאַנישען לאַנד אויף די פּירענעען. אויך דאָרט איז די יודען נישט גוט געוועזען, ווייל די אַראַבער האָבען אויך פערשטאַנען ווי-אַזוי צו קוועלען יודען נישט ערגער פון די קריסטען. אָבער דאָך איז דאָרט געוועזען אַ סך בעסער, ווענינגסטענס אין רעליגיעזער הינזיכט, ווי אין קריסטליכען שפּאַניען.

פערדינאַנד און איזאַבעלאַ האָבען אָנגעהויבען די „געטליכע מלחמה" און עס האָט צום אָנהויב אויסגעזעהן, אַז זייער גאָט וועט זיי העלפען; אָבער שפּעטער האָט די שפּאַנישע אַרמעע געהאַט אַ גרויסע מפּלה ביי די בערג פון אַבאַרקווירראַ און ס׳האָט אָנגעהויבען האַלטען שלעכט. דער מלוכה־אוצר איז שוין געוואָרען ליידיג, און די שטיצע, וועלכע דער פּויפּסט סיקסטוס דער פינפטער האָט געהאַט געשיקט „לטובת דער הייליגער מלחמה געגען די שונאים פון צלם", האָט זיך ענדליך אויך אויסגעשעפּט. דער קעניג פערדינאַנד איז דאַן געוועזען ענטמוטיגט און נידערגעשלאָגען און האָט שוין געוואָלט אויפגעבען די מלחמה. אָבער די קעניגין איזאַבעלאַ איז געווען פול מיט האַס און נקמה געגען די „אונגלויביגע" און זי האָט געזאָגט, אַז די מלחמה מוז ווייטער געפיהרט ווערען, כדי דאָס קריסטענטום זאָל זיעגען.

דאָן האָט מען זיך געווענדעט צו דאָן יצחק אַברבנאל. זיין נאָמען איז בעקאַנט געווען אין שפּאַניען נאָך אין דער צייט, ווען ער איז געווען אין פּאָרטוגעזישען קעניגליכען הויף, און הויפּטזעכליך איז ער געוואָרען בע-וואוסט ערשט ווען ער האָט זיך בעזעצט אין טאָלעדאָ און געהאַט עסקים מיט דער מלוכה. דער קעניג פערדינאַנד האָט געלאָזט אַברבנאל'ן רופען צו זיך און ער האָט איהם באַלד בעשטימט אַלס פינאַנציעלען עקספּערט און אַלס ממונה איבער דעם אוצר־המלכות.

עס איז נאַטירליך קיין ספק נישט, אַז דאָן יצחק אַברבנאל האָט גע-מוזט אויף דעמדאָזיגען געביעט אַרויסווייזען וואונדער. דען אַנדערש איז זיך שווער פאָרצושטעלען, אַז אַזעלכע רשעים און שונאים פון יודען, ווי פער-דינאַנד און איזאַבעלאַ זענען געווען, ווי אויך דער גאַנצער אַדעליגער קלאַס — זאָלען עובר זיין אויף אַ בפירוש'ן דין פון דער קאַטוילישער קירך און פון די קאָרטעס, אַז קיין שום יוד טאָר נישט פערנעהמען קיין רעגירונגס-שטע-לע. עס שיינט טאַקע, אַז דער כח פון געלד איז געווען שטאַרקער פאַר דעם כח פון דער קריסטליכער רעליגיע. וויבאַלד אַברבנאל האָט געקאָנט אַריינברענגען אין דער מלוכה-קאַסע גענוג געלד אויף אויפצוהאַלטען דאָס לאַנד און אויף צו פיהרען מלחמות, איז שוין דער דין פון דער קאַטוילי-שער קירך נישט געווען אַזוי וויכטיג. דער פּויפּסט סיקסטוס דער פיערטער האָט זיך אַפילו שטאַרק בעקלאָגט אין אַ בריעף צו דעם קעניגליכען פּאָרל, וואָס זיי היטען נישט אָב די געזעצען פון דער קאַטוילישער קירך. ער האָט געהערט, אַז דער קעניג און די קעניגין גיבען פרייהייט די יודען פון אַנדאַלוזיען, לאָזען זיי נישט טראָגען קיין ספּעציעלע לאַטעס אויף די קליידער, עס ווערט זיי ערלויבט צו האַלטען קריסטליכע דיענסטען, יודישע דאָקטוירים קורירען קריסטליכע פּאַציענטען — און אויך, אַז די פערוואַלטונג פון אוצר־המלוכה איז איבערגעגעבען געוואָרען אין יודישע הענד... און די אַלע זאַכען זענען דאָך זעהר שרעקליך, אויב דאָס זאָל זיין אמת. מחמת-דעם פאָדערט ער פון'ם קעניג און פון דער קעניגין, אַז מען זאָל פון-איצט-אָן אויספיהרען דעם דין, ווי געהעריג, מיט דער גאַנצער שטרענגקייט, מיט דער גאַנצער שאַרפקייט. אָבער עס שיינט, אַז די פרומע הערשער האָבען זיך דאָן וועניג צוגעהערט צו די הייליגע רייד פון פּויפּסט.

פון דעם פּויפּסט'ס בריעף איז, אַגב, צו זעהן, אַז דאָן יצחק אַברבנאל איז געווען נישט בלויז מיניסטער אַליין. עס איז קלאָר, אַז ער האָט געמוזט גענוג אַרבייטען לטובת זיינע אונגליקליכע ברידער, וועלכע זענען פריהער געווען אויסגעשטאַנען גרויסע צרות. עס שיינט, אַז אַפילו פערדינאַנד און איזאַבעלאַ האָבען געמוזט עטוואָס ווייכער ווערען און נישט אָנווענדען אַלע שטרענגע געזעצען געגען יודען, ווען דאָן יצחק אַברבנאל האָט עס פון זיי געבעטען.

אַדאַנק די גרויסע הכנסות, וואָס די מלוכה האָט דאַן בעקומען זינט דאָן יצחק אַברבנאל האָט געהאַט איבערגענומען די לייטונג, האָט פערדי-

נאַנד געקאָנט ווייטער פאָרטזעצען די מלחמה געגען דער אַראַבישער הערשאַפט אין גראַנאַדאַ, און נאָך אַ פיער־יאָהריגען קריעג האָט דער קריסטליכער צלם ענדליך געזיעגט איבער דער האַלבער לבנה. דער לעצטער אַראַבישער מושל האָט איבערגעגעבען זיין מלוכה אין די הענד פון פערדינאַנד און איזאַבעלאַ אויף אַ משך פון צוויי חדשים בתנאַי, אַז די מאַחמעדאַנער זאָלען בעקומען אַלע פרייהייטען, ווי זיי וואָלטען געווען אונטער אַ מאַחמעדאַנישער הערשאַפט. פערשטעהט זיך, אַז פערדינאַנד האָט אַזאַ פריעדענס־אָבמאַך אונטערגעשריבען מיט גרויס חשק. ער האָט אָבער געהאַלטען פון דער „הייליגקייט פון די אָבמאַכונגען" אַ סך וועניגער ווי היינט. דעם צווייטען יאַנואַר 1492 איז דאָס שפּאַנישע קעניגליכע פּאָר אַריין מיט גרויס פּאַראַד קיין גראַנאַדאַ — און אויף אַזאַ אופן איז די אַכטהונדערט־יאָהריגע הערשאַפט פון די מאַהומעדאַנער איבער דער פירענעאישער האַלב־אינזעל פערשוואונדען געוואָרען, און די קריסטליכע הערשער האָבען פערנומען זייער פּלאַץ.

אָבער איצט, אַז די מלחמה איבער די מאַחמעדאַנישע „אונגלויביגע" איז געוואונען געוואָרען מיט'ן שווערד, איז שוין געקומען די צייט צו געווינען די מלחמה איבער די יודישע „אונגלויביגע" דורך פייער. און פערדינאַנד מיט איזאַבעלאַ'ן האָבען זיך ערשט גענומען צו דער ריכטיגער „הייליגער" אַרבייט — צו דער אינקוויזיציע און צום גירוש.

ו.

די אינקוויזיציע. — דער גירוש.

אַכט יאָהר צייט איז דאָן יצחק אַברבנאל געווען די מעכטיגע און גלענצענדע פיגור אין קעניגליכען הויף און אונטער זיין ווירטשאַפטליכער פיהרערשאַפט האָט געהאַט אויפגעבליהט דאָס גאַנצע שפּאַנישע לאַנד. עס איז געוואָרען אַ שפע אין האַנדעל, אין געווערקשאַפט און אין גאָלד — און מחמת־דעם האָט דער קעניג מיט אַ ברייטער האַנד געקאָנט אויספיהרען זיינע פּלענער, פון וועלכע ער האָט געהאַט געטרוימט.

אָבער יודען האָבען שוין געהאַט שטענדיג אַזאַ מזל. יודען האָבען אומעטום מיטגעהאָלפען אויפצובויען און רייך צו מאַכען לענדער; יודען האָבען אָרימע לענדער געבראַכט צו אַ הויכער מדרגה פון מאַטעריעלען וואוילשטאַנד; יודען האָבען געשאַפען קולטורעלע ווערטען, האָבען אַרויסגעבראַכט נייע אידעען און נייע אידעאַלען; ביי פיעל געלעגענהייטען האָט מען די יודען גערופען, פאָרגעלעגט מיטצוהעלפען אַרויסצושלעפען מלוכות פון זייער שווערער, געדריקטער לאַגע, — אָבער נאָכדעם ווי זיי האָבען זייער שעפערישע אַרבייט פערענדיגט, האָט מען זיי אויף אַ גאָר נישט־פריינדליכען אופן געגעבען צו פערשטעהן, אַז מען דאַרף זיי מעהר שוין נישט

האָבען. עס הייסט, אַז „דער מאָהר האָט זיין זאַך אָבגעטהאָן, דער מאָהר קאָן איצט געהן". און דערנאָך האָבען די נישט-יודען שטענדיג געמאַכט אַ פּנים, אַז זיי האָבען פון די יודען קיין שום הילף נישט פערלאַנגט און אַז אַלץ, וואָס ס'איז געשאַפען געוואָרען פּראָדוקטיוועס אין דער מלוכה, איז געוועז אָהן דער מיטווירקונג פון יודען.

שפּאַניען איז געוועזען דאָס קלאַסישסטע מאָדעל פון אונדאַנקבאַרקייט, פון מאָראַלישער געפאַלענקייט, פון אונמענשליכקייט, פון ברוטאַליטעט, פון באַרבאַרישקייט. מיט איינציגע אויסנאַהמען פאַר געוויסע פּערזאָנען, האָבען גע־נוג פעלקער אויף דער וועלט געהאַנדעלט געגען יודען אויף דעם העכסטען גראַד אונמענשליך. מען האָט אַוועקגענומען פון יודען זייערע רייכטימער. קעניגען האָבען גענומען זייער געלד, פּויפּסטען האָבען גענומען זייער געלד — און אַז מען האָט נויטיג געהאַט, האָט מען אויך זייער לעבען צו־גענומען, און דאָך זענען אָט די קעניגען פאַר דער וועלט געבליבען די שענע, די נאָבעלע לייט, די רעטער פון דער „ציוויליזאַציע", הגם מ'ווייסט ביז היינט נישט, וואָס פאַר אַ מין ציוויליזאַציע איז עס געוועזען אין סכנה, אַז זיי זאָלען זי דאַרפען ראַטעווען. דאַגעגען די יודען זענען דורך זיי, דורך די יודען-פיינדער, פאַרגעשטעלט געוואָרען אין די העסליכסטע פאַר־בען. שפּאַניען האָט די אַלע פעלקער אַריבערגעשטיגען. שפּאַניען האָט בע־וויזען, אַז ס'איז נישטאָ קיין שום גרענעץ צו מענשליכער אַכזריות, אַז ס'איז נישטאָ אויף דער וועלט קיין שום הייליגקייט, אויסער דער הייליג־קייט פון געלד; שפּאַניען האָט דעמאָנסטרירט פאַר דער וועלט מיט דער גרעסטער אונמענשליכקייט אַזוינס, וואָס אַ מענשליכע פאַנטאַזיע האָט זיך נישט געקאָנט אויסמאָלען. און דאָך איז דאָס שפּאַנישע פאָלק געבליבען דאָס שענע פאָלק, דאָס נאָבעלע פאָלק, דאָס קולטורעלע, ציוויליזירטע פאָלק.

צוליב וואָס האָט שפּאַניען געמאַכט דעם בראָט-אויוון פאַר מענשען? פאַרוואָס האָבען די דיענער פון גאָט און די דיענער פון דער קרוין אַזוי ליעב בעקומען דעם גערוך פון געבראָטען מענשענפלייש? די קעניגין אי־זאַבעלאַ האָט שפּעטער צוגעגעבען, אַז זי האָט געהאַט געמאַכט אַ פעהלער. זי זאָל האָבען געוואוסט, אַז זי האָט נישט געדאַרפט ברענגען דאָס לאַנד צום אָבגרונד, דערמיט וואָס זי האָט פערטריבען די יודען און טויזענדער פון זיי פערברענט אויף די שייטערהויפענס און צעהנדליגער טויזענדער מיט געוואַלד אָבגע'שמד'ט. אָבער וואָס האָט זי, נעבעך, געקאָנט טהון? איין גאָט ווייסט, האָט זי געזאָגט, אַז אַלץ, וואָס זי האָט געהאַט געטהאָן, איז עס געוועזען צוליב „זיין הייליגען נאָמען", אַז די גרויסקייט פון קריסטענטום זאָל פערשפּרייט ווערען איבער דער וועלט.

אָבער נישט קיין אַנדער מענש ווי דער פּויפּסט סיקסטוס דער פיער־טער אַליין, וועלכער האָט פערטראָטען דעם אמת אויף דער וועלט, וועל־כער האָט פערטראָטען גאָט אויף דער וועלט און וועמען מען קאָן, חס וחלילה, זיכער נישט חושד זיין אין פניות — ער אַליין האָט בעהויפּטעט,

אַז איזאַבעלאַ האָט אײַנגעפיהרט די אינקוויזיציע נישט צוליב דעם רוהם פון דער קריסטליכער אמונה, נישט צוליב צו פערשפרייטען יעזוס׳עס נאָמען אויף דער וועלט, נאָר פשוט צוליב גאָלד, צוליב געלד.

די אינקוויזיציע איז געווען אַ ריין-געשעפטליכע אונטערנעהמונג, גע-בויט אויף אונמענשליכע אַכזריות׳ן. די אינקוויזיציע איז געווען אַ שווינד-לערישע אָרגאַניזאַציע פון די גאָטס-דיענער, וועלכע האָבען זיך נישט אָבגע-שטעלט פאַר קיין שום געמיינהייטען, כּדי רייך צו ווערען אויפ׳ן חשבון פון יודישען לעבען און פערמעגען. געוועהנליך האָט יעדע אידעע געהאַט אויך איהרע אידעאַל-טרעגער. אָט די אינקוויזיציע מיט איהרע אויסערגע-וועהנליכע פייניגונגען האָט געהאַט איהרע פאַנאַטיקער און משוגע׳נע היסטע-ריקער, וועלכע האָבען געמיינט, אַז זיי טהוען אויך גאָט אַ נחת־רוח און אַז פאַר אָט די ווילדע טהאַטען וועלען זיי אויף יענער וועלט בעלוינט ווע-רען פונ׳ם שעפער פון קריסטענטום. עס זענען געווען געוויסע פרומאַקעס, וואָס האָבען געמיינט, אַז מיט׳ן פייער אויף דער קווימאַדעראַ וועט מען אויסראָטען די אונגלויביגקייט און מיט׳ן שמד וועט מען פערשפרייטען יע-זוס׳עס הערשאַפט, און די וועלט וועט קומען צו דער גאולה, אויף וועלכער דידאָזיגע גאָטס-דיענער האָבען געוואַרט. עס זענען געווען אַזעלכע אויך; אָבער די גרינדער פון דער אינקוויזיציע, די אמת׳ע משרתים און שופטים פון טריבונאַל, די אויבער-אינקוויזיטאָרען און אונטער-אינקוויזיטאָרען, די אַלע גלחים, וואָס האָבען זיך געהאַט בעשעפטיגט מיט שפּיאָנאַזש געגען די מאַראַנען און מיט אויסטראַכטען בלבולים געגען יודען — די אַלע זענען געווען פעראינטערעסירט אין צונעהמען די יודישע פערמעגענס, די יודישע דייכטימער, וועלכע די יודען מיט זייערע פעהיגקייטען און ענערגיע האָבען געשאַפען אין אַ משך פון עטליכע הונדערט יאָהר אין דעמדאָזיגען לאַנד. דער דורשט נאָך יודישען גאָלד האָט זיך אָנגעהויבען מיט׳ן קעניג און ס׳האָט זיך געענדיגט מיט׳ן קלענסטען גלח׳ל. און ס׳איז אַ מערקווירדיגע, ערפרעהענדע געשעהעניש אין דער געשיכטע, וואָס נאָך פיער הונדערט יאָהר צייט האָט איינער, אַלקאַלי זאַמאָראַ, דער ערשטער פרעזידענט פון רעפּובליקאַנישען שפּאַניען, — אפשר אַנ׳אור-אור-אייניקעל פון דעם מאַראַן גבריאל זאַמאָראַ, וועלכער איז געווען דער ערשטער פערברענט צו ווערען דורך דער אינקוויזיציע, — איצט אַוועקגענומען די מאַכט פון די דיענער פון גאָט, וועלכע האָבען מקריב געווען מענשליכע קרבנות...

צו יענער צייט, ווען עס האָט זיך געדאַרפט ענטשיידען די פראַגע פונ׳ם גירוש און פון דער אינקוויזיציע, האָבען אין שפּאַנישען קעניגליכען הויף געהערשט צוויי גייסטער: דער גייסט פון גוטס און אמת, און דער גייסט פון שלעכטס און פאַלשקייט. די יודישע תורה, די יודישע עטיק, די יודישע וועלט-אַנשויאונג, די יודישע אידעע פון מענשען-ליעבע האָט פער-טראָטען דאָן יצחק אַברבנאל. דאָס בייזע, די בלוט-דורשטיגקייט, די צביעות, די אונמענשליכקייט איז פערטראָטען געווען פון טאָמאַס טאָרקוועמאַדאַ.

צווישן אַט די ביידע גייסטער איז אָנגעגאַנגען, אַזוי צו זאָגן, אַן׳אונזעהבאַרער קאַמף. אַברבנאל, וועלכער איז גוט בעקאַנט געווען מיט די אַלע אינטריגעס, וואָס זענען אָנגעגאַנגען אין הויף, און מיט די אַלע פינסטערע כחות, וואָס האָבן געאַרבייט אויף צו פעדניכטען דאָס יודענטום, האָט שטאַרק בעקעמפט די רויהע, ברוטאַלע קראַפט. דאַגעגען האָט זיין שאַרפער געגנער טאָמאַס טאָרקוועמאַדאָ מיט זיין גאַנצער קראַפט בעקעמפט דעם יודישען אַיינפלוס אין הויף, די יודישע מאָראַלישע אידעען, די שטרעבונגען פאַר גערעכטיגקייט און טאָלעראַנץ און האָט בערעכטיגט די ברוטאַלסטע, ווילדעסטע מאַכט. טאָרקוועמאַדאָ, דער גרויס-אינקוויזיטאָר, האָט נישט געקאָנט צוקוקען גלייכגילטיג, ווי-אַזוי דער יוד דאָן יצחק אַברבנאל איז נישט בלויז אַ היימישער מענש אין הויף פון די צוויי פרומע קאַטוילישע הערשער, נאָר איז אין זיין אַמט אַ מין מושל איבער אַ קאַטוילישען פאָלק. נאָך היינט, אין דער צייט פון דעמאָקראַטיזם, פרייהייט און טאָלעראַנץ, קאָן אַזאַ ערשיינונג אויסזעהן אין מאַנכע מדינות משונה׳דיג און ס׳איז לחלוטין אויסגעשלאָסען, אַז אַזוינס זאָל פאָרקומען; בפרט נאָך אין דעם „הערליכען און ריטערליכען" מיטעלאַלטער, וואָס איז געווען דער גן־עדן פון רעליגיעזע שאַרלאַטאַנעס. טאָרקוועמאַדאָ האָט געוואוסט, ווי אָנגעזעהן דאָן יצחק אַברבנאל איז אינ׳ם קעניגליכען הויף און אין דער מדינה און ווי וויכטיג ער איז פאַר׳ן לאַנד — און מחמת-דעם האָט ער נישט געקאָנט און נישט געוואָלט אַרויסטרעטען געגען איהם דירעקט, וואָס וואָלט סיי-ווי-סיי נישט געהאָלפען, ווייל אין ד ע ר בעציהונג האָט אַפילו דער פויפסט אַליין נישט געקאָנט העלפען. דערפאַר אָבער האָט ער געפלאַנעוועט צו צוברעכען די יודישע מאַכט אויף אַנ׳אַנדער אופן — מיט דער הילף פון דער קירך, מיט דער הילף פון הייליגען פייער, מיט דער הילף פון דער אינקוויזיציע.

די אידעע אַיינצופיהרען די אינקוויזיציע, וועלכע זאָל האָבען דאָס רעכט צו משפט׳ן אַלע „אונגלויביגע" און „גאָטס-לעסטערער", האָט שוין געהאַט געשלאָגען טיעפע וואָרצלען צווישען די גאָטס-דיענער נאָך פון לאַנג. מען האָט אָנגערעדט דעם קעניג און די קעניגין, אַז זיי זאָלען זיך ווענדען מכח דעם צום פויפסט, ער זאָל געבען זיין ערלויבניש און זיין ברכה. דאָס פרומע קעניגליכע פאָר האָט עס געטהאַן, און דאָרט האָבען שוין געאַרבייט אַנדערע כחות, וואָס זאָלען ווירקען אויפ׳ן פויפסט, אַז ער זאָל די ערלויבניש אַרויסגעבען. אויך דעם פויפסט אַליין האָט די אמונה נישט געהאַט אַזוי שטאַרק אינטערעסירט. ער האָט אויך געמיינט צו מאַכען געלד. ער האָט אָבער צום אָנהויב נישט געוואוסט גענוי, וואו מען קאָן מאַכען מעהר געלד. ווען ער האָט זיך סוף-כל-סוף איבערצייגט, אַז פון דער אינקוויזיציע קאָן מען מאַכען מעהר געלד, האָט ער געגעבען דערויף די ערלויבניש. עס שיינט, אַז סיי די פרומע קעניגין, סיי דער פרומער קעניג, ביידע האָבען עפעס נישט געהאַט קיין חשק איבערצוגעבען די מאַכט צו די פאָרשטעהער פון דער קירך און דערביי אויך צו ערשיטערן די יסודות

פון דער מלוכה, דען די אינקוויזיציע איז פאַקטיש אײנגעפיהרט געוואָרען ערשט מיט צוויי יאָהר שפּעטער, נאָכדעם ווי די ערלויבניש פון פּויפּסט איז געגעבען געוואָרען. עס איז אויך קיין ספק נישט, אַז דאָס קעניגליכע פּאָר איז תחילת בעאײנפלוסט געוואָרען פון דער זייט פון יודישע פּערזענ־ליכקייטען, אַז די אינקוויזיציע זאָל נישט אײנגעפיהרט ווערען; אָבער דער בייזער גייסט איז דאָך שטאַרקער געוועזען און ער האָט מנצח געוועזען.

נאָר נאָך די אַלע קרבנות פון מענשען, מיט די אַלע פּייניגונגען און רדיפות, מיט די אַלע נידערטרעכטיגע בלבולים, האָבען די דיענער פון גאָט נאָך אַלץ נישט געקאָנט בעקומען יענע סומען געלד, וועגען וועלכע זיי האָבען געהאַט געחלום׳ט. מען האָט צוגענומען פון עטליכע מאַראַנען זייער פּערמעגען, נאָכדעם ווי מען האָט זיי אומזיסט-אומנישט פּערברענט לעבע־דיגערהייד. אָבער ס׳איז דאָך ווייניג געוועזען פאַר דער געלד-דורשטיגער באַנדע — און ס׳איז זיי אײנגעפאַלען ז׳ער געדאַנק, אַז מען דאַרף אַרויס־טרייבען אַלע יודען פון שפּאַניען, און דאַן וועט שוין דאָס גאַנצע יודישע פּערמעגען אַרײנפאַלען אין זייערע הענד מיט איין מאָל. מען האָט גענומען פּערשפּרייטען כל׳ערליי שקרים און מסירות, אַז די יודען מאַכען חוזק פון דער קריסטליכער אמונה, לאַכען-אָב פון דער „הייליגער מאַמע", פּייניגען קריסטליכע קינדער, קרייציגען זיי מיט כישוף און האַלטען-אָב די מאַראַנען פון ווערען אמת׳ע קריסטען, און דעריבער טאָר מען די יודען נישט לאָזען וואוינען אין דעמדאָזיגען לאַנד. זיי האָבען זאָגאַר אַליין געפּייניגט קריסט־ליכע קינדער און זיי געקרייציגט, כדי צו וואַרפען אַ בלבול אויף יודען.

און דאַן האָט ווידער-אַמאָל געזיעגט דער גרויסער בייזער גייסט טאָרקוועמאַדאַ׳ס גייסט.

אַז דאָן יצחק אַברבנאַל האָט דערהערט וועגען דער שרעקליכער גזרה אַרויסצוטרייבען אַלע יודען פון לאַנד, איז ער, צוזאַמען מיט זיין פריינד אַברהם סעניאָר, אַוועק צום קעניג און האָט געבעטען אָבצושאַפען די גזרה. אויך פיעל קריסטליכע פריינד פון יודען האָבען געשטיצט אַברבנאַל׳ן אין קעניגליכען הויף. אַברבנאַל האָט אויפגעוויזען די נידערטרעכטיגקייט פון די אַלע פאַלשע בלבולים און מסירות און האָט גע׳טענה׳ט, אַז אויב מען וועט לאָזען יודען צו-רוה, וועלען זיי רייך מאַכען דאָס לאַנד און וועלען שאַפען פון שפּאַניען אַזאַ וועלט-מאַכט, וועלכע איז ביז-דאַן נישט געוועזען. דערצו האָט מען, חוץ די אַלע אַרגומענטען און אָנווייזונגען אויף יושר און מענש־ליכקייט, אָנגעבאָטען דעם קעניג אויך אַ גרויסע סומע געלד. דאָס האָט מעהר געווירקט ווי אַלע הויכע אידעען, ווי אַלע הייליגקייטען פון דער אמונה. ווייל דעם קעניג איז דאָך קיין נפקא־מינה נישט געוועזען, פונוואַנען זיינע אוצרות וועלען אָנגעפילט ווערען מיט געלד — צי פון די געלדער, וואָס יודען וועלען איהם געבען מיט גוטען, צי דערפון, וואָס מען וועט ביי די יודען אַוועקנעהמען מיט בייזען. עס ווערט טאַקע דערצעהלט, אַז דער קעניג האָט שוין געוואָלט מסכים זיין אויף אַברבנאַל׳ס טענות. אָבער

ווי נאָר עס איז דערפון געוואויר געוואָרען דער גרויס־אינקוויזיטאָר טאָרק־וועמאַדאַ, איז ער תיכף אַוועק אין פּאַלאַץ, ווייל דאָ האָט זיך געהאַנדעלט נישט וועגען דעם גורל פון דער אינקוויזיציע, נאָר וועגען זיין אייגענער קאַריערע, וועגען זיין פּערזענליכער מאַכט, וואָס וועט פערשוואונדען ווערען מיט דעם מאָמענט, ווי די אינקוויזיציע וועט אָבגעשאַפט ווערען און יודען וועלען בלייבען אין לאַנד.

קומענדיג אין קעניגליכען פּאַלאַץ, איז ער צוגעגאַנגען צום קעניג, האָט גענומען דעם צלם אין האַנד און געזאָגט:

— דער ערשטער יודישער פעררעטער, יהודה איש־קריות, האָט פער־קויפט אונזער משיח פאַר דרייסיג רענדלעך, און איהר ווילט איהם איצט פערקויפען אַ צווייט מאָל פאַר דריי הונדערט טויזענד רענדלעך. אויב איהר ווילט עס — אָט האָט איהר איהם!...

ער האָט גענומען זיין צלם און אַוועקגעלעגט נעבען קעניג און איז אַרויס מיט צאָרן.

עס פערשטעהט זיך, אַז דאַן איז שוין פאַר יודען קיין שום האָפנונג נישט געבליבען. די ווילדקייט האָט געזיעגט איבער קולטור, די חיה האָט געזיעגט איבער'ן מענש.

די גרויסע יודישע פּערזענליכקייטען, צווישען זיי ר' יצחק אַבוהב, ר' אפרים קאַרו, דער פאָטער פון ר' יוסף קאַרו, דער בעריהמטער מאַטע־מאַטיקער און אַסטראָנאָם ר' אַברהם זכותא, זענען דאַן אַוועק מיט הונדערט טויזענד יודען קיין פּאָרטוגאַל. אַברהם סעניאָר, דאַגעגען, זיין זוהן און זיין איידעם ר' מאיר מלמד, וועלכער איז אויך געווען אַ רב, און זיינע צוויי קינדער האָבען זיך גע'שמד'ט. עס ווערט דערצעהלט, אַז די קעניגין איזאַ־בעלאַ האָט בשום־אופן נישט געוואָלט אָבלאָזען דעם יודישען פינאַנציעלען ראַטגעבער און איהם געדראָהט, אַז אויב ער וועט זיך נישט שמד'ען, וועט זי לאָזען אויסשעכטען אַלע יודען. דער אַריבערגאַנג פון אַברהם סעניאָר צו דער קאַטוילישער קירך איז אין קעניגליכען הויף געפייערט געוואָרען מיט גרויס פּאַראַד.

דיזעלבע פאָרשלאָגען און דראָהונגען זענען מצד איזאַבעלאַ'ן געמאַכט געוואָרען אויך אַברבנאל'ן, אָבער קיין זאַך האָט נישט געקאָנט בעוועגען אַברבנאל'ן און אויך זיינע קינדער, אַז זיי זאָלען אָננעהמען דאָס קריסטענ־טום. ער האָט ווידער גענומען זיין וואַנדער־שטעקען און איז מיט אַלע איבריגע אַרויסגעטריבענע יודען אַוועק קיין נעאַפּאָל, איטאַליען, וועלכע איז דאַן געווען אַ בעזונדער קעניגרייך.

ז.

זיין הויכע שטעלונג אין נעאַפּאָל.

די גרויסע טראַגעדיע, וואָס האָט זיך ביים סוף פון פופצעהנטען יאָהרהונדערט אָבגעשפּיעלט אין קריסטליכען גאָטספאָרכטיגען שפּאַניען, —

דאָרט, וואו עס האָט זיך פּאַר עטליכע יאָהרהונדערט געשאַפֿען איינע פֿון די שענסטע און פּאַרבענרייכסטע קולטורען אין דער וועלט-געשיכטע, — האָט אויפגעטרייסעלט די יודישע נשמה. די יודען האָבען דעמאָלט געהאַט אַ גוטע געלעגענהייט טיעף אַריינצוקוקען אינ׳ם האַרץ פֿון אָט די מענשען, די „גאָטס-דיענער״, וואָס האָבען איינגערעדט זיך אַליין און אַנדערע, אַז זיי זענען גערופֿען געוואָרען צו פּערשפּרייטען ליעבע אויף דער וועלט און אויסצוליי׳זען די מענשהייט. מען האָט דערזעהן, ווי ווייט מען קאָן זיך פערלאָזען אויף זייער פרומקייט, אויף זייער גוטסקייט און אויף זייער יושר. דידאָזיגע שרעק פּאַר דעם שוידערליכען באַרבאַריזם, וואָס איז געווען איינ-געהילט אין אַ שלייער פֿון הויכער פרומקייט, האָט די יודען פעראייניגט צווישען זיך, האָט געבראַכט די יודען נעהענטער איינעם צום אַנדערען. אַפילו די גרויסע יודישע אַריסטאָקראַטען, די הערליכע גראַנדי׳ס, וועלכע האָבען אָקאָרשט געלעבט ווי די פּרינצען און זענען ווייט געווען פֿון יו-דען, פֿון יודישען פיהלען און דענקען, האָבען זיך אין טאָג פֿונ׳ם גרויסען אונגליק אויסגעגלייכט, אַלע האָבען זיך געטיילט מיט׳ן לעצטען ביסען ברויט.

עס איז נגזר געוואָרען צו געהן. יודען טאָרען שוין מעהר נישט בלייבען אין דעם לאַנד, וואָס זיי האָבען בעפרוכפּערט מיט זייער בלוט. געהן מוזען זיי. אַזוי האָבען געהייסען די דיענער פֿונ׳ם גאָט פֿון ליעבע. אָבער וואוהין? — אַ סך זענען אַוועק קיין פּאָרטוגאַל, אָבער אַ סך יודען פֿון אַראַגאָן, קאַטאַלאָניע און וואַלענסיאַ האָבען געוואָרפען זייערע אויגען אויף נעאַפּאָל, ווייל זיי האָבען געהערט, אַז דאָרט זענען פאַרהאַן גוטע בעדינגונגען צום לעבען. זיי האָבען דעריבער געשיקט שלוחים צום נעאַפּאָ-ליטאַנישען קעניג פערדינאַנד דעם ערשטען צו בעטען ביי איהם אַנ׳ערלויב-ניש אויף אַריינצוקומען אין זיין לאַנד. גראָד איז דערדאָזיגער קעניג גע-ווען אַנ׳אָרענטליכער מענש. ער איז געווען ווייט פֿון רעליגיעזע פאָראורט-טיילען און האָט זיך בעצויגען מיט גרויס מיטלייד צו די פערפאָלגטע. דער קעניג פערדינאַנד איז געווען אַ ליעבהאָבער פֿון חכמה און חכמים און ער האָט זיך געהאַט אויסגעדריקט, אַז די שפּאַנישע יודען, וועלכע זענען אַזוי בעריהמט מיט זייער בילדונג און שאַפֿונגס-קראַפט, וועלען ברענגען גליק אין זיין לאַנד.

צווישען די אַלע אָנגעקומענע יודען אין נעאַפּאָל איז געווען דאָן יצחק אַברבנאל. ער איז געווען זייער פיהרער, זייער וועג-ווייזער אין די-דאָזיגע גרויסע טעג, און די אָרימע וואַנדערער האָבען זיך מיט גרויס רעספּעקט צוגעהערט צו זיינע עצות.

אונטער דער צייט איז דער קעניג פערדינאַנד געוואויר געוואָרען, אַז צווישען די שפּאַנישע יודען, וואָס זענען אָנגעקומען אין זיין לאַנד, געפֿינט זיך אויך דער געוועזענער פּאָרטוגעזישער און שפּאַנישער מיניסטער דאָן יצחק אַברבנאל, און ער האָט באַלד געלאָזט איהם רופען צו זיך. זייענדיג

בעקאַנט מיט אַבּרבּנאַל׳ס גרויסע לייסטונגען אין פּאָרטוגאַל און שפּאַניען, האָט דער קעניג פערדינאַנד איהם בעשטימט אַלס ממונה איבער דעם קעניגליכען אוצר אויף אָנצופיהרען מיט די פינאַנצען פון זיין מדינה.

עס פערשטעהט זיך, אַז צוליב זיין אייגענער פריינדליכער בעציהונג צו יודען און אויך צוליב די בקשות פון זיין פריינד דאָן יצחק אַבּרבּנאַל, האָט דער קעניג בעהאַנדעלט די יודען זעהר גוט. עס איז אָבער נישט געגאַנגען אַזוי ווי עס האָט געזאָלט געהן. עס האָט גראָד אויסגעבראָכען אַ מגפה צווישען יודען, און אַ סך יודען זענען אויסגעשטאָרבען. ביי אַזעלכע פאַלען פלעגען די קריסטען שטענדיג זאָגען, אַז יודען זענען די טרעגער פון מגפות און פון טויט. דער קעניג האָט דעריבּער מורא געהאַט, אַז אויך דאָסמאָל וועלען די קריסטען אָנהויבּען טענה׳ן אויף יודען, אַז זיי ברענגען אין לאַנד עפּידעמיעס, און וועלען דעריבּער פאָדערן, מען זאָל זיי אַרויסשיקען. מחמת־דעם האָט דער קעניג געגעבּען אַ וואונק צו די יודען, אַז כדי דאָס פאָלק זאָל נישט געוואויר ווערען, זאָלען זיי מקבר זיין די מתים בּיינאַכט. דאָס האָט אָבער נישט געהאָלפען. די קריסטען זענען דערפון געוואויר געוואָרען און האָבען אָנגעהויבען פאָדערן ביים קעניג, אַז ער זאָל די יודען אַרויסטרייבען. אָבער דער קעניג האָט ערקלערט די אַלע כלומר׳שטע פאָרשטעהער פון פאָלק, אַז ער וועט עס בשום־אופן נישט טהון. עס איז אַ סברה, אַז ער זאָל האָבען געזאָגט, אַז ער וועט בעסער רעזיגנירען אַלס קעניג, איידער דערלאָזען זיין פאָלק צו בעגעהן אַזאַ בּאַרבּאַרישע טהאַט. דעמאָלט אָבער האָט דער קעניג בעפויהלען צו בויען פאַר יודען געצעלטען און שפּיטאָלען אויסער דער שטאָדט, כדי די עפּידעמיע זאָל זיך נישט פערשפּרייטען. ער האָט געשיקט צו זיי דאָקטוירים און זיי געהאָלפען מיט אַלץ, וואָס איז נאָר געווען נויטיג.

בעסער איז שוין געווען די אַנטלאָפענע יודען, וועלכע זענען דאָן אָנגעקומען אין פּיזאַ, איטאַליען. דער בעוואוסטער גרויסער יודישער פילאַנטראָפּ ר׳ יחיאל פון פּיזאַ, וועלכער איז געווען אַ גוטער פריינד פון דאָן יצחק אַבּרבּנאַל, האָט שוין דאַן נישט געלעבּט מעהר. ער איז געשטאָרבען מיט אַ פּאָר יאָהר פריהער פון גרויס עגמת־נפש, וואָס ער האָט פלוצלונג פערלאָרען זיין פרוי, און בעזונדערס צוליב דעם, וואָס זיין טאָכטער האָט זיך געהאַט גע׳שמד׳ט. אָבער ר׳ יחיאל׳ס איבעריגע קינדער זענען נישט אָבּגעטראָטען פונ׳ם האַפען, ביז זיי האָבען נישט געהאַט איבערגענומען אַלע אָנגעקומענע יודען און זיי בעזאָרגט מיט וואוינונגען און מיט עסען. שפּעטער איז אַ טייל געבּליבען אין פּיזאַ, און די איבעריגע זענען זיך צעפּאַהרען אין די אַרומיגע שטעדט.

דערווייל האָט זיך געמאַכט, אַז ס׳איז געשטאָרבען דער קעניג פערדינאַנד און אויפ׳ן טראָהן איז אַרויף אַלפאָנזאָ דער צווייטער. דאָס איז געווען אין יאָהר 1494. הגם ער איז נישט געווען אינגאַנצען געראָטען אין זיין פאָטער, איז ער דאָך געווען פון די אַזוי־גערופענע „גוטע מלכים" און

ער האָט דאָן־אַברבנאל׳ן פערהאַלטען אויף זיין פּאָסטען. דאָסגלייכען האָט זיך אויך זיין בעציהונג צו יודען נישט געענדערט. ער האָט די יודען בעהאַנדעלט גוט. עס איז אָבער, קענטיג, די יודען נישט בעשערט געווען צו לעבען רוהיג און אַיינצוזיצען אויף איין אָרט.

צו יענער צייט איז אויפ׳ן פראַנצויזישען טראָהן געזעסען דער קעניג קאַרל דער אַכטער. ער איז געווען אַ טשעקאַווער מענש. פאַנטאַזיעס האָט ער געהאַט פון אַ רוימישען צעזאַר, און כח האָט ער געהאַט פון אַ פליג. אין זיינע פאַנטאַזיעס האָט ער געזעהן, ווי ער נעהמט־איין איטאַליען, גריכענלאַנד און טערקיי און פעראייניגט אַלע קריסטען צו מאַכען אַ קרייץ־צוג געגען דער האַלבער לבנה. ער האָט זיך געפּרובט אײינשמועסען, אַז ער וועט ווערען דער אימפּעראַטאָר פון אַ גרויסען פראַנצויזישען קעניגרייך. ער האָט דעריבער באַלד געמאַכט דעם אָנהויב, אָנפאַלענדיג מיט זיינע מחנות אויפ׳ן נעאַפּאָליטאַנישען קעניגרייך, און נאָך קורצע שלאַכטען האָט ער דאָס קליינע מלוכה׳לע פערנומען. מען האָט איהם אין אַ פּאָר יאָהר אַרום אַרויסגעטריבען פון לאַנד צוריק; אָבער פאַר דער צייט, וואָס קאַרל האָט דאָרט געהערשט, האָבען די פראַנצויזען קיין רחמנות נישט געהאַט אַפילו אויף זייערע קאַטוילישע ברידער — וואָס האָבען שוין **יודען** געקאָנט ערוואַרטען פון דידאָזיגע היישעריקען?

זיי האָבען פערניכטעט יודישע הייזער, האָבען צוראַבירט זייערע פערמעגענס און האָבען געמאַכט אַ תל פון אַברבנאַל׳ס עשירות און פון זיין גרויסער ביבליאָטעק, וועלכע איז ביי איהם ווערט געווען מעהר ווי אַלע אוצרות.

צוליב דעם דורכפאַל פון דער נעאַפּאָליטאַנישער אַרמעע איז דער קעניג אַלפאָנזאָ אַרונטער פון טראָהן און זיין זוהן פערדינאַנד איז געוואָרען קעניג. דאַן האָט אַלפאָנזאָ פערלאָזען נעאַפּאָל און איז אַוועק קיין מעסינאַ, סיציליען, מיטנעהמענדיג מיט זיך אויך זיין ליעב־פריינד דאָן יצחק אַברבנאל. עס פערשטעהט זיך, אַז כל־זמן אַלפאָנזאָ איז געווען קעניג, האָבען איהם אַלע זיינע דיענער און קנעכט שטאַרק רעספּעקטירט; אָבער ווי נאָר ער איז געפאַלען, האָבען איהם אַלע זיינע פריינד פערלאָזען. דאָן יצחק אַברבנאל איז איהם אָבער, פאַר זיין גוטער בעציהונג צו די יודען, טריי געבליבען ביז דער לעצטער מינוט פון זיין לעבען.

אַז דער קעניג אַלפאָנזאָ איז געשטאָרבען, האָט אַברבנאל ווידער־אַמאָל גענומען זיין וואַנדער־שטעקען און אָנגעהויבען זוכען נייע פּלעצער זיך צו בעזעצען. צום אָנהויב איז ער אַוועק אויף דער אינזעל קאָרפו, אָבער ער איז דאָרט נישט לאַנג פערבליבען און איז אַוועק קיין מאָנאָפּאָל. אָבער אויך דאָס איז נישט געווען זיין לעצטע סטאַנציע. ער האָט זיך אויפגעהויבען פון מאָנאָפּאַל און איז אַוועק קיין ווענעציע. דאָס איז געווען אין יאָהר 1503.

דאָן יצחק אַברבנאל איז שוין איצט געווען אַלט און צובראָכען פון

די איבערמענשליכע ליידען, זעהענדיג מיט זיינע אייגענע אויגען דעם דריטען גרויסען חורבן פון יודישען פאלק, און ער האט זיך דעריבער געוואלט אויסרוהען און זיך פערנעהמען מיט זיינע שאפונגען. זיין נאמען איז אבער דעמאלט געווען צו-בעריהמט אין דער וועלט, אז ער זאל זיך האבען געקאנט אויסבעהאלטען. די ווענעציאנער רעפובליק איז דאן געווען אין גרויסע פינאנציעלע און האנדעלס-שוועריגקייטען און זי האט געהאט געפיהרט אונטערהאנדלונגען מיט דער פארטוגעזישער מלוכה אויף צו שליסען א האנדעלס-אבמאך. עס איז אבער צוגעגאנגען שווער. ווען די דאזשען פון ווענעציא האבען זיך דערוואוסט, אז ביי זיי געפינט זיך דער געוועזענער יודישער מיניסטער פון פארטוגאל, האבען זיי איהם איינגעלאדען צו זייערע בעראטונגען — און אדאנק דעם, וואס איהם איז גוט בעקאנט געווען די עקאנאמישע אוןווירטשאפטליכע לאגע פון פארטוגאל און ער איז אויך געווען גוט בעקאנט מיט דער געשיכטע פון ווענעציאנישען האנדעל, איז איהם געלונגען דעמדאזיגען האנדעלס-טראקטאט אבצושליסען. די ווענעציאנישע רעפובליק האט דעריבער הויך רעספעקטירט דעם גרויסען יודישען מלוכה-מאן און מען האט איהם שטענדיג גערופען צו די מיניסטארען-זיצונגען זיך מיישב צו זיין וועגען געוויסע מלוכה-פראבלעמען. עס איז געלעגען עפעס א מערקווירדיגע טראגיק אין דעם לעבען פון דעמדאזיגען מאן. עס איז איהם בעשערט געווען ארויסצוהעלפען עטליכע מלוכות פון זייער שווערער, פערפלאנטערטער לאגע; אבער דאך האט ער אין קיין מלוכה נישט געקאנט בלייבען. פון יעדער ארויסגעהאלפענער מדינה האט ער געמוזט אוועק. אפילו פון דער לעצטער, פון ווענעציא.

ח.

זיין פירוש אויף דער תורה. — זיינע נאכפאלגער.

נישט-קוקענדיג דערויף, וואס אברבנאל האט געהאט מעהרערע מאהל בעשלאסען צו שאפען זיין אייגענעם פירוש אויף דער תורה, פון וואס ער האט נאך געהאט געטרוימט אין דער יוגענד, איז ער דאך קיינמאל נישט געווען ביכולת זיין ווונש צו פערווירקליכען. ער איז שטענדיג געהינדערט געווארען פון זייטיגע, אויסערליכע סבות. ער האט מעהרערע מאל געמוזט אבשטעלען זיין ארבייט צוליב זיינע אייגענע און אויך צוליב פרעמדע ענינים. עס פערשטעהט זיך, אז צוליב די גרויסע ליידען פון זיין פאלק, סיי פאר'ן גירוש, סיי בעת'ן גירוש און נאכ'ן גירוש, האט אברבנאל נישט געקאנט קאנצענטרירען זיינע רעיונות אויף אזא הארבען ענין. אבער דאס איז איהם אויך אויסגעפאלען שווער אפילו אין די בעסערע צייטען. די ערשטע פראבע צו שאפען זיין פירוש האט ער געמאכט נאך אין יאהר 1472, ווען ער איז אלט געווען פינף-און-דרייסיג יאהר. ער האט דאמאלס

געמאַכט זיין פירוש אויף ספר־דברים. ער האָט אָבער דידאָזיגע אַרבייט געמוזט אָבשטעלען, ווייל ער איז גערופען געוואָרען אין קעניגליכען הויף צו פערנעהמען די מיניסטאָרען-שטעלע אויף אָנצופיהרען מיט די פינאַנצען פון דער מלוכה. ער איז דאַן געווען אַזוי שטאַרק בעשעפטיגט מיט די אַלגעמיינע מלוכה־ענינים, ווי אויך מיט די יודישע אינטערעסען, אַז ס'איז איהם להלוטין אונמעגליך געווען ווייטער פאָרטצוזעצען זיין אָנגעהויבענע אַרבייט.

ער האָט עס געמוזט אָבלעגען אויף בעסערע צייטען. אָבער אַזעלכע צייטען זענען נישט געקומען. עס זענען געקומען ערגערע. צוליב די פאַלשע בלבולים, וואָס ס'זענען אויף איהם געמאַכט געוואָרען, איז ער געצוואונגען געווען צו פערלאָזען זיין פאָטערלאַנד און זיך בעזעצען אין שפאַניען. אָבער גראָד דאָרט האָט ער זיך ווידער גענומען צו דער אַרבייט. ער האָט געהאַלטען, אַז די אַלע צרות זענען אויף איהם געקומען טאָקע דערפאַר, וואָס ער האָט פערנאַכלעסיגט דאָס לערנען תורה. ער האָט דאַן אין נישט קיין לאַנגער צייט בעוויזען אָנצושרייבען פירושים אויף יהושע, שופטים און שמואל. אָבער דאָ איז זיין אַרבייט ווידער אונטערגעבראָכען געוואָרען צוליב דעם, וואָס ער איז בעשטימט געוואָרען אַלס מיניסטער אין דעם קעניגליכען הויף פון פערדינאַנד און איזאַבעלאַ. דאָס איז געווען אין יאָהר 1484.

פון דערדאָזיגער צייט אָן האָט ער אויפגעהערט אַרבייטען אויף זיינע פירושים, און ער האָט זיין אַרבייט צוריק בעגייט ערשט נאָכ'ן גירוש שפאַניען, ווען ער איז בשלום אָנגעקומען קיין נעאַפּאָל. דאָרט האָט ער זיך ווידער געזעצט צו דער אַרבייט און פאַרטיג-געמאַכט דעם פירוש אויף מלכים. אָבער דאָ איז ער ווידער גערופען געוואָרען אין הויף פון קעניג פערדינאַנד דעם ערשטען און האָט זיינע ווייטערדיגע אַרבייטען אָבגעשטעלט. דאָסזעלבע איז אויך געשעהן בעת ס'איז אַרויף אויפ'ן טראָהן קעניג פער־דינאַנד דער צווייטער, און אויך שפעטער, ווען ער איז צוזאַמען מיט'ן קעניג אַוועק קיין מעסינאַ נאָך דער אונגליקליכער מלחמה מיט פראַנקרייך.

אַ פּאָר פרעהליכע מינוטען האָט אַברבנאל געהאַט איבערגעלעבט ווען ער איז אָנגעקומען, נאָך אַלפאָנזאָ'ס טויט, קיין קאָרפו. בעת אַברבנאל האָט געמוזט אַנטלויפען פון פּאָרטוגאַל, אונטער דעם קעניג יאָהאַן דעם צווייטען, איז פון זיין ביבליאָטעק פערלוירענגעגאַנגען זיין פירוש אויפ'ן ספר־דברים, וועלכען ער האָט געהאַט אָנגעהויבען אין די יונגע יאָהרען. אַברבנאל האָט שוין, נאַטירליך, זיך געהאַט מייאש געווען פון איהם. ער האָט שוין מעהר נישט געגלויבט, אַז עס זאָל איהם ווען-עס-איז אויסקומען דעמדאָזיגען פירוש צוריקצוזעהן. אָבער ער האָט איהם, מערקווירדיג, געפונען אַצינד אין קאָרפו. אַברבנאל איז אָבער אין קאָרפו נישט לאַנג פערבליבען. ער האָט זיך בע־זעצט אין מאָנאָפּאָל, אין דער נעאַפּאָליטאַנישער מלוכה, דען דאַמאָלס זענען שוין די פראַנצויזען געווען אַרויסגעטריבען פון לאַנד, און דאָרט האָט ער אין אַ משך פון אַכט יאָהר פערענדיגט דעם „מרכבת המשנה", וואָס איז אַ

פירוש אויף ספר דברים, דאָרט האָט ער געשאַפן דעם „מעיני הישועה", וואָס איז אַ פירוש אויף דניאל, און אויך זיין פירוש אויף דעם ספר ישעיה.

אָבזייענדיג אַכט יאָהר אין מאָנאָפּאָל, וואו ער איז געווען אָבגעשיידט פון זיין פרוי און קינדער, וועלכע זענען געזעסען אין פערשידענע שטעדט, האָט ער זיך ווידער-אַמאָל אויפגעהויבען און איז אַוועק קיין ווענעציאַ, וואו עס האָט געהאַט געוואוינט זיין זוהן דאָן יוסף אַברבנאל, וועלכער איז גע-ווען איינער פון די אָנגעזעהענסטע דאָקטוירים אין שטאָדט. דאָרט האָט שוין דאָן יצחק אַברבנאל פאַרטגעזעצט זיין אַרבייט. ער האָט דאַמאָלס גע-שאַפען זיינע פירושים אויף ירמיה, יחזקאל, תרי־עשר, ווי אויך אויף בראשית, שמות, ויקרא און במדבר, און אַזוי-אַרום האָט ער סוף־כל־סוף פערענדיגט דאָס גרויסע ווערק, וועלכעס ער האָט פערטראַכט און אָנגעהוי-בען נאָך זייענדיג אין פּאָרטוגאַל.

אַברבנאל האָט געהאַט אַן'אייגענאַרטיגען צוגאַנג צו די פירושים. עס איי געווען אַ צייט, ווען די מפרשים האָבען געהאַלטען, אַז יענע טיילען פון די כתבי־הקודש, וואָס בעשעפטיגען זיך מיט דער געשיכטע פון יודי-שען פאָלק, זענען עפּעס נישט אַזוי שטאַרק וויכטיג. אַברבנאל איז אָבער דאָן געווען דער ערשטער, וואָס האָט בעהויפּטעט, אַז נישט בלויז יעדער טייל פון דער תורה איז גלייך וויכטיג, נאָר אַז יענע טיילען האָבען אַ ספּעציעלען אינטערעס. אַברבנאל, אַלס געלעהרטער און מלוכה-מאַן, האָט פערשטאַנען אויסצושטודירען און איבערצוגעבען בילדליך, ווי-אַזוי עס האָט אויסגעזעהן דאָס יודישע לעבען אין די צייטען פון די שופטים, מלכים און נביאים. די אַלטע מפרשים האָבען זיך אָבגעגעבען בלויז מיט'ן אָבטייטשען די פסוקים, צי על־פי דרש, צי על־פי פשט, אָבער נישט מיט דער היסטאָ-רישער פאָרשונג. אַברבנאל האָט אָבער געגעבען קולטור-היסטאָרישע בילדער פון יענע צייטען, וואָס איז געווען לגמרי אַ גאַנץ נייע שיטה ביים אינ-טערפרעטירען די תורה. אויסערדעם איז אַברבנאל געווען אַ גוטער סיסטע-מאַטיקער. ער האָט צו יעדען ספר פון די כתבי־הקודש געשריבען אַן'איינ-לייטונג, אין וועלכער ער פּרובירט געבען אַן'איבערבליק איבער דעם כאַ-ראַקטער און איבער דער ענטשטעהונג פון'ם ספר.

אין זיינע אינטערפּרעטאַציעס שטיצט זיך אַברבנאל הויפּטזעכליך אויף רש"י און דעם רמב"ן. אַברבנאל איז געווען אַ שאַרפער געגנער פון די פרייע אינטערפּרעטאַציעס אויף דער תורה. ער האָט זיך געהאַלטען שטרענג אָן דער טראַדיציע. ער האָט אַפילו שטאַרק געהאַלטען פון ר' אַברהם אבן־עזרא אַלס דיכטער און אַלס מפרש דאָרט, וואו ער פערטייטשט דעם ריי-נעם פשט פון די ווערטער; ער איז אָבער געווען געגען איהם דאָרט, וואו ער פּרובירט זיך האַלטען פריי און פּרובירט אַריינצולעגען געוויסע ליי-בעראַלע אָנשויאונגען אין דער תורה. ער האָט אויך דערפאַר שטאַרק אָנגע-גריפען דעם רלב"ג, וועלכער האָט פּרובירט אויסטייטשען די ניסים על־פי

דרך־הטבע און בכלל פערקלענערן זייער בעדייטונג. דערביי אָבער האָט זיך אַברבנאל בענוצט אין זיינע פירושים מיט די אינטערפּרעטאַציעס פון קריסטען און אַפילו משומדים. ער ברענגט פירושים פון העראָנימוס, פון ניקאָלאַי דע לירא און אויך פון אַלפאָנזאָ דע בורגאָס און פּאַול דע סאַנטאַ מאַריאַ, וועלכער האָט פריהער געהאַט געהייסען ר׳ שלמה הלוי און איז געווען אַ גרויסער למדן.

דער פירוש פון אַברבנאל האָט געהאַט אַ גרויסען חסרון דערמיט, וואָס ער האָט זיך צופיעל פערברייטערט, ערטערווייז אַזוי שטאַרק צעגאָסען, אַז ס׳איז שווער אַרויסצוקריכען. ער איז אָפט אַוועק אין זייטיגע זאַכען, אין קליינע דעטאַלען, וואָס האָט איהם אַוועקגעפיהרט צו־ווייט. וואָלט ער געווען אַביסעל קירצער — וואָלט ער געוואָרען בעדייטענד פּאָפּולערער און וואָלט אָנגענומען געוואָרען אין פאָלק.

אויסער זיין פירוש אויף דער תורה האָט אַברבנאל אָנגעשריבען אַ פיער־און־צוואַנציג ספרים איבער פערשידענע רעליגיעזע פראַגען; צווישען זיי זענען אויך געווען ספרים, מיט וועלכע ער האָט זיך בעמיהט אויפצומונטערן דאָס יודישע פאָלק און אויפצוועקען אין איהם אמונה אין דער באַלדיגער אויסלייזונג, וואָס איז דאַמאָלס זעהר נויטיג געווען צוליב די גרויסע קאַטאַסטראָפעס, וועלכע האָבען געהאַט געטראָפען דעם יודישען פאָלק.

דאָן יצחק אַברבנאל האָט געהאַט דריי זיהן, און אַלע זענען געווען בעריהמט. נאָך דעם גירוש איז זיין זוהן דאָן יוסף צום אָנהויב אַוועק קיין רעדזשיאָ, איטאַליען, און האָט זיך דערנאָך בעזעצט אין ווענעציאָ. דאָן שמואל איז געווען אַ בעקאַנטער געלעהרטער אין איטאַליען; ער איז געווען מיניסטער ביים נעאַפּאָליטאַנישען קעניג דאָן פעדראָ די טאָלעדאָ. אַ גרויסע ראָלע האָט געשפּיעלט זיין פרוי, וועלכע איז געווען זעהר בעליעבט אין דעם קעניגליכען הויף. דער וויצע־קעניג פון נעאַפּאָל האָט שטענדיג געשיקט זיין טאָכטער לעאָנאָראַ צו זיין אין איהר מסיבה; און ווען דידאָזיגע לעאָנאָראַ האָט חתונה געהאַט מיט דעם הערצאָג קאָזימאַ און איז געוואָרען די הערצאָגין פון טאָסקאַנאַ, איז זי אַלץ געבליבען צוגעבונדען צו דער דאָנאַ אַברבנאל און האָט זי גערופען „מוטער".

בעזונדערס בעריהמט איז געווען זיין עלטסטער זוהן יהודה. דאָן יהודה אַברבנאל איז געווען בעליעבט אין דעם קעניגליכען פּאַלאַץ פון שפּאַניען. ווען עס האָט געהאַלטען ביים גירוש, האָט מען פּרובירט ווירקען אויף איהם אין קעניגליכען הויף, אַז ער זאָל בלייבען אין לאַנד, אַז ער זאָל זיך שמד׳ען. עס איז זאָגאַר געווען אַרויס אַ בעפעהל, אַז מען זאָל איהם נישט אַרויסלאָזען פון טאָלעדאָ. עס איז אויך געפּלאַנעוועט געוואָרען, אַז מען זאָל אַוועק־גנב׳ענען זיין יונג קינד און עס אָב׳שמד׳ען. ווען יהודה האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט ער תיכף אַוועקגעשיקט דאָס קינד מיט אַנ׳אויפפּאַסערין ביינאַכט איבער דער גרעניץ קיין פּאָרטוגאַל; ער האָט אָבער מורא געהאַט צו וואוינען אין פּאָרטוגאַל, וואו עס האָט געהאַט גע-

קיניגס זיין פאָטער׳ס שונא, יאָהאַן דער צווייטער, איז ער פון דאָרט אַוועק קיין נעאַפּאָל. און זיין שרעק איז טאַקע געווען נישט קיין אומזיסטע: דען ווי נאָר יאָהאַן דער צווייטער איז געוואויר געוואָרען, אַז אויף זיין לאַנד געפינט זיך אַנ׳אָבשטאַמונג פון דאָן יצחק אַברבנאל, האָט ער געוואָלט נקמה נעהמען פון איהם כאָטש אינדירעקט. ער האָט געהייסען שטעלען אַ וואַך איבער דעם יונגען קינד און מען זאָל שטרענג אויפּפּאַסען, אַז די גולי ספרד זאָלען איהם נישט מיטנעהמען. דאָס קינד האָט שוין מעהר נישט זוכה געווען צו זעהן זיינע עלטערן. די הייליגע גלחים האָבען איהם גע׳שמד׳ט. אַז דאָן יהודה האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט ער געטרויערט אויף איהם זיין גאַנץ לעבען און האָט זיין ביטער האַרץ אויסגעגאָסען אין זיין קלאָגליעד „תלונת הזמן״, אין וועלכען ער רעדט מיט זיין קינד און זאָגט איהם אָן צו זיין אַ יוד.

דאָן יצחק אַברבנאל האָט פערבראַכט די לעצטע טעג פון זיין לעבען פערהעלטניסמעסיג רוהיג און האָט געהאַט גרויס כבוד פון דער ווענעציאַנישער רעפּובליק. ער איז געשטאָרבען אין יאָהר 1508 און איז געקומען צו קבר־ישראל אין פּאַדואַ.

מיט דאָן יצחק אַברבנאל האָט זיך אָבגעשלאָסען אַ גרויסע און גלענצענדע תקופה פון דער יודיש־שפּאַנישער קולטור.

די „נאָבעלע״, „הייליגע״ פאָרשטעהער פון שפּאַנישען פאָלק האָבען אַ טעות געהאַט, מיינענדיג, אַז מיט זייער גירוש ענדיגט זיך אויך דאָס יידענטום. דעמזעלבען טעות האָבען געהאַט פיעל פעלקער פאַר שפּאַניען, ווי אויך איינִיגע פעלקער ש פּ ע ט ע ר. אָבער — יודען ווילען נישט און וועלען נישט אונטערגעהן!

פּראָחאַנס.

ר' יוסף קמחי.

א.

דאָס יודישע לעבען אין פּראָווּאַנס.

איינער פון די בעדייטענדע יודישע קולטור-צענטרען, וועלכע זענען אויסגעבויט געוואָרען אין אייראָפּאַ אין גאַנץ טיפען מיטעלאַלטער, איז געווען דער דרום'דיגער טייל פון פראַנקרייך, וועלכער איז בעקאַנט אונטער'ן נאָמען פּ ר אָ וו אַ נ ס, אָדער ווי ער ווערט אָנגערופען אין די לשון-קודש'דיגע שריפטען מיט'ן אַלטען רוימישען נאָמען פּ ר אָ וו י נ צ י אַ. עס איז נישט גענוי בעקאַנט די צייט, ווען די יודען האָבען אַהין אָנגעהויבען אַריינצוקומען; ס'איז אָבער מעגליך, אַז זיי האָבען זיך דאָרט בעזעצט אין גאַנץ אַלטע צייטען, באַלד נאָכ'ן חורבן בית-המקדש. די יודען, וואָס זענען געבראַכט געוואָרען קיין רוים, האָבען זיך צושפּרייט איבער'ן לאַנד און האָבען דערלאַנגט אַזש קיין גאַליען — דאָס איצטיגע פראַנקרייך — וועלכע איז דאַמאָלס געלעגען אונטער דער רוימישער הערשאַפט. די אַלטע רוימער, וועלכע זענען געווען גענוג געבילדעט און האָבען גאַנץ גוט פערשטאַנען, ווי-אַזוי צו פערשקלאַפען אונטערדריקטע פעלקער, נישט ערגער ווי די היינטיגע ציוויליזירטע הערשענדע פעלקער, האָבען אָבער ביי זיך אין לאַנד בעהאַנדעלט די בעזיעגטע עטוואָס בעסער ווי די קולטורעלע אומות פון אונזער צייט. די בעזיעגטע האָבען אין דער רוימישער אימפּעריע געלעבט רוהיג און האָבען גענאָסען פון אַלע רעכט און פרייהייטען צוגלייך מיט אַלע רוימישע בירגער. די געצענדיענערישע פעלקער פון די פראָווינצען, וועלכע זענען געלעגען אונטער דער הערשאַפט פון דער רוימישער אימפּעריע, האָבען געלעבט מיט יודען גוט. זיי האָבען זיך זאָגאַר געלערנט ביי די יודען און פון די יודען. מיט דעם מאָמענט אָבער ווען די נייע רעליגיע האָט זיך אָנגעהויבען ביסלעכווייז איינצובירגערן אין די רוימישע לענדער, האָבען זיך די בעציהונגען צו די יודען אָנגעהויבען צו פערערגערן. איבערהויפּט האָט זיך די לאַגע פון די יודען אָנגעהויבען פערערגערן מיט'ן אונ-

טערגאַנג פון דער רוימישער אימפעריע און ווען דאָס קריסטענטום איז געווארען די הערשענדע אמונה אין דער מלוכה.

אַ נייער ליכטיגער שטראַהל אין דעמדאָזיגען פינסטערן מיטעלאַלטער האָט בעלויכטען דידאָזיגע יודישע וועלט ביים אויפשטייגען פון קאַרל דעם גרויסען אין אַכטען יאָהרהונדערט. עס ווערט דערצעהלט, אַז די יודען פון נאַרבאָן, די הויפטשטאָדט פון פראָוואַנס, האָבען קאַרל׳ן געהאָלפען פערנעהמען די שטאָדט און מחמת-דעם האָט ער אַלס בעלוינונג אַוועקגעגעבען די יודען אַ חלק פון פערנומענעם שטאָדטישען באָדען. עס איז אַגב אויך פעסטגעשטעלט געוואָרען היסטאָריש, אַז נאָך ביז׳ן אָנהויב פון פיערצעהנטען יאָהרהונדערט זענען אין נאַרבאָן געווען פיעל יודען, וואָס זענען געווען גרויסע לאַנד-בעזיצער און זענען געווען אָנערקענט פון דער רעגירונג אַלס פרינצען, אַלס נשיאים. דאָס האָבען די נייע הערשער נישט געקאָנט פערטראָגען. דער פויפסט סטעפאַן דער דריטער האָט געשריבען צום בישאָף פון נאַרבאָן, אַז ס׳איז פשוט נישט שען און נישט ריכטיג, מען זאָל די יודען בעהאַנדלען אַזוי גוט. דיזעלבע העצע געגען יודען איז אָנגעגאַנגען אין דער צייט פון דער הערשאַפט פון לודוויג דעם פרומען, קאַרל׳ס זוהן. עס איז אויסגעקומען, אַז דאָס פאָלק אַליין האָט מיט יודען געלעבט אין גוטע בעציהונגען, און בלויז די רעליגיעזע פאָרשטעהער זענען עס געווען, וואָס האָבען מיט זייער שנאָה צו מענשען פערגיפטעט די וועלט. צו יענער צייט אָבער האָבען זייערע העצעס ווענינ-וואָס געהאָלפען, ווארום קאַרל דער גרויסער און אויך זיין זוהן לודוויג זענען געווען קלוגע הערשער און האָבען זיך נישט געלאָזט פערפיהרען פון דער קירך. זיי האָבען זיך צו די אַלע רייד געגען יודען, אפילו ווען זיי זענען געקומען פון פויפסט אַליין, לחלוטין נישט צוגעהערט און האָבען דוקא געגעבען די יודען הויכע אַמטען אין דער מלוכה און זיי בעהאַנדעלט מיט גרויסען כבוד.

דערמיט אַליין האָבען זיך אָבער די טהאַטען פון קאַרל דעם גרויסען נישט געענדיגט. די פאָליטישע און עקאָנאָמישע סטאַביליזאַציע פון דער גרויסער פראַנקישער מלוכה איז נאָך געווען ווענינ זי צו שטעלען אין דער מדרגה פון אַ מוסטערהאַפטער גרויסמאַכט. דערצו האָט נאָך געפעהלט אויסבילדונג, קולטור. מאַכע פעלקער, איבערהויפט די דייטשען, וועלכע זענען געווען אונטער דער הערשאַפט פון קאַרל דעם גרויסען, זענען געשטאַנען אויף אַ זעהר נידריגער שטופע פון קולטור. זיי זענען געווען ווילדע פראַים, באַרבאַרען. די יודען, וואָס האָבען געלעבט אין פראָוואַנס, זענען אויך נישט געווען געשטאַנען אויף אַ הויכער קולטורעלער שטופע. עס זעבען גאַנץ ווענינ נעמען בעקאַנט פון יענער צייט, וואָס זאָלען האָבען געווירקט אין יודענטום. עס ווערט דערצעהלט, אַז קאַרל דער גרויסער, וועלכער איז געווען אַ גרויסער ליעבהאָבער פון בילדונג, האָט אויך געוואָלט אריינברענגען קולטור אין די יודישע רייהען, און מחמת-דעם האָט ער זיך געהאַט געווענדעט צום בעריהמטען אַראַבישען הערשער הארון על-ראשיד

און איהם געבעטען, ער זאָל איהם שיקען א גרויסען יודישען געלעהרטען, וואָס זאָל העלפען אויפהויבען דעם קולטורעלען ניוואָ פון די יודען אין זיין מלוכה. דער גרויסער אַראַבישער הערשער האָט איהם דאַן געהאַט געשיקט איינעם רבנו מכיר, וועלכער האָט געהאַט געשטאַמט פון אַ פּערזוייגטער פאַמיליע גאונים אין בבל, און קאַרל דער גרויסער האָט איהם בּזעצט אין נאַרבאָן. רבנו מכיר האָט דאָרט געהאַט געגרינדעט אַ ישיבה, און אַזוי־אַרום איז נאַרבאָן מיט דער צייט געוואָרען אַ בּעוואוסטער תורה־צענטר אין דער יודישער וועלט.

צווישען די אַלע פערשידענע קולטור־צענטרען אין דער מיטעלאַלטערליכער יודישער וועלט האָט פּראָוואַנס פערנומען אַן׳אייגענאַרטיגען פּלאַץ. זי איז נישט דערגאַנגען צו דער הויכקייט פון שפּאַניען, וועלכע האָט אַרויסגעגעבען בעריהמטע אָריגינעלע דענקער, דיכטער, וויסענשאַפטס־לייט און פאָרשער, און האָט זיך אויך נישט געקאָנט פערמעסטען מיט די תלמוד׳ישע זשעניען פון צפון־פראַנקרייך, וועלכע האָט געהאַט אַרויסגעגעבען רש״י׳ן מיט די בעלי־התוספות. זי איז נישט געווען גענוג אָריגינעל און נישט זעלבשטענדיג שעפעריש. זי האָט אָבער דערפאַר סינטעזירט ביידע קולטורען. פּראָוואַנס האָט איבערגענומען די גראַציע פון געדאַנק און פאָרשונג, ווי אויך דעם ליבעראַלען גייסט פון שפּאַניען, און גלייכצייטיג אויך די ערנסטקייט און טיעפע פרומקייט פון דער תלמוד׳ישער צפון־פראַנקרייך. פון דרום־זייט איז זי בעאיינפלוסט געוואָרען פון דער יודיש־אַראַבישער קולטור און פון עכטע אַראַבישע פילאָזאָפישע שאַפונגען, און פון צפון־טייל איז זי געפאַלען אונטער׳ן איינפלוס און ווירקונג פון די דאָרטיגע תלמוד׳ישע גאונים און זי האָט זיי ביידען פעראייניגט אין איין הארמאָנישער גאַנצקייט. אַ בעדייטענדע ווירקונג האָט אויף די פּראָוואַנסער יודען געהאַט אויך די אַרומיגע סביבה. די קריסטליכע פּראָוואַנס איז אויך געווען פרייער, מעהר אונאָבהענגיג אין געדאַנק. עס זענען געווען פיעל קריסטען, וועלכע האָבען לחלוטין זיך נישט געוואָלט נאָכשלעפּען נאָך רוים. דאָס זענען געווען די אַלביגענזער, די אַפּיקורסים פון דער אָרגאַניזירטער קירך. זיי האָבען געהאַלטען, אַז די קירכליכע קריסטען זענען אַראָב פון דרך הישר, אַז זיי זענען נישט קיין אמת׳ע קריסטען, אַז מען דאַרף זיך צוריקקעהרען צו די לעהרעס פון די אַפּאָסטאָלען. עס זענען צווישען זיי גופא געווען אַזעלכע, וואָס האָבען געזאָגט אָפען, אַז דאָס יודענטום איז זיי טיעפער איינגעבאַקען אין הארצען ווי דאָס קריסטענטום. די אַלביגענזער זענען פאַר אַזאַ אַפּיקורסות בעשטראָפט געוואָרען פון פּויפּסט מיט מלחמות, שחיטות און אינקוויזיציעס, וועלכע זענען, אגב, צוערשט אָנגעווענדעט געוואָרען אויף אָט די קריסטליכע אַפּיקורסים און שפּעטער אויך אויף יודען. עס פערשטעהט זיך, אַז די גרויסע בעוועגונג האָט געמוזט האָבען אַ געוויסע ווירקונג אויך אויף דעם יודישען געדאַנק.

אויב אָבער פּראָוואַנס האָט נישט געהאַט געגעבען אַזעלכע ריזען

ווי שפאניען און צפון-פראנקרייך, האָט זי אָבער דאָך אַרויסגעגעבען בע־ריהמטע פערזענליכקייטען, וואָס זיי האָבען געלויכטען אין דער יודישער וועלט אין זייער צייט, און מאַנכע אויך אין אַלע שפּעטערדיגע צייטען, און האָבען אויסגעאיבט אַ גרויסען איינפלוס נישט בלויז אין דער יודישער וועלט אַליין, נאָר זאָגאַר אויך אויף דער קריסטליכער וועלט. פון די גאַנץ אַלטע פערזענליכקייטען איז געווען דער בעוואוסטער מפָרֵש ר׳ משה הדרשן, וועלכער האָט געלעבט אינמיטען פון עלפטען יאָהרהונדערט. ער האָט גע־שטאַמט פון גרויסע חכמים און האָט אַרויסגעגעבען גרויסע תּלמידים פון זיין ישיבה. איינער פון זיי איז געווען ר׳ נתן ב״ר יחיאל פון רוים, וועל־כער האָט געשאַפען דעם „ערוך“. ר׳ משה הדרשן, וועלכער איז געווען ראש־הישיבה אין נאַרבאָן און אויך אָנציהענדער דרשן פון שטאָדט, איז געווען אַ מייסטער אין הלכה און אויך אין אַגדה. ער האָט געקענט איי־ניגע שפּראַכען און אויך אַראַביש. ער האָט געהאַט געשריבען אַ פּירוש אויף דער תּורה אונטער׳ן נאָמען „יסוד“, וועלכער איז אָפט אויסגענוצט געוואָרען פון רש״י׳ן. ער האָט אויך אַנדערע ספרים געשריבען, זיי זענען אָבער אַלע פערלוירענגעגאַנגען.

אין נאַרבאָן האָט געהאַט געווירקט דער ראש־הקהלה ר׳ קלונימוס ב״ר טודרוס, אַנ׳אָבשטאַמונג פון רבנו מכיר, ווי אויך דער ראש־הישיבה און אב״ד ר׳ אַברהם ב״ר יצחק, וועלכער האָט געהאַט געשריבען אַ פּירוש אויף דער גמרא און איז געווען אַ בעקאַנטער פּוסק. זיין איידעם איז גע־ווען נישט קיין קלענערע פערזענליכקייט ווי דער ראב״ד, וועלכער האָט געהאַט קריטיקירט דעם רמב״ם און אויך דעם בעל המאור אויפ׳ן אַלפס, וועלכער איז געווען זיינער אַ חבר. פון פּראָוואַנס האָט געשטאַמט ר׳ יוסף טוב עלם, — באַן פיס, — וועלכער איז געווען רב אין לימורג, אָדער לי־מאָרזש, אין דער געגענד פון אַנזשו. ר׳ יוסף טוב עלם איז געווען אַ מפרש, פּוסק און פייטן. פון פּראָוואַנס האָט געשטאַמט דער גרויסער דענ־קער, מאַטעמאַטיקער, ערפינדער און מפרש, דער רלב״ג, ר׳ יוסף אבן־כספי און די בעריהמטע פאַמיליע פון געלעהרטע און שפּראַך-קענער אבן־תּבון. און נישט בלויז נאַרבאָן אַליין האָט עס געהאַט גרויסע פערזענליכקייטען, אויך אַנדערע שטעדט, ווי לונעל, בעזיער, מאָנפּעליע און מאַרסייל, האָבען געהאַט גרויסע תּלמידי־חכמים. אין טולוז האָט געלעבט און געשפּיעלט אַ גרויסע ראָלע ר׳ אַבא מר בן־יעקב און זיין זוהן, דער גרויסער גאון, וועלכער איז געווען אַ תּלמיד פון רבנו תּם. עס זענען געווען גרויסע פערזענליכקייטען אין פּראָוואַנס. דער ערשטער ראב״ד, דער מחבר פון „ספר הקבלה“, געהט אַוועק אַזוי וויט און זאָגט, אַז די גאונים פון נאַר־באָן זענען געווען אַזוי בעדייטענד ווי די גאונים פון בבל. און דאָס איז גאָר נישט קיין קליינער אַטעסטאַט.

די אַלע גרויסע פערזענליכקייטען זענען בעריהמט געווען, אַזוי צו זאָגען, בלויז אין דער תּלמוד׳ישער וועלט. עס זענען אָבער אויך געווען

אזעלכע, וועלכע האבען אויסגעאיבט א געוואלדיגען איינפלוס אין דער וועלט אויפ'ן געביעט פון וויסענשאפט, הויפטזעכליך פון העברעאישער גראמאטיק, פון העברעאישער לעקסיקאגראפיע, פון תורה-פארשונג, פון תורה-אינטערפרעטאציע. דערדאזיגער איינפלוס האט אנגעהאלטען יאהרהונ-דערטער און האט בעאונרוהיגט די מוחות סיי פון יודען און סיי פון קריס-טען — דאס זענען געוועזען די בעריהמטע קמחי'ס, דער פאטער און זיינע צוויי גרויסע זיהן.

ב.

זיין לעבען און זיינע שאפונגען.

די קמחי'ס, אדער די קאמחיס — ווי זיי ווערען דערמאהנט אין מאנכע כתבים — האבען געשטאמט פון אן'אלטער פאמיליע געלעהרטע און תלמידי־חכמים, וועלכע האט זיך מיט דער צייט אויסגעשפרייט איבער איטא-ליען, טערקיי, סיריען און ענגלאנד. דער ערשטער אבער פון די קמחי'ס, וועלכער האט ארויסגערוקט דידאזיגע פאמיליע צום פראגט פון יודישען קולטורעלען לעבען און זי בעריהמט-געמאכט אין דער וועלט, איז געוועזען ר' יוסף קמחי, וועלכען די פראוואנסאלער האבען געהאט געקרוינט מיט'ן צונא-מען „מייסטער פעטיט". ר' יוסף קמחי האט אייגענטליך געשטאמט פון שפאניען, וואו ער איז געבוירען געווארען אין יאהר 1105; אבער מחמת די גרויסע צרות, וואס די אלמאהידען האבען אנגעטהאן די יודען, האט ער אויסגעוואנדערט קיין פראוואנס און זיך אויף שטענדיג בעזעצט אין נארבאן, וועלכע איז בעקאנט געוועזען אלס שטאדט פון תורה און תלמידי־חכמים (און נישט ווי מאנכע האלטען בטעות, אז ער האט די לעצטע יאהרען פון זיין לעבען פערבראכט אין מאינץ און אז ער זאל דארט האבען געקומען צו קבר־ישראל).

ר' יוסף קמחי איז געוועזען א מלמד, און דאס הייסט, זעלבסטפער-שטענדליך, אז ער איז געוועזען א גרויסער ארימאן. אבער זיין ארימקייט האט איהם דאך נישט געשטערט צו לערנען תורה און חכמה און מחדש-זיין חידושים. ער איז געוועזען פון גרויסער בעדייטונג און פון גרויסער ווירקונג פאר'ן יודישען קולטורעלען לעבען אין דעם נייעם לאנד. ער איז געוועזען דער טרעגער פון א נייער צייט אין דער תלמוד'ישער פראוואנס. ער האט געהאט געעפענט א נייעם וועג פאר נייע שטודיען, פאר נייע פארשונגען, מיט וועלכע מען האט זיך אין פראוואנס ביז איהם נישט גע-האט בעשעפטיגט. ער איז געוועזען דער ערשטער, וואס האט מיט זיין ענער-גישער שעפערישער ארבייט און מיט זיינע גרויסע קענטניסען אין אראביש אויף אנ'ערפאלגרייכען אופן איבערגעפלאנצט די שפאנישע יודישע קולטור אין פראוואנס. צו זיין צייט האט אויך געהאט געווירקט דער גרויסער

יודישער זשעני ר׳ אַברהם אבן־עזרא, וועלכער האָט זיך אויף זיין וועלט־וואַנדערונג אָבגעשטעלט אַ ווײַלע אין נאַרבאָן און האָט זיך בעפריינדעט מיט ר׳ יוסף׳ן. ר׳ אַברהם אבן־עזרא האָט שפּעטער גאַנץ אָפט ציטירט ר׳ יוסף קמחי׳ס אינטערפּרעטאַציעס אין זיין פּירוש אויף דער תורה. דאָסגלייכען האָט ר׳ יוסף קמחי געהאַט איבערגענומען מאַנכע גראַמאַטיקאַלישע מיינונגען פון אבן־עזרא. עס איז, נאַטירליך, קיין שום ספק נישט, אַז ר׳ אַברהם אבן־עזרא איז געווען פון אַ פיעל גרעסערן קאַליבער און האָט געהאַט אַ פיעל שאַרפערן מוח פאַר ר׳ יוסף׳ן. און אויך ער האָט געשטרעבט צו זעמזעלביגען ציעל, וואָס ר׳ יוסף קמחי, דאָס הייסט, צו פערשפּרייטען יודישע און אַראַבישע וויסענשאַפטען אין די קריסטליכע מדינות. אָבער איינגעגעבען האָט זיך נ י ש ט א י ה ם, נאָר קמחי׳ן צו אימפּאָרטירען און צו פּאָפּולאַריזירען די יודיש־אַראַבישע וויסענשאַפטען אויסער די גרעניצען פון שפּאַניען. קמחי׳ס שפּראַך איז געווען קלאָרער, גלענצענדער; ער האָט בעסער און לייכטער געקענט בעהאַנדלען אַ פּראָבלעם, ער האָט פערשטאַנען שענער מסביר צו זיין, און מחמת־דעם איז ער געווען צוגענגליכער און בעסער צוגעפּאַסט צום שטודיום ווי ר׳ אַברהם אבן־עזרא, וועלכער האָט דידאָזיגע קוואַליטעטען נישט געהאַט פערמאָגט.

ר׳ יוסף קמחי איז געווען אַ גלענצענדער גראַמאַטיקער. זיין „ספר הזכרון״, דאָס ווערק איבער דער העברעאישער גראַמאַטיק, האָט נישט בלויז אַ היסטאָרישען ווערט, נאָר אויך אַ פּערמאַנענטען. ס׳איז אמת, אַז בכלל־גענומען איז ער אין גראַמאַטיק נישט געווען אָריגינעל; די אַלגעמיינע געדאַנקען זיינע אין דער שפּראַך־פאָרשונג, אין דער העברעאישער גראַמאַטיק זענען נישט געווען קיין נייע. זיי זענען שוין הויפּטזעכליך אַרויסגעזאָגט געוואָרען פון די פריהערדיגע גרויסע שעפער פון העברעאישער גראַמאַטיק און שפּראַך־פאָרשונג, וועלכע ער האָט זעהר גוט געקענט. דאָך האָט ער אין אייניגע פּרטים געשאַפען זאַכען, וואָס זענען ביז איהם נישט בעקאַנט געווען און וועלכע זענען געוואָרען פעסטגעשטעלטע געזעצען אויף שטענדיג. ער איז געווען דער ערשטער צו ענטדעקען די „תנועות קטנות״, צו בצפ׳גען דעם חילוק צווישען „תנועות קטנות״ און „תנועות גדולות״, וואָס איז ביז איהם פערעמד געווען. אַלע שפּעטערדיגע גראַמאַטיקער זענען געגאַנגען נאָך איהם, און זיינע געזעצען זענען געבליבען פעסט ביז היינטיגען טאָג. אויסערדעם איז ער געווען אַ גרויסער מקפּיד אויף דער שענקייט און קלאָרקייט פון דער שפּראַך, און אין זיינע עטימאָלאָגישע אויסטייטשונגען האָט ער זיך קיינמאָל נישט פערלאָזט אויף געוויסע השערות, נאָר ער האָט שטענדיג נאָכגעזוכט פערגלייכונגען אין די כתבי־הקודש, אין תלמוד, אין תרגום און אין אַראַביש, וועלכע ער האָט זעהר גוט געקענט.

אויסער דעמדאָזיגען „ספר הזכרון״ האָט ר׳ יוסף קמחי צו יענער צייט, שוין זעכציג יאָהר אַלט, אָנגעשריבען אַ לעקסיקאָגראַפיש ווערק, דאָס איז געווען דער „ספר הגלוי״. דערדאָזיגער ספר איז דערמאַהנט געוואָרען

פון זיין זוהן ר׳ דוד קמחי. אָבער אַזוי ווי קיינער האָט דעם ספר נישט געהאַט געזעהן, האָט מען נישט געוואוסט זיין ריכטיגען אינהאַלט. מאַנכע האָבען געזאָגט, אַז ער ענטהאַלט אַ ווכוח איבער׳ן קריסטענטום; מאַנכע האָבען געזאָגט, אַז ער ענטהאַלט אַ פירוש אויף די נביאים ראשונים. ווען מען האָט אָבער שפּעטער דעם ספר געפונען, האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דאָס איז אַ קריטיש ווערק, אין צווי טיילען, איבער דער העברעאישער גראַמאַטיק.

צו זיין צייט האָט אין צפון-פראַנקרייך געהאַט געלעבט דער בעוואוסטער תלמוד׳ישער זשעני, רבנו תם, וועלכער איז אויסער זיין גרויסקייט אין תורה אויך געווען אַ גוטער גראַמאַטיקער פון לשון־קודש און האָט געהאַט אָנגעשריבען אַ ספר, אין וועלכען ער פרובירט פערטיידיגען די גראַמאַטיקאַלישע און פילאָלאָגישע אויפפאַסונגען פון מנחם בן־סרוק געגען דעם אָנגריף פון זיין געגנער דונש בן־לברט. רבנו תם האָט געהאַט אָנגעוויזען, אַז אויסער אין אַ פּאָר ציטאַטען איז מנחם פולקאָם גערעכט, און זאָגט אַפילו, אַז דונש האָט מנחם׳ן זאָגאַר נישט פערשטאַנען ווי געהעריג. ר׳ יוסף קמחי אַלס גראַמאַטיקער האָט נישט מסכים געווען מיט׳ן רבנו תם; ער האָט זיינע אָנשויאונגען פרובירט אַרויסזאָגען אין דעם ערשטען טייל פון זיין „ספר הגלוי״. און ער האַלט דאָס רוב מיט דונש׳ן. דער צווייטער טייל בעשעפטיגט זיך מיט מנחם׳ס ווערטערבוך; ער גרייפט איהם אָן אין געוויסע פונקטען, וועלכע די פריהערדיגע קריטיקער האָבען געהאַט דורכגעלאָזט.

ר׳ יוסף קמחי איז אויך געווען אַ מפרש און דערצו אַ פּשטן, דער ערשטער פּשטן אין פּראָווענס. זיינע פאָרגענגער, ווי ר׳ משה הדרשן און ר׳ יהודה בן משה הדרשן פון טולוז, האָבען מבאר געווען די תורה על־פי דרש און האָבען נאָך דערצו געשאַפען נייע מדרשים. בלויז אין צפון-פראַנקרייך האָט מען דאַמאַלס פרובירט מבאר זיין די תורה על־פי פשט. דאָס זענען געווען אַזעלכע ריעזען ווי ר׳ מנחם בן־חלבן, רש״י, ר׳ יוסף קרא, רשב״ם, רבנו תם, ר׳ יוסף בכור־שור. כמעט די אַלע זענען געווען אין איין צייט מיט ר׳ יוסף קמחי, אָבער ער האָט פון זיי נישט געוואוסט. געהערט האָט ער נאָר פון רבנו תם, וועלכען ער רופט-אָן ר׳ יעקב הצרפתי. און נישט בלויז ער אַליין, נאָר אַפילו זיין גרויסער זוהן ר׳ דוד קמחי האָט אויך, אויסער רש״י׳ן, קיינעם פון די פראַנצויזישע מפרשים נישט געקענט, וואָרום אין זיינע פירושים דערמאָהנט ער אַלע פריהערדיגע מפרשים, און זיי נישט. ר׳ יוסף איז אַלס מפרש געווען אַ ריכטיגער פאַרשטעהער פון דער שפּאַנישער אינטערפּרעטאַציאָנס-שולע. ער האָט זיך געהאַלטען בלויז אָן פּשט און נישט געוואָלט אָראָבגעהן אין אַ זייט. ר׳ יוסף האָט אָנגעשריבען פיעל ספרים. ער האָט אָנגעשריבען דעם „ספר התורה״ — אַ פירוש אויף חומש; דעם „ספר המקנה״ — אויף די נביאים; אַ פירוש אויף משלי, שיר־השירים און איוב. אָבער פון די אַלע ספרים איז זעהר ווייניג געבליבען. זיין פירוש אויף משלי איז געדרוקט געוואָרען אינגאַנצען, און

טיילען אויך פון זיין פירוש אויף איוב. זיין ספר „חבור הלקט“ איז אינגאַנצען פערפאַלען געוואָרען. אַ סך פון זיינע פירושים זענען געבליבען צעוואָרפען אין זיינע גראַמאַטיקאַלישע ווערק, וואו ער גיט אויסטייטשונגען צו ווערטער און צו פסוקים פון תנ״ך.

ר׳ יוסף קמחי האָט אויך איבערגעזעצט פון אַראַביש אויף העברעאיש דעם „חובת הלבבות“ פון רבנו בחיי אבן־פקודא. ער האָט איהם נישט איבערגעזעצט ווערטערליך, ווי אַנדערע איבערזעצער, נאָר פריי; אַזוי פריי, אַז ער האָט אַריינגעטראָגען אין דעם ווערק זיינע אייגענע געדאַנקען. די דאָזיגע איבערזעצונג איז פערלוירענגעגאַנגען און בלויז פראַגמענטען זענען פון איהר געבליבען.

ר׳ יוסף קמחי איז מיט זיינע תורה־אינטערפרעטאַציעס און גראַמאַטיקאַלישע פאָרשונגען געווען אין פראָוואַנס אַ מין פּיאָנער; ער האָט אָבער געהאַט אַ ווירקונג אויך אויסער די גרעניצען פון זיין נייעם, פּראָוואַנסאַלישען לאַנד.

ג.

די דעבאַטע איבער קריסטענטום.

אינ׳ם פינסטערן מיטעלאַלטער פלעגען גאַנץ אָפט פאָרקומען רעליגיעזע וויכוחים צווישען די פאָרשטעהער פון דער קריסטליכער קירך, אייניגע פון זיי משומדים, און פאָרשטעהער פון דער יודישער אמונה. די קריסטליכע גלחים, וועלכע האָבען געהאַלטען אין איין העצען געגען יודען, האָבען געשטרעבט מיט אָט די מינים וויכוחים, וועלכע פלעגען פאָרקומען אויף גרויסע פאָלקס־פערזאַמלונגען, צו בעווייזען דעם קריסטליכען המון, אַז די קריסטליכע אמונה איז די אמת׳ע, די איינציגע — און זיי האָבען אַגב אויך געדענקט, אַז אויב זיי וועט געלינגען צו געווינען אויף זייער זייט איין גרויסען יודישען רב פון אַ וועלכער־עס־איז קהלה, וועלען זיך דאַן אַ סך יודען אָבקעהרען פון יודענטום און וועלען אָננעהמען די קריסטליכע אמונה. עס פערשטעהט זיך, אַז די יודישע רבנים און גאונים האָבען די דאָזיגע וויכוחים געהאַסט. הגם זיי האָבען אומעטום גובר געווען זייערע קריסטליכע אָפּאָנענטען, זענען זיי דאָך אויסגעשטאַנען כל׳ערליי פיזישע און מאָראַלישע יסורים, און יודישע קהלות זענען דאַן געשטאַנען אין סכנות. נאָר זיי האָבען זיך נישט געקאָנט העלפען; זיי זענען געווען געצוואונגען דערצו. וואָרום ווען זיי זאָלען זיך געווען אָבזאָגען אַרויסצוגעהן אין אַ וויכוח, וואָלטען די גלחים דאָס אויסגעטייטשט, אַז יודען האָבען מורא, אַז זיי, די יודען, קאָנען נישט בעווייזען די ריכטיגקייט פון זייער אמונה — און עס וואָלט נאָך, אַגב, געהייסען, אַז יודען האָבען בעליידיגט

די הייליגע פאַרשטעהער פון דער קריסטליכער קירך — און דעמאָלט וואָלט זייער לעבען און פערמעגען געווען געשטעלט אין גרויסער סכנה.

אַזאַ מין וויכוח-ווערק, אונטער'ן נאָמען „ספר הברית", איז געשאַפען געוואָרען פון ר' יוסף קמחי. עס זענען נישט בעקאַנט גענוי די אורזאַכען, וואָס האָבען צום דאָזיגען ספר געבראַכט. מאַנכע האַלטען, אַז דער וויכוח פון ר' יוסף קמחי מיט אַ קריסט איז קיינמאָל נישט פאָרגעקומען, נאָר אַז דער וויכוח, וואָס געפינט זיך אין זיין „ספר הברית", איז בלויז אַזאַ מין ליטעראַרישע פאָרם. עס הייסט, אַז ר' יוסף קמחי האָט געשריבען זיין ספר אין דער פאָרם פון אַ דיאַלאָג, אַזוי ווי ר' יהודה הלוי האָט געהאַט גע־שריבען זיין „ספר הכוזרי", כדי אָנצווזייזען, וואָס מען דאַרף ענטפערן די אַלע קריסטען, ווען זיי טשעפּען-זיך-צו צו דער תורה און צו די נביאים און ווילען בעווייזען, אַז נאָך אין חומש און אין די נביאים זענען פאַר־האַן אָנדייטונגען אויפ'ן אָנקומען פון יעזוס קריסטוס, און דער פועל־יוצא דערפון איז, אַז אַלע פרומע יודען, וואָס גלויבען אין דער תורה, מוזען אָנערקענען דעם נייעם משיח. עס זענען אויך פאַרהאַן מאַנכע, וואָס בע־הויפּטען, אַז טאַקע איינער אַ תלמיד זיינער האָט זיך געווענדעט צו איהם מיט אַ בקשה, ער זאָל צונויפזאַמלען אַלע שטעלען פון דער תורה און נביאים, וועלכע די קריסטען נוצען-אויס אַלס בעווייזען פאַר זייער נייער רעליגיע, און ער זאָל געבען אויף זיי אַן ענטפער, כדי יעדער איינער זאָל האָבען די מעגליכקייט אָבצוענטפערן די אַלע אָנגרייפער.

מען קאָן דידאָזיגע בעהויפּטונגען נישט בעשטרייטען. עס איז מעגליך, אַז ס'איז טאַקע אַזוי געווען; הגם באמת איז גאַנץ מעגליך, אַז עס איז אַזאַ מין וויכוח יאָ פאָרגעקומען און ר' יוסף קמחי האָט איהם פעראייביגט אין זיין ספר, אַזוי ווי דאָס האָט געטהאָן דער רמב"ן, ווען ער האָט גע־האַט זיינע וויכוחים. יעדענפאַלס, ווי דאָס זאָל נישט האָבען געשעהן, ר' יוסף קמחי האָט פּרובירט צעקלאַפּען די אַלע טענות פון די קריסטליכע פאַרשטעהער, אָנווייזענדיג, אַז די אמת'ע רעליגיע פון יודען קאָן מען דער־קענען פון זייער מאָראַלישער אויפפיהרונג. ער ווייזט-אָן, אַז אַלע יודען שטרעבען צו לעבען לויט די פאָרשריפטען פון דער תורה און גלויבען בלויז אין איין-איינציגען גאָט, נישט-אָנערקענענדיג קיין שום אַנדערע כחות אָרום. יודען פיהרען-זיך-אויף עטיש. זיי מאָרדען נישט, זיי רויבען נישט, זיי גיבען צדקה, זיי זענען גאַסטפריינדליך — זאַכען, וואָס זענען אין גע־בענזאַץ צו דער אויפפיהרונג פון די נישט-יודען.

דער קריסט האַלט אין איין שיטען מיט שאלות. ער נישטערט-דורך די גאַנצע תורה, ער נישטערט-דורך אַלע נביאים און שטעלט זיך אָב אויף יעדען פסוק, פון וועלכען ער קאָן אַרויסדרינגען כאָטש עפּעס פאַר זיינע נוצען. ער זאָגט, אַז די קריסטען גלויבען אין דער דריי-איינינקייט — אין פאָטער, זוהן און הייליגען גייסט. דערויף, זאָגט ער, איז פאַרהאַן אַ ראיה אין דער תורה. עס שטעהט: „ורוח אלקים מרחפת על־פני המים"; אַלזאָ,

איז דאָך פאַרהאַן אַ גייסט חוץ גאָט. דערויף האָט איהם ר׳ יוסף קמחי געענטפערט, אַז דער אויבערשטער, וואָס האָט געהאַט בעשאַפען די וועלט, האָט אויך בעשאַפען דעם גייסט. די גאַנצע יצירה איז דאָך פון גאָט. אָבער וואו איז דאָ דער זוהן? ווי קומט דער זוהן אהער? דאַן פרעגט דער קריסט ווייטער. עס שטעהט אין ישעיה: „כי ילד יולד־לנו, בן נתן־לנו ותהי המשרה על־שכמו, ויקרא אל שמו פלא יועץ, אל גבור, אבי־עד, שר־שלום". אויף וועמען האָט דאָס ישעיה נביאות געזאָגט, אויב נישט אויף יעזוס קריסטוס?

ר׳ יוסף קמחי ענטפערט איהם, אַז ער האָט דאָ געהאַט אַ גרויסען טעות. ערשטענס, שטעהט נישט אין פסוק „ויקרא א ל", נאָר „ויקרא שמו", דעמדאָזיגען טעות, צי בשוגג צי במזיד, האָט געמאַכט דער איבערזעצער פון דער תורה אין לאַטייניש, דער בעוואוסטער קריסטליכער מלומד, הערא־נימוס. און צווייטענס, איז די נבואה געזאָגט געוואָרען אויף חזקיהו מלך יהודה, וועלכער איז געוועזען דער היפוך פון זיין פאָטער אחז, דעם מלחמה־פיהרער. ישעיה האָט געטרייסט דאָס פאָלק, זאָגענדיג, אַז ס׳איז שוין גע־בוירען געוואָרען אַ קינד, וואָס וועט טראָגען אויף זיך די לאַסט פון מלכות בית־דוד. חזקיהו איז שוין דעמאָלט געוועזען געבוירען. דאָס, וואָס דער קריסט פרעגט איהם מכח דער בעדייטונג פון „פלא יועץ, אל גבור, אבי־עד, שר־שלום" — איז עס גאַנץ פשוט, ווייל דער זוהן, חזקיהו, איז געגאַנגען אין בעסערע וועגען ווי דער פאָטער. אויסערדעם, אויב עס וואָלט געוועזען אזוי ווי ער זאָגט, אַז דער פסוק מיינט דאָס דעם „זוהן", יעזוס׳ן, — האָט עס גע־דאַרפט דייטליך אויפגעקלערט ווערען אין פסוק, ווי דאָס ווערט געטהאָן דורך די נביאים, ווען עס קומט צו אַזאַ אונ׳שכל׳דיגער זאַך. וואָרום ווער וועט עס גלויבען, אַז גאָט איז אַריין אין בויך פון אַ פרוי? ווער וועט עס גלויבען, אַז דער גאָט פון דער וועלט איז געבוירען פון אַ פרוי און האָט געהאַט קורצע יאָהרען?

ביי זיינע ווייטערדיגע אַרגומענטען ווייזט איהם אָן ר׳ יוסף קמחי אויף דער יודישער מאָראַל, אויף די יודישע מעשים־טובים. יודען היטען־אָפּ שבת, יודען עהרען זייערע עלטערן, יודען זענען נישט פערזונקען אין תאוות, ביי יודען זענען נישטאָ קיין רוצחים, די יודישע פאַמיליע איז ריין, יודען געוועהנען קינדער צו לערנען תורה, יודישע קינדער זאָגען נישט קיין שמוציגע ווערטער, יודען לערנען די קינדער צו דאַווענען אַלע טאָג. ביי די קריסטען זענען אויך פאַראַן זאַכען, וואָס זענען פערבאָטען צו טהון, און דאָך פאָלגט מען נישט. ביי קריסטען זענען פאַראַן רוצחים, וואָס ליגען אין די וועלדער און ערמאָרדען די דורכפאָהרער אויף די וועגען; זיי הענגען זיי־אויף אויף די ביימער און שטעכען־אויס זייערע אויגען. ביי קריסטען ווערט געטריבען זנות אָהן אַ שיעור, און ס׳איז נישטאָ קיי־נער, וואָס זאָל דאָס בעקעמפען. ווען אַ יוד קומט צו אַ יוד, מעג ער זיין ביי איהם מעהרערע טעג, וועט מען ביי איהם קיין געלד נישט מאָהנען

דערפאַר. יודען לייזען־אויס זייערע געפאַנגענע. ביי קריסטען וועלען אורחים אויפגענומען ווערען גאַנץ פיין, נאָר ביינאַכט וועט מען זיי ערמאָרדען און מען וועט צונעהמען דאָס געלד פון זיי.

דער קריסטליכער פאָרשטעהער גיט־צו, אַז ר׳ יוסף איז אַביסעל גע־רעכט, ווייל צו יענער צייט איז די יודישע מאָראַל ווירקליך געשטאַנען זעהר הויך. אָבער ער טענה׳ט, אַז יודען האָבען קיין אמונה נישט. יודען בעהמען פראָצענט, וועהרענד ביי קריסטען זיינען פאַרהאַן נזירים, וואָס געהען אינגאַנצען אַוועק פון דער וועלט, פון אַלע תענוגים, און פֿאַראיי־ניגען זיך מיט גאָט. ר׳ יוסף קמחי ענטפערט איהם, אַז יודען לייהען טאַקע געלד אויף פראָצענט, אָבער דערפאַר נעהמען זיי קיין פראָצענט נישט פון אייגענע גלויבענסגענאָסען. די קריסטען אָבער נעהמען פראָצענט סיי פון יודען און סיי פון קריסטען, פון די אייגענע ברידער. וואָס אָנבעלאַנגט די נזירים, זענען זיי בלויז איינער פון טויזענד, פון צעהן טויזענד, אָבער אַלע איבריגע זענען פערזונקען אין תאוות עולם־הזה. אַפילו די קריסטליכע גלחים, וועלכע נעהמען קיין פרויען נישט, זענען פערטרונקען אין זנות. וואָס פאַר אַ ווערדע האָט דאָס ביסעל נזירים, ווען אַלע אַרום טרינקען זיך אין שמוץ?

דער קריסטליכער פאָרשטעהער בלייבט הינטערשטעליג, אָבער ער וויל נישט נאָכגעבען און ער פרעגט:

— וואָס העלפען אייערע גוטע מעשים, אויב איהר גלויבט נישט, אַז יעזוס איז געקומען פון מרים׳ען צו ראַטעווען די וועלט? ס׳איז אמת, אַז די קריסטען טהוען שלעכטע מעשים, אָבער דורך דער אמונה וועלען זיי אויסגעהיילט ווערען, וועלען זיי אויסגעריינינגט ווערען. אָבער אייערע גוטע מעשים זענען דאָך גאָרנישט ווערט, ווייל איהר קאָנט אַפילו קיין תשובה נישט טהון: וואָרום וואָס קאָן העלפען תשובה, אַז איהר גלויבט נישט אין יעזוס׳ן?

— ווי לעכערליך! — ענטפערט דערויף ר׳ יוסף קמחי. — מיר גלוי־בען אין גאָט, וואָס האָט בעשאַפען די וועלט, וועלכען קיין מענש קאָן נישט זעהן, וועלכען מען קאָן זיך אַפילו נישט פאָרשטעלען — „כי לא יראני האדם וחי״ — טאָ ווי־אַזוי קאָנען מיר גלויבען, אַז אָט דער גרויסער, פער־באָרגענער, אונזעהבאַרער גאָט איז אַריין אין בויך פון אַ פרוי און איז אַרויס פון בויך אַלס קינד, וואָס האָט קיין שכל נישט, וואָס איז נאַריש, וואָס ווייסט נישט פונדאַנען אַהער, וואָס איז הונגעריג, וואָס איז דורשטיג, וואָס זויגט דער מוטער׳ס מילך, וואָס וויינט און וואָס שלאָפט און שטאַרבט ווי אַלע איבריגע בעשעפענישען? ווי־אַזוי קאָן מען גלויבען אין אַזאַ גאָט? ניין, אין אַזאַ אמונה קאָנען מיר נישט גלויבען. מיין שכל לאָזט מיר נישט פערקלענערן די גרויסקייט און שענקייט פון גאָט. אַפילו ווען אַ קיסר זאָל זיך אָנטהון אין שמוציגע, צעריסענע בגדים און זיך איינשמירען אין שמוץ — וואָלט נישט געווען קיין עולה ווען מען גלויבט איהם נישט.

בפרט נאָך, אַז עס האַנדעלט זיך וועגען דעם מלך מלכי המלכים: ווען עס קומען מענשען און פערקלענערן זיין גרויסקייט און זיין פראַכט, ווער קאָן עס דאַן צווינגען צו גלויבען אין איהם?

— דאָס, וואָס ער האָט זיך געהאַט אַזוי ערנידעריגט, — ענטפערט דער קריסט, — איז עס נאָר צוליב בעשיידענהייט; ער האָט געוואָלט ווייזען דער וועלט אַ מוסטער פון ענוות. און ערשט ווען ער האָט בעוויזען מיט אותות ומופתים, אַז ער איז גאָט'ס זוהן, האָט מען איהם אָנגעהויבען גלויבען. און מחמת-דעם דאַרפען אַלע אין איהם גלויבען.

דערויף ענטפערט ר' יוסף קמחי:

— און אַז מען ווייזט ניסים, איז מען שוין אַ גאָט? אָט האָבען אונזערע נביאים אויך געוויזען ניסים, און דאָך האָבען מיר זיי נישט ערקלערט אַלס געטער.

דער קריסט פרעגט ווייטער:

— וואָס וועסטו זאָגען צום פסוק: „לא יסור שבט מיהודה ומחוקק מבין רגליו עד כי יבוא שילה"...? איז דען דאָס נישט געזאָגט געוואָרען אויף יעזוס קריסטוס? דערפאַר, וואָס איהר האָט אַזוי שלעכט בעהאַנדעלט יעזוס'ן, האָט איהר פערלוירען אייער מלוכה און מען האָט אייך פערטריבען פון אייער לאַנד.

ר' יוסף קמחי בעווייזט איהם, אַז „שילה" בעדייט נישט יעזוס. יעקב אָבינו האָט געבענשט די קינדער זיינע, דערביי בענשט ער יהודה'ן מיט'ן „לא יסור שבט מיהודה וכו' עד כי יבוא שילה". ער האָט דערמיט געמיינט, אַז ביז דוד המלך וועט קומען, וועט די יודישע הערשאַפט נישט פערשוואונדען ווערען. ערשט דוד המלך וועט אויפבויען די מלוכה. ווי-אַזוי קומט אָהער יעזוס, אַז פיער הונדערט יאָהר פאַר יעזוס'ן איז שוין מלכות בית־דוד געוועזן אונטערגעגאַנגען?

דאַן קומט דער קריסט מיט אַ נייער שאלה:

— וואָס וועסטו זאָגען צום פסוק: „הנה הבתולה הרה ויולדת בן וקראת שמו עמנואל"? אויסער מרים'ען איז נישט געוועזן אויף דער וועלט קיין אַנדער בתולה, וואָס האָט געהאַט אַ קינד. און דערפאַר הייסט ער עמנואל, ווייל יעזוס איז געוועזן גאָט'ס זוהן.

דערויף ענטפערט איהם ר' יוסף קמחי:

— אייער גרויסער היראָנימוס האָט בכלל פאַלש איבערזעצט אונזערע כתבי־הקודש. אין ישעיה שטעהט נישט „בתולה", נאָר „עלמה". „עלמה" הייסט אַ פרויענצימער, סיי זי איז אַ בתולה, סיי זי איז נישט קיין בתולה. היראָנימוס האָט דאָ אָבער געמאַכט אַ טעות. ער האָט פשוט נישט פערשטאַנען דעם פשט. אויסערדעם, אויב אַ בתולה האָט קינדער, וואָס קאָן מען דערפון דאָ אַרויסדרינגען? ווּעלען מענשען זאָגען, אַז זי איז געוועזן אַ זונה און דאָס קינד איז נישט קיין כשר'ס. וואָס אָנבעלאַנגט „עמנואל", האָט דער נביא געמיינט דעם קעניג חזקיהו, וועלכער האָט אָנגעהויבען געהן

אין גאָט׳ס וועגען, וועהרענד זיין פאָטער, אָחז, האָט זיך געהאַט אָבגעקעהרט פון גאָט׳ס וועגען. —

דערדאָזיגער וויכוח נעהמט־אַרום אַלע וויכטיגע פראַגען, וואָס האָבען אַ שייכות צו די עיקרים פון דער קריסטליכער אמונה, וועלכע די קריסטען האָבען געוואָלט פערפעסטיגען מיט פסוקים פון דער תורה. אַלע הויפּט־פּונקטען זענען אַרויסגעשטעלט געוואָרען און אַלע זענען פון קמחי׳ן צע־קלאַפּט געוואָרען דורך זיינע רעליגיעזע אַרגומענטען. אינטערעסאַנט איז דאָ דערביי, וואָס עס האָט דעמאָלט דאָך געמוזט הערשען אַ געוואַלטיגע רעלי־גיעזע פרייהייט, ווען מען האָט אין אַזאַ שאַרפער פאָרם געקאָנט אָנגרייפען די עיקרים פון דער קריסטליכער אמונה. און נישט סתם אָנגרייפען, נאָר זאָגאַר צונישטמאַכען די עיקרים, אויף וואָס דאָס גאַנצע קריסטענטום איז באַזירט. עס פערשטעהט זיך, אַז ס׳איז שווער געווען איינער דעם צווייטען צו איבערצייגען. יעדערער איז געבליבען ביי דאָס זייניגע. עס איז אָבער וויכטיג דער מוט, וואָס ר׳ יוסף קמחי האָט אַרויסגעוויזען מיט זיינע עפענט־ליכע אָנשויאונגען וועגען קריסטענטום אין אַ קריסטליך לאַנד, דאַן, אין מיטעלאַלטער, ווען די קירך האָט געפּרובט הערשען איבער דער מלוכה!

ר׳ יוסף קמחי האָט געלעבט 65 יאָהר. ער איז געשטאָרבען אין יאָהר 1170, איבערלאָזענדיג צוויי זיהן מלומדים — ר׳ משה קמחי און ר׳ דוד קמחי. ר׳ משה קמחי, דער עלטערער זוהן, איז געווען אַ גרויסער מפרש און מדקדק. ער האָט געמאַכט פּירושים אויף משלי, עזרא, נחמיה און אויך אויף איוב; ער האָט געשאַפען דאָס ווערק „מהלך שבילי דעת", וואָס איז געווען דאָס ערשטע מעטאָדישע טעקסט־בוך פון דער העברעאישער גראַמאַ־טיק, און ער איז געווען דער ערשטער צו געברויכען דעם פעל „פקד" אַלס מוסטער. דאָסדאָזיגע ווערק איז איבערזעצט געוואָרען אויף לאַטייניש מיט אַ פּירוש פון בעקאַנטען גראַמאַטיקער ר׳ אליהו בחור. פיעל בעדייטענדער און פון גרויסער ווירקונג איז געווען דער יונגערער זוהן — ר׳ דוד קמחי, מפורסם מיט׳ן נאָמען רד"ק.

ר׳ דוד קמחי.

א.

זיין לעבען און זייז פערזענליכקייט.

די וויסענשאַפטליכע פאָרשונגען פון דער העברעאישער שפּראַך, די נייע פילאָזאָפיע און עטישע שטודיען און אויך די תורה-אינטערפּרעטאַציעס אויף דעם פשוט׳ען, איינפאַכען אופן, וועלכע זענען אײַנגעפלאַנצט געוואָרען אין פּראָוואַנס דורך ר׳ יוסף קמחי, זענען שפּעטער פאָרטגעזעצט און פערפולקאָמט געוואָרען דורך זיין זוהן, ר׳ דוד קמחי.

ס׳איז טאַקע אמת, אַז אויך ר׳ דוד קמחי איז נישט געווען פון די גרויסע וויסענשאַפטליכע ריזען און פון די בעדייטענדע אָריגינעלע שעפערישע כחות, וועלכע האָבען אַזוי געשטראַהלט אין שפּאַניען און אין צפון-פראַנקרייך. פּראָוואַנס איז געבליבען שטעהן אין מיטען פון דידאָזיגע צוויי גרויסע קולטור-צענטרען און האָט נישט געקאָנט דערגרייכען אַזוי הויך, ווי איינס פון די ביידע לענדער. פּראָוואַנס האָט נישט געאָטעמט מיט דעם גרויסען תלמוד׳ישען גייסט, ווי דאָס לאַנד פון רש״י און רבנו תם, און איז אויך נישט געווען גענוג קינסטלעריש און וויסענשאַפטליך אָנגעהויכט, ווי דאָס לאַנד פון ר׳ יונה אבן־גנאח, פון ר׳ יהודה הלוי און פון רמב״ם. ר׳ דוד קמחי איז אָבער דאָך געווען אַ בעדייטענדע קראַפט פאַר׳ן קולטורעלען אויפשוואונג פונ׳ם פּראָוואַנסאַלען און אויך פונ׳ם איבריגען יודענטום. זיין פאָטער האָט געהאַט איבערגעלאָזט פיעל בעדייטענדע תלמידים, וואָס זענען געגאַנגען אין זיין דרך און האָבען געהאַט אויסגעאיבט אַ געוויסע ווירקונג אויפ׳ן גייסטיגען לעבען פונ׳ם דעמאָלטיגען יודענטום אין לאַנד, אָבער די בעסטע תלמידים זיינע זענען געווען זיינע אייגענע קינדער, פריהער ר׳ משה און דערנאָך ר׳ דוד.

ר׳ דוד קמחי איז אונבעדינגט געווען אַ בעדייטענדער אײַנפלוסרייכער פּראָוואַנסאַלער גראַמאַטיקער און תורה־מפרש. ער האָט אויסגעאיבט אַ גרויסע ווירקונג אויף זיין אייגענער צייט, סיי אין דער יודישער און סיי

אין דער נישט-יודישער וועלט, און האָט אָנגעהאַלטען זיין פרישקייט און פּאָפּולאַריטעט ביי יודען ביז'ן היינטיגען טאָג. ער האָט שוין בעוויזען אַרויסצוגעהן הויך אויפ'ן געביעט פון דער העברעאישער שפראַך-פאָרשונג, לעקסיקאָגראַפיע און תורה-אינטערפּרעטאַציע. ער איז געווען אומפּאַסענד און מאָדערן און איז געאַכטעט געווען ביי די אַלע שפּעטערדיגע גראַמאַ-טיקער און לעקסיקאָגראַפען אין אַ משך פון עטליכע הונדערט יאָהר. ער איז אויך געווען דער מוסטער פאַר פיעל נאָכקומענדע. ווי וויט זיין פּאָ-פּולאַריטעט און זיין חשיבות איז געווען גרויס אין דער געלערענטער וועלט און אויך ביים פאָלק איז צו זעהן דערפון, וואָס וועגען איהם איז געזאָגט געוואָרען: „אם אין קמח — אין תורה"; עס האָט געהייסען, אַז אָהן קמחי'ן, אָהן זיין פירוש, איז שווער צו פערשטעהן די תורה. עס זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבען געהאַלטען, אַז דאָס, וואָס דער רמב"ם איז געווען אין זיין צייט אויפ'ן געביעט פון פילאָזאָפיע, איז ר' דוד קמחי געווען אין זיין צייט אויפ'ן געביעט פון דער העברעאישער שפראַך-פאָר-שונג און הויפּטזעכליך מיט זיינע קלאָרע און פשוט'ע ביאורים אויף דער תורה.

ר' דוד קמחי איז, אויסער אַ גראַמאַטיקער אָדער סיסטעמאַטיקער פון דער גראַמאַטיקאַלישער וויסענשאַפט, געווען אויך מפרש, אינטערפּרעטאַטאָר; ער האָט ליעב געהאַט — חוץ ביי איינצעלנע פאַלען — דעם ריינעם פשט, אָהן שום צומישונג פון דרש און פילאָזאָפיע. ער האָט ליעב געהאַט צו ערקלערען און אויסצוטייטשען אַ פסוק דורך דער ריינער שפּראַכליכער בעדייטונג, לויט דער פילאָלאָגישער בעדייטונג פון וואָרט און לויט'ן פשוט'ען זין פון דעם ענין. דורך זיין שטרעבען צו אינטערפּרעטירען די תורה לויט'ן פשוט'ען פשט, האָט ער אין שטרענג טראַדיציאָנעלע קרייזען בעקו-מען אַ נאָמען אַלס ליבעראַלער, אַלס פרייער אויסטייטשער, וואָס האָט אין יענע יאָהרען געשמעקט מיט סכנות. געוויסע טראַדיציאָנעלע פערזאָנען האָ-בען איהם געדראָהט מיט אַ חרם — און, ווי מאַנכע ווילען האָבען, איז ער טאַקע אַריינגעלעגט געוואָרען אין חרם. הגם דאָס איז אייגענטליך נישט בעשטעטיגט געוואָרען. איבריגענס, צי ר' דוד קמחי איז מוחרם געוואָרען אָדער נישט — זיינע געוויסע אויסטייטשונגען פון פסוקים און פון מאַנכע געשעהענישען זענען געווען צו-פריי פאַר יענער שטורמדיגער צייט אינ'ם יודישען רעליגיעזען לעבען, הגם באמת איז ער אויף דעמדאָזיגען געביעט פון פרייע אינטערפּרעטאַציעס אויף דער תורה נישט געווען קיין פּיאָנער. שוין ר' סעדיה גאון האָט זיך דאָך געהאַט ערלויבט צו מאַכען געוויסע ליבעראַלע פירושים אויף דער תורה און פּרובירט אויסטייטשען געוויסע נסים דורך אַלעגאָריע, בדרך־משל. אַזעלכע עהנליכע אינטערפּרעטאַציעס זע-נען געמאַכט געוואָרען פון אַנדערע פריהערדיגע מפרשים. אויב מען האָט אָבער פון יענע זיך געמאַכט נישט־וויסענדיג, אָדער מען האָט מאַנכע פון זיי מוחל געווען צוליב זייער תלמוד'ישער גרויסקייט און פרומקייט, האָט

מען איהם נישט געוואָלט מוחל זיין און מען האָט איהם געגעבען אָנצוהערעניש, אַז די אָרטאָדאָקסישע וועלט איז נישט צופרידען פון זיינע מאָדערנע, פרייע פירושים. ר׳ דוד קמחי האָט גאַנץ גוט פערשטאַנען, וואָס דאָס הייסט און מיט וואָס דאָס שמעקט... איבערהויפּט ווען אַלע האָבען נאָך געוואוסט, אַז ער איז אַ גרויסער אָנהענגער פון רמב״ם׳ס פילאָזאָפיע און נייע אידעען, וועלכע זענען געווען שטאַרק פערשפּרייט אין פּראָוואַנס, אָבער זענען געווען שטאַרק פערבאָטען אין די עקסט-רעכטע קרייזען פון׳ם פראַנצויזישען און טיילווייז אויך פון׳ם שפּאַנישען יודענטום. ער האָט זיך אָבער געפיהלט פולקאָם גערעכט אין זיין שיטה. ער איז געווען צו־גרויסער צדיק און צו־גרויסער למדן אויף מורא צו האָבען פאַר מעגליכע רדיפות מצד געוויסע קנאים פאַר זיינע ליבעראַלע אויסטייטשונגען.

ר׳ דוד קמחי האָט אָנגעהויבען צו שאַפען זעהר שפּעט, וואָס טרעפט זעהר זעלטען ביי בעדייטענדע פערזענליכקייטען. עס איז אָנגענומען, אַז ביז ער איז אַלט געוואָרען פערציג יאָהר האָט ער נישט געהאַט געשאַפען קיין איין-איינציגע שורה, נישט אויף׳ן געביעט פון גראַמאַטיק, נישט אויף׳ן געביעט פון תורה-פאָרשונג, פון תורה־אינטערפּרעטאַציע. אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט אַרויסגעבראַכט, איז געשאַפען געוואָרען ווען ער איז שוין געווען איבער פערציג. דאָס פּרובירט מען בעווייזען דערמיט, וואָס אין זיין ערשטען ספר ציטירט ער אַ פּאָר שטעלען פון׳ם „מורה נבוכים״, וואָס זיין איבערזעצונג אין העברעאיש דורך אבן־תיבון איז פערענדיגט געוואָרען ערשט אין יאָהר 1205. אויסערדעם בעציהט ער זיך שטענדיג אויף׳ן רמב״ם אַזוי ווי ער וואָלט שוין געווען טויט. און ס׳איז דאָך בעקאַנט, אַז דער רמב״ם איז געשטאָרבען אין יאָהר 1205.

איז עס געווען דערפאַר, ווייל ער האָט פריהער אַליין אַ סך געלערענט און האָט פיעל צייט אָבגעגעבען אויף צו האָבען חיונה? קיין פערמעגען האָט ער זיכער נישט געהאַט. דער פאָטער, ר׳ יוסף קמחי, איז געווען אַן אָרימאַן אין דער אַלטער היים, אין שפּאַניען, און נישט קיין קלענערער אָרימאַן אין׳ם נייעם לאַנד, וואוהין ער האָט געהאַט איינגעוואַנדערט, אין פּראָוואַנס. ווען דער פאָטער איז געשטאָרבען, איז דער יונגער קמחי געווען אַלט אַ יאָהר צעהן. ער האָט זיך דעריבער געמוזט ערציהען ביי זיין עלטערען ברודער ר׳ משה, וועלכער האָט מיט איהם געלערענט תורה. ער האָט זיך אָבער מיט תלמוד אַליין נישט בענוגענט. ער האָט שטודירט די העברעאישע גראַמאַטיק פון די פריהערדיגע גרויסע יודישע גראַמאַטיקער און געלערענט תנ״ך מיט די ביאורים פון אַלע מפרשים, וואָס זענען געווען ביז איהם, און, פערשטעהט זיך, אויך מיט די פירושים פון זיין פאָטער. קיין אַראַביש האָט ר׳ דוד קמחי נישט געקענט: אין די קריסטליכע לענדער האָט מען דידאָזיגע שפּראַך וועניג געלערענט. ער האָט נאָר געקענט אַראַביש, וואָס ער האָט געהערט רעדען אין שטוב. דאָך געפינט מען ביי איהם פירושים און גראַמאַטיקאַלישע פאָרשונגען פון ר׳ סעדיה גאון,

פון ר׳ האי גאון, פון ר׳ יהודה אבן־קורייש און פון ר׳ יהודה אבן־בלעם, וועלכע האבען געשריבען בלויז אויף אראביש. איבערהויפט ברענגט ער פיעל פירושים פון ר׳ יונה אבן־גנאח, וועלכער האט אויך געשריבען בלויז אויף אראביש; נאר דא איז מעגליך, אז ער האט שוין געהאט פאר זיך די העברעאישע איבערזעצונג. ער איז אבער געווען א מייסטער פון לשון־קודש, אין דער גראמאטיק און אין דער פילאלאגיע, און א גרויסער קענער פון תנ״ך. דערויף, אויף אט די אלע שטודיען, האט ער אבגעגעבען א סך צייט, און נאך א גרויסע צייט האט ער זיך אבגעגעבען מיט מלמדות; ער האט געלערענט תורה און די העברעאישע שפראך מיט יונגע בחורים, און דאס איז געווען דער איינציגער קוואל פון זיין עקזיסטענץ. איז דאס געווען די סיבה דערפון, וואס ער האט אנגעהויבען שאפען אזוי שפעט, ערשט אין די פערציגער?

איך שיהיה — ס׳איז יעדענפאלס נישט אזוי וויכטיג. ער האט דורכגעלאזט א צייט פון שאפען; דערפאר איז אבער דאס, וואס ער האט שפעטער געשאפען, געווען פון וויכטיגקייט און גרויסער ווירקונג.

ב.

דער „מכלול״ און דער פירוש אויף תורה.

דאס ערשטע ווערק, וואס ר׳ דוד קמחי האט געהאט געשאפען, איז געווען דער „ספר המכלול״, וואס איין טייל זיינער בעשעפטיגט זיך מיט גראמאטיק, און דער צווייטער טייל, וועלכען מען האט אנגערופען „ספר השרשים״, איז א לעקסיקאן אויף צו פערטייטשען אלע ווערטער אין די כתבי־הקודש. דערדאזיגער „מכלול״ איז נישט געווען קיין אריגינעלע שאפונג אין פולען זין פון ווארט. ער האט נישט מחדש געווען קיין נייע זאכען אין דער גראמאטיקאלישער וויסענשאפט. ר׳ דוד קמחי אליין האט אפען ערקלערט, אז ער איז נישט געקומען מיט דעמדאזיגען ספר צו שאפען נייע כללים אין דקדוק. ער האט צונויפגעזאמעלט און דורכגענומען דעם גאנצען פיעלפאכיגען מאטעריאל, וואס האט זיך געהאט אנגעקליבען אין דער גראמאטיקאלישער וויסענשאפט ביז איהם, און ער האט איהם אויף א מוסטערהאפטען אופן אנאליזירט, קריטיקירט, אויסגעשליפען, ארומגעטאקט און ענדליך סיסטעמאטיזירט. ער איז אבער נישט געווען סתם א קאמפילאטאר. ער האט אריינגעטראגען אין דעם גאנצען מאטעריאל זיין אייגענעם גייסט, זיין אייגענעם טאלאנט און זיין אייגענע בעלויכטונג. ער האט פון דעם פערשידענארטיגען מאטעריאל, פון די אלע אויפטהואונגען אויפ׳ן געביעט פון דער העברעאישער גראמאטיק אין א משך פון יאהרען, געשאפען א גאנצען, איינהייטליכען בנין, א קונסטפול וויסענשאפטס־ווערק. ער האט קלאר־בעמאכט פאר דער וועלט זיינע גרויסע פארגענגער, ער האט זייערע אידעען

געבראַכט צו אַ פולקאָמענעם אויסדרוק, ער האָט אַלע זייערע חידושים גע־בראַכט צו איין צענטער, צו איין זאַמעלפונקט און האָט זיי דאַן פאָפולאַרי־זירט. און דערפאַר האָט דאָס ווערק טאַקע געהייסען „מכלול", ווייל עס האָט אַריינגענומען אַלץ, דעם גאַנצען פערשידענאַרטיגען מאַטעריאַל, וואָס עס איז נויטיג געווען פאַר דער גראַמאַטיק פון דער העברעאישער שפּראַך.

אָט די אַלאומפאַסענדקייט און פולקאָמענהייט איז אייגענטליך געווען די איינציגע סיבה, וואָס דער „מכלול" האָט געהאַט אַזאַ גרויסען ערפאָלג און ער איז געוואָרען דאָס סטאַנדאַרד־בוך פאַר דער העבראַישער גראַמאַטיק. דער „מכלול" איז פאַר יאָהרהונדערטער שפּעטער געוואָרען אָנגענומען אַלס קאַנאָן פון דקדוק, פאַר דער פאָרשונג פון דער העברעאישער שפּראַך. ער האָט פערשטעלט אַלע זיינע פאָרגענגער, אָפילו יענע, וועלכע האָבען געווי־סע טיילען פון גראַמאַטיק בעאַרבייט אַ סך גרינדליכער און וויסענשאַפטלי־כער ווי ער. דערצו איז דער „מכלול" געוואָרען דאָס סטאַנדאַרד־בוך פאַר דקדוק ניט בלויז צווישען יודען, נאָר אויך צווישען קריסטליכע געלעהרטע, וועלכע האָבען אָנגעהויבען שטודירען העברעאיש אין דער צייט פון דער הומאַניסטישער בעוועגונג, אין דער צייט, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען די אונצופרידענהייט און דער קאַמף געגען רוים, וואָס האָט זיך געענדיגט מיט'ן נצחון פון מאַרטין לוטער. דער „מכלול" איז איבערגעזעצט געוואָרען אויף לאַטייניש און אויך בעאַרבייט געוואָרען אויף לאַטייניש.

דער ערשטער, וואָס האָט אַריינגעבראַכט דאָס שטודיום פון לשון־קודש צווישען קריסטען, איז געווען יאָהאַן רייכלין, דער גרויסער הומאַניסט און קעמפער געגען יודישע גזרות, וועלכער האָט אַליין פערפאַסט אַ העברע־אישע גראַמאַטיק. רייכלין האָט געהאַט געלערענט העברעאיש ביי פיעל יודישע געלעהרטע. ער האָט געלערענט די תורה מיט פערשידענע פירושים. ער האָט געלערענט גמרא און קבלה. ער האָט אויך געלערענט העברעאיש ביי ר' עובדיה ספורנו. אָבער דער באַזיס פון אַלע זיינע העברעאישע שטודיען איז געווען דער „מכלול" פון ר' דוד קמחי. רייכלינ'ס אייגענע גראַמאַטיק, וועלכע איז אַגב געווען די ערשטע העברעאישע גראַמאַטיק, וואָס איז דירעקט געשריבען געוואָרען פון אַ קריסט, איז געבויט אויף קמחי'ס „מכלול". מיט רייכלינ'ס גראַמאַטיק אין לאַטייניש האָבען זיך בע־נוצט שפּעטער אויך אַנדערע קריסטליכע געלעהרטע. אויך מאַרטין לוטער, דער שעפער פון דער רעפאָרמאַציע, האָט זיך געהאַט בענוצט מיט רייכלינ'ס גראַמאַטיק בעת ער האָט שטודירט העברעאיש — און אַזוי־אַרום איז אויס־געקומען, אַז ר' דוד קמחי'ס „מכלול" האָט געהאַט אַ גרויסען איינפלוס אויף בעדייטענדע פאָרשטעהער פונ'ם קריסטענטום, וועלכע האָבען געשעפּט פון איהם אַלע זייערע העברעאישע קענטעניסען.

פון דער שפּראַך־פאָרשונג איז ר' דוד קמחי אַריבער צו דער אינ־טערפּרעטאַציע פון די כתבי־הקודש, מיט וואָס ער האָט פעראייביגט זיין נאָמען אין דער יודישער וועלט. אָנגעפאַנגען האָט ער מיט „דברי הימים",

גראָד מיט דעם איינציגען ספר פון גאַנץ תנ"ך, וועלכער איז פון די מפרשים פערנאַכלעסיגט געוואָרען און ס'האָט געשיינט, אַז קיינער אינטערעסירט זיך מיט איהם נישט. עס איז גאַנץ מעגליך, אַז אויך ע ר וואָלט נישט אָנגע-הויבען מיט אַזאַ אונפּאָפּולערען ספר. אָבער עס האָט זיך גראָד געמאַכט, אַז איינער פון זיין פאָטער'ס תלמידים, וועלכער האָט געלערענט אין גע-ראָנאַ, אין שפּאַניען, האָט איהם געבעטען, אַז ער זאָל שרייבען אַ פירוש אויף „דברי הימים" — און מחמת-דעם האָט ער, וועלענדיג צוליב טהון דעם פאָטער'ס אַ תלמיד, אָנגעהויבען זיין פירוש פון דעמדאָזיגען ספר. שפּעטער האָט ער געשריבען זיין פירוש אויף תהלים, אויף די נביאים ראשונים און נביאים אחרונים, און אויך אַ ספּעציעלען פירוש אויף חומש, פון וועלכען דער ספר בראשית איז געדרוקט געוואָרען.

אין זיינע אינטערפּרעטאַציעס האַלט זיך ר' דוד קמחי אָן דעם ריינעם פשט און ער שטיצט זיך הויפּטזעכליך אויף די תרגומים, אויף די פירושים פון זיין פאָטער און אָפטמאָל אויך אויף רש"י. ער פערטייטשט דאָס וואָרט, ער בעצייכענט זיין גראַמאַטיקאַלישע פאָרם און ער אינטערפּרעטירט דעם פסוק; אָבער וואו עס איז נויטיג, איז ער מבאר דעם גאַנצען ענין. אין זיין הקדמה צו מלכים ב' גיט ער אַ סך-הכל און אַן איבערבליק איבער די היסטאָרישע פּאַסירונגען און איבער די בעוועגונגען פון סנחריב'ן, ווי מען זעהט פון פערשידענע טיילען פון די כתבי-הקודש. ער איז אָפט אויך מבאר מיט מדרשים אין תלמוד, אָבער ער סעפּאַרירט זיי, ער טיילט זיי אָב בע-זונדער, אַזוי, אַז יעדער איינער קאָן אָננעהמען דעם פשט ווי ער וויל. ער ברענגט אָפט פירושים פון זיין פאָטער, אָבער נישט אַלעמאָל איז ער מיט איהם מסכים. זיין פאָטער האָט שטענדיג געזוכט מיט עפּעס צו בעצייכע-נען די דאָפּעלטע ווערטער; ער האָט שטענדיג געהאַלטען, אַז דאָס איז נישט געזאָגט געוואָרען אומזיסט, און זיי מוזען דעריבער האָבען אַ געוויסע כוונה. אויף „בנים גדלתי ורוממתי והם פשעו בי" זאָגט ר' יוסף קמחי, אַז די דאָפּעלטע ווערטער זענען דאָ נישט אומזיסט, און ער טייטשט זיי דע-ריבער: „גדלתים בתורתי ורוממתים בשכינתי". ר' דוד קמחי אָבער האַלט, אַז די פערדאָפּלונג פון די ווערטער איז נאָר צו פערשטאַרקען דעם ענין. דאָס איז די שענקייט פון דער שפּראַך, ווי דאָס איז צו זעהן אין פיעל אַנדערע ערטער אין תנ"ך.

די אינטערפּרעטאַציעס פון ר' דוד קמחי אויף תהלים פון די לעצטע אויסגאַבען זענען בלויז אַ קיצור און דערצו מיט אַ סך טעותים. עס שיינט, אַז מחמת דעם, וואָס דער פירוש איז געווען צו-לאַנג, האָבען מאַנכע דרוי-קערס מקצר געווען, ווי זיי האָבען געוואָלט, און האָבען אַזוי-אַרום געמאַכט אַ חורבן פון דעם פירוש. זיי האָבען גענומען אַ סך ווערטפולע ביישפּיע-לען, וועלכע קמחי האָט געבראַכט צו אַ געוויסער אויסטייטשונג פון אַ פּסוק, און האָבען זיי אַרויסגעוואָרפען. דאָרט, וואו ר' דוד קמחי האָט גע-בראַכט צוויי פירושים, צוויי פערשידענאַרטיגע אינטערפּרעטאַציעס, כדי מען

זאָל קאָנען אויסוועהלען וועלכען פירוש מען וויל, האָבען זיי איבערגעלאָזט איינעם, דעם, וועלכער זיי איז געפעלען געוואָרען. זיי האָבען אַרויסגעוואָרפען אַ מאמר חז״ל. זיי האָבען דעם פירוש צעהאַקט אָהן שום רחמנות — און מן־הסתם מאַטערען זיך אַ סך אויף דעם פירוש פון ר׳ דוד קמחי, וועלכער איז אין זיין אָריגינעלער פאָרם געווען גאַנץ קלאָר.

ער איז געגאַנגען אין רמב״ם׳ס וועג, וועלכער פרובירט אויסטייטשען די נסים פון דער תורה און נביאים על־פי דרך הטבע. ער האָט געזוכט אויסצוטייטשען דעם טעקסט אַזוי ווי ער איז און אַזוי ווי דער פשוט׳ער שכל איז מחייב. דאָך איז ער אַ פּאָר מאָל אַרונטער פון זיין געוועהנליכער שיטה, פון זיין פשט-סיסטעם, און איז אַוועק מיט זיינע אויסטייטשונגען אויף אַ גאַנץ אַנדער וועג — אויף דעם וועג פון אַלעגאָריע, ווי דאָס איז צו זעהן ביי מעשה־מרכבה און מעשה־בראשית. דאָ האָט ר׳ דוד קמחי זיך געפרובט אַנטקלאָזען שווימען אין דער וועלט פון בילדער און אַלעגאָריעס, פאַרשטעלענדיג געוויסע ערשיינונגען און פּאַסירונגען אויף אַ גאַנץ אַנדער אופן, וואָס האָט איהם, נאַטירליך, געגעבען די מעגליכקייט צו זיין אַ ביסעלע פרייער אין די אינטערפּרעטאַציעס. קין ווערט ביי איהם אַ סימבאָל פון אַנ׳אינדוסטריעלען אַרבייטער. ער האָט, קענטיג, פרובירט געפינען אין די פסוקים איינצעלנע געדאַנקען, צו וועלכע ער אַליין איז דערגאַנגען. זאָגאַר דער גן־עדן איז ביי איהם אַנ׳אַלעגאָריע. און טאַקע דערפאַר איז ער קריטיקירט געוואָרען סיי אין זיין אייגענער צייט, סיי אין די שפּעטערדיגע צייטען.

דאָך איז זיין פירוש שטאַרק אויפגענומען געוואָרען אין דער יודישער וועלט — ביי די פראַנצויזישע, דייטשע און איטאַליענישע יודען. ער איז געוואָרען זעהר פּאָפּולער, וואָס איז צו זעהן פון די פיעל מאַנוסקריפּטען, וועלכע געפינען זיך אין פערשידענע ביבליאָטעקען, און פון די פיעל געדרוקטע אויסגאַבען. עס זענען זאָגאַר פאַרהאַן אין די ביבליאָטעקען פיעל מאַנוסקריפּטען פון מפרשים אויף חומש, וועלכע זענען בעאַרבייט געוואָרען כמעט אינגאַנצען פון קמחי׳ס ווערק, ווי, למשל, דער געדרוקטער „מכלל יופי״ פון ר״ש בן־מלך, וועלכער איז אַ פולשטענדיגע קאָפּיע פון רד״ק׳ס „ספר השרשים״ און פון זיינע אַנדערע ספרים.

זיין פירוש אויף תהלים איז געווען איינער פון די ערשטע העברעאישע ספרים, וואָס זענען געדרוקט געוואָרען נאָך דער ערפינדונג פון דרוקעריי. זיין פירוש אויף ישעיה איז אין צעהן יאָהר, צווישען 1482 און 1492, געדרוקט געוואָרען דריי מאָל. און דאָס האָט מען שוין געדרוקט נישט פאַר געלעהרטע, נאָר פאַר בעלי־בתים. צוליב ר׳ דוד קמחי האָט מען ממש פערגעסען די פריהערדיגע מפרשים, וועלכע האָבען געהאַט געשריבען אויף אַראַביש. קמחי און אבן־עזרא — די ביידע זענען עס געווען די הויפּט-זיילען פון דער דעמאָלטיגער „מאָדערנער״ אויסטייטשונג. זיי ביידע זענען עס געווען די, וואָס האָבען געבויט אַ בריק צווישען די שפּאַנישע

און פראַנצויזישע מפרשים. קמחי האָט נאָך ספּעציעל געהאַט, אַזוי צו זאָגען, דאָס מזל, אַז זיין פּירוש, פּונקט אַזוי ווי זיין גראַמאַטיק, זאָל האָבען אַנ׳איינפלוס אויף די קריסטען. קמחי׳ס ווערק זענען עס געווען די, וועלכע זענען צום ערשטען מאָל איבערזעצט געוואָרען אויף אַנדערע שפּראַכען — און מחמת-דעם האָט ער אויסגעאיבט אַנ׳איינפלוס אויף די קריסטליכע אויס-טייטשער און איבערזעצער פון דער תורה. אַז לוטער איז געגאַנגען איבער-זעצען די תורה אויף דייטש, האָט ער זיך בענוצט מיט די אויסטייטשונגען פון רש״י. לוטער האָט רש״י נישט געקענט פון אָריגינאַל. ער האָט זיך אָבער בענוצט מיט דער לאַטיינישער איבערזעצונג פון ניקאָלאַי דע לירא, וועלכער האָט יאָ געלערענט חומש מיט רש״י. אָבער אַז מען איז געגאַנגען איבערזעצען די תורה אויף ענגליש — „קינג דזשיימס ביבעל״ — האָט מען זיך בענוצט מיט די פּירושים פון ר׳ דוד קמחי. די „קינג דזשיימס ביבעל״ איז כמעט דורכאויס אויסגעטייטשט געוואָרען לויט קמחי׳ס פּירוש.

ג.

זיינע טענות געגען די עיקרים פון קריסטענטום.

פּונקט אַזוי ווי זיין פאָטער, ר׳ יוסף, אַזוי האָט אויך ר׳ דוד גע-שריבען איבער דעם מהות פון קריסטענטום און פּרובירט בעשטרייטען די עיקרים פון דערדאָזיגער אמונה. עס וואָלט בעצם נישט געווען קיין נפקא-מינה, צי ער האָט דידאָזיגע רעיונות אַרויסגעזאָגט בעת ער האָט באמת געהאַט אַ דעבאַטע מיט אַ קריסט איבער דער קריסטליכער אמונה, צי ער האָט זיי געבראַכט צום אויסדרוק סתם אַזוי, אין דער פאָרם פון אַ וויכוח. אַזוי, צי אַזוי — די טענות פון די קריסטען פון יענער צייט און אויך פון די משומדים, וועלכע זענען געווען פיעל ערגער פאַר די געבוירענע קריס-טען, זענען געווען דיזעלביגע. זיי האָבען אַלץ געפּרובט בעווייזען, אַז דאָס ערשיינען פון ייעם משיח איז ביי פערשידענע געלעגענהייטען פאָרויסגע-זאָגט געוואָרען אין דער תורה און אין די נביאים, ווי אויך, אַז די עיקרים פון זייער אמונה זענען אַזוי פעסט און געזונט, אַז זיי קאָנען בשום-אופן נישט בעשטריטען ווערען. און אין וואָס פאַר אַ פאָרם די תשובה וואָלט געגעבען געוואָרען, וואָלט עס געווען אינטערעסאַנט יעדענפאַלס. דאָסמאָל אָבער האָט ר׳ דוד קמחי אַרויסגעזאָגט זיינע מיינונגען איבער׳ן קריסטענ-טום בעת ער האָטווירקליך געהאַט אַ וויכוח, נישט קיין עפענטליכען, נאָר אַ פּריוואַטען וויכוח מיט אַ יונגען קריסט.

ר׳ דוד האָט איהם געפרעגט:

— בעת יעזוס האָט מתפלל געווען פאַר גאָט, אַז ער זאָל איהם העלפען — האָט ער געוואָלט די ישועה, צי נישט? אויב דו וועסט זאָגען אַז יאָ, האָט ער דאָך געהאַט פערגעסען זיין מיסיע, צוליב וואָס ער איז אַראָב אויף דער וועלט. ווארום געקומען איז ער דאָך, ווי איהר זאָגט,

אויסצושלייזען די וועלט פון זינד דורך זיינע פערזענליכע יסורים. האָט ער, ווידער, נישט געוואָלט קיין ישועה — ווי קאָן דאָס עמיצער מתפלל זיין אויף אַ זאַך, וואָס ער פערלאַנגט נישט? אויסערדעם, איז וויכטיג צו וויסען, אויף וואָס ער האָט מתפלל געווען: אַז ס׳זאָל געראַטעוועט ווערען זיין קערפער, צי זיין געטליכקייט? אויב דו ווערסט זאָגען, אַז ער האָט געבעטען צו ראַטעווען זיין קערפער — איז דאָך זיין תפילה נישט אָנגענומען געוואָרען. און אויב ער האָט געבעטען וועגען זיין געטליכקייט — זוכט דען די געטליכקייט געראַטעוועט צו ווערען? נאָך אַ פונקט: בעת ער האָט מתפלל געווען וועגען הילף, האָט ער זיך געקאָנט ראַטעווען, צי נישט? אויב דו ווערסט זאָגען, אַז ער האָט געקאָנט, — איז עס דאָך אַ שטות, וואָרום דער, ווער עס קאָן זיך אַליין ראַטעווען, בעט נישט קיין הילף ביי אַ צווייטען. און אויב ער האָט נישט געקאָנט זיך ראַטעווען און האָט זיך געבעטען, מען זאָל איהם ראַטעווען — איז ער דאָך אַ שוואַכלינג, איז ער דאָך קיין גאָט נישט.

דער קריסט פרעגט:

— אין דער תורה און אין די נביאים ווערען דערצעהלט פיעל נסים און נפלאות, וועלכע זענען געגען דער נאַטור, און דאָך גלויבט איהר אין זיי און אָנערקענט זיי — פאַרוואָס גלויבט איהר נישט אין דעם וואונדער פון מרים׳ען און איהר זוהן?

ר׳ דוד קמחי ענטפערט:

— די מעשה מיט מרים׳ען און איהר זוהן וואָלט געקאָנט זיין אַ וואונדער, אויב זי וואָלט טראָגעדיג געוואָרען צו אַכט אָדער צעהן יאָהר, ווען פרויען זענען נאָך נישט רייף צו טראָגען קינדער. דעמאָלט וואָלטען אַלע סקעפּטיקער געמוזט שווייגען. די גאַנצע וועלט וואָלט דעמאָלט געזאָגט, אַז אַזאַ וואונדער איז נאָך קיינמאָל נישט געשעהן. אָבער ביי מרים׳ען איז דאָך אַלץ געגאַנגען אויפ׳ן נאַטירליכען וועג. קודם איז זי טראָגעדיג געוואָרען ווען זי איז אַלט געווען דרייצעהן יאָהר. איז שוין איין וואונדער אַראָב. דאַן האָט זי געהאַט אַ מאַן. איהר מאַן איז געווען יוסף, ווי עס זאָגט אַליין אייער אַפּאָסטאָל מאַטעאוס. היינט וויבאַלד אַז זי האָט געהאַט אַ מאַן, טאָ פאַרוואָס דאַרף איך זאָגען, אַז זי איז טראָגעדיג געוואָרען פון אַ הייליגען גייסט, ווען מיר קאָנען זאָגען פשוט, אַז זי איז טראָגעדיג געוואָרען פון איהר אייגענעם מאַן. נאָך מעהר, בעת הורדוס האָט געהאַט פערשריבען אַלע טראָגעדיגע פרויען פון בית־לחם, האָט ער געפרעגט מרים׳ען, פון וועמען זי איז טראָגעדיג, און זי האָט געענטפערט, אַז זי איז טראָגעדיג פון יוסף׳ן. עס ווערט אויך ביי אייך געשריבען, אַז נאָכדעם ווי מרים האָט געבוירען דאָס קינד, האָט זי נישט געוואָלט געהן אין בית־המקדש, ביז עס וועלען נישט אַריבער די פערציג טעג. און ווען זי איז דערנאָך אַוועק אין בית־המקדש, האָט זי געבראַכט די שתי תורים און די שני בני יונה, — איינס אַלס קרבן־עולה, און דאָס צווייטע אַלס קרבן־חטאת, — ווי דאָס

פלעגען טהון אַלע פרויען, וואָס האָבען געבוירען קינדער. אויב עס זאָל אַלזאָ זיין אמת, ווי איהר זאָגט, אַז מרים איז געבליבען אַ בתולה אַפילו נאָכדעם ווי זי האָט געהאַט געבוירען דאָס קינד — טאָ צו־וואָס האָט זי געדאַרפט ברענגען אַ קרבן־חטאת, אַז זי איז גאָר נישט קיין טמאָה, אַז זי האָט נישט געזינדיגט? איז דאָך טאַקע דערפון די ראיה, אַז זי איז נישט געבליבען קיין בתולה, — סיידען, נאַטירליך, אַז זי האָט געזאָגט אַ ליגען, און געבראַכט אַ קרבן־חטאת דעמאָלט, ווען זי האָט עס גאָר נישט געדאַרפט ווען זי איז נישט קיין טמאָה געווען...

אויף דער בעהויפטונג פון קריסט, אַז משיח איז שוין געקומען, האָט איהם ר׳ דוד קמחי געענטפערט:

— איך קאָן בעווייזען מיט קלאָרע ראיות, אַז משיח איז נאָך נישט געקומען:

א. דער אמת׳ער משיח וועט האָבען זיין אויפגאַבע צונויפצוזאַמלען אַלע צוזייהטע און צושפּרייטע יודען, ווי עס שטעהט אין ספר ישעיה: „ונשא נס לגוים ואסף נדחי ישראל ונפוצות יהודה יקבץ מארבע כנפות הארץ״.

ב. דער אמת׳ער משיח וועט דאַרפען צוריק אויפבויען ירושלים און דעם בית־המקדש, ווי עס שטעהט אין זכריה: „שבתי אל־ציון ושכנתי בתוך ירושלים... הנני מושיע את עמי מארץ מזרח ומארץ מבוא השמש... תחזקנה ידיכם... ביום יוסד בית ה׳ צבאות ההיכל להבנות״...

ג. דער אמת׳ער משיח וועט ברענגען דעם אייביגען פרידען אויף דער וועלט, ווי עס שטעהט אין ישעיה: „למרבה המשרה ולשלום אין־קץ על כסא דוד ועל ממלכתו״...

ד. דער אמת׳ער משיח וועט הערשען איבער אַלע מלכים און אַלע מלוכות אין דער וועלט, ווי עס שטעהט אין תהלים: „וְיֵרְד מִיָּם עד־ים ומנהר עד־אַפסי־אָרץ... וישתחוו לו כל־מלכים, כל־גוים יעבדוהו״.

ה. דער אמת׳ער משיח וועט ברענגען דערצו, אַז עס וועלען אויפהערען מלחמות אויף דער וועלט, ווי עס שטעהט אין ישעיה: „וכתתו חרבותם לאתים וחניתותיהם למַזמֵרות, לא ישא גוי אל־גוי חרב ולא ילמדו עוד מלחמה״...

— אַלזאָ, — פערענדיגט ר׳ דוד קמחי זיין ענטפער צום קריסט, — איז דען דאָס אַלץ דורכגעפיהרט געוואָרען דורך אייער משיח?

ד.

דער קאַמף פאַר׳ן רמב״ם.

צו יענער צייט, דאַמאָלס ווען ר׳ דוד קמחי איז געווען אַ יונגערמאַן, האָט נאָך דער רמב״ם געהאַט געלעבט און זיין ווירקונג אויף פערשידענע

טיילען פונ׳ם יודענטום, הויפטזעכליך אויף די יונגע גייסטער, איז געווען פון אויסעראָרדענטליכער קראַפט. דער רמב״ם איז געווען אַנ׳עפּאָכע-מאַכענ-דער זשעני. ער האָט מיט זיינע געניאַלע שאַפונגען אויפגעטרייסעלט די יו-דישע וועלט. ער האָט געהאַט בעאונרוהיגט די בעסטע מוחות פון זיין צייט און אויך פון די שפּעטערדיגע צייטען.

בעזונדערס פּאָפּו. ער און בעליעבט איז ער געווען אין פּראָוואַנס, וואו מען איז געווען דורשטיג נאָך אַ ניי וואָרט, נאָך אַ נייעם געדאַנק — און עס פערשטעהט זיך, אַז ר׳ דוד קמחי איז געווען איינער פון די פיעל בעגייסטערטע, וועלכע זענען אַרונטערגעפאַלען אונטער׳ן היפּנאָז פונ׳ם רמב״ם׳ס זשעני, פונ׳ם רמב״ם׳ס אידעען. אָט דידאָזיגע השפעה פון רמב״ם האָט זיך אָבגעשפּיגעלט אין רד״ק׳ס פּירושים צו די כתבי־הקודש, הויפטזעכליך אין זיינע אינטערפּרעטאַציעס פון מעשה־בראשית און פון מעשה־מרכבה.

די צפון-פראַנצויזישע יודען זענען וועניג בעקאַנט געווען מיט׳ן רמב״ם׳ס ספרים; און די, וואָס האָבען יאָ געקענט זיינע ווערק, זענען גראָד געווען זיינע שאַרפע געגנער. זיינע געדאַנקען, זיינע אידעען, וואָס ער האָט אַרויס-געבראַכט אין זיינע פילאָזאָפישע ווערק, זענען געווען אַזוי ניי און אַזוי רעוואָלוציאָנעריש פאַר די שטרענג קאָנסערוואַטיווע פראַנצויזישע יודען, פאַר די גרויסע תלמידי־חכמים, אַז זיי האָבען אין רמב״ם געזעהן אַ מין געפאַהר פאַר׳ן יודענטום, פאַר דער יודישער אמונה. די פראַנצויזישע יודען, וועלכע זענען ווייט געווען פון פילאָזאָפיע און וויסענשאַפט, נאָר זענען געווען פער-טיפט בלויז אין תורה, אין תלמוד, אין הלכה, האָבען לגמרי נישט גע-קאָנט פערשטעהן, צו-וואָס מען דאַרף די תורה און די אמונה בעשטעטיגען מיט וויסענשאַפט און מיט פילאָזאָפיע. פאַר דעם, וואָס גלויבט אין דער תורה, פאַר דעם, וואָס איז אַנ׳אמת׳ער בעל־מאַמין, דאַרף מען נישט קיין ראַיות פון חכמה און פון פילאָזאָפיע. פאַר מאַמינים איז אַלץ גלאַט, אַלץ ריכטיג, אַלץ פערענטפערט און ס׳איז נישטאָ קיין שום קשיא. אַגב האָבען זיי גע׳טענה׳ט, אַז פונ׳ם רמב״ם׳ס פילאָזאָפיע, פונ׳ם רמב״ם׳ס אויסטייטשונגען פון פערשידענע ערשיינונגען אין דער תורה איז צו זעהן, אַז ער איז נישט קיין ריכטיגער מאַמין — און אַפילו ער אַליין זאָל יאָ זיין אַ מאַמין, קאָנען אָבער זיינע אינטערפּרעטאַציעס און אידעען אַראָבפיהרען פון וועג יענע מענשען, וואָס זענען נישט גענוג אָנגעהויכט מיט׳ן רוח התורה.

עס פערשטעהט זיך, אַז כל־זמן דער רמב״ם האָט געלעבט, האָבען אַלע זיינע געגנער געוויסערמאַסען געשוויגען. דען ווי זיי זענען געווען בייז אויף איהם צוליב זיינע ליבעראַלע אויסטייטשונגען צו פערשידענע ערשיי-נונגען אין דער יודישער אמונה, האָבען זיי דאָך געוואוסט, אַז ער איז דער גרעסטער תלמיד־חכם, דער גרעסטער בעל־תורה אין זיין צייט — און לער-נען תורה און מחדש זיין די תורה האָט שטענדיג אַראָבגעוואויגען צו דער גוטער זייט. מהאי טעמא האָט מען אויך געהאַט פערקוקט געוויסע אינטער-פּרעטאַציעס פון ר׳ סעדיה גאון, פון ר׳ שמואל בן־חפני גאון און אַנדערע

גדולים, וואָס האָבען זיך געהאַט ערלויבט מאַנכע ספורים און געשעהענישען אין דער תורה פאַרצושטעלען בדרך־משל, אין אַן אַלעגאָרישער פאָרם.

אַנ׳אמת׳ער אויפשטאַנד האָט זיך אָנגעהויבען געגען רמב״ם ערשט נאָך זיין טויט. דאַמאָלס האָבען די פראַנצויזיש־יודישע קנאים געפונען אַ געלע־גענהייט זיך אָבצורעכענען אויב נישט מיט׳ן רמב״ם אַליין, איז וועניגסטענס מיט זיינע ספרים. דער הויפּט־אָנפיהרער פון קאַמף געגען רמב״ם איז געווען ר׳ שלמה פון מאָנפעליע, וועלכער האָט זיך געהאַט געווענדעט צו אַלע גרויסע רבנים, אַז זיי זאָלען איהם העלפען מחרים זיין דעם רמב״ם. און היות אַ סך גדולים האָבען אַזוי ווייט נישט געוואָלט געהן, הגם זיי זע־נען אויך נישט געווען קיין גרויסע חסידים פון רמב״ם, האָט ר׳ שלמה מיט נאָך אַ פּאָר פון זיינע תלמידים דעם רמב״ם ענדליך דאָך מחרים געווען און מען האָט אַפילו זיינע ספרים פערברענט. — דאָס איז גע־ווען דער אָנהויב פון דער קאַטוילישער אינקוויזיציע אויף יודישע ספרים. שפּעטער האָט מען שוין אויך גענומען ברענען דעם תלמוד. — דערדאָזיגער חרם האָט אַרויסגערופען אַזאַ פערביטערונג צווישען די אָנהענגער פון רמב״ם, אַז מען האָט אויך ר׳ שלמה׳ן מיט זיינע תלמידים מחרים געווען, און דער קאַמף האָט זיך צעשפּיעלט אין פולער קראַפט.

די אָנהענגער פון רמב״ם האָבען געפונען סימפּאַטיע און שטיצע ביי אַ סך רבנים אין פּראָוואַנס און מען האָט אויך געוואָלט בעקומען די צו־שטימונג פון רמב״ם׳ס אָנהענגער אין שפּאַניען. בעזונדערס האָט מען גע־וואָלט בעקומען דעם גרויסען תלמיד־חכם און דענקער פון טאָלעדאָ ר׳ יהודה אַלפּאַכאַר. ער האָט אייגענטליך געהאַלטען מיט די געגנער פון רמב״ם און ער האָט געזאָגט, אַז ר׳ שלמה האָט זעהר ריכטיג געטהאָן, וואָס ער האָט מחרים געווען די ספרים פון רמב״ם און זיינע אָנהענגער. די אָנהענגער פון רמב״ם האָבען אָבער געדענקט, אַז ר׳ יהודה איז דאָ פערפיהרט געוואָרען, און זיי האָבען זיך דעריבער בעמיהט איהם צו גע־ווינען אויף זייער זייט.

ר׳ דוד קמחי איז שוין דאַמאָלס געווען אַלט און שוואַך אויך, אָבער זיינע פריינד האָבען איהם צוגערעדט, ער זאָל מאַכען אַ רייזע איבער שפּאַניען צו געווינען די יודישע קהלות און ר׳ יהודה׳ן אויף דעם רמב״ם׳ס זייט. דאָס בעווייזט, אַז ר׳ דוד קמחי איז שוין דאַמאָלס געווען בעריהמט נישט בלויז אין פּראָוואַנס אַליין, נאָר אויך אויסער די גרענעצען פון דעם לאַנד. און זייענדיג אַ גרויסער חסיד פון רמב״ם, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט אויף דער נסיעה.

זיין רייזע איז געווען אַ טריאומף־צוג. ער איז געגאַנגען פון שטאָדט צו שטאָדט, פון ישוב צו ישוב, און אומעטום האָט ער געוואונען אויף זיין זייט אַלע רבנים, וועלכע האָבען עפענטליך ערקלערט אַ חרם אויף ר׳ שלמה פון מאָנפעליע. דאָס אַלץ איז אָבער נישט געווען זיין הויפּט־ציעל. ער האָט בעוואָלט געווינען ר׳ יהודה׳ן, זייענדיג זיכער, אַז אויב ער זאָל צושטעהן

צו די אָנהענגער פון רמב״ם, וועט זיך ר׳ שלמה מוזען אונטערגעבען און עס וועט ווערען שלום אין די יודישע רייהען.

ער האָט זיך דעריבער אוועקגעלאָזט קיין טאָלעדאָ. אָבער ווען ער איז געקומען קיין אווילא, איז ער קראַנק געוואָרען. איהם קורירען איז געקומען דער הויף-דאָקטאָר פונ׳ם קעניג פון קאָרדאָווא, ר׳ שלמה בן־דוד, און ער האָט איהם פעראָרדענט, אז באַלד ווי ער וועט קומען צו-זיך, זאָל ער תיכף פאָהרען צוריק אַהיים. עס איז איהם דאָמאָלס קיין אַנדער ברירה נישט געבליבען ווי צו שרייבען צו ר׳ יהודה׳ן א בריעף וועגען דעם צוועק פון זיין רייזע. ער האָט דעם בריעף אָנגעשריבען און האָט איהם אָבגעשיקט טאַקע דורך דעם קעניגליכען דאָקטאָר ר׳ שלמה בן־דוד.

אין דעמדאָזיגען בריעף בעקלאָגט זיך ר׳ דוד קמחי אויף איהם, פאַרוואָס ער שטעהט פון וויטען און קריטיקירט נישט ר׳ שלמה׳ן און זיינע צוויי תלמידים, וועלכע האָבען געהאַט די חוצפה אַרויסצוטרעטען געגען רמב״ם. ער בעט אויך ר׳ יהודה׳ן, אַז ער זאָל זיך פעראייניגען מיט די אָנהענגער פון רמב״ם און זאָל אויך מחרים זיין ר׳ שלמה׳ן און זיינע תלמידים. דען ווען דאָס וועט פאַסירען, וועט ר׳ שלמה אויפהערען צו קעמפפען.

ר׳ דוד קמחי האָט אָבער דאָ געהאַט אַ טעות. ר׳ יהודה איז געווען אַ גאַנץ אַנדער מענש, ווי ר׳ דוד האָט זיך געהאַט פאָרגעשטעלט. ר׳ יהודה אַלפאַכאַר איז געגאַנגען צוזאַמען מיט די געגנער פון רמב״ם און האָט זיי געגעבען גערעכט און זייערע האַנדלונגען, הגם עפענטליך איז ער פאַר זיי נישט אַרויסגעטראָטען. ער האָט נישט פיינט געהאַט דעם רמב״ם און זיין שיטה. ר׳ יהודה אַלפאַכאַר איז אַליין אויך געווען אַ דענקער. ער האָט אָבער געהאַלטען, אַז אויב מען וועט זיך פערטיעפען אין רמב״ם, וועלען נישט אַלע קאָנען בייסטעהן און זיי וועלען אַראָב פון דרך־הישר. ער האָט געהאַלטען, אַז פילאָזאָפיע מיט רעליגיע קאָן מען נישט ברענגען צו אַ האַרמאָנישער פעראייניגונג. נאַטירליך האָט דאָ ר׳ יהודה אויך געמאַכט אַ גרויסען טעות, מיינענדיג, אַז מיט חרמות וועט מען קאָנען פערניכטען דאָס דענקען, אַז צוליב די חרמות וועט מען אויפהערען טראַכטען. יעדענפאַלס, ר׳ יהודה האָט געהאַלטען מיט ר׳ שלמה׳ן פון מאָנפעליע און האָט ר׳ דוד׳ן אַפילו נישט געענטפערט. דאָס איז געווען אַ געוואַלדיגע בעליידיגונג. אָבער נאָך אַ גרעסערע בעליידיגונג איז געווען בעת ער האָט איהם שפעטער יאָ געענטפערט. ער האָט איהם בעהאַנדעלט ווי אַ יונגעל, ווי אַ לייכטזיניגען יונגעל — און דאָס האָט שרעקליך אויפגעבראַכט אַלע אָנהענגער פון רמב״ם. זיי האָבען זיך, אַגב, אויך ענטטוישט אין ר׳ יהודה׳ן, זעהענדיג, אַז נישט-נאָר ער געהט מיט די קנאים פון פראַנקרייך, נאָר אַז ער פאַרמאָגט אַפילו קיין טאַקט נישט.

אין זיין קורצען בריעף צו ר׳ דוד קמחי שרייבט ר׳ יהודה, אַז ר׳ שלמה פון מאָנפעליע איז גערעכט, און זאָגט: „די פערלאַנגסט פון מיר צו רעדען מיט די זקני העיר, מיט איהרע חכמים, כדי מחרים צו זיין דעם רב

התמים ר׳ שלמה און אויך זיינע צוויי תלמידים. חלילה צו טהון אזא זאך — מחרים צו זיין אזעלכע צדיקים, וועלכע זענען מקנא קנאת ה׳ צבאות״.

דערביי גיט ער א שארפע אנצוהערעניש ר׳ דוד קמחי׳ן, אז ער דארף בעסער שווייגען, ווייל ער אליין איז אויך נישט אין ארדנונג דערמיט, וואס ער האט פריי אויסגעטייטשט דעם ענין פון מעשה־מרכבה און האט זיך ארויסגעזאגט, אז ווען משיח וועט קומען, וועלען בטל ווערען די „הויות דאביי ורבא״.

ר׳ דוד קמחי האט זיך געפונען נידערגעשלאגען. ער איז געקומען צו ר׳ יהודה׳ן בעטען הילף — און צום סוף האט איהם ער גאר אנגעגריפען, אזוי, אז ער מוז זיך גאר אליין פערטיידיגען! ווארום יענע יאהרען האבען אזעלכע שארפע ווערטער געשמעקט מיט א שטיקעל חרם...

ר׳ דוד קמחי האט ר׳ יהודה׳ן געענטפערט מיט א בריעף, אבער שוין אין א רוהיגען טאן. ער האט איהם ערקלערט, אז ער איז נישט ארונטער פון גערעכטען וועג, פון אמת׳ען וועג... „און איך בין עס דער, — האט ער ווייטער געשריבען צו איהם, — וואס האלט שטארק פון הויות דאביי ורבא, און ס׳איז נישטא קיין שום רב אין פראנקרייך און אין שפאניען, וואס זאל מדקדק זיין אין די רייד פון חז״ל, סיי ווען זיי זענען מקיל און סיי ווען זיי זענען מחמיר, מעהר פאר מיר. און וואס איך האב געשריבען, איז נאר דער ריינער אמת. ווארום ווען משיח וועט קומען, וועלען ווירקליך בטל ווערען די אלע הויות, ווייל עס וועט נישט זיין קיין שום ספק און קיין שום קשיא אין אונזער תורה, דען איין שפראך און איין משפט וועט זיין פאר אלעמען גלייך. און אויב איך האב פרובירט ארויפגעהן אויפ׳ן לייטער, וועלכען דער רמב״ם האט געהאט אוועקגעשטעלט, איז קיין וואונדער נישט. דען אויך דו בעשעפטיגסט זיך מיט חכמה, און נישט ווי די פראנצויזען, וועלכע האבען מחרים געווען יעדען איינציגען, וועלכער בעשעפטיגט זיך מיט חקירה״.

ר׳ דוד קמחי האט פערענדיגט זיין מיסיע דורך דער קארעספאנדענץ, וואס ער האט געפיהרט מיט ר׳ יהודה׳ן, און איז אבגעפאהרען צוריק אהיים. ווען ער איז אנגעקומען קיין בורגאס, איז ער געוואויר געווארען, אז מען האט פערברענט דעם רמב״ם׳ס ספרים. דאן האט ער אנגעשריבען נאך א בריעף צו ר׳ יהודה אלפאכאר און איהם געפרעגט: „נו, און אויך איצט ווייסטו שטיצען און העלפען די שונאים פון גאט? עס וואלט געווען א שאנד פאר דיין גרויסען פירשטליכען פאטער, וואס דו ביזט אין איין האנד מיט עקעלהאפטיגע מענשען״.

ר׳ יהודה האט נאך אלץ פרובירט פערטיידיגען ר׳ שלמה׳ן, אבער פון דעם שלאכטפעלד איז ער אוועק. שפעטער, ווען איינער פון די גרעסטע פערזענליכקייטען פון נארבאן, ר׳ משולם בן־קלונימוס, האט אנגעגריפען ר׳ יהודה׳ן דערפאר, וואס ער האט בעליידיגט אזא אלטען חכם ווי ר׳ דוד קמחי, האט ער דערזעהן, אז ער האט אריבערגעכאפט די מאס.

ער האָט זיך דאַן פאַר ר׳ דוד׳ן ענטשולדיגט און אויך ער האָט סוף־כל־סוף ר׳ שלמה׳ן פערלאָזען.

ר׳ דוד קמחי האָט שוין נאָך דעם נישט לאַנג געלעבט: בסך־הכל א יאָהר. די גרויסע מאָראַלישע ליידען, וואָס ער האָט דורכגעלעבט אין דער צייט פונ׳ם קאַמף, האָבען דערנעהנטערט דעם טויט, און אין יאָהר 1235 האָט ער פערלאָזט די וועלט.

ר׳ יוסף אבן־כספי.

א.

זייז יוגענד, פאַמיליען-לעבען, וואַנדערונג און שטודיום.

איינער פון די מערקווירדיגסטע פערזענליכקייטען, וואָס פּראָוואַנס האָט אַרויסגעגעבען, איז געווען ר׳ יוסף אבן־כספי — מיט׳ן פולען נאָמען: ר׳ יוסף בן אבא מארי בן יוסף בן יעקב כספי, אָדער ווי ער האָט געהייסען מיט זיין פּראָוואַנסאַלישען נאָמען: באָנאַפו דע לאַרזשאַנטיערא, פון אַרזשאַנ-טיער — פונוואַנען עס שטאַמט אויך זיין פאַמיליע-נאָמען כספי, פ ו ן כ ס ף („אַרזשאַן״ = זילבער).

ר׳ יוסף אבן־כספי איז געווען אַ העכסט אינטערעסאַנטע, אָריגינעלע פיגור. ער איז געווען גוט אויסגעבילדעט אין תלמוד און איז געווען אַ זעלטענער מייסטער פון די כתבי־הקודש. ער איז אויך געווען פילאָזאָפיש און וויסענשאַפטליך גוט אויסגעבילדעט און איז געווען אויסערגעוועהנליך שעפעריש. ער איז געווען אַ גרויסער קענער פון יודישער געשיכטע. ער האָט געקענט, אַזוי צו זאָגען, די פילאָזאָפיע פון דער געשיכטע. ער האָט גוט פערשטאַנען צו אַנאַליזירען געשיכטליכע ערשיינונגען און האָט צום ערשטען מאָל געגעבען געוויסע אָנדייטונגען אויף דער לאָגיק, אויף דער געזעצמעסיגקייט פון דער געשיכטע, אַזוי אַז ער האָט אויפ׳ן גרונד פון אָט דער געזעצמעסיגקייט געקענט פאָרויסזאָגען דעם ווייטערדיגען לויף פון דער געשיכטע. ער איז אָבער דערביי נישט געווען קיין קאַבינעט-מענש, וואָס איז פערזונקען אין זיינע וויסענשאַפטליכע פאָרשונגען, וואָס איז אָבגעזונ-דערט פון דער וועלט, פון מענשען. פערקעהרט, ר׳ יוסף אבן־כספי איז גראָד געווען אַ מעורב עם הבריות. ער האָט ליעב געהאַט געזעלשאַפט, ער האָט ליעב געהאַט מענשען. ער האָט אַפילו פערקעהרט מיט קריסטען, מיט קריסט-ליכע גלחים. זייענדיג אַ קענער פון לאַטייניש און פּראָנצויזיש-פּראָוואַנסאַ-ליש, האָט ער שטודירט אויך די קריסטליכע שריפטען און מחמת-דעם פלעגט ער מיט זיינע בעקאַנטע גלחים שטענדיג האָבען פּריוואַטע וויכוחים איבער׳ן קריסטענטום. ס׳איז קענטיג, אַז ער איז געווען פערקאָכט אין אָט דידאָזיגע

וויכוחים, דען אין אַלע זיינע ספרים רעדט ער שטענדיג וועגען די „טענות הנוצרים״ און בעמיהט זיך שטענדיג זיי צו בעשטרייטען.

ר׳ יוסף אבן־כספי איז געוועזן דער אמת׳ער יודישער וועלטליכער חכם, וואָס האָט אַזוי גוט פערשטאַנען דעם מענשליכען כאַראַקטער, וואָס האָט אַזוי גוט געקענט די מענשליכע שוואַכקייטען און די מענשליכע גרויס־קייטען. ר׳ יוסף אבן־כספי איז געוועזן אַ שטענדיגער וואַנדערער. ער האָט בעזוכט פערשידענע שטעדט און פערשידענע לענדער. אין דערדאָזיגער בע־ציהונג פערגלייכט מען איהם צו ר׳ אַברהם אבן־עזרא — מיט׳ן איינציגען אונטערשייד, וואָס אבן־עזרא איז געוועזן אַן אָרימאַן און האָט געוואַנדערט מחמת נויט, און ר׳ יוסף אבן־כספי איז געוועזן אַ גביר און האָט געררייזט צוליב פערגעניגען, צוליב שטודיום. אויף דידאָזיגע נסיעות האָט זיך אבן־כספי געטראָפען מיט פערשידענע מענשען, מיט פערשידענע פעלקער, שטו־דירענדיג זייערע זיטען, זייערע מנהגים, זייער גאַנצען אַרט לעבען — און אַט די אַלע בעאָבאַכטונגען, די אַלע לעבענס־ערפאַהרונגען און קענטניסען, וועלכע ער האָט געהאַט ערוואָרבען אויף זיינע רייזעס, האָט ער שפּעטער מיט גרויסער געשיקטקייט אויסגענוצט ביי זיין אינטערפּרעטירען די כתבי־הקודש.

עס איז נישט בעקאַנט גענוי, ווי־אַזוי ער האָט געהאַט פערבראַכט זיין יוגענד, וואו און ביי וועמען ער האָט געהאַט בעקומען זיין ערשטע אויסבילדונג. עס איז אויך גאַנץ ווייניג בעקאַנט פון זיין פאַמיליען־לעבען. ס׳איז נאָר בעוואוסט, אַז ער איז געבוירען אין יאָהר 1280 אין אַרזשאַנטיע און האָט שפּעטער געלעבט אין טאַראַסקאָן. ער איז געוועזן פערהייראַט — און עס שיינט, אַז ער איז נישט געוועזן שטאַרק גליקליך. ער האָט געהאַט צוויי זיהן — איינער, דער עלטערער, האָט געהייסען אַבא מארי, איז גע־ווען פערהייראַט און האָט געלעבט אין באַרצעלאָנאַ; און דער צווייטער, דער יונגערער, האָט געהייסען שלמה און האָט געוואוינט אין וואַלענסיאַ. עס איז אויך אָנגענומען, אַז ער האָט געהאַט אַ טאָכטער, וועלכע איז גע־ווען פערהייראַט און האָט געלעבט אין פּערפּיניאָן.

מען קאָן דאָס מיט דער פולסטער זיכערהייט נישט בעהויפּטען; אָבער פון זיינער אַ בעמערקונג אין זיין פירוש אויף משלי, וואו ער זאָגט: „הנה מנהגם לא היה עסק חובות ומשכנות כמנהגנו״, פּרובירען די פאָרשער אַרויס־דרינגען, אַז ער האָט זיך בעשעפטיגט מיט לייהען געלד, פון וואָס ער האָט געהאַט ערוואָרבען זיין רייכטום. ער האָט אָבער נישט געשטרעבט צו געלד ווי צו אַ תכלית פאַר זיך. אַזוי נאָר ווי ער האָט געהאַט בעקומען אַ גענוגענ־דען קאַפּיטאַל, האָט ער אינגאַנצען אויפגעגעבען זיין געשעפט און זיך גע־נומען צום שטודיום. ער האָט געהאַלטען, אַז רייכטום דאַרף דיענען בלויז אַלס אַ מיטעל צו בילדונג. דעמדאָזיגען געדאַנק ענטוויקעלט ער אַ פּאָר מאָל אין זיין פירוש אויף משלי. אין איין אָרט זאָגט ער: „די בלינדע ווייסען נישט, אַז דו ליעבסט דאָס געלד נישט צוליב זיין אייגענעם ווערט,

נאָר ווייל ס׳איז דיין כוונה דאָס געלד צו זאַמלען, כדי דערנאָך עס אויס־צוגעבען אויף שטודיום און גוטע טהאַטען. דעריבער זאָלסטו, ווען דו האָסט שוין ערוואָרבען גענוג פאַר דיין געברויך, זיך אָפּרוהען און אינגאַנצען אויפהערען צו זאַמלען. וועה איז צו די זינדיגע, וועלכע האָבען אָנגעהויבען צו זאַמלען געלד, ווי דו האָסט עס אָנגעהויבען, אָבער הערען נישט אויף, ווי דו האָסט אויפגעהערט, נאָר פערברענגען דערמיט דאָס גאַנצע לעבען. דערפאַר וועט אָבער שפּעטער קלאָר ווערען אַלעמען, אַז דיין טעטיגקייט איז געוועזען פאַר דאָס אייביגע לעבען, און זייער תּאַוה איז געוועזען איבער־געגעבען צו זינד״. דעמזעלביגען רעיון ברענגט ער אַרויס אין אַ צווייטען אָרט. ער טענה׳ט, אַז רייכקייט אַן־און־פאַר־זיך איז אַ פולקאָמענע דומהייט, אַז ס׳איז אין איהר לחלוטין נישט פאַרהאַן קיין גוטס, אַז איהר אויפגאַבע איז נאָר צו דיענען אַלס מיטעל אויף צו ערווערבען חכמה. „עטרת חכמים עשרם״ הייסט ביי איהם, אַז די חכמים מאַכען פון זייער רייכקייט אַ צי־רונג, ווייל זיי נוצען עס אויס אויף צו ערווערבען חכמה. די פאָרשער האַל־טען, אַז די אַלע מוסר־געדאַנקען, וואָס ר׳ יוסף אבן־כספּי זאָגט דאָ אַרויס, זענען נישט גערעדט געוועזען בלויז בדרך־כלל, נאָר אַז זיי האָבען אויך גע־האַט דעם צוועק צו רעכטפערטיגען זיין אייגענע שפּאָרזאַמקייט, זיין איי־גענע געלד־זאַמלונג, וואָס ער האָט אויסגענוצט אויף צו ערווערבען חכמה.

שוין זייענדיג אין די מיטעלע יאָהרען האָט זיך ביי איהם צעפלאַמט אַ געוואַלדיגער חשק צו שטודירען לאָגיק און פילאָזאָפיע. הויפטזעכליך האָט ער זעהר ליעב געהאַט דעם רמב״ם. דער רמב״ם איז געוועזען זיין אידעאַל, ער איז געוועזען ביי איהם דער מוסטער פון חכמה, דער מוסטער פון וויסען. ער האָט זאָגאַר געהאַט אויסגעדריקט זיין טיעפען בעדויערן, וואָס ער האָט נישט געהאַט זוכה געווען צו לעבען אין איין צייט מיט דעמדאָזיגען וואונדערבאַרען מאַן. ער האָט אָבער גערעכענט, אַז דער רמב״ם האָט מן־הסתם געהאַט איבערגעלאָזט גרויסע יורשים, אַזעלכע תּלמידי־חכמים, אַזעלכע פילאָזאָפען, ווי ער אַליין איז געוועזען, — און האָט דעריבער בעשלאָסען צו פאָהרען קיין עגיפּטען צו לערנען ביי זיי. אויפ׳ן וועג האָט ער בעזוכט די שפּאַנישע לענדער, ער איז געוועזען אין קאַטאַלאָניע, אין מאַיאָרקאַ, אין אַראַגאָניען, אַרל, טאַראַסקאָן, וואו ער האָט געהאַט פערבראַכט אַ לענגערע צייט, און איז דערנאָך אַוועק קיין עגיפּטען. ער האָט זיך אָבער פון דער־דאָזיגער נסיעה ענטטוישט. אָנשטאָט צו געפינען דעם רמב״ם׳ס אור־אור־איי־ניקלעך אַלס גרויסע פילאָזאָפען און גרויסע גאונים, האָט ער זיי געפונען פאַר גאַנץ געוועהנליכע לומדים. זיי זענען געוועזען גרויסע צדיקים; איינער פון זיי, ר׳ אַברהם, האָט געהאַט אַ גאַנצע עדה קאַראַאימער אין קאַהיראָ צוריקגעבראַכט צום טראַדיציאָנעלען יודענטום. אָבער זיי זענען ווייט געוועזען פון וועלטליכע חכמות, ווייט פון פילאָזאָפיע. ער האָט געהאַט פערבראַכט אויפ׳ן אָריענט פינף חדשים — און זעהענדיג, אַז די גאַנצע חכמה האָט זיך אויפ׳ן

מזרח אויסגעלאָשען, איז ער צוריקגעפאָהרען אַהיים און האָט אָנגעהויבען אַליין צו שטודירען און צו שאַפען.

ר׳ יוסף אבן־כספי האָט איינמאָל שיער נישט בעצאָהלט מיט זיין לעבען פאַר זיין טרייהייט צו דער יודישער אמונה. דאָס איז געווען אין דער צייט פון פיליפ דעם פינפטען — איינע פון די פיעל צייטען, ווען די „מענשען־ליעבהאָבער" האָבען זיך אין אָרגאַניזירטע מחנות אַוועקגעלאָזט קיין פאַלעסטינאַ צו בעפרייען די קריסטליכע קברים און דאָס גאַנצע לאַנד פון די „אונגלויביגע", פון די מאַחמעדאַנער; אָבער איידער זיי איז אויס־געקומען צו זעהן אַ מאַחמעדאַנער, האָבען זיי אָנגעהויבען צו מאָרדען און ראַבעווען יודען. יאָ קריסטליכע קברים, נישט קריסטליכע קברים — אָבער קודם־כל מוז מען מאַכען געלד; און אויף צו מאַכען געלד מוז מען מאָר־דען, מוז מען ראַבעווען. דידאָזיגע רדיפות זענען בעקאַנט אַלס די צייט פון די „גזירות הרועים", ווען עפּעס אַ פאַסטוכעל האָט דערצעהלט אַ מעשה, אַז עס איז צו איהם געקומען אַ טייבעלע, וואָס איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ בתולה, און דידאָזיגע בתולה האָט צו איהם געזאָגט, אַז ער זאָל געהן צונויפזאַמלען הייליגע מחנות אויף צו בעפרייען די הייליגע קריסטליכע קברים פון די מאַחמעדאַנער... אָבער עס איז דאָך פערשטענד־ליך, אַז צוליב׳ן טייבעלע האָט מען געמוזט מאָרדען יודען און זיי צווינגען צו שמד. ר׳ יוסף אבן־כספי, וועלכער האָט געהאַט דורכגעלעבט אָט דעם טרויעריגען מאָמענט, איז געשטאַנען אין דער סכנה פון טויט אָדער שמד. אָבער איהם איז געלונגען אַרויסצורייסען זיך פון זייערע הענד און צו ראַ־טעווען זיין גוף און זיין נשמה.

נאָכדעם ווי דידאָזיגע „הייליגע" באַנדעס זענען פון אינווענינ און פון אויסווענינ צעפאַלען און צושמעטערט געוואָרען נאָך איידער זיי האָבען זוכה געווען צו זעהן דאָס לאַנד פון זייערע הייליגע קברים און ס׳איז גע־וואָרען רוהיג אין לאַנד, האָט זיך ר׳ יוסף אבן־כספי בעזעצט אין וואַלענ־סיאַ, וואו עס האָט געהאַט געוואוינט זיין זוהן שלמה, און ער האָט אָנגע־הויבען צו שאַפען זיינע שענע, אינטערעסאַנטע און העכסט בעלעהרענדע ווערק.

ב.

זיינע פירושים אויף די כתבי־הקודש.

ר׳ יוסף אבן־כספי איז בטבע געווען אַ פילאָזאָף. ער איז געווען אויסגעוועבט פון פילאָזאָפיע. ער האָט גוט געקענט די פילאָזאָפיע פון אַריס־טאָטעל׳ן און פון פלאַטאָ; ער האָט געקענט די אַראַבישע פילאָזאָפיע מיט זייערע פירושים צו אַריסטאָטעל׳ן. זיין מוח האָט זיך שטענדיג געהאַט בעוועגט נאָר אין די ספערען פון פילאָזאָפישען געדאַנק. דעריבער איז אויסגעקומען, אַז ווען ער האָט זיך גענומען אַפילו צו אַ זייטיגען ענין,

האָט ער באַלד געמוזט אויף איהם אַרויפלעגען דעם שטעמפעל פון פילאָזאָפיע. ער האָט קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו פילאָזאָפירען, ער האָט זיך קיינמאָל נישט געקאָנט בעפרייען פון די פילאָזאָפישע ספעקולאַציעס. ער האָט דעריבער נאָך גאָר אין די פריהעסטע צייטען פון זיין שאַפען געשריבען אַ פירוש אויפ'ן „מורה־נבוכים" פון רמב"ם, וועלכען ער האָט פערגעטערט.

ער איז אָבער געווען אויך אַ בעדייטענדער מפרש אויף די כתבי־הקודש. עס פערשטעהט זיך, אַז אַלס פילאָזאָף האָט ער געמוזט געפינען פילאָזאָפיע אויך אין דער תורה. דאָס איז שוין, אַגב, געווען דער גייסט פון דער צייט, די שוואַכקייט פון דער צייט. דען אין יענע יאָהרען, ווען די יודישע משכילים און דענקער האָבען געשטרעבט צו ברענגען די רעליגיע מיט דער פילאָזאָפיע אין אַ האַרמאָנישען איינקלאַנג, איז ביי זיי געווען אַ מאָדע אַריינצופאַסען זייערע ליעבלינגס־אידעען אין דער תורה. אַלץ וואָס זיי האָבען געהאַט געטראַכט און ערפונדען, האָבען זיי געוואָלט געפינען אין דער תורה. און אַז מען האָט געהאַט געזוכט, האָט מען געפונען. מען האָט זיך צוגעשטעפעט צו אַ וואָרט, צו אַ שווערען פסוק און אַפילו צו אַ לייכטען פסוק, צו אַ גאַנצען ענין, און מען האָט ערקלערט, אַז דאָס און דאָס איז געווען די אמת'ע כוונה פון מחוקק. משה רבנו איז פלוצים פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ פילאָזאָף, וואָס האָט, אַזוי צו זאָגען, אָנגעשריבען אַ פילאָזאָפיש ווערק, אַ ווערק איבער מעטאַפיזיק, וויסענשאַפט און עטיק, וועלכעס מיר רופען תורה. אבן־כספי דריקט זיך אַליין אויס אין אַן אָרט, — פאַרוואָס מען האָט איהם שטאַרק געטאַדעלט, — אַז אַריסטאָטעל איז געווען דערגאַנגען, אַזוי צו זאָגען, גייסטיג צו משה רבנו, נאָר ער האָט נישט פערמאָגט די נבואה, וואָט משה רבנו האָט געהאַט. מיט דערדאָזיגער אָנשויאונג אויף דער תורה איז אבן־כספי, פערשטעהט זיך, נישט געווען דער איינציגער. עס זענען געווען פיעל אַנדערע פאַר איהם און נאָך איהם, וואָס האָבען פרובירט אויסטייטשען די תורה על־פי פילאָזאָפיע, על־פי רמז, דרוש און סוד. די תורה איז געווען פאַר זיי זעהר עלאַסטיש. יעדער איינער האָט געמאַכט פון איהר דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט. און דאָסזעלבע האָט אויך געטהאָן ר' יוסף אבן־כספי. וואו נאָר ער האָט געהאַט אַ געלעגענהייט אַרויסצוברענגען פילאָזאָפיע פון דער תורה, האָט ער עס געטהאָן מיט גרויסען פערגעניגען; וואו נאָר ער האָט געקאָנט אַריינטראָגען פילאָזאָפיע אין דער תורה, איז ער געווען העכסט צופרידען. שוין אָבגערעדט, נאַטירליך, מכח אַזעלכע ספרים ווי איוב און קהלת, וועלכע זענען דאָך לכתחילה ווערק פון פילאָזאָפישע חקירות: דאָרט איז שוין, זעלבסטפערשטענדליך, די פילאָזאָפישע אויסטייטשונג געווען, אַזוי צו זאָגען, געזעצליך.

אָבער נאָך אַלעם איז פ ש ט געווען ביי איהם דער עיקר. ער האָט געהאַלטען, אַז אַלצדינג אין דער תורה און אין די נביאים דאַרף מען

פערשטעהן ווערטערליך, פשוט אַזוי ווי עס איז געשריבען. ער האָט גע-האַלטען, אַז די תורה דאַרף אויסגעטייטשט ווערען ווי יעדעס אַנדער ווערק, נישט אַריינקריכענדיג אין אַלעגאָרישע און מיסטישע פּירושים. ער האַלט אויך, אַז אין דער תורה פעהלט קיין שום זאַך נישט. זי איז גאַנץ. עס זענען פאַראַן געוויסע פּאַסירונגען, וואָס ווערען ביי געוויסע געלעגענהייטען פערשידענאַרטיג געשילדערט; אָבער דאָס איז געווען פשוט דערפאַר, וואָס זיי זענען דורך מעהרערע כראָניקער פערצייכענט געוואָרען. אויב עס זענען פאַראַן דונקעלע שטעלען אין דער תורה, וועלכע זענען שווער צו פער-שטעהן, איז עס דערפאַר, זאָגט ער, וואָס מען האָט עס אַזוי בכיוון גע-שריבען, כדי צו פערבאָרגען פונ'ם המון די אמת'ע כוונות. עס זענען פאַר-האַן פיעל ווערטער, וועלכע מען קאָן נישט פערשטעהן, וועלכע ס'איז שווער אויסצוטייטשען. דאָס איז פשוט דערפאַר, וואָס פיעל פון אונזערע אַלטע ספרים זענען פערפאַלען געוואָרען. וואָלטען זיי עקזיסטירט, וואָלט מען דורך פערגלייכונגען געקאָנט דערגעהן די אמת'ע בעדייטונג פון יענע ווערטער.

ר' יוסף אבן־כספּי האַלט, אַז די תורה איז — אויסער אַלעם — אַ ליטעראַריש ווערק, וואָס איז געווען אַ מוסטער פאַר אַנדערע שרייבער בעת זיי האָבען געשאַפען זייערע ווערק. אַפילו די ווידערהאָלונגען, וואָס קומען אָפט פאָר אין דער תורה, האָבען אויך געדיענט אַלס מוסטער. ער בע-מערקט אָבער דערביי, אַז פונקט אַזוי ווי דער בעסטער קינסטלער איז נישט ביכולת פולקאָם נאָכצומאַכען די נאַטור, די עכטקייט און שענקייט פון דער נאַטור, אַזוי קאָן קיין שום קינסטלער אין דער וועלט נישט קומען צו דער פולקאָמענהייט נאָכצומאַכען די עכטקייט און שענקייט פון דער תורה. די מעטאָדע פון דער תורה אַרויסצוברענגען אַבסטראַקטע געדאַנקען מיט דער הילף פון ספּורים און בעטראַכטונגען אַזוי, אַז יעדער איינציגער זאָל זיי קאָנען פערשטעהן, האָט קיין פילאָזאָף נישט געקענט נאָכמאַכען; צו אַזאַ מדרגה האָט קיינער נישט געקאָנט דערגעהן.

ר' יוסף אבן־כספּי בענוצט זיך אין זיינע פּירושים אויף די כתבי־הקודש מיט דער גמרא, מיט די תרגומים, זאָגאַר מיט דער לאַטיינישער איבערזע-צונג פון דער תורה, — די וואולגאַטאַ, — מיט ר' סעדיה גאון, גאַנץ אָפט מיט'ן אבן־עזרא און מאַנכעסמאָל אויך מיט רש"י. ער ציטירט אָבער קיינ-מאָל נישט דעם רשב"ם, וועלכער איז געווען זעהר נאָהענט צו זיינע פּירושים, און אויך נישט דעם רמב"ן, וואָס זיינע פּירושים האָבען אייגענט-ליך יאָ געדאַרפט זיין אין פראָוואַנס. ער בענוצט זיך אויך מיט די קמחי'ס. ער האָט אָבער אייגענע, אָריגינעלע פּירושים, וועלכע זענען זעהר קלאָר, לייכט און העכסט אינטערעסאַנט. ער נוצט-אויס אין זיינע פּירושים זיינע וועלטליכע קענטניסען, ער נוצט-אויס די פערזענליכע ערפאַהרונגען, וואָס ער האָט געהאַט בעקומען אויף זיינע רייזעס, בעאָבאַכטענדיג דאָס לעבען פון פעלקער. מען זעהט פון זיי אַרויס, אַז ער האָט גוט געקענט די וועלט

און מענשען, אז ער האט גוט געקענט מענשליכע כאראקטערען. מחמת־דעם זענען פיעל פון זיינע פירושים נעהענטער צו אונז, פערשטענדליכער. ער איז אין זיינע פירושים אפטמאל געוועזן גאנץ ליבעראל, אבער פון דער טראדיציע איז ער דאך קיינמאל נישט אוועק. דאס איז געוועזן דער פאל נישט מיט איהם אליין, נאר מיט א סך אנדערע גדולי התורה און גרויסע צדיקים, וועלכע האבען זיך ערלויבט צו מאכען ליבעראלע אויסטייטשונגען אויף דער תורה. פרייע פירושים זענען נישט געוועזן אין סתירה מיט פרומקייט.

מכח דעם „נחש הנחושת" זאגט אבן־כספי, אז ער פערשטעהט גאר נישט, וואס דאס איז. ער זאגט: „לא ארפה ממנה לעולם אלא אם־כן יצוה השם לאחד מנביאיו שיעשה לי נחש כמו זה ואביט אליו ואחיה". ער זאגט ווייטער, אז ער פערשטעהט נישט דעמדאזיגען גאנצען ענין, פונקט אזוי ווי ער פערשטעהט נישט דעם ענין פון „חשן ואפוד" און דעם ענין פונ'ם „עץ", וואס מען האט געהאט אריינגעווארפען אין די „מי מרה". אויף דעם פסוק (מלכים א', י"ז, ד') „ואת העורבים צויתי לכלכלך שם" זאגט אבן־כספי, אז דאס מיינט מען נישט קיין ר א ב ע ן, נאר אזעלכע מענשען, וואס פלעגען קומען צו שפייזען איהם דארט. און כדי צו בעשטעטיגען זיין געדאנק, אז דאס מיינט מען מענשען, ווייזט ער אן אויף דעם ווייטערדיגען פסוק (ט'), וואו עס ווערט געזאגט אויסדריקליך: „הנה צויתי שם אשה אלמנה לכלכלך". (אייגענטליך געפינט זיך דערזעלבער פשט אין גמרא, אין חולין). ר' יוסף אבן־כספי טהוט עס גאנץ אפט צו ערקלערען איין ווארט מיט א צווייטען ווארט, ווען ס'איז אין איין ווארט אביסעל שווערליך. זעהר אריגינעל טייטשט ער דעם פסוק אין משלי י"א: „יד ליד לא ינקה רע, וזרע צדיקים נמלט". די חכמים האלטען, אז די ענדערונג פון א פלאץ קאן צערייסען דעם גזר־דין פון א מענשען. „יד" הייסט דא נישט קיין האנד, נאר א פלאץ. אזוי ווי, למשל, אין במדבר, ב': „איש על ידו לדגליהם". ער טייטשט דעריבער: דער שלעכטער מענש קאן דורך דעם ווארט-וועקסעל זיך נישט רייניגען, קאן גארנישט אויפטהון, נאר בלויז „וזרע צדיקים נמלט" — נאר צדיקים קאנען זיך אין אזא פאל ראטעווען. אין דעם פסוק אין משלי כ"ט: „מלך במשפט יעמיד ארץ, ואיש תרומות יהרסנה", טייטשט ער „ואיש תרומות" — דער מענש, וואס לעגט ארויף שטייערן אויפ'ן פאלק, „יהרסנה", דער קאן ברענגען א מלוכה צום אונטערגאנג. זעהר אריגינעל איז זיין פירוש אויף דעם פסוק אין משלי י"ז: „אוהב פשע אוהב מצה, מגביה פתחו מבקש־שבר". „מגביה פתחו" טייטשט ער: די פירשטען, די הויכע אדעליגע אין די מזרח-לענדער, וועלכע האבען אין זייערע הייזער א הויכען אריינגאנג. אין די ארימע הייזער איז דארט דער אריינגאנג זעהר נידריג, און מען דארף איינבויגען דעם קאפ אויף אריינצוגעהן. (עס איז, אגב, אינ־טערעסאנט, אז ביי אונז, אין אונזער צייט, זאגט מען „אין די הויכע פענסטער", ווען מען רעדט וועגען גבירים). ביים פסוק י' אין משלי כ"ט: „אנשי

דמים ישנאו־תם, וישרים יבקשו נפשו", זאָגט אבן־כספי, אַז ער דאַרף ערגענצט ווערען מיט'ן וואָרט מִ יָּ דָ ם – „וישרים יבקשו נפשו מידם". (ווי, למשל, אין יחזקאל, ג', י"ח: „ודמו מידך אבקש" א. ד. ג.).

ר' יוסף אבן־כספי האָט געהאַט פיעל אָנהענגער פון זיינע פילאָזאָפישע אָנשויאונגען און אויך פון זיינע פירושים. ער האָט אָבער געהאַט אויך געגנער, און איינער פון זיי איז געווען ר' קלונימוס בן קלונימוס פון פראַנקרייך, וועלכער האָט איהם אין יאָהר 1318 געשריבען אַ בריעף, אין וועלכען ער קריטיקירט זיינע אָנשויאונגען און גרייפט איהם אָן פאַר זיינע געוויסע אויסטייטשונגען און דרייסטע פערגלייכונגען.

ר' יוסף אבן־כספי האָט געהאַט ענטוויקעלט אַ גרויסע און פיעלפאַר־ביגע ליטעראַרישע טעטיגקייט. ער האָט אָנגעשריבען העכער דרייסיג ספרים, אָבער זיי זענען אונבעוואוסט געווען פאַר דער וועלט. יאָהרען און יאָהרען זענען זיי געלעגען אין די גרויסע מוזעאומס, צו וועלכע עס האָבען אַ צו־טריט בלויז יחידי־סגולה. זיינע ספרים זענען אַרויס אויף דער וועלט אין אַ געדרוקטער פאָרם ערשט אין אָנהויב פון אונזער יאָהרהונדערט, מיט אַ קנאַפע דרייסיג יאָהר צוריק, און אַזוי־אַרום זענען אונז בעוואוסט געוואָרען זיינע ווערטפולע פירושים אויף די כתבי־הקודש.

ג.

זיין נביא'שער בליק אויף גאולת ארץ־ישראל.

עס וועט כלל נישט זיין קיין גוזמא צו בעהויפטען, אַז אינ'ם גאַנ־צען מיטעלאַלטער איז נישט געווען נאָך אַ צווייטער מאַן, וואָס האָט אויף אַנ'איינגענאַרטיגען אופן, אַזוי קלאָר, אַזוי לאָגיש, מיט אַזאַ טיעפער פער־שטענדניס פאַר געשיכטע, פאַר דער פילאָזאָפיע פון דער געשיכטע, פאָרמו־לירט די אידעע פון דער אונבעדינגטער יודישער אויפלעבונג אין ארץ־ישראל, ווי ר' יוסף אבן־כספי. ס'איז אמת, אַז זינט דאָס יודישע פאָלק איז דורך די רוימישע באַיאָנעטען געצוואונגען געווען צו פערלאָזען ארץ־ישראל האָט עס קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו טראַכטען מכח צוריקקומען. גע־וועהנליך זענען געווען צייטען פון שטאַרקערער בענקשאַפט און צייטען פון שוואַכערער בענקשאַפט. דידאָזיגע טיעפע בענקשאַפט האָט צייטענווייז גע־האָט פערדריקט די הערצער פון אונזערע בעסטע פערזענליכקייטען. ר' יהודה הלוי איז אויסגעגאַנגען פון בענקשאַפט. עס זענען געווען געגנוג הוי־כע נשמות, וואָס האָבען ווייך געמאַכט דעם פערשטיינערטען באָדען פון ארץ־ישראל מיט זייערע טרעהרען. זיי האָבען געבענקט צו ארץ־ישראל, זיי האָבען געליעבט ארץ־ישראל. זיי זענען אָבער אַלע בלויז טרוימער געווען, זיי זענען ראָמאַנטיקער געווען. ר' יוסף אבן־כספי איז עס דעמאָלט געווען דער ערשטער און דער איינציגער, וואָס האָט, אַזוי צו זאָגען, וויסענשאַפטליך

לאַגיש בעגרינדעט די אידעע פון שיבת־ציון. ער האָט פּרובירט בעווייזען, אַז דאָס מוז געשעהן און אַז דאָס וועט געשעהן. ער האָט בעווּזען, אַז די געשיכטע פיהרט דערצו, אַז אַזוי איז דער גאַנג פון דער געשיכטע. ער האָט נישט בלויז סתם געגלויבט אין דער גאולה, ווי יעדער פרומער יוד, נאָר האָט זאָגאַר אָנגעוויזען, אויף וועלכע אופנים זי קאָן פערווירקליכט ווערען. ער איז אַזאַ מייסטער אין אַנאַליזירען און אינטערפּרעטירען געשיכטליכע פענאָמענען, אַז ער זעהט קלאָר די צוקונפט.

„ווער ווייסט נישט — זאָגט ער — און ווער זעהט נישט דאָס שטענדיגע אויפשטייגען און דאָס שטענדיגע פאַלען, די שטענדיגע ענדערונגען, וואָס קומען-פאָר צווישען פעלקער? מלוכות געהען-אויף און מלוכות געהען-אונטער. עס בייטען זיך מלוכות ביים זעלביגען פאָלק און עס בייטען זיך מלוכות דורך עראָבערונגען פון אַנדערע פעלקער. אין אונזער צייט האָבען די מאַהמעדאַנער צוגענומען אַקר פון די קריסטען, און פריהער האָבען זיי געהאַט צוגענומען גאַנץ גליל און סוריא, און אַזוי האָבען די קריסטען צוגענומען פון די מאַהמעדאַנער גאַנץ אַראַגאָן און די אינזעל מאַיאָרקאַ. פאַרוואָס קומען-פאָר אָט דיזאָזיגע ענדערונגען? ווער קאָן זיי ערקלערען?

„אויב אַזוי, טאָ פאַרוואָס זאָלען מיר זיך וואונדערן, אַז ארץ־ישראל וועט איבערגעהן צו אונז פון די מאַהמעדאַנער?

„אָט דאָסדאָזיגע לאַנד, ארץ־ישראל און ירושלים, האָבען מיר געהאַט צוגענומען פון כנען, און דערנאָך האָבען דאָס לאַנד צוגענומען פון אונז די קינדער פון דער ערשטער חיה — דאָס הייסט אשור, ווי דאָס ווערט פאָרגעשטעלט אין דניאל; שפּעטער האָט די צווייטע חיה — די פערסיער דורך כורש'ן — צוגענומען עס פון זיי און אָבגעגעבען צו אונז. דערנאָך האָבען עס צוגענומען פון אונז די קינדער פון דער דריטער חיה — דאָס הייסט רוים; דערנאָך האָבען עס פון זיי צוגענומען די קינדער פון דער פיערטער חיה. מעהרערע מאָל איז שוין דאָרט געווען דער קעניג פון פראַנקרייך און עס איז נישט געלונגען; אָבער איצט גרייט זיך דער קעניג פון פראַנקרייך, — דער צורר-היהודים פיליפּ דער פיערטער, וועלכער האָט פּרובירט מאַכען אַ קרייץ-צוג און איז געשטאָרבען פריהער אין נאָוועמבער 1314, — איינצונעהמען דאָס לאַנד, און ווער ווייסט, צי ער וועט מצליח זיין, אָדער נישט? איבריגענס, ווי ס'זאָל נישט זיין, — אויב דאָס לאַנד וועט בלייבען ביי די ישמעאלים, ווי דאָס איז היינט, אָדער עס וועט פערנומען ווערען פון די קריסטען, — וועלען זיך שוין דערמיט ענדיגען די חיות? וועלען שוין מעהר קיין מלוכות נישט אויפגעהן און אונטערגעהן? דער אויבערשטער שלאָפט נישט.

„די קריסטען בעריהמען זיך און בעליידיגען אונז, זאָגענדיג, אַז מיר האָבען פערלאָרען אונזער לאַנד, ווייל מיר האָבען געהאַט ווידערשפּעניגט אין זייער משיח. אָבער רוים — ס'הייסט די דריטע חיה — האָט דאָך שוין געהאַט אָנגעהויבען געוועלטיגען אויף אונז און אויף אַ האַלבער וועלט

נאָך אײדער זייער משיח איז געבוירען געוואָרען, און אונטערגאַנגען איז דאָס לאַנד ערשט זיבעציג יאָהר שפּעטער ווי זייער משיח איז געבוירען געוואָרען; ווי־אַזוי איז ד אָ ס געוועזן די סיבה פון אונזער גלות? ווייטער: די רוימישע אימפּעריע, וועלכע האָט איינגענומען אונזער לאַנד, האָט נישט געגלויבט אין זייער משיח׳ן פּונקט אַזוי ווי מיר, וואָרום אַלע רוימער זענען געווען געצענדיענער. אַלזאָ, האָבען דאָך די רוימער אונז נישט בעזיעגט דערפאַר, ווייל זיי האָבען כּלומר׳שט געגלויבט אין זייער משיח. דערביי איז אינטערעסאַנט, אַז דוקא ווען זיי האָבען אָנגעהויבען גלויבען אין זייער משיח, האָט זיי דער אויבערשטער ערשט בעשטראָפט, און דוקא די מאַח־מעדאַנער, וועלכע האָבען געלייקענט אין נוצרי, האָבען דאָס לאַנד צוגענו־מען פון די קריסטען. איז דען דאָס נישט מערקווירדיג?

„איך וויל, אַז יעדער זאָל זיך אָנהויבען אַריינטראַכטען אין דער גאַנ־צער געטליכער אַרבייט. מיר קאָנען עס, נאַטירליך, נישט פערשטעהן. אַפילו די גרעסטע חכמים איז עס שווער צו פערשטעהן. דערפאַר האָט געזאָגט ישעיהו הנביא: „כי גבהו שמים מארץ כן גבהו דרכי מדרכיכם ומחשבותי ממחשבותיכם". ווער קאָן אונז ערקלערען די סיבה פון די גלות־ענדערונגען? פאַרוואָס האָט דער גלות מצרים געדויערט פיער הונדערט יאָהר? פאַרוואָס האָט אין דער צייט פון די שופטים ביי מלך יורם געדויערט דער גלות אַכט יאָהר? פאַרוואָס האָט ער געדויערט אין מדין זיבען יאָהר? פאַרוואָס האָט ער געדויערט ביי מלך מואב אַכטצעהן יאָהר? פאַרוואָס האָט ער גע־דויערט ביי מלך חצור צוואַנציג יאָהר? פאַרוואָס זענען דאָס פאָרגעקומען אַט די אַלע ענדערונגען? קאָנען מיר דען קומען צום אויבערשטען און פרעגען: פאַרוואָס טהוסטו עס אַזוי מיט אונז, פאַרוואָס מאַכסטו אַט די אַלע ענדערונגען מיט אונז פון דער צייט אָן, וואָס מיר זענען אַרויס פון מצרים?

„אָבער אַט די אַלע ענדערונגען זאָגען עפּעס. אַט די אַלע ענדערונגען זענען דער בעסטער בעווייז, אַז מיר וועלען זיכער זיך צוריקקעהרען צו ארץ־ישראל. וואָרום די אַלע מעגליכקייטען האָבען זיך נאָך נישט אויסגע־שעפּט, בפרט, אַז אַט די אַלע ענדערונגען קומען־פאָר ביי אונז שטענדיג. איינער זיעגט, און איינער ווערט בעזיעגט. בפרט, אַז ירמיהו האָט איינגע־שטילט דאָס פאָלק און אָנגעזאָגט יעדען איינציגען, אַז מען זאָל נישט פרע־גען קיין קשיות און נישט זוכען אַ טעם צו די אַלע ענדערונגען, צו די אַלע ירידות און נפילות פון פעלקער. ער האָט געזאָגט: „כה אָמר ה׳ צבאות אלקי ישראל וכו׳ אני עשיתי את הארץ, את האדם ואת הבהמה אשר על־פני הארץ בכחי הגדול ובזרועי הנטויה וכו׳". די כוונה דערפון איז, ווי ער וואָלט זיי געזאָגט: פרעגט נישט, צי דאָס איז אַלץ. איך גיב מיינע, איך נעהם מיינע, איך ענדער, איך בייט אַלץ איבער, ווייל אַלע לענדער זענען מיינע און איך האָב זיי אָבגעגעבען אַלס פּקדון אין די הענד

פון אַ קעניג, פון אַ הערשער — אַמאָל אויף אַ לענגערער צייט, אַמאָל אויף אַ קירצערער צייט.

„און צו-וואָס דאַרפען מיר אַ סך קלערען, צי מיר וועלען אַרויס פון גלות? מיר זעגען דאָך שוין אַמאָל געווען קנעכט אין מצרים, און גאָט האָט אונז פון דאָרט אַרויסגענומען ביד רמה, — פאַרוואָס זאָל אַזעלכעס דער אויבערשטער נישט קאָנען טהון אויך איצט?" — — — — — — „און פאַרוואָס זאָל דער אויבערשטער נישט טהון צו אונז ווי ער האָט געטהאָן מיט'ן בית שני, ווען די צווייטע חיה — כּוֹרֶשׁ מלך פרס — האָט געהאַט אַרויסגעלאָזט אַן'אויפרוף איבער'ן גאַנצען לאַנד און געהייסען די יודען געהן צוריק אַהיים און אויפבויען זייער לאַנד? — דאָרט האָט דאָך שוין קיינער זיך נישט גע-האַט משתדל געווען! — האָבען זיך שוין דען דערמיט געענדיגט אַלע מי-סיפּס ביים אויבערשטען? האָט שוין דער אויבערשטער קיין מיטעל נישט, ווי-אַזוי אונז אַרויסצונעהמען פון גלות אַ דריט מאָל? מיר קאָנען נישט ווי-סען, צי דאָס וועט פאַרקומען אויף דעם אופן ווי ביים ערשטען מאָל, צי ווי ביים צווייטען מאָל, צי גאָר אויף אַ נייעם, דריטען אופן. אָבער פאַר-וואָס קאָן נישט פּאַסירען, אַז דער אויבערשטער זאָל ברענגען אַ מענשען, וועלכער זאָל טהון פּונקט ווי משה רבנו — דאָס הייסט, ער זאָל געהן צום קעניג פון מצרים, צום טערקישען סולטאַן, און אויס'פּועל'ן, אַז ער זאָל אָבגע-בען ארץ־ישראל צו די יודען? אויסערדעם, קאָן דאָך אויפשטעהן אַ קעניג, וועלכער זאָל איינגעהמען גאַנץ ארץ־ישראל פון מלך מצרים, וועלכער הייסט היינט דער סולטאַן, און ער זאָל אַרויסלאָזען אַן'אויפרוף אין זיין גאַנצען לאַנד, אַז מיר זאָלען צוריקגעהן אין אונזער לאַנד. און אפשר וועט עס זיין דער טערקישער מלך, וועלכער קיניגט היינט איבער בבל, אָדער אפשר וועט עס זיין דער קעניג פון פראַנקרייך, אָדער אפשר וועט דער אויבער-שטער, אָהן דעם אַלעם, דערוועקען מאָרגען דעם סולטאַנס האַרץ, אַז ער זאָל אָבגעבען ארץ־ישראל צו אונז, און ס'וועלען זיך אַהין צונויפזאַמלען אַלע יודען, וואָס געפינען זיך אין זיין מלוכה און אין אַלע אַנדערע מלוכות? איבריגענס, ווער קאָן עס אויסצעהלען אַלע וועגען פון'ם אויבער-שטען? און צו-וואָס זאָלען מיר טראַכטען, ווי-אַזוי דער אויבערשטער קאָן דאָס טהון? ער ווייסט, ווי צו טהון און ווען צו טהון. דער עיקר איז, וואָס די גאַנצע גאולה איז אַ נאַטירליכע מעגליכקייט, און קיין קריסט וועט עס נישט קאָנען בעשטרייטען". —

דאָס האָט געשריבען ר' יוסף אבן-כּספּי מיט העכער זעקסהונדערט יאָהר צוריק. קלינגט דען נישט היינט זיין געשיכטליכער אַנאַליז ווי אַ שטיק נבואָה?

ד.

קולטור-געשיכטע און פאלקלאר.

אויסער דעם גרויסען ווערט, וואס אבן־כספי׳ס ספרים האבען געהאט פאר דער תורה-אינטערפרעטאציע, פאר דער פאפולאריזירונג און ענטוויקלונג פון פילאזאפישען געדאנק און לאגיק, ווי אויך פאר דער אויסשלייפונג פון דער העברעאישער שפראך און גראמאטיק, האבען זיי נאך ענטהאלטען אין זיך אזוינס, וואס מען האט זעהר, זעהר זעלטען געקאנט געפינען ביי אונזערע גייסטיגע פארשטעהער פון מיטעלאלטער. עס זענען אפילו געזוען מאנכע, וואס האבען געהאט פערצייכענט געוויסע פאסירונגען, עס זענען אויך |דורך שאלות־ותשובות פון יענער צייט צופעליג ארויסגעבראכט געווארען געוויסע ערשיינונגען פון קולטור-היסטארישען ווערט; אבער בכלל-גענומען האט, שיינט עס, קיינער פון יענער צייט נישט געהאט קיין קלארע פערשטענדניס פאר אזעלכע זאכען. זייער גאנצע ענערגיע, זייער גאנצער זשעני און זייערע בריליאנטענע פעהיגקייטען זענען אינ׳ם ערשטען פעריאד פון יודישען רענעסאנס געווען ארייגעלעגט אין דער פארשונג פון דער העברעאישער שפראך, אין פילאלאגיע און גראמאטיק, וואס איז, נאטירליך, געווען א גאנץ נייע און אנציהענדע ערשיינונג אינ׳ם יודישען קולטורעלען לעבען. יעדער משכיל, יעדער געלעהרטער פון יענער צייט האט זיך געמוזט בעשעפטיגען מיט פילאלאגיע און גראמאטיק, אויב ער האט געוואלט, אזוי צו זאגען, זיין מאדערן. שפעטער איז אנגעקומען א צייט פון דיכט-קונסט. עס שיינט, אז מען האט פשוט נישט געקאנט פערדעכענט ווערען פאר א פולקאמענעם פערטרעטער פון דער צייט, אויב מען האט נישט געשריבען קיין שירים אדער, לכל־הפחות, פיוטים. און ווען עס איז שפעטער אנגעקומען די צייט פון פילאזאפיע און וויסענשאפט, האבען זיך אלע בעסטע מוחות פערשפארט אין די קאמערן פון חקירה. אלע זענען פערזונקען געווארען אין מעטאפיזיק, אין די פילאזאפישע ספעקולאציעס מכח דער יצירה, מכח דעם מהות פון דער גאטהייט און מכח „מה לפנים ומה לאחור״. ס׳איז אמת, אז מען האט אין אלע צייטען פון יודישען רענעסאנס, באלד נאך ר׳ סעדיה גאון, זיך בעשעפטיגט מיט פערשידענע וויסענשאפטען און מיט חקירה; אבער יעד׳ע צייט האט געהאט, אזוי צו זאגען, איהר טפעציעלע, איהר כאראקטעריסטישע פיזיאנאמיע. צו דערדאזיגער צייט האט מען שטודירט מאטעמאטיק, אסטראנאמיע, פילאלאגיע און גראמאטיק, ווי אויך מעדיצין, אבער צו פילאזאפיע איז דאס נישט געקומען. עס וואלט געווען א מין חרפה, ווען א וויסענשאפטס-מאן, אויף וואס פאר א געביעט דאס זאל נישט זיין, זאל נישט האבען קיין ידיעה אין אריסטאטעל׳ן און פלאטא און אין די אראבישע דענקער, ווען אנ׳אויסערארדענטליכער בעגאבטער מענש זאל זיך נישט גריבלען און פערטיעפען אין פילאזאפיע, — פונקט

אַזוי ווי עס וואָלט ביי אַן׳אַנדער צייט געווען אַ חרפה נישט צו שרייבען קיין שירים אָדער פיוטים. עס איז אָבער כמעט קיינעם נישט איינגעפאַלען, אַז ס׳וואָלט געווען העכסט אינטערעסאַנט און העכסט וויכטיג זיך אָוועקצוזעצען און שילדערן דאָס יודישע לעבען, דאָס אַרומיגע לעבען פון זייער צייט, כאַראַקטעריזירען זייערע לייטענדע צייט-גענאָסען, בעשרייבען זייער גרויסקייט און זייער קליינקייט, זייערע מעלות און זייערע חסרונות, זייערע שטאַרקייטען און זייערע שוואַכקייטען. און ס׳איז קיין ספק נישט, אַז ווען אימיצער אין מיטעלאַלטער וואָלט זיך אויף אַ ברייטען מאַסשטאַב אָנגעהויבען בעשעפטיגען מיט געשיכטע, מיט קולטור-געשיכטע, ווען אימיצער וואָלט דאַמאָלס אָנערקענט געשיכטע פאַר אַ וויסענשאַפט ווי אַלע אַנדערע וויסענשאַפטען, וואָלט ער באַלד בעקומען פיעל נאָכאַהמער, וואָלטען די יודישע שעפערישע גייסטער פון יענער צייט געשאַפען אַ וועלט מיט ספרים אויף דעמדאָזיגען געביעט, פונקט אַזוי ווי זיי האָבען געהאַט געשאַפען אויף אַלע אַנדערע געביעטען, וואָס זענען דאַמאָלס געווען אין מאָדע. דאַן וואָלט מען געהאַט בעקומען אַ פול און קלאָר בילד פון די דאַמאָלסדיגע פערהעלטניסען, פונ׳ם גאַנצען יודישען פּאָליטישען, געזעלשאַפטליכען און קולטורעלען לעבען אין מיטעלאַלטער, וועלכעס איז, צום בעדויערן, געבליבען אַזוי נעבעלדיג.

אָט דידאָזיגע וויכטיגע אַרבייט איז אָבער, ליידער, דורך קיין חכם נישט געטהאָן געוואָרען. עס שיינט, אַז זיי האָבען דאַמאָלס נישט געהאַלטען פאַר גענוג-וויכטיג זיך אָבצוגעבען מיט דעם; זיי האָבען אפנים נישט פערשטאַנען דעם גרויסען ווערט פון געשיכטע; זיי האָבען, קענטיג, געהאַלטען, אַז עס פּאַסט נישט פאַר זייער ווירדע זיך אַריינצולאָזען אין אַזעלכע קליינליכע זאַכען, ווי צו בעשרייבען דאָס געוועהנליכע, דאָס פשוט׳ע לעבען — דען וואָס האָט, לויט זייער מיינונג, געקאָנט זיין וויכטיגער, בעדייטענדער און אינטערעסאַנטער ווי פילאָזאָפיע?

עס פערשטעהט זיך, אַז ר׳ יוסף אבן־כספי איז נישט געווען קיין אויסנאַהם פון זיין צייט. זייענדיג פערזונקען אין חקירות, אין פילאָזאָפישע אַבסטראַקטע ספעקולאַציעס און אין מוח־שלייפעריי, האָט ער זיך, פונקט ווי אַלע, גאַנץ ווייניג בעשעפטיגט מיט׳ן טאָג-טעגליכען לעבען, מיט׳ן לעבען פון די יודען און פון די נישט-יודען, מיט די פּאַסירונגען פון יענער צייט, מיט די ליידען און פריידען פון יענער צייט און מיט די אַלע יודישע פראָבלעמען. דאָך, זייענדיג אַן׳ערהאַבענער מענש און אַ וועלטליך-קלוגער מענש, אַ מענש, וואָס האָט בערייזט אַ סך לענדער און געהאַט אַ גוט אויג פאַר בעאָבאַכטונגען, — האָט ער, אַזוי צו זאָגען, פאַרבייגעהענדיג, אַגב־אורחא, איבערגעלאָזט געוויסע שפּורען פון קולטור-געשיכטע און פאָלקלאָר, וועלכע זענען צוזייהט און צושפּרייט אין אַלע זיינע ספרים. ער האָט נישט אַרויסגעבראַכט קיין סך שטאָף פון דעמדאָזיגען מין; אָבער דאָס ביסעלע, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט, איז גאַנץ אינטערעסאַנט. עס איז קענטיג, אַז

ער האָט אָפט ליעב געהאַט צו זאָגען אַ ווערטעל, צו דערצעהלען אַ מעשה, צו געבען אַ שילדערונג און אַ כאַראַקטעריסטיק פון מענשען און פון דער צייט, און דאָס אַלץ האָט ער געהאַט אַרויסגעבראַכט ביי זיינע אינטערפּרעטאַציעס און בעטראַכטונגען פון די כתבי־הקודש.

אונזערע מאָדערנע מענשען דאַכט זיך געוועהנליך, אַז אַלץ, וואָס זיי טהוען, איז פונקאָם ניי און אַז די פריהערדיגע דורות האָבען גאָר דערפון קיין אַהנונג נישט געהאַט. אונזערע מאָדערנע מענשען מיינען, אַז מיט הונדערטער יאָהרען צוריק האָט מען גאָר נישט געוואוסט, למשל, פון שפּיעלען אין באַלען און זיך פערנעהמען מיט אַנדערע געמבלערייען. איבערהויפּט דענקט מען, אַז יודען האָבען זיך זיכער נישט בעשעפטיגט מיט אַזעלכע זאַכען. פון אבן־כספּי'ס ספרים ווערען מיר אָבער געוואויר, אַז „אין כל־חדש תחת השמש". עס ווייזט זיך אַרויס, אַז אין זיין צייט איז מען געווען פערקאָכט אין שפּיעלערייען נישט ווייניגער ווי היינט. ער זאָגט, אַז מאַנכע שפּיעלען אין באַלען סתם לשם קונסט,— אַזוי ווי מען שפּיעלט ביי אונז היינט טעניס א. ד. ג„ — און מאַנכע שפּיעלען אין באַלען צוליב געזונדהייט־צוועקען, אויף צו ענטוויקלען די פיזישע קראַפט פון קערפּער. ער דערצעהלט, אַז דער קעניג פון עגיפּטען פערלאָזט זיין פּאַלאַץ נאָר אום דיענסטאָג און שבת; אין דיביידע טעג פאָהרט ער אַרויס מיט זיינע אַדעל־לייט צו אַ געוויסען פּלאַץ ביים טייך נילוס צו שפּיעלען אין באַלען. דערפון איז אבן־כספּי געוואויר געוואָרען זייענדיג אין עגיפּטען און צוקוקענדיג זיך צו די מנהגים און זיטען פון לאַנד, וועלכע האָבען איהם שפּעטער אַרויסגעהאָלפען אויף צו ערקלערען מאַנכע שטעלען אין דער תורה.

מען ווערט פון איהם אויך געוואויר, אַז אין זיין צייט זענען די יודען געווען אַ סך מעהר פערקאָכט אין געמבלערייען ווי איצט. ער זאָגט: „עד שתמצא אוילים מבני עמנו לא ימכרו הבית אשר נחלו מאבותם אף ללמוד תורה לו ולבניו, וימכרו ספר־תורה לשחוק דמיו בקוביא"... איהר פערשטעהט, ווי ווייט זייער שפּיעלען איז דערגאַנגען? ביי אונז קאָן מען העכסטענס פערזעצען אַ זייגערל אויף צו שפּיעלען אין קאָרטען; דעמאָלט האָט מען אַפילו פערקויפט אַ ספר־תורה, כדי צו קאָנען שפּיעלען אין „ביינדלעך", וואָס איז געווען דאָס דאַמאָלסדיגע קאָרטען־שפּיעל.

ר' יוסף אבן־כספּי איז געווען גאַנץ ווייט נישט קיין פרויען־פריינד. קענטיג, אַז ער האָט געהאַט אַ שלעכטע ערפאַהרונג. רעדענדיג וועגען לוט'ס טעכטער, זאָגט ער, אַז ס'איז קיין ספק נישט, אַז אַנ'עצה פון פרויען ברענגט צו צרות, צו שאַנד, צי אַפילו צום טויט, אַזוי ווי דאָס איז געווען דער פּאַל מיט דער מוטער חוה, וועלכע האָט געגעבען איהר מאַן אַ טויט־טראָגענדע פרוכט, אָדער ווי דאָס איז געווען דער פּאַל מיט איוב'ס ווייב, וועלכע האָט איהם געגעבען אַזאַ טייערע עצה, אַז ער האָט דערנאָך געהאַט צו זינגען און צו זאָגען. מכח רחל און לאה האַלט ער, אַז זיי זענען געווען װאוילע פרויען, אָבער זיי זענען נישט געווען קיין משה מיט אַהרן...בכלל

דריקט ער זיך אויס וועגען די פרויען: „אַשרי מי שנמלט מהן״ — וואויל, הייסט עס, איז צו דעם מענש, וואָס האָט זיך געקאָנט אַרויסדרעהען פון זיי!...

ר׳ יוסף אבן־כספי גיט אַ שילדערונג, ווי־אַזוי מען איז אין זיין צייט געווען פערקאָכט צו האָבען קינדער, פון וואָס ער איז שטאַרק אונצופרידען. ער זאָגט, אַז ווען עס ווערט ביי זיי געבוירען אַ זוהן, לאַדען זיי איין אַלע זייערע פריינד צו אַ פעטער סעודה. זיי פרעהען זיך נישט דערמיט, וואָס זיי פערמאָגען, אויב זיי האָבען נישט קיין קינדער. „איך האָב געזעהן, זאָגט ער, ווי מענשען פטר׳ן אַוועק זייער גאַנץ פערמעגען אויף דאָקטוירים, כדי זייערע פרויען זאָלען האָבען קינדער, אָדער זיי וועלען אויסגעבען דאָס גאַנצע געלד אויף צו גט׳ן זיך מיט׳ן עקרה-ווייב, — פונקט ווי דאָס געלד וואָלט שוין נישט געהאַט קיין אַנדער ווערט אויסער דעם, אַז מען זאָל עס איבערלאָזען פאַר אַ זוהן, מאַכט נישט אויס צי אַ חכם, צי אַ נאַר... אויך איז ביי זיי נישטאָ קיין גרעסערע מצוה, ווי די מצוה פון פריה ורביה, ווייל זי איז די ערשטע מצוה פון דער תורה, נאָך פריהער ווי די ערקענטניס פונ׳ם אויבערשטען...״

ר׳ יוסף אבן־כספי ברענגט-אַרויס ביי געוויסע געלעגענהייטען אין זיינע אינטערפרעטאַציעס אויף די כתבי־הקודש און אַנדערע ספרים אייניגע פאָלקסווערטלעך, פון וואָס עס איז אַרויסצוזעהן, אַז אונזערע שפריכווערטלעך זענען גאָר נישט אַזוי ניי, ווי מיר מיינען. למשל, ביי אונז זאָגט מען, אַז „אַ געשאָנקענעם פערד קוקט מען נישט אין די צייהנער״; מיר געפינען דאָס ווערטעל ביי ר׳ יוסף אבן־כספי. עס הייסט ביי איהם אין לשון־קודש: „את הסוס הנתון אין לבדוק שניו בדיוק״. מען זאָגט ביי אונז אַ ווערטעל: „גיט אַ יודען אַ פינגער, ווילל ער די גאַנצע האַנד״; ר׳ יוסף אבן־כספי ברענגט אַנ׳עהנליך ווערטעל, וואָס מען האָט געזאָגט אין זיין צייט: „תנו הביצה אל היהודים האומללים, והם יבקשו מכם מלח״. מען זאָגט: „זאָג מיר, ווער דיין פריינד איז, — וועל איך דיר זאָגען, ווער דו ביזט״; ביי ר׳ יוסף אבן־כספי הייסט עס: „כשתשאל על אָדם, תשאל מי רעהו״.

אויך ברענגט ר׳ יוסף אבן־כספי אָפטמאָל פאַסירונגען פון זיין צייט און דערמאָהנט די נעמען פון די הערשער אין זיין צייט, דורך וואָס עס ווערט לייכטער צו האָבען אַ בעגריף פון יענער עפאָכע. זיינע ספרים זענען אַנ׳אוצר אויך פאַר שפראַך-פאָרשונג פון אַלט-פראַנצויזיש, פראָוואַנסאַליש און אַנדערע שפראַכען דורך די בלע״ז׳ן, וואָס ער ברענגט, כדי צו ערקלערען אַ וואָרט, אַ פסוק און אַ גאַנצען ענין.

ר׳ יוסף אבן־כספי האָט אָנגעשריבען דעם „ספר המוסר״, וואָס איז געווען אַ מין צוואָה צו זיין צוועלף-יאָהריגען זוהן שלמה אין וואַלענסיאַ. דאָרט זאָגט ער איהם אָן, אַז ער זאָל פריהער לערנען תורה, משנה און גמרא, דערנאָך זאָל ער שטודירען וויסענשאַפטען, דעם „מורה נבוכים״, די ע ט י ק פון אַריסטאָטעל׳ן, און דערנאָך דעם אַלפס, דעם סמ״ג און

„משנה תורה" פון רמב"ם. עס ווערען דאָרט, אגב, אויסגערעכענט אייניגע פּאַקטען, וואָס האָבען אַ שייכות צו זיין אייגענעם לעבען.

ר׳ יוסף אבן־כספּי איז געווען אַ מאַן פון סיסטעם און ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט געהאַט אָנגעשריבען אַ גענויען קאַטאַלאָג פון זיינע ספרים.

אַז ער איז אַלט געוואָרען אַ יאָהר פופציג, איז ער נאָך געווען שטאַרק און פריש און האָט נאָך געשטרעבט צו שטודירען. ער האָט דערייבער געזוכט אַ חבר, מיט וועלכען ער זאָל קאָנען לערנען צוזאַמען. אָבער ער האָט אַזאַ חבר נישט געפונען. עס האָט דעמאָלט אין זיין לאַנד געלעבט דער גרויסער דענקער ר׳ לוי בן גרשון, דער רלב"ג. עס שיינט אָבער, אַז ער האָט פון איהם נישט געוואוסט, אָדער ער האָט איהם נישט געקענט.

ר׳ יוסף אבן־כספּי האָט געלעבט זעכציג יאָהר. ער איז געשטאָרבען אין דער שטאָדט פּערפּיניאָן, אין יאָהר 1340, און האָט איבערגעלאָזט אַ גרויסען אוצר פון ווערטפולע שאַפונגען.

ר׳ יעקב אַנאַטאָלי.

א.

זיין פערזענליכקייט און ערציהונג.

עס איז ממש צו בעוואונדערן די גרויסקייט, די פערשידענפאַרביגקייט די אונערשעפּליכע שעפּערישקייט און די אויסערגעוועהנליכע השפּעה אין פערשידענאַרטיגע פאָרמען פון אונזערע גרויסע גייסטער אין מיטעלאַלטער. עס האָט געהאַט געהערשט אַנ׳אונגעהויערע רייכקייט, אַ געוואַלדיגע שפע פון טאַלאַנט, פעהיגקייט און זשעני. עס האָט קיינמאָל אין אונזער גאַנצער געשיכטע נאָך נישט געהאַט געהערשט אַזאַ קאָליר-פולע, אַזאַ געזונטע און אַזאַ דופּטענדע יצירה, ווי דאַמאָלס. און זי איז געווען אַזוי ערפרישענד, אַזוי פערשטאַרקענד און אַזוי פעריונגערנד, אַז ס׳איז פשוט שווער צו בעשטי־מען, ווער עס האָט מעהר געווירקט אויף דעם יודענטום. אַלע זענען גרויס געווען. אַפילו די קלענערע זענען גרויס געווען; דען אויך ז י י ע ר השפּעה איז געווען פון אונגעהויערער וויכטיגקייט, ווען מען טראָגט זיך אויף אַ מינוט אַריבער אין יענער צייט, אין יענער אַטמאָספערע, אין די אָנשוי־אונגען און בעגריפען פון יענער צייט.

אַלע זענען גרויס געווען. יעדער איינער פון אונזערע גאונים, פילאָ־זאָפען און געלעהרטע איז געווען אַ לייכטענדער שטערן, אַפילו ווען ער איז געווען אַ קליינער שטערן. יעדער איינער איז געווען אַ קראַפט פאַר זיך, סיי מיט דער שעפערישקייט און סיי מיט דער השפּעה. און ס׳איז זעלבסטפערשטענדליך פאַר יעדערן, אַז אונזער גאַנצע גייסטיגע און מאָראַ־לישע עקזיסטענץ האָבען מיר צו פערדאַנקען נאָר זיי, יענע זשעניען פון מיטעלאַלטער. זיי האָבען אַלץ געטהאָן. זיי האָבען געשאַפען און איבערגע־שאַפען. זיי האָבען אַרויסגעבראַכט די שענקייט פון דער תורה און האָבען אויסגעשליפען די גמרא. זיי האָבען געשאַפען אַ יודישע פילאָזאָפיע און האָבען בעלויכטען די יודישע עטיק. זיי האָבען געשאַפען אַ ריעזיגען אַר־כיון פון גייסטיגע ווערטען, זאָגאַר ווען מאַנכע האָבען געהאַט בלויז אַ

היסטאָרישען ווערט. דען ביי קיין אומה ולשון איז נישט אַלץ געשאַפען געוואָרען פון אייביגען שטאָף. דאָס איז געווען אַ זעלטענער פענאָמען אין מיטעלאַלטער. אין דער צייט, ווען די קריסטליכע פעלקער האָבען נאָך נישט געוואוסט, וואָס עס טהוט זיך אויף דער וועלט, האָבען די מיטעלאַל-טערליכע געלעהרטע אונזערע געוואוסט אַ סך, זיי האָבען געקענט כמעט אַלץ. זיי זענען געווען פיעלזייטיג געבילדעט, און אויף אַלץ, וואָס זיי האָבען געהאַט געקענט, איז געלעגען דער שטעמפעל פון טיעפקייט און גרינדליכקייט. און אָט מיט זייער שאַפען האָבען זיי פערשטאַרקט דעם יודישען קולטורעלען בנין, האָבען אונז אַליין איבערגעשאַפען און אַריינגע-שפריצט אין אונז יוגענדליכע כחות, אָהן וועלכע מיר וואָלטען אפשר פער-וועלקט געוואָרען, אָהן וועלכע מיר וואָלטען אפשר אויסגעגאַנגען.

אין דעמדאָזיגען מילך-וועג פון גלענצענדע שטערען, אָריגינעלע זשעניען און שעפער, וועלכע זענען געווען גרויסע באַהן-ברעכער, אָדער קלענערע, וואָס האָבען מחדש געווען חידושים און געשטויסען דעם אויסגעשליפענעם געדאַנק ווייטער, שיינען אַרויס אויך בעדייטענדע פערזענליכקייטען, וואָס זענען געווען קולטור-פערשפרייטער, קולטור-טרעגער פון אַ העכערער מדרגה, קולטור-פערמיטלער און קולטור-איבערפלאַנצער, — פערזאָנען, וואָס האָבען אָבגעטהאָן, אפשר אונבעוואוסט, אַ גרויסע מיסיע אין דער קולטור-געשיכ-טע פון דער מענשהייט; פערזאָנען פון גרויסע מדות, וואָרט-פיהרער, טרי-בונען, וואָס האָבען מיט זייער דירעקטען קאָנטאַקט מיט'ן פשוט'ען עולם פערזייהט און פערפלאַנצט קולטור אין אַזעלכע ערטער און אַזעלכע קרייזען, וואו דאָס געשריבענע וואָרט — און דאַמאָלס איז דאָך געווען בלויז דאָס געשריבענע וואָרט — האָט נישט געקאָנט דערגרייכען. און אין דער בע-ציהונג צו קולטור-פערמיטלעריי האָבען די יודען אין מיטעלאַלטער געשפיעלט אַ גרויסע ראָלע. זיי זענען געווען האַנדעלס-פערמיטלער, אָבער אויך גרויסע קולטור-פערמיטלער. זיי האָבען די אָריענטאַלישע קולטור, די גרויסע און רייכע אַראַבישע קולטור, איבערגעפלאַנצט אין דער באַרבאַרישער אייראָפּאַ דורך איבערזעצונגען.

עס קאָן זיך מאַנכע אויסדאַכטען, אַז איבערזעצונג האָט עפּעס אַ קנאַפּען ווערט; אַז בלויז דאָס אָריגינעלע האָט אַ גרויסען ווערט. ס'איז אָבער אַ טעות. זייט דער ערשטער איבערזעצונג אין דער וועלט-געשיכטע, וועלכע איז אויך געמאַכט געוואָרען פון יודען, זינט ס'איז איבערגעזעצט געוואָרען די תורה אויף גריכיש, און די גרויסע וועלט איז בעקאַנט געוואָרען מיט'ן „ספר-הספרים", מיט דעם גרעסטען, שענסטען און אייביגען ווערק אין דער מענשליכער געשיכטע, — איז איבערזעצונג ביז צום היינטיגען טאָג פון העכסטער וויכטיגקייט פאַר'ן קולטור-לעבען פון פעלקער. אייראָפּאַ האָט נאָך געקאָנט הונדערטער יאָהרען וואַרטען אויף אַ גרויסען קולטורעלען אויפ-שוואונג, אויב די יודען וואָלטען איהר נישט, דירעקט אָדער אינדירעקט, אַריינגעבראַכט די שענע און טיעפע אידעען פון אָריענט. איבערזעצונג איז

אַ מין קולטורעלער אויסטויש. אָבגעשטאַנענע פעלקער האָבען שטענדיג גע־מוזט און וועלען שטענדיג מוזען אָנקומען צו די פעלקער פון אַ העכערער קולטור. דער גאַנצער פוסטער, נאַציאָנאַלער שטאָלץ וועט זיי גאָרנישט העלפען. זיי האָבען געמוזט און וועלען מוזען אָנקומען צו פרעמדע קולטו־רען, פונקט אַזוי ווי זיי מוזען אָנקומען צו די גאָלד־זעק פון אַנדערע פעלקער. און נישט בלויז אָבגעשטאַנענע פעלקער — זאָגאַר הויך ענטווי־קעלטע פעלקער מוזען זיך אויסטוישען מיט די אידעען און גייסטיגע שאַ־פונגען פון אַנדערע קולטורעלע פעלקער. איבערזעצונג איז געווען אַ גרוי־סער קולטור־פאַקטאָר. און דאָס האָבען יודען געטהאָן אין אַ גרויסער מאָס. די נישט־יודישע איירָאָפּאַ וויל עס נישט מודה זיין; אָבער אויך וועלכע יודי־שע לייסטונגען ווילען זיי יאָ מודה זיין? — אויסערדעם האָבען די יודען מיט זייער ליעבע צום ספר נישט בלויז איבערגעזעצט, נאָר אויך אינטער־פרעטירט, פאָפּולאַריזירט, פערשפּרייט, און אַזוי־אַרום האָבען זיי די וועלט בעקאַנט־געמאַכט מיט די שאַפונגען פון נישט־יודען. זיי האָבען פערשפּרייט נישט בלויז זייערע אייגענע אידעען, נאָר אויך די אידעען פון אַנדערע פעלקער. זיי האָבען די אידעען, אייגענע און פרעמדע, נישט געלאָזט לאָ־קאַליזירען, איינמאַרינירען אין די גרענעצען פון אַ מדינה. זיי האָבען זיי גע־לאָזט אין בעוועגונג, זיי האָבען זיי געשטויסען פון לאַנד צו לאַנד און פון פאָלק צו פאָלק — און אַזוי־אַרום האָבען זיי אומעטום, אין אַלע ווינקעלעך פון דער וועלט, פערשטאַרקט די פרעמדע קולטורען און פערשענערט און געזונד געמאַכט דאָס יודענטום.

צו דעמדאָזיגען קלאַס פערזענליכקייטען האָט געהערט ר׳ יעקב בן אבא מארי בן שמשון, אָדער בן שמעון, אַנאַטאָלי. ער איז געווען מעדיצינער, בעל־דרשן, מפרש, אָבער הויפּטזעכליך קולטור־איבערפלאַנצער, איבערזעצער. ער האָט איבערגעזעצט די גרויסע אַראַבישע שאַפונגען, ער האָט אינדירעקט איבער־געזעצט די גרויסע גריכישע דענקער. ער האָט איבערגעפלאַנצט וויסענשאַפט, פילאָזאָפיע. אין איטאַליען איז ער זאָגאַר געווען אַ פיאָנער. ער איז געווען גרויס פאַר די נישט־יודען און בעזונדערס פאַר די יודען. און פיאָנערען־אַרבייט איז שטענדיג בעטראַכט געוואָרען פון העכסטער מדרגה. ער איז געווען, ווי מאַנכע פרובירען בעהויפטען, אַ פשוט׳ער אַרבייטער, עס הייסט, ער איז נישט געווען קיין מחדש חידושים. אָבער כדי איבערצוזעצען ווי־סענשאַפטליכע און פילאָזאָפישע ווערק, האָט מען אַליין אויך געדאַרפט זיין אַ וויסענשאַפטס־מאַן און אַ פילאָזאָף. נאַטירליך, ווען מען זאָל איהם האָבען אַוועקגעשטעלט אין דער רייה פון אונזערע גרויסע זשעניען, גרויסע שע־פער, וואָלט מען איהם אפשר גאַנץ וועניג בעמערקט. ער איז אָבער געווען אַנ׳אייגענאַרטיגע פערזענליכקייט, ער איז געווען אַ קלאַס פאַר זיך. ער איז געווען פונ׳ם טיפ קולטור־טרעגער, קולטור־איבערפלאַנצער, און דערצו אויך נאָך העכער פון דעם. דען ער איז געווען נישט בלויז איבערזעצער, נישט בלויז קולטור־פערשפּרייטער צווישען פעלקער, נאָר איז אויך געווען אָרי־

גינעלער דענקער, אָריגינעלער שעפער, אַ בעדייטענדע עטישע פערזענליכ־קייט און אַן'איינפלוסרייכע קראַפט. און די השפעה אויף אַ פאָלק, נישט בלויז די יצירה אַליין, איז באמת דאָס, וואָס ברענגט דעם מענשען אין די הויכע הויכקייטען, וואָס מאַכט דעם מענשען גרויס און בעוואוסט.

ר' יעקב אַנאַטאָלי איז נישט געווען פון יענע עטישע פערזאָנען, וואָס שיידען זיך אָב פון דער וועלט, געהען אַוועק פון זייער סביבה, פעראיינ־זאַמען זיך אין זייער אייגענעם וועלטעל און לעבען לויט זייערע אייגענע אַנשויאונגען, אויב זיי קאָנען נישט שלום־מאַכען מיט דער וועלט. ער איז געבליבען שטעהן אויפ'ן אָרט. ער איז געבליבען שטעהן אינמיטען פייער. ער איז אַרויסגעטראָטען אָפען אויף דער בימה און האָט פערלאַנגט, אַז אַלע זאָלען לעבען הויך, אַז אַלע זאָלען זיך אויפפיהרען ריין. עס זענען ביי אונז געווען פרומע מענשען, וועלכע האָבען געהאַט אַנגעגריפען די ליבע־ראַלען פאַר זייערע פרייע רעיונות, פאַר זייערע פרייע תורה־אינטערפּרע־טאַציעס, הגם באמת זענען אַט די „ליבעראַלען" געווען גרויסע צדיקים. אַזעלכע פערזאָנען זענען געווען גאַנץ גענוג. ר' יעקב אַנאַטאָלי איז אָבער געווען דער איינציגער פרומער יוד, — הגם ער איז געווען אַ דענקער, — וואָס איז אַרויסגעטראָטען געגען געוויסע פרומע גופא, אַנווייזענדיג, אַז זיי אַליין דערהויבען זיך נישט צום גייסט פון דער תורה, אַז זיי אַליין פערנאַכלעסי־גען דאָס לערנען, דאָס פשוט'ע לערנען פון תורת משה, וואָס איז דער קוואַל פון לעבען, און גיבען זיך אָב זעהר אָפט מיט נישט־וויכטיגע, גאַנץ אונבעדייטענדע פלפולים. ר' יעקב איז געווען אַן'אונגעהויערער שונא פון אויסערליכער פרומקייט אַלס אַ שלייער אויף צו פערדעקען דערמיט אַמאָל נישט־געוואונשענע טהאַטען. ער האָט קיינעם נישט נושא־פנים געווען; ער האָט אַנגעגריפען אַלעמען, וועלכע זענען נישט געווען עטיש גענוג, עטיש אין אַ העכערן זין, אַנווייזענדיג, אַז די יודישע עטיק איז דער יסוד־היסודות פון יודענטום.

ר' יעקב אַנאַטאָלי האָט געווירקט דירעקט. ער איז געווען אַ דרשן, ער האָט געהאַלטען דרשות אין די בתי־מדרשים, אויף יודישע שמחות, אויף חתונות, אויף ברית'ן. ער איז געגאַנגען אומעטום צו פערשפּרייטען גאָטס וואָרט צווישען ברייטען עולם און האָט אַרויסגעבראַכט זיינע רעיונות אי־בער דער יודישער מאָראַל, איבער דער יודישער תורה. דערין איז געלע־גען זיין אָריגינאַליטעט, דערין איז געלעגען זיין גרויסקייט און זיין גרויסע השפעה. ער האָט זיך די ערשטע צייט נישט אָבגעגעבען מיט שריפטליכע שאַפונגען אויפ'ן געביעט פון תורה. ער האָט בעסער געוואָלט ווירקען מיט'ן לעבעדיגען וואָרט דירעקט אויפ'ן פאָלק, צו וועלכען אַ ספר איז אין יענע יאָהרען נישט געווען צוגענגליך. ער האָט אין זיינע עפענטליכע דרשות גע־האַט דעם קוראַזש אַרויסצוזאָגען אָפען, וואָס ער דענקט. עס פערשטעהט זיך, אַז צוליב אַזעלכע אַנגריפען, צוגעפּוצט מיט די דאַמאָלסדיגע מאָדערנע פילאָזאָפישע חקירות, האָט ער זיך געהאַט געשאַפען אַ סך שונאים צווישען

די פרומע עלעמענטען; אָבער דאָס האָט איהם נישט אָבגעשטעלט פאַרטצו-זעצען וויטער זיין אַרבייט אויף אויפצוהויבען דעם גייסטיגען מצב פון פאָלק און עס אַרויסצושלעפען פונ'ם עם־הארצות, אין וועלכען עס איז גע-לעגען.

ר' יעקב אַנאַטאָלי איז געווען אַ פּראָוואַנסאַלער. ער איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1194, אָדער, ווי מאַנכע בעהויפּטען, אין יאָהר 1200. עס איז נישט בעקאַנט געגוי זיין אָבשטאַמונג און זיין יוגענדליכע ערציהונג. מען ווייסט אָבער, אַז ער האָט פערבראַכט זיינע יונגע יאָהרען אין נאַרבאָן און אין בעזיער, וואו ער האָט ביי אייניגע רביים געהאַט בעקומען זיין ערשטע אויסבילדונג. אַ פיעל ברייטערן און טיעפערן וויסען האָט ער ערוואָרבען ערשט שפּעטער, ווען ער האָט זיך משדך געווען מיט דער בעוואוסטער געלעהרטער פאַמיליע אין פּראָוואַנס, די אבן־תיבון'ס, חתונה-האָבענדיג מיט אַ טאָכטער פון ר' שמואל אבן־תיבון, וועלכער האָט איבערזעצט דעם רמב"ם'ס „מורה נבוכים" פון אַראַביש אויף לשון־קודש. אַזוי ווי ר' שמואל'ס זוהן, ר' משה אבן־תיבון, האָט געהאַט גערופען אַנאַטאָלי'ן פעטער, איז מען משער, אַז אויסער וואָס אַנאַטאָלי איז געווען אַן אייניעם פון ר' שמואל'ן, איז ער אויך געווען זיינער אַ שוואָגער, ווייל ר' שמואל זאָל האָבען חתונה געהאַט מיט אַנאַטאָלי'ס אַ שוועסטער. אין דעם הויז פון די אבן־תיבון'ס האָט ר' יעקב אַנאַטאָלי ערוואָרבען אַ גרינדליכע אויסבילדונג אין מאַטעמאַטיק און אַנדערע וויסענשאַפטען און הויפּטזעכליך אין פילאָזאָפיע און אין דער פילאָזאָפיע פון רמב"ם. און ווען ער האָט זיך שוין געהאַט געפיהלט גענוג מעכטיג אין דידאַזיגע געביעטען, האָט ער אויפ'ן פערלאַנג פון זיינע פריינד אין נאַרבאָן און אין בעזיער איבערזעצט אַראַבישע ווערק וועגען אַסטראָנאָמיע און וועגען לאָגיק אויף העברעאיש. און פון־דאַן־אָן האָט זיך אָנגעהויבען זיין ליטעראַריש-וויסענשאַפטליכע טעטיגקייט, זיין גרויסע קולטור-טעטיגקייט.

ב.

ביים קעניג פון נעאַפּאָל.

הגם פּראָוואַנס האָט זיך דאַמאָלס גערעכענט פאַר מעהר מאָדערן, מעהר וועלטליך געבילדעט, ווי אַנדערע מדינות, איז דאָך ר' יעקב אַנאַטאָלי'ן ענג געוואָרען צו זיצען איז זיין היים. ער האָט זיך אָנגעהויבען פיהלען אונאָנגענעהם, געדריקט. דען די קנאים, וועלכע האָבען נישט געקאָנט פערטראָגען זיינע פייערדיגע שטראָף-רייד, זיין שאַרפע קריטיק איבער זייער עטישען צושטאַנד, איבער זייער אויפפיהרונג, וועלכע האָט איהם געשיינט צו זיין נישט גענוג הויך, האָבען איהם אָנגעהויבען פערפאָלגען. ער האָט אָבער צוליב דעם נישט געוואָלט פערפיהרען קיין נייע מחלוקת, דען קיין

מחלוקת'ן האָבען דאַמאָלס ביי יודען אַזוי אויך נישט געפעהלט, און ער האָט דעריבער בעשלאָסען אויף אַ רוהיגען, שטילען אופן זיך צוריקציהען פון זיין היימאַט און איז אַוועקגעפאָהרען קיין נעאַפּאָל אין איטאַליען.

אין נעאַפּאָל האָט דאַמאָלס געהערשט דער געלערנטער און ליבעראַלער קעניג פרידריך דער צווייטער. דערדאָזיגער קעניג איז געוועזן אַ גרויסער ליעבהאָבער פון וויסענשאַפט, און מחמת-דעם האָט ער מיט אַ ברייטער האַנד געשטיצט אַלע גרויסע וויסענשאַפטליכע פאָרשער, אַלע גרויסע בעגאַבטע פערזענליכקייטען, וועלכע האָבען זיך געהאַט אָבגעגעבען מיט פילאָזאָפיע און געלעהרזאַמקייט. זיין הויפּט-וואונש איז געוועזן, אַז די אַלע ווערק איבער פילאָזאָפיע און אַסטראָנאָמיע אין אַראַבישער שפּראַך זאָלען איבערזעצט ווערען אין לאַטייניש, און צום דאָזיגען צוועק האָט ער אָנגעשטעלט מעהרערע יודישע געלעהרטע צו טהון די אַרבייט. דער קעניג האָט געהאַט געפיהרט אַ קאָרעספּאָנדענץ מיט'ן יונגען יודישען געלעהרטען ר' יהודה בן שלמה כהן אבן־מאַטקאַ פון טאָלעדאָ איבער געוויסע וויסענשאַפטליכע ענינים. זיינע שאַפונגען האָבען אויף דעם קעניג געמאַכט אַזאַ שטאַרקען איינדרוק, אַז ער האָט איהם געשיקט אַ גרויסען בריעף מיט וויסענשאַפטליכע שאלות— און ער איז געוועזן העכסט בעגייסטערט פון די תשובות, וואָס ער האָט פון איהם בעקומען. עס איז אַ סברה, אַז דער קעניג פרידריך האָט איהם געהאַט צוגערעדט צו קומען קיין איטאַליען און ער איז באמת געוואָרען זיינער אַ שטענדיגער הויז-פריינד, וואָס איז, זעלבסטפערשטענדליך, בעטראַכט געוואָרען פאַר'ן העכסטען כבוד. עס ווערט בעהויפּטעט, אַז דערזעלביגער קעניג פרידריך זאָל עס האָבען עקסטרא איינגעלאַדען אויך ר' יעקב אַנאַטאָלי'ן, פון וועמענס גרויסקייט ער האָט געהאַט געהערט, צו קומען קיין נעאַפּאָל צו טהון פאַר איהם וויסענשאַפטליכע אַרבייט. דערמיט וויל מען בעטאָנען, אַז ר' יעקב אַנאַטאָלי איז אַוועק פון פּראָוואַנס קיין איטאַליען נישט מחמת די רדיפות אויף איהם, נאָר ווייל דער קעניג האָט איהם איינגעלאַדען צו קומען, הגם קיינער פרובירט נישט אָבצולייקענען, אַז ער איז אינדערהיים פערפאָלגט געוואָרען. יעדענפאַלס, פון דאַמאָלס אָן האָט זיך ר' יעקב אַנאַטאָלי בעזעצט אין איטאַליען און האָט בעקומען פון קעניג אַ יעהרליכע פּענסיע, כדי ער זאָל קאָנען אַרבייטען מיט אַ רוהיגען קאָפּ און איבערזעצען פאַר איהם די וויסענשאַפטליכע ספרים, פון וועלכע ער איז געוועזן אַ גרויסער ליעבהאָבער. אַגב, האָט איהם דער קעניג פרידריך אויך אויסגענוצט אַלס הויף-דאָקטאָר, דען ר' יעקב אַנאַטאָלי איז בעקאַנט געוועזן אויך אַלס מעדיצינער.

נישט-האָבענדיג קיין דאגות־פּרנסה און לעבענדיג ביי זעהר גינסטיגע בעדינגונגען, אַרומגערינגעלט מיט פירשטליכען כבוד, האָט ר' יעקב אַנאַטאָלי זיך גענומען פאָרטצוזעצען זיין וויסענשאַפטליכע אַרבייט. ער האָט איבערזעצט אַ גרויסען טייל פון אַריסטאָטעל'ס „לאָגיק" אויף העברעאיש, וואָס איז דערנאָך איבערזעצט געוואָרען אויף לאַטייניש. ער האָט איבער-

זעצט פילאָזאָפישע ווערק, וויסענשאַפטליכע ווערק, הויפּטזעכליך איבער אַסטראָנאָמיע. אונטער דער צייט האָט ר׳ יעקב אַנאַטאָלי זיך געהאַט דאָרט באַקענט מיט׳ן קריסטליכען געלעהרטען מיכאל סקאָטוס, וועלכער איז אויך געווען איינער פון די געלעהרטע אין קעניגליכען הויף, און ביידע האָבען זיך אָפט אַרויסגעהאָלפען איינער דעם אַנדערן אין זייערע וויסענשאַפטליכע און פילאָזאָפישע אַרבייטען, וועלכע זענען בעשטאַנען אין איבערזעצונגען פון בעריהמטע ספרים.

ר׳ יעקב אַנאַטאָלי האָט זיך אין נעאַפּאָל בעשעפטיגט נישט בלויז מיט וויסענשאַפטליכער און פילאָזאָפישער אַרבייט. ער איז געווען צו-טעמפעראַמענטפול צו בלייבען בלויז אַ שטוב-זיצער. ער האָט ליעב געהאַט די בימה. ער האָט ליעב געהאַט צו רעדען פאַר׳ן עולם און ער האָט דעריבער ווייטער פרובירט צו ווירקען דירעקט מיט׳ן לעבעדיגען וואָרט אויף די איטאַליענישע יודען. ער האָט געהאַלטען דרשות, אין וועלכע ער האָט געהאַט אַרויסגעבראַכט זיינע עטישע אידעען. ר׳ יעקב האָט געמיינט, אַז נאָר אין זיין געבורטסלאַנד זענען פאַרהאַן אַזעלכע מענשען, וואָס האָבען נישט געקאָנט פערטראָגען קיין שום מוסר. ער האָט זיך אָבער שנעל ענטטוישט. ער האָט זיך איבערצייגט, אַז אויך אין איטאַליען זענען אַזעלכע פאַרהאַן. אין נעאַפּאָל זענען געווען זעהר פיעל פרומע יודען, די אָרטאָדאָקסישע קהלה איז געווען זעהר אַ שטאַרקע — און אַט דידאָזיגע יודען האָבען זיך אַוועקגעשטעלט אין דער אָפּאָזיציע צו זיינע עטישע און פילאָזאָפישע אידעען, וואָס זענען געווען געשטיצט אויפ׳ן רמב״ם, וועלכער איז נאָך דאַמאָלס נישט געווען אַזוי פערהייליגט ווי היינט. עס פערשטעהט זיך, אַז זייענדיג אין אַזאַ הויכער לאַגע, זייענדיג אַ בן־בית אין קעניגליכען הויף, האָבען די יודען זיך נישט געקאָנט ערלויבען צו פיהרען געגען איהם אַן׳אָפענעם קאַמף; ס׳איז אָבער פאָרגעקומען אַ שטילער קאַמף געגען איהם. דאָס זאָל דאַן האָבען אַזוי שטאַרק פערביטערט זיין לעבען, אַז ער האָט פרובירט בעגעהן זעלבסטמאָרד. ער איז אָבער שנעל געקומען צו-זיך, האָט זיך בערוהיגט און ווייטער אָנגעהויבען פאָרטזעצען זיין אַרבייט.

נאָך דער פּאַסירונג האָט ער צונויפגעזאַמעלט און סיסטעמאַטיזירט אַלע זיינע דרשות, וואָס ער האָט געהאַט געהאַלטען, און געמאַכט פון דעם איין ספר, וועלכער טראָגט דעם נאָמען „מלמד התלמידים״. דאָס וואָרט „מלמד״ האָט דאָ אַ דאָפּעלטע בעדייטונג: „מְלַמֵּד״ — דער לעהרער, און „מַלְמָד״ — דער פלאָקען, די רוט, צו געבען שמיץ, אָדער קלעפּ. דאָס איז אַן׳אָנדייטונג אויף דער סאַטירע און שאַרפען מוסר, וואָס עס געפינט זיך אין דעם ספר.

דערדאָזיגער „מלמד התלמידים״ איז נישט קיין שאַפונג פון הויכען שוואונג. ער איז אָבער אינטערעסאַנט, און די געדאַנקען זענען געזונטע. דערדאָזיגער ספר, וועלכער איז אַיינגעטיילט לויט די פרשות פון דער וואָך, איז אַן׳עכט מוסר-ווערק, וואָס ענטהאַלט אָבער גלייכצייטיג אינטערפּרעטאַ-

ציעס אויף דער תורה. ר׳ יעקב אַנאַטאָלי האָט זיך געהאַלטען אין דער אַלעגאָרישער אויסטייטשונג פון דער תורה. אין יעדער ערשיינונג, אין יעדען ספור געפינט זיך אַן׳אַלעגאָריע. די ספורים פון דער תורה זענען נישט געשריבען געוואָרען, לויט זיין מיינונג, אַלס מעשיות צו אונטערהאַלטען די לייענער. דאָס איז לחלוטין נישט געווען די כוונה פונ׳ם מחוקק. מען דאַרף דעריבער אָננעהמען, אַז אין זיי זענען פערבאָרגען גרויסע כוונות, פילאָזאָפישע רעיונות. דאָס רוב האַלט ער זיך אין זיין פירוש נאָכ׳ן רמב״ם, וועלכער איז געווען זיין ליעבלינג; מהאַי טעמא פרובירט ער אויך צו ראַציאָנאַליזירען די נסים און טייטשט-אויס די פסוקים פון פילאָזאָפיש-אַלעגאָרישען שטאַנדפונקט. ער האָט בענוצט צו זיינע אַלעגאָרישע אויסטייטשונגען געוויסע מיינונגען אויך פון די גריכישע פילאָזאָפען, אַריסטאָטעל און פלאַטאָ, ווי אויך פונ׳ם אַראַבישען פילאָזאָף אבן־ראָשד. ער בערופט זיך אָפט אויך אויף דער לאַטיינישער איבערזעצונג פון דער תורה, די „וואולגאַטאַ״, און בענוצט זיך מיט אויסטייטשונגען פון זיינע קריסטליכע צייט-גענאָסען, ווי מיכאל סקאָטוס און קעניג פרידריך, וועלכער איז אויך געווען אַ הויך-געבילדעטער און פילאָזאָפיש-געשטימטער מענש.

נישט-קוקענדיג אויף מאַנכע אָפּאָזיציעס צו ר׳ יעקב אַנאַטאָלי׳ס פילאָזאָפישע אָנשויאונגען אין זיינע אינטערפּרעטאַציעס, איז זיין „מלמד התלמידים״ שנעל פערשפרייט געוואָרען איבער איטאַליען, אַדאַנק זיינע הויכעטישע געדאַנקען, אַדאַנק דער קלאָרקייט פון זיין שפּראַך, און דוקא אַדאַנק דער שטרענגקייט פונ׳ם טאָן. פיעל מחברים האָבען שפּעטער איהם גאַנץ גוט אויסגענוצט פאַר זייערע אינטערפּרעטאַציעס און דרשות. צוליב אָט דעם גרויסען איינפלוס, וואָס ר׳ יעקב אַנאַטאָלי האָט אויסגעאיבט אין איטאַליען, האַלטען די פאָרשער, אַז ער איז געווען איינער פון די, וועלכע האָבען פיעל בייגעטראָגען צו דער פערשפרייטונג פון פילאָזאָפישען וויסען צווישען די איטאַליענישע יודען. אָבער נישט בלויז אין איטאַליען אַליין איז זיין ספר אַזוי פּאָפּולער געוואָרען, ער איז אויך מיט בעגייסטערונג אויפגענומען געוואָרען אין אַנדערע מדינות, און טאַקע אויך אין זיין אייגענער, אין זיין געוועזענער, פערלאָזטער היים, אין פראָוואַנס. ער איז שפּעטער ממש פערהייליגט געוואָרען אין די אָרטאָדאָקסישע קרייזען פון אַלע פראָוואַנסאַלער קהלות, הגם די געגנער פון פילאָזאָפיע בכלל זענען אַלץ געווען פיינדליך צו זיין ספר. דער רשב״א, וועלכער האָט געהאַט אַרויסגעגעבען אַ חרם אויף אַלע פילאָזאָפישע ווערק, האָט אויך דעם „מלמד התלמידים״ בעטראַכט פאַר אַ געפעהרליכען ספר, וועלכער מוז אונבעדינגט פערבאָטען ווערען.

עס איז פאַרהאַן אַ השערה, אַז חוץ דעם „מלמד התלמידים״ האָט ר׳ יעקב אַנאַטאָלי געהאַט געשאַפען אַ ספר „רוח חן״, אַ מין אַיינלייטונג צום „מורה נבוכים״ פון רמב״ם. דאָס איז אָבער נישט בעשטימט. מאַנכע זאָגען, אַז דעם „רוח חן״ זאָל האָבען געשריבען זיין זוהן אַנאַטאָליאָ, אָדער אַ-

טאָניאָ, וועלכער איז אויך געווען אַ דענקער און אַ גרויסער אָנהענגער פון רמב"ם.

ר' יעקב אַנאַטאָלי איז געשטאָרבען אין יאָהר 1256. מאַנכע האַלטען, אַז ער איז געשטאָרבען מיט זעקס יאָהר פריהער. וואו ער איז געשטאָרבען, איז נישט בעקאַנט; נאָר אַזוי ווי מען ווייסט נישט, אַז ער זאָל האָבען אַמאָל אַוועקגעפאָהרען פון נעאַפּאָל, איז מען משער, אַז ער איז געקומען צו קבר־ישראל אין דערדאָזיגער שטאָדט. ער האָט איבערגעלאָזט, חוץ דעם אויבענדערמאָהנטען זוהן, אויך אַ טאָכטער מלכּה, אָדער ווי זי האָט געהייסען אויף דער לאַנדס-שפּראַך — רעגינאַ.

ר ל ב " ג.

א.

זיין אָבשטאַמונג און יוגענד.

איינער פון די גרעסטע, אָדער ווי מאַנכע האַלטען, דער גרעסטער יודישער פילאָזאָף, פיעלזייטיגער וויסענשאַפטס-מאַן און אייגענאַרטיגער מפרש אין מיטעלאַלטער נאָכ'ן רמב"ם איז געווען ר' לוי בן גרשון, — בעקאַנט אין דער יודישער וועלט אַלס ר ל ב " ג, אָדער ווי מען האָט איהם געהאַט גערופען אין לאַטייניש: ל ע אָ ה ע ב ר ע א ו ס.

אונאָבהענגיג פון די פערשידענע מיינונגען וועגען איהם, איז ער דאָך אָנערקענט אַלס אַ ריעזיגע פיגור. ער איז געווען איינער פון די געצעהלטע יודישע זשעניען. ער איז געווען אַ מאַן פון טיעפען דענקען, פון גרויסער ערודיציע און פון בעדייטענדער שאַפונגס-קראַפט — און דאָס ליכט פון זיין גייסט האָט אַרויסגעשטראַהלט נישט בלויז איבער זיין אייגענעם פאָלק און איבער זיין אייגענעם פאָטערלאַנד, נאָך אויך איבער אַנדערע פעלקער און אַנדערע לענדער פון דער דאַמאַלס דענקענדער און וויסענשאַפטליכער אייראָפּאַ.

עס פערשטעהט זיך, אַז מיט זיין גאַנצער גרויסקייט האָט רלב"ג דאָך שוין מעהר נישט געקאָנט שאַפען אין דער יודישער וועלט יענעם גייסטיגען שטורם, וואָס עס האָט פריהער געהאַט געמאַכט דער רמב"ם. עס איז שוין די צייט נישט געווען דערפאַר. די יודישע וועלט איז שוין מיעד געוועזן פון חקירות. אויסערדעם האָט מען זיך נאָך אינ'ם ביסעל חקירה-קרייזען געפונען אונטער'ן איינפלוס פון רמב"ם. דער רמב"ם איז נאָך גע-געווען פריש אין זכרון, און די מחלוקת'ן זענען נאָך גוט בעקאַנט געווען, דען דער קאַמף צווישען די רמב"ם'יסטען און אַנטי-רמב"ם'יסטען האָט נאָך אָנגעהאַלטען אַ לאַנגע צייט שפּעטער. מחמת-דעם האָט מען שוין דעם עולם נישט געקאָנט אַזוי שטאַרק איבערראַשען מיט נייע פילאָזאָפישע חקירות.

עס איז געוועהנליך אָנגענומען ביי אַ סך פאַרשער, אַז אין פילאָזאָפיע איז דער רלב"ג געווען פיעל טיפער, פיעל גרינדליכער און פיעל שאַרפער פאַר'ן רמב"ם. עס הייסט זאָגאָר צו זאָגען, אַז ער איז געווען אַ בעסערער קענער פון אַריסטאָטעל'ס פילאָזאָפיע; דען בעת דער רמב"ם זאָל זיך האָבען בעקענט מיט אַריסטאָטעל'ס פילאָזאָפיע דורך קוועלען, וועלכע האָבען נישט איבערגעגעבען אויספיהרליך אַלע אָנשויאונגען פון גרויסען גריכישען פילאָזאָף, האָט דער רלב"ג זיך געהאַט דערגרונטעוועט צום גאַנצען סיסטעם פון אַריסטאָטעל'ס פילאָזאָפיע דורכ'ן גרויסען אַראַבישען דענקער אבן־ראָשד, וועלכער האָט אָנגעשריבען אַנ'אויספיהרליכען פירוש אויף אַריסטאָטעל'ס פילאָזאָפיע, וואָס איז דערנאָך איבערגעזעצט געוואָרען אויף העברעאיש. מהאי טעמא, זאָגען זיי, אונטערנעהמט זיך טאַקע דער רלב"ג צו לעזען יענע פּראָבלעמען פון דער פילאָזאָפיע און טעאָלאָגיע, וועלכע דער רמב"ם האָט נישט ווי געהעריג בעהאַנדעלט, אָדער ער האָט זיי נישט געלעזט אויף אַזאַ אופן, וואָס זאָל דעם רלב"ג צופרידענשטעלען.

דער אמת איז אָבער, לויט די נייעסטע מיינונגען, אַז קיין צווייטער רמב"ם איז נישט געווען, אַז פּונקט ווי ער איז געווען ריעזיג אין הלכה, אַזוי איז ער געווען מעכטיג אין פילאָזאָפיע. דער רמב"ם האָט געקענט דאָס גאַנצע סיסטעם פון אַריסטאָטעל'ס פילאָזאָפיע, ער האָט געקענט די פילאָזאָפיע אַמטיעפסטען און אַמשאַרפסטען, דען נאָך פ אַ ר אבן־ראָשד איז אַריסטאָטעל'ס פילאָזאָפיע געווען איבערגעזעצט אויף אַראַביש, און דער רמב"ם האָט די אַלע ספרים געהאַט און שטודירט. ס'איז פאַר איהם קיין קלייניגקייט, קיין שום פרט פון אַריסטאָטעל'ס פילאָזאָפיע נישט געווען בעהאַלטען.

אויב אָבער רלב"ג איז נישט געווען קיין צווייטער רמב"ם, אָדער נאָך העכער און טיפער פאַר איהם, ווי די פאַרשער האַלטען, איז רלב"ג דאָך פעררעכענט פאַר אַ פילאָזאָף פון אַ הויכער קאַטעגאָריע. ער איז געווען פון די יחידים, וואָס דאָס יודענטום האָט געהאַט אַרויסגעגעבען, ער איז געווען אַ ריעז צווישען ריעזען. און נישט בלויז אין פילאָזאָפיע אַליין. ער איז גרויס געווען אויך אין וויסענשאַפט. ער איז געווען אַ מייסטער אין מאַטעמאַטיק, אין אַסטראָנאָמיע, אין פיזיק, אין פיזיאָלאָגיע און אין פסיכאָלאָגיע. ער איז גרויס געווען אין תלמוד און גרויס געווען אין די כתבי־הקודש. און נישט בלויז מעכטיג איז ער געווען אין אָט די אַלע למודים, נאָר אויך שעפעריש. ער האָט געשאַפען אויפ'ן געביעט פון פילאָזאָפיע, פון וויסענשאַפט און תורה־אינטערפּרעטאַציע. בעזונדערס האָט ער פיעל מחדש געווען אין מאַטעמאַטיק און אין אַסטראָנאָמיע, דורך וואָס זיין נאָמען איז בעריהמט געוואָרען נישט בלויז אין דער יודישער וועלט, נאָר אויך אין דער אינטעלעקטועלער קריסטליכער וועלט פון דער געבילדעטער אייראָפּאַ.

רלב"ג איז ערשינען אויף דער וועלט אין דער שטאָדט באַניאָלס, אין

פּראָוואַנס, ביים סוף פון דרייצעהנטען יאָהרהונדערט; מען בעהויפּטעט — אין יאָהר 1288. צו יענער צייט איז פּראָוואַנס געלעגען אונטער דער הערשאַפט פון פערשידענע גראַפען, וועלכע זענען גלייכצייטיג געווען אויך די הערשער פון נעאַפּאָל. דער ערשטער גראַף פון דער פּראָווינץ אָראַנזש, צו וועלכער עס האָט געהאַט געהערט די שטאָט באַניאָלס, איז דאַמאָלס געווען גראַף ראָבערט ד'אַנזשו. נישט אין פערגלייך מיט'ן מושל פון צפון־פראַנקרייך, פיליפּ דער שענער, וועלכער האָט שוין געהאַט אָבגעטהאָן גאָר נישט קיין שענע מעשים, איז ראָבערט ד'אַנזשו געווען אַן'אמת שענע פערזענליכקייט. ער האָט די יודען אין זיין לאַנד בעהאַנדעלט זעהר גוט; ער איז צוהילף געקומען די יודישע חכמים, וועלכע ער האָט זעהר געאַכטעט און ערמוטיגט צו איבערזעצען פילאָזאָפישע, מאַטעמאַטישע און אַסטראָנאָמישע ספרים, פון וועלכע ער איז געווען אַ גרויסער ליעבהאָבער. די יודען האָט זיך דאָרט געלעבט אַ סך בעסער ווי אומעטום, אַפילו ווען די מאַכט איז אַריבער צו די פויפּסטען. אויך די פויפּסטען האָבען געשיצט די דאָרטיגע יודען און זיי ערמוטיגט צו געלעהרזאַמקייט.

געשטאַמט האָט רלב"ג פון אַ משפחה פון בעדייטענדע תלמידי־חכמים און געלעהרטע. עס זענען פאַרהאַן מיינונגען, אַז זיין פאָטער ר' גרשון (= גרשום) איז געווען אַ זוהן פון ר' שלמה פון קאַטאַלאָניע, מחבר פון „שער השמים" איבער אַסטראָנאָמיע און נאַטורוויסענשאַפט, און איז אויך געווען אַן'איינִיקעל פון רמב"ן. דידאָזיגע בעהויפּטונג איז נישט בעשטעטיגט געוואָרען, און ס'איז היינט אָנגענומען, אַז ר' גרשון, רלב"ג'ס פאָטער, האָט חתונה געהאַט מיט אַ טאָכטער פון ר' לוי בן אַברהם בן חיים הכהן פון ווילפראַנזש, וועלכער איז געווען אַ גרויסער למדן אין תלמוד, אַ קענער פון תנ"ך און אַנדערע חכמות, און איז בעטראַכט געוואָרען אַלס צו־פרייער אויסטייטשער פון דער תורה. ער האָט, למשל, אויסגעטייטשט דעם ספור־המעשה פון „שמש בגבעון דום", וואָס ווערט דערצעהלט אין יהושע, אַזוי, אַז ס'איז גאָר דאַן נישט געשעהן אַזאַ נס, וואָס די זון זאָל האָבען געבליבען שטעהן. די גאַנצע געשיכטע דאַרף, לויט זיין מיינונג, פערשטאַנען ווערען אַזוי, אַז יהושע האָט מתפלל געווען פאַר גאָט, ער זאָל בעזיעגען זיינע שונאים איידער די זון וועט אונטערגעהן אין גבעון און איידער עס וועט ווערען נאַכט אין עמק אַילון. און אַזוי איז געשעהן, און דאָס איז געווען דער נס. ס'הייסט אָבער נישט, אַז די זון האָט זיך טאַקע געהאַט אָבגעשטעלט. דאָס הייסט נאָר, אַז יהושע'ס בקשה אויף אַ שנעלען זיעג איז מקוים געוואָרען. — די רבנים פון יענער צייט זענען אויף איהם געווען שרעקליך אויפגעבראַכט פאַר אַזאַ פירוש; דער רשב"א האָט אויף איהם געזאָגט, אַז ער איז אַן'אַפּיקורס, און אַז איינער, וואָס גלויבט אין מחמד'ן, איז בעסער פאַר איהם! (דעמזעלבען פירוש געפינען מיר ביי רלב"ג אין זיין ספר „מלחמות ה'").

עס איז נישט בעקאַנט, ביי וועמען רלב"ג האָט געהאַט געלערנט אין

דער יוגענד. די ערשטע אויסבילדונג האָט ער, ווי געוועהנליך, בעקומען פון זיין פאָטער און פון זיין זיידען. ער האָט געלערנט תלמוד, תנ"ך און די העברעאישע שפראַך, און שפּעטער מעדיצין, וואָס איז געוואָרען זיין פראָפעסיע, ווי אויך מאַטעמאַטיק און פילאָזאָפיע, הגם עס איז נאָך דאַמאָלס בעווען שטאַרק אין קראַפט דער חרם פון רשב"א, אַז מען זאָל נישט שטודירען קיין פילאָזאָפיע, איידער מען ווערט אַלט 25 יאָהר. און אַז ער האָט געהאַט שטודירט פילאָזאָפיע פריהער, איז צו זעהן דערפון, וואָס צו צוואַנציג יאָהר האָט ער שוין געהאַט געזאַמעלט מאַטעריאַלען פון וועלכע ער האָט שפּעטער געשאַפען אַלע זיינע גרויסע ווערק.

עס איז, אַגב, אינטערעסאַנט, אַז צו יענער צייט האָט אינ'ם יודישען קולטורעלען לעבען די העברעאישע שפראַך געמוזט שפּיעלען אַ גרויסע ראָלע. עס איז געוועהנליך אָנגענומען, אַז רלב"ג האָט קיין לאַטייניש נישט געקענט, און אַראַביש האָט ער פערשטאַנען זעהר וועניג. די איינציגע שפראַך, וואָס ער האָט געהאַט געקענט, איז בלויז געווען דער פראָוואַנסאַלישער דיאַלעקט, וועלכער איז אָבער אין קולטורעלער הינזיכט געשטאַנען זעהר נידריג. עס איז, אַלזאָ, לשון־קודש געווען די איינציגע שפראַך, פון וועלכער ער האָט געקאָנט אָנשעפּען אַזוי פיעל חכמה, אַזוי פיעל פילאָזאָפיע, אַזוי פיעל וויסענשאַפט. די העברעאישע שפּראַך האָט דאַמאָלס געמוזט ענטהאַלטען אַ גראַנדיעזען אַרכיוו ספרים איבער פילאָזאָפיע און וויסענשאַפט; אפשר נישט אַזוי פיעל אָריגינעלע, ווי איבערזעצטע, אָבער זיי האָבען געמוזט זיין פון אַ בעדייטענדען מאַסשטאַב. דאָס קאָן ווערען פערשטענדליך דורכדעם, וואָס באַלד נאָכ'ן רמב"ם האָט זיך געמוזט אומעטום, און הויפּטזעכליך אין דער ליבעראַלער פּראָוואַנס, אָנהויבען אַ גרויסע בעוועגונג פאַר השכלה, פאַר בילדונג; מען האָט זיך גענומען לערנען זייטיגע חכמות, מען האָט זיך געוואָרפען צו פילאָזאָפיע און צו וויסענשאַפט. די דאַמאָלסדיגע יוגענד האָט, אונטער'ן רמב"ם'ס איינפלוס, געמוזט פערכאַפט ווערען מיט אַ געוואַלדיגען ברען פאַר וויסען, פאַר פאָרשונגען, און מחמת־דעם האָט מען די אַלע פילאָזאָפיעס און וויסענשאַפטען אַריבערגעבראַכט פון אַנדערע שפּראַכען — ווייל אַזעלכע אָריגינעלע ווערק אין לשון־קודש זענען נישט געווען.

רלב"ג געהאַט אָנגעשעפּט די גאַנצע תורה און חכמה טאַקע אין די יונגע יאָהרען. ער האָט נישט אַלץ געשעפּט פון מקור, אָבער זיין אויסערגעוועהנליכע התמדה און זיין גרויסער זשעני האָבען בייגעקומען אַלע שטרויכלונגען און ער האָט אָנגעהויבען בעריהמט צו ווערען אין דער וועלט.

ב.

דאָס פילאָזאָפישע ווערק.

רלב״ג האָט אָנגעהויבען בעלייכטען די וועלט מיט זיינע שאַפונגען נאָך אין די יונגע יאָהרען, אין די צוואַנציגער, און דערביי האָט ער זיין שאַפונגס-קראַפט קאָנצענטרירט נישט בלויז אויף איין געוויסען פונקט, נאָר אויף די אַלע פאָרשונגען און שטודיען, אויף וואָס ער איז געווען מעכטיג. צום אָנהויב האָט ער געהאַט אויסגעפּרובירט זיינע כּחות אויף תּלמוד. ער האָט געשריבען אַ ספר „שערי צדק“ אויף די שלש־עשרה מדות פון ר׳ ישמעאל׳ן, וואו ער ווייזט אַרויס זיין גרויסע חריפות און לאָגיק; ער האָט געשריבען אַ ספר „מחוקק ספון“ אויף אַגדה; ער האָט אויך געשריבען אַן אָבהאַנדלונג איבער מסכת ברכות. עס שיינט אָבער, אַז הגם ער איז געווען אַ גרויסער למדן אין תּלמוד, איז ער יעדענפאַלס נישט געווען דערגאַנגען צו אַ הויכען פונקט פון שאַפען, ווי אַ סך אַנדערע מפרשים און הויפּטזעכליך ווי דער רמב״ם, וועלכער איז געווען איינער פון עטליכע געצעהלטע אויטאָריטעטען אין הלכה. ער אַליין האָט עס גוט געפיהלט. ער האָט געוואוסט, אַז ס׳איז נישט פאַר איהם זיך אַוועקצולאָזען שווימען אין דעם גרויסען תּלמוד׳ישען ים, און מחמת־דעם איז ער בעסער אַוועק אין יענע הויכע גייסטיגע רעגיאָנען, וואו ער האָט געקאָנט פליהען פריי, אָטעמען פריי און אויפשטראַהלען מיט דער גאַנצער בריליאַנטקייט פון זיין זשעני. דאָס זענען געווען די פילאָזאָפישע ספערען, די ספערען פון געדאַנק, די ספערען פון ריינעם פערנונפט. דאָ, אָט אין דידאָזיגע הויכע ספערען, האָט ער זיך געפיהלט ווי אינדערהיים.

געוועהנליך איז זיין סיסטעם געווען דאָסזעלבע ווי דאָס סיסטעם פון אַלע איבעריגע יודישע און נישט־יודישע פילאָזאָפען פון יענער צייט; דאָס הייסט — צו געפינען דעם מיטעלוועג צווישען פילאָזאָפיע און אמונה, אויף צו ברענגען האַרמאָניע צווישען דער תּורה און דער פילאָזאָפיע, אויסצוגלייכען די סתירות צווישען דער טראַדיציע און דער וועלט פון פרייען געדאַנק, אויסצוגלייכען די עיקרים פון יודענטום מיט׳ן פילאָזאָפישען, לאָגישען דענקען. ער איז געווען אין מאַנכע פּרטים אַביסעלע פרייער ווי אַנדערע רעליגיעזע פילאָזאָפען, אָבער דער פונדאַמענט איז געבליבען שטאַרק. די תּורה איז געבליבען תּורה, די טראַדיציע איז געבליבען טראַדיציע. דערפון איז ער נישט אַוועק אויף אַ האָר, אַפילו מיט אַלע זיינע עקסטרעם פרייע אויסטייטשונגען. ער האָט געוואָלט די תּורה, אַזוי צו זאָגען, אַרומפוצען מיט פילאָזאָפיע, די יודישע רעליגיעזע אָנשויאונגען אַרומפלעכטען מיט פילאָזאָפישע ספּעקולאַציעס. רלב״ג האָט דעריבער געשאַפען זיין אונשטערבליך ווערק „מלחמות ה׳“, אין וועלכען ער פּרובירט לעזען אויף זיין אייגענאַרטיגען אופן די אַלע קאַרדינאַלע פּראָבלעמען, ווי: השאָרת־הנפש, ידיעה ובחירה, נבואה, השגחה, חידוש־העולם און אַנדערע מעטאַפיזישע

פראָבלעמען, וואָס האָבען אַ שייכות צו דער געטליכקייט און צו דער יצירה.

דערדאָזיגער ספר ווערט בעטראַכט אין דער חוקר'ישער וועלט אַלס ערשטקלאַסיג מייסטערווערק אויפ'ן געביעט פון פילאָזאָפיע, אויפ'ן געביעט פון יודישער פילאָזאָפיע. רלב"ג ווייזט אין איהם אַרויס זיין טיעפקייט אין דער אויפפאַסונג פון די בעדייטענדע מעטאַפיזישע פראָבלעמען און זיין קלאָרקייט פון אויסדרוק. די העברעאישע שפראַך, וועלכע איז נאָך אָרים געוועזען אין פילאָזאָפישע טעכנישע אויסדרוקען, איז פאַר איהם קיין שטע-רונג נישט. ער האָט געקענט דעם סוד־הצמצום. ער האָט פערשטאַנען צו אָפערירען מיט פילאָזאָפישע בעגריפען אין די קירצסטער פאָרם. ער האָט נישט ליעב געהאַט זיך צו צעגיסען, זיך צו צעשפרייטען. דערפאַר זענען זיינע זאַצען אויסגעהאַקט ווי פון מאַרמאָר. אַלץ, וואָס ער זאָגט אַרויס, איז וואָגיג, פול מיט קראַפט און פול מיט געזונטער און שאַרפער לאָגיק. אויסער אַלעם דעם האָט זיין מוח געאַרבייט אין אַ סיסטעמאַטישער פאָרם. ער געהט-צו צו די אַלע מעטאַפיזישע פראָבלעמען אויף אַ זעהר סיסטעמאַ-טישען שטייגער. קודם צודריבעלט ער אַלע אָנשויאונגען פון די פריהערדיגע דענקער, ברענגט-אַרויס זייערע סברות, ווייזט-אָן אויף זייערע פעהלערן און זייערע שוואַכע פונקטען, און ערשט דערנאָך קומט ער אַרויס מיט זיינע אייגענע אידעען און מיט זיינע אייגענע שאַרפע און לאָגישע בעגרינדונגען.

רלב"ג האָט דורכגעלופטערט אַלע וויכטיגסטע פילאָזאָפישע פראָבלע מען, ער האָט געהאַט דורכגעלופטערט די גאַנצע פילאָזאָפישע שיטה פון אַריסטאָטעל'ן נישט בלויז אין זיין „מלחמות ה'", נאָר אויך אין זיין פירוש אויף אבן-ראָשד'ס פירוש צו אַריסטאָטעל'ן. ער האָט פרובירט אויף זיין איי-גענאַרטיגען אופן לעזען דאָס פראָבלעם פון השאָרת־הנפש, פון חידוש־העולם, פון ידיעה ובחירה. און הגם ער איז געווען אַ ראַציאָנאַליסט, הגם ער איז געווען אַ תלמיד מובהק פון אַריסטאָטעל'ן, וואָס דאָס אַליין איז שוין גע-ווען נישט קיין גוטער אַטעסטאַט פאַר אַ טראַדיציאָנעלען יוד, איז ער דאָך נישט געווען אַראָב פון דער אַלטער, טראַדיציאָנעלער ליניע. עס איז אויס-געקומען, אַז דאָרט, וואו עס האָט זיך נישט געהאַנדעלט וועגען דין, האָט ער געלאָזט דעם שכל זיך צו בעוועגען פריי אין די סאַמע ווייטסטע וועלטען; אָבער דאָרט, וואו עס איז אויסגעקומען אַ שטיקעל קאָנפליקט מיט'ן דין, מיט די מצוות פון דער תורה, — איז דער שכל בעשרענקט גע-וואָרען. ער האָט געגלויבט אין תורה מן השמים, ער האָט געגלויבט אין נבואָה, אין נסים, אין מופתים, אין חלומות, אין כישוף, אין אַסטראָלאָגיע, דאָס הייסט, אין דער ווירקונג פון די שטערען אויפ'ן גורל פון מענשען. נאַטירליך, זענען אָט די אַלע ערשיינונגען אויסגעטייטשט געוואָרען פון איהם אויף זיין אייגענאַרטיגען אופן. נבואָה? ער האָט געהאַלטען, אַז עס לוינט אַפילו נישט זיך אַריינצולאָזען מכח דעם אין פילאָזאָפישע ספעקו-לאַציעס. ער גלויבט און ער איז איבערצייגט, אַז עס זענען פאַרהאַן מענ-

שען, וואָס זענען בעשאַנקען מיט'ן טאַלאַנט פאָרויסצוזאָגען די צוקונפט. עס קאָן גאָר דערין קיין שום ספק נישט זיין. ער ברענגט דערביי אַ פאַל פון זיינעם אַ בעקאַנטען חולה, וועלכער האָט זיך אין חלום דערוואוסט פון אַ מעדיצין, מיט וועלכער ער זאָל זיך קאָנען אויסקורירען — און דערדאָזיגער חולה האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין אַהנונג פון מעדיצין. ער דערצעהלט פון זיך אַליין, אַז ער האָט אין חלום בעקומען תשובות אויף פערוויקעלטע מעטאַפיזישע פראָבלעמען. געוועהנליך, ברענגען די אַלע נבואות און טרעפענישען צו אַ קאָנפליקט מיט בחירה. אָבער רלב"ג האָט אויך ד ע ר ו י ף אַ תירוץ. ער האַלט, אַז הגם אַלע געשעהענישען זענען פאָרויסבעשטימט, און נביאים, טרעפער, וואָהרזאָגער און אַסטראָלאָגען קאָנען זיי פאָרויסזאָגען, פונדעסטוועגען קאָן זיי אַ מענש דאָך ענדערן; מיט זיין ווילען און מיט זיין שכל קאָן דער מענש מבטל מאַכען די פאָרויסבעשטימונג.

מען קאָן נישט זאָגען, אַז צוליב זיינע צוויי עקסטרעמע אַנשויאונגען איז ביי איהם פאָרגעקומען אַ קאָנפליקט. עס איז ביי איהם קיין שום קאַמף נישט געווען.ביידע אַנשויאונגען האָבען ביי איהם געלעבט אין האַרמאָניע. ער איז טאַקע געווען אַ ראַציאָנאַליסטישער דענקער, ער איז אָבער דאָך געבליבען טראַדיציאָנעל. מהאַי טעמא האָבען מאַנכע רבנים פון יענער צייט איהם פערשוויגען. זיי זענען געווען אויפגעבראַכט אויף זיינע פרייע אויסטייטשונגען פון די עיקרים פון דער יודישער אמונה; אָבער די תלמידים פון רשב"א, וועלכע האָבען געהאַט געקעמפט געגען די, וואָס בעשעפטיגען זיך מיט פילאָזאָפיע, ווייל זי קאָן אונטערברעכען די יסודות פון דער תורה, האָבען א י ה ם געלאָזט צורוה, ווייל זיי האָבען געוואוסט, אַז ער איז אַ גרויסער מאַמין. עס קאָן אויך זיין, אַז זיי האָבען איהם פערשוויגען, ווייל זיי האָבען נישט געוואוסט, ווי ווייט ער איז אַוועק אין דער פילאָזאָפיע. עס זענען אָבער געווען אַזעלכע, וועלכע האָבען איהם שאַרף אָנגעגריפען. דאָס זענען געווען ר' שמואל ב"ר יהודה בן משולם פון מאַרסייל און ר' חסדאי קרשקש. ר"י אַברבנאל איז שפעטער בייז געווען פאַר זיינע צו-פרייע געדאַנקען. מאַנכע האָבען פערבאָטען צו לערנען רלב"ג'ס פירוש אויף דער תורה; מאַנכע האָבען איהם קריטיקירט פאַר זיין נישט-פרומער שיטה; מאַנכע האָבען קריטיקירט זיין פילאָזאָפיע. ר' יצחק עראַמאַ איז שאַרף אַרויס אין זיין „עקדת יצחק" געגען רלב"ג פאַר זיינע חקירות איבער ידיעה ובחירה, איבער השגחה און חידוש־העולם, און ער רופט-אָן דעם רלב"ג'ס ספר נישט „מלחמות ה'", נאָר „מלחמות ע ם ה'" — מלחמות געגען גאָט. עס זענען אָבער שפעטער געווען אַ סך חכמים, וואָס האָבען פון רלב"ג שטאַרק געהאַלטען און האָבען זיינע שאַפונגען שטאַרק געליבט.

רלב"ג איז געווען דער לעצטער גרויסער תלמיד פון אַריסטאָטעל'ן, וועלכער האָט אַזוי שטאַרק געהאַט פערכאַפּט די מוחות פון אַלע קולטור-פעלקער אין טיפען אַלטערטום, אָבער וועלכער האָט שוין אין פיערצעהנטען

יאָרהונדערט אָנגעהויבען צו פערלירען זיין ווירקונג. בלויז רלב״ג האָט זיך נאָך געהאַלטען אָן איהם. עס זענען געווען אַ סך אַנדערע, וואָס האָבען זיך געהאַט מפלפל געווען איבער אַריסטאָטעל׳ן, אָבער זיי זענען נישט געווען קיין פילאָזאָפען אין אמת׳ען זין פון וואָרט. די נייע וויסענשאַפטען, וואָס האָבען אָנגעהויבען אויפבליהען אין אייראָפּאַ, האָבען די פילאָזאָפיע אינגאַנצען אַוועקגעשטויסען אָן אַ זייט אויף לאַנגע, לאַנגע יאָהרען.

ג.

זיינע ערפינדונגען און זיינע פירושים.

רלב״ג איז געווען אַ גרויסער דענקער. דאָס איז קיין שום ספק נישט — אונאָבהענגיג פון דעם, צי זיינע פילאָזאָפישע מסקנות האָבען אַ פערמאַנענטען, צי בלויז אַ היסטאָרישען ווערט. ער איז אָבער געווען אויך אַ בעדייטענדער מאַטעמאַטיקער און אַסטראָנאָם און האָט אויף דידאָזיגע וויסענשאַפטליכע געביעטען געלייסטעט עטוואָס ווערטפולעס, זאָגאַר פערמאַנענטעס. ער איז, נאַטירליך, נישט געווען דער ערשטער ביי יודען אויף דידאָזיגע וויסענשאַפטליכע געביעטען; עס זענען אויך פריהער געווען ביי יודען מאַטעמאַטיקער און אַסטראָנאָמען, — ס׳איז גענוג אָנצווייזען בלויז אויף ר׳ אַברהם ב״ר חייא פון באַרצעלאָנאַ און ר׳ אַברהם אבן־עזרא. עס שיינט אָבער, אַז רלב״ג האָט זיי אַריבערגעשטיגען. אַגב האָט ער ערפונדען אייניגע זאַכען אויף דידאָזיגע געביעטען — דאָס, וואָס זיי האָבען נישט בעוויזען.

אַלס מאַטעמאַטיקער און אַסטראָנאָם איז רלב״ג שוין געווען בעקאַנט נאָך אין די יונגע יאָהרען. ווען ער איז אַלט געווען אַ יאָהר דרייסיג, האָט ער שוין געהאַט פערנומען אַ הויכען פלאַץ אין דער וויסענשאַפטליכער וועלט און האָט שוין דאַן ענטוויקעלט אַ ברייטע ליטעראַריש־וויסענשאַפטליכע טעטיגקייט; ער האָט געשריבען זיין „מעשה חושב“ איבער אַריטמעטיק און אַנדערע ווערק איבער אַלגעבראַ, געאָמעטריע און טריגאָנאָמעטריע, און האָט אויך אַרומגעשריבען זיינע ערפינדונגען. זיין ערשטע ערפינדונג האָט געהאַט אַ גרויסע בעדייטונג פאַר יענער צייט; דאָס איז געווען אַ פשוט׳ער אינסטרומענט, מיט וועלכען ס׳איז מעגליך פעסטצושטעלען די לאַגע פון די שטערען מיט אַ גענויער פינקטליכקייט; די ערפינדונג האָט זעהר פיעל גענוצט פאַר די ים־פאָהרער, וועלכע האָבען דאַמאָלס געריכטעט זייער קורס לויט די שטערען. עס איז אַגב אַ פאַקט, אַז קאָלומבוס האָט אויף זיינע נסיעות זיך בענוצט מיט רלב״ג׳ס אַפּאַראַט. דערדאָזיגער אַפּאַראַט איז געווען אַ פשוט׳ער שטאָק, וועלכען די יודען האָבען גערופען „מַטֶה“, אָדער „מטה לוי“, „מטה יעקב“, און די קריסטען האָבען איהם גערופען „באַקולוס“. דאָס איז געווען, אַזוי צו זאָגען, אַנ׳איינפאַכע ערפינדונג, אַ גאַנץ

איינפאַכער אַפּאַראַט. דידאָזיגע איינפאַכקייט האָט אָבער געהערט צו יענע איינפאַכקייטען, וועלכע זענען גענִיאַל. איינפאַך זענען זיי, אָט די ערפינדונגען, נאָר ווען זיי זענען שוין געשאַפען, ווען מען ווייסט שוין די געזעצען, ווי־אַזוי עס אַרבייט דאָס ערפונדענע, ווי־אַזוי עס פונקציאָנירט. רלב״ג איז געווען זעהר אַ קאַלטער, רוהיגער, אַ פילאָזאָפיש־רוהיגער מענש. אָבער דידאָזיגע ערפינדונג האָט איהם אַזוי איבערראַשט, אַזוי פערכאַפּט, אַז ער האָט זאָגאַר אָנגעשריבען אַ שיר לכבוד איהר, אונטער'ן נאָמען „על המקל".

לכתחילה האָט רלב״ג אַלע זיינע מאַטעמאַטישע און אַסטראָנאָמישע פאָרשונגען און די בעשרייבונג וועגען דעם „באַקולוס" געהאַט אַריינגעבראַכט אין זיין פילאָזאָפישען ווערק „מלחמות ה'", אָבער שפּעטער האָט מען דעמדאָזיגען טייל אַרויסגענומען בעזונדער און ער איז לויט דער פעראָרדנונג פון פויפּסט קלעמענטי דעם זעקסטען איבערזעצט געוואָרען אויף לאַטייניש אין יאָהר 1342, אין דער צייט ווען רלב״ג האָט נאָך געלעבט. זיין רעפּוטאַציע איז אין דער קריסטליכער געלעהרטער וועלט פון מיטעלאַלטער געווען אַזוי בעדייטענד, אַז דער בעריהמטער דייטשער אַסטראָנאָם קעפּלער האָט זיך געהאַט משתדל געווען צו בעקומען אַ קאָפּיע פון רלב״ג'ס ספר.

דער „באַקולוס" איז, פערשטעהט זיך, געווען אַ גרויסע ערפינדונג, אָבער נאָר פאַר יענער צייט. היינט בענוצען זיך די ים־פאָהרער מיט אַנדערע אינסטרומענטען אויף צו טרעפען זייער ים־וועג. ער איז אויך געווען אַ גאַנץ גוטער אַפּאַראַט פאַר די דאַמאָלסדיגע אַסטראָנאָמען. רלב״ג האָט אָבער ערפונדען נאָך אַנ'אַפּאַראַט, וואָס האָט שוין געהאַט אַ גרעסערע צוקונפט און איז מיט דער צייט געוואָרען פערפולקאָמט און פערוואַנדעלט אין אַנ'אַפּאַראַט, וועלכער איז ביי היינטיגען טאָג פון העכסטער וויכטיגקייט. דאָס איז די בעריהמטע „קאַמעראַ אָבסקוראַ", די דונקעל־קאַמער, אָט דאָס קעסטעלע, מיט וועלכען מען בענוצט זיך היינט ביים אויפנעהמען פאָטאָגראַפיעס. רלב״ג האָט פעסטגעשטעלט די פּרינציפּען, די געזעצען פון אָט דער קאַמעראַ, ווי־אַזוי מען קאָן אין איהר אַריינבאַרען די זון־שטראַהלען און אַראָבצוכאַפּען אַ בילד. רלב״ג האָט נישט געהאַט בעטראַכט די קאַמעראַ אַלס ספּעציעלען, אַלס סעפּאַראַטען אַפּאַראַט, נאָר בלויז אַלס אַ הילפס־אינסטרומענט צום „באַקולוס", פאַר אַסטראָנאָמען, און די ביידע אַפּאַראַטען האָבען ביי איהם געהייסען „מגלה עמוקות". דאַמאָלס האָט ער מיט דער הילף פון אָט די אינסטרומענטען געשאַפען זיינע „לוחות־התכונה", די הימעלס־קאַרטע, לויט'ן פערלאַנג פון פיעל אָנגעזעהענע קריסטליכע געלעהרטע, און ער איז אין יענער צייט שטאַרק געלויבט געוואָרען פאַר דערדאַזיגער שאַפונג.

מיט די אַלע שאַפונגען האָט ער זיך געמאַכט אַ גרויסען נאָמען אויסערהאַלב דער יודישער וועלט. מיט זיין פילאָזאָפיע איז ער בעקאַנט געוואָרען צווישען דענקער, און מיט זיינע וויסענשאַפטליכע ערפינדונגען איז ער בעריהמט געוואָרען צווישען די נישט־יודישע געלעהרטע. ביים יודישען

פאַלק האָט ער זיך אָבער בעריהמט-געמאַכט ערשט מיט זיין פירוש אויף דער תורה. צעהן יאָהר האָט ער אויף דעמדאָזיגען פירוש געאַרבייט — פון יאָהר 1328 ביז'ן יאָהר 1338. דידאָזיגע אַרבייט איז איהם שוין נישט אַנגעקומען אַזוי לייכט ווי ביי די אַנדערע ספרים, וועלכע ער האָט געשאַפען שנעל, אין גאַנץ קורצע פעריאָדען; ער האָט אָבער אויסגעבויט אַ גרויסען בנין.

עס איז געוועהנליך אָנגענומען, אַז רלב"ג איז געווען דער מפרש אין פילאָזאָפיע און דער פילאָזאָף אין זיין פירוש. און אַזוי איז עס. זיין פירוש איז געבויט אויף אַ ריין פילאָזאָפישען באַזיס. רלב"ג איז צוגעגאַנגען צו דער תורה נישט ווי צו אַ ספר, וועלכער גיט-איבער אויף אַן'איינפאַכער מענשליכער שפראַך די געשיכטע פון יודישען פאָלק, די גאָט-ערקענטניס, די התגלות-האלקות און די געבאָטען, וואָס גאָט האָט געגעבען די יודען, נאָר ווי צו אַ ריין עטישען און פילאָזאָפישען ווערק, וואו עס ווערען בעהאַנדעלט מעטאַפיזישע פראָבלעמען. דאָס איז געווען דאָס סיסטעם פון אַ סך אַזעלכע מפרשים, וועלכע האָבען זייערע אַנשויאונגען און זייערע מסקנות געוואָלט אַריינזעצען אין דער תורה, — אין אַ פסוק, אין אַן'ענין, אין אַ ספור, — אַזוי, עס זאָל מאַכען דעם איינדרוק, אַז די תורה האָט באמת אַזוי געמיינט ווי ער, דער מפרש, וויל האָבען... רלב"ג האָט בעטראַכט די תורה אַלס אַ ווערק, וואו עס ליעגען בעהאַלטען טיעפע סודות מכח אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות מיט דער נאַטור און וואָס עס איז העכער פון דער נאַטור, און וואו ס'איז טיעף איינגעהילט דער סוד פון אלקות און פון דער גאַנצער יצירה. אַלץ איז אין דער תורה. די גאָטהייט, אין אַלע איהרע ערשיינונגען, האָט זיך ענטפלעקט דורך דער תורה, וועלכע איז נאָך געווען איידער די וועלט איז בעשאַפען געוואָרען — און ממילא מוזען דאָך שוין זיין אין איהר פערבאָרגען אַלע געהיימניסען פון דער וועלט.

דאָס איז געווען, אַזוי צו זאָגען, זיין אַלגעמיינע השקפה אויף דער אינטערפרעטירונג פון דער תורה — און אָט די אויסטייטשונג רופט ער אָן „ביאור הפרשה". ער האָט אָבער געהאַט גלייכצייטיג אויך אַ פירוש פון פשוט'ען פשט, וועלכען ער רופט-אָן „ביאור מלות הפרשה". דאָ בעמיהט ער זיך שוין צו צעדריבלען דעם פסוק לויט'ן פשט, לויט די פילאָלאָגישע און גראַמאַטיקאַלישע געזעצען; דאָ איז ער שוין אויס פילאָזאָף, נאָר בלויז ווי-סענשאַפטס-מאַן, שפראַך-פאָרשער. עס שיינט אָבער, אַז זיין פילאָזאָפישען פירוש האָט ער געהאַלטען פאַר וויכטיגער, פאַר אמת'ער.

רלב"ג האָט אין זיינע פירושים פרובירט אַרויסזאָגען געוויסע ליבעראַלע געדאַנקען, פרייע אויסטייטשונגען, וועלכע זענען די לומדים פון זיין צייט און פון די שפעטערדיגע צייטען נישט געפעלען געוואָרען. סוף־כל־סוף אָבער איז רלב"ג'ס פירוש געדרוקט געוואָרען צוזאַמען מיט דער תורה, וואָס איז שוין אַ געגוגענדער בעוויז, אַז די יודישע וועלט איז נישט ערשיטערט

געוואָרען פון זיינע פרייע פירושים, קוים איז דער יסוד זיינער געוועזן אַ געזונטער, אַ שטאַרקער.

רלב״ג האָט געהאַט געשאַפען זיין פירוש אויף אַלע כתבי־הקודש — תורה, נביאים און כתובים, פון וועלכע פיעל ספרים זענען אינטערפרעטירט געוואָרען לויט'ן פשט און אויך לויט פילאָזאָפיע, און אייניגע ספרים בלויז לויט'ן פשט אַליין. עס זענען געווען מאַנכע ספרים, וואָס דער פירוש אויף זיי האָט ביי איהם געדויערט לאַנג, מאַנכע ווידער האָט ער אינטערפרעטירט גאַנץ שנעל. בנוגע דעם ספר במדבר זאָגט ער, אַז דעם פירוש אויף איהם האָט ער געמאַכט אין אַ גאַנץ קורצער צייט; היות אָבער ער האָט ביי זיך נישט געהאַט קיין שום אַנדער ספר אַריינצוקוקען, — דענקט ער, אַז דער פירוש וועט מוזען געענדערט ווערען. אין דער בעציהונג איז אינטערעסאַנט, אַז מאַנכעסמאָל האָט ער נישט געקאָנט אַרבייטען מחמת דער ביטערער לאַגע פון די יודען, מחמת די רדיפות, אויף וועלכע ער זאָגט, אַז זיי זע־נען געווען דאָפעלט שרעקליכער ווי די קנעכטשאַפט אין מצרים. מאַנכעס־מאָל האָט ער אָבער אויך נישט געקאָנט אַרבייטען, ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין גמרא ביי זיך. אַז ער האָט געוואָלט אַמאָל רעווידירען אַ שטיקעל פשט, האָט ער עס נישט געקאָנט, ווייל אין גאַנץ אַוויניאָן, וואו ער האָט דאַן געאַרבייט, איז נישט געווען קיין גמרא. אַ גאַנצע יודישע קהלה האָט נישט געהאַט קיין גמרא! אפשר איז עס געווען אַדאַנק די „מענ־שען־ליעבענדע" קרייצציגלער, וועלכע האָבען געהאַט פערניכטעט יודיש האָב־און־גוטס? — יעדענפאַלס איז עס אָבער אַ מערקווירדיגע ערשיינונג.

שטיל און רוהיג האָט רלב״ג געאַרבייט זיין גאַנץ לעבען. ער איז תמיד געווען פערטיעפט אין לערנען, אין שטודיום. ער האָט אויך געהאַט בעזוכט מעהרערע שטעדט. מעהרסטענטייל האָט ער געלעבט אין אַוויניאָן, וואו ער האָט בעקומען מעצענאַטען פאַר זיינע אַסטראָנאָמישע און אַסטראָ־לאָגישע שאַפונגען. ער איז אָבער שפּעטער אַריבער קיין פערפּיניאַן, וואו ער איז געבליבען רוהען אויף אייביג אין יאָהר 1344, אָדער ווי אַנדערע ווילען האָבען — אין יאָהר 1370.

ביבליאָגראַפיע.

אַלגעמיינע.

אשכול, אנציקלופדיה.

אוצר ישראל „

The Jewish Encyclopedia.

Encyclopaedia Judaica, I—VIII.

Jüdisches Lexikon.

גרעץ, צבי: דברי ימי ישראל, תרגום שפ"ר.

ש. דובנאָוו: דברי ימי עם עולם.

Dubnow, S.: Weltgeschichte des jüdischen Volkes.

אייזענשטיין, י. ד.: אוצר ויכוחים. ניו-יאָרק, 1928.

בַּכר, בנימין זאב: נצני הדקדוק. תרגום א. ז. רבינוביץ. תל-אָביב, תרפ"ז.

בערנפעלד, שמעון, ד"ר: דעת אלהים, תולדות הפילוסופיא הדתית בישראל. וואַרשא, תרנ"ז—נ"ט. ב' חלקים.

גידעמאַן, מ., ד"ר: התורה והחיים בימי הבינים. וואַרשאָ, 1896.

האָראָדעצקי, ש. א.: לקורות הרבנות. וואַרשאָ, 1910.

העליר, חיים: על התרגום ירושלמי לתורה. ניו-יאָרק, תרפ"א.

„ „ הנוסח השמרוני של התורה. בערלין, תרפ"ד.

„ „ פשיטא, ספר בראשית. בערלין, תרפ"ח.

זכותא, אַברהם: ספר יוחסין השלם. הוצאַת צבי פיליפאָווסקי. לאָנדאָן, 1857.

ווייס, אַייזיק-הירש: דור דור ודורשיו.

חאַנעס, שמעון משה: ספר תולדות הפוסקים. וואַרשאַ, תר"ץ.

לוין, ב. מ.: אוצר הגאונים. חיפה–ירושלים, תרפ"ח, תרצ"ב.

מיכל, חיים: אור החיים. פראַנקפורט ענ"מ, 1891.

נײמאַרק, ד.: תולדות הפילוסופיה בישראל.

„ „ תולדות העקרים בישראל.

פאָזנאַנסקי, ש.: המבארים הראשונים לכתבי־הקודש בארץ ספרד. „המגיד לישראל", III. קראָקאַ, 1894.

פין, שמואל־יוסף: כנסת ישראל. וואַרשאַ, 1886.

Eppenstein, S.: Beiträge zur Geschichte und Literatur im geonäischen Zeitalter. Berlin, 1913.

Ewald, Heinrich: Ueber die arabisch geschriebenen Werke jüdischer Sprachgelehrten. Stuttgart, 1844.

Husic, Isaac: A History of Mediaeval Jewish Philosophy. New York, 1916.

Ginzberg, Louis, Prof.: Gaonica. New Jork, 1909.

Guttmann, Jacob, Dr.: Beiträge zur Geschichte der Philosophie.

Hirschfeld, Hartwig: Literary History of Hebrew Grammarians and Lexicographers. Oxford, 1926.

Karpeles, Gustav: Geschichte der jüdischen Literatur. Berlin, 1909.

Mann, Jacob: The Jews in Egypt and in Palestine under the Fatimid Caliphs. Oxford, 1920.

Neumark, D.: Geschichte der jüdischen Philosophie des Mittelalters. Berlin, 1907—1910.

Perles, Joseph, Dr.: Beiträge zur Geschichte der Hebräischen und Aramäischen Studien. München, 1887.

Renan, E.: Les Rabbins Français. Paris, 1877.

Winter, J. u. Wünsche, Aug.: Die jüdische Litteratur seit Abschluss der Kanons. Berlin, 1897.

ר׳ סעדיה גאון.

בערנפעלד, ש., ד״ר: רבנו סעדיה גאון. קראקא, תרנ״ב.

באָרנשטיין, חיים יחיאל: מחלקת רב סעדיה גאון ובן מאיר בקביעת שנות ד״א תרפ״ב–תרפ״ד. ספר היובל לכבוד נחום סאָקאָלאָוו. ווארשא, תרס״ד.

אפשטין, י. נ.: אגרת ר׳ סעדיה הראשונה. „דביר״, א׳, תרפ״ג.

הרכבי, א. א.: לקוטים מרב סעדיה גאון. „הגרן״, א׳, תרנ״ח. ב׳, תר״ס.

כהנא, ד.: לתולדות רס״ג. קראקא תרנ״ב.

כהנא, דוד: דונש בן־לברט וספרו תשובות על רס״ג. „הגרן״, ג׳, תרס״ב.

פאָזנאַנסקי, ש. א.: תשובות רב סעדיה גאון על שאלות חיוי הבלכי. ווארשא, תרע״ו.

פאָזנאַנסקי, ש. א.: רב דוסא ברב סעדיה גאון. „הגרן״, ו׳, תרס״ו.

רוול, דוב: אגרת ר׳ סעדיה גאון. „דביר״, א׳, תרפ״ג.

שרעטער, ר.: ס׳ תשובות דונש הלוי בן לברט על רבי סעדיה גאון. ברעס־לוי, 1866.

ווינר, משה יצחק: הרציונליסמוס הפרימיטיבי בפילוסופיה הדתית של רבנו סעדיה. „דביר״, ב׳, תרפ״ג.

חיערניק, פ.: רב סעדיה גאון, זיין לעבען און שריפטען. ניו־יאָרק, 1903.

Auerbach, Moses: Der Streit zwischen Saadja Gaon und dem Exilarchen David ben Sakkai. Jüdische Studien. Fr. a. M., 1928.

Bacher, Wilhelm: Die Bibelexegese der jüd. Religionsphilosophen des Mittelalters vor Maimuni. Budapest, 1892.

Bondi, J.: Der Siddur des Rabbi Saadia Gaon. Frankfurt a. M., 1904.

Davidson, Israel: Saadia's Polemic against Hiwi Al-Balkhi. New York, 1915.

Friedländer, M.: Life and Works of Saadia. J. Q. R., V, 1893.

Guttmann, J.: Die Religionsphilosophie des Saadia. Göttingen, 1882.

Гаркави, А.: Матеріалы для исторіи жизни и литературной дѣятельности Саида аль-Файюми. Записки Вост. Отд. Имп. Русск. Арх. Общ., т. V.

Генкель, Г.: Р. Саадіа Гаон. СПБ, 1895.

Hirschfeld, Hartwig: Antikaraeische Polemik in Saadiahs Religionsphilosopie. Judaica. Festschrift zu Hermann Cohens 70-ten Geburtstage. Berlin, 1912.

Horovitz, Saul: Ueber die Bekanntschaft Saadias mit der griechischen Skepsis.

יצחק איזראַעלי.

Fried, Salomon: ספר היסודות Das Buch über die Elemente. Von Isaak b. Salomon Israeli. Leipzig, 1884.

Friedenwald, Harry: Manuscript copies of the medical works of Isaac Judaeus. Annals of Medical History. N. S., v. 1. 1929, N. Y.

Guttmann, Jacob: Die philosophischen Lehren des Isaak ben Salomon Israeli. Münster i. W., 1911.

Landau, Richard: Geschichte d. jüdischen Ärzte. Berlin, 1895.

Münz, I.: Die jüdischen Ärzte im Mittelalter. Frankfurt a. M., 1922.

ר׳ האַי גאון.

ספר השטרות לרב האַי בר שרירא גאון, עם מבוא מאת שמחה אַסף, תרביץ, תר״ץ, מוסף התרביץ, א׳, ירושלים.

אַסף, שמחה: לחקר ספריו ההלכיים של רב האַי גאון. „הצופה״, ח׳, תרפ״ג.

אפרת, ישראל: רב האַי גאון, „השלח״, ל׳, תרע״ד.

ווייס, א. ה.: רב האַי גאון והחכמות החיצוניות. „האָסיף״, ג׳, תרמ״ז.

Judaica. Hermann Cohen. Festschrift. Berlin, 1912.

Horovitz, S.: Die Psychologie Saadias. Jahresbericht d. jüd. theol. Seminars Fraenckel'scher Stiftung. Breslau, 1898.

Kaufmann, David: Die Attributenlehre des Saadja Alfajjumi. Gotha, 1875.

Malter, Henry: Saadia Gaon. His life and works. Philadelphia, 1921.

Poznański, Samuel: Miscellen über Saadia. Monatsschrift f. jüd. Gesch. u. Lit. B. 39, 41, 44.

Poznański, Samuel: The Anti-Karaite Writings of Saadiah Gaon. J. Q. R., v. X.

Schechter, S.: Saadyana. Cambridge, 1903.

Schmiedt, A.: Saadja Alfajumi und die negativen Vorzüge seiner Religionsphilosophie. Wien, 1870.

Taubeles, S. A.: Saadia Gaon. Halle a. S., 1888.

Wolff, M.: Zur Charakteristik der Bibelexegese Saadia Alfajjumis. Z. f. d. Alt. Wiss. Jahrgang 4, 1884.

Unna, Joseph.: Der Gaon Saadia. Nürnberg, 1926.

שרירא גאון: אגרת ר' שרירא גאון. הוצאת ב. לעווין. חיפה, תרפ"א.

לוין, ב. מ.: תולדות ר' שרירא גאון. יפו, תרע"ז.

רפופורט, ש. י.: תולדות רבנו האי גאון וקורות ספריו. „בכורי העתים", תק"ץ. הוצאה חדשה, „תבונה". ורשה, תרע"ג.

Elbogen, I.: Wie steht es um die zwei Rezensionen des Scherira-Briefes? Festschrift zum 75 jähr. Bestehen d. Jüd.-theol. Seminars. Breslau, 1929, Band 2.

Gollancz, Hermann: A new and critical version of rhymes on moral instruction attributed to Rabbi Hai ben Sherira Gaon. London, 1922.

Lewin, B.: Das Sendschreiben des Rabbi Scherira Gaon. J. L. G. Jahrbuch, 7 910.

Lewin, B.: Zur Charakteristik und Biographie des R. Scherira Gaon. J. L. G. Jahrbuch, 8. 1911.

Mann, Jacob: The responsa of the Babylonian Geonim as a Source of Jewish History. J. Q. R. N. S. VII, VIII. 1917—18.

Nascher, Simon: Der Gaon Haia. Berlin, 1867.

מנחם בן סרוק.

בכר, ב. ז.: נצני הדקדוק. תל-אביב, תרפ"ז.

הלוי, יהודה: ספר הכוזרי. ווארשא, 1880.

הלוי, יהודה: ספר הכוזרי. הוצאת גדליה ברעכער. פראג, 1838.

כהנא, ד.: לקוטי קדמונים. ורשה, 1893.

בן־סרוק, מנחם: מחברת מנחם. הוצאת צבי פיליפאווסקי. לונדון, 1854.

Bacher, W.: Die Anfänge der hebräischen Grammatik. 1895.

Drachman, Bernard: Die Stellung und Bedeutung des Jehuda Hajjug in der Geschichte der hebräischen Grammatik. Breslau, 1885.

Gross, Siegmund: Menahem ben Saruk. Breslau, 1872.

Hirschfeld, H.: Literary History. Oxford, 1926.

ר' יונה אבן-גנאח.

ספר הרקמה לר' יונה אבן גנאח, בתרגומו העברי של ר' יהודה אבן תבון, ערוך על ידי מיכאל וילנסקי. ברלין, תרפ"ט.

רבינוביץ, א. ז.: קונטרס השלמות ותקונים לספר פירוש לכתבי הקדש מאת ר' יונה אבן גנאח. (געדרוקט צוזאמען מיט'ן „נצני הדקדוק" פון ב. ז. בכר). תל־אביב, תרפ"ז.

בכר, ב. ז., אין זיין הקדמה צום „ספר השרשים". בערלין, תרנ"ו.

Bacher, Wilhelm: Die hebräisch-arabische Sprachvergleichung des Abulwalid Merwan Ibn Ganah. Wien, 1884.

Bacher, W., Dr.: Leben und Werke Abulwalid Merwan Ibn Ganah. Leipzig, 1885.

Bacher, Wilhelm: Aus der Schrifterklärung des Abulwalid Merwan Ibn Ganah. Budapest, 1889.

Bacher, W.: Joseph Kimchi et Abulwalid Ibn Ganah. R. E. J., 60. 1882.

Hirschfeld, H.: Literary History. Oxford, 1926.

ר' יהודה אבן-בלעם.

פירוש על ספר שופטים לרבי יהודה בן בלעם. הוצ' פאָזנאַנסקי. פראַנקפורט, 1906.

פירוש על ספר יהושע לר' יהודה בן בלעם. הוצא לאור ע"י שמואל אברהם פאָזנאַנסקי. ברכת אברהם, לכבוד אברהם ברלינר. בערלין, תרס"ג.

Bacher, W.: Jehuda Ibn Balaams Jesaja-Commentar. Z. a. W., 13. 1893.

Fuchs, Salomon: Studien über Abu Sakarja Jachja (R. Jehuda) Ibn Balam. Mag. W. J., XX, 1893.

ר' יצחק אבן-ברון.

Коковцев, П.: Книга сравненія. СПБ, 1893.

ר' אַברהם אבן-עזרא.

אבן עזרא, אברהם: אגרת השבת. „כרם חמד", IV.

ברנפלד, ש.: בני עליה, א'. תל־אָביב, תרצ"א.

כהנא, דוד: ר' אברהם אבן־עזרא, קובץ שיריו ומליצותיו, עם תולדתו. ורשה, 1894.

פליישר, י. ל.: רבנו אברהם אבן־עזרא בצרפת. „מזרח ומערב", כרך ד'—ה', תר"ץ.

פליישר, י. ל.: רבנו אברהם אבן־עזרא באפריקה. „מזרח ומערב", ג', תרפ"ט.

פליישר, י. ל.: מדוע יצא רבנו אברהם אבן־עזרא מספרד? „מזרח ומערב", ג', תרפ"ט.

פליישר, י. ל.: באיזו שנה מת רבי אברהם אבן־עזרא? „מזרח ומערב", ב', תרפ"ט.

פליישר, י. ל.: מתי ואיפה חבר אבן־עזרא ספר „שפה ברורה" שלו? „הצופה לחכמת ישראל", י"ג, תרפ"ט.

קרוכמאַל, ר' נחמן: מורה נבוכי הזמן. הוצ' ש. ראַבידוביץ, ברלין, תרפ"ד.

Albrecht, K.: Studien zu den Dichtungen Abrahams ben Ezra. Z. D. MG., 57. 1903.

Bacher, W.: Abraham Ibn Ezra als Grammatiker. Strassburg, 1882.

Galliner, J.: Abraham Ibn Ezra's Hiobkommentar auf seine Quellen untersucht. Berlin, 1901.

Levy, L. G.: La philosophie d'Abraham ibn Ezra. R. E. J., 89. 1930.

Levy, Raphael: The astrological works of Abraham Ibn Ezra. Paris—Baltimore, 1927.

Ochs, S.: Ibn Ezras Leben und Werke. Breslau, 1916.

Orshansky, L.: Abraham Ibn-Esra als Philosoph. Breslau, 1900.

Rosin, David: Die Religionsphilosophie Abraham Ibn-Esra's .Monatsschrift G. W. J., 43.

Steinschneider, M.: Abraham ibn Esra. Zur Geschichte der mathematischen Wissenschaften im XII Jahrhundert. Abhandlungen zur Gesch. d. Mathematik. Leipzig, 1880, Heft 3.

Steinschneider, M.: Abraham Ibn Esra, Gesammelte Schriften, I. Berlin, 1925.

רמב"ן.

ס' מלחמת חובה (והוא ארבעה ויכוחים...). קונסטאנטינא, ת"ע.

ספר האמונה והבטחון. קאָרעץ, תרל"א.

אגרת הרמב"ן לבנו. (אינ'ם „תוכחת חיים"). סאַלאָניקי, ת"ר.

אגרת הרמב"ן. ווילנא, תקפ"א.

ספר אגרת הקדש. בערלין, תקפ"ג.

קרויס, שמואל: היחוס המדעי בין הרמב"ן והרמב"ם. „הגרן", ה', תרס"ו.

ראַפּאָפּורט-האַרטשטיין, מאיר אליעזר: תולדות הרמב"ן. קראקא, תרנ"ח.

שמ"י: לתולדות הרמב"ן. „הגרן", ד', תרס"ג.

Chone, Hermann: Nachmanides. Nürnberg, 1930.

Loeb, Isidore: La Controverse de 1263 a Barcelone. R.E.J., 15, 1887.

Schechter, S.: Nachmanides. J.Q.R., V, 1893.

רבנו בחיי.

גבישון אברהם: עומר השכחה. ליוורנו, 1748.

ספר רבנו בחיי, ביאור על התורה. פיזאַרו, רס"ז.

בעל הטורים.

Freimann, Al.: Die Ascheriden. Jahrb. J. L. G., XIII. 1920.

ר׳ יצחק אַבוהב.

מנורת המאור לר׳ ישראל אַלנאַקאַווה. הוצ׳ ה. ג. ענעלאו. (ענגלישע הקדמה).

קייזערלינג, מאיר, ד״ר: ר׳ יצחק אַבוהב השלישי. „הגרן“, III. בערדיטשעוו, 1902.

דאָן יצחק אַברבנאל.

ברנפלד, ש.: בני עליה, א׳. תל־אָביב, תרצ״א.

כרמולי, א.: תולדות החכם דון יצחק אַברבנאל. „אוצר נחמד“, II.

ראַבינאָוויץ, ש. פּ.: מוצאי גולה. וואַרשא, תרנ״ד.

Базилевскій, М.: Дон Исаак Абрабанел. Одесса, 1903.

Guttmann, Jacob: Die religionsphilosophischen Lehren des Isaak Abravanel. Breslau, 1916.

Schwab, Moise: Abravanel et son époque. Paris, 1865.

ר׳ יוסף קמחי.

Shekel Hakodesh. Edited by Hermann Gollancz. London, 1919.

Bacher, W.: Joseph Kimchi et Abulwalid Mervan Ibn Ganah. R.E.J., VI.

Blüth, Eman.: Joseph Qimchi und seine Grammatik. Berlin, 1893.

Eppenstein, S.: Studien über Joseph Kimchi. Monatsschrift G.W.J., 40, 41.

Marx, Alexander: Gabirol's Authorship of the Choice of Pearls and the two Versions of Joseph Kimhis Shekel Hakodesh. H.U.C. Annual, 4. 1927.

Newman, Louis I.: Joseph Kimchi as a religious controversialist. Jewish Studies in memory of Israel Abrahams. N. Y., 1927.]

ר׳ דוד קמחי.

Bacher, W.: Hebr. Sprachwissenschaft. Trier, 1892.

Finkelstein, L.: The Commentary of David Kimhi on Isaiah. N. Y., 1926.

Tauber, Jacob: Standpunkt und Leistung des R. David Kimchi als Grammatiker, mit Berücksichtigung seiner Vorgänger u. Nachfolger. Breslau, 1867.

ר׳ יוסף אבן-כספי.

מלחמת חובה. קונסטאַנטינא, ת״ע.

עשרה כלי כסף. הוצ׳ יצחק לאַסט, עם הקדמת לודוויג בלוי. פרעסבורג, 1903.

Bacher, W.: On the Biblical Exegesis of Joseph Ibn Kaspi. J.Q.R., 18. 1906.

ben Gerson als Mathematiker. Berlin, 1908.

Fletcher, Harris: Milton and ben Gerson. Journal of English and Germanic philology. 29. 1930.

Gruell, Benjamin: Die Lehre vom Kosmos bei Maimuni und Gersonides. Lemberg, 1901.

Guttmann, J.: Levi ben Gerson's Theorie des Begriffs. Festschrift. Breslau, 1929.

Husik, Isaac: Studies in Gersonides. J.Q.R. N.S. VII, VIII, 1917—1918.

Joel, M.: Levi ben Gerson als Religionsphilosoph. M. G. W. J., X. 1861.

Renan, E.: Les écrivains juifs français. Paris, 1893.

Steinschneider, M.: Gesam. Schriften, I. 1925.

Weil, Isidore: Philosophie Religieuse de Lévi ben-Gerson. Paris, 1868.

Bacher, W.: Aus der Bibelexegese Joseph ben Kaspis. Monatsschrift G.W.J., 56, 57.

Bacher, W.: Joseph ibn Kaspi als Bibelerklärer. Judaica. Berlin, 1912.

Finkelscherer, Bruno: Die Sprachwissenschaft des Josef Ibn Kaspi. Göttingen, 1930.

Steinschneider, M.: Joseph Caspi, Gesammelte Schriften, I. Berlin, 1925.

ר' יעקב אנאטאָלי.

Perles, J.: R. Salomo b. Abraham b. Adereth. Breslau, 1863.

ספר מלמד התלמידים. „מקיצי נרדמים". ליק, 1866.

רלב"ג.

Adlerblum, Nima: A Study of Gersonides in his proper perspective. New York, 1926.

Carlebach, Joseph: Lewi